STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05909

# TOYBE TERITORYE

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י ו ס ף  אָ ק ר ו ט נ י

*

# טויבע טעריטאָריע

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פונעם ליזאַ און
ווילי שאָר ליטעראַטור־פאָנד בײַם אַלוועלטלעכן יידישן
קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק

יוסף אָקרוטני

# טויבע טערטאָריע

פאַרלאַג סביבה
בוענאָס־אײַרעס

יוסף אָקרוטני / „טויבע טעריטאָריע"
נאָוועלע / בוענאָס ־ איירעס, אַרגענטינע
טויזנט ניין הונדערט דריי און זיבעציק

שער־בלאַט און פּאָרטרעט־צייכענונג פון מחבר:
פ ײַ ו ל   ו אָ ל פ ס ד אָ ר ף

J. OKRUTNY

**TERRITORIO SORDO**

NOVELA

Copyright by
I. OKRUTNY
Buenos Aires, 1973

Printed in Argentina
Impreso en Argentina

פֿאַר דער מיטווירקונג אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך,
דאַנק איך האַרציק דעם ייִדישן צענטער פֿון באָגאָטאַ
— קאָלאָמביע — און די דאָרטיקע פֿרײַנד: —
שמעון גובערעק, צבי לאַם, ישראל פֿלינט,
מרדכי און מיכאַל ווישניצער, חיים - דוד
דרעשער, קלמן קאַלושין, שמואל ראָר,
אַלפרעדאָ שטעקערל, ברוך וואַטעמבערג,
ווי אויך אהרן ווינער און נחמיה
זילבערמאַן. צו די לעצטע צוויי נע־
מען מוז, צום אומגליק, צוגע־
שטעלט ווערן דער ווייטיקלע־
כער ע ל י ה ם ה ש ל ו ם.

ב״א, פֿעברואַר 1973 ד ע ר מ ח ב ר

# 1

# אייזיקער אין דער פרעמד

## 1

הייסער, גינגאָלדענער פּולזומער איז געשטאַנען איבער דער פרעמדער באַרגיקער שטאָט ווען דער ראַיאָנער קריג־קאָמיסאַריאַט האָט זיך „אַרומגעזען" אַז צווישן דער ניי־געקומענער אײַנוווינערשאַפט אין שטאָט געפינט זיך אויך איינער אַ שמואל בוימווערק. מיט אַלט און יונג פון ביעזשענצעס האָט עס געשוויבלט אין די רשימות פונעם אָרטיקן קאָמיסאַריאַט פאַר די ענינים פון פּליטים וואָס האָבן אָנגעשטראָמט אין מאַסן פון פּוילן, ליטע און וואָלין. אַ יונגער מאַן אין עלטער פון קרעפּטיקער מענלעכקייט דער שמואל בוימווערק, אַ אַנטלאָפענער פון דעם נאַצי־אונטערגעצונדענעם פּוילן, איז תיכּף באַוויליקט געוואָרן אים צו רופן אין דינסט פון הינטערלאַנד. ס׳פאָלק דאָס סאָוועטישע איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער ביקס צו פאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד קעגן די העפטיקע אָנגריפן פונעם צעיושעטן שונא („אַלע אויף דער וואַך קעגן באַוואָפנטן פאַררעטערישן פײַנד!" — האָט טאָג און נאַכט געדרופן דער ראַדיאָ), אָבער די אומהיימישע, די פּליטים וואָס האָבן אַהער אָנגעפּלייצט אין אומגעהייערע מחנות, טאָר מע נישט אָנגעטרויען קיין געווער. פאַרקערט, איבער זיי מוז מען האָבן גאָר אַ שטרענג אויג. די דאָזיקע טאָרן נישט פון דעסטוועגן פּוסט־און פּאַסטעוועט — האָט אײַנגעזען די פּאַרטיי. אַזעלכע מוזן העלפן פאַרזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן סײַ די שלאַכטלײַט וואָס זענען אַוועק לייגן די קעפּ פאַר אַלעמענס פרײַהייט, סײַ זיי דאַרפן טראָגן די לאַסט פאַר די שטעט און דערפער וואָס זענען געוואָרן אויסגעליידיקט פונעם מענערישן פאָלק. דער נעמלעכער שמואל בוימווערק איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די רייען פון אַלע טויגלעכע און אומטויגלעכע, וועלכע מ׳האָט מאָביליזירט צום שמידן די וואָפן פאַר די ברייט־אויסגעצויגענע שלאַכט־פראָנטן, בעת אַנדערע האָט מע גערופן צו טראָגן דעם עול צו שפּײַזן די וואָס זענען געבליבן אין רוקן פון דער אַקטיווער

אַרמיי. „די מענטשן פון סאָוועטישן הינטערלאַנד זענען אויך אַ פראָנט״, — האָט עס געהילכט אומעטום. ווײַל צעשטשירעטער הונגער נאָך ברויט און אויך נויט אין אַרבעטהענט האָט זיך צעברענט אין די טריבע היימען, אין אַלע ווערקשטאַטן און אויף די פעלדער פונעם צעשראָקענעם רוסלאַנד.

ס׳איז געווען אין אָנהייב יענע פּערציקער יאָרן פון דער „פּאַטער־לענדישער מלחמה״, ווען די אַלטע רוסישע ערדן זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פונעם נאַצישן שנאה־פלאַקער צו אַלע אומדײַטשן. אַלץ פאַרן פראָנט! — האָט מיט אַ מאָל יסורימדיק זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער די אומענד־לעכע רחבותן. דעמאָלט האָט באַשײַמפּערלעך זיך שוין געשפּירט אַז איבער דער ווײַטער וועלט האָט אַראָפּגענידערט אַ פּחדימדיקע פינצטערניש וואָס קווילט זיך אין בלוט פון הריגה, פון פּאָגראָם.

עס איז געווען דער גורל אַזאַ אַז אויך שמואל בוימווערקן זאָל גיך דערגרייכן דער רוף צום ווײַט אָפּגעוואָרפענעם הינטערלאַנד, וואָס האָט פאַרנומען די קרעמפּנדיקע אָפּהילכן פון די צערעוועטע מלחמה־פעלדער. דער אויסגעמאַטערטער מענטש איז אומגעריכט אַוועק פון דער נעבעך־היים, וועלכע ער האָט אָקערשט געהאַט באַגרונטפעסטיקט אויף אַ פאַר אַלטע ציגל און אַ ברעט. ס׳איז געווען אַ מין גלעגער וואָס מיט דעם דאַרף מען יוצא זײַן ווי פאַר אַ שטוב וואָס עס מוז האָבן אַפילו אַזאַ נע־ונדניק ווי שמואל קראַשניעוויצער און זײַן ווײַב. די־אָ כמו־היים האָבן זיי געפונען אין אַן אָפּגעלעגענעם העק וואָס עמעץ —אויך אַ פאַרפאַלענער פון מרחקים — האָט פריִער געהאַט אויפגעשטעלט אויף די זומערדיק פאַרטריקנטע גרודעס בלאָטע אין טאָל פון אַן אַזיאַטישער באַרג־שטאָט, וווהין ס׳האָבן געצויגן אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע ייִדן־פּליטים פון אַלע ערגעצן. ווינ־ציק געווען די רובלעס וואָס שמואל בוימווערק האָט געקענט געבן אַוועל־כער רויטאַרמייערקע, וואָס איר ברויט־פאַרדינער איז געווען אָפּגעשיקט אויפן פראָנט, האָט אַזאַ באַלעבאָסטע, נאָר אַ מער אָרעמערע, אײַנגעווויי־ליקט פאַר אים און זײַן דבורהלען צו עפענען די טיר פון איר בידנער כאַטע. טאַקע נאָר אַ ווינקל איז עס געווען, אָבער שמואל און זײַן ווײַב האָבן זיך באַגנוגנט מיט דעם. אָבי צו קענען אָפּאָטעמען... באַזעצט זיך אין דער קאַמער און דאָך נישט באַוויזן אין איר זיך צו פאַרגעסן אַ ביסל, מחמת ס׳האָט העליש זיך צעברענט די בענקעניש צו דער פאַרלוירענער היים, וואָס איז געבליבן שטאַרן אויף יענער זײַט פון די פאַרקלעמטע נאַכטיקע בוג־וואַסערן; זי האָט נישט אויפגעהערט צו יאָמערן, די היים, אין אַנבליק

פון דעם דחקות וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויך דאָ: „נאַ, זע. אַלעמען איז באַשערט געוואָרן אַזוינס, אויף צו לערנען זיך אויפן געוועזענעם, תמיד צו געדענקען דאָס ליבע און אָרעמע וואָס האָט פון „אייביקע יאָרן״ זיך געהאָדעוועט אויף הוילער טרייסט״ — —

שמואל בוימווערק און זײַן ווײַב האָבן אין דער דאָזיקער ווײַט זיך געפונען ממש ווי די שפּליטערס פון אַ צעבראָכענער וועלט, וואָס האָט נישט אויפגעהערט זיך צו צאַפּלען פאַר זייער בליק. און מחמת דעם די שאַרפע אומגעריכטקייט פון דעם רוף דעם קריג־קאָמיסאַריאַטס, וואָס האָט אַוועקגעריסן שמואלן. דאָס האָט וויסט, דראָענדיק זיך צעברומט אין בײַדן: „אויך דאָ איז נישט אָן אָרט פון מנוחה. ווידער באַשערט אַראָפּצובייגן ס׳געניק!״ אומעטיק פירט דער גורל צו נײַע אומעטן. נאָר אַ פּאָר שטיק־לעך וועש האָט שמואל געקענט מיטנעמען און ווידער געמוזט אַוועק אין אומבאַוווּסטן, נישט אַנגעוואָרעמט צו מאָל דאָס נײַע אָרט. ער איז באַלד אַוועקגענומען געוואָרן פון דעם פרעמדן ווינקל און זײַן דבורהקע איז פאַר־בליבן איינע אַליין, אויג אויף אויג מיטן דחקות וואָס האָט זי נישט אָפּ־געלאָזן, נישט אויפגעהערט צו בײַטשן איבער איר לײַב און לעבן.

2

געדיכטע שטראָמען היץ האָבן סומנע זיך געגאָסן איבער די גאָלע סטעפּישע פּליינען פון קאַזאַכבלאַנד, ווען שמואל בוימווערק — איינער פון אַ רוב צוזאַמענגעטריבענע פון מערערע קאַנטן (אַז באַטאַליאָנען זאָלן ווערן, אַז אַן אַרמיי אַ גאַנצע זאָל זײַן צו שטאַרקן דאָס הינטערלאַנד) — האָט מיט אַ וואַנדערזעקל אין זײַן פאַרמעג זיך געוויגט אין אַ וואַגאָן־טעפּלושקע צו אַן אומבאַוווּסטער ווײַט; אַ לאַנג־געקייטלטער עשאַלאָן מיט געפּאַנגענעם מענטשן־עלנט איז עס געווען. פאַרריגלט אין מרה־שחורהדיק הזקנדיקע, צעוויגטע טונקעלע קאַסטנס האָט אַ המון פאַרשיידנשפּראַכיק, מיט פאַר־טעמפּטע באַגערן, זיך געשלעפּט איבער אָפּגרונטן פון טעג און נעכט. און אויסטערליש: פּונקט אַנטקעגן דעם דאָזיקן דזשימדזשנדיקן, טראַסקנדיקן צוג האָט פּלוצלינג, מיט אַ לאַנגן גענעצן אויף אײַזערנע בופאָר־ליפּן גע־נומען הודזשען אַ שוואַר־פּיסיקע, נעפּלדיקע שניי־זאַווייע —

אַזאַ פּריִער בייזער ווינטער־אָנקום.

„ס׳איז ניש׳ קא׳ מעשה מיט דעם סיביר״, —האָט זיך געוועקט דער

געפּלאָגטער ייִד: — „אויף אַן אמת איז ער חלף־שאַרף!“ און הינטער דער אימפּעטיקער שניימיל דערבליקט ער באַלד אַז ס'איז אַט אַ אַנגעוואָקסן אַ טרעשטשנדיקער פראָסט אין דעם גאַרן אַרום: אײַז־פאַרקאָוועט איז דאָ די ערד, קרירה־באַמאָלן שוין די שייבלעך פון די כאַלופּעס, וואָס קאַטשען זיך פאַרבײַ און אַ וויסטע קעלט האָט צענאָדלט זײַן רוקן, אײַנגעפּענטעט אים די פיס אין אַ שטאַרניש.

— אָ, — כאַפּט ער זיך מיט געשטאַמל און זוכט דאָס אָפענע אויער פון זײַן שמאָל־אויגיקן שכן וואָס קוקט אויף אים פון אַ שעפּסענער האַרי־קייט אַרויס — שניי־געווירבל באַצייטנס זיך געשטעלט דאָ באַגלײַך מיט אַ בעלמעדיקן פאַר נאַכט. פאַרן נאַקעטן איז אומדערבאַרעמלעך דער ווינטער אין סאַמע אָקטאָבער, וואָס געלאָזן ערשט אין קאַזאַכסטאַנער חמימה. ווי מיינט איר, פרײַנד? איר'ט אפשר שוין צוגעוווינט דערצו. אויף טשיקאַוועס גיב אַ קוק: אַפילו די לאַזור־פּענצטערדיקע הימלען זענען פאַרגלאָזיקט. נישט צו זען ווײַטער פון דער נאָז!

גערעדט מחמת דריקנדיקן לאַנגווײַל און יענער האָט תמעוואַט אויס־גרימאַסעט בלויז אַ געלהויטיקן בורטשע און זיך באַלעקט מיט אַ לאַנגן שווײַגן. שמואלן האָט זיך אָבער נישט געשוויגן, כאָטש אויף רעדן האָבן זיך מער נישט געלייגט זײַנע ליפּן. דערפאַר האָט אין מוח אים גענומען זיך קאַלופּען אַן אַנגעיאָזשעטע שרעק: — „סיביר! מי יודע צו וואָס מ'פירט אונדז אַצינד? סיבי־ייירר!!!“

צו גלײַך מיטן ווידערשפּעניקן דרויסן וואָס דערזען פון די וואַגאָן־שפּאַרעס (פּענצטערלעך קליינינקע, ענג־פאַרקראַטעוועטע זענען דאַך־הויך), האָט אין שמואלן זיך אויפגעהויבן די שפּירונג פון אַ שנײַדיקן גליוועך וואָס שווימט דאָ אַרום, פאַרשלינגט אַל דאָס לעבעדיקע. ערשט ווי איז'ס מיט מײַן דבורהלען? איר איז טויזנט מאָל ערגער! גוואַלד (האָט אים אַ קנײַפּ געטאָן אין די געדערעם), ווידער געקומען אַן אַליינקייט אויף איר! עס איז עלול זי נאָך מערער אויסצוצערן.

אין שמואל בוימווערקן האָט אַ קלאָג געטאָן יענער טיף פאַרבאַרגע־נער פרומער ווייטיק, וואָס פאַרשעמט די בלינדקייט, וועלכע שלאָגט דעם קליינעם מענטשישן שכל.

„נעבעך, נעבעך מענטשן, זעלטן זיי טרעפן אַ מאָל דעם וועג צו זיך. שטענדיק פלאָנטערן זיי זיך אין נישט־אייגענע קאָרידאָרן. איך האָב דען נישט פאַרבלאָנדזשעט? נישט באַדאַרפט ליבערשט זיך געפינען בשעת

חירום אין אַן אַנדער לאַנד? מ׳האָט דאָך מיך געבעטן, געצויגן בײַם אַרבל!״

אומגעריכט האָט דער יונגער מאַן אַרויסגערופן זײַן שלווהדיק שטעטל קראַשניעוויץ, אָט־אָ אויסגעפונען אַז אַצינד איז ער דער עלנטסטער מענטש אין דער צעוואַקלטער פוסטקייט וואָס פירט סוף סוף כל סוף אַוועק אין דער שאול תחתיה אַרײַן. ער יאָק ער — ר׳איז כאָטש געזונט. זײַן דבורהלע איז אַ צאַרטע נשמה אין אַ פאַרליטענעם גוף. פון דער אָרעמקייט אין טאַטע־מאַמעס הויז שטאַרקע קלעפּ געקראָגן און דערנאָך, בײַ אים, איז זי ווײַבלעך שווער געפּרוווט געוואָרן. אַצינד איז דער נסיון צו העפטיק פאַר אירטוועגן. איך מוז איר בײַשטיין, נאָר איך. ווײַל וועמען האָט זי אַחוץ מיך? און ער האָט געגומען זיך מינטערן: דו טאָרסט זיך נישט פאַרלירן, שמואל. דבורהקען מוזסטו ווידער אַ מאָל אַרויסציִען פון סכנה. אָקערשט איז דער מעמד שאַרפער; הײַנט האָבן מיר אַחוץ אַלעם אַן ערד־ציטערניש... עס וואַרפט אַלעמען. אין דיר האָט דבורהקע איר היים, איר גאַנצן רצון צום לעבן. די יתומהשאַפט און איר קרענק האָבן זי צעלאָמיעט; ווער זשע זאָל עס געדענקען, אויב נישט דו? דו מוזסט, שמואל, דו!

מיט אַ פאַרשטשעמעט מויל האָט דער מענטש געקוקט וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים. קענטיק, ערשט צעפּענען זיך די טויערן פון פריריקן סיביר. ווײַטער אַרײַן וועט זײַן נאָך „בעסער״, האָט ער געפּאַלמעסט זײַן צווייפל און זיך אַליין אויסגעפּרווט: אפשר? ערשט מוז מע ווערן אַנדערש. ס׳אַן אומגליק, מ׳טאָר נישט זײַן שעמעוודיק, — פלעגט די מאַמע שרײַען, זיך בעטן בײַ אים. אָבער נישקשה, — האָט ער טאַקע תיכף חרטה געהאַט אויף זײַן וואַקלעניש — אויך אין פראָסט קאָן בלײַבן טליִען אַ פונק. איט־לעכן איז געגעבן געוואָרן אַ באַזונדערער אופן פון אויסקומען זײַן וועלט. און לעבן איז דאָך אַ זשמעניע פונקען, צו מאָל פונקען צוזאַמען מיט סאַ־זשע־פלאַקנס. דעם אומעט באַדאַרף מע נאָר פאַרטרײַבן, עוקר זײַן פון זיך. ער ווייסט דען נישט, אַז טייל מענטשישע נשמות האָבן איפּגעלויכטן פון סיבירער פאַרפאַלנקייט, אַפילו פון סיביר! נאָר נישט אונטערגעבן זיך. אָך, ווי דער זכרון איז אַ פעפער, אַ פאַרגעסער! עס דאַרף בלויז זײַן אַן אינע־ווייניקדיקער אָנשפּאַר. האָבן דאָך לײַט אויסגעדויערט אַפילו אויף קאַ־טאָרגע, יאָרן געוועזן אויף דאַר ברויט מיט וואַסער און לסוף זיך אַהיימגע־קערט געלײַטערטע. ער׳ט זיך נישט לאָזן! מ׳באַדאַרף זיך נאָר אַ ביסעלע אײַנעקשנען, — האָט ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַפילו קעגן זיך אַליין זיך פאַרעקשנען.

אָבער דער אמת! אים איז ביטערער פון די אַלע וואָס מ'האָט דאָ צו־בויפגעטריבן; עס פינצטערן אָן ס'געמיט די ברייטקיניקע, באַרדיקע פּרצו־פים, איינגעראַמטע אין קנוידערס שווער־האַריקער פּעל. אַצינד איז ער שמואל דער פּליט. אַרויסגעריסן אַפילו פון זײַן כמו־היים. אים איז פּײַנלעך קלאָר אַז ער טראָגט זיך אַנטקעגן דעם גרויל פון גורל פון אַ מאָביליזירטן פאַר דער פאַרשייטער נויט אין אַ צעווילדעוועטער מלחמה. ס'איז אַ לאַנ־גער טרויעריקער זונפאַרגאַנג. אַזוינס מוז אַנווינטיקן אַ ווײ, צעחורבנען דאָס געביין. אַ ווונד שפּירט ער שוין אין סאַמע שאַרבן. געוואָרפן אים צווישן ברומעדיקע, קויטיקע ברואים פון אַנסופיקן סטעפּ און זײַן ווײַבל, אַ פאַר־לאָזענע אויף דער נעבעכדיקייט פון אַ פּליטה, איז זי — פון איר זײַט — צעשטאָכן־צעביסן פון די זשאַווערדיקע ציין פונעם נמאסן עלנט. ניין, אַזוינס קען נישט אַרויס פון זינען.

*

שמואלן האָט מען אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטיק נאַקעט לאַנד אין שניי־אַנגעפּעלצטן, גראָ־טראַנטיקן סיביר און דבורהקע האָט נײַלעך זיך דערזען פאַרוויסט אין אַ טאָל צווישן זומפּן. אַזאַ פאַראייניזאַמונג, אַזעלכע קלעפּ איינס נאָכן אַנדערן! — האָט עס געכליפּעט אין איר. ווײַל די פרוי האָט נישט געזען קיין שום מענטשן־נאָענטשאַפט אַרום זיך, נײַערט הוילע לערקייט. ס'איז געווען אַ העק אָן אַרויסשטאַטישער, וואָהין זי'ט זיך אַרײַנגעקליבן, אַ מקום פון ליימיקע בלאָטעס און אָפּגעלאָזנקייט. טרויער האָט פאַרעקשנט געטריפט איר אין די בלוטן אַרײַן. דאָס ווײַבל האָט זיך געשפּירט אַזוי, גלײַך צערייצטע הינט וואָלטן אָן אויפהער געגריזשעט איר לײַב. און אַנט־קעגן האָט נאָך דריקנדיק געקלאָגט איר ווױן־קעמערל מיט דער שמאַטע איבער דער אומהיימלעכער פענצטער־עפענונג, אַזאַ רויער אויסבראָך אין דער ליימוואַנט וואָס האָט טרעריק געגלוסט כאַטש אַ שײַבל, און דערויף זיך נישט דערוואַרט. אַ מאַוימדיקער אויסבליק! טאָג אײַן, טאָג אויס דער זעלביקער זאַלציקער טרויער. זי — האָט דבורהקע אײַנגעזען — און די שווע־רע לײַדיקייט זענען בײַנאַנד אַרײַנגעלאָזן געוואָרן אין דעם דאָזיקן שטויביקן הויפל. ס'נישט ניחא אַקעגן דעם אויפצוהייבן די אויגן. אַלץ האָט דאָ סור־דותדיק געשראָקן, אָפּגעשטיסן. דאָס ווײַבל האָט פּײַנלעך געפילט: פאַר־ביסן בליקט אויף איר אויך דאָס לאָך מיטן אומגעהובלטן ברעט, די קלאָמפּערשטע טיר וואָס פאַרמאַכט זיך נישט קיין מאָל. פאַר דאָס האָט די דערנעבנדיקע טיר, וואָס אויף אַ טרעפּל העכער (דער באַלעבאָסטעס שטוב,

אַ פאַרשלאָסענע פון באַגינען אָן), שטענדיק געקייכט איר אין פנים אַרײַן: „ביסט דאָ? דו מוזסט דאָ זײַן! ווי אַ תפיסהניצע וועסטו שטיין אויף מײַן קייט!״

קעגן איר ווילן האָט די פרוי געמוזט זען ווי דאָס אײַנגערינגלטע הויפל וואַלגערט זיך אַן אָרעמס איר צופוסנס און זי שפירט ווי אין מוח הודזשעט אַ גערײַמקייט פאַר די טריבסטע געדאַנקען: „וואָס דבורה האָט דערלעבט! דאָס איז אַ קבר, וואָס האָסט אַליין געעפנט פאַר זיך״. די ליימיקע ווענט פון קעמערל האָבן שאָרסטקע געגלאָצט אויף איר און אין ברוסט האָט גע־פישטשעט אַ פאַרווונדיקטער פויגל פון אַן אַרונטערגעשאָסענער נעסט.

— „שמואלעק מײַן האַרץ, וווּ ביסטו אַצינד? ווי העלף איך מיר אָן מײַן איינציקן! כ׳נעם שוין פאַר ליב דעם הונגער נאָכן ביסן ברויט, אַבי כ׳זאָל זוכה זײַן זיך דערהאַרן דעם סוף פון דעם־אָ פינצטערן וועג!״

אומגליק איז געווען די קאָליר פונעם געדאַנק וואָס האָט זיך צעמישט אין איר און זי נישט אָפּגעלאָזן, געטאָטשעט דאָס האַרץ וואָס האָט זיך צי־טעריק אײַנגעהאָרכט אין דער פאַרבאָרגענער ווײַט. און אַרום האָט אַלץ געסווישטשעט מיט בייזן סוד.

פאַרוואָר, די סאַמע נאָענט איז אָקערשט ווינטיק צעהאָנגען איבער דעם חושך וואָס האָט, אַ צעשונדענער, נישט אויפגעהערט צו וואָיען ווי אַ ראַנירטע חיה.

3

אויף טרויער איז געווען פאַרמשפּט דאָס פאָרפאָלק, אָבער אויך אין צעשײַדטקייט איז יעדער פון זיי געבליבן נשמהדיק בײַנאַנד מיט זײַן זיווג. אין האַרץ און אין דער מחשבה תמיד זאַלבעצווייט.

ער — אויף איין ברעג וויסטקייט וואָס די טעג האָבן אָנגעפּלאָדיעט אויף זייערע פוילע מיסטן, זי — אויף אַן אַנדערן ווײַטן ברעג. דאָ ווי דאָרט האָט געשרפעט די גאָרע נויט, כאָטש צווישן דעם ימישן קאַספּי און דעם טײַך אָב איז דער מרחק געבליבן ווי געווען — צעצויגן, שטאַר און אָנ־געשטורעמט־פאַרכמאַרעט אין אומפאַרענטפערטן שטוינען: איז דאָס די וועלט, פון וועלכער די שפאַרבערס הוילן מיט פחדים!? אַזאַ איז עס דער מענטש דער געאַכפערטער?

אָבער פון אין ערגעץ איז נישט געקומען קיין אָנזאָג אויף אַ לויטערן טאָג־שפראָץ. לאַנג, לאַנג אַזוי. בלויז פינצטערניש האָט זיך איבערגערופן איבער דעם אומבאַגרײַפלעך לאַנגן שטח און מאַן און ווײַב האָבן עס פאַר־

נומען אין צער, ווייל בריוו זענען זעלטן דערגאַנגען פון איינע צום אַנ־דערן. דערווייל האָט דער קורצער, פּאַרטונקלטער זומער און דויערנדיקער, שווערער ווינטער זיך געביטן פאַר זיי, געכפּלט זיך אויף האַמעטנעם הונגער.

„איך לעב, דבורהקע מײַנע, כאָטש ס׳איז סיביר. איך דאגה זיך שטאַרק וואָס דו קלערסט איבער פון מיר. דאַרפסט אסור נישט איבערטראַכטן. זאָלסט זען וואָס פאַר אַן אויסטויגער איך בין געוואָרן! מ׳עט׳ס דערלעבן, וועל איך שוין וויסן ווי זיך מער אַן עצה צו געבן. האַלט זיך, טײַערע, און מירן האָבן אַ געלעגנהײַט זיך נאָך צו פרייען״.

„איך וויל האָפן, לאַכטיקער, אַז זײַן ליבער נאָמען וועט מיר באַשערן דיך נאָך צו זען אויף דער־אַ צעבראָכענער שוועל. מיר איז ווויל מיטן דמיון צו זײַן נאָענט פון דיר. איך באַגער נישט מער ווי צו הערן פון דיר, מאַן מײַנער. כ׳בעט דיך: גיב עפּטער אַ צייכן פון זיך. אַך, וואָסערע בשורות עס גרייכן אַהער! ס׳אַר אַ אייטערדיקע מכה ס׳איז די מלחמה, דאָס שרעק־לעכע אויסגעפינעניש פון די שטאַרק קלוגע צווישן די מענטשן!״

גאַר זעלטן איז פון אים אָנגעקומען אַ בריוול, געשריבן מיט אַ בלײַער אויף גראָבן גראָען פּאַפּיר און די וואָר האָט זיך פאַרביידן אָנגעשטאָפּלט אויף דעם משונהדיקסטן אופן — טעמפּ, בייז און פאַרביסן. ווי אַ סאָלדאָט פון סיבירער האַלב־ציווילן פראָנט וואָס ווערט געטריבן אַפילו אין פראָסט און זאַווערוכע — צו בויען פעסטונג־מויערן קעגן דעם פאַרריסענעם שונא, האָט שמואל בוימווערק שטענדיק אַ הונגעריקער, אַ נאַקעטער, דאָך זיך צוריקגעקערט צום מענטשישן זינען, צו מאָל זיך געמוסרט הלמאַי ער דער־הערט רק די פּײַן פון אייגענעם לײַב, בעת ער איז נישט איינער אַזאַ; פאַ־ראַן טויזנטער אַזוינע וואָס מע צעקוועטשט; עס זענען באַטאַליאָנען אונ־טערגעטעניקטע און צעטראָטענע, בעת — — ער האָט נישט אויפגעהערט צו ווייטיקן אויף דעם וואָס געלאָזן ס׳ווײַבל אויף אַ ביטערער מערכה. און פאַרקערט: בײַ דבורהקען האָט געפלאָטערט דאָס האַרץ פאַרן גורל פון מאַן וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין עק וועלט וווּ ס׳איז פינצטער פון אייביקן פראָסט און פון פּײַן, פון קאַטאָרגע.

„אוי, סיביר. ס׳אַר אַ שאַרפע פרעסט עס זענען דאָרט״, —האָט זי זיך געביסן די ליפּן און טרערן האָבן געברענט אירע אויגן.— „ס׳גיהנום האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אונדז״. פאַר איר בליק הערט נישט אויף צאַפּלען זיך אַל דאָס לעבעדיקע וואָס ווידמעט זיך צווישן הימל און ערד; אַפילו די

פייגל פון אונטער די דעכער ווערן דאָרט נעלם אין אַ בראַנדקנוידער. אַהין איז פאַרשלונגען געוואָרן איר מאַן. די היים, וואָס איבערגעלאָזן אויף שריפה און הריגה איז אין איר געדאַנק שוין געווען פאַרשרומפּן אין תהום, ווו ס'איז האַרב פון האָלעוועשקע־טשאַד. ווי דאָס סיביר ברענט תמיד אין בויט און האַרבקייט! און דער פראָסט פלאַקערט אין האַרטנעקיקייט צו די מענטשן. דבורה שפּירט עס ממשותדיקער, אַזש די הויט רינצלט איר דער־פון. אַן אויסטערלישער קאַראַהאָד דרייט זיך פאַר איר, אַ מדברישער בוריאַן אַזאַ פון מענטשישע יסורים קראַמפּט זיך אָט־אָ. דאָס זענען די לעצטע פון די אַנטרינענע, וואָס דער צעידשעטער דײַטש האָט זיך געוואָרפן אויף זיי אין מטורפדיקער תאווה. ס'איז פאַר דער גרויסער זינד וואָס זיי זענען ייִדן און די־אָ חיות גלוסטן צו זייער בלוט. דערצו שפּרייטן זיך שריפות פון אויפגעריסענע באָמבעס, פון אַ העפטיק שיסערײַ ערגעץ הינטער מויערן און דעכער. ס'איז אכזריותדיק דער מוז צוצוזען אַזוינס ווי ס'איז מוראדיק די דאָזיקע יענע זײַט. אָבער דאָ, פאַר דער אייגענער נאָז, שאָטנט זיך אויס אַ גרילצנדיקער לאַנגער אָוונט פון גסיסה, וואָס גייט אַרום אויף בר מינ־נישע קנאָכיקע פיס. אַ וואַרגנדיקער אומעט באַוועגט דאָס קלאָמפּערשטע לעבן וואָס הינקט אַרום אַנטקעגן אַלעמדינג. קאָלאָנעס הייזעריקע זעלנער מיט גראָע פּנימער, אין לאַנגע שינעלן, אין געטשוועקעטע שטיוול ציִען דורך די גאַסן און ס'איז אָנגעשוואָלן מיט ווי די ביימערשע גייעדיקע שטילקייט. דער טרויער און דאָס צעבלאָזענע געזאַנג פון די מאַרשירנדיקע קאָלאָנעס שפּאַרן צום גליווערנדיקן וואָקזאַל. דערפון ווערט באַשײַמפּערלעך צעבויטעט די לויטערקייט פונעם דרויסן וואָס אונטער הימלשפּאַרנדיקע בערג, עס מאַכט האַרב די בענקשאַפט וואָס דרענגט אָן אַ כליופּ טרערן. קלאָר: די וועלט האָט געקראָגן צעבלוטיקטע אברים וואָס ווערן אָן אויפהער צעקריפּלט פון שגעון־אָנפאַלן. אַלע טעג פון די טעג, וואָס זענען געבליבן שטיין פאַר דבורהקען, זעט זי אין דער פײַנלעכער זעונג פון איר פאַר־ברענקט האַרץ: פאַרוווּנדיקטע וואַלגערן זיי זיך, אַלע אירע טעג, אין אומ־רו, אין שיסערײַען וואָס ווילן רק דורכעקבערן דאָס געהירן. ווי דעמאָלט, ווען ס'אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן היימישן דאַך, פאַרנעמט זי אַצינד דאָס האַווקען פון צעבייזערטע ביקסן, עס בלאָנדזשען אַרום פלאַם־קנופּן וואָס פאַלן אויפן דנאָ פון דער נשמה, שרפּען אויס פון איר שטיקער. און די נעכט? יעדע נאַכט ווערט פּחדימדיק צעריסן. ס'איז אַ חידוש וואָס זי גייט נישט אַראָפּ פון זינען. מסתמא אַזאַ איז דער וועג צו משוגעת, א י ר

וועג. מוז זײַן, ס'איז איר באַשערטקייט, וואָרן זי איז די פּרוכט פון בלאָנ־דזשנדיקן אומרו וואָס האָט גורלדיק צונויפגעבראַכט איר טאַטע־מאַמע — אין זייער יוגנט— פון ווײַט פאַרשיידענע קאַנטן, פון גאָר פּרעמדלעכע נטיות וואָס שפּראָצן פון קעגנזעצלעכע אינסטינקטן און דורכויס אַנדערע געוווינטשאַפטן. פונקט ווי טאַטע־מאַמע איז אויך זי פאַרמשפּט פאַר אַוועל־כער זינד. פאַרפינצטערטע דורות טראָגן זיך איבער איר קאָפּ! איז דען אַ וווּנדער וואָס דבורה קען זיך נישט געפינען קיין אָרט, כאָטש ווען־נישט־ווען גיט אַ ריזל די אָנונג: אָט געגעגט אַ ביסעלע מנוחה, וואָס איז דאָך באַשערט. אָבער ניין, ס'איז גאָלע אויסדאַכטעניש. ווי יעדע פאַנטאַזיע לעשט זי זיך באַלד. דער גורל שלאָגט זי. די פּרווי האָט זיך געראַנגלט מיטן נײַעם דחקות און נישט געקענט זיך אָפּיאָגן פון די הוריות, וואָס די אַליינ־קייט האָט אָנגעבראַכט אויף איר. „קלאַמפּערשט (וויספּערט זי) געראַטעוועט זיך פון פאַרלענדנדיקן שטורעם — צי איז זי אָבער ניצול געוואָרן? באַ־שײַמפּערלעך, דאָס בייז איז איר מיטגעבוירענער צווילינג".

אַן איבערטראַכטערן געוואָרן דאָס מענטש, וואָס האָט אַן דעם מאַן זיך דערשפּירט קלענער ווי קליין. איר מישטיינס געזאָגטע וועלט איז געמי־נערט געוואָרן צו אַ שמאָל ברעטל און אונטער דעם בושוועט דאָס צע־ברויזטע וואַסער. ער —און זי מיט אים— איז אַרויפגעטריבן געוואָרן אויף דעם מסוכנדיק בריקל און אונטער דעם שפּרייט זיך אימה.

„כ'בין פאַרמויערט אין מײַן פּרײַקייט", — האָט דבורהקע זיך קלאָר געמאַכט איר מעמד. „ווילסט צי דו ווילסט נישט — נאָכן ברעקל ברויט מוזסטו זיך דאָ שלעפּן איבער בלאָטעס, איבער נאַכט־שרעקן!"

געוווינט אַראָפּ־שטאָט, אין ליימיקן העק, האָט זי געגומען טאָג־טעג־לעך —יעדע צווייטע וואָך איז עס איר אויסגעקומען בײַ נאַכט— שפּרינ־גען אין דער פינצטער איבער די זומפּיקע צעווירעניישן פון אַלמאַ־אַטי־נער טאָל, כדי זיך צו דערשלאָגן צו די ווערקשטעלן ווו זי האָט פאַרדינט ס'בידנע ביסל עסן און די ברויטקאַרט. מיטן עול פון אַן אַרבעטאָרעקע האָט דער מ ו ז זי אי אויפגעהאַלטן בײַם עוקץ לעבן, אי איר אָנגעוואָרפן אַ שרעק נישט בײַצוקומען: „כ'זאָל נאָר נישט זוכה זײַן דעם אומחן פון נאַטשאַלניק!" אין אַנגסטיקייט נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט דער עבֿרה פון אַ פאַרשפּעטיקונג צו דער אַרבעט, זענען אויף דבורהקען אָפּט אַרויס קאַלטע טראָפּנס שוויס און די פּיס, געספּאָטיקעטע פון אײַלעניש, האָבן סכנותדיק געזונקען אין די גאַסיקע שליימען.

— ווײ, כ׳זאָל עס נישט דערלעבן. אַ פּראַגול * פּעלט מיר נאָך, — האָט זי אַ באַנומענע געמורמלט.

*

אין דער כמורער כאַלופּע וואָס אין אייביקע בלאָטעס, האָט דבורהקע אַצינד שוין געהאַט איר אַפּלאַג אין אַ באַזונדער שטעלעכל, פון וואַנען די באַלעבאָסטע קאַטיאַ האָט געהאַט אַרויסגעפּירט דאָס איינציקע חזיר, בעת איר שמואלעק איז אַ דערדריקטער גראָד אַרײַנגעקראָכן אין אַן ערדשטיבל, ערגעץ אונטער דער טוכלער פּעל פון ווילד־ברענענדיקן פראָסט. אוי־אוי ווי דבורהקע געדענקט עס. אין די סיבירישע שטעט שטייען טונקעלע, שווער אָפּגעבויטע בערווענע־הײַזער מיט שטיינערנע קוימענס אויף די דעכער, אָבער בײַ שמואלעקן אין דער געגנט איז סאַמע שנייִקע פאַר־וואָרפנקייט און זי וואָרטשעט, די ווײַס אויסגעצויגענע, פלאַכע פוסטקייט. פון פאַרגעסענע צײַטן איז די־אָ פוסטקייט געלעגן אַ נישט באַטראָטענע — אַצינד איז זי אָנגעווימלט מיט דערשראָקענע, שטוינענדיקע לײַט וואָס האָבן נישט ווו זיך אַהין צו טאָן מיט זייער געקוועלטקייט. אַלע זענען זיי אַהין צונויפגעטריבן פון דער פרעמד. נישטאָ אַצינד קיין אַנדערע ווי די וואָס האָבן נישט קיין ברירה. פאַרצאָגט, לעער פעלד און בריִעדיקע קעלט איז דאָרטן ווו ס׳ציִען, בלאָזן שאַרפקייטן פון אַלע זײַטן. אַפילו אַז מ׳איז אונטער אַ דאַך ציט פון ערגעץ־ווו אַ שנײַדיקע קעלט ווי אַ מעסער. דאָס באַווינשאַפט פון די צונויפגעטריבענע איז אין פונאַנדערגעצויגענע אונ־טערערדישע קאַזאַרמעס, טויבע קאַנאַלן אַזוינע, צו וועלכע עס פירן אַראָפּ אײַז־געשוואָלענע שטיגלעך — אַ סגולה פאַר קלאָמפּערשטער וואַרעמקייט, וואָס לאָזט זיך קיין מאָל אַהין נישט אַרײַנפירן, סײַדן רויך און טשאַד פון די אונטערגעצונדענע פײַכטע שטשאָפּעס האָלץ מאַכן פאַרגעסן די וואָיענ־דיקע קרירות.

„טריב קאַלט איז אין די טיפע, לאַנגע קאַזאַרמעס, באַהאַלטענע אונ־טער דער האַמעטנער שניי־פּערענע, און זיי ווערן באַוואַרעמט מיט אײַזערנע פלאַקער־אויוונס וואָס שטייען אויבן־אָן פון דער הייל. יאָ, היילן פון די גרויל־מעשיות זענען דאָס. זייער רויך אײַלט זיך נישט אַרויסצוקריכן פון די שמאָלע זשאַווער־רערן. ער גריזשעט אויס צו ערשט די אויגן, דער פעטלעכער רויך. מיינסט, ס׳עט זיך עמעץ דאגהן דערפאַר? קיינער גיט

---

* שטראָפלעכע פאַרשפּעטיקונג צו דער אַרבעט.

נישט קיין פּיפּס קעגן דעם; אַזוי שלעפּט זיך די צײַט און מ׳געוווינט זיך צו צו אַלץ, דבֿורהקע טײַערע״ — — שמואלעק, זאָל געזונט זײַן, האָט אַנומלט איר אויסגעמשלט זײַן באַוווּנעכץ צווישן משונהדיקן פֿויערנוואַרג אין די פּוקסענע שטרײַמלעך און שמוישענע קוטשמעס. ס׳ריב פֿון זיי האָבן שיפּע אויגן, באַוועגן זיך שווער ווי די קעמלען און אַלע זענען זיי ברודיק. —האָט ער געשריבן פֿון זײַן סיביר.— „אויך די אַנדערע, די רוסן, די טאַטערס, וואָס ראָיען זיך דאָ, זענען ווי צונויפֿגעוואַקסן מיט זייערע שמאַ־טעס וואָס הערן זיך פֿון שוויס, אַרויסצושלאָגן בוימל דערפֿון״. דבֿורהקעס באַקן האָבן זיך דעמאָלט צעגליט פֿון די געזאַלצענע טרערן וואָס זענען גע־רונען איבערן בריוו. געלייענט און פֿון איר האָט געבוכעט אַ שלוכץ; אין גע־שריפֿטס האָט זי, אַ צעטרייסלטע, געזוכט דעם מאַנס בליק און ס׳געוויין האָט נישט אויפֿגעהערט אָנצושווילן אירע אויגן.

שרעקיק ווי אַ לאַנג פֿאַרשטאַרטער בר־מינן איז געווען דער מהלך וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט פֿאַר מאַן און ווײַב. אומגעטרייסט מחמת דער פֿאַרלוירנקייט, האָט די פֿרוי זיך געשפּירט קראַנק („זי׳ט עס נישט איבער־האַלטן!״) און דער „צוגענומענער״ שמואל האָט געאומערט אין דער נויט וואָס האָט אויף אים געדרענגט באַגלײַך מיטן וואָיענדיקן פֿראָסט. דערצו האָבן נאָך „גערעדט״ די נעכטנס, פֿון וועלכע עס איז נישט צו אַנטרינען. אָ! ווי זיי הויפּן זיך אָן, די אָרעמע נעכטנס, זיי יאָמערן און דריגען זיך.

— וואָס פֿאַר אַ בייזע ירושה עס איז דאָס צעוויטיקטע געדעכעניש!

— האָט זיך געקרימט דער זעלנער פֿון בוי־באַטאַליאָן און מיט להכעיס־דיקער גראָבקייט אָפּגעשטויסן פֿון זיך די צעקראָכנקייט וואָס איז אויף אים פּלצלינג אָנגעוואַקסן ווי אַ הויקער און ער דריקט.

— אַ שטיק ברויט פֿאַר דער קישקע איז דער עיקר, אַ פּאָר אָניצעס אַרומצוּוויקלען די פֿיס, —האָט ער מאָדנע אַרײַנגעהיקעט אין זיך.— ווײַ־טער שטויס אָפּ די נאָכגיביקייט פֿאַרן „משוגענעם קאָפּ!״

פּלוצלינג איז געקומען דער־אַ ברי. שמואל בוימווערק אין דער וואַ־טעווקע וואָס קוים־קוים אַרויסבאַקומען פֿון באַטאַליאָנעם מאַגאַזין, האָט אַזוי גענומען קנעלן מיט זיך און אַזוי אַרום געפּרוּווט דורכשטופּן די טעג און וואָכן פֿון דער ביטערער וואָר. מיט אַ מאָל האָט דער גאַנצער מהות זײַ־נער גענומען שטורעמען קעגן אים: ער מוז איבערהאַלטן! דער מענטש מוז זיך אַליין אָנגורטן מיט ווילן... ר׳עט זיך דורכקריגן — יאָ, אין דבֿורהלעס זכות, צו להכעיס דער נמאסער נויט וואָס זעצט זיך אָן אויף אים.

# 2

## באַטאַליאָן 1091

### 1

דער דלות האָט אַרויפֿגעריטן אויף אים. ער לאָזט נישט אָפּ, — האָט שמואליק שווערמוטיק זיך באַדענקט און אין דער רגע זיך אונטערגעגעבן דעם יאוש, אָבער באַלד געפּרוווט זיך צו שטאַרקן: ווער ער זיך אַרויסרײַסן פֿון די פּענטעס, וואָס פּלאָנטערן אײַן זײַנע שריט? נו, ער מוז! פֿון דעסטוועגן האָט צווייפֿל אים אײַנגעביסן: אַזאַ וויסטעניש דאָ, ס׳גילטן אויסטערלישע געזעצן און להכעיסדיק האָט אַ שטומקייט זיך געלייגט אויף זײַן צונג: טאַקע! ס׳איז נישט קיין אופֿן איבערצוועלטיקן דאָס אַלץ אַז אַרום איז אַזאַ פּעוול, נישט צו פֿאַרשטיין קיינעמען, צו מאָל נישט צו קענען אַרויסשרײַען דעם ווייטיק!

...סאַמע רויקייט איז דאָס סיביר — האָט אָפּגעמשפּט שמואל בוימווערק, דער לאָפּעטע־סאָלדאַט וואָס האָט שוין אָן שטוינען געקוקט אויפֿן ערב־רב אין דער נעפּלדיק־צעצויטלטער לײדיקייט וואָס שווימט אין תּמידן פֿראָסט־נעפּל. אַזאַ נאָדלשאַרפֿע, צופּנדיקע טעמפּקייט איז אויף עולמות אָנגעחתמעט פֿאַר דעם פֿאַרבעלמעטן קאַנט. נאַ, דער דלותדיקער חצוף האָט שוין אַרויסגעשטעקט אויף אים דעם לעקער: פֿאַלט אַ שניי, איז ער נישט קיין געזאַנג פֿאַר קינדער וואָס האָבן גערן זיך צו הוידען אין זײַן פֿלעמלדיק־בלאָער ווײַסקייט. סיבירער שנייפֿאַל דרייט זיך ווי אַ קאַרוסעלע וואָס לאָזט זיך אין גאַלאָפּ איבערן אָנ׳דנאָעדיקן דרויסן, גלײַך עס וואָלטן געגאַנגען טויזנטער ווינטמילך, געטריבענע פֿון שדים, אַזש דאָס אויפֿגעטיקטע פֿלאַכלאַנד ווערט קורצזעעוודיק: די קוימען־רויכן צוזאַמען מיט די הײַזקעס ווערן מיט אַ מאָל אײַנגעזונקען אין נעפּלשטויב און ער דרייט זיך, דער שניינעפּל, ער בערגלט זיך אין דמיונותדיקער וואַקלעניש. שטעלט זיך אַ פֿראָסט, איז ער אָקסיש טעמפּ, לאָזט נישט צו צו זיך, באַדזשעט מיט די ברענענדיקע הערנער. סיבירער פֿראָסט ציט זיך אויס פֿויל, צו מאָל סוויש־

טשעט ער, שיקלט מיט דער מאַסע פון זײַן מאַכטיקער צעפלאָסנקייט, שטעכט מיטן שיכורן אָטעם. באַווײַזט זיך די גערונצלטע זון אין איר גאַנ־צער ווינטער־אַלטקייט, ווערט זי גאָר גיך הינעריש אויפגעדזשאָכעט גלײַך אַ זלידנע קערנדל. איבער דער זינדיקער ערד בלײַבט דערנאָך הויערן דער מבולבלער הימל. עס איז אין כלומרשטער נאָכטראַכטונג צי ער, דער הימל, איז נישט חייב פאַר אַ צו האַמעטנעם שפּרײַז איבער דער פּרוכנער לייטער וואָס דאָס קורצע טאָגל האָט אָט־אָ אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, וועל־כע האָט אָקערשט געבלענדט און שוין וואַלגערט זי זיך ווי אַ ברודיקע שמאַטע. אינצווישן מעלה־גירהט אויס די קרירה די שוואַכע פאַרב פון לאַנגן דעמער. און באַווײַזט זיך גראָד אַ מענטש, ווערן זײַנע באַקן דער־שראָקן בלײַך, די שפּיץ נאָז — טויט ווי אַ טייגל ליים און די אויערן קריש־לען זיך פונעם פלעם וואָס האָט אין אויגנבליק אַ כאַפּ געטאָן זייערע תמעוואַטע מושלעס.

גראָ דער טאָג און ווײַס איז דער פלאַם פון פראָסט וואָס שטאַפּלט זיך אַן אונטערן אָנגעדריוולטן הימל. אַוודאי, פראָסט־פלאַם איז זריעה פאַרן סיבירישן טויט. אַפילו קינדער האָבן עס שוין צוגעזען און זיך אויסגע־לערנט נישט צו שטוינען דערויף. אַז סטיאָפּאַס לײַבלעכער טאַטע איז ערגעץ פאַרפרוירן געוואָרן ווי אַן אָפּגעשטאָנענער קאַרפּ וואָס דער טײַך וואַרפט אַרויס און דער פראָסט כאַפּט אים אונטער; און דעם פעטער האָט אַן אומגעריכטער געוויטער פאַרשלעפּט אין מרוזשעדיקן ווינטער־מרחק אַרײַן. אַרויס אָנשעפּן וואַסער איז ער פאַרצוקט געוואָרן פונעם בייז־גע־יאָמער. דער שניי פאַרשיט אים שוין אויף אייביקער פאַרפאַלנקייט, די אָפּגרונטן שלעפּן אים אַרײַן אין פּיסק פון ברייט־צעעפנטן טויטלעכן ווײַס. אַ רויב־חיה געפינט באַלד אַזעלכן און זי צעטראָגט זײַנע ביינער, די שוין אַרומגעביסענע גלידער. דויערדיק איז דאָ דער ווינטער, ער איז דאָס גע־וויסיקע קבר פונעם סיביריאַק.

שמואל בוימווערק איז אַ פּוילישער. אַ פלאַנץ אַזאַ, אַן אָנגעזאַפּטיק־טער מיט תורה־ניגון און אַ לעסטיקן בענקען. דערפאַר אַן איידעלער, וואָס געדייעט נאָר אין אַ מעסיקן קלימאַט, — האָט ער זיך געשראָקן פאַר דער דראָענדיקער דערמאָנונג: ס י ב י ר ! פאַרקוקט זיך אויף אַ כמאַרע, האָט געגומען שטאַרן זײַן מידער מוח: אַזוינס וועט מיך דערדריקן? דערזען אַ נאַקעטן בוים מיט קנאַכיק־געשטרעקטע צווײַגן אין שנייִיקן דרימל, האָט די אינגעווייד אין שמואלן זיך פאַרקאַרטשעט: עס איז דער לעבעדיקער

גילגול פון גבריאל בן יעקב, דעם יונג־פאַרשניטענעם, וואָס האָט אים אַזוי פרי פאַריתומט. ערשט „וואַכט" זײַן אויג איבערן זון וואָס איז אַזוי פאַר־וואָרפן געוואָרן — — באַשײמפּערלעך, ווי דער טאַטע איז אויך דער זון אַרונטערגעפאַלן דעם גזר פון אָפּקומעניש. אָ, גורל, וואָס פּרוּווסט דעם מענטש!

אַלע מאָל האָט אַן אַנדערע דערמאָנונג, אַ נײַע אָנונג פאַרקלעמט שמואל בוימוועדקן.

דאָס אָפּגעריסענע קלערן האָט דעם זעלנער פון קאַטאָרגע־באַטאַליאָן אַרויפגעבראַכט אויף דער קלאָרער שפּירונג פון אייגענעם צער. און האָט מע שמואלן דעם פאַרפרוירענעם, דעם אָפּגעשראָקענעם נאָך וואָכן קנעכטן אין גרימעדיקע קעלטן, אַרײַנגעשטעלט אין אַ וואַטניק און אַ לאַפּן־היטל פון אַ לאַגערניק. האָט ער מינוטנווײַז אויפגעהערט צו באַנעמען דעם זין פון זײַן אומגעלומפּערטן שלעפּן זיך אויף די פּיס: צו וואָס טרײַבט מע מיך? וועלן „זיי" פון מיר אַרויסקוועטשן אַ תכלית פאַר זיך? — און דער פרעג האָט אָנגעהויבן אים פּלאָגן. ער האָט פּראָסט־פּשוט נישט געשפּירט זיך בכוח צו טראָגן אַזאַ מגושמדיקע לאַסט ווי די וואָס עס האָט אויף אים אַרויפגעלייגט דאָס בלינדלעך אײַזיקע סיביר. אַט האָט מען אים געגעבן אַ לאָפּעטע, אָבער דאָס איז נישט מער ווי אויף צו קריגן מאַזאָליעס אויף די הענט. ער שאַרט צונויף אַ שויפל זאַמד, טאָ איז וואָס? אַ גליק אויף זיי אַז אים ברעכט דער רוקן! אייגנטלעך איז דאָס סיביר נישט משיג צו זײַן — האָט ער מיט אַ מאָל זיך אַ קער געטאָן צו זיך מיט אַ נײַעם פרעג: ווו איז דער ממשות פון אַלעם דעם! ס'איז אַ פּלאַנעט אַזאַ פאַר מענטשן־אָפּפאַל אָדער אפשר אַן אומגעהייערע שטײַג אויף צו אַנטמענטשן דעם בן־אָדם פון אַלץ וואָס ער האָט מיטן מוח און מיט די מוסקלען זיך פאַראייגנט זינט פאַרגעסענע צײַטן? חמרים זיי אָנגעטריבן אַהער און זיי באַוועגן זיך נאָר אונטערן זעץ מיטן שטעקן איבערן שאַרבן. זע, די דאָזיקע שפּירן קנאַפּ זייער מעמד. קלעפּ פאַרטעמפּן צו מאָל די וויטיקן. אויב נישט אַזוי, טאָ פון וואַנען דאָס סבלנות פון די אַלע מיט וועלכע ער וועלקט אונטער דער ערד־שאָל! און אַז די מחנות אַרבעט־בהמות ראַיען זיך אין דרויסן, אויף דער אייבערפלאַך, טוען זיי עפּעס אויך?! מיר רירט עס אַ נערוו. —

עס טרעפט, אַז שמואלן דעם געפאַנגענעם ווילט זיך אָט אַ אויסשרײַען קעגן די שכנים: „הערט אויף מיט דער פאַרריסנקייט פון אײַער אומשכל! גייען, שלעפּן זיך, וואַרטן נאָך אויפן סווישטש פון דער בײַטש איבערן פּיסק!"

אָבער מענטשישע אויסהאַלטעוודיקייט איז נישט אויסצומעסטן. האָרעווען שווײַגעוודיק, טעמפּ, ביז זיי פאַלן ווי פאַרלאָשענע ביימער אין אַ וואַלד־שריפה. ער קען נישט אַזוי פיל. זײַנע כוחות זענען ווינציק, זיי ברענען אויס ווי פּאַפּיר — — זיך אַליין האָט שמואל געענטפערט, זיך געפּלאָגט אין אומאויפהערלעכן צערענען און אין שטוינען אויף אַלץ און אויף זיך גופא. און בכלל — האָט ער נישט געקענט תופס זײַן — וואָס פאַר אַ איז די־אָוואָר, אויב זי אָננעמען למעשה ווי אַ מ ו ז. סײַדן נאָר אויף אומצוברענגען האָט מען אַהערגעבראַכט אַזעלכענע. בפירוש, קיין ווילן צו זײַן דאָ איז נישטאָ בײַ קיינעם. איטלעכער שפּירט זיך אַ שטאָם פון אויסגעדאַרטן ביין און הויט. נאָר הונגער־געברום באַוועגט אים, אין געקריך פון די לײַז וואָס בײַסן דאָס לײַב באַנעמען אַלע דעם מהות פון לעבן וואָס זיי שטופּן פאָרויס משטיינס געזאָגט. זענען דאָס מענטשן? פּנים אל פּנים מיטן שטעכעניש־ברעכעניש וואָס פאַלט אויף זיי ווי אַן אומאויפהעריקער האָגל בלײַבן אַלע שטום. אַזוי איז געבראַנדמאַרקט די ספקדיקייט פון דער מענטשישער חושימדיקייט. סײַדן נאָר די אימאַגינאַציע פון דער אויסגערונענער שפּירונג ברענגט די כימערע פון לעבן און אין דעם געפינען זיי דעם חשק זיך אָנצושפּאַרן. ניין, ניין. אַזעלכע זענען בלויז מענטשן־ענלעך און אַזוינע שאַרן זיי זיך אין די שילדקרעט־קאַנאַלן פון אויסגעדײַוועטן לאַנד. פאַר די אויסטערלישסטע פונעם מענטשן־מין איז דאָס סיביר דער רעזערוואַט אויף דורכצופירן איבער די געפאַנגענע פּרווון פון דער נײַגיריקער נשמה־כירורגיע! וואָ׳דען, די קלוגע וועלט קען זיך דען מפקיר־זײַן צו בלײַבן אומוויסנדיק בנוגע דעם באַשייד — וואָס עס איז אַזוינס דער מענטש, דער וואַזשנער קאָפּ און אין דער זעלביקער צײַט — דער אַכזריותדיקער כוח־גייער?

דעם שמאַטיק אײַנגעפּאַנצערטן סאָלדאַט פון דורכויסיקער האָרעוואַניע האָט שוין שטאַרק געמישט דער מוח פון נישט־דערעסן, פונעם פּויזנדיקן קלערן וואָס אים איז באַפאַלן ווי אַ געראָיעכץ פון בײַסנדיקע פליגן. ספקות האָבן אים געביסן־געריסן.

— דאָס זענען מעעעענ־טשן, וואָס מ׳טרייבט זיי בהמהש אין פעלד אַרײַן ווו עס פלאַקערן משונהדיקע טויטן? מלחמה רופט מען עס און אין דעם די פאַרענטפערניש פאַרן משוגעת, אויף וואָס זיי מוזן פּאָטאַקעווען: „ריכטיק. יענע וואָס אַנטקעגן, זענען פײַנד. מײַנע, דײַנע, אונדזערע פײַנד. מ׳באַדאַרף אַלע אויסקוילענען, צעקוועטשן מיט טאַנקן, מיט פײַער פאַר־

שנײַדן". אַלע זענען בהמות און איך מיט זיי. פון פינצטערן באַגינען אַרויס־געטריבן צו ווערן צו עבודת פרך — לשם דעם טויט וואָס מע באַדאַרף ברענגען אויפן פּײַנד, אַז איך, אומבאַדינגט איך, זאָל אים הרגענען. פּאַט־ריאָטיזם איז דער לאַקריץ וואָס פאַרדעקט דאָס סם־היטל. נו, די וואָס טרײַבן, זענען ממש גאונים אָדער זיי זענען פון אַזאַ שיינקייט וואָס קען אונדז פאַרבלענדן. דערפאַר די מאָס געהאַרכיקייט. ווײַל כיטרענקע האָבן די דאַזיקע באַוויזן אַרײַנצוזעצן אין זייערע לאַפּעס דעם גרויסן סכום ווילנס און מענטשישע געלוסטן פאַר אויסלאָדן זיך. דו זעסט עס נישט? אונטערן כישוף פון געטעסעטע, צוגעוואָרעמטע ווערטער זענען אַלע געוואָרן אַ סטאַדע וואָס פלאַקערט אויף טייל מאָל, שוין אָן שטויס פונעם אינסטינקט. מ׳באַדאַרף די סטאַדע נאָר אַ פּיר געבן, אָנשמעקן זי מיט דער שאַרפקייט פון רויען דרויסן. געוויס, סטיכיע יוירט אויף אויך אין אַ טשערעדע, וואָס וועלבט אויס פאַר זיך אָן אומגעהייערן חלל און זי נעמט אים שלינגען קלאַפּטערווײַז, פרעסט זשעדנע.

ס׳איז געווען אַזאַ שטורעם פון אומטראַכטעניש און הוילן חומר.

— האַרעווע און קלער נישט, — האָט אים אָפּט אַ צוק געטאָן אַן אומ־קלאָרער חשק אַרויסצוציִען פון זיך.

ווי אַ שפּליטער פון אַט־דער קראַפט איז בוימווערק געטראָגן געוואָרן איבער די מוטנע שטחים, פאַרזייעטע פון מענטשן־געווימל אין שנייִקן מדבר. נאָר אַ רעשטל לעבנסזין האָט דעם זעלנער פון קאַטאָרגע־באַטאַליאָן אַ מאָל געשטעלט דיבאָם:

— זעסט כאָטש? געהערט אַזוינס?

דער לאַגערניק זעט אַלץ ווי אין רויך. ער גייט נישט מיט אייגענעם ווילן. שמואלן טראָגט די פילפיסיקע מאַסע, אַ צעשאָטענע איבער דער שניי־געפּלעקטער טעריטאָריע, פון וועלכער עס שמעקט נאָך די אָקערשט פאַר־טריבענע טײַגע. אַזוי גייט ער אויך אין זשמורנדיקן האַלבטאָג אין היל־צערנעם שײַער אַרײַן נאָכן בלעכל קרויט־יושקע; מע שטויסט דערצו אַלע מיט אַ מאָל און די קעסעלעך, אָנגעהאָנגענע אין די גאַרטלען, קלינגען הויל, מאָנאָטאָניק איבערן ווײַט אויסגעשפּרייטן דרויסן צו גלײַך מיטן דומפּן טראָט וואָס שאָטנט זיך נאָך דעם אומערנדיקן געהילך פון דער געצאַמטער טויזנטיקער מחנה. דאָס דאָזיקע ציִען זיך איבערן אײַנגעשטשעמטן פראָסט טראָגט זיך ווי דאָס טויבע פויקן פונעם ווינט אין זעגלען אויף אַ וואַסער־פעלד. אין דמיון דעמפּט זיך דעמאָלט דער ריח פון געקעכטס, אַזש די

מײַלער נעמען באַצײַטנס סלינען. אָט ד אָ ר ט , אָ ט ב אַ ל ד, קוקן די פאַרשמאַכטע און זיי שטרעקן זיך צום הילצערנעם געביי פון דער באַטאַליאָנער גאָרקיך. עס לאָקט צום פּאָסנעם מיטאָגמאָל; פונקט אַזוי וואַרפט עס אָפּ די מחנה יעדן סוף־טאָג פון פאַרפראַצעוועטן שטיק לאַנד וואָס דאַרף פאַרבויט ווערן מיט גרויסע גליווערנדיקע קאָרפוסן פאַר זאַוואָדן צוהילף דעם פראָנט. דאָ רעדט מע דערפון, אָבער מערער טראַכט זיך, עס טראַכט זיך אין פחד: „שרעקלעכע קלעפּ דערלאַנגט דער דײַטש. באַ צוואַל גייט דער טויט אויפן לאַנד. זעלטן־זעלטן דאָס ווער עמעצן ווייכן. או־או־ווו, דער טויט. מ׳פאַרגעסט בישט אויך אין אונדז!״

שמואלן, דעם שטילסטן סאָלדאַט פון באַטאַליאָן געלהויטיקע, ליאַרעמדיקע עסערס און בורטשערס האָט געמישט אין קאָפּ. דער גרויל פאַרן נעבעכדיקן אומקום האָט אים עפּעס נישט אָנגערירט. ער האָט געקלערט נאָר פון די נעבנגייענדיקע:

— פאַר אַזעלכענע איז עס ווי אָנגעמאָסטן, אָט די שטאַל און אָט דער סדר. מ׳וואָלט זיי נאָר געגעבן מער פרעסן און אַ ווײַב. נאָר די חיה רעוועט, זי ברילט פון זיי. ס׳איז אפשר גוט וואָס מ׳האַלט אַזוינע אין די האָלאָבליעס — דער מדבר איז זיי אַרײַן אין די ביינער. עלעהיי אײַזערנע שפּילצײַג פאַר אַ קינד וואָס איז נאָך בלינד אין פאַרשטאַנד. אַלצדינג צעבראָכט דאָס. ווילדעניש מוז מע פאַרשפּאַנען, אַנישט קען עס אָנשאַדענען אָן אַ שיעור.

אָבער דער מוח ווערט שמואלן גיך מיד. ער קוקט און זעט רעכט גאָר נישט. ער האָרכט זיך אײַן און הערט נישט דעם אינטענסיוון רויש פונעם אַרומיקן ווימלעניש. אים טראָגט די נײַע געוווינשאַפט. אַז אַלע שטופּן זיך צום קעסל הייסן וואַסער, וואָס אין באַראַק; ס׳ביסל אָקרעפּ איז זיי שטענדיק אַ קרן, און מ׳גיסט עס אַרײַן אין זיך; שטעלן זיך אַלע צום קעסל אָנצופּויקן זיך מיטן הייסן מאָגן־געשווענק, הייבט ער זיך אויכעט אויף נאָך אַ פאָרציע קיפּיאַטאָק. אַפילו אײַנזאַפּן אין זיך די פאַרע איז אויך אַ קרן. אָבער דעם בויך קען ער זיך נישט אָנגיסן ווי ז יי, טראַכט ער: אין דעם וואַרעמען וואַסער ווערט ער אָן אַ זײַט „אויסקוועטשן״ די שמאַטקע וואָס האָט אַנומלט געהייסן העמד. ער האָט דאָס געהיט אין זײַן בינטל זאַכן וואָס אויף דער נאַרע. פון שוויס און פון כסדרדיקן אויסקוועטשן דאָס אין לעבלעכן וואַסער וואָס דורכגעשאָטן מיט אַש, איז דערפון געוואָרן אַ צעריבענע סובה צו פאַרדעקן דאָס נאַקעטע לײַב. ס׳נישט שײַך זיך אומצו־

קוקן אויף הינטערווינקלעכטס. ווי אַלע מוז ער שפּאַנען דעם זעלביקן וועג. שכניִשע עלנבויגנס שטויסן און קולות פאַרגלושען ס׳געהער. ער געדענקט שוין אַלץ וויניציקער ווי אין תחילת. מעכאַניש גייט ער ווי אַלע און ער שטעלט זיך ווי אַלע.

— באַמווערק?

כמעט אַלע גיבן אַ זײַטיקן בליק, ווען מ׳רופט אויס זײַן נאָמען: „ווער?״

— פרעגט מען זײַטיק און באַלד שאָקלט מען זיך אָפּ: ס׳איז דער זעלביקער, דער פרעמדער שווײַגער!

— יעסט! פאַראַן, פאַראַן.

„פאַראַן״, גיט ער אַ מורמל מיט אַ הייזעריקלעכער פעסטקייט און פאַרוואַרפט, ווי אַלע, דעם קאָפּ אַן אַ זײַט. אין פאַרטאָגיקן גראָ גיט אַ ציטער אַ לאַנגע שווער באַוועגלעכע שורה, וואָס הילכט פון אַנהאַלטנדיקן צונגען־געקלאַפּ — אומערבאַיעוו, אַדזשיבאַיעוו, באַבאַיעוו, באַיעוו, איעוו, איעוו. דערויף גיבן זיך אַ האַסטיקן באַוועג אַ סך, אַלע שוין אָפּגעברומטע שורות שמאַטע־זעלנער און זיי בלײַבן געסטאָיעט אין פּלוצלינגער אײַנגעזונקנקייט. רגעס אַזעלכע שטעלן זיך פּאַר אַ פּילקעפּיקן מאַכטיקן גוף אַנטקעגן דעם בלייכן מאָרגנשטערן. אָבער באַלד הילכן אויף נאָענטע געדיכטע טריט, קלעפּ פון פאַרביסענע פיס איבער דער פריריקער ערד, פעטע קלעפּ ווי אַ פויקן פון פויסטן אין טויבע תפיסה־ווענט אַרײַן. יעדן פּאַר טאָגס האַלט אַן אַזוי דער גאַנג צו דער פריקרער אַרבעט אין בלאָזנדיקן, פאַרזשמורעטן פעלד. שפּעטער, דער הימל דערוואַכט אין זײַן סיביִרישער אַלטקייט, מישן זיך שוין די קאָלירן פון ערד, פון קעלט און שניי מיט ווידער צערייצטן הונגער, וואָס נאָגט, פאַרגיסט די אויגן מיט האַרבלעכן הויך.

## 2

שוין פון רגילות שטרעקט אויך שמואליק פאַרויס זײַן קערפּער אין אָנשפּאַר אויפן גראָבאײַזן וואָס גליט אין די פאַרגרעבטע הענט; ער בייגט זיך פּאַר אָפּגרונטן, ברייט צעעפנטע צופוסנס פון זײַנע טעג. ערד־גראָבן, קאַלך־לעשן איז זײַן עובדא. פּאַר די רושטאָוואַניעס איז ער אַ קנאַפּער אויסטויגער, האָט אָפּגעפּסקנט דער בריגאַדיר און דער באַיעץ* באַמווערק, אַן אונטערגעריסענער אין די אייגענע אויגן, גיט זיך שוין נישט אָפּ קיין

* סאָלדאַט.

גענויען חשבון וואָס ער טוט. מ׳הייסט אַזוי, טוט מען. אַלע זענען דאָ פּלע־
וועס וואָס פאַלן, פאַלן, טאָר ער נישט וועלן בלײַבן דווקא ע ר . שמואל
בוימווערק, האָט ער זיך אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ, איז אַ נישטיקער איינס
פון דעם מאַסיוו וואָס האָט זיך ווי אַ טינטפלעק צעגאָסן איבערן גוואַלטיקן
שטח. באַגינען צעקלאַפּט זיך זײַן באַטאַליאָן אין באַזונדערע טיילן (עלעהיי
נישט אַלע וועלן בורטשען בעת זיי פאַרגלאָצן זיך אויף אים) און אין דער
נישט ווײַטער שכנות טונקלען זיך שוין אַנדערע באַוועגטע באַטאַליאָנען.
דער גרויסער מרחק ליגט אויסגעצויגן סײַ אויף דער ברומעדיקער נאָענט
סײַ אויפן האַלדז פונעם אָנענד. די גרייס פון לאַנד צוקט אויף אויף דער
ווי̇ע, אַזש עס שרזמפּט דער געדאַנק. עס סטײַעט נעמלעך אָרט פאַרן זשעד־
נעם ווײַס וואָס ליגט דאָ ווי אַ פּגר און עס איז בריוח ס׳געלעגער פאַרן פריך
וואָס צופּט די באַקן, די אויערן אין דעם אומערנדיקן שנייבלענד. אַ מאָל
הודזשעט עס אויך אַרויס פון דער דאָזיקער אָנגעגליווערטער לײַדיקייט.
אויף אַן אמת, די טעריטאָריע שטײַפּט אײַן יעדן אויפקומענדיקן רעיון, איין
איר אַרומגעצוימטקייט האַמעוועט זי דעם מענטש וואָס באַגערט אַ גיי צו
טאָן, עס גליסט זיך אים אָנצושטרעקן זײַן גאַנץ לײַב און לעבן אויף אַרויס־
צוגיין אַ שפּאַן ווײַטער פון דער אָנגעתפיסהטקייט, אַ ריס געבן זיך פונעם
תחום. עס איז באמת די מטושטשע שרעק וואָס קוקט פאַרעקשנט פון
דער־אָ גרויזאַמער לײַדיקייט. ווי אַ בעלי־חי מאָנט דער גוף (אַוודאי, נאָר
דער חומר און נישט דער מענטש, דער שטאָלץ פון געטלעכן באַשאַף),
דווקא וויל ער עסן, אַרײַנגיסן אין זיך גרויסע מעסטלעך קאָכעדיק וואַסער
און אים ציט צום שײַטער וואָס פלאַקערט אָט־אָ בײַם אויפגעטראָגענעם
קאָרפּוס. ווי גוט, גוט, —סליניעט דער בליק— וואָס עמעץ וואַרפט צו צו
די פלאַמען קאָרטשע־צווײַגן, אַ שפּרייזל האָלץ. וואָרן די טונקלקייט איז
פול מיט אימה, זי וואָס שאַרט זיך דאָ באַשטענדיק, אַפילו ווען דער טאָג
גלימערט אין וואָלקנדיקער זון. מיט פאַרהוילענעם מעסערקלונג בליצט עס
אין דער שפּיל פון פראָסט און שאַרפן הונגער: „ברענגסטו בראָנפן, גיסט
טשערוואָנצעס, „חזירימלעך״, אַ זייגער? אויב נישט, קענסטו פּגרן!״ און
אויגן־גלי טרייסלט דיך דורך. געווויס, געווויס. די גאָרע מאַסע דאָ איז באַ־
וועגט פון אַן עמעץ אין אַ גרינעם פרענטש און לעדערנעם רימען, אָבער
יעדער באַזונדער שפּירט זיך פאַרלויערט פון דער טויטלעכער געגנט.
אַפילו די ווײַבערישע שויס איז אַ געווער אין געהיימענישפולע הענט וואָס
זענען גרייט צו פאַרלענדן דאָס אָרעמע חיות.

אַ חידוש? שמואל קראָשניעוויצער חידושט זיך שוין גאָר קנאַפּ. פון אים איז אָפּגערונען די באַוווּנדערונג פאַר זאַכן, פאַר אויפטוען. ר'האָט דערזעען דעם גאָלן כּוח וואָס טרײַבט, הערט נישט אויף צו טרײַבן. זײַן רצון איז געליימט. ער גייט, ער טוט, ווײַל עס קען אַנדערש נישט זײַן. אַזוי האָט שוין אָפּגעמאַכט אַן אַנדערער אין דעם, דער וואָס לײַכט אַרײַן אין זײַן האַמעטנעם באַוווּסטזײַן. אַז עס איז אַ מ ו ז פאַר אַליין־דערהאַלטונג, איז דעם סאָלדאַט בווּמוּוערק שוין אַרויס פון זינען. דאָ איז נײַערט אַזוי: דער שטעקן וואָס גייט בײַ דער זײַט פון לאָמען, איז אַ שטעקן וואָס זײַן גורל איז — פירן. לעבט דער שטעקן? דעם פאַרפאַלענעם פון ערגעץ־וווּ איז נישט געגעבן דער רשות צו טראַכטן דערפון. שמואל ווערט געפירט פון אַ וויסיקן וואָס איז אויך שטאַרק, איז דער שטאַרקערער איבער אַלעמען.

— געדענקסט? מ'עט דערשיסן ווי אַ הונט, — האָט ער אַנומלט פאַרנומען אַ בייזע דראָונג. דערנאָך האָבן אַנדערע עס שוין נאָכגעמויכלט:

— היט זיך די ביינער. עס גילט קריגסגעזעץ! מ'עט אָוועקהרגענען און האָדיי!

— סאַבאָטאַזש!

עס איז מוראדיק דער סטראַשונאָק.

מיינט מען עס אים? שמואל איז נישט מסוגל דאָס זיך קלאָר צו מאַכן. ער איז געבליבן מיטן ריינעם האַרץ. נו, ער איז נישט קיין אויפטוער אין זײַנע טועכצן. איז ער שולדיק וואָס ער איז נישט קיין בעל־גבורה? —

דערזען פאַר זיך אַ כּעס־צעקרומט פּרצוף, איז אַ גריזשלדיקע קעלט אַדורך אים איבערן רוקנביין און אין די אויגן האָט אַ טונקל געטאָן.

פראָסט האָט געסמאַליעט, דער הונגער האָט אונטערגעזעגט ס'לעצטע ביסל חיות. לית ברירה האָט דער מענטש אין אים באַלד זיך געשטאַרקט, בגוואַלד זיך אַרײַנגעוואַקלט אין שאָטן פון פאַרזונקענעם נעכטן: „געווען אַ לעבן, ס'עט ווידער זײַן אַ וועלט". די נויט האָט אָבער געהאַט די אייבערהאַנט און קיין שלאָגלער איז בווּמוּוערק נישט געוואָרן. ווײַל נאָר אַ שלאָגלער האָט געהאַט די זכיה פאַר נאָך אַ ביסן צום קאַרגן פּענעץ ברויט, צום שיסעלע יושקע.

*

— — — ער שווימט און מידבר־ווײַטקייט לויפט אים נאָך. ער ווערט געשטויסן.

זײַן בליק ברענט רויט, האַרבסטיק מיד. אַן איינציקע מאַזאָליעדיקע

האַנט הענגט אים איבערגעבונדן אויף אַ מאַרליע, בעת די אַנדערע האַנט —שווין אַן איבעריקע— שלעפּט זיך נאָך גלײַך אַ שטיין און דער נאַקן נאַיעט ווי אַ געשוויר. פּריִע פּינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און די באַ־טאַליאָנע מאַסע הערט נישט אויף זיך צו וויגן איבערן לעשנדיקן שניי. אַ קוליעוואַטע איז די מאַסע און זי איז פֿאַרקראַמפּט אין קריצעניש פֿון אירע גייעדיקע, בלאַנקנדיקע זעגן וואָס וואַרפֿן זיך —קען זיך אויסווײַזן— אויף דער בייזער קרירה, ווילן זי צעדרויבלען, צעטייען.

אַ מאָל האָט דאָס פֿאַרבאַקענע געהירן זיך געטאָן אַ ריר און אַ פּיל־פּנימדיקס זיך אומגעקערט צו דער דערוועקטער מחשבה:

— עס איז באַשפּיגן דאָס שכּלדיקע. אַ דולע האָט די וועלט זיך גע־שטעלט אַקעגן אונדז. דער מענטש? אויפֿן מיסט אַרויף מיט אים! — — זע, דער אָקס אין יאָך פּרעסט אומעטום פֿון דער פּולער קאַריטע, מ׳שאַנעוועט אים ווי אַן אייגנס, ער איז טײַער דעם באַלעבאָס און אויך דער פּרעמדער האָט אויף אים חס. די בהמה אין מענטשן־געשטאַלט איז אויף דער ניש־טיקסטער ברויט־נאַרמע, אויב דאָס קאָרנפעלד האָט נישט גוט אָנגעזאָגט. נייך, אַפילו ווען ס׳איז זאַט מיט רעגן אין צײַט, קאַרגט מען דער צווייפּי־סיקער בהמה דאָס ביסל קאָרמע! גענומען אין פּריר־ים אַרײַן אַ לעגיאָן קאַליקעס, געבערעיעכטע, געגעבן לאָפּעטעס און בראָכשטאַנגען און באַפּוילן אויפּצובויען אַ פּיתום און רעמסס. טאַקע אַוועקגעטריבן פֿון דאַנען די טײַגע, אָבער די קרירה בושעוועט. מען יאָגט די טשערעדע אין מושטער און זי רירט זיך שווערלײַביק. צו מאָל טראָגט זיך איר בורטשע:

— בררררוי־וי־ויט! פֿאַרגין אַ שטיקעלע ברויט אונטנאַרומעט, ברוי־דערקע. נאַדיר דערפֿאַר מײַן זשופּאַן און מײַנע גאַטיעס. כ׳שווער בײַם גביא אַז כ׳האָב נישט מער. כ׳על געבן, גללייב. אַאַאַ, ווי ווויל! די קישקעס זענען פֿאַרדאַרט. אַ פֿײַער ברענט אין די געדערעם — — אַ דאַנק! וועסט נאָך אַ מאָל געדענקען אין אַן אַלטן?

אַזוי בעטלען, אַזוי קלאָגן די שנויפּלענדיקע, הינקעדיקע קנעכט און זיי לאָזן זיך דערנאָך אַראָפּ אויפֿן ברעטערנעם געלעגער מיט גופֿישער לאַסט פֿון די שלעפּ־פּי. אַללאַס גאַרער גן־עדן וואָלט געוועזן פֿאַר זייערע ברומעדיקע איינגעווײדן אַ... גרעסערער חלק אָנגעקוואַלענע געלע הירזש, אַ געהויפּט מעסטל גערשטן־קאַשע פֿאַרביסן מיט געזאַלצענעם האַרטן שאַ־פּענעם קעז. ס׳קאַטאַרגע? אַזוי ווײַט באַנעמען עס נישט די לײַט פֿון באַקעטן

מידבר, פון די פעלדזיקע בערג־שיפּועים, ווו זיי לעבן ווי די בערקוטן *. דור־
רותדיקע הכנעה פאַר די מידברדיקע באַיעס ** האָט נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזן
דעם אונטערגעטעניקטן — אין טראַכטן און אין זײַן שפּירונג. דאָס נײַע פון
דעם סאָוועט ווי עס רופט זיך אין זייער כבד־פּה׳ישקייט, האָט די מידבר־ני־
קעס נאָר צעטומלט, כאָטש עס איז שוין היפּשע יאָרן דערין. נישט קײַען
דעם געשמאַקן טאַבאַק? אָפּזאָגן זיך פון זאַפּטיקן פערדנפלייש? פאַראַן יאַ־
קאָש עפּעס פון דעם. מ׳שטעלט זיך אײַן און ס׳איז דאָ, אָבער... מוז מע דען
נישט אויך הײַנט זיך אַוועקלאָזן אין פרעמדע ווײַטן זוכן פאַשע־ערטער פאַר
דער שאָף? צו וואָס ווייכן די וועגן וואָס דער זיידע אַכמעדזשאַן האָט אויס־
געטראָטן? ווייל איז ס׳געדעכעניש פון די אַלטע וואָס זענען אַוועק אין די
אייביקייטן. פרײַהייט? צו וואָס טראַכטן פון נײַקייטן אויב עס איז אָן דעם
געאַכפּערטן באַי וואָס איז זינט דעם געשמאַקן פאַרצײַטנס געבענטשט פון
אַללאַ! ריכטיק, אויך דער סאָוועט איז אַ באַי, אַ נײַער באַי —קיינער הערט
נישט?— ס׳איז אַ באַי אָן איבערגעפּירטער פון זינד. שאַ! דער מוח קען
נישט אַריבערטראָגן אַזוי פיל. ס׳גוט, ווען די קישקע איז רעכט אָנגע־
שטאָפּט, כיכי מיט פּלאָוו***, מיט בישווערמאַג **** און הינטער דער קי־
ביטקע וואַרט דער געדולדיקער אייזל, דער קעמל וואָס וועט טראָגן די לאַסטן
איבער די צוזאָגנדיקע מרחקים. אָ, פון נביא וועט ענדלעך זיך באַווײַזן אַ צייכן
אַז ר׳האָט פאַרגעבן די עבירות, פאַר וועלכע ער האָט אַזוי געשטראָפט די
זין פון מידבר. ככי־כיכיכי־ייי, דער מענטש איז שטענדיק אַ ביסל זינדיק
אַנטקעגן נביא וואָס שענקט דאָס לעבן — — אָבער דערווײַל שפּאַנען זיי
אַזוי לאַנג ווי די שטערן זאָגן נישט אָפּ דאָס האָפן צו אַללאַ דעם דערבאַ־
רעמדיקן.

— אַללאַ, אַללאַ, — הייבט זיך אויף אַ געקרעכץ פון דער נאַרעס־
טונקלעניש און בײַ דעם פון דער פרעמד נעמט אויפוואַכן אַן אַלטער גע־
דאַנק: די אמונה פון די טשערעדע־באַשעפענישן איז פון דעסטוועגן אויך
אַ ליכט אין דער אומדורכדרינגלעכער פאַרלוירנקייט. ווייל דאָס האָפן! מיר
איז דען ליכטיקער? שמואל, די קלוגשאַפּט וואָס דו האָסט זיך אײַנגע־
האַנדלט, איז געפאַלן אין בלאָטע אַרײַן.

און די האָרעוואַניע גייט אָן ווײַטער אין די סאַמע שווערסטע זאַווערד־

* באַרג־אָדלערס; ** אַזיאַטישע פעאָדאַלן; *** געקעכטס פון רײַז מיט שעפּסנפלייש;
**** לאָקשן וואָס מ׳עסט מיט די פינף פינגער.

כעס, דער תמידיקער געליאַרעם הייבט זיך אַריבער די קנעכט אויף די מויערן, ביי די הויפנס אָנגעוואָרפענעם געשטיין.

— העי, דו. יאָ, דיך מיינט מען. דאָ וועסטו נישט מאַנקורירן! דער פלאַן מוז אויסגעפירט ווערן אין צייט. אויב אַנדערש וועט מע די אָדערן ציִען — איך וואָרן.

— קראַנק? וועסט נישט פגרן! פוילקייט האָט זיך דיר געלייגט אין די ביינער אַריין. אַנו, מירן ברענגען דעם דאָקטער. ווילסט דווקא זיך האַלטן ביים שווינדל, וועסטו מיאוס אָפשניידן.

שפיציק איז ס'אויג פון בריגאַדיר און שניידיק זיין וואָרט. שטענדיק ציקלט עס אין דער פריזיקער לופט:

— געדענקט איר, דזשאָלדאַסן, צו וואָס מיר זענען אַהער געקומען?

— קערט זיך דער פרעגער דאָ צו די אויף די רושטאָוואַניעס, דאָ צו די וואָס רייטן אויף די קלעצער צום טעסען.

— ס'אַ דערנידעריקונג פאַרן באַטאַליאָן דאָס אַנטלויפן פאַרן באַראָמעטער! ד אָ ר ט גיסט זיך דאָס בלוט פון אייגענע און דאָ שפילט מען אין באַהעלטעלעך מיט דער קעלט? אַ חרפה פאַר פאַטריאָטן!

ס'איז געווען גלייך אַ פויסט וואָלט זיך געהויבן אַקעגן פנים פון די דערשלאָגענע. לייט האָבן אַראָפגעלאָזן די אויגן, פאַרעקשנט פאַרהוילן דעם ווידערווילן צום שרייער.

פון דעסטוועגן האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע וואָס זענען, אָנגעשראָקענע, אַרויס פון אָנגעטשאַטעוועטן שטילשווייגן: — פראַווילנאָ, גערעכט!

אַנדערע האָבן נאָכגעבעבעט:

— פראַווילנאָ. נישטאָ קיין תירוצים. מ'דאַרף אויספירן דעם פלאַן. די קעלט וועט אונדז נישט פאַרטרייבן צום שייטער פון די פוילע.

אַזוי איז עס געווען. די האַרעוואַניע איז אָנגעגאַנגען: דער שניי האָט געשאָטן, דער ווינט האָט געפייפט מיט אַ העפטיקן וויו־יו — אַלץ איינס איז מע געשטאַנען אויף די רושטאָוואַניעס, געקראָכן אין די ניי־געשניטענע קאַנאַוועס, געבויגן זיך איבער געלאָשענעם קאַלך, געמישט בעטאָן, געסאָפעט אונטער דער לאַסט פון ציגלטרעגל. טייל האָבן דאָך געאוויקעט: „דער הימל הערט נישט אויף צו קראַקען, די קעלט שמייסט דורך די ביינער — ווי וועט מע קענען?!?" — און נישט דערערדעט. ס'האָט אויך נישט געפועלט דער חלום וואָס האָט געטליִעט אין דער מחנה:

— מירן האָבן אַ פּראַזדניק, רעביאַטאַ! דער באַטאַליאָן וועט גיין אין רו. מ׳עט שערן די קעפּ וואָל, גאָלן די מאָרדעס, טריקענען די וואַלענקעס.

מחמת ס׳שוין אַוועק חדשים אָן דעם שימער פון אַ פרידלעכן ציגאַר־פּאַרצי ביים באַטאַליאָנעם המון, איז געווען פאַרשטומט דער זעלטן אויסגעטשוכעטער קאַלעמוטנער געזאַנג פון בענקשאַפט צום אויל,* צום ווייב, צו די דזשיגיטן*** צעצויגן פּלאָנטערט זיך אין טומאַנעם קלערן אַ חגא־געגנעץ איבערן לאַגער וואָס אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פאַרקאַן, שטעכלדראָט גלאַנצט פראָסט־טויזיק אַריבער זיין ברעטערנעם קאָפּ און היטערס מיט ביקס אויפן אַקסל פירן אַנטקעגן זיין שטרענגקייט, זידלען זיך אויפן קול ביים פאַרמאַכטן טויער. רק מ׳איז פאַרטועון אויף די מויערן, מ׳האָט געטועכצן מיט דער כלעבאָרעזקע*** וואָס פאַרבאַהאַלט ביי זיך דאָס סאַמע גוטס (ס׳בעסטע פּעטס און די מונטערקייט אין טרונק און פרעס) פאַר די באַטאַליאָנע יחסנים. נישט אַזוי גיך ווערט פריילעך אין מקום פון איינגעגלייווערטן אומעט. נאָך לאַנגע וואָכן פּראַצע, וואַלגערן זיך אויף פאַרקראָכענע נאַרעס, נעמט מען אַ מאָל צונויף אַ כאָפּטע פאַרחושכטע נפשות און אונטער קאָנוואָי פירט מע זיי זיך אויסבאָדן. סומנע איז דער וועג. צווישן ווייט צעוואָרפענע שטיבער און שנייזקע פעלד־אינדזלען הייבן זיך אַרויס קראָטצעגראָבענע בערגלעך ערד, עס סטאַרטשען האַרטע גרעזער. דאָך איז ווויל אַפילו אַזאַ אַרום, ווייל עס שמעקט מיט פרייקייט פון ביסטרען פויגלפלי. דאָס גיין זיך באָדן אין געמושטערטע רייען איז אַ באַדאַכטס, אָבער אַ האָפּעדיקס און דאָס לייכט אַרויס פון איטלעכנס שווייגן. מחמת דאָס אויסבריען זיך „ס׳לייב דאָס געשמיסענע״ איז אַ מין געזאַנג פון זיסן אָפּאָטעמען וואָס די לאַגערניקעס זענען להוט. נו, און אויף אַהיימצו קען מע זיך אַריינכאַפּן אין שטאָט, טאָן אַ שנאַפּ אין אַ קלייט, אויסנישטערן עפּעס פאַרן פאַרחלשטן האַרץ.

„אין באָד אַריין״! — איז אויך פאַר שמואל בוימווערקן אַ ליבער פליעסק פון אַ וואַרעמער כוואַליע איבער די פונאַנדערגעפּראַלטע שוואַרצאַפּלען. אַ שפּענדל האָפענונג געגנעענט אויך צו אים. ס׳איז נישט קיין קלייניקייט דאָס אָפּרייניקן זיך פון פגעדיקן אומפלייט. אַ גליקשפּירונג גייט אָן דעמאָלט אויפן מענטש וואָס איז צעטראָטן פון קנעכטשאַפט. אָבער די

* סטעפּיש דאָרף; ** העלדישע יונגע לייט; *** ברויטשטוב, וואָס פאַרטיילט די טעגלעכע פּאָרציעס ברויט.

צײַט נאָכן באָדן איז געווען מער דערדריקנדיק. ווײַל ערשט האָט דער עלנט געשלאָגן מיט שאַרפערן ווייטיק. ווי מענטשלעך עס קען זײַן דער דערע־סענער דרויסן, אויב ער איז נישט באַטאַליאָניש! — שמואל האָט געטראַכט אין צער, ווען ער האָט פון ס׳בײַ זיך דערזען אין קרענצל פון די קויטיקע שכנים. אָ, מײַן הויט ווערט אַצינד מער צעשטאָכן פון די ווערעם וואָס פעדערן זיך איבעראַנײַס פון זייערע נעט־באַהעלטענישן אַרויס. ערשט בײַסן זיי אים מיט אַ בראַנדיקן כוח — להיפוך ווי עס איז בײַ די, וואָס לעבן אָפּ ווען זיי קענען ווידער אומגעשטערט זיך וויקלען אין זייערע השודע טראַנטעס.

— אין באָד אַרײַן, אין באָד אַרײַן! — איז פון דעסטוועגן אויך בײַ שמואלן אַ לאַנג געגאַרט ליד וואָס הילכט אין אים. זײַן לײַב גיט זיך אַלע מאָל אַ טרייסל מחמת דעם עקשנותדיקן גראַבלען פון די דריבנענקע חיה־לעך וואָס אײַלן פון זייערע געוואַנטענע ווינקעלעך און פאַרקריכן אים. וואָס פאַר אַ פגעים דאָס זענען! אויך אין יעדער האָריקייט האָבן זיי זיך געמאַכט נעסטן. זיי צופּן, פרעסן אים אויף מיט בריעדיקע פיסקלעך. די ווערעם וועלן אים צעטראָגן, קרעכצט ער אַן איבערגענומענער. טיפּוס איז אַ קינ־דערשפּיל וואָס אומפּלייט טראָגט אָן פון מענטשישע מיסטן, און אַזעלכע גניען דאָ אַרום און אַרום. עס יערט, ס׳גייט אויף דער קויט אויף די ברוז־דעס פון אומריינעם געביין. וואַשן זיך, אָפּשווענקען דעם קויט איז געוואָרן שמואל בוימווערקס שטאַרקסטע ציעניש אין זײַן צעפּײַניקטן קיום. אלאָ נישט —האָט ער שוין פאַרצווייפלט— ׳על איך זיך אַ באַקעטער אַרײַנוואַל־גערן אין שניי, אין נאַכטישן פראָסט זיך אַרײַנוואַרפן און אויסברענען דעם ברוד. אַזוי אַרום וועלעך פּטור ווערן פון דער נמאסער אָנגעקראָכנקייט. טייל מאָל האָט זיך אים אַפילו געחלומט אויף דער וואָר — די באָד. ער וועט גיין אין באָד אַרײַן, איז ער דערפאַר פלוצלינג געוואָרן פאַרעקשנט בײַ זיך: איך מוז!

פון אימאַגינאַציע ביז דער וואָר איז דאָך אַ מהלך — די מענטשן פון באַטאַליאָן זענען אַוודאי קלאָר אין דעם. מ׳טאָר זיך נישט נעמען אין זינען אַרײַן אַז „מ׳וועט”. דאָ געשעט גאָר נישט אָן באַפעל פונעם שטאַב. און נאָך ווייסט מען: אויב מ׳גייט נישט אָנהייב חודש זיך אויסבאָדן, וועט מע מוזן איבערוואַרטן אַ חדשים צוויי. „די באָד איז פאַרנומען פון גענוג קויטיקע”, איז דער תירוץ וואָס עס ברענגט דער בריגאַדיר און עס חזרט דאָס איבער דער שטאַבשרײַבער. אַן אַנדערער ווײַסער וואַרפט נאָך צו: „שמועס זיך

נישט אײַן אַז מירן גיין! פאַראַן אַ סך רויטאַרמייצעס פאַרשוויצטע, פאַרקלעפּטע. אויך זיי באַדאַרפן זיך שטאַרק אונטערוואַשן. און זיי זיצן אַ בענקל פריער פון אונדז. פאַראַן, ברודערקע, אַן אָטשערעד! און ענקאַווועדעניקעס ווו זענען? און באַנאַרבעטערס? פון שטאָט ברענגט מען זיי אַהער. אויך אַנדערע בוי־באַטאַליאָנען זענען פאַראַן. פאַרשטייט זיך, קיינער איז נישט גלײַך צו מיליטערישע. ווער וועט זיך דערוועגן אַ פּיפּס צו טאָן אַז אויך ער דינט „דער זאַך פון פאָלק”? האָדעווען טאַקע די לײַט דעם אומפּלייט און, וואַרטן.

— — — און לײַט אין די באַטאַליאָנע זעמליאַנקעס פרייען זיך ממש מיט זייער געפאַנג:

— אַ רעכט אויסגעהאָדעוועטע לויז, זעסט? האָ־האָאָ, וואָסערע זי איז! אַנטקעגן דער שײַן פון דער בלינצנדיקער נאַפטלאָמפּ הייבט זיך אַ פאַרקניפּט בינטל פינגער און אין זייער נערוועזן שפּיץ בערגלט זיך דאָס מיגלדיקע דריבנע חיהלע. מערערע אויגן נייגן זיך צו צום חידושלעכן רופער הגם קיינער קען נישט זען בײַ אים וואָס מ׳וואָלט גערן וועלן זען.

— או, נאָך איינע, אַ פעטע, אַ קײַלעכיקע אַזאַ! — גאַנווערן די דאָזיקע. אַנדערע קוקן מיט קנאה אויפן ציבורדיקן קניקן די ווערעם פון מענטשישן לײַב. מער לײַז זענען אַ באַווײַז פון היימישער שפע. ריכטיק, דאָ איז עס נישט זייער ווילגעפעלן. אומעטום האָט נישט דער אָרעמאַן אין וואָס עס זאָלן זיך כאָוועון די ווערעם. לפי דעם אײַנזען פון די מידברדיקע מגושמס וואָס שאָטענען זיך טונקלהויטיקע ,פעל־אָנגעקליידטע, וועלכע זענען אײַנגעהיימישט מיט די אורזאַמדן אונטער דער באָרוועסער זון און סומנע פײַפנדיקע שטורעמס, איז דאָס קריכיקע דער צייכן פון וואָרן לעבן. פאַראַן אין קיביטקע, אין יורטע אַ סך קאָבריצן און וויליקעס, זענען פאַראַן אויך קעמלען, אײַזלען און שאָף, איז דאָ ווו ס׳זאָלן זיך מערן די „וואָל־קיע־לעד”. אָרעמע לײַט זענען געשטראָפט מיט אַלצדינג: נאַקעט זענען זייערע קיביטקעס, אויסגעדייוועדט ס׳איינציקע בהמהלע און ס׳איז אויסגעטריקנט ס׳אייגענע לײַב ווו אומפּלייט קען זיך נישט וואַרעמען.

דער זעלבער באַמווערק האָט מיט דריקונג דערשפּירט זײַן עלנט. דאָך האָט ער זיך געזעען אַן אַנדערער צווישן דעם המון שמאַטע־אָנגעפּעלצטע שנויפּלערס וואָס שאַרן זיך גאַנצעטשקע טעג איבער די געביי־סקעלעטן. אין זייער ווימלעניש זענען די־אָ ווינציק אַריבערגעוואַקסן דעם באַנעם פון מערעשקעס, האָט ער זיך אומגעריכט געטרייסט. רק זיי זענען אַרײַנגעטאָן

אין ליים און ציגל; רק זיי זוכן ווייל צו געפעלן די באַפעלערס. צונויפגע־קנוילטע אויף די נאַרעס אין די פּריצע אויפדערנאַכטן, נישטערן זיי אָפּט־לעך אין די זעקלעך צוקאָפּנס; בגוואַלד ווילן זיי נאָך אויסגעפינען אַ לעצטן ביסן פונעם איבערבלײַב, וואָס לאַנג צוריק מיטגעבראַכט פון דער היים. פון דעם רוב האָט אומעט געדעוועט אַלע מאָל, ווען זיך געכאַפּט אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו קײַען אָדער צו כלעפּטשען. פון אַלעמען שרײַט אַרויס אַ יאוש־ברום. שפּעטער־אַרײַן האָבן די קוליע־מענער שוין אין גאַנצן אויפ־געהערט צו חלומען פונעם קישלאַק, ווי אָפּגעהאַרעוועטע פערד זיך געוואַל־גערט אין דער פלאַקערנדיקער נויט; „ברויט! קיפּיאַטאָק!" אָדער — „לאָז שלאָפן, שלאָאָאָפן!" אָט וואָס עס האָט אויפגעריסן זייערע האַריקע מײַלער, הגם ס'אייגענע רופן (און ס'שטרעקן זיך צום פּאַיאַק, נאָכן שלוק זודיקן וואַסער) האָבן אַ סך פון זיי שוין נישט דערהערט. פאַרהילכט געווען זייערע געהירן. צוריקגעקערט זיך פון אָוונטלעכן יושקע־געכלעפּטש אין גאַרקיך, זענען זיי אַנידערגעפאַלן אויף די נאַרעס און זיך אָפּגעגעבן דעם צווייפל: „ס'וועט באַלד שוין גאָר נישט זײַן צו קײַען" און אין די קישקעס האָט גע־שפּאַרט די זויערקייט פון אַלע שוין אויפגעגעסענע יושקעס. „שלאָפן", האָבן טייל זיך געצויגן צום געלעגער, שוואַך זיך אונטערגעגעבן דער תשוקה צו פאַרגעסנקייט. שלאָפע זענען אויף די נאַרעס אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן לעצטן האַרטן שלאָף. שליטנס האָבן זיי דערנאָך אויף גיך אַרויסגע־פירט פון די זעמליאַנקעס. „האַ, ווו איז אַהינגעקומען דזשוסופּ?" — האָבן שפּעטער געפרעגט די איבערגעשראָקענע. — שוין נישטאָ אויך קאַדיר! — האָט עמעץ אַ פּאַטש געטאָן אין די האַרטע דלאָניעס— ערשט בײַ נאַכט האָט דער אַלקאַלדע געפּרעפּלט: „אַהיים ברענג מיך, דזשאַלדאַס. די היימישע וועלן נישט וויסן ווו ס'איז געפּגרט דער קבר פאַר זייער אומגליקלעכן!"

— אָרעמער קאַדיר! — האָט ווער בגנבה, ווײַל אומזיכער צי ס'הערט עס נישט עמעץ, טיף אויסגעזיפצט און געקוועטשט מיט די אויגן, פון וועל־כע עס האָבן אַ גאָס געטאָן שטראָמען טרערן.

— ס'מויל פאַרשטאָפּ, דו...! נאָר נישט קיין פּאַניק, געהעעעע־עעערט?!

סיביר שפּרייט זיך האַמעטנע, טונקלט איבער שנייען און זי בעפּלט זיך, פינצטערט אין זאַווערוכעס.

3

דער זינגענדיקער פראָסט רײַסט שטיקער פון די פרעמדע וואָס זענען אַהער פאַרוואָרפן געוואָרן: וועמענס אַ נאָז, אַן אויער, אַ פוס איז געפאַלן

אין דער שפּיל מיטן דרויסן און זיי מאַטערן, די אברים, פּוילן. אָבער דער דרויסן הערט נישט אויף אויך צו מיניען פאַרן אויג; אין דעם צעגלעקלט זיך גאָר די אויסגעשאַרפטע שטיל־זינגעוודיקע לופט. דאָס וויגט זיך גע־שווינד אַ שליטעלע, אַ שווימעדיקס אויף אַ צעפּאַרעטער פערדן־פעל וואָס טראָגט אָן אַ פּאַרטייזישן שרה אין אַ לאַנגער פוטערנער שובע און דין געוואַלקעוועטע וויסינקע וואַלענקעס. היינט איז אַ זאַווייע. זי שווילט אָן די פונאַנדערגעצויגענע שטילקייט, פאַרשיט מיט שניי די וואָס טוען אויף די רושטאָוואַניעס, בייגן זיך איבער גריבער; דער שניי־שטורעם פּאַטשט נאָס איבער די באַקן־פּעמפּישקעס וואָס קוקן אַרויס פון די אַראָפּ־געלאָזענע היטל־לאַפּן. די זאַווערוכע שפּינט זיך אַריין אין מוטנעם טאָג, פאַרליאַפּעט די ראיה. די געבייען אין צעוויכערטן פעלד רינען אויס אין מטושטעשקייט, מענטשלעכע קולות צעברעקלען זיך, באַמבלען איבער אומ־געזעענע תהומען. סיי ווי — די מילך־ווייסקייט פון דער טעריטאָריע הערט נישט אויף צו פאַרטונקלען דאָס געמיט פון די וואָס באַוועגן זיך אין אָט־דער אומגעהייערישקייט. מער ווי אַלע מאָל איז פאַרן באַטאַליאָן היינט שאַרפער דער הונגער, אָבער פּונקט ווי נעכטן, איינערנעכטן איז גרויליק, ברענענדיק די קעלט. עס שטעכט אין די פינגער, באַלד נעמען זיי גליען. די קעלט נעמט דורך די ביינער, פון דעסטוועגן ווערט נישט אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין דער דאָזיקער סיקנדיקער, צו מאָל פּיינפנדיקער ליידיקייט; די מויערן וואַקסן שוין אין דער הייך אַרויף, בעת די זעמליאַנקעס פון די בויערס זינקען אַריין טיפער אין דער ערד, אין דער טונקלשיין פון לאָמפּ, וואָס לייכט אַ גאַנצן קיילעכיקן מעת־לעת. די שמאָל־בלעכערנע קוימענד־לעך וואָס שפּאַרן אַרויס פון די אונטערערדישע קאַזאַרמעס זעענען אויפן שנייפעלד סאַזשע־פאַרוואַקסן; זיי זעען אויס ווי אויסטערליש פאַרדאַרטעביימלעך וואָס לאָזן אַרויס שוואַרצע סאַמעט־שוואָמען, בעת אונטן, אין די באַראַקן, דרייט זיך זייער רויך אַ פלאַטשיק צעפּלאָסענער, ער עסט זיך איין אין די אויגן, לייגט זיך אָן אין די פּנים־קנייטשן, אויף די שלאַבעריקע העלדזער. אויף דער שטרענג־אַרומגעצוימטער טעריטאָריע קומט אויס אַז אין אירע אינגעווײדן פּליסט אַ טזכלע לעבלעכקייט און אויבן —אויף איר ווייס־אָנגעגליטן ווי בלעך־פאַרשטייפטן פליין שיט אַ שניי, ס'חלומט דער שניי לאַנג, קאַפּריז; אינעם טויער פון טאָג פירט ער אַריין דעם פאַר נאַכט באַלד אין דער פרי און זיין בלינצנדיקע פאַרקוקטקייט בלייבט הענגען אַקעגן די רויע ווענט, שטוינענדיקע אויף די כמאַרעס וואָס קריכן זיי איבער די

אַקסלען. אָוונט וועט גיך פֿאַרשלינגען דעם טאָג און פֿײַכטער גליוועך וועט דעם שניי־שיט אײַנקײַען אויף די יאַסלעס פֿון מידן הימל. מיד־אַלט איז דער גאַנצער קאַנט. אָפּט מאָל בלײַבט דער קרענקלעכער הימל הענגען צווישן דעם דויערנדיקן פֿאַר נאַכט און אַ געבערנדיקן נײַעם געוויטער. שאָטנס לאָזן זיך אַראָפּ איבערן שניי, דער שניי טיקט זיך און ווו־נישט־ווו בלענדט ער אויף אַ קורצפּיסיקן בלישטש.

שוואַכזעוודיק ווערט די ווײַטקייט וואָס שפּרייט זיך אָט אָ דאָ און זי שטאַרט איבערן שניי. בלויז אַ קראָ אין ראַפּטעמדיקן געשוועב גיט אַ באַוועג דעם מרחק און פֿון טאָג אַרויס שטאַרצט שפּיציק איר קראַקרראַאַאַאַאַ:

„אַ שטאָט צי גאָר אַ דאָרף פֿאַרלייגט מע דאָ?"

עס ווערט קעלטער, גערינצלטער דער עכאָ פֿון דעם פֿאַרשייטן קראַקן.

נישטיק ווי מילבן הייבן אויף די מענטש־ענלעכע קריכערס זייערע בליקן און זיי באַנעמען גאָר נישט. אַלץ איינס ווי די שטומצונגיקע פֿייגל, וואָס שנײַדן דורך די שטאַרע לופֿט, שטויבען די דאָזיקע אויפֿן אַרום.

— אין אמתן, וואָס׳ט דאָ אַרויסקומען, חבֿר? אָט ציִען זיך שוין מויערן, מויערן, דאָרט גראָבט מע ווידער קאַנאַוועס פֿאַר פֿונדאַמענטן. אפֿשר טאַקע אַ נײַע שטאָט אין געוועזענער טײַגע?

— ווער קען עס וויסן (צוקן אַקסלען), איז נישט שײַך צו פֿרעגן. פֿאַרווערט! „וואָיענגאַיאַ טאַינאַ", אימהדיקער סוד! באַלד ווערט עס אַ ביסן פֿאַר שפּיאָנען. ווינציק האָט דער שונא זיי אַראָפּגעלאָזן אין הינטערלאַנד, אויף פֿאַלשירעמס געוואָרפֿן אַהער אין נאַכט־פֿינצטערניש? אַזעלכע גנבֿענען זיך אַרײַן בײַנאַנד מיט די פֿאַרוווּנדעטע וואָס מ׳קלײַבט צונויף אויף די שלאַכטפֿעלדער. אויך מיט די געפֿאַנגענע וואָס אַנטלויפֿן קלאָמפּערשט פֿון פּלען, ווערן זיי אַרײַנגעשיקט. צו מאָל אין קליידער פֿון פֿויערטעסביעזשענקעס האָבן זיך אַרײַנגעקראָגן „שמעקערס". און זיי שטרויכלען דעם גוטן מענטש. די־אָ ניוכען ווי אַזוי מירן זיך פֿאַרטיידיקן, מיט וואָס און ווו. אויף אַן אמת געפּערלעך. וואָס שײַך דאָ, איז עס באַשײַמפּערלעך. מ׳האָט שוין געשמועסט (ששש, קיינער הערט נישט?), מ׳עלן האָבן זאַוואָדן. טאַנקן, האַרמאַטן, הויביצן וועט מע מאַכן צו פֿאַרשנײַדן דעם גערמאַן. י ע ב ע פֿאַבריקלעך סטראָיען מיר. דערפֿאַר אַזוי טיף צעקאָפּעט די אײַז־פֿאַרפֿאַנצערטע ערד. פֿאַר דאָס ס׳אײַלעניש, פֿאַרשטאַנען? מ׳פּעסטיקט עס אויף שטאַרקע פֿונדאַמענטן, מיט שווערע אײַזערנע קראָקוועס וואָס נאָר הייב־

מאַשינען קענען זיי רירן פון אָרט. אונדזער דזשאַמאַל איז שוין אַ גאַנצער קענער אין אַזאַ מאַשין. ער עסט אַפילו מיט חברה „איטעער"*. מ'זעט דען נישט? די דעכער וועלן זײַן פון מאַגנעט, וועלן אָפּוואַרפן אַיעדע באָמבע; מ'מאַכט די דעכער דויערעוודיק קעגן פײַער — — נאַ, מיר שמועסן און אַנדערע וויסן בעסער, כי־כיכיכי־כי (ווערט מען אומגעריכט ערנסט). ריכ־טיקער, דזשאָלדאַסן, איז צו קוקן און שווײַגן!

אויגן גיבן זיך אַ פאַרקוועטש, שטערנס פאַרכמאַרען זיך: „צו פיל שוין זיך דערלויבט!" אגב וויל אַזעלכער תיכף זיך צוריקציִען פונעם גע־זעמל, זאָגט: „איז דען נישט אַלץ איינס? מירן טאָן וואָס מ'הייסט!" אָבער דער יצר־הרע אַרויסצושטעלן זיך ווי אַ ווײַסער גיט דאָך אַ צי עמעצנס אַ צונג:

— סתם גערעדט! אַז אָקערשט שמועסט מע שוין פון אַ זאַוואָד פאַר עראָפּלאַנען, גוואַלטאָוונע אַזעלכע וואָס וועלן פרעסן דעם העכסטן שטח פון די הימלען, וועלן ברענגען אַ מפּלה פאַרן שונא. אין זײַן פאַרשאָלטענער היים אַרײַן וועלן פאַרגיין די שטאָלענע בערקוטן, אים דערלאַנגען פײַער צו קײַען. זאָל ער דערשפּירן, דער ברוטאַלער. ר'האָט נישט קיין אײַנזעעניש אַפילו פאַר קינדער, פאַר אַ זקן. דער גערמאַן שיסט סאָוועטישע סאָלדאַטן וואָס פאַלן אַרײַן אין זײַנע לאַפּעס, בגוואַלד באַשלאָפן די גערמאַנצעס סאָל־דאַטישע ווײַבער און טעכטער אונדזערע. או־או־וווו, דער מיִאוסער פאַר־חזירט שטעט און דערפער, ווו ער קומט נאָר הענגט ער מענטשן, רצחנט. אַ־אַאַ, ער קריכט שוין צו די סטעפּעס פון קאַזאַקסטאַן, פון קירגיז. ווי דער היישעריק זענען זיי פיל, פיל. אַ פאָלק פון בלוטגיריקע, דער פאַשיסט. דערשפּירן דעם ריח פון בלוט, נעמט זיי אָן מער גלוסטונג צו הרגענען אומאייגענע, די טײַוולשע זין! ווי די טיגערס זענען זיי ווילד. אַ בוינע גע־מאַכט פון פרעמדן לאַנד.

עס רעוועז העלדזער, צעצונדענע אויגן שפּריצן פונקען: ש ד י ם ! אויך אין אָוונטלעכן לאַנגווײַל פון אונטערערדישן באַראַק איז דאָס דײַטשע בייז שטענדיק „אויפן טיש". פון די היטלערישע פאַרכאַפּערס איז געקומען די סיבה פון זייער נויט, די סיבירער פאַרשיקונג. נעמלעכס זאָגן די רעד־נערס וואָס קומען צו די פאַרזאַמלונגען; דער ראַדיאָ וואָס הערט זיך פון אַן אויסגעבויגענעם טעלער אין דער סומנער עסהאַלע, זשגייעט אויך אַזוי

---

* אינזשיניעריש־טעכנישע אַרבעטערס.

מיטן אײַזערנעם מויל — „דער גערמאַן, דער פּאַרכאַפּער, דער שלאַנג און... אַרבעט, אַרבעט איז דער שטאַרקסטער וואָפן פון פאָלק, וואָס מ'איז אים באַפאַלן".

דער קאָמבאַט יעמעליאַנאָוו מיטן רויטלעך שמאָלן פּנים פון אַן אָפּגע־שטאַנענעם פיש, האָט עס מער אויסגעטײַטשט אין זײַן פאַרטראַכטן טראַט וואָס געשטעלט איבער דער אומגעהייערער, לאַנגער אוּונטלעכער הילצער־נער גאָרקיך:

— אַרבעטן? נישט בלויז דאָס. נישט גענוג פאַרשטאַנען, רעביאַטאַ! * אַרבעטן איז שטאַרק וויכטיק. ס'איז אונדזער ברויט, אויך אונדזער טאַנק צו צעשמעטערן דעם פײַנד. דער פונדאַמענט אָבער, דער סאַמע עיקר — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע— איז דאָס אויסדויערן ביזן סוף, דאָס איבערדויערן, דזשאָלדאַסן, — און גערדריקט אויפן וואָרט, פון ס'נײַ געוואָלט זיך אָפּשטעלן, קוקן אין די פּנימער אַרײַן פון די מיטגייענדיקע. — די צײַט איז נישט קיין געוויינטלעכע — אָט וואָס עס איז נייטיק צו גע־דענקען! יאָ, יאָ, — און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פאַרקווועטשט זײַנע קליינע אויגן אין קלאָמפּערשטער פאַרטראַכטקייט און שוין איינער אַליין אַוועקגעשפּאַנט אין דער טיף פון דער סטאָלאָווע, ווו די טונקלקייט שטייט שווער צונויפגעהאָרבעט אין אויפדערנאַכטיקן פריר.

די לײַט וואָס האָבן ערשט געהאַט אַרומגערינגלט דעם קאָמאַנדיר מיט געפרעג און חסד־זוכעניש, האָבן מיט אַ מאָל זיך צוריקגעצויגן מחמת אָפּשײַ פאַרן סאַמע עלטסטן פון באַטאַליאָן. געבליבן שטיין, האַסטיק אָפּ־געשוויגן, אָבער מיט פּאַראיבל אין האַרצן. ווער ס'האָט זיך משער געווען אַז ד ע ר וויל זיך ערשט אַרויסקריגן פונעם קאַלטן שײַער, וואָס איז זייער משטיינס געזאָגטע סאַליע. „אַזוינע וואַזשנע פּרײַנטלען זיך נישט מיט פּראָסטע. ד אָ ס האַרעוועט נישט אין קרירה; ד אָ ס פּרעסט גוט, האָט סײַ פעטס, סײַ פלייש און זשלאָקעט בראָנפן. ער באַדאַרף ערגעץ אַוועקגיין. ווי פּלוצלינג זיך דערמאָנט. נאָר אַזעלכע האָבן זיך ווו אויסצובאַהאַלטן פון דער קאַלעמוטנעקייט וואָס קלײַבט זיך אָקערשט אַרײַן אויף דער טע־ריטאָריע. פוי, די פּריצימלעך!" בײַ עמעצן האָט זיך אַ הייב געטאָן ראַפּ־טעמדיקער האַס צום עלטסטן וואָס איז משוגע זאַט. ס'האָט געטראָפן אַז אַזאַ נשתוממדיקער סאָלדאַט האָט זיך אומגעריכט טרויעריקלעך צעזונגען

* קינדער.

אין וויסטער בענקשאַפט. אַנדערע האָבן גענומען שלאַבעריק טאַפּן אַ וועג אַהיים — דורך געדיכטער פינצטערניש.

ס'אַ מורא מיטן אומעט וואָס צעלייגט זיך איבער דער אַרומגעצוימטער ליידיקייט. לענגער ווי תמיד זענען געוואָרן די נעכט וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויפן באַטאַליאָן, דעם צעשטיקלטן אויף זעמליאַנקעס און אין זיי נעפּלט זיך אַן אָנגעטשאַדעט פלעמל.

4

האַרב איז דער באַטאַליאָנער טאָג, האַרבער — די הונגעריקע קעלט וואָס יאָגט זיך נאָך שמואל בוימווערקן, דעם סאָלדאַט פון מאַיאָר יעמעליאַנאָווס פאָרמאַציע פון צונויפגעטריבענע קנעכט. ווי אַ סך פונעם באַטאַליאָן האָט שמואל אַ לאָפּעטע אין די הענט, ווי אַלע האָט ער אַ בלעכן קעסעלע פאַרן נעבעכדיקן געקעכטס וואָס מ'טיילט אויס אין האַלבן טאָג און דאָס איז אויך די כלי פאַרן קיפּיאַטאָק וואָס מ'זידט אויף אין פאַרטאָגיקן און אויפדערנאַכטיקן באַראַק. פונעם הונגער איז זיך נישט אָפּצויאָגן. ס'נאָגעניש אין די געדערעם וואַסערט אָן שמואלעקן אין האַלדז. פון הונגער פאַרקראַמפּן זיך זײַנע קישקעס. ווי אַ קללה שנײַדט אים די האַרטע שפּירונג אַז ער עסט זיך קיין מאָל נישט אָן צו דער זעט און דערפון גליווערט אים אײַן אַן אומאָפּטרעטלעכע קעלט. שוין חדשים ווי ער קען זיך נישט דערוואַרעמען די פיס. ער שפּירט זיי אָנגעדראָלענע, אומאייגענע. ווי אַ סך זײַנס גלײַכן שלעפּט ער זיך מיט דער לאָפּעטע, טוט מיט איר אין זאַמד און קאַלך און דאָך שפּירט ער זיך אַן אַנדערער, געפּאַלענער. ער שטרענגט זיך אָן באַגלײַך מיט די געלהויטיקע, די שווערגופּיקע, אָבער אָפטער ווערן זײַנע הענט פאַרשוואַלך, ווונדיק פון דער לאָפּעטע־האַרטקייט. אָפטלעך פאַלט די שופלע צו זײַנע שטיוולדיקע פיס וואָס זענען פאַרוויקלט אויך מיט שטיינער זאַק. די אַרבעט גייט זיך ניט דעם באַיעץ * באַמווערק. די קעלטן מוטשען אים און דער פאַרצערנדיקער הונגער האַקט אונטער זײַנע קני. הפּנים דערפאַר רעדט מען אַזוי פיל אומפאַרשטאַנדיקס אים אין די אויגן, אַנדערע שטשירען אויף אים זייערע צעפּוילטע ציין. „מסתמא זשיד״, — טראַכט ער. דערפאַר דאָס היקען פון בריגאַדיר און דאָס עזותדיקע לאַכן פון טייל פויערן אין די ברייטע פוקסענע היט און גראָב־געוואַנטענע טיפּע קאַפּלען וואָס באַהאַלטן אויס זייערע באַוואַקסענע פּרצופים.

* סאָלדאַט.

שמואלן געפעלן נישט די מינעס פון די פרעסערס און חונפים צווישן די וואָס ווילן זיך אָנזען אין דער מחנה. „בריגאַדיר דזשאָלדאַס״* — קריכן זיי פון דער הויט צו שמייכלען דעם פירער פון זייער גרופע; „טאָוואַריש קאָמבאַט״**, דרייען זיך לײַט פאַר דעם וואָס אין שענסטן שינעל. זיי שפּאַלטן די אייגענע הילצערנע צינגער אין הכנעה.

— שלאַנגען! — ציטערט בוימווערק פון אויפרעגונג. אין נאָגנדיקער שוואַכקייט צעבײַסט ער זיך דאָס מויל כדי נישט אויסצושרײַען דעם כעס אויף זיך און אויף דער וועלט וואָס שטעלט אים אויס אויף ביטערע נסיונות. אָבער סײַ ווי שפּירט סאַמואיל בוימווערק אַז ער איז דער הינטערשטעליקסטער סאָלדאַט פון סיבירער אַרבעט־באַטאַליאָן. איטלעכער איז יאַקאָש רירעוודיק, האָט מער כוח; ער איינער איז געשלאָגן פון תמידן געדענקען די היים און פון טראַכטן ווער ער איז — דערפאַר מסתמא אויך די אויסגעדייוערטקייט פון זײַן קערפּער. „ס׳איז דאָך טיף דער חילוק צווישן זיי און אונדז; צופיל געשלאָגן פון איידלקייטן איז דער ייִד און ס׳ברענט אים צו שטאַרק די שנאה פונעם אַרום. דערפון די אָקערשטיקע ענגשאַפט זײַנע אין דעם ים פון רויע תאוות״. נאָך מער טוט אים וויי די אויסדאַכטעניש אַז אין קיין שום באַטאַליאָן האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט אַזאַ ווי ער, אַזאַ שוואַכער מאָגן נישט צו קענען פאַרדייען דאָס סיביר. ער זעט טאַקע נישט די אַנדערע באַטאַליאָנען, אָבער ער פילט זיי ווייטיקלעך. פון אומעטום האָט מע צונויפגעשאַרט מענטשן־שפּענער פון דער וועלט, וואָס דער שד האָט זי אונטערגעהאַקט מיט צאָרן. מ׳האָט נאָר אַלעמען צעטיילט אויף שטרעקעס; די מיט פּײַן אָנגעצונדענע חללס וואָס צווישן די לאַגערן הודזשען, אַקוראַט ס׳לעבן וואָלט צו זיי נאָך נישט אַרײַנגעלאָזן געוואָרן — כאָטש אַזוי פיל מענטשן שלייען זיך דאָ אַרום, קניִען פאַר פײַער־שײַטערס, גליִען צום שטיקעלע ברויט. די זריִעה פון אַ האַרט לעבן ווערט נאָר וואָס געוואָרפן אויפן שטייניקן באָדן. אַפילו פאַרן אויפגיין פון אַ בליִעכץ־בלימעלע איז נאָך נישטאָ קיין שײַן, כאָטש אַנדערע נייגן זיך באַצײַטנס צום נישטפאַראַנענעם. צו שטאַרק שפּירט זיך נאָך דער טערפּקע ריח פון פּריש אויסגעהאַקטן וואַלד און פון רויקייט וואָס אין תוהו ובוהו. שיטער שטייען די נײַענקע אומעטיקע באַראַקן, ערשט געגראָבענע ברונעמס, די פאַרלייגטע אַדמיניסטראַציעס מיט זייערע שפּײַכלערס, די אָנגעמויערטע גרויסע צי־

---

* חבר בריגאַדיר; ** חבר קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן.

גלנע קיכן און פּוסטלעכע שײַערס מיט פּויעריש־צונויפגעקלאַפּטע טישן, צוזאַמענגעטשווּעקעוועטע לאַנגע בענק — עסהאַלעס פאַר המונים.

אָפּגעוואָרפן פון אײנאַנדער אויף קילאָמעטערס סטאַציאָנירן די באַזונדערע באַטאַליאָנען און אַנטקעגן זיי אונטערן אײַזהימל אומערט שמואל קראָשניעוויצער וואָס פון גיהנומדיק פאַרשלונגענעם פּוילן.

„ס׳איז אַן אומגליק צווישן די־אָ! גענומען מענטשן און זיי אויסגעשאָטן ווי ווערעמדיקע אַרבעס אויף טישטעכער פון שניי־פּליין און צו זיי געזאָגט אַזוי צו זאָגן: דאָ וועט איר זײַן. דאָ וועט איר דאַרפן טאָן פאַר די שלאַכט־פעלדער וואָס מיר זענען אַרויפגעשלײַדערט געוואָרן אויף זיי. איר׳ט אויספירן באַפעלן. אַרבעטן, טוען געטרײַ, פּאַאַר־שטאַאַ־אַאַנעען? נישט שטרויכלען דעם חבר וואָס וויל אַרבעטן ערלעך, אויב דיר גופא גלוסט זיך נישט צו גיין אויפן אָרנטלעכן וועג פון דינען דעם פאָטערלאַנד״.

אַן עקבערנדיקער בליק איז אַריבער געגאַנגען איבער דער מחנה ווען זי איז אין פינצטערן באַגינען אין דרויסן אויסגעשטעלט געוואָרן פאַרן „סמאָטר״. ס׳האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן דורכויסיקע גראָקייט, הגם שניי איז געלעגן, פראָסט האָט פאַרקאָרטשעט די ווײַסקייט. דער קאָליר פון שטאַרער קעלט האָט זיך בעלמיש צעוויגט אינעם אַרום; ווי פײַער האָט געשניטן דער פראָסט, אָבער פון דער טעריטאָריע וועסטו נישט אַרויס. דער שטח ליגט אין טויבקייט נישט דורכצובויערן אים. און פאַראַן אַ האַנט וואָס סדרט און בינדט אַלץ אַזוי אַז איין באַטאַליאָן זאָל נישט וויסן פון שכנישן באַטאַליאָן. וואָרן באַגעגענישן צווישן אַזעלכע קענען צעחלומען „דאָס אַלט־וואַרג״ אין בענקעניש צו די היימישע יורטעס *, אָפּלענקען די הענט פון אַרבעט. „נאָר איזאָלירן! ס׳אַזעלכע עלעמענטן, —האָט געטומלט דער נאַטשאַלניק מעדוויעדיעוו אין סיבוואָ ** וואָס האָט די אייבער־השגחה איבער די באַטאַליאָנען. — „ס׳איז מײַן אומבאַדינגטער פּאַראָל: קיין סימן פון פאַמיליאַרישקייט נישט דערלאָזן אין דער אַרמיי פון די אַרבעטנדיקע אונטער מײַן אַפּוטרופּסות״. קלאָר: מען איז נאָכגעקומען מעדוויעדיעוון און אויף דעם דריקט ער תמיד ווען ער זעט דעם קאָמבאַט יעמעליאַנאָוו. „קאָנצענטרירן זיך דורכויס אויף דעם וואָס אונטערגענומען, איז דער געבאָט פון דער פּאַרטיי״, — האָט מעדוועדיעוו דערמאָנט אין שטאַב פון באַטאַליאָן, ווען ער פלעגט אַראָפּקומען אויף אַן אינספּעקציע פון די בויאונגען. „סאָ־

---

* באַוועגלעכע פאַסטעכער־געצעלטן; ** סיבירער קריגס־קרײַז.

ציאַליסטישער בוי, חבר קאָמאַנדיר, איז אַ שריט אין אײַזן־בעטאָן, אַפילו ווען ער איז פֿאַרבונדן מיט קרבנות. נישטאָ קיין סענטימענטן אין קאַמף!״ דער מאַיאָר יעמעליאַנאָוו האָט עס רעכט באַנומען און די אָפּזונדערונג פון גרופּע קעגן גרופּע ווערט שטרענג אָפּגעהיט אין טויזנט איין־און־נײַנציק. אַפילו ווי אַ באַטאַליאָן ווערט געשפּײַזט טאָר נישט וויסן קיין צווייטער. שיקט מען אַ באַטאַליאָן מענטשן אין באָד, וועט אַ שכנישער באַטאַליאָן הײַנט נישט אויסגעפינען בײַ זיך קיין היגיעניש געפּערלעכע סאָלדאַטן. צו מאָל איז פֿאַרוועדט אַזוינס צו דערמאָנען.

— נישט פֿאַרגעסט, —טומלט זיך אויס אַ בריגאַדיר— מירן סאַנק־ציעס קעגן אומגעהאָרכיקע.

— מירן אַרויסטרײַבן אַלעמען אין דרויסן, נישט לאָזן אַ שמעק טאָן צו דער סטאָלאָוואַיאַ. דײַן אַרבעט וועט נישט טאָן קיין אַנדערער, געע־הע־עעעערט?!!

אַזוי האָט זיך אויך געשוימט דער וואָיענקאָם בעת אַ לעקציע מאָראַל פֿאַר די ווידערשפּעניקע.

— אַרבעט איז אונדזער ערנזאַך, —זאָגן איינע און אַנדערע כאַפּן עס אונטער אויף אַ קול. אגב, אַזאַ אייפער איז אַ סגולה פֿאַר אַ צולאָג צום פּאַיאָק.

— פּוילסט זיך, דזשאַלדאַס. נישט שיין. די עלטער איז נאָר אַ תירוץ און שוואַכקייט איז אַן אײַנרעדעניש. אַז ס׳בריט, גייט מען נישט, מ׳לוי־וי־ויפּט!

אַזוי האָבן אין פֿאַרכט שוין גערעדט טייל פּויערן אין די געל־גראָע פּוקסענע היט איבער די נידעריקע שטערנס.

— איך, דזשאַלדאַס, איך? — און אַוועקגעדרייט זיך פון אַ קלאָרן ענטפֿער, געדזשאַמדזשעט מיט די ליפּן. אַנדערע האָבן זיך אָפּגערוקט אין שולדיקן שווײַגן.

„זאָלסט אַפילו נישט טראַכטן פונעם טראַכטעכץ וואָס קריכט אין די געהירן. קענסט זיך נאָך אַרויסכאַפּן מיט עפּעס — צו מאָל אין שלאָף. היט ס׳מויל, אַנישט״... ס׳איז דאָך נישט קיין קרומע זאַך צו האָבן אויף דער נאָרע אַ געטרײַען בײַשלעפּער. מיט אַזוינעם איז מען אויכעט שטאַרקער. צווישן שרײַערס דאַרף מע האָבן אַן אַנגעמער. דאָס וויס שוין שמואל בוימוווערק, אָבער ער קען זיך נישט קונה זײַן אַזאַ חברשאַפט. מ׳דאַרף האָבן מיט וואָס זיך אײַנצוהאַנדלען אַזעלכן. פֿאַראַן אַזוינע וואָס לאָזן זיך צע־

קנײַפּן די געדערעם פון בײַזן הונגער און זיי וואַרפן צו „אַן אייגענעם" אַ שטיק ברויט, אַ מעסטל הירזש וואָס געשיקט פון אַול. געגאַנגען אַנומלט פון באַטאַליאָן אַן עקסטרע שליח אין די היימישע קישלאַקן אַרײַן, האָט ער „אָרגאַניזירט" אַ גרויסן וואָגן מיט זעקלעך, פּעקלעך און קעסטלעך עסנ־וואַרג פאַר די סטעפּלײַט אין סטראָי־באַט*. דזשאָלדאַסן האָבן אויפגעלעבט פון דעם צוגעשיקטן, אָבער אַנדערע וואָס האָבן גאָר נישט באַקומען, זענען געוואָרן טרויעריקער. נישט בלויז הונגער האָט זיך שאַרפער געוועקט אין זיי, נײַערט קנאה האָט זיך צעפלאַקערט. ס׳געוואָרן אַ סכנה פאַר קריגע־רײַען צווישן די נאַרעס. דער האָט באַקומען אַ נײַע האַנט פון פרײַנדשאַפט, קען זיך פאַרשאַפן „אַ בלאַט", איך בין אַ פאַרפאַלענער. אַזעלכער וואָס מ׳שטעקט אים אין יד אַרײַן, ווערט צוגעזאָגטן צום סאַמע שוואַכסטן. אַזאַ כאַפּט זיך צײַטלעך מיט אַ וואָרענונג אַז דו מוזסט זיך היטן. ס׳איז שכלדי־קער אַז מ׳טוט דיר אַ ריס בײַם אויער ווען דו נעמסט רעדן פון שלאָף. אַללאַ זאָל זיך דערבאַרעמען — דער סאָוועט איז אָנגעשפּיצט. ער איז זיך נוקם פאַרן שטילסטן אָנוונק, אויב מ׳שמירט אים נישט מיט האָניק דעם איבערגעפּירטן מאָגן. גענוג מע זאָל צוטראָגן אַן אויסטראַכטעניש אויף דיר.

שמואלן עקבערט אין בלוט דער כלל וואָס איז דאָ צעפּויקט: אין דער האַרעוואַניע מוז מע זײַן אַרײַנגעטאָן. אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן, מחמת די צײַט — געדענק, די צײַט — האָט אונדז געבראַכט דעם שפּאַרבער. מע מוז אויס־דויערן. מעג אַפילו די הויט נעגדזשן פון אײַנגעגעסענעם שוויס, זאָלן די כנים גריזשען, איילן איבערן נאַקן, באַלעסטיקן די פאַרבאַרגנסטע ערטער, אָבער דו שווײַג, — וועט מע נישט לאַכן פון דיר און נישט יאָגן. ס׳איז דער אמתער אמת: דאָס קראַצן מיט די נעגל איז דער איינציקער תענוג וואָס פאַרזיסט די מינוט פון מענטש־זײַן: ווי גוט־וווט! דאָס נאָך פאַר אַ ברואה קען באַנעמען דעם תענוג קראַץ ווען עס בײַסט אַזוי! אגב, די גליקלעכסטע אין דעם תענוג זענען די געלהויטיקע פון די טוכלע זעמליאַנקעס. עס באַדאַרף נאָר קומען די שלווהדיקע מינוט דערצו. אַלע זענען אָנגעפּוישט מיט דער וואָסערדיקער יושקע צי מיטן געמיינעם ברויט. מ׳זיצט מיד אונטערן פאַר־קאָפּטשעטן סופיט, אויך אויף די אונטערשטע פריטשעס הויערט מען; אויף די קעפּ, אויף די פּנימער אַרויף שיט זיך, קרישלט זיך אַראָפּ פון די אייבער־

* בוי־באַטאַליאָן.

שטע געלעגערס כל המיני קויט, אויך קריכיקע שרצים און דאָס באַפּטלעמפּל זייעט שיקלדיק ליכט פונעם באַראַק־ווינקל. דעמאָלט וואַרפן אַלע אַראָפּ פון זיך די גראָב־לײַוונטענע העמדער, נישטערן אין די נעט, אין אַלע פאַלדן, פאַרקרימען זיך גלוסטיק אַלע מאָל, ווען מע געפינט אַן אויסגעפּרעסענע לויז. אַזוינס פירן זיי צו מיט גיריקייט צו די צעעפנטע להוטע ציין. אויף די באַקן געבט אויף אַ גרימאַסע פון חשקות, בעת אַזאַ קריכיקס פּלאַצט ווי אַן אָנגעפּאַמפּעט קישעלע אויפן בולט פאַרסליניעטן געביס פונעם אוזבעק, קירגיז צי טאַדזשיק; זײַנע אויגן לײַכטן ערשט אויף ווען ער פירט אַדורך פאַרן בליק דאָס צעפּלעטשטע פעלעכל. די פאַרקרימטע ליפּן ציטערן אונטער בעת־מעשה מיט זשעדנעקייט: אי־אי־יייי!

שמואל, דער פרעמדער צווישן די פרעמדע אין דעם גרויליקן אַרום, פאַרלירט זיך אַנטקעגן אַט־דער תאווהדיקייט און זײַן דין ווײַס פּנים צינדט זיך שעמעוודיק. טשטאָ, גאָר נישט קיין לײַז דאָ, באַיעץ? — פרעגט אים דער נאָרע־שכן מיט בפירושן באַדויער. יענער לייגט אַרויף אַ בערישע האַנט אויף זײַן אַקסל, גיט דעם ווײַסהויטיקן אַ צי צו זיך, גלײַך ער וואָלט גוט־ברודעריש אים געוואָלט אָנטאָן חשק אויך אַראָפּצוואַרפן פון זיך די טראַנטעס, געניסן פון אַ קאַפּעלע תענוג. אָבער אין אויגנבליק דערשפּירט דער „נאַרישער״ די וויטיקלעכקייט דערפון וואָס זײַן לײַב איז באמת פאַרקראָכן און — ער שווײַגט... קוקט אַן אָפּהענטיקער, ווייסט נישט צו ענטפערן. שמואל ווערט דווקא אין כעס אויף זיך הלמאַי ער איז אַזאַ. מ׳באַדאַרף זיך נישט פאַרלירן צווישן אַזעלכענע. לסוף קערט ער אָפּ דעם בליק פון האָפערדיקן שכן, וועלכער פירט שוין ווידער די פינגער איבער זײַן טראַנטע, אָבער ער אַליין לאָזט אַראָפּ אַ האַנט אין דער הויזן־קעשענע כדי אַ באַהאַלטענעם טרײַב צו טאָן די נעדיזנע וואָס האָט אָקערשט פאַרשפּינט די הויט פון זײַנע שענקלען.

5

איז אַוועק אַנומלט אַן עקסטרע שליח אין די ווײַט צעוואָרפענע קישלאַקן און אַולן פון מידבר; ער איז אַוועקגעפאָרן מיט גרוסן פון די אייגענע אין סיבירער אַרמיי, צו די באַבעס געפירט אַ מונטערנדיק וואָרט און פון זיי געבראַכט אַ פולן וואָגן מיט זעקלעך, פעקלעך עסנוואַרג. זאָלן זיי האָבן אַ לעבעדיקן ציכן פון די ווײַבער, פון די זקנים, די לײַט וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אויף אויסרײַסעניש און נויט.

דער דאָזיקער איז אַוועק אין קאַזאַכישן מידבר און געוועקט די מוחות

פון די פאַרלאָזענע נקבות, פון די זקנים מיט די אויסגעקראָכענע וויִעס, מיט די ציטערדיקע בערדלעך:

— ס'אַלץ אייגענע אין דער סיבירער אַרמיי. ס'אויך אַ געשלעג מיטן פײַנד וואָס קומט פון פאַשיסט... אָ־אָאָאָ, נישט אין פײַער זענען אַנדערע, נישט עראָפּלאַנען פליִען דאָרט. מ'סטראָיעט וויכטיקס, — האָט ער פאַר־צויגן די ברעמען. ס'שטאַרק אַנדערש ווי אין דער היים, אָבער נישקשה. ווי שכנים זענען אַנדערע זיך צונויפגעקומען מיט אַנדערע אויף צו לעשן אַ שריפה וואָס אויפגעפלאַקערט פון לאַנגער זונהיץ. מאַכטיק בושעווען טויטלעכע פלאַמען איבער די אַנסופיקע ברויטפעלדער און איבער די דע־כער פון ראָסייע. דעם שונאס צאָרן האָט אונטערגעצונדן, פאַרשטייסט? דער מלאך פון טויט האָט גענומען קריכן. נישט געוואָרן ברויט אין לאַנד, פאַר־כאַפּט אַ סך סטאַדעס, נישטאָ קיין פלייש. נישטאָ שאָף, נישט קוקורוזן. אוי־אואָו־ווי, נאַקעט איז אַרויס אין פראָסט דער הונגער אויך אין דער קאַלטער סיביר.

נישטאָ וועט עס זאָל אײַנשטילן דעם געשריי פון די ליידיקע געדערעם. אויך פון דאָרט וועט אוועקגעטריבן אַלעמען צום פראָנט און אַ גליק וואָס דער געדמאַן שרעקט זיך אַהין אַרײַנצושטעקן די נאָז. העפטיק ווי בראַנפּן זענען די פרעסט אין סיביר. מ'מוז שטענדיק הייצן אין סיביר. דערפאַר קען מע דאָרט רויק סטראָיען וויכטיקע פאַבריקעס. יאָ, נישטאָ אויך אין סיביר אַקערערס און זייערס, ניט געוואָרן ס'פאָלק, אַוועק אַלע אין אַרמיי, געוואָרן קנאַפּ מיט אַלץ אין לאַנד, אויך גאָר שלעכט מיט עסנוואַרג. אַז די פעלדער ליגן פאַרלאָזענע! יאָ, גאָר קנאַפּ געוואָרן מיט פלייש. קאַרג דאָרט די זון און קורץ דזיִערעוודיק די וואַרעמקייט פון זומער וואָס איז דאָס זויערס פאַרן וואַקסן. קאַרג עסן צו באַקומען אין סיביר און ערשט טאָר מע נישט אָפּ־טרעטן פאַרן טײַוול וואָס וויל אונדז אויסצערן. דער נביא קען זיך מער דערצערענען, אויב מע וועט נענטער דערלאָזן דעם פאַרשאָלטענעם פײַנד.

מיט גרויסן ערנסט האָט דער שליח פאַרטײַטשט ס'גרויסע געקוועל פון די אייגענע, וואָס פאַרוואָרפן אין שרעקיקן סיביר. ווײַבער האָבן גע־אָכצט און מיט בייניקע, הויט־צעפּלאַצטע הענט ווי סאַקסאַול־צווײַגן* צונויפגעגראַבלט פאַר די אַוועקגעטריבענע מער ברינדזע, טרוקענע פלעצ־לעך לעפּיאָשקי, פאַסן דאַרפלייש, געברוינטע הירזש, בינטלעך טאַבעק־

* אַ מידבר־בוים וואָס וואַקסט אָן בלעטער.

בלעטער און געפּרעסטן גרינעם טיי. מיט גרויס הכנעה געקוקט אויפן גע־קומענעם מאַנצביל וואָס באַוויליקט אַוועקצופירן זייער געטריישאַפט־סימן צום אַלטן אין דער אומרחמנותדיקער וויַט:

— זאָג מייַנעם, איך וואַרט אויף אים. עס איז אומעטיק אָן באַלעבאָס סײַ דעם ווײַב סײַ דעם קעמל. אַ־אַאַא, ווילדע קעלטן געטראָפן מוקאָן מײַ־נער אין דער שלעכטער פּרעמד! —האָט די אַלטע אַרויסגעכליפּעט מיטן האַר־אָנגעוואָרצלטן געמבעלע.— יונגע פּרויען האָבן פאַרגאָסן טרערן בײַם צוטראָגן צום זאַמלאָרט די טאָרבעס פּראָוויאַנט און אַליין געוואָלט מיטפאָ־רן, באַדאַי גיין צופוס אַ קוק טאָן אויף „אים", מיט די אייגענע אויגן אַרומ־שמעקן איר באַלעבאָס, זען צי ס'איז טאַקע אמת אַז ער איז נאָך בײַם לעבן. וואָרן דער חלום וואָס לויפט אָן מיט די ווינטן פון די שטערן, פירן זי אָפּט־לעך אַוועק אַנדערשוווּ, צום גרוב פון קלאָגעניש. אָך, זי וויל נישט מער באַווײַנען דעם מאַן.

אַלע אין סטעפּ ווייסן זיי אַז דער שד איז אַ ריזיקער, אַ האָרניקער, ר'פאַלט אָן מיט געשאַרפטע שפּיזן; ער קומט אַרויס פון העלישן פײַער וואָס פלאַקערט טאָג און נאַכט. אַהין האָט מע פאַרטריבן די דזשיגיטן און די על־טערע לײַט. עס איז ווי אין אימפּעטיקן געדונער פון די בערג־אָפּהאַנגען וואָס וואַרפט אין שווערן פײַער די הימלען און זיי שפּאַלטן זיך, קראַכן אין חושך.

— געלויבט איז אַללאַ, —האָט איינע פון די ווײַבער זיך באַוואַשן מיט טרערן פון דערלײַכטערונג— וואָס סיביר איז כאָטש נישט בײַם טײַוול אויף דער שפּיז. איר האָט אַ דריק געטאָן אַ ספּאַזם פון בענקעניש צום באַלעבאָס, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן זינט לעצטן זומער. אַציִנד איז שוין טיפער ווינטער און דער מבולבלער מרחק פון געדעכעניש האָט פאַרקלונגען איר געשריי, וואָס קען זיך נישט דערשרײַען צו אים. איר איז ווי אין די נעכט פון גליִיקן חלום.

— ער לעבט, ער וועט קומען צוריק, זאָגסטו? אַ דאַנק דיר, דזשיגיט. זאָג אים אַז ראַכיל וואַרט זײַן צוריקקער. ראַכיל, געדענק דעם נאָמען! — און זי האָט איר רעכטע האַנט צוגעפּירט צו דער לינקער ברוסט. טרערן־גלאַנץ האָט לײַטזעליק געלויכטן אין איר בליק. דאָס ווײַב איז געווען דער־פרייט וואָס איר „פּאָסילקע" צום מאַן איז די גרעסטע פון אַלע שיקונגען אין איר קישלאַק.

אַוודאי, די פּרעס קען ראַטעווען די לײַט פון סטראַי־באַט. אַ שטיק

ברויט, אַ פּאַס געזאַלצן פֿלייש, אַ זשמעניע אוריוק * מיט אַ חניפה אין צולאָג איז עלול אָפּצולענקען אַפילו אַ גזירה. מ׳האָט שוין אַפילו געהערט אויף דער וואָר: אויך פֿון די באַטאַליאָנען שיקט מען אַוועק אין פֿײַער אַרײַן. מ׳קלײַבט צווישן די בויערס, די קאַלכמישערס און מ׳מאַכט זיי פֿאַר שײַערס און דערשאָסענע. דער פֿראָנט מאָנט דערגאַנצונגען און ס׳הינטערלאַנד איז מחויב זיך צוצוהערן צו אָט־די רופֿן. דער שונא שנײַדט די אונדזעריקע און אויך אויף די סאָלדאַטן פֿון די סיבירער בוי־באַטאַליאָנען שווערט דערפֿון די הויט. מ׳מוז זיך היטן נישט צו ווידערשפּעניקן, געדענקען די קאַליקעס וואָס האָדעווען זיך אין סיבירער הינטערלאַנד, דאָס געדענקען די צוגעזונקטע פֿון חטאים קעגן שאַרפֿן געזעץ. מ׳באַדאַרף דערפֿאַר אויך אין סיבירער העק וויסן „מיט ווען צו זײַן גוט״ און קודם צו זײַן געהיט מיטן טראַכטן. ווײַל ס׳טראַכטן איז אַלע מאָל אַ פֿאַרבאָרגענע שריפֿה וואָס מוז אויסברעכן אויף דרויסן. אומגעריכט קען מען אויסשרײַען ס׳געדאַכטע, אויב מ׳לײַדט אַן עוולה. די פּרעס אָדער אַ גלאָז סאַמאָגאָן איז אַ גוטע האַנט פֿאַר אַ בייזן טראַף. אַזוינער וואָס קריגט ע פּ ע ס, ווערט באַלד אַ פֿרײַנד; אַזעלכער גיט אַ צופּ אין אָרעם ווען דער שלאָף הינקט אַרײַן אין פֿעלד ווו נאַראָנים וואַקסן. אַללאַ זאָל זיך דערבאַרעמען! או־או־ווו, דער יאָך, ווי ער דריקט!

## 6

אײַנגעמידט פֿון לאַנגן וועג, מיט ווײַס־פֿאַרפּרוירענע וואָנצעס האָט דער באַטאַליאָן־שליח זיך צוריקגעקערט פֿון די אַולן און קישלאַקן אין קאַראַגאַנדינער קאַנט. ס׳איז געווען דער ערשטער באַריר פֿון „טויזנט איין און בײַנציק״ מיטן ווײַטן דרויסן, וואָס אַריבער דעם הויכן פּאַרקאַן, וואָס גולמט איבערן וויסטן שטח. דערנאָך וועלן גיין שטאַפּעטן אין אַנדערע געגנטן, פֿון וואַנעט מ׳האָט גענומען די באָיצעס. שפּעטער וועט מע שיקן שליחים צום קאַספּי, אין קאַראַ קום, יאָ, אויך אין דער הויפּטשטאָט, —האָט מע פֿאַרזיכערט די פֿאַרהונגערטע און אויסגעבענקטע מאַנצבילן. ווי אַ גלוסטיקער פּרישער ווינט פֿאַרן דערהיצטן גייער איז אַזאַ גרוס פֿון דער היים. „נאָר געלאַסן, אָן געליאַרעם, דזשאָלדאַסן״, — האָט געזאָגט דער קאָמבאַט און די בריגאַדירן האָבן עס נאָכגעזאָגט גרויסהאַלטעריש: אַוודאי, ס׳וועלן גיין אונדזערע מענטשן. אָן טומל, דזשאָלדאַסן!

---

* אַבריקאָסן.

צוזאַמען מיט דזשימולײַעוון האָט אויף דער טעריטאָריע זיך באַוויזן אַ הויך־געלאָדענער פעסטער וואָגן, אָבער קענטיק, ס'איז ניט מיד געווען דער גרוזאָוויק *. ער איז אָנגעפאָרן מיט אַ רעש. כאָטש מיט אַ גרויסער משא אויף זײַן רוקן — און פון באָוואָסיבירסקער וואָקזאַל ביזן לאַגער 1091 איז לגמרי נישט קיין גרינג שטיקל וועג — איז די מאַשין געווען גענוג האָפער־דיק. זי האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אויף דער טעריטאָריע גאָר גאווהדיק. איר מאָטאָר האָט ווילעריש געסאָפּעט און אַרום אָנגעטשאַדעט אַ שטיקנ־דיקן דאַמף: „איך בין דאָ און מײַן בויך איז רעכט אָנגעהייצט”. אויך איר שאָפער האָט זיך געמאַכט וויכטיק:

— אַנו־קאַ, ווילטוערס, —האָט ער באַלד זיך געלאָזט דערקענען— פאַרזאַמט נישט מיך צו באַפרײַען פון אומגעריכטן שטיקל אַרבעט. ס'איז נישט מײַן בראַנזשע צו פירן אַזאַ פּסולת. כ'בין אַ מענטש אַ שטאַרק פאַר־נומענער. — גערעדט און געפּרוווט פּאַוואָליע צו לעשן דעם מאָטאָר, וואָס'ט נאָך אַרויסגעשטויסן קלעמבעס רויכגעשטאַנק.

און אַז אין שטאַב־באַראַק האָט מע זיך נישט גיך געקענט מיישב־זײַן ווער עמען מ'זאָל נעמען צום אָפּלאָדענען דעם וואָגן — ס'דאָך אין מיטן אַר־בעט־טאָג! — האָט דער פאַרשוין אין דער קאַבינע פון לאַסטאויטאָ זיך פריילעך געמאַכט אויפן חשבון פון דער אַרמיי זקנים־פּחדנים וואָס זענען זיך צעלאָפן ווי די האָזן ערגעץ צווישן בוריאַן און שנייען: — אי־איייי, זיי האָבן זיך באַדאָסט, ווען דערפילט דעם ריח פון פּולווער. קנאַקערס אַזעלכע, —האָבן זיך געקנייטשט זײַנע אייגעלעך.— ווי איך וואָלט אַזעלכע אונטער־געבריט די פּיסלעך! בײַ מיר וואָלטן זיי געטאַנצט, —האָט דער אָנטרײַבער געלאָזן לויפן דאָס מויל און בעת־מעשה פראַנטיש גלײַכגעזעצט דאָס אַר־מייסקע פלאַכע מיצעלע אויפן אייגענעם קרעמפּן קאָפּ. נאָר ווער האָט אים געזאָלט הערן? מענטשן פאַרנומענע דאָ. האָט ער דערנאָך זיך שוין צערעדט אויף ערנסט און געקוקט אין דער זײַט פון שטאַבסקן באַראַק; און האָבן לײַט זיך נישט גערירט האָט ער שוין אויפגעהויבן ס'קול:

— היי, פלאָקנשיסערס! איר'ט אַפּערקריכן פון הינטער דעם ווײַבס פערענע? איר וועט דאָך מיר אָנאַרבעטן אַ גדולה בײַם נאַטשאַלניק! יענער וואַרט און איך זיץ זיך דאָ, גע־הע־עערט, חברה?!

---

* לאַסטאויטאָ.

האַסטיק אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר, האָט ער שוין צעפּלאָשעט די פייגל פון זײַן גאָרער אומגעדולדיקייט.

געוואַרט אַ ביסל, ווידער דערמאָנט אָן זיך, דורכגאַנגען זיך אַרויסגע־בויגן פון דער קאַבינע:

— היי, ווו זענט איר, באַלעבאַטים!

ס'איז נישט געווען קיין ברירה: פון קיך האָט מע גראַד נישט געקענט אַוועקנעמען די גרויסמײַסטערס פון מישן אין די קעסלען, וואָס האָבן גע־קוואַקשטעט אויף גיהנומדיקע פײַערן; אַקוראַט האָבן פּאַר אַ מאָל אויך גע־סיקעט עטלעכע פאַנען. „ס'וועט פאַרברענט ווערן דאָס מיטאָג, ס'וועט חלילה אַוועקחלשן די אַרמיי די גאַנצע", —האָט אַ פאַרשוויצטער זיך פאַרענט־פערט דער קיכער אַבוגײַעוו און מיט געשריי און גרויס פאַרטועניקייט האָבן דערין אים צוגעהאָלפן זײַנע צעפּלאָמטע געזעלן, אויך די ווײַבערישע אַרויס־העלפערנס. אַלע בײַנאַנד האָבן געליאַרעמט:

— ניעלזיאַ! מ'טאָר נישט געטרויען דעם פײַער. מיר ווילן נישט גע־מישפּט ווערן איבער עמעצנס אַ קאַפּריז. ווען מען ס'גלוסט זיך טומלען, זאָל ער טומלען, ריידן צו די כמאַרעס. מיר רירן זיך נישט אָן באַפעל פון קאָמ־באַט. ניעט דאַ ניעט!

עס האָט זיך צעקלונגען אַ כאָר אַזאַ. דער שטאַבשרײַבער איז אַ פּאָר מאָל אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער, פון וואַנען ר'האָט זיך צוגעהערט צום געליאַרעם און איז אַוועק ווי אַ קאַץ פון מויזנלאָך. נישט געווען לסוף קיין אַנדער ברירה, האָט במחילה דער שטאַבשרײַבער גאַוואַראָוו מיט זײַן כבוד און דזשימולײַעוו דער שליח אַליין זיך מטריח געווען אָפּצולייזיקן דעם וואָגן פון די זעקלעך־פעקלעך, אַבי צו פּטרן דעם שרײַער פונעם גרוזאָוויק.

— מירן זיך נעמען פאַר דעם? — האָט גאַוואַראָוו אַ ביסל שעמעוודיק, לעפּיש זיך אַ דריי געטאָן פאַרן קאַזאַך.

— וואָס טאָן, אויב דער גוואַלדעוועט? — איז געווען דזשימולײַעוו ענטפער. — איז לאָמיר, דזשאַלדאַס שטאַבשרײַבער.

מיטן שטאַרק אונטערגעפּאַשעטן הינטן איז גאַוואַראָוו אַרויפגעקראָכן אויבן און דזשימולײַעוו איז געבליבן שטיין אונטן; איינער האָט פון דער הייך געוואָרפן אַ געבינדעכץ אַ טונקלס, אַ שווערס, דער אַנדערער האָט עס אונטערגעכאַפּט. אַ, אַ־אַאַ! האָט דער אונטן זיך אָפּגערופן און ביידע זענען אין גיכן געשטאַנען דעריאַכמערטע אַנטקעגן דער וואַקסנדיקער אָנהויפונג פון די זעקלעך און קעסטלעך. איטלעך מאָל האָט דער קאַזאַך קרומאויגיק

פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויף אַרויף, אויסגעקוקט אַז דער שטאַבניק זאָל דער־זען זײַנע הויך אויסגעשטרעקטע הענט, אַ צייכן פֿאַר דעם אויפֿן וואָגן, ר׳זאָל אים ווידער אַראָפּדערלאַנגען אַ בינטל משא:

— דאַוואַי, ברודערקע! — האָט דזשימולײַעוו געררופֿן אַ באַנומענער, אין מורא פֿאַר אַ צו שווערער לאַסט, וואָס קען זיך אַראָפּלאָזן אויף אים פּונעם לאַסטאויטאָ.

— אַ נו, כאַפּ, — איז גאָוואָראָוו געווען געגייגט צו קאַטאָוועסן, אָבער מיט זײַן גאַנצן פֿליישיקן פּנים האָט אויך ער געציטערט איבער אַ גרעסערן קאַסטן וואָס איז אים אונטערגעקומען. ער׳ט זיך באַהויבן מיט יעדער לאַסט, זיך אָנגעשטרענגט זי אַ קאַטשע צו טאָן אויף אַראָפּ.

— געלאַסן, וועסט מיך צעקוועטשן! —האָט דער וואָס אונטן אויף אַן אמת מורא געקראָגן.

— נישקשה, וועט מע האָבן קרעפּלעך צום מיטאָג. האָסט שוין גע־געסן ריכטיקע פּיראָזשקעס, קאַזאַך? — האָט דער פּאָניע שוין אין שוייס זיך צעקייכט איבערן קראַבאַנזש פֿון דעם הויכן אויטאָ־וואָגן אין זײַנע אויגן־קנעפּלעך האָבן זיך שפּיציק צעבלישטשעט. — סײַ ווי וועט נישט סטײַען פֿאַרן לאַנגן ווינטער דאָס קרויט וואָס דאַרף אונדז קאָרמענען, — און ווידער געלאַכט מיט די באַקן און מיטן אָנגעבלאָזענעם בויך. — שווער הײַנטיקע צײַטן מיט פֿערדנפֿלייש, וועט דער באַטאַליאָן כאַטש איין מאָל זיך דערקוויקן מיט אַ גוט געזאָטענער קליאַטשע. וואָס זאָגסטו, בראַטאָק? וועסט נישט זשאַלעווען, גלייב איך, פֿאַר אַלע אייגענע, — האָט גאָוואָראָוו אים נאָך צוגעשפּילט און אַן אָנגעשטאָפּטער שמאָלער זאַק איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אויף אַ ריפּ פּונעם וואָגן־געשטעל. גאָוואָראָוס הענט האָבן לאַנג זיך געטרייסלט פֿון קייכן און נישט געקענט אַראָפּלאָזן דעם זאַק.

— קאָמעדיאַנטשיקעס, זעט נאָר ווי דאָס שפּרינגט, ווי זיי שלינגען די זעק, די וויגן מיט פּיש! איר וועט מיך נאָך אַרויסלאָזן הײַנט, איר... גררוי־וויויססע אַרבעטערס?!

נישט ווו, נישט ווען האָט דער שאָפֿער צוגעוואָרפֿן די „גרויסע אַרבעטערס" אַ פּאָר העזהדיקע ווערטער, אָבער אַליין זיך נישט אָוועק־געריסן פֿון טרײַבערעדל; ראַפּטעם האָט ער זיך נאָר אַרויסגעכאַפּט מיט גע־מאַכטן כעס:

— איר דערהרגעט דאָך מיך מיט אײַער סכנותדיקן געאיילן! סטאַכאַ־נאָוועצעס וואָס איר זײַט. נאָר אַ מעדאַל אײַך דערלאַנגען מיט טיפֿן רעס־

פעקט. טוט אַ טובה! —ענדערט ער גיך דעם טאָן— און באַפרײַט מיך. ווי איז אײַך נישט סאָוועסטנע? מײַן ווײַב וועט דאָך פון מיר אַנטלױפֿן, אויב כ׳קום נישט אַהיים אין צײַט, און דער נאַטשאַלניק — ער גייט אויס נאָך מיר!

דער דעררייטלטער אַנטרײַבער פון גרוזאָוויק צעקריכט זיך פון פלוצלינגן געלעכטער; עס פּלאַצט אַרויס מיט אַ שפּריץ אי פון זײַנע פעטע ליפּן, אי פון די אויגן, אַזש בײַ ביידע אַרבעטערס אויפן וואָגן און נעבן וואָגן לאָזן זיך אַראָפּ די הענט ווי אין אַן אומגעריכטער געליימטקייט.

דער ערשטער קומט צו זיך דער שטאָבשרײַבער. אים וואַרפט שוין אין נכפּה.

— גערעכט דער, — זאָגט ער. דאָרט וועט מע טאַקע באַלד פּרעסן, און מיר — —

דערנאָך שרײַט ער זיך אויס אין אמתן צאָרן, גאָוואָראָוו:

— אַ סוף, דו, העעעערסט!

ער בייגט זיך אַראָפּ צו דזשימולײַעוון אין בפירושער פאַרצווייפלונג און דעם קאַזאַך נעמען אָפּ די כוחות, אַזש ער לאָזט שיער־שיער נישט אַראָפּ אַ שווערן זאַק אויף די אייגענע פיס אַרויף.

— ניע מאָגו, — שאָקלט אויך מיטן קאָפּ דער וואָס אין דער הייך. ער וויל באַלד זיך אַראָפּזעצן אין קלאָמפּערשטער אָנמאַכט.

— דערבאַרעם זיך, —שרײַט דער פון דער קאַבינע— וועסט שפּע־טער פגרן. מיך לאָז נאָר גיכער אַרויס. כ׳וועל פאַרלירן מײַן מיטאָג, הינ־טישע זין!

דער פאַרשוין ווערט בייז שוין אָן קאַטאָוועס. ר׳באַוויײַזט עס מיטן דערצונדענעם פּרצוף וואָס ער שטעלט אַרויס פון קאַבינע־פענצטערל, זײַן מויל וואַרפט זיך אין קאָנוולסיע. די אָפּלאָדערס דערשפּירן דאָס ווי אַ סכנה און קילן זיך אָפּ: ס׳שלעכט מיט אַזוינעם, און די הענט ווערן בײַ זיי מבולבל, אָבער נעמען פון דעסטוועגן אײַליק אויסליידיקן דעם וואָגן, כאָטש גיין גייט עס אומגעלומפּערט. די פּעקלעך פלאָנטערן זיך אין זייערע דלאָ־ניעס, ס׳גליטשן זיך שלאָבעריק אַראָפּ די זעק, עס פאַרטשעפּען זיך אין דער לופטן שווערינקע קעסטלעך.

— נאָ, — שרײַט אַראָפּ דער פון דער הייך און זײַן האַלדז נעמט שוויצן.

— איך האַלט, לאָז אַראָפּ, דו! — גיסן זיך איבער די אויגן בײַם קאַזאַך און זיי קוקן שוין מיט געבעט.

— כ׳האָב נישט מער ווי צוויי הענט. זעסט דען נישט ווי כ׳האָב זיך דערוואָרעמט? או, אַזעלכע זעק אָנגעוואַליעט, די צעפּאָרענע נקבות — זידלט זיך דער קאַזאַך און די משאות, שפּירט ער, ציִען אים אַראָפּ צו דער ערד.

...די „פּאַסילקעס" האָבן ביזן לעצטן זיך אַראָפּגעלאָזן צופוסנס דעם פאַרסאַרגעטן וואָגן, געשפּרייט זיך אויפן טונקל־אײַנגעפּרוירענעם שניי. עס האָט געגענט די מיטאָג־שעה. מיט בלעכערנעם געקלימפּער איז דער באַטאַליאָן אָנגעקומען פון די טזכלע געבייען, פון די קאַלכגריבער און זאַמדקופּעס, אָבער דאָס עסן איז קיינעם נישט געקראָכן אין האַלדז אַרײַן. פונעם נײַעם האַרמידער האָט אַ שמעק געטאָן מיט ווידערגעקערטער היים, וועלכע האָט זיך אָנגעשטאָפּלט אין די ריחות פון די פאַרבונדענע פּעק און צוזאַמענגעטשוועקעוועטע קעסטלעך, אָנגעוואַלגערטע פון דעם אַנט־רינענעם היוכן לאַסטוואָגן. לײַט האָבן עס פון ווײַטנס אַרומגעניוכעט מיט די אויגן און דער „קאָפּ איז זיי געווען אין דרויסן". די בריגאַדירן האָבן געהאַט אַ געטועכץ מיט זייערע גרופּעס, מער ווי אַן אַנדערש מאָל זיי געהאַלטן שטרענג אין גאַרקיך.

— עסט, — האָבן זיי געמינטערט די אומרויִקע, געטריבן זיי צום רזיי־ברעטערנעם טיש — דערנאָך וועט איר נישט קענען אַרבעטן. איך וואָרן: פאַר יעדן חלש גייט איר אין קאַרצער אַרײַן. דעם פּאַיאָק וועט מע שנײַדן!

— דזשאַלדאַס בריגאַדיר, — האָט אַ חושך־פּנימדיקער אין אַ מיץ אין די אויגן אַרײַן מיטן הילצערנעם לעפל אין האַנט געפּרוווט בעטלען אײַנזעעניש בײַם עלטסטן: נאָר פרעגן איין וואָרט דזשימולן. ער האָט הינטיש געסקאָמליעט, שטום געוואָרפן מיט די ליפּן.

ס׳האָט גאָר נישט געהאָלפן. פּאָריאַדאָק * מוז זײַן. די פּאַסילקעס? דער שטאָב וועט שוין לאָזן וויסן — — און באַלד נאָך מיטאָג זענען אַלע, אין גייעדיקע כמאַרעס אַוועקגעטריבן געוואָרן צו די בויאַונגען. „מאַאַאַררש!" — האָט עס שאַרף אָפּגעקלונגען און נישטאָ מער קיין פראַגעס, קיין פּעקלעך. מיט די פּאַסילקעס האָבן זיך מטפּל געווען גאָוואַראָוו מיט דזשימולײַצוון:

* אָרדענונג.

אויפגעשטעלט אַ צעטל וועמען ס׳קומט אַזוינס און דאָס האָט געוואָרט אויף דער דעה פון קאָמבאַט — ווי אַזוי פונאַנדערצוטיילן די פּאָסילקעס.

ערשט אויף דער נאַכט, נאָכן צוריקקער פון די סטראָיקעס, איז דער לאַגער פול געוואָרן מיט נײַעם געטומל:

— געזען דזשימולײַעוון?

— געזוכט אין זײַן באַראַק. נישטאָ אים.

— ווו זשע קען ער זײַן, דער...? — האָבן ציין שוין געקריצט.

— כ׳האָב אים נישט אונטער דער פּאַזעכע.

— חכמע זיך ווינציקער, אויב דו ווייסט און באַהאַלטסט אויס.

אויגן האָבן געפלעמלט, ליפּן — געפיבערט פון צערייצטקייט, אָבער דער שטײַפער, וואָס זיך צערעדט, האָט אָבער שוין באַוויזן זיך צוריקצוציִען:

— איך וויל אים אויכעט זעען, — און זיך אָוועקגעדרייט.

דער אמת איז אַז דזשימולײַעוו האָט נאָכן צוריקקומען פון קאַראַגאַנדינער סטעפּ זיך געשפּירט מעשה גאַנצער נאַטשאַלניק. ער האָט זיך שוין געריבן צווישן גרויסע, נישט אײַנגעזעסן בײַ זיך אין באַראַק.

האָט מען אים לסוף אויסגעפונען און אַרײַנגעבראַכט אין אַן אונטערערדישער צוזאַמענוווינונג, האָט אַ וואַרטנדיקער המון זיך שוין געהאַט אײַנגעזאַמלט. און איטלעכער וואָס איז געקומען צום באַראַק האָט צוגעשלעפּט אַ שטיק געהילץ, אַ ברעט, אַ קלאָניצע, אַ צווײַג. דעמאָלט איז עס געווען דער איינציק וואַרעמער אָונט אינעם באַטאַליאָנעם לאַגער.

דזשימולײַעוו האָט זיך דעמאָלט אַוועקגעזעצט אויף אַן אייבערשטער נאַרע, אַראָפּגעהאַנגען די פיס און געלאָזט זיך דערציילן פון אינטערעסנטעם וועג.

שווער צו נעמען הײַנט אַ צונג, —האָט ער געזאָגט— כאָטש עס ציִען געניג פּאַיעזדן אויף די פּאַרלוירענע באַנוועגן פון טורקסיב, וואָס ווערן סכנותדיק באַוואַכט. אויף די וואָקזאַלן וואַלגערן זיך טויזנטער באַבעס און אַלטע לײַט, סאָלדאַטן און לייטענאַנטן. אַ סך האָבן פּאַרלוירן זייערע היימען, געוואָרן פּאַרכאַפּט שטעט, קישלאַקן פון דעם גערמאַן, פּאַרברענט פון באָמבעס. באַיאָרטע מאַמעס, פּאָטערס זוכן די אייגענע וואָס זענען אין אַ רוב נעלם געוואָרן. און דער טויט, דאַרפט איר געדענקען, פּאַרענדערט באַלד דאָס פּנים. אַפילו ווען מ׳געפינט, דערקענט מע נישט. אַ גענעראַל געזעען מיט אַן אונטערגעבונדענער האַנט, אויך אָנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע. פון די פראָנטן איז אַ געקום! פון פראָנט ציט אַ פּחד מחמת די העלדישע טויטן, עי, עי, דזשאָלדאָסן!

זײַן פּנים האָט זיך אותו הרגע פֿאַרכמאַרעט און ר׳איז אַנטשטומט געוואָרן.

שטוינונג. „למאַי אַנוואַרפּן אַן אומעט?״ אין מיטן־דערינען איז אויפֿגעשווומען עמעצנס אַ פֿרעג:

— וואָס, געשמועסט מיט די מײַניקע, דזשימול? יאָ, זאָגסטו? —

אויגן האָבן שאַרף אויפֿגעגליט אין דער פֿליסנדיקער טונקלקייט, קני — אונטערגעציטערט.

— דערצייל, דערצייל, דזשימול, — זענען מערערע געוואָרן נײַ־געריק.

ס׳איז געווען אַמאָר שוכאָוו פֿון קאָלכאָז קזיל אָרדאַ. דער האָט זיך גע־הערט צום מערסטן. דער אַמאָר, אַ שווער לײַביקער מיט אַ שלאָבעריקער פּנים ־ הויט, אַ שטעכיק פֿאַרוואָקסענע מיט שיטערע, האַרטע האָר. ר׳איז צוגעשטאַנען אַזוי, גלײַך דזשימולײַעוו וואָלט פֿאַר אַלעמען דאָ געערדט מעשה־בלינדער. ער קוקט אויף אַלע, אָבער ער זעט נישט קיינעם.

— און מיר געבראַכט אַ גרוס? — האָט וועגער זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן צעטומלונג.

— ווי איז מיטן פֿראָנט, דזשאָלדאַס? האַלט ער אַן אַזוי שטאַרק! איז דער אַלטער דזשאַמאַל בולאַק אויף אַן אמת אַוועק אין וואָיענקאָמאַט מ׳זאָל אים אָפּגעבן זײַן זון? ער מוז אים איבערענטפֿערן די ירושה, האָט ער געזאָגט, אַנישט קען ער נישט שטאַרבן. זאָג, אַזוי האָט ער געטענהט?

איין קול איז אַריבערגעגאַנגען אַן אַנדערס.

— שטאַרבן! טראַכטן פֿון שטאַרבן? ווען מ׳וויל אונדז טויטן איז נישט קיין צײַט צו שטאַרבן. מיט אַ פֿריקרער געשיכטע אַרײַן דער־אָ. לאָז אָפּ! דערצייל ליבערשט פֿון היימישע, פֿון די פּאָסילקעס וואָס געבראַכט.

— געדענקט, געדענקט. פֿון אונדזערע פּאָסילקעס לאָמיר הערן. ווער׳ט זיי מיט אַ היימישער טרער באַנעצט? ווי אונדז דאָ איז זיי דאָרט אומעטיק. ס׳אַ ביטערער טרונק, דאָס טראַכטן פֿון דער ווײַטנס!

אַ סך שטימעס האָבן זיך אַ צי געטאָן צו דזשימולן מיט נייגיר און חשד: וועט ער אַלץ דערציילן, וועט ער אַלץ אָפּגעבן?

אָבער דזשימולײַעוו האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפֿערן. אין שטאָב האָט מען אָנגעזאָגט: „דו מיש זיך נישט. מירן דיך געשיקט, צו אונדז ביסטו צוריק געקומען, אַ באַפֿעל אויסגעפֿירט, פֿאַר עמעצן געבראַכט

עפּעס, וועט דער שטאַב שוין אָפּגעבן". אָבער לײַט האָבן געשלעפּט צום רעדן:

— דזשימול, וואָס זאָגסטו?

— נאָך נישט פונאַנדערגעקליבן זיך אין די פּאַסילקעס, דזשאָלדאַסן, — האָט ער געענטפערט מיט אַ נישט ניחאדיקן קוועטש.

„צוגעבערענט געוואָרן דער זינדיקער", — האָט עמעץ עמעצן אַ ברום געטאָן אין אויער אַרײַן.

דער נייגיר האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזן. איטלעכער האָט אין פּנים פון דזשימולײַעוון געוואָלט לייענען דעם בריוו וואָס געוואָלט באַקומען פון דער ווײַט.

— האָט מײַן אַלטע דיר נישט דערציילט פון די זין וואָס אַוועקגע־טריבן געוואָרן, דזשימול?

— און ווי איז מיט די שאָף, מיט די אָרעמע חיות וואָס אָן באַלעבאָס?

ווי דער שניי אין סיביר האָבן דאָ נישט אויפגעהערט פאַלן פראַגעס נאָך פראַגעס. דער שליח האָט זיך אָבער געקווענקלט מיט אַיעדן ענטפער.

— קראַנק, זאָגסטו? אָ, אַללאַ, פון שרעק מסתמא אַוועקגעפאַלן. און קרייטעכצער כאָטש געקאָכט, געגאָסן וואַקס?

— דער קלייניקער העלפט אַרויס, איך ווייס, — האָט איינער פון די שטרײַמלדיקע פויערן מיט די פיס פאַרבויגענע אויף אַהינטער, פּלוצלינג זיך צערעדט אין בענקעניש, אַזש זײַנע אויגן האָבן זיך פאַרקוועטשט — אַ גוטער זון. ס'איז וויל וואָס ער האָט דעם בערקוט. אַ בערקוט איז ווי אַ געטרײַע ביקס. זשאַקסי, זשאַקסי*, גרויסער נביא!

מיט פרומקייט און דאַנקשאַפט צום שעת הכושר פאַר דעם צעעפנטן קוואַל פון זײַן אָקערשט צעבלענדטער מאַנצבילשער בענקעניש האָט זיך צע־רעדט דער פאַרתמטער פויער. ערשט אַז די לײַט אַרום האָבן אים אַ שטויס געטאָן, האָט ער זיך אָפּגערוקט, געווישט די נאַס געוואָרענע באַקן. דערנאָך האָט ער געוואַרט אַז נאָך עמעץ זאָל עפּעס פרעגן וואָס וועט זײַן אויך זײַן פרעגן. אַ סך אויגן האָבן געבערענט דעם שליחס פּנים און דער שטאַבשרײַבער, וואָס איז מיטגעקומען מיט דזשימולייעוון, האָט זיך גע־כוחט אַרײַנצובערענגען אַ טאָלק אין אומאויפהעריקן פרעגעניש.

— וואָס ווייס אַ מענטש, ווען מ'שיקט אין אַ גאָסודאַרסטווענער זאַך ** — האָט גאַוואַראָוו ענערגיש אַראָפּגעשלאָגן פון דער היץ די פרעגערס,

* אַ דאַנק; ** מלוכישע זאַך.

וואָס האָבן זיך נישט געקענט באַנוגענען מיטן געהערטן. — אַזוינער מוז היטן זײַן ענין, וואָט טשטאָ*. הערט אויף אים מעלקן, דעם אָרעמענקן! די פּעקלעך, די גרוסן? לאַדנאָ. איך גאַראַנטיר, אַלץ וועט אָפּגעגעבן ווערן. נאָר געדולד. צום סוף האָט דער וויכטיקער צוגעזאָגט אַז יעדער וועט גערופן ווערן אין שטאַב אַרײַן, אויב פּאַר אים איז עפּעס פאַראַן.

— מאָרגן, רעביאַטאַ. מאָרגן וועט מע פונאַנדערטיילן אַלע פּעקלעך. וועמען נאָר אַ גרוס, וועט דזשימולײַעוו נישט זײַן קיין שלעכטער. אַ גרוס וועט ער אויך אָפּשטעלן אויפן ריכטיקן אַדרעס. ער׳ט אָפּגעבן ביז אַ וואָרט, טשעסטנאָיע סלאָוואָ**, — האָט ער צוגעגעבן שוין מיט אַ פּעטלעכן שמייכל און קוים אונטערגעהויבן דעם ברייטן אחור, כדי ענדלעך איבערצולאָזן די מחנה.

*

...ווער עס האָט אין זינען געפּלאַקערט נאָכן פּעקל, וואָס געשיקט מיטן באַטאַליאָנעם מענטש, דעם זומער־געשפּרענקלטן קאַזאַך דזשימולײַעוו און ווער עס האָט באַצײַטנס שוין זיך געקרענקט, ר׳האָט בלויז אַ גרוס אַ הוילן. דער אמת איז, אַז ד ע ר האָט גראָד געפרעגט אויף די זײַניקע, אָבער קיינעם נישט געזען און קיינער פון אַול איז צו אים נישט געקומען. „געוויס, קיינעם נישט פאַרגעסן. ר׳האָט דאָך מיטגענומען אַ ליסטע פון אַלע באָיצעס״, —האָט דזשימול זיך פאַרענטפערט— יאָ, נאָכן באַלעבאָס בענקט מען. מ׳שרײַבט אים אַ גרויסן בריוו פון אַלץ, אַלץ. דאָס אייניקל וואָס לערנט אין אַול, האָט דאָס געשריבן — — איינער נאָר, דער פרעמדער מיטן ווײַסן פּנים, זיצט תמיד אין אַ זײַט, איז צו מאָל מיט זײַן טליעדיקן פרעג געבליבן פון דרויסן אין דעם צעוויגטן האַרמידער. ראשית, ווײַל דזשימולן דעם קאַראַגאַנדינער האָט דער וועג נישט געפירט קיין אַלמאַ־אַטאַ. צו ווײַט געוועזן פאַר אים, און פרעמד. קיין אַלמאַ־אַטאַ, זאָגט מען, וועט מע שיקן אַן אַנדערן, שפּעטער. און אין אַלמאַ־אַטאַ דער שטאָט פון די שמעקעדיקע אַפּאָרט־עפּל, פון אימהדיק־שיינע בערג און פון דעם ליימיקן טאָל, איז געבליבן זײַן דבורהקע. וואָס טוט אַצינד דבורהקע? ווי קומט אויס זײַן ווײַבל אין די־אָ טעג און וואָכן? איז אין אַלמאַ־אַטאַ טאַקע שטענדיק זומער, זיך בײַטנדיקער ביימערבלי און אַ שפע פון וואַקסן? מ׳האָט דאָך עס צו־

---

* אָט וואָס; ** ערנוואָרט.

געזאָגט, ווען זיי האָבן זיך געקליבן פאָרן אַהין — נישט נייטיק אַפילו קיין וואַרעמער מאַנטל. תמיד ליכטיקט דאָרט די זון. אַלמאַ־אַטאַ, אַ שיינער נאָמען, אַ נאָמען מיט בערג, מיט פליגל פון אייביקן שניי אין די הימל־הייכן, נעפּל פון חלום הענגט איבער דער שטאָט. דבורהקע, דבורהשי, ווען דו רופסט זיך אָפּ מיט אַ בריוול, כאָטש מיט אַ גרוס, ווי דאָס צע־שפּאַרט מײַן האַרץ!

געבויגן אין יאָך האָט דער סיבירער סאָלדאַט שמואל דערשפּירט אין זיך דאָס פלאַטערן פון דער שרעק פאַרן גורל פונעם ווײַבל, וואָס געלאָזן אין דער פרעמד. זײַן אייגענע נויט האָט ער בכיוון פאַרשטויסן פון זיך, אין פאַרגעסנקייט.

3

# אײנינקע אַלײן

## 1

דבורהקע איז געבליבן אין דער אומעטיקלעכער שטאָט אויף אײ־גענעם באַראָט, פֿאַרבליבן אין ווינקל פֿון אַ כמורנער כאַטע וואָס אין אײ־ביקער בלאָטע פֿון טאָל. און שמואל, איר שמואלעק, איז געוואָרן אויס־געשטעלט אויף עלנט צווישן אַ המון, וועלכער האָט מיט גאָרגלדיקן לשון און טעמפּער בײזקײט געווימלט אַרום אים אין אומענדלעך פּוסטלעכן דרויסן ווי אין דעם אונטערערדישן, טוכלען באַראַק, וואָס אונטער הויכן, האַרטן שבֿיי. שווער געווען איר, דער פֿאַרלאָזענער, און ס׳איז טרויעריק אים, דעם מאַנצביל.

אַ פֿרוי אײנע אַלײן איז ערגער, — האָט ער כסדר געביטערט אין דערמאָנונג.

אַ פֿרוי אײנע אַלײן, קען לא עלינו אומקומען אין אַזאַ מעמד, — האָט אין איר געקלאָגט ס׳האַרץ.

דערצו האָט דבורהקע לאַנג זיך ניִשט געקענט באַפֿרײַען פֿונעם גע־פֿיל, אַז זי איז אַן אַוועקגעוואָרפֿענע ווי אַן איבעריקע שאָל. ס׳ביטערע מזל האָט זי אַ שלײדער געטאָן; ניין, ווי אַן עפּל וואָס מ׳האָט אין סאַמע וואַקסן אַראָפּגעשלײַדערט פֿון דער צווײַג. אַ פֿאַרגעסענער, פֿאַרלוירן וואַלגערט ער זיך דערנאָך אין גראָז, דער שײנער עפּל און ס׳גראָז וועלקט און דער עפּל שרימפּט, טריקנט. דבורהשי, ביסט שוין אַזוי פֿיל געפּרוווט געוואָרן.

— אונדזער גורל! —האָט זי אַלע מאָל אױפֿגעכליפּעט ווען זי האָט זיך איבער אַ נײַס קלאָר געמאַכט איר מעמד.— גויִים טשעפּעט מע ניִשט. זיצן זיך אין דער היים ווי עס וואָלט גאָר ניִשט געשען. אַזאַ שריפֿה איז נאָר פֿאַר ייִדן. זײ ווערט אַ האָר ניִשט אויסגעקרימט. אויף ס׳זײערע פֿאַלן קײן מאָל ניִשט אַזעלכע קלעפּ. איז אַ פּאָגראָם, מײנט מע נאָר אונדז ייִדן; נאָר קעגן אונדז גײט אַזאַ זאַווערוכע. קומט אַ מלחמה, איז זי אַ מלחמה

כמעט קעגן ייִדן. נאָר אונדז טשעפּעט מען; מיר מוזן לויפן זיך ראַ־טעווען. איז געקומען היטלער, וואַרפט ער זיך נאָר אויף אונדז. אַוודאי, די גויִים געפעלן אים גאָר, זיי העלפן אים און ער האָט גאָלע אַכזריות‌ן פאַר אונדז — — נישט ווילנדיק האָט דאָס ווײַבל שטענדיק זיך צוריק־געקערט צו איר וויטיקלעכער דערמאָנונג: די היימישע זענען נעבעך פאַרבליבן  דאָ ר ט . „זיי וועלן זיך נישט רירן. בײַ זייערע יאָרן איז עס אויך נישט מעגלעך. ווי וועלן זיי קענען לויפן ווי מענטשן לויפן אין בהלה? ס'נישט פאַר זייערע כוחות. און צוריק געשמועסט: זיי מוזן אָפּ־היטן ס'ביסל בעיטל. אַ גאַנץ לעבן געהאָרעוועט דערויף און אין מיטן דערינען לאָזן אויף הפקר? אוממעגלעך!״ —האָט שמואלעקס טאַטע גע־טרערט.— „קינדער, עך גייט. מיר טאָרן נישט לאָזן אַלץ אַזוי אויף די זיבן ווינטן. און מ'מוז האָבן בטחון אין זײַן ליבן נאָמען. ס'איז נישט הפקר די וועלט!״ הפקר. איז דען דער פּאַלאַץ נישט הפקר, ווען ס'פלאַקערט אַ געווי־טער מיט דונערס און בליצן? בלויז זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון די סכנות. אייגנטלעך, צו וואָס איז געווען דאָס לויפן! אַז ס'אומגליק יאָגט סײַ ווי נאָך? זי — דאָ, און שמואלעק? ווער ווייסט וווהין מ'האָט אים אַוועקגעשיקט! דער מענטש איז דען אין זײַן האַנט? מכל שכן אין אַזאַ געוויטער.

אַ שטיק צײַט האָט זי פון מאַן נישט געהאַט קיין שום ידיעות, כאָטש ווער צעזעצט פון איבערקלערן. אַ בריוו? ווער קען זיך ריכטן אויף בריוו, אַז אַלץ איז ווי אויסגעשטאָרבן. מ'לעבט נאָר מיטן פּראָנט, מיטן טרויער וואָס עסט אויף ס'לײַב מיטן לעבן. דער פּראָנט יאָגט אָן אַ פּחד. און דער הפקר שפּירט זיך אַפילו פון די פאַרמאַכטע קראָמטירן, פון די דורכראַסלענדיקע לאַסטאויטאָס און פון הייזעריקן זעלנערישן געזאַנג. עס וועקט, ס'רייצט די אַנטפּאַלענע שטילקייט וואָס שפּינט זיך געוויינטלעך איבער דער שטאָט. אָ, דבורה וועט שוין פון דאַנעט נישט אַרויס. זי'ט דאָ אײַנגיין.

איבערגעבליבן אויפן חסד פון דער קאַטיאַ, וואָס גייט אַרום אָן אָנ־געווירעניש פון צאָרן, הלמאי דער מאַן האָט איר, אַזוי יונג ווי זי איז, אָנגעהאָנגען צוויי קינדער און ביידע ווילן זיי אַכלען, רק פרעסן (אַזוי פלעגט זי אַרײַנשרײַען אין זיי, צו מאָל קוויטשען), — האָט דבורהקע אין תחילת אויסגעמיטן די באַלעבאָסטע. פּשוט, זיך געשראָקן פאַר איר. יענע קען אויף איר אויסגיסן דעם גאַנצן באָך. אָבער די צײַט האָט זיך געטאָן אירס. פאַמעלעכקע, פאַמעלעכקע און די באַלעבאָסטע קאַטיאַ האָט זיך כמעט

אַרויסגעקליבן פון שטוב. דער דלות האָט איר ענג געמאַכט די אייגענע היים, האָט זי זיך געזוכט אַ וועג ווי צו דערווײַטערן זיך פון אומגליק. צו־ערשט האָט קאַטיאַ געזוכט ווו אָוועקצוגעבן די קינדער מ׳זאָל זיי אָנקאָר־מען, צוהיטן, אַז זי זאָל קענען זײַן פרײַ פון עול פאַר די צוויי פּרעסעדיקע באַשעפעניש׳לעך; דערנאָך איז קאַטיאַ אַוועק אויסגעפינען תכלית פאַר זיך.

און נאָך: „קאַרטאָטשקעס * מוז מען האָבן? אַ רויטאַרמייסקע פּאַיאָק קומט איר? צו קריגן דאָס מוז מע גיין און גיין, פּטרן צײַט. און אַליין איז מען אויך אַ מענטש״, — אַזוי האָט זי אַ מאָל זיך פאַרענטפערט פאַר אַ שכנה. — „הײַנט קען אַ פרוי נישט זײַן בלויז אַ באַלעבאָסטע, ס׳לאַנד איז אַוועקגע־שטעלט אויף מלחמה־רעלסן. אַחוץ ברויט מוז דער פראָנט צובאַקומען ביקסן, פּעלצן, וועש און שטיוול. טאָ ווער זאָל עס באַזאָרגן, אויב נישט די שטאָט וואָס איז נישט אַרײַנגעפאַלן אין שונאס לאַפּעס! און שטיינקוילן צו טרײַבן די פאַבריקעס פון וואַנען נעמען, אויב מ׳וועט זיי נישט אַרויס־באַקומען הײַנט און מאָרגן? נאָך גוט, וואָס מ׳שיקט נישט ווײַבער אין די קאַראַגאַנדינער שאַכטן. יונגע מוידן וואָס זענען נאָך אַן קליינוואַרג יאָגט מען שוין אַהין. ס׳אַ שווערער ביסן, אַ יאָ! טייל מיידלעך סטאַרען זיך טאַקע באַצײַטנס צו קריגן אַ קינד פון ווען־ס׳איז. פאַלן אַזעלכע, אַ קלאָג צו זיי, אויף אַן עלטערן, אַ קרומען, אַבי מ׳זאָל זיי נישט שיקן אין דער וועלפישער יאַמע אַרײַן. סע טרעפט, ליבינקע. נו, און וואָס מ׳באַדאַרף פאַרן אייגענעם גאָרגל? די פרוי מוז פאַרטרעטן דעם אַוועקגעטריבענעם מאַן אין פאַבריק, אויפן פעלד. נישט גרינג צו זײַן אַ רויטאַרמייערקע!״ גע־הערט אַזוינס אויף שריט און טריט, איז עס קאַטיאַן געפעלן געוואָרן — נאָכצוטאָן אַנדערע ווײַבער. הײַנט גייט זי שוין אַרויס פון שטוב פאַר־פרי און קערט זיך אום אין אָוונט. זי איז אַפילו רויקער געוואָרן די קאַטיאַ, כאָטש נישט אין גאַנצן אײַנגעשטילט. באַוויײַזט זי זיך, הערט מע זי תיכף. אַצינד זענען אירע טענות שוין פון אַן אַנדערן מין. די ייִנגלעך ווערן טאַקע גרעסער, וויל זי אַז זיי זאָלן שוין קלערן ווי דערוואַקסענע, דערמאָנען דעם פּאַפּאַ, העלפן דער מאַמען צוטראַכטן אַן ענטפער אויף אַליאָשעס בריוו, וואָס האָט ענדלעך זיך דערקליבן צו איר.

מיט אַ מאָל האָט דבורהקע זיך דערווישט אין גאַנצן איינע אַליין אין מיטן פּוסטן הייפל און אין אַ פלאָנטער פון אייגענעם אַרײַנקלערן אין

---

* שפּײַזקאַרטן.

זיך: „געלאָפּן, כדי צו דערזען זיך נאָר ווי אַ זשעדנע באַשעפעניש. צו וואָס דער מענטש לעבט!״ מיט מאָדנעם גלײַכגילט האָט די פּרוי גענומען שלעפּן דעם עול פאַר איר עקסיסטענץ, עפּטערס זיך באַגעגנט מיטן נאַ־קעט פון איר אַליינקייט: אין דער געגנט נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, כאָטש פּליטים ווי זי האָבן זיך באַזעצט אין די שכנישע אָרעמע שטיבלעך. אָבער יעדער איז פאַרטאָן מיט זיך. מיט קאַטיאַן האָט זי געקענט עפּעס איבעררעדן איין מאָל אין אַ זונטיק פאַר אַ גאַנצן חודש, וואָרן נישט יעדן זונטיק האָט מען אָפּגעשטעלט די פאַבריק. „מלחמה־צײַט —האָבן געפּריידיקט די נאַטשאַלניקעס— איז נישטאָ קיין רעכט זיך אַרומ־צוקאַטאַיען. נישטאָ קיין חגא־טעג, ווען דער נאַראָד שטעקט אַרויס דעם לעקער!״

האָט די צײַט זיך געשלעפּט איבער שטאָק און שטיין. באַגעגנט זיך זעלטן, האָט פּרוי אַנטקעגן פּרוי ערשט דערזען איר אייגענע דערשראָ־קנקייט.

— געקראָגן אַ ידיעה פון דײַן אַליאָשאַ, קאַטיאַ? — פלעגט דבורהקע איר אַקעגנגיין און יענע האָט זיך פאַרקרעקט מיטן וואָרט וואָס געשטעלט זיך אין דער קעל.

— ס׳אומגעשמאַק אַפילו דאָס קלערן דערפון, — האָט קאַטיאַן מיט אַ מאָל אַ גריזשע געטאָן עפּעס זײַטיקס, וואָס דערמאָנט איר ס׳פּירעכץ דעם מאַנצבילס, וואָס האָט שוין אין גאַנצן זיך אָפּגעלאָזט פון דער זאָרג אַז געלאָזן ערגעץ אַ ווײַב מיט קינדער. — שרײַבן באַדאַרף ער? אַ בוהיי גע־בוירן, אַ בוהיי פאַרלוירן, דאָס איז עס, באַנעמסט? — און כמעט שוין פאַרגעסנס האָט זיך גענומען דרייען איר אין מוח.

— די פּאָטשט איז אַ הינקעדיקע אַצינד, קאַטיאַ, — איז די קוואַר־טיראַנטקע געווען גערן צו מאַכן גרינגער ס׳געמיט פון דער באַלעבאָסטע. אָבער אין איר האָט זיך געוועקט אַ כעס:

— ער שרײַבט דען, דער נישטיקער? לאָם איז ער אויף די הענט! ר׳האָט באַלד נישט געוואָלט חתונה האָבן פאַר מיר. ס׳אַר אַ נאַרישע מען איז ווען מ׳האָט יונגע יאָרן! מײַנע פעטערס, אין זייערע פאַרשאָלטענע מאַמעס אַרײַן, זענען צוגעשטאַנען צו מיר: „דווקא ער איז גוט! לאָז נישט אַרויס פון שטײַגל דעם קאַנאַריק!״ און איך, שווערער קאָפּ, האָב גע־האָרכט, אים געהאַלטן ווי אַ באַגומענע. געמיינט, ס׳נישטאָ קיין בעסע־רער. דאָראַ טײַערע, סע האָט מיר פאַרדרייט דעם מוח, דער פאַרשוין,

גיך אָנגעיוירן אַ בויך, האָב איך שוין נישט געקענט אַוועקגיין פון אים. געקלערט, לײַט וועלן פּירוואַרפן: אַן אַרומגעטאַרעטע, אַן אומריינע; קיינער וועט שוין אַזאַ נישט נעמען. אַך, ס׳אַראַ טפּשות! אָבער ער איז נישט ווערט געוווען אַזאַ מויד ווי איך בין געווען. ערשט זעט זיך דאָס וואָרע, וואָס פריער נישט געקענט זיך דערטראַכטן דערצו. זאָלסט וויסן, דאָס האַרץ פון דער זשענשטשינע איז שטענדיק אַ פאַרגאַרטס. געלאָזן זיך אײַנשמועסן. הײַנט מעג איך זיך באַגראָבן. אַנדערע מאַנסלײַט לאָזן וויסן פון זיך, דער איז הפקר. זעלטן ער שרײַבט אָן אַ פּאָר שורות. הערסט, דאָראַ, אַ געזונטע מיידל דאַרף זיך נישט אײַלן חתונה צו האָבן. ווי לאַנג זי בליט און האָט חשק, דאַרף זי לעבן, נישט כאַפּן זיך צו האָבן קליינוואַרג. אַ קנאַפּ גליק צו אונטערווישן זיי, רייניקן ווינדלען. עס איז אַ משא און דער מאַן ווערט אַ משא, נו, ווי אַ וואָגן אין בלאָטע. ער ווערט גראָב צום ווײַב און נעמט ער אַ גלעזל, קען ער אויך אויפהייבן אַ האַנט אויף דער טײַערער. דײַנער, דאָראַ, האָט שוין אַ סך מאָל געשלאָגן?

— רעד נישט אַזוי, קאַטיאַ. ס׳איז די דאָליע פונעם ווײַב. נישט אַלע מענער שלאָגן און נישט איטלעכער וואָס שלאָגט, איז אַ שלעכטער. ס׳זענען נערוון, וואָס ווערן אונטערגעריצט פון באַדינגונגען. אַ ווײַב דאַרף וויסן ווי אַזוי אויסצומײַדן אַזאַ צערייצטקייט. זעסטו, דער ביטערער טראָפּן איז אַ שלעכטער חבר. מײַנער שלאָגט נישט. און מײַן סאַמואיל, זעסטו, שרײַבט אויכעט נישט. און אפשר שרײַבט ער, ווי דײַנער קען האָבן געשריבן, נאָר די בריוו בלאָנדזשען אַרום, ס׳איז מלחמה! ס׳זענען קאַלעמוטנע די וועגן פון מלחמה, ליבינקע.

— מלחמה! מלחמה איז דאָ אַן אײַנרעדעניש. פאַר מיר איז עס הוילער תירוץ. כ׳בעט דיך, וואָס איז ס׳ווײַבערישע האַרץ שולדיק, וואָס איז ס׳קינד פאַרזינדיקט אַז עס זאָל מוזן לײַדן? נישט גוט דעם ווײַבספאַרשוין, דאָראַ. קיין מאָל איז נישט גוט דער פרוי. איז זי יונג און שיין, טאָ קער זיך נישט דאָ, רעד נישט מיט יענעם; ווערט זי עלטער, איז זי פאַרן מאַן גלײַך צו אַ טראַנטע. איטלעכער ווישט אַרײַן אין איר זײַן בלאָטע, קען נאָך געבן אַ קאָפּע מיטן שטיוול און דער מאַן וועט זיך נישט רעכט אָננעמען פאַר איר. אמת איז אמת — אָן אַזוינעם איז נאָך ערגער. זאָלסט וויסן, דאָראַ, ווי מע באַגייט זיך מיט דער פרוי ווען הינטער איר שטייט נישט דער מאַן מיט פויסטן און מיט אַ פּיסק. הערסט, אויב איך וואָלט געבוירן אַ טאָכטער,

וואָלט איך זי נישט געכאָוועט. ריכטיקער איז צו דערשטיקן אַזוינס אַ קליינס, איידער עס לאָזן אויפוואַקסן פּאַר אַ פינצטער מזל.

— קאַטיאַ, קאַטיאַ, זינדיקסט. מיר זענען אין דער היים און ערגעץ קערט זיך די וועלט. מאַטער זיך נישט אַליין און מיך וואַרף נישט אויפן פײַער פון איבערקלערן, ווי מ׳וואַרפט אַ קאַרטאָפל צום בראָטן. מ׳מוז זיך אַליין העלפן, אַנישט באַדאַרף מע שוין פּגרן. און דאָס ווילסטו דאָך נישט. דער ווילן איז אַנדערש ווי ס׳שלעפּט דער משוגענער געדאַנק, וואָס גיט דיך אַ וואַרג.

דבורהקע האָט אַ זיפץ געטאָן און אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט אויסצובאַ־האַלטן די טרערן וואָס דריקן איר שוין.

טרערן זענען דבורהקען געוואָרן אַ טעגלעכער ביסן אין דעם נײַעם קוועלעניש.

באַגינען האָט זיך אויפגעכאַפּט די קאַטיאַ, ס׳קלענערע יִנגל אײַנגע־פּעקלט אין אַ טולופּ און גענומען עס אויפן אָרעם; ס׳גרעסערע יִנגל, אַ נישט דערשלאָפּנס, האָט זיך שוין אַליין אָנגעטאָן און ברוגזלעך זיך נאָכ־געשלעפּט דער מאַמען. „קומט!" האָט די מוטער יעדן פּאַר טאָג דעם זעל־ביקן וואָרטשע געטאָן און איז אַוועק אין שטאָט אַרײַן. די כאַטע ליגט אין טאָל, די שטאָט דראַפּעט זיך אַרויף, אַרויף; הינטער איר, פאַר איר ציִען זיך בלאָטעס און ליימיקע גריבער וואָס ווערן ווינטערצײַט פאַרוואַקסן מיט אַ פראָסטהויט אָדער איבערגעדעקט מיט אַ פולכן שניי, וועלכער טונקלט זיך ווי פאַרשימלטער זילבער. אַ קרעפּקע, אַ קורצפיסיקע, האָט קאַטיאַ שוין בײַ דער פאָרטקע פון איר כאַטע גענומען זיך אײַלן. אַרײַנגעקראָכן פּלוצלינג אין אַ זומפּ, האָט זי מיט גיכן אויג און מיטן צווייטן גיכן פוס אויסגעגנישטערט אַ ברעקל שטיין, ווידער זיך געזען פאַר אַ בלאָטיקער צעיוירעניש און געראַמפּלט. זי האָט זיך געטראָגן מיט האַסט כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן.

— אין קינדערגאָרטן גיט מען אַ הייסע מילך פונקט אַכט, אמת, ווי־טיאַ? — האָט זי אַ קער געטאָן ס׳פּלאַטשיקע פּנים צום קלענערן וואָס אין סאָפּנדיקן פּעקל אויף איר אָרעם. — מירן נישט פאַרשפּעטיקן, אויב מ׳עט הייבן אַ פּוס. — געקוקט אויפן קליינינקן מיט די פולענקע בעקלעך און אויף געשווינד אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך דעם עלטערן שוראַ:

— דאַוואַי, מירן נעמען דעם וועג אַ קאַפּעטשקע פלינקער. די שול עפנט זיך אַקוראַטנע. מיר מוזן באַוויזן. נאָכן צווייטן גלאָק טיילט מען

ס׳זעמעלע. ס׳נישט קיין קאַטאָוועס אַ זעמל פאַר אַ ייִנגל אָן אַ טאַטן. דאַוואַי, בחורעץ! — און מניה וביה שוראַן אָנגעשריגן הלמאַי די נאָז גלאַנצט אים מיט אַ גרין פענכערל. — פוי, פאַסט אַזוינער פאַר אַ זון פון אַ פראָנטלער? מ׳וועט דאָך מיך אין ערגעץ נישט אַרײַנלאָזן פאַר אַזוינס! — און געלאָפן און זיך דערוואַרעמט.

אַן אײַלעוודיקע האָט די באַלײַבטע קלײנע קאַטיאַ דערנאָך זיך אַ צי געטאָן צו דער פאַבריק, וווּ זי׳ט זיך געהאַט אײַנגעמאָסטעט צווישן ווײַבערפאָלק וואָס זיך געשטעלט געבן אַ פלײצע פאַרן אויפהאַלט פון די אײגענע היימען, אַרײַנגעפאַלענע אין הימלשרײַענדיקער אָרעמקייט. באַלד ווי מ׳האָט צוגענומען אין אַרמײ די מענער מיט די זין, האָט אין די שטיבער פאַרפעלט סײַ דער טעגלעכער ביסן, סײַ מ׳האָט זיך דערזען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. די קופערטן, וואָס האָדעווען זיך זינט דורות אין די באַלעבאַטישקייטן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אָנגעפראָפט מיט גאָלע טראַנטעס, אָן אַ שטיקל וואַרעמע וועש, אָן אַ גוטן שטיוול, שוין אָפּגערעדט פון ווערטיקע חפצים וואָס לאָזן זיך פאַרקויפן אין נויטצײַט. הונגער האָט זיך צעשטשירעט מיטן גאַנצן אימפעט. געוואָלט צי נישט געוואָלט, אַלע וואָס געבליבן אין דער היים, האָבן געמוזט זיך לאָזן זוכן אַן אָנהאַלט פאַרן לעבן, וואָס קלעפט זיך צום מענטש מיט מאָדנע אומבאַגרײַפלעכע רייצן, הגם קיינער האָט נישט קיין קלאָרן נאָמען פאַר דעם דאָזיקן חשק.

אַ סך אַזעלכע ווי זי, ווײַבער אָן מענער, האָבן פול געמאַכט די פאַבריק וווּ מ׳שנײַדט און מ׳שטעפט וועשוואַרג פאַרן פראָנט; טאָג און נאַכט, אַ גאַנצן מעת־לעת שטייט די פאַבריק אין אימפעטיקער באַוועגונג. און רק ווײַבער טרײַבן דאָס אַ ראָד. האָט אויך קאַטיאַ ליסוכינאַ זיך צוגעוווינט צו דעם שטייגער: אין דער פרי אַרויס פון שטוב, אין אָוונט זיך צוריקגעקערט אַהיים. אויפן וועג אַהינצו, פירט זי אַוועק אירע ייִנגלעך און אַהיימצוּוועגס פאַרכאַפּט זי זיי אויך מיט זיך. אַזוי האָט די כאַלופּע געפּוסטעוועט וואָכן און חדשים. אין די זונטיקן, מ׳איז געווען פרײַ פון דער אַרבעט, איז קאַטיאַ געזעסן אין דער היים אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זי׳ט געהאַט צו קוילענען עופות וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט בײַ איר אין קעמערל. דעמאָלט האָט יאַקאָש נאָך אַ ביסל היימלעכקייט זיך געדרייט אין שטוב. ווען עס האָבן זיך אויסגעלאָזן די פאַר הינער, נישט געווען מער וואָס צו קאָכן אין די גרויסע טעפּ, האָט בײַ קאַטיאַן שוין נישט געקלעקט קיין געדולד אויך צו האַלטן דאָס חזיר, וואָס אַליאָשאַ האָט איר איבערגעלאָזן אַ קליינס. מיט גאָלד גלײַך

זענען ערשט געוואָרן קאַרטאָפל, בורעקעס און די קוקורוזע אין זעקל האָט זי פאַרטאָן זינט וואָכן. טאָ פון וואַנען נעמען מעקענע פאַרן באַשעפעניש אַז די קעשענע איז אַ פּוסטע? קרובהטעס פון מאַנס צד, אויך אירער אַן אַלטער פעטער פלעגן זיך אַ מאָל אַרײַנווײַזן צו איר אין אַ זונטיק פרעגן נײַסן פון אַליאָשען און אײנצײַטיק באַטראַכטן די פּאַלאָזשעניע פון דער אַלײנינקער פרוי. „צו וואָס האָבן קלאָפּאָטן מיט אַ פרעסער אין הויז, קאַטיאַ, אַז עס איז נישטאָ קיין נערוון פאַר זיך אַליין? דו פאַרגעסט, קאַטיאַ, אַז דער מענטש האָט זיך אָפּצויאָגן מיטן אייגענעם ביסל פרעסן!? נישט גלײַך זיך אַרומצוטראָגן מיט אַזאַ זאָרג. פּטר ד אָ ס און וועסט אָפּאָטעמען פאַר אַ שטיקל צײַט". — אַזוי האָבן געטענהט סײַ די ווײַבספאַרשוינען סײַ דער מאַנצביל. אַלע האָבן זיי באַזאַכט און מיט גרויס מבינות זיך אַראָפּגעלאָזן צום אויסגעוואַקסענעם חזיר אין קעמערל, געטאַפּט אים דעם בויך, באַצײַטנס זיך געסמאַקעוועט מיט די פעטע ריפּלעך וואָס וועלן זײַן פון אים.

— און וואָס פאַר אַ טײַערע סאַלאָ* מ'וועט אויסשנײַדן פון זײַן פרייַ־דיק, — האָט מיט קנאה געקוקט די מומע מאַרפאַ און איר צעוויגטע גאָמבע האָט איבערצײַגעוודיק, באַדאַכט באַשטעטיקט איר מבינות: — נישט צו זען ערשט אויפן מאַרק אַזאַ. און ווי באַטעמט — דער קאָלבאַס פון אַזוינעם! אַפילו פון אינגעווייד וועט זײַן צו לעקן די פינגער. איר'ט זען!

בײַ אַלעמען האָבן זיך צעפינטלט די אויגן און אין מוח איז געקראָכן דער גלוסטיקער געדאַנק וועגן קאַטיאָס וואַזשנעם חזיר.

„אַ הצלחה סע האָט אַ זשענשטשינע! אַוועק דער מאַן וואָס האָט זיך אין צײַט געזאָרגט פאַר איר. דערמאָנסט זיך, ווערע, ס'איז אַ קליין בוטשע־לע ד אָ ס איז געווען. אַליאָשאַ האָט עס געטראָגן פון מאַרק אין פּאָלע". די קנאה פון די אייגענע האָט זיך אַרויסגעריסן אין שושקענדיקע רייד, אין ווינקענישן, ווען קאַטיאַ האָט זיך געפּאָרעט אין כאַטע בײַם גרייטן כיבוד פאַר די געקומענע.

נישט מיט איין מאָל האָט זיך דער משפחה־ראַט אָפּגעפּאַרטיקט מיטן חזיר פון קאַטיאָס שטעלעכל. עטלעכע זונטיקן זענען די מומעס מיטן פעטער טימאָפיי זיך צונויפגעקומען צו דער רויטאַרמייערקע ליסוכינאַ, איט־לעך מאָל פון ס'נײַ גערעדט וועגן אַליאָשאַן ,צוגעוואָרפן שווערע רייד אויך

* געזאַלצן חזיר־פעטס, צו עסן רויערהייט.

דעם קליינוואַרג מכוח די ביטערע יאָרן וואָס געקומען, און יוצא געווען מיט אַ מאָגער צוקערל וואָס אַרויסגעגראַבלט פון עטלעכע פּאַפּירלעך.

— נעם, קוויק זיך מיט עפּעס גוטס! די מומענקע גיט, באַדאַרף מע זיך נישט שעמען. וויטיאַ איז אַ קלוג ייִנגעלע, ער׳ט באַלד גענומען און ס׳געפּעלט אים, אמת? אַזוי האָט געזאָגט די מומע קלאַוודיאַ מיט אירע בלאָע ליפּן און זי׳ט אויסגעשטרעקט צו שוראַן, דעם גרעסערן ייִנגל, אַ פֿאַרבויגענעם סענקאָטן פינגער מיט אַ קלעפּיק שטיקל גרינע גלאָזיקייט. מיטן איינציקן צאָן וואָס איר איז געבליבן אין אַמאָליקן מויל (אַצינד איז עס אַ טונקעלע הייל אונטער אַ בייניקער נאָז) האָט זי מיט קאָנטיקן אָנשטרענג איבערגעביסן אַ צווייטע צוקערקע און אַ העלפט דערלאַנגט דער אייגענער מאַרפאַן, זי באַרויקט: — ש׳קשה, כ׳וועל זיך אַן עצה געבן אין דער היים מיט עפּעס זיס׳ — און די אַנדערע העלפט צוגעטראָגן צום מויל פון שוראַס מאַמען:

— נאַ, מעגסט אויך פאַרזוכן, — און וויכטיק צוגעשאָקלט מיטן גראָ אויסגעקראָכענעם קאָפּ.

געריר׳ט פון געטרײַשאַפט מצד די אײַנגעזאָמלטע משפחה־לײַט האָט די באַלעבאָסטע דערנאָך אָנגעצונדן דעם גרויסן בלעכערנעם סאַמאָוואַר, אים אונטערגעגליט מיט רויטלעבעדיקע שטיקלעך האָלצקוילן וואָס זי האָט אויסגעפונען אין דער אויסגעקילטער הרובע. ווען דער מאַט־גלאַנציקער קעסל האָט זיך רעכט צעקאָפּטשעט, האָט דער אַלטער פעטער זיך צוגערוקט מיט זײַן גאַרער געניטקייט צו ווײַזן ווי מע שטעלט אַ סאַמאָוואַר: — לאָזט נאָר מיך, — און זיך דורכגעשאַר׳ט אין דער ענגשאַפט צווישן די צונויפגעקנורעטע ווײַבער.

— וואָ׳דען! ס׳פּאַסט דען אַז אַ מאַנצביל זאָל זיך בלויז צוקוקן ווי ווײַבער טוען?

די שווערלײַביקע ווײַבער האָבן אַזוי זיך אָפּגערופן פון זייער זיצעניש און זיך צעפינטלט מיט די באַיאָרטע אויגן און מיט נייגיר נאָכגעשפּירט דעם רירעוודיקן אַלטן זכר: „וויל, וויל, טימאָפיי!” האָבן זיי אַלע מיט אַ מאָל אים געלויבט. דער זקן האָט זערויף ווי אויפגעלעבט, היימישלעך זיך באַוועגט איבער דער שטוב, מניה וביה אויפגעזוכט אַ שטיוול־כאַליעווע און מיט איר גענומען מעשה־באַלעבאָס פלײַסיק אויפבלאָזן די שלעפּעריקע קוילן אין קעלער פונעם סאַמאָוואַר. די האָלצקוילן האָבן בײַ אים טאַקע צע־

עפּנט זייערע וו׳עס, זיך צעגלימערט, אויך געלאָזט זיך הערן מיטן פּעטן פּרייכן פון גלאָוונעס, ווען זיי דערשפּירן אַ ברי פון פײַער. זיי האָבן זיך צעלויכטן, צו מאָל געשמייכלט, די לעבעדיקע קוילן. דערנאָך האָבן זיי זיך צעזשווזשעט, האָפּערדיק אונטערגעמינטערט דעם סאַמאָוואַר און ער׳ט גענומען סאַפּען, באַלד זינגען, אַזש די געסט איז געוואָרן הימלעך דערפון. בײַ דער בידנער רויטאַרמייערקע האָבן זיי ביז איצט זיך געשפּירט געקוועלט מיט דער אייגענער עלטערלעכער שלאַבעריקייט, געזעסן שווער, אַפילו אָן אַן אייציקן קלוג וואָרט פאַר אַזאַ וואָס דאַרף באמת געטרייסט ווערן. זיי איז געוואָרן טרויעריק מיט אַ מאָל. האָט דער אַלטער טימאָפיי זיי ממש דערוועקט מיט זײַן טועכץ. ר׳האָט זיך שטאַרק געמכינט בײַם סאַמאָוואַר, דער אַלטער, מיט הנאה געשלונגען דעם רויך וואָס האָט פריילעך געזעצט פונעם בלעכערנעם בויך, איז די ווײַבער דערפון אויך גרינגער געוואָרן. האָט דער קעסל זיך רעכט דערהיצט, לסוף אויפגעזונגען מיט אַ הימלעכער פאַרע, געפּרייכט, האָבן דעמאָלט אויפן טיש זיך באַוויזן מאַטע גלעזער מיט הויכע דנאָען פון פלעשער, וועלכע מ׳האָט קונציק געקעפּט. דערנאָך האָט מע מיט תענוג הויך געזופּט אַ סך טיי, שטאַרק געשוויצט פון הנאה. אַזוי אַרום האָט די משפּחה־פרײַנדשאַפט ווידער זיך צונויפגעשמאָלצן, כאָטש אַליאָשאַ איז נישט געווען דערבײַ, כאָטש קאַטיאַ האָט זיך געשפּירט געקריוודעט פון די אייגענע; ס׳איז פאַר זייער גלײַכגילט צו איר מערכה, צו אַ ווײַבספּאַרשוין איינע אַליין און אַ מאַמע פון קליינע קינדער וואָס מוזן עסן און די שטוב איז אַן אָרעמע, אַן אויסגעהוילטע.

„אַליאָשאַ, פון זינט כ׳האָב אים דערקענט, האָט ער אויסגעוויזן אַ נאַכאַל. ערשט די זײַטיקע באַווײַזן עס פון ס׳נײַ!״ — האָט זי זיך געקאָכט, אָבער אויף דורכטרײַבן זיי האָט זי נישט געהאַט קיין העזה. — „אויך זיי זענען נאַכאַלנע, —האָט קאַטיאַ זיך געזײַטלט אויף דעם אַלטוואַרג וואָס האָט גענומען קריכן צו איר— אומזיסטיקן טיי זוכן זיי בײַ אַ רויטאַרמייערקע!״ — האָט זי געברענט.

## 2

אין יענעם טריבלעכן זונטיק האָט קאַטיאַ אָפּגעמאַכט בײַ זיך: אַ סוף. אַן עק! זי קען מער נישט דאגהן זיך פאַר אַ ברואה וואָס מ׳מוז קאָרמען. אַ קלייניקייט איצט אײַנצושטילן נאָך אַ פרעסערדיקן פּיסק!? מ׳באַדאַרף האָבן

דעם בײַטל פֿון אַ קניאַז* צו קענען אײַנקויפֿן פּאַשע אויפֿן מאַרק, וואָס איז געוואָרן אָפּגעליידיקט ווי נאָך אַ גראַביאָזש**.

און ס׳איז געשען. קאַטיאַ איז גענוג אויסטויגעוודיק צו אַזוינס. אַליין האָט זי, כיטרע אָנצילנדיק זיך מיט אַ האַמער, אַ זעץ געטאָן איבערן מוח דאָס גוטע, כרוקנדיקע, תמיד הונגעריקע באַשעפעניש. ס׳איז געפאַלן, אויסגעצויגן זיך מיט אַ שפּיציקן, האָר־שפּאַלטנדיקן געקוויטש; געקאָרטשעט זיך דערנאָך אין אַ געדויערנדיקן הייזעריקן גערײטש, האָט קאַטיאַ גיך־גיך מיט אַ לאַנג שאַרף מעסער דורכגעפּידלט דעם גאָרגל האַרט אונטערן צעקוויטשעטן קאָפּ. בעת מעשה אײַלעוודיק אין אַ שיסל אַרײַן אונטערגעכאַפּט דאָס בלוט וואָס האָט געכליניעט פֿון פּלוצלינג אַנטשוויגענעם באַשעפעניש, איז אין קאַטיאַן גופא דערמאָלט אויפגעגאַנגען ווי אַ דראָונג אָט־די פּלוצלינגע אַנטשוויגנקייט. ס׳איז געווען אַ מין מורא אין דער פֿאַרשפּיצטקייט פֿון קאַטיאַס יענעם געאײַל. אַזאַ גרויס באַשעפעניש געוואָרן! — האָט זי עס ערשט דערזען, און די גרייס האָט איר געשראָקן. דאָס פּאַס וועט נישט סטײַען פֿאַרן פֿלייש. שכנים וועלן עס באַלד דערשמעקן. לײַט האָבן בייזע קוקערס. האָט זיך אין איר צעליאַרעמט די מורא פֿאַר קנאה. אַ קליין געוויקסיקע, אויף אַן ערנסט פֿאַראיינזאַמט, פֿאַרלאָזן, וואָס זי׳ט גאָר שטאַרק אָפּגעשפּירט אין דער דאָזיקער נאַכט, האָט די פּרוי זיך דערשראָקן פֿאַר דער אומגעהייערישקייט פֿון דער טויטער זאַך וואָס איז אָט־אָ געלעגן אויסטערליש אויסגעוואַקסן פֿאַר אירע טריט. דאַכט זיך, אַ שלעכט אויג איז שוין שולט אויף איר! זי׳ט אויפגעציטערט. דאָס מעסער טרייסלט זיך איר אין האַנט! נאָך אַ רגע און אין גאַנצן געביין פילט זי אַז אַפילו די קרובהטעס זענען זי מקנא. זיי פֿאַרגינען נישט. וואַ־וואַאַ, אָבער די מומע קלאַוודיאַ איז אַ נשמהדיקע. איר וועט זי זיך יאָ פֿאַרטרויען. פֿאַר עמעצן מוז זי זיך פֿאַרטרויען! די מומע קלאַוודיאַ וועט איר בעסער עצהן ווי זיך צו באַטועַן מיט דעם פֿלייש. נאָר דער מוח שפּיצט זיך אָן, באַוועגט זי מיט אומרו.

אָט לויפט אָן אויף איר אַ געדאַנקל: זי דאַרף באמת חושד זײַן די אַנדערע וואָס טראַכטן באַשײַמפּערלעך זי צו באַגנבענען. קלאָמפּערשט קומען זיי ווי שכנים עפּעס לײַען, רוקן אַרײַן די קעפּ מעשה גוטע פֿרײַנד, נישטערן מיט די אויגן, פֿרעגן סתם ווי שפּעט ס׳איז, אָבער זיי האָבן אין זינען שלעכטס. עמעץ דערוועגט זיך אַפילו צו פֿרעגן דעם מקח פֿון פֿלייש־

* אַ פֿירשט; ** מאַסן־רויבערײַ.

אַ צווייטער גייט שוין צו גלייך: ער איז אַ בעלן, זאָגט ער, צו קויפן אַ חלק פליש. איר דאַרפט פאַר מיר זיך נישט היטן, ליסוכינאַ, טענהט ער און קוקט איר פאַרשייט אין דער נשמה אַריין. זאָל זי פאַרלייקענען? איר זענט זיך טועה, יעפים וולאַדימיראָוויטש. וואָס פעלט אייך אייך? נישטאָ ביי מיר קיין פליש צו פאַרקויפן... נו, שוועד צו פאַרהוילן אַזוינס. און אַזאַ ריזיקער חזיר איז אויף אַן אמת אַן אוצר. לויט וואָלטן אויסגעגראָבן פון דר׳ערד זייערע גאָלד־רובלעס אויף צו באַקומען היינט אַזאַ גוטס. אַז דער מאַרק פוסטעוועט אַזוי לאַנג, די קאָלכאָזן אַליין זענען אויף צרות. קאַזנאַ נעמט צו ביי זיי אַלץ. פאַרן פראָנט גייען די ברויטן, די פליישן און דאָס פעטס. אין אַזאַ ענגער צייט וועט מען איר געוויס אַן עוולה טאָן, קאַטיאַן; מ׳עט זיך גיך דערוויסן וועגן דעם חזיר. שכנים האָבן חוצפה, זענען עגאָיסטן. יאָ, מ׳באַדאַרף זיך אויסהיטן פאַר אַלעמען. נישטאָ קיין אָרנטלעכע. בפרט האָט די וועלט פאַרגעניגן זיך צו רייצן מיט הונגעריקע. קאַטיאַ איז נאָך נישט בלינד נישט צו זען וואָס ס׳טוט זיך. אַזוי אויך אין ווערקשטעל. אַז מ׳האָט אָפענע אויגן זעט מען, דער נאַטשאַלניק פלאַצט שוין פון ווילטאָג — —

מיט באַדאַכטקייט האָט קאַטיאַ אין יענער נאַכט געטאָן ס׳גרויסע טועכץ. אָנגעצונדן אין קאַמער אַ לאַמטערנע, מיט געהיטקייט פאַרשטעלט אַיעדע שפּאַרע און געקוילעט ס׳חזיר מיט אַן אָנגעשפּאַנטער האַנט: אָט אַזוי! — האָט זי זיך געניכטערט און געשניטן, געשונדן; אויפגעשפּאָלטן דעם אָנגעגאָסענעם בויך, אַרויסגעצויגן ס׳איינגעווייד, געשוואָנקען, דערנאָך האָט זי געבריט דאָס פאַרשטאַרטע שטיק געקוויטשן, עס צעפּערטלט און צעפליישט. דאָס וואַסער אין צעבער האָט זיך צעבאָלבעט, ס׳האָט אָנגעשפּריצט די אויגן פּוענם מרוזשנדיקן אַרום. די שטילקייט האָט געהודיעט און די דרויסנדיקע פינצטערניש האָט פאַרעטעריש זיך אָנגעבויגן צו דער כאַטע, פאַרמאָסטן זיך אויף מסירה קעגן דער אָרעמער. קאַטיאַ האָט עס ממש „דערזעען" און איר לייב איז געדיכט, דין דורכגעשוידערט געוואָרן דערפון.

צו מאָרגנס ווען דבורהקע איז אַרויס פון איר ווינקל, איז קאַטיאַ שוין לאַנג געווען אַוועק. ס׳איז געווען אַ טאָג פון דבורהלעס נאַכטשיכט אין פאַבריק. ווי אַן אָנגעבאַרייטע נאָר פאַר איר, האָט די לוישנדיקע איינזאַמקייט פון דער אָפּגעוואָרפענער הייזקע מער זיך צעשטשירעט אויף דער פרוי. דאָך איז זי מיט פרימאָרגנדיקן נייגיר צוגעגאַנגען צו דער שוועל פון פאַרקלערטן טאָג און די טיר פון חזיר־שטאַל האָט מיט פּלוצלינגן

שטוינען זיך געוואָרפן אויף איר מיט גאָרער צעפּראַלטקייט: „האָסט וויני־ציק? נאַדיר נאָך אַן אָרט פּאַר דער אַפּאָפּלעקסיע וואָס גרייט זיך פון דײַן כבוד ווענן. אָט געגעבט זי צו דיר!" עס האָט אַ ליאַרעם געטאָן אויף דבור־רהן. די אַנטשוויגענע קאַמער צעקייכט זיך מיט אַ פינצטער־וואָלקן גלײַך איר אין פּנים אַרײַן און דער דרויסן נעמט זי רעכט אײַנקלעמען אין האַר־טער ענגעניש.

— וואָס טו איך! סע צערעוועט זיך דאָ אַזאַ לויער!

די פרוי האָט געאומערט. ערשט שפּעטער האָט זי מיט אומווילן, ווי לאָמיך־געמאַך, זיך אָנגעבויגן צו די פּאָר ציגל וואָס געווען אַוועקגעלייגט אָן אַ זײַט פון דער שוועל, כדי אין הייפל אויף צונויפגעקליבענע שפּענער אָפּצוקאָכן איר לעפל וואַרעמס.

— אין זינד געדעדט, האָט זי אַרײַנגעוויינט אין זיך, אויך אין פּײַן מוז דער מענטש עסן, כאָטש ער עסט אין זיך אַרײַן יסורים.

3

געלעבט אָן חשק, נאָר פון רגילות האָט זי זיך אַרומגעפּירט מיט אירע טעג און וואָכן. אין געדאַנק האָט דבורהקע זיך געטובלט אין אַ דריקנדיקער פּוסטקייט. אַבי געגאַנגען, אַבי־ווי אָפּגעקומען אַ מאָלצײַט. זענען אָנגעשטאַ־נען די רעגנס און אויפגעיוירענע בלאָטעס, וואָס האָבן אין טאָל ערטער־ווײַז געגלאַנצט ווי משונהדיקע אויגן פון אויסטערליש פאַרטײַעטע חיות, האָט זי מיט שמאָטעס געוויקלט אירע צעלאַכצטע שיך. אַזוי האָט זי זיך דורכגעקראָגן אין שטאָט אַרײַן. דער עיקר איז געווען דער עול אָנצוקומען צו דער אַרבעט. אַל דאָס איבעריקע איז איר נישט אָנגעגאַנגען אַזוי גוואַל־דיק ווי ס׳צושטעלן זיך אין ווערקשטעל. הונגער? מישטיינס געזאָגט זיך שוין צוגעווינט צום וואָסערן אין דער קעל, צום קאָפּ־שווינדלען פון ליי־דיקן מאָגן. אויך צו דער נעציקייט אין די פּיס זיך צוגעוווינט. אַז עס ציט אונטערן האַרץ פון דער שטענדיקער פײַכטקייט אין די פּיס, איז אויך נישט קיין מאַלער. אַבי נישט ערגערס. אוי, זי זאָל נאָר נישט פאַרפעלן צו דער אַרבעט! נאָך גרעסער איז געווען איר מורא, ווען זי׳ט באַדאַרפט זיך שטעלן אין פאַבריק אַרײַן צו דער נאַכט־סמענע. אין דער פינצטער קלײַבן זיך איבער די זומפּן אַרויפצו צו דער שטאָט און אין פינצטערן באַגינען זיך צוריקקערן אַהיים, איז געווען די ביטערסטע אָפּקומעניש. אַ פרוי איינע אַליין אין דער טויבער נאַכט! די פונאַנדערגעגאָסענע פינצטערניש איבערן

טאָל האָט דבורהקען צום מערסטן געשראָקן. ווײ, ס'זאָל חלילה מיט איר נישט געשען אַן אומגליק אין דעם חשכות! אַלע גזלעוואָיעס ווערן דעמאָלט אָפּגעטוען. שווערע ביימער־שטאַמען און געדיכטע צעצווײַגטקייט הויערן איבער די שטאָקפינצטערע פעלדישע געסלעך און אַיעדער שטאַם איז ווי אַ מענטשן־שאָטן מיט געשפּענסטערישע נעגל, וואָס גליִען, דראָען. דאָ טשאַטעוועט אַלץ: דער שווײַגנדיקער בוים, דער געפלאַטער פון אַ פויגל, אַפילו דער קרעכץ פון ווינט צווישן די קראָקוועס פון אַ דאַך. די נאַכט איז אַן אימהדיקע, אַ גליטשיקע. עס טרעפט אַ מאָל — מ'שטרויכלט זיך אויך אויף אַ מענטש, אַן אָפּגעטונקטן אין דער שיטערער בלאָטע. אָך, אַ טויטער. מסתּמא ערשט דערהרגעט. פון זײַן גליוועדיק אײַנגעשטילטער אַנטהוילטקייט דערקענט מע קוים אַז מ'האָט אים אָפּגעהײַמט מחמת די גוטע שטיוול וואָס זענען געווען אויף זײַנע פיס, מחמת דער לעדערנער קורטקע. ווען נישט די נאַקעטקייט, וואָלט געקענט זײַן אַ חשד אַז אַ שיכור האָט זיך אַרײַנגעוואַקלט אין בלאָטע וואָס שטייט אין הינטערשטאָטישער געגנט און אַזוי־אָ איז ער אײַנגעשלאָפן מיטן אייביקן שלאָף. דעם נאַקעטן, שענדלעכן טויט. אין אמתן איז דאָס אַ קרבן פון די טמאדיקע באַנדעס וואָס רוחן אַרום אויף די מיסטן פון אַ ווילדן גיהנום. אויך פרויען באַפאַלט מען אין די דאָזיקע וויסטע פינצטערנישן. אויף אַ בײַטעלע מיט אַ פּאָר רובל בײַ אַזעלכער, געפינען זיך שוין צעלאָזענע העלדזער. און אויף דער אָרנטלעכקייט פון יונגערע זענען להוט די מיאוסקייטן. ווי די קעץ אויף מויזנלעכער לויערן זיי אין די פינצטערנישן אויף ווײַבערישער צניעות. וואָס זשע בלײַבט פאַר אַזאַ ווי דבורה דער בעזשענקע? — נישט אַרויסצורירן זיך פונעם סמוטנע ווינקל, ברענגען אויף זיך דעם סוף? דבורהקע קען דאָך נישט נישט גיין אין פאַבריק אַרײַן, סײַדן זי זאָל זײַן גרייט אויסצוגיין, נישט מער טראַכטן פאַרנעמען מאַן. ניין, אַלץ איז אַ מוז, — טענהט זי שוין צו זיך. פון וואַנען וועט זי נעמען אַ ברויטקאַרטל, פון וואַנען די פופציק רובל וואָס קאַטיאַ מאָנט חודש בחודש! דבורהקען באַפאַלט אַן אַנגסטיקייט, ווען פאַר איר הייבט זיך ווידער אָן די וואָך פון דער נאַכט־וואַכטע. זי'ט מוזן קלעטערן איבער שטאָק און שטיין כדי צו קומען אין ווערקשטעל אַרײַן. און נאָך אַ פּלאָג: קיין מאָל ווייסט זי נישט ווען אויפצושטיין. נאָכמיטאָג מוז זי כאַפּן אַ דרימל. וועקט זי זיך איבער, איז שוין פינצטער, אָבער וויפל ס'איז דער זייגער, קען זי נישט דערגיין. פריִער ווי אומעטום פאַלט צו דער אָוונט אין טאָל. רײַסט זי אויף די אויגן, איז אַרום שטיבל שוין אויסגעגאָסן אַ שוואַרצער טײַכ־

רויש, אַ שרעקיקע פריע נאַכט און אין קאַמער איז נישטאָ קיין זייגער. אוי, זי׳ט פאַרשפּעטיקן, כאַפּט איר אַרום אַ מהומה. די חשכות שלאָגט אויף איר ווי פון אַ צעעפנטן גרוב. נישטאָ ווער ס׳זאָל זי איבערוועקן. אַ מענטש קען דאָך פאַרשלאָפן.

יאָ, זי׳ט געהאַט אַ זייגערל, איז עס געוואָרן איר אַ צולאָג צו איר דראַמע. דאָס זייגערל וואָס איר איז געבליבן פון גאַנצן פאַרמעג, ס׳איינ־ציקע וואָס באַוויזן מיטצונעמען פון דער היים, האָט זי געמוזט פאַרקויפן. עס האָט געפעלט נאָך אַ צרה צו די צרות וואָס ס׳באַשערט געוואָרן. שמו־אלעק איז פאַרשיקט קיין סיביר און ער איז געווען אין אַ פּאָר לײַכטע שיך און אַ דאַר פּאַלטנדל. דאָרט בושעווען מוראדיקע פרעסט, ס׳פּאַלן קלעפּיקע שנייען, זענען די פאָדעשוועס פון זײַנע שיך אַראָפּגעפאַלן. ער איז געבליבן שפּילטער־באָרוועס. וואָס פאַר אַ עצה האָט זי געהאַט? ס׳זייגערל וואָס איז געווען דער איינציקער, דער לעצטער אָנהאַלט פאַר אַ שוואַרצער שעה, האָט זי געמוזט אָוועקגעבן. נישט פאַרגונען זיך אַ קוק צו טאָן דערויף, אַז ס׳זאָל זיך איר נישט אָנגלוסטן צו פאַרקויפן עס פאַר אַ ברויטל צו שטילן דעם הונגער וואָס נאָגט כסדר; זי׳ט זיך אַפילו נישט דערלויבט צו טראַכטן פון אַ צוקערקע צום ביסל הייסן וואַסער, מיט וועלכן זי וויל עפּטערס פאַרגיסן דעם הונגער־געשריי פון אירע קישקעס. „וועסט זיך לערנען באַגיין, דבורה, אָן מאַרצעפּאַנעס, ווען דײַן מאַן ווערט געפּלאָגט אויף די פײַערן פון פראָסט און נויט!" דאָס זייגערל האָט זי געהאַט באַהאַלטן אונטער הונדערט סודות. בײַם דערמאָנען זיך דערין האָט צו איר אַלץ גערעדט מיט וואָ־רענונג: אפשר, אפשר. ס׳אַזאַ פּחדימדיקע צײַט, זאָל מע זיך נישט איבער־לאָזן אָן דער לעצטער שטרוי, צו קענען דערין אָנבינדן די טרויעריקע האָפענונג צו ראַטעווען זיך ס׳חיות! און אָט איז געקומען שמואלעקס בריוו פון סיביר: דבורהשי מײַנע, זײַ נישט ברוגז פאַר דער שלעכטער בשורה. איך בין געבליבן נאַקעט און באָרוועס. דאָ שנײַדן שוין גרימעדיקע פרעסט אין די זאַווערוכעס דייווערן אויס דעם מענטש. אַ פּאָר וואַלענקעס וואָלטן געווען פאַר מיר אַ ישועה. כ׳האָף אַז וועסט זיך דערטראַכטן צו אַן אופן ווי אַזוי דאָס מיר צו שיקן. ביסט דאָך אַ גוטע. איך וועל דיר דאַנקען אַפילו אַז דו וועסט עס נישט קענען טאָן פאַר מיר. איך ווייס, דו מאַטערסט זיך גע־נוג, אָבער וואָס קען איך אַצינד טאָן אַחוץ שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט! אַ דאַנק דיר, אַ האַרציקן דאַנק דער טײַערער דבורהקען פאַרן האָפן וואָס כ׳האָף צו איר מיט דער גאַנצער נשמה — —

וואָס פאַר אַ ברירה איז געווען? דער פרוי האָט געשטיקט אין האַלדז שוין פונעם טרויעריקן טראַכטן און ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז זי אַרויס אויפן מאַרק איינהאַנדלען אַ פּאָר וואַלענקעס. איי, ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. שמואלעק, דער זון פון די בוימוועקס, אין אַ פּאָר שטיוול. אבות אבותיו האָבן נישט אַריינגעטאָן זייערע פיס אין שטיוואַליעס. ר׳וועט קריגן אַזוינס, וועט ער אַליין חוזקן פון זיך. איר שמואלעק אין שטיוול, נאָך בעסער — אין אַ פּאָר כאַכלאַצקע וואַלענקעס, אין גרויסע, זאַקענע אַניצעס געוויקלט די פיס. אַ צייט געקומען. דער מענטש ליגט פאַרקאָפּעט טיף אין דר׳ערד, די חיה גייט אַרום פראַנק און פריי. אַזוי ד אָ ר ט, ביי די רוצחים וואָס האָבן זיך שוין אין גאַנצן אַנטבלויזט מיט זייער געמיינ־קייט. אַזוי ד אָ, ווו מ׳האָט געמיינט —פון דער ווייטנס געהאָפט— צו געפינען אַ ביסל מענטשלעכקייט. עס הייבט זיך נישט אָן! מ׳הערט זיך צו נאָר צום געטומל פונעם ליגנער און חונף. יאָ, אַפילו דאָ. מ׳האָט זיך משטיינס געזאָגט פאַרמאָסטן צו דערהייבן די געפאַלענע אָרנטלעכקייט. אָבער יעדער טאָג באַווייזט פונקט דאָס פאַרקערטע. די אוניפאָרמירטע און די ציוויל־געשליידערטע בעסטיע איז אָנזעעוודיק און חשוב איז איר דעה. אַזאַ באַלעקט זיך נאָך מיט יענעמס אומגליק. אַ שוואַכער איז תמיד דער ער־שטער קרבן. מ׳זעט דאָס אויף יעדן שריט און מ׳מוז אַריינשווייגן אין זיך די גאַנצע פאַרביטערטקייט. די הינט האָבן טאַקע אומעטום איין פּנים: מיכאַילאָוו אין פאַבריק, יעליסאַוועטאַ גריגאָריעוונאַ אין דער שפּייזקראָם ווו זי איז צוגעפּעסטיקט מיט אירע קאַרטלעך — יעדער שטייט מיט דער בייטש קעגן שוואַכערן, יעדער מיט דער כיטרעקייט פון אַ גנב. ווער עס האָט דאָס מזל צו גראַבלען אין זאַכן וואָס לאָזן זיך פאַרקויפן „אויף שוואַרץ״ איז אַ תקיף. דער פרוי איז גיך פאַרגאַנגען דער חשק צו קלערן פון דעם אַלעם. ווי אַ נאַכטישער פייער־פלאַקער פון אַ שטרוידאַך וואָס טראַסקעט אַנטקעגן דער פינצטערניש, האָט אין איר זיך אַ צינד געטאָן די ביטערע דערמאָנונג פון סיביר: שמואלעק איז אין אַ צרה. דער פראָסט שרפעט און זיין לעבן איז אויסגעשטעלט אויף סכנה. צו וועמען אַצינד שרייען — העלף! ווי זי דאָ, איז ער אין יענעם העק ווי אַ שטיין. פאַר וועמען האָט ער געקענט אויסקלאָגן זיין ווייַ, אויב נישט צו מיר? און ווער ווייס צי עס קלאָגט שוין נישט אַרויס פון שמואלעקן די פּיין פון דער מחנה פרישע יתומים וואָס געבליבן נאָך די הריגות פון היטלערן! ערשט וועט ער נאָך געשמאָרט אין די קרירות וואָס גייען היפּ אַרויף. ס׳איז נישט קיין מעשהלע

מיט דעם סיביר. מ׳קען זיך עס משער זײַן װעדליק דעם װי עס איז הי, אין דעם „װאַרעמען לאַנד״; מיטן אָנשטיין פון דער נאַכט נעמט שנײַדן די קעלט פון מידבר. פאַר טאָג גליװערן דיביימער אין פראָסט־טוי און די פענצטער שטייען פאַרהויכט מיט אַן אומעטיקער מאַטקייט. זי מוז זיך צואײַלן, האָט דבורהקע זיך געװעקט. װײַל אין סאַמע מיטן קלערן האָט די פרוי זיך ספּאָטיקעט אָן אַ ברייט־פּנימדיקער שטאָטישער פּויערטע װאָס איז איר אַקעגנגעקומען אַ באַהאַנגענע מיט כלערליי טראַנטעס אויף די אָרעמס, אויף די אַקסלען און אַ פּאָר שטײַפע װאַלענקעס אין די הענט. פול װערט דער אַלט־װאַרג־מאַרק מיט אַזעלכע הענדלערקעס און זייערע קראָמען (אַרויסגעצויגענע אינגעװיידן פון זייערע געקאָװעטע אַלטע קופערטן) הענגען אויף זיי און װערן אײַנגעקלאַמערט אין אויסגעפּראַצעװעטע דלאָניעס. „סקאָלקאָ?״ —האָט דבורהקע זיך געפּרוװט צו װערן אַ קויפערקע.— כאָטש זי׳ט נאָך נישט געהאַט קיין פּרוטה אין קעשענע. איר איז אָבער באַלד געװאָרן אָנגעזויערט אויפן האַרץ װען זי האָט דערהערט דעם הויכן מקח פאַר װוילעקענע שטיװל. „אַזוי טײַער!״ — האָט זי איבערגעפרעגט אַ דערשראָקענע: „12 הונדערט רובל?״ די פאַרעקשנטע אויגנגלאַנצלעך פון דער אַרומגייענדיקער סוחרטע האָבן דבורהן סטאַמפּיעיעט. זי׳ט נישט געפילט װי ס׳טראָגט זי אַװעק דאָס נײַע קלערן װאָס האָט זיך צעהילכט אין איר מיט תרעומות.

„פון װאַנען װעלעך עס נעמען? װי אַזוי הייבט מען אָן צוזאַמענצושטעלן אַזאַ מאַיאָנטעק! צװעלעף הונדערט רובל, צװע־לעף (האָבן די אויגן איר זיך פאַרמאַכט װי פון אַן אַנגערונענער האַרבקייט), צװע־לעף הונדערט!! גאַלדענע װאַלענקעס פאַר מײַן שמואלעקן — — אַ באַרװעסער שפּרינגט ער נעבעך אין שטעכעדיקן פראָסט. װיי מיר, װאָס כ׳האָב דערלעבט. מ׳טרײַבט אים, מ׳יאָגט דאָרט אַזעלכע און ער האָט נישט װער ס׳זאָל אים הערן!״

פאַר דער אויסגעמאַרעטער דבורהקען, אליין אַ געפּלאָגטע פון הונגער און שרעקן, איז דער געאָכץ פונעם מאַן געװען אַ בריק נישט אַריבערצושפּאַנען. צװעלף הונדערט רובל פאַר אַ פּאָר װוילעקענע שטיװל! — האָט דער אויפרעגנדיקער געדאַנק צעפלאַמט איר פּנים — אַז פאַר אַ גאַנצן חודש האַרעװאַניע פאַרדינט זי נאָר נײַנציק רובל, בעת בלויז קאַטיאַן מוז זי אַראָפּגעבן (פאַרן װינקל!) גאַנצע פופציק רובל. גװאַלד, נאָר משוגע צו װערן — אַזאַ קװאַאַל! מיט װאָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט? נאָך װינציק דאָס ביז איצטיקע גיהנום. קנאַפּ געװען דאָס בלוטצאַפּעניש װאָס די

פּאָליאַקן האָבן זינט יאָרן געבראַכט אויף אונדז; נאָך נישט גענוג די טויטלעכע אימה וואָס די דײַטשן האָבן אויסגעשפּרייט און אַרײַנגעפּירט  אין אונדזער הויז. ערשט ווערט ווייטיקלעך קלאָר, אַז אומזיסט געהאָפט כאָטש אין עק וועלט צו געפינען אַן אַנטרינונג פון די בלוטטריפנדיקע פּחדים. גאָטעניו, וואָס האָבן מיר דען געוואָלט? באַדאַי פּאַר ליב צו נעמען אויסגעוואָרפנקייט, אַבי נישט צו זײַן געצוווּנגען צו זען אַזוי פיל טויט וואָס ווערט געשענדט, געטראָטן פון מענטשישע נידעריקייטן. ערשט האָסטו דיר! אַנטבלויזט ווי אַ ברילע אײַז, האָט דער טויט זיך באַוויזן אויך  אין סיביר!

די פרוי האָט פון דעסטוועגן זיך געקליגט צו באַוועלטיקן די פאַרלוירנקייט, וואָס האָט געבײַטשט איבער איר נשמה. אין אמתן טאָר זי נישט אַזוי פיל אַרײַנקלערן, האָט זי רגעווײַז אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פונעם יאושפלייץ: זי מוז זיך שטאַרקן, איר מאַן איז אין סכנה. זי'ט עפּעס טאָן, זי מוז (האָט זי געפּרוּווט זיך איבערשרײַען) און זיך דערמאָנט: זי'ט דאָך געהאַט באַשלאָסן אָפּצוגעבן דאָס גאָלדענע זייגערל. אַ קליינטשיקס מיט אַ קינדיש פּנימל און געטאָקטע ווײַזערס  האָט עס אין פאַרהוילנקייט פלאַטערדיק געוואַרעמט דבורהקע בוימוערקס צעקאַליעטשעטן גלויבן אין אַ גרינגערער צײַט. „עס קען דאָך נישט אייביק זײַן פינצטער״, האָט אין איר  אויפגעברומט דער בטחונדיקער זאָג דער באָבעס, דער מאַמעשיס, עליהן השלום. דערנאָך האָט זי זיך אויך אָנגעשפּאַרט אויף דער קלוגשאַפט פון די עלטערע ווײַבער וואָס האָבן תמיד געהאַט אויף עפּעס צו קרעכצן: ווי לאַנג דער מענטש האָט אָפן די אויגן, דאַרף ער האָבן בטחון. צו מאָל טרייסט מע זיך מיט אומזיניקע האָפענונגען, אַבי עס זאָל העלפן בײַקומען דאָס שווערע געמיט וואָס פאַלט אויפן מענטש. נו, שמואלעקן מוז זי העלפן, זי 'עט...

דער ערשטער אַרויסגיי אויפן אַלטוואַרג־מאַרק האָט דערדריקט דאָס ווײַבל. געפּטרט שעהען און די באַגערטע וואַלענקעס נישט געקענט קויפן. איר קעשענע איז געווען ליידיק און ס'זייגערל האָט זי מורא געהאַט אַרויסצוטראָגן אויף דער ליכטיקער שײַן: „ס'געפעלט דיר? ס'אַ טײַערס!״  זי'ט עס מיטגענומען שפּעטער און אַ רגע אַ טראַכט געטאָן: אפשר בעטן אויף אַ טויש. דיר דאָס, מיר — דײַנס. אָבער זי'ט זיך דערפון אָפּגעהאַלטן. גיריק איז דער המון, ער דרייט זיך דאָ מיט שפּיזיק רוצחישע אויגן. עס נישטערן אַרום אָפּציערס, קברים־רויבערס וואָס לויערן אין די טונקלענישן  איבער די יערנדיקע בלאָטעס אַראָפּ־שטאָט, וווּ זי מוז זיך בײַ נאַכט דורכשאַרן. און

קעשענע־גנבים פעלן נישט. אין יעדן מאַנצביל וואָס האָט זיך דורכגעשליכט פאַרביי די שמאָטע־אָנגעשלײַערטע הענדלערס, האָט די פרוי געזען אַ גזלן וואָס ציט אָפּ טויטע אין די קברים און אַזוינער וואָרפט אַן אַ גרויל. מחנות ליידיקגייערס האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון גיין אין מלחמה אַרײַן און דאָ קיסיען זיי מיט אימהדיקער פאַרדעכטיקייט. זיי מוזן דאָך עסן, יאָ, זיי פרעסן און זויפן, — גיט זי אַ קלער. אַפּעטיט האָט אַזעלכער אַ צעלאָזענעם. אַזאַ מוז ווערן אַ גזלן, אַן אָפּצ׳ער. אָט־אַ קראַמפּט ער אײַן זײַן בייזע לאַפּע (דערשפּירט עס די פרוי) אַרום גאַרגל פון אַ פרישן קרבן. זע עס, דבורה, האָט איר באַלד געוואָרגן די שרעק וואָס איז געגאַנגען אויף איר מיט ברענענדיקע בליקן פון הינטער אַ קורצן באַנדיטישן שטערן: דער־אַ קוקט ערשט אויס ווּעמען אָפּצוצ׳ען; אָוונט רוקט אָן און די רציחה איז אים אַ פאַן־בראָט. ער׳ט שוין עמעצן אָפּהיימען, אויסטאָן ביזן לײַב און ס׳עט זײַן שאַ. יעדער אויף דער נאַכט איז באַלאָדן מיט פּחד און אַ מעסער, אַ פּיסטויל פעלט נישט בײַ די וואָס זענען גרייט אויף אַזאַ ברויט. שוין דער פּריער אָוונט גייט האַנט בײַ האַנט מיט אַזעלכע.

אַ פאַרלוירענע ווי זי איז געקומען אויף דער באַראַכאַלקע איז דבורהקע אַוועק פון איר. „וואָס הייבט מען אָן? שמואלעק, אומגליקלעכער שמואלעק!״ — האָט אין איר אַ זאָט געגעבן אַ הייס געוויין. אין דער שאַרפער זאָרג וואָס האָט זי געטריבן פון איר אָרעמען ווינקל אין פאַבריק אַרײַן און פון פאַבריק אויפן טאָלטשאָק אַרויף פון וועגן די וואָלענקעס, האָט פאַר דבורהקען איינציק געלויכטן נאָר דאָס דריבנע זייגערל מיטן שײַנענדיקן ציפערבלעטל, גלײַך דאָס וואָלט צוטרוילעך, סודותדיק זיך צוגעהערט צו איר און געטיילט מיט איר דאָס קאָפּבר׳עכעניש.

דערקליבן זיך אַהיים, האָט דבורהקע שוין זיך דערטראַכט צו אַ פאַר־טיקן פּלאַן: זי וועט איבעררעדן מיט קאַטיאַן. זי איז דאָך אַ פרוי. אפשר וועט קאַטיאַ קענען איר עפּעס העלפן. סטײַטש העלפן? זי׳ט חלילה בײַ איר גאָר נישט נעמען. זי וויל נאָר יענע זאָל פאַרשטיין איר קוועלעניש: אַליין איז זי אויך אויף צרות; זי זעט דאָך — שוין לאַנג ווי זי קאָכט זיך נישט אָפּ אַ לעפל עסן. זי איז פאַרהאָרעוועט, האָט קיין מאָל נישט קיין צײַט פאַר זיך. זי גייט אַפילו נישט אין אַטשערעד נאָך אַ טאַרבעלע קאַשע, נאָך אַ פּאָר קאַרטאָפל. זי הונגערט. זי האָט נישט קיין צײַט צו זאָרגן פאַר זיך, רק זי לויפט צו דער אַרבעט. זי טריקנט אײַן. ס׳איז דאָס אומגליק פון איר אַליינקייט. די נויט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטאָט און מ׳מוז האָבן

כוח זיך אַרויסצודרייען פֿון איר. ס'יקרות ברענט סכנות. גראָבע געלטער מוז מען האָבן צו קענען זיך פּאָזוואָליען צו קויפֿן עפּעס אויף שוואַרץ, און צוריקגעשמועסט: זי איז דאָך נאָר אַ רויטאַרמייערקע. יאָ, אויך דבורה בוימוואָרק איז אַ רויטאַרמייערקע. אויך איר מאַן איז מאָביליזירט אויפֿן פֿראָנט. יעדער ווייסט עס — סיביר איז אַ צווייטער רוסישער פֿראָנט, אָן וועלכן דער אמתער פֿראָנט קען נישט אויסקומען. איין האַנט וואַשט די אַנדערע, קאַטיאַ. רעכט, זי, דאָראַ, האָט נישט קיין טענות. אַלעמענס דאָליע איז אַזאַ. פֿון איר פֿאַרלאַנגט זי אַ קלייניקייט: אַ קאָפּעטשקע אײַנזעעניש. אַזוי ווי קאַטיאַ איז מער אויסגעפּרוווט אין אַלעמדינג, זי קאָן דאָ אַיעדן שטיין, זאָל זי איר העלפֿן פֿאַרקויפֿן ס'זייגערל. ס'אַ גאָלדנס, ס'איז דאָס איינציקע אין וואָס עס הענגט איר גאַנץ לעבן. ס'איז אַ פּיצעלע, ווי דו ווייסט, קאַטיאַ, נאָר אַ טײַערס. כ'מיין, דו קענסט געפֿינען אַ בעלן וואָס זאָל וועלן אַזוינס אָפּקויפֿן זײַטיק. איך פֿאַרשטיי, פֿאַראַן אַזוינע, נאָר מ'באַדאַרף זיך היטן. ס'טרעפֿט, עמעץ באַגערט אַזוינס, מ'קען עס נישט שטענדיק קריגן, און איז עס פֿאַראַן, איז נישטאָ די געלעגנהײַט פֿאַר יעדן צוצוקומען דערצו. אַוודאי, ס'איז אַן אויסלענדישס, אַ שווייצאַרישס. דו באַנעמסט, קאַטיאַ? איך וויל עס נישט אַרויסטראָגן אויפֿן מאַרק. ס'נישט גוט אַז אַזאַ חפֿץ זאָל אָנקומען אין הונדערט הענט אַרײַן, יעדער זאָל עס באַקוקן, באַטאַפּן און פֿרעגן מיט פֿאַרדעכטיקייט. מענטשן ווייסן דאָך נישט פֿאַר וואָס כ'מוז עס פֿאַרקויפֿן, אַז ס'איז אַן אייגנס. לײַט האָבן די טבֿע נישט צו גלייבן. און ערשט זאָלסטו זיך דאַרפֿן שרעקן אַז אַ גנבֿהש הענטל זאָל דיר נישט קריכן אין קעשענע אַרײַן, קאַטיאַ. און אָפּציערס פֿעלן נישט. איך וויל נישט אַזאַ זאָל מיך נעמען אויפֿן אויג. אָך, וואָסערע געשעענישן עס טרעפֿן! יעדן טאָג הערט מע זיך אָן דערפֿון. מחנות מאַראָדערן שלאָנדערן אַרום אין שטאָט. פּאָליציע יאָגט זיך נאָך זיי, אָבער קיין איינעם פֿון די געכאַפּטע האָט מע נאָך נישט דערשטיקט, ווי זיי דערשטיקן די אומגליקלעכע און ברענגען זיי אום אין אַ מניה וביה. אַ בלודנע צײַט געקומען מיט בעלי רחמים פֿאַר באַנדיטן, קאַטיאַ טײַערע — — אין דמיון האָט זי זיך אַזוי דערנענטערט צו דער דאָזיקער.

דבורהקען האָט עס געטראָגן פֿון אימה פֿאַר אוממעגלעכע רשעותן וואָס קענען געשען מיט איר, אָבער דער קאָפּ איז איר געווען מער בײַ שמואלעקן ווי בײַ זיך גופֿא: איך? מיט זיך האָב איך אַ קנאַפּערע זאָרג. כ'בין נישט אין אַזעלכע סכנות ווי ער. ווער ווייסט צי ער פּיבערט נישט

אַצינד אין אַ לונגען־אַנטצינדונג! אַז די פּרעסט דערגייען דאָרט אין די הויכע גדולות, צו די פּופּציק גראַד און דו שטיי אין דרויסן; ס'איז פאַראַן אַ שוואַכע האָפענונג אַרויסצוגיין גאַנץ פון אַזאַ פײַער. און שמואלעק גייט אַרויס אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער — — נישט די כוחות וואָס האַלטן זיך נאָך אין איר, נײַערט דער בלינדער אימפּעט וואָס ווערט געבוירן אין שרעק, האָט באַוועגן מיט איר, ווען זי איז ווידער אַ מאָל אַוועק מיטן ליידיקן פון דער באַראַכאָלקע. דעמאָלט האָט די פרוי שוין שוועסטערלעך זיך אַראָפּ־געריסן פון דער באַלעבאָסטע. „וואָס ווייס איך"? — האָט זי געענטפערט.

..אויג אויף אויג מיט קאַטיאַן, האָט איר פּזמון אַן אַנדערש מאָל זיך אַזוי אָוועקגעשטעלט מיט צעגליטע אויגן:

— הער, קאַטיאַ, ביסט אויך אַ פרוי, וועסטו מיך מסתמא פאַרשטיין. איך מוז זיך דאָך אויסרעדן פאַר עמעצן. דו זעסט, איך בין אַליין, שרעקלעך אַליין. איך מאַרדעווע זיך פאַרן קאַרגן ביסן. דערצו איז פאַר מיר אַלץ דאָ פרעמד און איך בין פרעמד פאַר אַלעמען. ס'ערשטע מאָל ווי מײַנע פיס באַטרעטן די ערד פון דעם לאַנד, ערשטיק איז דער גאַנג פון מײַן בליק איבער אַט־די בערג און ווי צו אַ היים נידערט מײַן בליק צום טאָל וווּ דו האָסט געלאָזט מיך צושפאַרן אין מײַן מידקייט. אַ גרויסן דאַנק דיר, נײַערע. אַ דאַנק פאַר דער אָפענער טיר וואָס דו האָסט געלאָזן פאַר אַ געפלאָגטער. דערפאַר פיל איך אייגנקייט אויך צו די דאגות פון אַנדערע, פון אַלעמען. דערפאַר נעם איך אַן פאַר ליב מײַן חלק ביטערניש, איך אַר־בעט אָרנטלעך. און דו ווייסט: מײַנער איז אַוועק אויף מיליטערישער אַר־בעט. קיין האַניק לעקט ער נישט, ס'וואָר? די סיבירישע פרעסט האָבן אַ האַרבן נאָמען אומעטום און דער טרויער פון דער מלחמה איז, קענטיק, אויך דאָרט נישט פרעמד. ערשט מאָל זיך אויס אַז מײַנער גייט דאָרט אַרום אַן שיך. באַנעמסט כאָטש, קאַטיאַ — באָרוועס אין סיבירישער קעלט! שווער צו באַנעמען אַזוינס מיטן פשוטן שכל. אַ ביסעלע פאַנטאַזיע, קאַטיאַ, און דו וועסט האָבן פאַר זיך דאָס בילד פון שגעון, אין וועלכן אַ מענטש מוז אַרײַנפאַלן אין אַזאַ פאַלאַזשעניע. איך גופא וואָלט עס אויך נישט באַנומען, אויב צו מיר וואָלט נישט דערגאַנגען סאַמואילס יאָמער-געשריי: „ראַטעווע, דאַראַ!" באַנעם, צו אַ פרוי וואָס איז אַליין אומבאַהאָלפן, מוז אַ מאַן זיך ווענדן מיט אַזאַ רוף. שרעקלעך? ס'איז מער ווי דאָס, קאַטיאַ. ער איז אַ דעליקאַטער. ער וועט זיך נישט אָנזעצן אויף אַן אַליינינקער פרוי. ער ווייסט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער'ט מיך געלאָזן. אויב פון אים קומט שוין

אַזאַ וואָרט, איז נישט גוט, קאַטיאַ. דער מענטש קומט אום. אַפילו דו האָסט אײַליקס צו טאָן אין גאַס, קאַטיאַ, נאָר אַז דו זעסט אַ מענטש פאַלט פּלוצ־לינג אין אָנמאַכט, וועסטו זיך נישט אָנבייגן צו אים, דערלאַנגען אַ שלוק וואַסער, אויפהייבן אַן אַליאַרעם אַז מ׳זאָל לויפן ברענגען אַ דאָקטער? ראַ־טעווען, ראַטעוועען, פאַרשטייסט, מוז מען איצט סאַמואילן. דרינגלעך געבן אים אַ האַנט. אַ פּאָר וואַלענקעס פאַר די באָרוועסע פיס וועלן העלפן. וואָסזשע, קאַטיאַ, — זי׳ט זיך פאַרשטאַמלט, טרערן האָבן פאַרגלאַזיקט אירע אויגן און קאַטיאַ האָט אינסטינקטיוו צו איר אויפגעהויבן די הענט:

— איך, —האָט זי געזאָגט— וואָס קען איך טאָן, דאָראַ? אויך איך בין געקוועלט, נאָך מיט קליינע קינדער. קאָרמען זיי, אָנטאָן. שוועך! איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט אַנומלט, אַז כ׳ווייס אַפילו נישט וועמען צו באַ־רײַען דײַן זייגערל, — און געפּרוווט זיך אָוועקזעצן כלומרשט אַ פאַר־יאַדעטע.

— כ׳רעד צו דיר ווי צו אַ שוועסטער, קאַטיאַ, ווײַל אויך דו ביסט גורלדיק פאַרמשפּט אויף מאַטערנ־ישן. יעדער האָט זיך זײַן פּעקל, (און שוין זיך געשטיקט מיט געוויין), אָבער אויף אַ צווייטן באַדאַרף מע זיך אויך אומקוקן. איך זע, דו שאָקלסט מיטן קאָפּ. קענסט זײַן אַ פרײַנדין. איך האָב געוווּסט אַז דער מענטש אין דיר וועט זיך אָפּרופן. כ׳וויל בײַ דיר גאָר נישט נעמען, קאַטיאַ. כ׳וויל זאָלסט מיך בלויז פאַרשטיין. דו האָסט כאָטש וועמענען פון די אייגענע, איך בין אויסגעוואָרפן אין דער פרעמד. ווער קען מיך, ווער ווייסט דאָ אַ דאָראַ אַ סאַמואיל! (און ווידער זיך געשטיקט מיטן אָנגעקוואָלענעם קול.) אַ לויב צו גאָט וואָס איך האָב אין דיר גע־טראָפן אַ פאַרשטאַנדיקן מענטש. וואָרן פון עלנט קען מען אומקומען פונקט אַזוי ווי פון הונגער. קאַ־טיאַ —האָט זי שוואַך געטעמט— איך בין אין אַ גרויסן געקוועל — —

ס׳קול האָט זיך אָפּגעדריוולט פון דבורהקען און מיט אַ דריקונג האָט זי געקוקט אויף דער באַלעבאָסטע, זי געזען אין רויך פון פאַרטרערטקייט. קאַטיאַ איז קענטיק געווען פאַרנומען מיט איר חושימדיקייט: די פּאָרע פון פרישגעבאַקן ברויט האָט זיך געחלומט אירע נאָזלעכער, די געזאַלצנקייט פון חזיר־פליש האָט זיך געאָנגט איר גומען. ווי גוט ס׳איז די וואָרעמקייט ווען אין דרויסן ווילדעוועט די וויוגע — — ס׳האָט זיך לעסטיק צערודערט איר געהירן. דאָס טונקעלע פלעמל האָט באַלויכטןביידע פרויען, גלײַך עס

וואָלט אַ פּאַרטראַכטס געהויערט אין אומקלאָרער אויסוואַרטונג צו קענען וועקן, אָפּניכטערן.

דער שכנהס אויגן האָבן מיט לעכצעניש אויסגעקוקט אַן ענטפער, אָבער קאַטיאַס בליק האָט אַן איבערפולער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער, מחמת וואָס איר קאָפּ האָט זיך לסוף אַראָפּגעלאָזן צו דער ברוסט מיט פּאַראַיבל: „דולט אַ מוח, די...‟

מיד? אין דבורהקעס שלייפן האָט אָקערשט געגומען האַקן אַן איבער־דריסיקייט וואָס זי׳ט אַרויסגעפּילט פון יענערס קוקן, שווייגן.

ווי דער יידישקעס בליק איז אויך דאָס נאַפּטלעמפּל אָונטיק געהאָנ־גען אין שטוביקן נעפּל. פּיינלעך האָט זיך געצויגן דאָס פּאַרעקשנטע שווייגן וואָס איז אָנגעדראָלן אין קאַטיאַס בליק, אָבער באַלד זיך אויפגעהויבן און די־אָ האָט אַלץ נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. אומזיסט, אומזיסט, — האָט דבורהקע זיך געביסן אַ ליפּ. דער באַלעבאָסטעס שטו־מעניש האָט ראַפּטעם אויפגעיוירן אין איר אַ פּאַרצווייפלונג. איר פּנים האָט געצוקט, דער בליק געטונקלט. דערנאָך האָט דבורהקעס קאָפּ זיך צע־וויגט אַנטקעגן קאַטיאַן:

— מיין סאַמואיל איז אין גרויסער סכנה. ער קען זיך נישט קיין עצה געבן. איך מוז אים העלפן, קאַטיאַ, אָבער ווי אַזוי? ס׳איינציקע וואָס קען מיר זיין אַן אָנשפּאַר איז דאָס אָ, כ׳זייגערל. ס׳איז די מתנה וואָס געקריגן פון סאַמואילן צו דער חתונה. ס׳איז הייליק פאַר דער פרוי, ווען זי גייט אַריבער פון די לייבלעכע אין רשות פון דעם וואָס ווערט איר מאַן. ס׳איז נאַטירלעך אַז מיט דער פרוי געשעט אַזוי, אמת, קאַטיאַ? יעדן פרוי וואָס גייט זיך צונויף מיט אַ מאַן, ווערט זי — ער. דערפאַר בין איך אַזוי צוגעבונדן צו דער מתנה וואָס באַקומען פון אים ד ע מ אָ ל ט. דערצו שוין דאָס דורכגעטראָגן איבער פּיינערן און געפאַרן. איצט, זעסטו (האָט געפינצטערט איר שטים) איז נישטאָ קיין ברירה. כ׳וועל זיך מוזן שיידן מיט דעם. כ׳האָב זיך טאַקע געקווענקלט צי כ׳זאָל עס טאָן, אָבער ס׳נישטאָ קיין ברירה. זע, ווי שיין ס׳איז!

קאַטיאַס בליק איז געווען האַרט אָנגעאַנגען אויף דער דאָזיקער. אַ גיריקער שמייכל האָט קראַמפּהאַפּטיק געשפּילט אויף דער באַלעבאָסטעס פּעטן פּנים און איר אָטעם איז פּאַרשטאַרט געוואָרן באַגלייך מיט איר אויגנגלאַנץ. זי האָט זיך כיטרע צעטענהט —

— ס׳וואָלט געוועזן די פּאַנעס. מיט זייגערלעך געקענט זיך צאַצקען, אין זײַד זיך געצירט. אונדז זענען באַשערט געוואָרן סאַמע טראַנטעס אויף די פּלייצעס און דאַרע סוכאַרעס אין פּיסק אַרײַן, — ס׳האָט זיך אַ ריר געטאָן אין קאַטיאַס געהירן, אָבער ס׳מויל איז איר געבליבן ביטער פאַרשלאָסן. דער צוק פון קנאה האָט געפּרוווט זי אַ טרייסל געבן, אלאָ די פרוי האָט זיך מיט דעם נישט אויסגעגעבן —

„דער טײַוול ווייסט, וואָס זיי זענען, די פרעמדע", און זיך קלוגעטשקע אַרײַנגעצויגן אין דער פּעל פון דער פּלוצלינג געשטרויכלטער חיה. ערשט האָבן קאַטיאַס אויגן געבלאָנדזשעט דאָ איבער דער שכנה, דאָ איבערן וועלק־קאָליר פונעם רײַכן מעטאַל וואָס די דאָזיקע האָט אַרויסאַנטפּלעקט און דאָס האָט פאַרעקשנט זיך צעגליט אויף אירע ווינעס. זיי האָבן עס נישט באַמערקט,ביידע פרויען, ווי זייערע קעפּ פאַלן צו איינצײַטיק צום דריבנעם בלישטשנדיקן חפץ. בײַ דער באַלעבאָסטע איז ערשט געוואָרן חשדיק אָפּגענומען ס׳לשון, אָבער דבורהקע האָט עס „דערהערט" מיט אַלע אירע חושים. די־אָ נײַע בייזע שטומעניש האָט דבורהקען געפּאַטשט איבערן פּנים און זי׳ט זיך גענומען וועקן צו וואַכזײַן: „האָסט עס נישט געטאָרט, דבורה! קויפסט זיך אײַן אַ שונא, דבורה, אַ דם־שונא!"

— זעסט, קאַטיאַ, —האָט זי אַרויסגעמורמלט— דאָס איז דער לעצטער אָנשפּאַר פאַר מיר און פאַר סאַמואילן. ס׳איז די גאַנצע היים אונדזערע און דער נעכטן, וואָס ליגן ערגעץ צעבראָכענע. דו שטעלסט זיך פאַר אַזוינס, קאַטיאַ? מיך לאָזט עס נישט שלאָפן אין די נעכט, מיר צעברעכט עס ס׳געמיט אַלע טאָג. איצט מוז איך דאָס אָפּגעבן נאָר פאַר אַ פּאָר וואַלענקעס. כ׳מוז שיקן סאַמואילן. ווייסט דאָך: ס׳איז סיביר. אַ מענטש גייט אַרום אין פראָסט אַ באָרוועסער!

קאַטיאַ האָט צו דער יידישקע אויפגעהויבן אירע אָנגעגאָסענע, געקרענקטע אויגן און פונקט אַזוי אָנגעגאָסן איז געווען דאָס געציילטע וואָרט וואָס זי׳ט באַוויזן אַרויסצוברענגען. עפּעס וואַקלדיקס איז געווען אין איר קנאַפּן רעדן, גלײַך עס וואָלט געמוזט זיך אָנלענען אויף אַ שטעקן.

— וויפל וואָלסטו פאַרלאַנגט פאַר דעם, דאָראַ?

דבורהקע האָט נישט געענטפערט קיין שום ענטפער. אין געהירן האָט איר ראַפּטעם געטונקלט. פון איר האָט נײַערט זיך אויסגעוואָלקנט אַ פראַגע:

— וויפל קען איך בעטן פאַר אַזוינס, קאַטיאַ? — און פונעם אָפּברום

וואָס האָט אַרויסגעטויכט פון טרערן, האָט זיך נאָר געהערט דער פרויס מאוימדיקע טראַכטן דערפון. זי׳ט געקוקט אויף דער אַנטקעגנדיקער און אומקלאָר זי דערזען; דבורהקע האָט זי בלויז געדענקט, נאָענטלעך געדענקט דאָס צעשוומען ברייטע פנים און געפילט אַז יענע איז פאַראַנען מיט אומ־גינציקייט. קאַטיאַ האָט זי טאַקע באַלד אָפּגעמינטערט אויף קאַלט.

— מיינסט, עמעצער באַדאַרף צירונג? מירן צו מאָל נישט געזען אַזוינס. דו פאַרגעסט, ס׳איז נישטאָ ס׳ביסל פרעסן!

אויפגעכאַפּט זיך ווי אַן אָפּגעבריטע פון דעם הייסן מוסר און דבורהקע רעדט שוין צו איר מאַחורי פון איר פּיינלעכן פילן:

— איך קען נישט טראַכטן פון ברויט פאַר מײַן לייב, קאַטיאַ. איך מוז ראַטעווען אַ מענטש! יאָ, ראַטעווען אַ לעבן וואָס אין סכנה, איז אַ מאָל וויכ־טיקער ווי ס׳אייגענע געביין.

— סכנה? —זעצט שוין קאַטיאַ איבער דער פרויס שאַרבן מיט דער־וואַכטער העפטיקייט.— ווען אַ סך סכנות גייען אַרום אין גאַס, זענען אַ פּאָר שטיוול נישט קיין גרעניץ פאַר סכנה! מאַך זיך נישט צום נאַר, דאָראַ. אָ, דײַן צירונג איז שיין, אָבער ווער׳ט אַ נוצן פון אַזוינס? ס׳הונגעריקע מויל וועסטו מיט דעם נישט אײַנשטילן.

אַן אויגנבליק נאָכגעקלערט וואָס געזאָגט דער דאָזיקער (און אַליין עס געהערט ווי פון ווײַטנס, כאָטש בסך הכל שטייט דאָס שטיבל שטייניק פאַר־האַרבעט, עס שרעקט קברדיק) און שוין זשמורעט קאַטיאַ צו דער שכנה. זי קוקט אויף איר, בייגט אויס ס׳געהער.

אויף אַן אמת, זי קלאָגט און די־אַ זיצט אַן אָנגעמלאכהטע, — שוימט עס אין איר; קאַטיאַס בליק ווערט דורכדרינגלעכער, אַזש בײַ דבורהקען לאָזט זיך אַראָפּ דער קאָפּ.

— רעדסט, און אין מיטן דערינען דרימלסטו, זשענשטשינע? — גייט די באַלעבאָסטע אַרויס מיט אַן אַנדער טענה צו איר.

— איך דרימל נישט, קאַטיאַ. איך טראַכט.

— דו טראַכסט? — ווערט די אַנטקעגנדיקע ביטער און איר שטים פּויקט זיך אויס ווי רעגן אויף דער שויב פון אומזיסטיקן וואַרטן. — גע־וויס, האָסט אַ קאָפּ, באַדאַרף ער טראַכטן.

באותו הרגע פאַרנעמט דבורהקע ווי יענע שלינגט פאַרריסענעם גע־לעכטער, אָט באַלד דערשפּירט זי יענערס פּעטש. די גויע האָט תענוג פון איר פּײַן. דבורהס ליפּן האָבן זיך דערויף סבלנותדיק פאַרפרעסט: „אַזאַ

מזל גייט איר נאָך. ווי די היימישע גויים, פון וועלכע זיי זענען אַנטלאָפן אין אימה, זענען אויך די היגע פול מיט ברענענדיקן סם. אַן איבערדעניש אַז ס'איז דאָ אַן אַנטריניזנג פאַר אַזעלכע! די פּאָליאַקן ווי די רוסן זענען אַלץ איינס גויים וואָס האָבן הנאה צו פרעסן גרויסע יידנפּאַרציעס. די דײַטשן זענען שוין אין גאַנצן אַרויסגעקראָכן פון זייער חיהשער פעל".

יאושדיק אַ קוק געטאָן אין זיך אַרײַן, די יידישקע, און זי איז געבליבן זיצן מיט פאַרקנייפּטע ליפּן: ששאַ! צעבײַס דיר די צונג, דבורה. דו קאָנסט נאָך נישט קאַ' מענטשן!

אין קאַטיאַן האָט אַ טומל געטאָן דאָס ראַפּטעמדיקע שוויַגן פון דער שכנה און דאָס האָט זיך אין איר צעבלאָזן ווי אַ בלאָנדזשנדיק נאַכטיש ווינטל: אי עס לאָזט נישט אײַנשלאָפן אי עס ליימט די גלידער, כאָטש דער מוח וואַכט. און גראָד האָט זיך קאַטיאַן פאַרוואָלט שמועסן, אויסדערציילן פון איר אייגענעם קלערן, אויך דאָס בייזע ברומען פון דער גאַס. אַגב האָט זי אין איין וועגס באַגערט די געלעגנהייט אַרײַנצוזאָגן דער דאָזיקער פאַר אַלץ וואָס „זי האָט זיך פאַרדינט":

„היי, איר פּרעמדע, וואָס זענט געקומען אָפּעסן אונדז די קעפּ! געוואָרן אַ ברענענדיק יקרות צוליב אײַך. איר'ט אַהערגעבראַכט אין אײַערע קלומעקעס האַרבע קעלטן. אונדזערע קאַנטן זענען פון אײַך פול געוואָרן מיט אומגליק. קיין מאָל האָט מע דאָ נישט אַזוי פיל געליטן פון בידע. פעט איז אונדזער ערד, די קאַרטאָפל זענען גרויסע ווי די קינדערשע קעפּלעך, בורעקעס אַ פּוד שווער, רײַך זענען די ווייצן, די פּאַפּשויען און סך פליישן. ערשט האָט דער הונגער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אונדז מיט פּאַרציקונג. מירן שטאַרבן בײַנאַנד מיטן קליינוואַרג. מ'גייט אויס, ווײַל אַזוי פיל פרעסערס אָנגעלאָפן מיט אײַך פון דער משוגענער ווײַט, וואָס שלאָגט זיך אויפן בורזשויסקן אופן, ווייל פאַרשלינגען די וועלט — אונדזערע מענער האָט מען אַוועקגעטריבן צום אויסהרגענען, אײַערע זכרים פּאַשען זיך דאָ די פּאַנצן, פּלאָנטערן זיך צווישן די ווײַבער אין די אָטשערעדן, נעמען צו דעם ביסן בײַ אונדזערע קינדער".

די נכפה האָט פאַרקלעמט קאַטיאַס קול. דעם אויפגערייצטן כעס האָט זי אַרײַנגעשריגן אין זיך מיט צעקלונגענע ציינער, געבריט די יידישקע מיט אירע אויגן־שאַרפן. ווי אויף צו להכעיס האָט די־אַ נישט איבערגעריסן איר לעסטיקע שוויַגעניש און אַז זי שטומט, האָט אויך קאַטיאַ נישט קיין

ברירה. זי שפּירט נאָר די דינע ציטערניש פון אירע צעטרייסלטע נערוון. דער בושעווענדיקער כעס הייבט זי פונעם אָרט: „זי מוז איר דערלאַנגען!" שטי־י־יייל.

ווי אַ נישט־דאָזיקער רעדערגאַנג אויף פּאַרדאַרטער ערד האָט כריפּלע אָפּגעגרילצט דער לעצטער קלאַנג פון זייער איבערגעריסענעם געשמועס. דערווידערדיק האָט די שטילקייט זיך געשטעלט צווישןביידע פּרויען, אַזש עס איז געוואָרן פריקרע דאָס קלערן וואָס איז ווי מערעשקעס גע־קראָכן איבערן רוקן פון דעם פּויזנדיקן אָוונט. ביי דבורהן האָבן גענומען וויטיקן די אויערן און פּאַר קאַטיעס דערצונדענע אויגנאַפּלען ציט זיך אויס די פּליסטערנדיקע טונקלקייט. פון דער וואַנט טריפט צוקנדיק דער שאָטן פונעם פלאָם וואָס זשיפּיעט אין לעמפּל און אַנטקעגן עקשנט זיך די פּרעמדע, קענטיק, איר האָט אָנגעגלוסט דווקא אַ חגא־פּרעס, — האָט אין דער באַלעבאָסטע זיך שוין געבלעזלט דער צאָרן.

— דו, ווילדע דו, —נעמט זיך ביי קאַטיאַן רירן דער פאַרוואָקסענער מוח און איר מויל פאַרקרימט זיך ווי אַ פּליש־קלומפּן — דו, דו! פון אַ כמאַרע ביסטו אַהער אַראָפּגעפאַלן? אַזוי פיל יאָרן ווערן מיר אויסגע־ריסן, לעבן אויפן דאַרן שטיקל ברויט, גייען אין אַ צעטרעפּעט קלייד ווילסטו אַז מיר זאָל דיך וואַרעמען אין אײדעלע פעדערן, האָניק זאָל דיר רינען איבערן מויל?! ס'גוט געשען וואָס דיר איז אָנגעזויערט. נעבעך אַ ווײ־בענקע. ווייס וואָס אַן אַנדערע שפּירט. אויך איך בין אַ מענטש און איך וואַרג זיך! וואָס, איך בין ערגער פון דיר, דו שטיק! שוין גיי איך מיטוויי־נען מיט אַזעלכער! —

זי'ט זיך געגעבן אַ ריר אויפן זיץ און מיט רעש פאַרלייגט די הענט איבער דער ברוסט; זי'ט זיך געקאָכט:

— אַז איך בין געבליבן אַזוי־אָ, מיט הונגעריקע קינדער, מיט אַן אָרעמען קופּערט, דו בורזשואַזנע ברואה, ווערסטו מיר מיט עפּעס גרינגער מאַכן? ווי קונציק דאָס האָט אויסבאַהאַלטן אירע גאָלדזאַכן! ס'איז דער איינציקער אָנשפּאַר דער פּאַניס, או־אוווו!

ענדלעך געמוזט אַרויספּלאַצן.

פּלוצלינג זיך אַ הייב געטאָן, מיט באָסט גענעענט צו דער דערשראָ־קענער דבורהקע און אין איר אַריינגעציישעט, גלייך זי וואָלט אָקערשט דערווישט אַ נישט דערגרייכלעכע וויטקייט:

— אַזוי לאַנג געוועזן ביי די קאַפּיטאַליסטן, די פּאַני, געצירט זיך אין

זײַדנס, געפּרעסן פּעטע פּליישן, געבאָדן זיך אין צוקער און פּוטער, זאָל זי ערשט פּרובירן דעם טעם פון אונדזער דאָליע (חולה נופלדיק האָט זיך גע־טרייסלט איר גאָמבע, אומרויק זיך צעפּינטלט די אויגן)! געקומען אַהער לעבן גרינג! פּאַר וואָאָאָ־אָאָס?! מירן שוין אַזוי פיל באַצאָלט, זאָל זי אַצינד ווייגען, — און מיט פאַראַכטונג זיך אָפּגעקערט פון דבורהקען:

— אומ־פאַררר־ששעע־עעמטעעע!

מיט דער אַנטבלויזטקייט פון גריזשנדיקן האַס האָט זי דער עלנטער פרוי נאָך צוגעוואָרפן אַ בריזעדיקן בליק.

האַסטיק, שווער האָט זיך געלייגט דאָס אויסגעשטורעמטע גערייד. האַסטיק זענען ביידע וויַיבער געבליבן זיצן אַנטשטומט. דאָס שיטערע פלעמל האָט שטאַרקער אָנטפּלעקט אי דעם פאַרקאָפּטשעטן באַלקן, אי די נאַכט וואָס בליקט אַרײַן פון יענער זײַט סוד. דערנאָך האָט זיך איבער ביידע פאַרהויקערטע געשטאַלטן פאַרשפּינט די שטוינענדיקע שײַן פון אַנגעטלי־עטן קנייטל. אין דער נאַכט וואָס שאַרט זיך איבערן טאָל אין גאָרער רוי־קייט, האָט באַשײַמפּערלעך עפּעס געפּלאַצט. אַ מטושטעשע אומבאַשטימטקייט האָבן אָקערשט פאַרנומען די פּרויען און זיי נעמען גליווערן אין פינצטערן וואַכזײַן.

— ווייסט, ס׳איז קאַלט, —האָט קאַטיאַ אומגעריכט זיך אַרײַנגעבראָכן אינעם פון ס׳נײַ אַנטדרימלטן שווײַגן.— איך וועל גיין שלאָפן. זאָלן די קליגע זיך ברעכן די קעפּ. סטופּײַ!

— אַ גוטע נאַכט, קאַטיאַ, — האָט די אַנדערע זיך אַ באַוועג געטאָן אין אייגענעם שאָטן. ערשט שפּעטער, ווי אין דערמאָנונג אַז ס׳איז טיפע נאַכט, דער פראָסט שפּאַרט פאַרעקשנט, איז אויך דבורהקע פּאַוואָליע אַוועק אין איר ווינקל אַרײַן.

דער מגושמדיקער הויכער ליימענער אויוון —קאַטיאַס געלעגער— און דאָס אונטנדיקע ווינקל האָבן באַלד זיך צעהודיעט אין נאַכטישער אַנגע־יאָזשעטקייט. קאַטיאַ האָט טרוקן, ריטמיש זיך אַרויסגעהערט מיט איר שנאָרכען צווישן די אײַנגעקנוילטע יינגלעך, אָבער דבורהקען האָט נאָך אַלץ געצופּט דער מוח: „ווילסט שלאָפן, ווען דײַן מאַן גייט אויס?״

אויף דער גאָרער לענג פון דער פריריקער פינצטערער נאַכט האָט פרייכנדיקע מעלאַנכאָליע זיך אויסגעבויגן צו דבורהקען, אײַנדרינגלעך שאַרף געשעפּטשעט אין אירע געהירן אַרײַן, אַז ס׳גאַנצע לײַב און לעבן אירס האָט עס פאַרנומען אין אויפשוידער פון חשבון־הנפש:

„דבורה, דבורה, ערשט ביסטו אַליין ווי אַ קאָלעק. דו האָסט נאָר שמו־אלעקן און שמואלעק האָט אויסצוקוקן בלויז אויף דיר. צוויי אויסגעריסענע ביימער וואַלגערט עך זיך דאָ און דאָרט, פאַרטראָגענע פון שטורעם. ערשט היט זיך און גיי דיר דייַן וועגס, דבורה. זאָל דיר דינען דייַן ביסל שכל. מוזסטו זיך ראַטעווען ווי לאַנג דאָס וואַסער דערגרייכט ווידער נישט ביזן האַלדז. געדענק, ס׳אַ פאַרפּלייצעניש. עס שורעוועט העפּטיק, די שטראָמען טראָגן אָן סייַ מיסט סייַ שטיינער וואָס קענען צעבלוטיקן. נו און קאַטיאַ איז נישט מער ווי קאַטיאַ. זיי האַרט אַנטקעגן די פאַרריסענע, וועלן זיי דיך מער שאַנעווען. האָסט נאָך אַלץ נישט דערזעען אַז מיט אַזעלכע איז פאַרגאָסן ס׳גרויסע לאַנד וואָס קנוילט זיך אין הונגער־קראַמפּן, אין טויטשרעק? אַ חידוש, וואָס פאַרבלענדעניש שטייט נאָך אין דייַן בליק. קוק זיך גוט אייַן: נאָר אין שמאַטעס איז געהילט דאָס האָפן באַשר צווישן די מענטשן גייט דאָ נאָך אַרום אַ לעבעדיקער חלום. ס׳אַ מוראַדיקע נאַרישקייט דער חלום; מוזסטו זיך אַליין וועקן, דבורה — —״.

כמאַרעס האָבן געפינצטערט פאַר איר, געוואָרפן זי אין אומרו.

4

# דאָס טעגלעכע ברויט

1

געהאַט אײן ביטערע נאַכט נאָך דער אַנדערער, אָבער פֿאַרבאַגינען האָט דבורה ווידער געמוזט זיך אײַלן אַרויף־שטאָט וואָס אַריבער די ליימיקע בלאָטעס. די נידעריקע הײַזקעס פֿון טאָל האָבן זיך געבעלמעט אין פּרעסטלדיקער גראָקייט און פֿאַרקאָרטשעטע געשטוינט אויף דער פֿרוי, וואָס האָט זיך דערוועגט אײנע אַליין זיך אָפּצורײַסן פֿון דער סודותדיקער פֿינצטערניש. זי שווימט, שווימט און דעם ביימערדיקן, דעם דאַכיקן אַרום האָט זיך פֿאַרהאַקט דער אָטעם: „איי, אַ קליידלדיקע, אַזאַ אויסגעדאַרטע! און דאָס גייט, גייט אַזוי, טראָגט זיך דורך!"

דבורהקען האָט געטראָגן דער עול צײַטלעך זיך צו שטעלן אונטער די ווײַזערס פֿונעם שטרענגן פֿאַבריק־זייגער וואָס לויערט אויף איטלעכן וואָס מוז אים זײַן נכנע; ער האַלט אויך אין שטענדיקער אָנגעשפּאַנטקייט די מאָטאָרן פֿון די לאַנגע שורות מאַשינען, להוטע אויפֿן מענטשנס אונטערטעניקייט. ס'אַן אימה מיט דער אַרבעט! פֿול איז בײַ אַלעמען דער געדאַנק וועגן אַרבעט און ס'ציטערט דאָס מויל מיטן וואָרט: אַרבעטן! אַלץ מוז מע וואַרפֿן און זיך שטעלן צו דער אַרבעט. צוגעקניפּט צו דער ראָלנדיקער מאַשין, מוז מע פֿאַרגעסן אין זיך, אין די היימישע קרענקענישן, אַנישט וועסטו נישט דערגרייכן די אָנגעצייכנטע נאָרמעס. און, כ'מוז איבעריאָגן די נאָרמע; בעסער אַז מ'פֿירט אויס צוויי נאָרמעס, צוויי און אַ האַלבע. ס'אַ כבוד צו זײַן אַ העלד פֿון אַרבעט. מ'געווינט חן אין די אויגן פֿון די אויפֿזעערס, עס ווייסט דערפֿון דער נאַטשאַלניק. פֿון אַרײַנגעטועניקייט אין דער אַרבעט, האָט די אימפּעטיקע מאַשין־נאָדל שוין דורכגעשטעפּט דבורהקעס פֿינגער, געלאָזן איר שפּירן דעם חושך פֿון אייגענעם צוקנדיקן בלוט. ס'אַר אַ היץ און קעלט עס שפּראָצט פֿון רינענדיקן בלוט! די דלאָניעס זענען

בײַם װײַבל שױן צעאַקערט װי די ריבאײַזנס און פאַרהאַרטעװעט װי לע־דער. פונקען גײען איר פון די אױגן, װען די נאָדל קריכט אַרײַן אין פלײש. עס גיט אַ קלעם בײַם האַרצן. די שער װאָס בײַסט זיך אַרײַן האַמעטנע אין זעלנערישן געװאַנט, האָט איר שױן אָנגעאַרבעט מאַזאָליעס אױף די הענט. אַלע מאָל, װען זי לײגט זײ אַװעק אױף דער שױס, נאָיען זײ, די אױסגעהאָ־רעװעטע הענט און אירע װײעס געצן פון יסורים. אָבער באַקלאָגן זיך איז נישט שײַך. מ׳עט זי אױסלאַכן: „יערונדאַ״! ס׳אַ נאַרישקײט װאָס מ׳קען דערצײלן נאָר קינדער. צוגעבונדן מיט אַ שטיקל מאַרליע און געגאַנגען װײַטער. אַװדאי, די מאַשין מוז מע היטן װי ס׳שװאַרצאַפּל פון אױג. די מאַ־שין איז װיכטיקער װי דער מענטש. אַ מאַשין קריגט מע נישט אַזױ גיך װי אַ מענטש, װאָס פאַלט אַװעק. װעט דײַן מאַשין הינקען מחמת אַ פעלער, װעסטו מוזן פאַרלײגן מיטן קאָפּ. „סאַבאָטאַזשו!״ באַלד הײבט זיך אױף אַ בײַסיק געשרײ: װאָס ס׳טו פריִער נישט געזען? אַזאַ נאַכלאַזיקײט איז אַ שלעכטער סימן פאַר דיר. „פאַררעטער״, טומלען אַנדערע. אַלע ציטערן פאַר דער פעל און די טורמע איז אָפן פאַר יעדן װאָס דערלאָזט אַ װונד אין דער מאַשין. אַ בלוטיקער, װײטיקלעכער פאַר־אַרײַן מיט דער מאַשין־נאָדל אין דײַן האַנט איז אַ שטות. אַ כאַפּטע אױספּאַרשערס, פּײַניקערס נעמט באַלד מאַטערן, אױב דײַן מאַשין לענקט זיך אױס אַ פוס. באַהיט זאָל מע װערן, אױב ס׳געשעט עפּעס מיט אַ מאַשין. איר מוז מע דינען מיט געטרײַשאַפט, קנעלן די אָנטרײַבערס. „ראַבאָטאַ ניע שוטקאַ״, נישט קײן קאַטאָװעס דיר די אַרבעט. און פלײס, געדענק, איז דער העכסטער רום פאַרן אַרבעטנדיקן. אין אַרבעט איז אונדזער איבערמאַכט אַנטקעגן די צעפּוילטע, װאָס טשאַטע־װען אױף יענער זײַט גרענעץ פונעם לאַנד װאָס פאַרהיט דעם באַפרײַטן מענטש — —

עס טומלט, ס׳שפּריצט גליִקן שטױב דאָס־אַ גערײדעכץ. פון נאָכאַנאַנ־דיקן אָנשטרענג האָט עס געמישט אין די געהירן. מחמת אומאױפהעריקער אָנגעצױגנקײט צו דער ראַסלענדיקער מאַשין (און װי אײנע, לױפן אַלע מאַ־שינען מיט אַ שטיקנדיקן געביל), האָט דער מענטש געמוזט פאַרגעסן אין זיך. דבורהקען האָט הונגער אָפּט געװאָסערט אין האַרצגריבל. אָבער דער פּזמון פון אױסקוקער װאָס װאַקסט אױס אומגעריכט אין דער צעהוידעטער מאַשינען־האַלע, האָט פון דבורהקען געצופּט שטיקער: „די מאַשין, די אַר־בעט, נאָר פון דעם דאַרפסטו געדענקען. אָט װאָס עס איז דאָס דערהײבנ־סטע אין דער מלחמה, װען מ׳מוז פאַרטאָפּלען די װערדע פון אַרבעטנדיקן!״

און נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך דער מרוקעוואַטער נאַטשאַלניק מיכאַילאָוו, וועלכער באַוויליקט אַ מאָל צוצוואַרפן אַ שמייכעלע די פאַרטיגנע:

— כאָראָשאָ, כאָראָשאָ. דער פּראָנט וועט אײַך דאַנקען.

גלײַך אַן אויסגעלאָשענער לאַמטער אויף אַ סלופּ טראָגט ער זיך דורך צווישן די רייען הודזשנדיקע ניי־מאַשינען.

## 2

איי, איי, ווי דאָס דערמאָנען זיך פּײַניקט. טאַקע דער מיכאַילאָוו. אַ גרויסער פּאַרטייער דער דאָזיקער. ס׳גייען, ס׳קומען צו אים אין קאַנטאָר אַרײַן די וויכטיקסטע פון צעקאַ, פון די מיניסטעריומס. ער פאַרשליסט זיך מיט די וואַזשנע אין קאַנטאָר, אָבער דעמאָלט צעלאָזן זיך די מאַשינען אין אימפּעט, גלײַך זיי וואָלטן באַגערט זיך אַליין איבערצואײַלן, איבערצושרײַען. פון די לעכער קריכן גראָד אַרויס אַלע אונטערשטופּערס דעם דירעקטאָרס און זיי מאָנען: „קינדערלעך, אויף אונדז זענען איצט אָנגעשטעלט אַלעמענס אויגן. לאָמיר זיך אונטערנעמען אויף אַן אמת אַ לויף צו טאָן!״ — נישט דערערדט, פאַרלייגן די־אָ זייערע הענט אויף די קריזשעס, וויגן זיך אַוועק אין באַהעלטעניש אַרײַן און כלאָיען זיך אָן מיט פײַערדיקער וואָדקאַ — —

גאָר אַ וואַזשנער דער מיכאַילאָוו. צווישן דער מחנה אַרבעטערנס האָט ער אויך עמעצן וואָס זאָל אויסרימען זײַן שטאַרקייט אין דער פּאַרטיי. ער איז אַ שטרענגער, אָבער אויך אַ גוטער, זאָגט מען. ער איז קאַפּאַבל (געדענקען שוין אַ סך אין דער ניי־פאַבריק) דער מיכאַילאָוו אויך זיך צוצעפּלאַקערן, ווען ער שטעלט זיך רעדן וועגן געטרײַשאַפט צו דער ראָדינאַ. פאַרשטייט זיך, אַז געטרײַשאַפט מיינט אויספירן דעם פּלאַן, דאָס גלײַכן האָבן אויפן אויג איטלעכן וואָס קרימט זיך, וואָס שוימט מיט סודות. און פּלאַן הייסט קודם פּראָדוקציע אין קוואַנטיטעט און קוואַליטעט. פאַרגעסט נישט, חברים, —ברומט דער דירעקטאָר מיכאַילאָוו ווי די וויוגע הינטערן נאַכטישן פענצטער— פון קוואַנטיטעט וועלן מיר זיך נישט אָפּזאָגן, אָבער קוואַליטעט איז אויך נישט קיין קאַפּריז צי מיר ווילן עס אָדער נישט; ס׳איז אַ מוז. מירן נישט גענאַרן קיינעם, וואָרן וועמען אָפּגענאַרן מיט געמיינער פּראָדוקציע! די טײַערע שלאַכטלײַט וואָס שלאָגן זיך פאַר אונדזער זיכערקייט? דערויף וועלן מיר אַלע נישט מסכים זײַן, פּראַוודאַ ליי? „פּראַווילנאָ״, ריכטיק! —האָבן מערערע אונטערגעכאַפּט און אין אַ נאָווינע האָט דער שעף בריית זיך פונאַנדערגעשמייכלט. ער איז שווער אויף מילדקייט, דער נאַ־

טשאַלניק. ווײַזט זיך זעלטן צווישן דער פאַבריק־מאַסע. מ׳טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון קוואַליטעט,— איז ער אַריבער אין אַ פּאַטאָס— אַנדערש באַגייען מיר דאָס פאַרברעכן פון באַעוולהן די באַליבטע העלדן. „מסכים?״ כ׳האָב באַלד פאַרשטאַנען אַז אַלע וועט איר מסכים זײַן מיט מיר. מירן גיין אַקסל בײַ אַקסל מיט אײַך אויף צו דערגרייכן די בעסטע רעזולטאַטן.

מיכאַילאָוו רופט צונויף אומגעריכטע פאַרזאַמלונגען פונעם אַרבעטערקאָלעקטיוו, ער צעשפּרודלט זיך מיט רייד פון פּאַטריאָטיזם און גיט חשק צו הילכיקער באַגײַסטערונג. דערפאַר נאַ דיר אַן אָרדער אויף דרײַ מעטער סיץ פאַר אַ קלײדל, אַן אַנדערער גיט ער אַ צעטל פאַר אַ קאָפּטל. אויך לוין פאַר פּלייס צאָלט די מלוכה־קאַסע, רופט אויס דער דירעקטאָר. ווייסט דאָס, חברים. אָט דער באָלשעוויק, טראַכט דבורהקע, איז אין אמתן אַ גאַנצער פּריץ, אלאָ מיט אַן אַנדער לשון אין מויל. דאָ קומט ער אַרויס נאָר מיט אַ האַלבן פּרצוף; די אַנדערע האַלבע מאַסקע איז אַ טײַוואָלאָנישע. מיכאַילאָוו לעבט זיך אויס הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. אוי, זעט מען עס, אָבער מ׳טאָר נישט אַלץ דערזען, אַפילו מיט די אויגן פון פאַרשטיין טאָר מע נישט זעען. אויף יענער זײַט ביוראָ־טיר באַהאַלט ער זיך צווישן פּאַפּירלעך, רעכנביכער און אַ טעלעפאָן. דאָרט איז אַן אַנדערער מיכאַילאָוו, דער ריכטיקער וואָס באַדאַרף נישט קיין לאַקײַ־יצדיקע רייד פאַרן נאַראָד. אַהין טראָגט מען אַרײַן אויף אַ טאַץ פינקלדיקן טיי מיט פרישענקע פּוטער־זעמל, מיט שטיקער סאַלאָ, מיט קאָלבאַס. אַרום האַלבטאָג פאַרעך זיך פון זײַנעטוועגן טעפּ׳לעך וואָס פאַררײַסן מיט די געשמאַקן פון געדעמפּטע פליישן, אַ מאָל פון אויפגעזידטן, מיט פעטס דורכגעשטערנטן וווּרשט, געפּראַזשעטע קאַשע, געשמאָלצענע לאָקשן; אויך קעזן, קאַוויאָר און לאַקס ווערט פאַר אים געגרייט אונטער דעקלעך. דאָס פרעסט און זויפט און אונטנאַרומעט פירט מען — בוכהאַלטעריע, מ׳דעקט זיך מיט קוויטונגען, באַשטעלונגען, ליפערונגען. ממילא כלערליי פאַלשקייטן. די מאַכט טוט אים בײַשטיין. דער טעלעפאָן איז אַ העלפער דערצו און פאַרטייבטע אויערן זענען — שותפים. אַנאַ לוואָוונאַ, די טענצלדיקע פּאָנפּאָראָנקע, וועלכע מ׳האָט אַוועקגענומען פון דער ניי־מאַשין, לאָזט זיך העז־ן טייל מאָל פון דער קאַנטאָרסקער פאַרהוילנקייט אַרויס. און זי לאַכט. דעמאָלט טרייסלען זיך אירע פאַרגלאַנצטע לעקלעך איבערן קורצן שטערן, עס בלינצן אירע אַלץ־וויסנדיקע אויגן. זינט אַנאַ האָט געקומען ווערן די אײַנגייערן אין קאַנטאָר, איז זי אַן איבערגעקערטע. איר האָבן אויפגעהערט צו געפעלן די ווערקשטעל־חברטעס,

זי׳ט גענומען זיך שאַרן צו יעוודאָקיאַ פּיאָדאָראָוונאַ, דעם נאַטשאַלניקס ווײַב, וועלכע ווײַזט זיך אַרײַן אין פֿאַבריק ערשט אין די שפּעטע נאָכמיטאָגן. אַ פּריש־אָפּגעמאַליעוועטע, מיט רוזשירטע באַקן, קונציק געדרייטע האָר פֿון אָפּגעבליאַקעוועטן קאָפּ, האָט זי אָנגעטראָגן אַ דעמפּיקייט פֿון איבלדיקן קעלניש וואַסער. יעוודאָקיאַ פּיאָדאָראָוונאַ האָט אויסגעזען זאַט אויסגעשלאָפֿן, מיד אָנגעגעסן. זי׳ט זיך דעמאָלט געבייטיקט נאָר אין צײַטפּאַרטרײַב. אַרײַן אין ווערקשטאַט־האַלע, וואָס אין מאַשינען־גאַנג, פּלעגט זי אַ בליאַס־קע טאָן מיט אַ ניט היג פּנים אַן אָפּגעטונקנס אין אומעכטע פֿאַרבן און שמע־קעדיקע וועסערלעך. די מענטשן האָבן זיך געמוזט אומקוקן. אָ, אַזאַ פֿרעמ־דער זיסער שטראָם לופֿט! נו, די נאַטשאַלניטשקע, וואָס אירע אויערינגען וויגן זיך גרויסע, קײַלעכיקע ווי רעדער איבער די מאַסיווע אַקסלען. נישט ווילנדיק האָבן פֿאַרטוענע פּרויען־קעפּ אין קאָלירקע שמאַטקעס אַלע מאָל זיך אויפֿגעהויבן פֿון דעם שטויב־געגעפּל וואָס איבער די צעציטערטע מאַ־שינען; אַ ביסל פֿאַרחידושטע האָבן זיי געזוכט די צעהודיעטע פֿאַרענדערט־קייט פֿונעם דרויסן וואָס איז אָט־אָ אַרײַן אין פֿאַבריק־לאָקאַל. „וואָ׳דען, ס׳איז זי״, — און ווידער אַראָפּגעלאָזן די פֿאַרמאַטערטע פּנימער. זעלטן האָט זיך געהערט אויך אַ מורמל: „די פּריצה!״ די דאָזיקע האָט משמעות געוואָלט אָנגיין אין ווײַטן אַזיאַטישן מקום זוי אַזאַ וואָס איז פֿון אַ מער געהויבענעם אָרט; אַפֿילו אינעם אָנטאָן איז זי אַנדערש. פֿון קאָזאַקן איז זי אַן אָפּשטאַ־מיקע, האָט ווער אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג וועגן דער מיכאַילאָווע. געלעבט אין אַ סטאַניצע לאַנגע יאָרן, דאָרט זיך אָנגעשטעקט מיט דער געוווינטשאַפֿט צו לעבן הפֿקר־פֿרײַ. ערשט דער מאַן האָט זי גענומען אויף זײַן קאָפּיטע. „עס פּאַסט נישט. דאָך אַ באָלשעוויקיש ווײַב״.

אַרומגעקוקט זיך די פּריצה איבערן צעהודזשעטן ווערקשטאַט — קיינעם נישט געהאַט צו זאָגן אַ גוטנאָוונט און זיך אַ צי געטאָן צום קאַנטאָר.

— אַ גוטן אײַך, — האָט זי אַהין אַ פּראַל אַרײַן געגעבן מיט איר גאַנ־צער וויכטיקייט.

— אַ גוטינקן, יעוודאָקיאַ פּיאָדאָראָוונאַ, —האָט דער מאַן איר אַנטקעגן געטראָגן אַ גרימאַסע פֿון פֿאַרוווּנדערונג. — זעצט זיך צו, ליבינקע, — און לענגער געהאַלטן דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן אַקעגן דער אַרײַנגעקומענער.

— ספּאַסיבאָ, — איז דער גאַסט געווען העפֿלעך, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול, פֿון בײַטל באַלד אַרויסגעגראַבלט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן: — פּאָזשאַ־

לויסטאַ, זײַט זיך מהנה! — און איבערן טיש האָבן אַ בלישטש געטאָן אירע רויט־אָפּגעגלאַנצטע נעגל.

אַליין פֿאַררייכערט, נאָכגעקוקט דעם רויך־שנירל וואָס האָט זיך גע־קרײַזלט פֿאַר איר נאָז און אין מיטן זייגן דעם פּאַפּיראָס זיך געווענדט צום האַר פֿון קאַנטאָר:

— טאָוואַרישטש מיכאַילאָוו, דערלויבט צו זײַן ניצלעך אין אײַערע געמאַרקן. איכ׳ל עפּעס טאָן, פֿאַרשרײַבן. באַוויליקט צו הייסן אַהערגעבן אָדער זאָגן ווו עס ליגט. כ׳מיין, איר זאָלט גיך פֿאַרטיק ווערן, ווײַל מירן הײַנטיקן אָוונט אַרויסגיין. מירן זיך פֿאַרנעמען צו אַנטאָן ניקאָדימיטשן. ער׳ט געוויס נײַסן פֿון צענטער. דאָ ליגט מע דאָך פֿאַרוואָרפֿן ווי אין אַ מידבר! כאָטש שלעכט, איז מאָסקווע פֿון דעסטוועגן נאָך אַלץ אַ שטאָט וואָס געבוירט נײַסן, וויכטיקס פֿאַרן געהער. איר׳ט גיין, חבר מיכאַילאָוו?

— מירן זען, — און אַ בליק געטאָן אויפֿן ציבעלע־זייגער אַן אָנגע־פּאַסקעוועטער אויף זײַן ברייטן געלענק. — ס׳איז נאָך צײַט.

מאָן און ווײַב האָבן נישט באַוויזן זיך פֿונאַנדערצורעדן און שוין הערט זיך דער באַקאַנטלעכער קלאַפּ אין טיר, און אָט שוין איז דאָ דער צעשוי־בערטער קאָפּ מיטן חניפהדיקן מײַלעכל. אַ מויד ט׳זיך אַרײַנגעשטעלט:

— כ׳האָב דאָס פֿאַרגעניגן, יעוודאָקיאַ פּיאָדאָראָוונאַ, —און אַ דריי מיטן פּיסקל— אַ פֿריש טייעלע, יאָ? ערשט פֿאַרפּאַרעט, און אַ פֿײַן קיכל צו פֿאַר־בײַסן. איר׳ט נישט אָפּזאָגן. און חבר מיכאַילאָוון ס׳זעלביקע, אמת?

אַ בייג, אַ חנדל און די באַלעבאַטים קוועלן אָן פֿון קאַנטאָרסקן דאַמעלע וואָס תמיד אײַלט זי זיך, איז תמיד ליבלעך.

ס׳איז די קירטשוק, אַנאַ לוואָוונאַ מיט די אומרויִקע אייגעלעך, די מיט גיריקע הענט. זי וועט, זאָגט זי שטענדיק, אַלץ באַווײַזן צו ברענגען, צו טאָן — פֿאַרלאָזט זיך, און שוין אײַלט זי אַוועק. אויך מיט איר געאײַל וויל זי אויסנעמען. דער אַלטער פֿאַבריק־היטער אַנדריי ניקאַנאָראָוו, וואָס זעט אַלץ און שווײַגט אַ סך, וועקט זיך פֿלוצלינג פֿון דער אַנאַס אַרומשמײַען: „ר׳גייט דער זייגער, וועדליק זײַן טבע״, — קוועטשט ער די אויגן, דרייט די וואָנצעס און זיפּצט אויס זײַן גרויסן באַדויער אויף דער באַיאָרטער באַרישניע:

„זי׳ט באַוויזן, די ווילינקע, און גלייב איר נישט, דער אַנאָטשקאַ, כאָטש אַ מאָן האָט זי נאָך אַלץ נישט באַוויזן אַרײַנצוכאַפּן, אַפֿילו ווען זי יאָגט זיך נאָך אַזאַ. ס׳דען אַ וווּנדער? אַ הון מוז זיך בריִען אין צײַט און מיידלשע יאָרן שטייען אויך נישט אויף אַן אָרט, ווי באַוווּסט דער מענטש־

הייט. אין אירע אונטערגעפּאַרבטע בעקלעך ליגן די יאָרעלעך די וויאַ־בעדיקע". אַזוי ווײַט גייט זײַן קלערן, דעם אַלטנס, וואָס זיצט אין פּאַבריק־קאָרידאָר און קוקט, הערט אַלץ, אַלץ.

— אַ שאָד, — טראַכט ער שוין אויף אַ קול, מחמת ער זעט גראָד נישט קיינעם אויף איבערצורעדן עפּעס וויכטיקס.

די אַנאַ לוואָוונאַ קירטשוק איז געווען אַ פּאָר הענט פון דער ביי־פּאַבריק, איז זי אַוועק פון דער אַרבעט אין ממשות, פּאַר דאָס איז מיט איר געוואָרן פול דאָס קאַנטאָר. פּאַר מיכאַילאָוון און פּאַר זײַנע געסט האָט די אַנאַ גענומען תמיד זיך דרייען; און זיך געפּוצט אין די פּעדערן פון יעוודאָקיאַ פּיאָדאָראָוונאַ, איר אַפילו נאָכגעמאַכט דאָס געקעמעכץ מיט אַן אָנגעקרויזטן לאָק אין שטערן אַרײַן. אָבער אין ווייך־גלאַנציקע שטיוועלעך ווי יענע האָט זי זיך נישט געסטראָיעט, מסתמא מחמת אָפּשר פּאַר דער באַלעבאָסטע. און אפשר זענען איר מער געפעלן קנאַפּל־שיכלעך. אין הע־כערע אָפּצאַסן און אין ברײַט־געפּאַלדעוועטע, אונטערגעקירצטע קליידלעך האָט אַנאַ לוואָוונאַ געוואָלט אַרײַנבאַהאַלטן אירע פּאַרטאַכליעוועטע יאָרן. אָבער אַזוינס העלפט ווינציק. בעלנים אויף ווײַבער וויכן באַשײַמפּערלעך פון דער מויד וואָס דאַרט אַרויס פון אירע יינגמיידלשע קליידלעך און פון די שיכלעך וואָס זענען נאָר ווי אויף אונטערצושפּרינגען אין זיי. פון דער מויד איז שוין געווען אויסגערונען דער חן פון כלהשקייט. קלאָר: די קירטשוק איז פון לאַנג אַרײַנגעוואַקסן אין אַלטפּריילנשקייט. איר איינציקער אָנהאַלט איז געבליבן נאַטשאַלסטוואָ. נאָר די הויכגעשטעלטע לײַט האָט זי באַגערט אַרויסצווײַזן אונטערטעניקייט אַבי מיכאַילאָוון זאָל עס אָנשטיין. אַ מערכה וואָס זי האָט געוווסט ווי אָנצוהאַלטן דאָס עוקץ חשיבות אין די אויגן פון אירע בעלי־טובה. אייגענע פון ווערקשטאַט, וואָס קענען זיך אויס אויף די הינטערגעגנגלעך וואָס גילטן אין דער ביי־פּאַבריק, האָבן זיך שוין אַפילו געסודעט אַז די קירטשוק האָט גענומען געפעלן ווערן דעם דירעקטאָר פּונקט ווי זי'ט פריער אויסגענומען בײַ פּיעטראָוון, ווען ער האָט אָנגע־פירט מיטן שטאַטישן טראַנספּאָרט.

— אַ מויד ווי אַ ווײַב איבערגעגעבן, די אַנאַ לוואָוונאַ און ווי אַ באַ־רישניע שפּירעוודיק אויף אַלץ. און אַרום איר טוט זיך תמיד אַ סך. נו, די בין איז באַשאַפן אויף צו דערשפּירן דעם האָניק פון דער בלום. פון דער געטרײַשאַפט צו די פליכטן איז דאָך נישט געמינערט געוואָרן, דאָס איז די הויכע וואָר. בײַ אַזאַ וועט דער געניטסטער גנב נישט אַוועקטראָגן אַ שפּענ־

דעלע פון דײַן האָב און גוטס, — האָט פּיעטראָוו זי געלויבט פאַר מיכאַי־לאָוון — אָבער ס׳איז אַן אומגליק מיט איר איפּערזיכטיקייט. צו פיל מאָנצ־בילן אין מײַן יוריסדיקציע, לײַד איך זיך אָן פון דער קירטשוק. איטלעכער וואָס שטעלט זי אָפּ מיט אַ צערטלעכקייט, איז שוין מחויב צו האַלטן זיך בײַ איר, נישט צו שענקען קיין פרײַען בליק אַן אַנדערער נקבה. כאָטש גיי שוין מיט איר זיך פאַרשרײַבן אין „זאַגס״ *. גיך טשעפּעט זי זיך, באַלד גייט זי אַרויס „אויף סעריאָזנע״. זי איז אַ גוטינקע און פון דעסטוועגן אַ מאָדנע — האָט זיך געקלאָגט דער מאַנצביל וואַליאַ פּיעטראָוו, וואָס האָט דווקא אַ נטיה אַ ביסעלע צו פאַרבײַטן ס׳באַלייבטע ווײַב אויף אַ ייִנגע־רער און אַ דאַרערער. אָבער ר׳האָט זיך שיער אָפּגעבריט אויף איר, געמוזט אויף גיך זי אָוועקפירן צו אַ דאָקטער, פרעגן צי ס׳איז טאַקע וואָר וואָס זי טענהט אַז... ניין, נישט יעדע פאַר הויזן איז אין שטאַנד ראַפּטעם זיך אַרײַנ־צושטעלן אין דישל ווי אַזעלכער געפּעלט.

ס׳איז אויסטערליש. טאַקע דערפאַר איז מיכאַילאָוון געפעלן געוואָרן די אַנאַ און ר׳האָט זיך געסטאַרעט זי אַרויסצונעמען פון דעם טראַנספּאָרט־טרעסט. — בײַ מיר, האָט ער געטרייסט דעם איבערגעשראָקענעם פּיעטראָוו — זענען פאַראַן לויטער ווײַבער, וועט זי זיך אויסניכטערן, דײַן באַרישניע, און דו וועסט האָבן מנוחה!

ווי איר שטייגער איז אַנאַ לוואָוונאַ גאָר פליסיק בײַ מיכאַילאָוון און זי פאַרגעסט נישט צו זוכן זײַן חסד. אַז זי׳ט אויסגענומען בײַם באַלעבאָס, וועט זי „האָבן אַן אויג״ אויך בײַ די זײַניקע. קיין בראָדיאַגעס גייען נישט צו אַזוינעם, איז געווען איר ווײַבערישער חשבון.

און זי׳ט אויף אַ רעכטן אמת זיך אַרײַנגעקליבן אין דער ניי־פאַבריק נומער צוויי. מיט אירע געדאַנקען, מיטן גאַנצן מהות זיך אַרײַנגעטאָן אין ווערקשטעל, אין קאַנטאָר. נישט געפונען קיין וואַרעמקייט אַנדערשוו, האָט די מויד זיך געטוליעט צו דער מויער, ווו עס שטייט שטענדיק אַ רויש, עס זויערט אַ לעבן וואָס הערט נישט אויף צו פערמענטירן, בלײַכן און אַפילו זיך צו כעסן.

אין דער פאַבריק האָט זי געהאַט איר היים, די אַנאַ לוואָוונאַ, ווײַל די היים פון די לייבלעכע, וואָס אין אַ פאַרוואָרפענער גאַס, איז איר געווען אַ קאַנורע אויף איבערצונעכטיקן בלויז; דאָרט וואַרפט זי זיך אין משוגעת

---

* „זאַגס״ — ציווילשטאַנד־אַמט וואָס רעגיסטרירט חתונות.

אויך אין די זעלטענע פרײַע טעג. דעם אַלטן טאַטן האָט זי פּײַנט, מחמת שטענדיק קוקט ער אין האַנט אַרײַן, זי זאָל אים געבן אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף טאַבאַק, די מאַמע בורטשעט, גייט אַרום און זידלט זיך: „אַ טאָכטער אַ יונגע געהאַט, איז זי געווען אָן שכל אַרײַנצוקריגן אַ מאַן אַ פּאַרדינער אַז ר׳זאָל מאַכן הימלען אין הויז מיט אייניקלעך, וואָס דערקוויקן אַ באָבען; אַ מויד האָט פּאַרטליקעט אירע יאָרן אויפן פּוסטן — איצטער זוך דעם נעכטיקן טאָג. אַ פרוי קען נישט צוריקרופן איר יונגשאַפט. וואָס פּאַרלוירן, איז צו באַוויינען. אַזאַ שטיק פּאַסקודסטווע! ווער וועט זיך הײַנט אַרומקוקן אויף אַן אָפּגעפּאָרענער? פוי, פוי, אַ טאָכטער פּאַרגרינגערט די אַלטע יאָרן דער מאַמעס, האַ, האַ!״ תמיד הערט זי דאָס זעלבע לידל, די קירטשוק. דערפּאַר איז זי מער אין דער ניי־פּאַבריק, זי איז וויליק פּאַר אירע באַפעלערס. בכלל, ווער ס׳האָט די דעה, דעם איז זי דינסטגרייט. דערזען די פרוי פּו־נעם דירעקטאָר, האָט אַנאַ אַלע מאָל איר אונטערגעטראָגן אַ הכנעהדיקע מינע, געשטאַנען גרייט מיט אַ דערכאַפּעכץ פאַרן האַרץ. מעשה קרעמערקע האָט זי פלינק פּאַרגעלייגט אירע גוטסן: — ס׳פאַראַן קיכלעך, פּאַראַן, — און גיט אַ האָפּערדיקן טענצל — געשמאַקער ווורשט, אַ ברוינגעבאַקן זעמעלע. אויך פרישער טיי פּערווי סאָרט, חשובע בירגער! — גייט זי אַריבער צו דעקלאַמאַציע.

— שוין געסטאַרעט זיך, —האָט די נאַטשאַלניטשקע פּאַר איר אַ שבח און די קירטשוק פאַרציט דערויף אַ שנעבעלע. — אָבער נישט אויף אַצינד, אַנאַ לוואָוונאַ, זאָגט זי — ספּאַסיבאָ.

— פּאַראַן אַזוי־זיך אַ גוטער ביסן, —גיט צו מיט אַ ווונק די מויד וואָס נעמט זיך רייטלען— פּאַרלאָזט זיך, יעוודאָקיאַ פּיאָדאָראָוונאַ. אַנאַ לוואָוונאַ, מאַכט זי, ווייסט וואָס אויסצוגעפינען — איז זי נישט קאַרג אויף אַ וואָרט אויך פאַר מיכאַילאָוון וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר כיבוד. — מיר ווייסן אויך ווי עס אויסצובאַהאַלטן פאַר אַן אומגעבעטן אויג. אמת, נישט פאַר איטלעכן איז צוקערקוכן אַ מאַכל? זי קריכט שוין אַרויס מיט אַן אָנצוהערעניש וואָס שײַך איר באַנעמען די הויכגעשטעלטקייט פון די וואָס זענען געזעצט אויבן־אָן. — הייסט עס? —פרעגט זי איבער אין פּאַרלעגנ־הייט— איז אפשר אַ גוטע צוקערקע? — וויל זי מעשה־גאַסטגעבערן נישט אַוועק מיטן ליידיקן. — פּאַזשאַלויסטאַ, פאַרשעמט נישט די באַטעמטע זאַכן.

מיכאַילאָוו האָט שוין געשמייכלט אין כיטרען שווײַגן און זײַן ווײַב האָט ווידער אַרויסגעבראַכט איר דאַנק פאַר דער מויד.

— ניין, ליבינקע. — האָט זי אַרויסגעיוירן פון זיך אַ זאָג פאַר דער גוטינקער.

דער מויד האָט הנאה געטאָן די אײדלקייט פון אירע באַלעבאַטים, אויף דעם געבויט איר קורצזעעוודיק האָפן.

אויף צו מאָרגנס האָט איינע פון אַנאַ לוואָוונאַס פרײַנדינס שוין געהאַט ס׳גליק צו שײַערן די קויט־פאַרוואָקסענע דילן פון נאַטשאַלניק מיכאַילאָווס אַפּט פאַרשלאָסענע צימערן. אַזאַ וואַזשנע באַקאַנטשאַפט איז נישט קיין קלייניקייט, האָט יענע זיך געשמאַלצן אין דער האָפענונג אויך אויף אַ באַזונדערן פּאַיאָק און אויף אַן אָרדער צו באַקומען אַ פּאָר נײַע זאָקן. אַז ס׳איז דאָ אַ „בלאַט״ * איז אויך גרינגער צו גיין צו פוס ווי צו רײַטן אויפן בעסטן פערד, האָט וועד שוין מקנא געווען די געהאָלפענע פון מיכאַילאָוון. מ׳איז זיך געקומען מיט יענער סודלען, אויספּועלן בײַ איר אַ טובהלע בײַ דעם וויכטיקן. דבורהקע האָט עס צוגעזען, צוגעהערט און זיך גענומען אין זינען אַרײַן:

— פרעג ווינציקער, שטופּ זיך נישט ווו ס׳איז אַ צונויפגעלויף. ס׳טרויעריק ווען מ׳טרעבעוועט ** דיך פאַר אַן עדות. גוט פאַרשטאַנענע בירגערלעכקייט איז צו האַלטן ס׳מויל אונטערן שלאָס. און האָסטו אָפּצועסן אַ זאַטן מיטאָג, דאַרפסטו זיך דערמיט פאַרשליסן. זאָל מע דיך ווינציקער זען, זאָל מע נישט דאַרפן פרעגן: וואָס, פון וואַנעט, צי חס ושלום נישט פון אַ גנבה אָדער, אָדער... אַז חשדים קריכן דאָ אַרויס פון די ווינקלען און פאַרדעכטיקע פאָרן אין די שענסטע אויטאָמאָבילן!

3

מיט אָנגעוויײַטיקטן געמיט האָט דבורהקע געפּרוווט פאַרטרײַבן די האַרבקייט וואָס ס׳געזעענע האָט אויף איר אָנגערייכערט.

פול מיט האָפענונגען האָט זי אין תחילת אַליין זיך אָנגעבעטן מ׳זאָל זי צונעמען צו דער אַרבעט פאַרן לאַנד, זי זאָל קענען צוטראָגן איר חלק כוח און מאַרך פאַר די מענטשן וואָס גייען דאָ אַ נײַעם וועג; אַלץ איז איר געוועזן גערן, כאָטש פרעמד. זי׳ט עס געטאָן מיט דער ריינקייט פון האַרץ, ממש ווי אַ באַפעל צו זיך. מיט דעם זעלביקן געפיל האָט זי אויך אויפ־

---

* פּראַטעקציע. ** מ׳שלעפּט, מ׳רופט.

גענומען דעם רוף צו שמואלעקן: „זאָל ער גיין. מסתמא איז ער נייטיק ערגעץ אַנדערשוווּ. איך וועל טאַקע ליידן, אָבער מע קען נישט אַצינד אַנדערש. ס׳אַזאַ צײַט!" ערשט זעט דבורה מיט די אייגענע אויגן, מיט צער קוקט זי זיך צו ווי דאָס אַלץ וועפּט אויס. געווען אַ טרוים וואָס איך און דו האָבן קינדיש אָנגעטאָן אין ליבער ראָזיקייט. הפּנים, אַלץ וואָס מ׳זעט פון דער ווײַטנס איז עלול אָפּצוגענאַרן דעם מענטש. דעם אמת מוז מע קענען אָנטאַפּן מיט די אייגענע פינגער, נאָכשפּירן מיטן בליק. אַנדערש בלײַבט אַ פאַרבלענדעניש צו גלײַך מיט אַ טריפנדיקער ווונד אין דער נשמה. ווי פאַר אַ קבר שטייסטו אַצינד, דבורה!

ווידער איז איר אויסגעקומען אַראָפּצושלינגען די ביטערקייט פון טראַכטן וואָס שוין אַרויס אין גאָרן נאַקעט: כ׳האָב געקוקט און כ׳בין געבליבן בלינד. קלאָמפּערשט איז געווען קלוג דײַן יוגנט. ווי דעם קרבן פון נאַיווקייט. און שמואלעק איז דען נישט אַזוי אָפּגענאַרט? ווער ווייסט צי ער זעט שוין דאָס וואָס איך זע. די פרוי האָט שוין אַרײַנגעגעסן אין זיך דעם סם פון אויפגעצוווּנגענעם שווײַגן וואָס האָט זי צעטרייסלט מיט דער לעסטיקייט פון איבערטראַכטן אַז ווער ווייסט, וואָס ס׳איז געשען מיט איר מאַן, וואָס ס׳קען נאָך טרעפן מיט איר. אַז דאָ איז יעדע אוממעגלעכקייט מעגלעך, וואָס שײַך דעם נסיון פאַרן מענטש.

...ס׳איז נישט געווען קיין ברירה: זי מוז זיך נעמען אין די הענט אַרײַן. דבורהקע בוימווערק האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון די געוויסןפּלאָגענישן וואָס זענען געגאַנגען אויף איר. אַנומלט האָט זי געגלייבט, געראַנגלט זיך מיט די וואָס זענען געווען אייגן איר אינטימסטן טראַכטן. לסוף זעט זי זיך אַן אויסגעלאַכטע. אַלץ איז ווי אויף דער דלאָניע: אַזאַ ווי זי איז, ווערט זי געגרייט צום אומקום, און שמואלעק וועט חלילה אויסגיין. אָבער אַז דער אַרום איז צעהפקרט, טאָר זי זיך נישט אונטערגעבן דעם טרויער. קיין איין אָרנטלעכן שריט שטעלט מע נישט דאָ. גנבעסטו נישט, מאַכט מען אַז אַנדערע זאָלן גנבענען און אַליין איז מען דערצו אַ בכבודיקער שותף. קלאָר, פאַראַן אַזעלכע וואָס ווערן צעזעצט פון רחבה. אַבי זיי האָבן נאָר אַ פרנסה־ביכעלע, דעם פאַרטיי־בילעט. אַנדערע איר סגאַל זענען קליגער, טאַקע די לײַט אויף וועלכע זי פלעגט קוקן קרום. „פאַראַזיטן, שונאים פון פאָלק". רופט מען אַזעלכע און זי האָט זיי אויסגעמיטן. ערשט זעט זי איר טעות. וואָס, פונקט ווי זי, זאָלן זיי זיך שלימזלדיק טובלען אין צידקות, בעת אַלע זענען פאַסערס, קוקן אויס נאָר אָפּצונעמען גנבות וואָס אַנדערע טראָגן

אַרויס אונטערן העמד אָדער אין קראָק. פּרויען קליגלען זיך מער בײַ די גנבות אויף די אַרבעט־שטעלעס; מענער זענען סתם ריזיקאַנטן; מ׳טאַפּט זיי דורך בײַם אַרויסגיין פון פאַבריק, מ׳זוכט אין אַלע מעגלעכע באַהעל־טענישן פון לײַב, אָבער לײַט ריזיקירן. זי פאַרשטייט עס שוין — לײַט קענען נישט מער הונגערן. וויפל יאָרן האָט מע כוח צו ליידן? אין פאַרבלענדעניש האָט זי נישט געזען, נישט געוואָלט זען ווי מ׳ע ווערבירט גנבים. ביסט אַ צושנײַדער? האָב זשע דעם קאָפּ אויף די אַקסלען און דיר וועט זײַן וווּיל. האָסט אַ מאָס אין האַנט, אַ געניטע שער, טאָ באַרעכן: אַ סענטימעטער צוויי „טאַטשע אַראָפּ" פון יעדער פּאָלע, אַ סענטימעטערל פון די אַרבל, מאַך אַ ביסעלע קירצער דעם סטאַן, אַ קאָפּעטשקע פאַרשמעלערן די הויזן, קוים־קוים אַראָפּכאַפּן פון דער לענג און דער חשבון וועט זײַן אַ גלאַטינקער. האַ־האָ, פּאַטשעווקע איז אויך נישט קיין ממזר. מ׳באַדאַרף זי נישט פאַר־שעמען. מיט אויגן־מרוזשע רעדט אַזוי דער נאַטשאַלניק צום ערב־גנב. און ער זשאַלעוועט אים נישט קיין חברישקייט — אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע:

— נישקשה, קיינער וועט נישט האָבן קיין עוולה און דיר וועט צוקומען אַ ביסן. נאָר אַ ביסעלע זיך אויסטויגן, וועט אי דיר גוט זײַן, אי קאַזנאַ וועט נישט פאַראָרעמט ווערן, פּאָניאַל? *

היות מ׳שנײַדט ר׳עקלעך, פּאַלטאָס, הויזנס אין די טויזנטער, אין די צענדליגנג טויזנטער (ס׳איז דאָך מלוכישער פאַרנעם אין יונה טאַנדעטניקס וואַרסטאַט וואָס איז משנה־צורה געוואָרן), איז נישט שווער אַז פון סענטי־מעטערס זאָלן ווערן מעטערס און פון מעטערס גאַנצע באַלעמס סחורה, דערנאָך גאַנצע פּאַרטיעס שטאָף וואָס מ׳ברענגט אין ניי־פאַבריק אַרײַן אין ריזיקע וועגענער. אַ פּאַפּירל מיטן כאַזיאַינס ** חתימה און אַ זיגל גייט דערנאָך אַ מיניע פאַרן היטערס בליק, ער צעעפנט ברייט ס׳טויער און די פּרנסה רעדלט זיך שוין אויף שווערע לאַסט־מאַשינען. יעדן חודש אַזוי און דער ריווח איז אַ זיסינקער. עס קלעקט אַ פּיפס צו טאָן און דער ענין גייט זיך אַ גאַנג. דער צושנײַדער איז געהאָרכיק, דער וועגער און מעסטער אין די מאַגאַזינען פּאָלגן אויך, „אי דיעלאָ וויערטיטסיאַ". *** ס׳טוט זיך אַ טו־עכץ. די קליינע מענטשעלעך טוען וואָס מ׳הייסט און די קינדער האָבן צו קײַען. אויב נאַטשאַלניקעס הייסן, ווייסן זיי דאָך מסתמא, אַז מ׳מעג. די מי־

* פאַרשטאַנען?; ** באַלעבאָס; *** און דער ענין דרייט זיך.

כּאַילאָוס האָבן געמאַכט אַז אָן הינטערגעגגלעך וועסטו שוין נישט אויס־קומען. מ׳דערציילט זיך אָן טשיקאַווע זאַכן און טרויעריקע, אָבער אַזוי מוז עס שוין זײַן. די וואָס האָבן נישט געוואָלט אײַנגיין אויף „בלאַט״ זענען געבליבן אויף דער הונגעריקער גאַס, אויב נישט אין תּפיסה פּאַר... מע גע־פינט שזין אויס דעם שטעקן. קודם פאַרהאַלט מען, אַ „דיעלאָ״ מאַכט זיך שוין. פּאַרטייִשע קאַרפּנקעפּ, אַפילו די פּאַרטייִשע פישעלעך, אַלע זענען אין חברותא אין דער פאַרשווערונג קעגן דעם פשוטן פאָלק: בײַנאַנד זיך אָנגעזיזעצט אויפן קהלשן פערד און איטלעכער באַזונדער פאַרשפּאַנט עס נאָך אין אייגענעם דישל. און מ׳טרײַבט עס און מ׳רײַט. ס׳רוב גייען אָן די אַלע פּײַנקייטן אונטנאַרומעט, כאָטש טייל אומצופרידענע מורמלען אָפּטלעך, אָבער ווער מאַכט זיך דערפון אָן עסק? דער עיקר: אַלץ ווערט געדעקט מיט פּאַ־פּירלעך, וואָס האָבן נישט די מינדסטע אחיזה בײַ דער פאַרנעבעכטער אָרנטלעכקייט. אַדרבא, מ׳באַדאַרף עס גאָר נישט. ס׳איז יאַקבי פּאַרלעגענע סחורה. שוין נישטאָ קיין בושה בײַ די אַלע וואָס האָבן אָנגעגראָבן אַ תהום אין דער באַלעבאַטישקייט, אַזוי צו זאָגן אין אַלעמענס באַלעבאַטישקייט; צעלאָזנקייט האָט מען אַרײַנגעבראַכט אין די פאַבריק־סקלאַדעס און אין די פּאַרקויף־קלייטן, פון וואַנען מ׳שלעפּט אַלץ און וויפל ס׳לאָזט זיך. אין דעם מענטש איז גרינטלעך צעטרייסלט דער גלויבן אַז אַ מאָל וועט נאָך זײַן אַ טאָלק אין די ענינים פון מ ײַ נ ס און א ו נ ד ז ע ר ס . פּאַרקערט. דער פּלאָנטער ווערט אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט און טריבער ווערט זײַן פּנים.

דבורהקען דריקט עס, ווען זי נעמט טראַכטן דערפון און פון איר אייגענעם מעמד.

„מילא, ׳עט פון ס׳נײַ נישט זײַן וואָס צו לייגן אין מויל אַרײַן. שוין געוווינט צו ערגערס. נאַפּליעוואַט — דערמאָנט זי זיך קאַטיאַס זויערן יאוש. — וועט מע גיין אין „אַלטן באַרוועס!״ מ׳זאָל נאָר נישט שינדן די הויט פאַר נישט געשטויגנס. דער עיקר געדענק: דו ווייסט קיין מאָל נישט מיט וועמען דו רעדסט!״ אוי־אוי, דער געדאַנק האָט זי צעטרייסלט. אויף מסירה און אויף שקר איז אַלץ צונויפגעווינטיקט, אויפגעבלאָזן אַ וועלט!

דבורהקע האָט זיך צוגעקוקט צו די פרויען פון פאַבריק, געהערט זייער־ערע קלאָגענישן און די אויגן האָבן איר זיך געגעפּלט. אוך, ס׳אַר אַ ווײַ־בערישע סטאַדע! רק געפּלוידערט און רק געאײַלט זיך אַרבעטן. און אויך

זי האָבן זיי אַזוי אַרײַנגעטריבן, די געגנדז. האָט זי געאַרבעט, איז איר נישט געבליבן קיין צײַט צו שטעלן זיך אין די אָטשערעדן נאָכן שטיקל ברויט, נאָכן טאָרבעלע קאַשע. די שפּײַזקאַרטלעך האָבן זיך בײַ איר געכאָוועט, אויפגעהערט זי צו רופן: גיי, מאַך פון אונדז אַ יש. וועסט פאַלן, אויב וועסט אונדז לאָזן אַזוי־אָ. די ברויטקאַרטלעך זענען טאַקע געוואָרן טויטע פּאַפּירלעך און זי'ט געבלײַבט. דבורה איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון נישט דערעסן, פון נישט דערשלאָפן מחמת אומרו נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. דער טרויער האָט זי אויפגעצערט אויך מחמת דעם וואָס זי איז זיך אויסגעשטאַנען אין דער „היים", וועלכע זי האָט בשום אופן נישט געקענט אויסוואַרעמען אין געמיט. קאַטיאַ איז געווען אַ מענטש פאַר זיך, תמיד בייז, שרײַיק און די לײַט וואָס אַ מאָל באַגעגנט — נישט פאַרגינעריש. בכלל האָט דאָס ווײַבל געאומערט אויף דעם וואָס דער יושר האָט דאָ שטענדיק געקרענקט, געוואַלגערט זיך אין רינשטאָק. אַזאַ צײַט דערלעבט! מיט אַ מאָל האָט די פרוי צו פיל געזען. אין איר'ט ווי געטאָן הלמאַי אַלע קלאָמפּערשטע הייליקייטן ווערן נאָך איבערגעקײַעט בקול רם, אָבער זיי בלײַבן וואַליזירט. דער פּחד גייט אַרום פאַרריסן ווי אויף אַ שלאַכטפעלד וווּ לעבנס ווערן בלוטיק אונטערגעקאָסיעט. נישטאָ קיין שום ברירה. מ'מוז צוזאַמענזײַן מיט דער פלאָג וואָס טאָטשעט דעם מענטש אין סאַמע מהות. יעדער טוט וואָס אים לוינט. עס בליט די טריפהנע גוט־ברודערשאַפט די אונטערגעקויפטע. פאַלט עמעץ אַרײַן, צעבילט זיך באַלד אַ גאַנץ געהינטעכץ: „ווי דען? אַז דאָס וויל נאָר פאַראַזיטעווען! גנבהש זיך אָנגעפרעסן מיט פעטע מיטאָגן! נישקשה, געמיינקייט שטינקט אַרויס אויך פון הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר!" — די שרײַערס ווילן אַלעמען פאַרליאַרעמען, כדי אַליין צו אַנטרינען פון אימה. אין כלל פירט מע זיך ווי די אָפּגעבריטע אויף דורכפאַלן: נאָענטע שכנים פאַרטרינקט מען אין קלאָמפּערשטער געטרײַשאַפט און אַ ליאַדע צו־הערער פאַרגיסט מען ס'געהירן מיט ווערטערשוים, מ'פאַרבלענדט אים מיט געפאַרבטע צוזאָגן. מע זינקט אין פראָסטינקער גזילה. בײַ די דאָזיקע ליגט שטענדיק אין פּיסק אַ שטיק גרינגראָז פון מאַרקס' פרומאַקישקייט. אָבער דער המון גייט אָנגעטאָן אין שמאַטעס און לאַכעס. אַ שיסל קרויטבאָרשט איז זײַן קוויקעניש. פאַר דאָס האָט ס'קליינוואַרג די הנחה צו קענען פראַנק און פרײַ בעטלען און גנבענען, מיט אַ טשוואָק וואָס צוגעפּעסטיקט צו אַ שטעקן, אויף די קאָלכאָזנע מערק אַראָפּצוציִען פון אַ וואָגן אַ מייער, אויפצושטעכן אַן עפּל פון קויש אַרויס און אַנטלויפן אונטערן געקוויטש פון פויערטעס.

ס'קליינוואַרג איז די ווילדע פרוכט פון דער־אָ „נײַער וועלט". דערשפירט ס'קליינוואַרג אַ ביסל כוח, שטעלט עס שוין צונויף באַנדעס צו לויערן אויף מענטשן, באַפאַלן זיי ווי די היישעריקן. בלוטיק איז אָפט דער רויב פון די יונגע גזלנים. דער סם שפרייט זיך איבער דער שטאָט אין געשטאַלט פון טשאַטעס פאַרוואָרלאָזטע קינדער וואָס האָדעווען זיך אַרום די מערק; די גאַס ציט זיי מיט איר הפקר־האַניק, בעת די היים איז זיי אַן אָפענע שטײַג. גאָר נישט קרעמפּעוועט דעם חשק פון די ייִנגלעך ווילד צו באַהעפטן זיך מיט דער גרינקייט פון דער אַלמאַ־אַטינער לופט, אַן אָנגעזאַפּטע מיטן אַראָמאַט פון די עפּל־אַפּאָרטן. די ליימשטיבלעך, וואָס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט פאַר דער שײַן פון טאָג, אומערן אין די קינדער מיט אַלטער כמורנעקייט און מיטן הונגער וואָס יאָזשעט זיך מיט בערקוט־נעגל. דער דרויסן איז פרײַ, עס דראָעט נישט דער מאַמעס שאַרפער בליק, אלאָ גוטע חברימלעך שטופּן נאָך אונטער אַ מאַכאָרקע־ציגאַר, דערלאַנגען אַ געשמאַקן ביסן, העלפן זיך אויסטאָן פון יעדער שרעק: „מ'עט כאַפּן אין מיליץ, וועלן מיר דיך אָפּשלאָגן! אַוודאי, מיר זענען קינדער פון העלדישע סאָלדאַטן. נישט זיך מודה זײַן. די מאַמע? לאַך זיך אויס! זי וועט דיר נאָך ברענגען אַ פּעקל אין דער קאַמער אַרײַן" — — מיטיאַ, פּעטיאַ, וואָלאָדישקאַ, אַנדריושאַ! ס'אַ חברה וואָס זאַמלט אײַן די הפקרע פון דער באַרגיקער, רויטדאַכיקער אַלמאַ־אַטאַ און מוטיקט זיי, שפּײַזט אויך און שטאַרקט פאַר דרייסטקייט. אַפילו עלטערע חברן זיך מיט די ייִנגלעך. מיט אַזעלכע איז פאַרפלייצט די שטאָט, אַלע שטעט פון לאַנד. אָ, ווי עס קלינגט שוין דער רום פון די יונגע מערדערס! אומגליקלעכע גליקלעכע קינדער פון בין־השמשות. מ'האָט זיי צו מאָל אַרויפגענומען אויף דער פילם־לײַוונט; מיט פאַרמלוכישטן יחוס פאַרצוקערט מע זיי ווי אַ נײַע ראַסע, אַן אויפגעקומענע פון די גרונטן פון שטורעם. נעבעך, דער מוטנער שטורעם האַלט נאָך אָן און די העלדן פון זײַן שויס האָבן שוין גראָע וואָנצעס, גראָע קעפּ און פאַרשטיינערטע הערצער. די פרוכט פון דער אויסגעבענקטער תקופה איז אַראָפּגעפאַלן פון בוים אַ צעווערעמטע. ווייל איז די וואָס זעען עס נישט פון דער נאָענט. דבורהקע הערט מיט פחד פון די ייִנגלעך, זי קנײַפּט זיך אויס דאָס פלייש. איר ווילט זיך אויסשרײַען אויפן געדאַנק פון די גרוילן וואָס אָנען זיך איר יעדעס מאָל, ווען זי טראָגט זיך אין די פינצטערנישן. די באַנדעס; נישטאָ צו מאָל פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן אַז מ'זעט אַ פאַרברעך. אמת, ס'זענען איר שוין מער ניחא די כוליגאַנעס פון קאַפּיטאַליסטישן ערב־רב איידער די האַרט־

האַרציקע חברים פון דער רעוואָלוציע. דאָ זענען זיי פאַרריסן, גראָב אין זייער „ווילקייט", צוויי־פּנימדיק. און „זשיד" איז אַלץ נאָך נישט אויסגעטריקנט אויף די קלאַסנבאַוווסטזיניקע ליפּן. אַליין דרייט מע זיך אָט אָ אַרום קרוע בלואה און נאָר מ׳זוכט אַ כאַפּ צו טאָן. אַז דאָ איז גאָר פאַרוויסט די נשמה. אַבי מ׳קריגט אַ קרויטבאָרשט אָנצולייגן זיך דעם בויך. געוויס טאָר מע נישט אויפהערן צו חוזקן פון די אומקולטורנע לײַט וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון די בורזשואַזנע לענדער און זיי כאָוועץ שלעכט דעם יונגן דור. „ס׳איז כ׳לעבן טשיקאַווע ווי סע גרויסן זיך דאָ די קרומע קעפּ — טראַכטן זיך די פּרעמדע— טאַקע, ס׳אַראַ פּנים ס׳האָט דאָס נײַע יונגוואַרג. די רעוואָלוציע האָט דאָס אַרויסגעגעבן און ווי זשעדנע ס׳איז, און בידנע שווערקעפּיק. ס׳איז די אינטעליגענציע. אָט אין דעם דאָזיקן טויט־געבוירענעם נפש האָבן מיר געגלייבט, פאַר שפּאָט־ביליקן מקח אַלעמען פאַרקויפט דעם חלום אויף אַ גרויסער האָפענונג. אַ גאַנצער דור האָט צו דעם אַהערגעצויגן פון געקוועלטע לענדער כדי צו דערזען אַז די קאָמסאָמאָל־־צעס זענען פּוסטע שקצים און אויך אויסוואורפן. טאַקע די־אָ צעשטשירען זיך פאַרשייט: געקומען פון בורזשואַזנעם אויסלאַנד, מעגסטו זיך איצט באַגנוגענען מיטן ביין וואָס מ׳וואַרפט דיר צו. און שווײַג, צו מאָל שמייכל ווען דיר ווילט זיך יאָמערן. „נו, ס׳קלעמעניש פון די אָפּגענאַרטע איז שוין אַ טאָג־טעגלעכס. זיי זעען ערשט פאַר וואָס סע בליט די קראָפּיווע. ס׳איז בכן נישט גרויס די עוולה אויב מענטשן זוכן אַ פאָרטל זיך צו ראַטעווען פון דער נויט וואָס טאָטשעט דאָס לאַנד זינט לאַנגע יאָרן! ס׳איז באַשפּיגן דאָס לעבן, אָבער פון דעסטוועגן נאָך נישט אַזוי וואָלוול אַז מ׳זאָל עס וועלן וואַרפן פאַר צערייצטע הינט. דערווײַל טינקען זיך די מענטשן אין ווילדסטן געמויזעכץ. אונדזער סגאַל האָפּט נאָר איבערצוקומען. אָבער מע פאַלט ווי די פליגן. דען ווינציק קברים פון פּוילישע, גאַליצישע און ליטווישע און בעסאַראַבישע ייִדן אויסגעפלאַנצט אין די סטעפּעס פון קאַראַגאַנדאַ, פון קאַראַ קום, אין די טונדרעס פון אַרכאַנגעלסק און קאָמי? ווו זיך צונויפגעלאָפן אַ געזעמל ייִדן, האָט די סאָוועטישע נויט זיי אויסגעשניטן. אומעטום שטאַרן שוין אַזעלכע עלנטע בית־הקברותן. אַרבעטן? די פאַרצרהטע וואָלטן גערן געאַרבעט, אויב מ׳וואָלט פון דעם אויסגעשלאָגן דאָס קלענסטע אויסקומעניש. אַפילו לעבן בדוחק וואָלט די מענטשן געווען ליב. זאָל זײַן קאָלכאָז, סאָווכאָז, אָבער דאָס וואָס רופט זיך אַצינד לעבן, איז אַ פאַרשווערונג קעגן לעצטן רעשטל מענטש. ניין, דאָס איז מערדערלעכע,

בייזווילליקע קאַטאַרגע אָן אַ טערמין. או, או, ווי בלינד מ׳איז געווען ווען מ׳האָט אַהערגעקוקט פון ווײַטנס. ערשט ווען דו וועסט וויסן, אויב וועסט דאָס אי־בערלעבן: זוך נישט קיין פיש אין די זאַמדן פון מידבר. דער כאַכאַל איז גישט דערוואַקסן פאַר אידעאַלן, כאָטש ער מייקנט אָפּט דערפון. אַזוי האָט דבורהקע געגומען זיך בונטעווען קעגן איר שעמעוודיקייט. דבורה בוימ־ווערק מוז אַנטלויפן פון יענעם אײַנגערעדטן אַמאָל, אַרויסרײַסן זיך פון אַלע אויסדאַכטענישן. זי מוז אויסזוכן מענטשן מיט נישט צעקאַליעטשעטע הערצער, זיך אַראָפּוויינען פאַר זיי — טאַקע אָפּשאָקלען זיך פון אַלץ. דבורה, דבורה, עס שטייט אין קאָן דײַן לעבן און ס׳לעבן פון שמואלעקן. דײַן מאַן קוקט אַרויס אויף דיר, ער איז אין אַ קלעם!

4

דבורהקע האָט בשום אופן נישט געקענט קויפן קיין וואַלענקעס פאַרן מאַן, דבורהקע האָט דאָך געקויפט אַ פּאָר וואַלענקעס פאַר איר שמואלעקן. אָבער דערצו איז דער וועג געווען גאָר נישט לײַכט. נישט געווען צו קריגן וואָס געוואָלט קויפן.

מערערע מאָל איז דער פרוי אויסגעקומען אַרויסצוגיין אויף דער באַ־ראַכאַלקע זוכן די אַזוי נייטיקע וווילעקענע שטיוול און איטלעך מאָל גע־האָט ס׳געפיל אַז שמואלעק גייט מיט מיט איר, ער ווײַנט אַרײַן אין איר ווי אַ קליין קינד: „דבורהשי, דבורהקע, זע, איך ווער געשוואָלן פון קעלט. די פיס שפּרינגען מיר אָפּ פון די גרויסע קרירות. דבורהשי, איך גיי אײַן" — און זײַנע אויגן, זעט זי, פּײַכטלען זיך פאַר דאַנקשאַפט, וואָס זי „נעמט אים מיט", וואָס זי דערווײַזט אים אַז מיט כל הכוחות וויל זי קויפן און ס׳נישט צו קריגן. ס׳איז אָפּגעליידיקט דער מאַרק. ער פּאַלט פאַר איר, דער מאַן, ר׳בעט זי איבער למאי ר׳האָט זי איבערגעלאָזן אַזוי. אַ מינוט, זאָגט ער, קען אים נישט אַרויס פון געדאַנק אַז ס׳איז אַ פּוסט אָרט ווו ער האָט זי געלאָזן, זי האָט נישט וועד ס׳זאָל זיך אומקוקן אויף איר. אַן אויגנבליק, עס וויברירט זײַן טרעריק קול און ער טרייסט זי, כאָטש אַליין איז ער אַן אײַנ־געבראָכענער: „כ׳בין דײַן מאַן, דבורהשי, איך וועל דיך מער נישט פאַר־לאָזן. ס׳אי׳ נאָר ביטער ס׳שטיקל וועגס. מיט גאָטס הילף, מירן איבערקומען דאָס אומגליק, די גאַנצע וועלט ברענט אַצינד. זאָל נאָר אַוועק דער ווינטער, וועט אַוועק דאָס בייז. דבורהשי, זעסט דאָך — פאַר אונדז שפּרייט זיך אַן

אומרויִקער טײַך. איך וועל זיך אײַנשטעלן. אַוודאי, כ׳האָב כוח, קינדלעבן.
כ׳וועל דיך אַריבערטראָגן דעם שורעוועדיקן שטראָם. עד־כעכע, ווייסטעך —
איך בין אַ שווימער. מירן זיך דערוואַרטן פרייד. ביסט אַזאַ גוטע. האָסט
חס ושלום קיינעם נישט קיין עוולה געטאָן. אדרבא, מענטשן קענען דער־
ציילן פון טובות וואָס דו האָסט זיי געטאָן, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן.
אויך איך טו מיר ס׳מײַניקע, בין נישט אויסן קיינעמס שאָדן. זײַ נישט בייז
וואָס כ׳מוז ווידער אַוועקגיין" — — וואָכן דורכאַנאַנד האָט זי אַזוי גע־
לעבט אין אויסטערלישן חלום פון גיין אויפן אַלטוואַרג־מאַרק און גע־
האָט ס׳בפירושע געפיל פון שמואלעקס טרויעריקן מיטגיין נאָך די וואַלענ־
קעס. באָרוועס האָט ער געטראָטן נעבן איר און פאַרטרערט, מאַנצבילש גע־
וועז פאַרטרערט, פאַרשעמט מחמת זײַן שוואַכקייט נישט צו קענען זיך אַליין
העלפֿן. און דבורהקע האָט זיך געשראָקן פאַרן געלט וואָס זי׳ט קוים מיט
צרות צונויפגעשטעלט. אוי, מ׳קען עס חלילה צוגנבענען און זי׳ט געצי־
טערט אַז כאָטש דאָס מאָל (איטלעך מאָל אַזוי!) זאָל איר געראָטן צו קריגן
אַ פּאָר וואַלענקעס. אָך, וואָס פאַר אַ פינצטערע צײַט! ס׳איז עק וועלט! פאַר
געלט איז נישט צו קויפן וואָס מ׳באַדאַרף געניייטיק. און אַלץ וואָס ס׳איז
צו קריגן, מוזסטו כאַפן, צאָלן אין טאָג אַרײַן. מ׳זאָגט: מענטשן באַהאַלטן
אויס וואַלענקעס אויף צו בײַטן פאַר פעטס, פאַר מעל. מחמת מ׳קריגט גאָר
נישט אויפן מאַרק. די קלייטן שטייען אויסגעליידיקטע, אַ סך קלייטן זע־
נען פאַרמאַכט אויף אײַזערנע פרענטן. וואַלענקעס איז כלל נישט צו זען
אויף דער באַראַכאָלקע, סײַדן ס׳וועלן פלאַצן די פרעסט. דערווײַל פאַר־
שטאַרט די פאַרע פאַרן מויל און עסנוואַרג איז גאָלד גלײַך. ווײַזט זיך אַ פוי־
ערטע מיט אַ פאָר געטראָגענע וואַלענקעס, איז זי איינציק מיט דער סחורה.
זי שטייט אין גרויסן: „נישט צו פאַרקויפן", און דרייט זיך אַוועק פונעם
קונה. כאָטש גילדט זי אָפּ. באַלד האָט זי חרטה אויפן מקח וואָס געוואָלט
פאַר די טרעטערס. אַ קללה ליגט אויף דעם מאַרק. ווינציקע זענען די
הענדלערס אויף דער באַראַכאָלקע. ווי די זשוקעס אַרום צונויפגעשאַרטן
מיסט פינצטערן זיי אין טריבן טאָג. וויסט איז אַרום און די וואַלענקעס,
וואָס עמעץ ווײַזט, זענען גאָר משונה גרויס. דער אויסגעליטענער שמואלעק
וועט דאָך אַרומפאָרן אין זיי! אוי־אוי, ווי דער דלות יאָמערט אויף די ציין פון
דעם מאַרק, —האָט דבורה דערשפירט אַ ווערגעניש אין האַלדז, האַרבקייט
אין די אויגן. אַז אַ לאַטע, אַ לאָך אין געוואַנט, אין לעדער, אַן אויסגעריבענע
פּאָדעשווע פון אַ געוועזענעם קאַלאָש איז אויך אַ סחורה! פאַראַן בעלנים

אַפּילו אויף אַזעלכע שטיקער חושך. און אויף טאָוולען פון ביכער איז אַן אויסכאַפּעניש. „עס גייט אויף זוילן״, גרויסט זיך דער קרעמער וואָס צאַפּלט אויף די געפּרווירענע פיס כדי נישט איינצוגליווערן ביי זיין קראָם, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף אַ טראַנטע איבער דער קויטיקער ערד.

זי׳ט דאָס נישט איבערהאַלטן, — האָט דבורהקע אַנומלט זיך איינגעבראָכן פון אומזיסטיקן זוכן. זי קען מער נישט בעטן מיכאַילאָוון ער זאָל זי באַפרייען פון דער אַרבעט אויף צו שלאָנדערן זיך אויף דער באַראַכאַלקע. און זי האָט נישט קיין כוח צו יאָגן זיך נאָכן רויך וואָס צעקריכט. פון דריקעניש האָט זי געמוזט זיך אַנידערשטעלן אויסווישן אַ טרער. האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר וואַלענקעס אויף שמואלעקס מאָס, זענען זיי געווען שטאַרק צעדעפּטשעט פון אָרעמאַנסקע פיס. אַזוי דין שוין די פּאָדעשווע, — האָט דאָס ווייבל זיך געביסן אַ ליפּ, און שיטער די כאָליעווע. ס׳איז אַ האַרצווייטיק פּאָר אַזוינס צו מוזן אָפּגעבן דאָס אָפּגעציטערטע געלט. „פּשוט שמאַטעס. נישט איינצוויקלען אין זיי פּאָר אַ גראָשן פּעפּער. טאָ ווי וועט דאָס וואַרעמען דערפּרווירענע פיס? כאָטש צערייס זיך, און דער מענטש וואַלגערט זיך אַ באָרוועסער אין אימהדיקן סיביר!״

ווי צו להכעיס האָבן זיך אויפן אַלטוואַרג־מאַרק לאַנג נישט געוויזן קיין ריכטיקע פּאָר וואַלענקעס. אָפּט האָט דבורהקע זיך אַרויסגעריסן פונעם חלום וואָס האָט זיך געדריוולט אין איר. שמואל קוקט זיך צו צו איר פּיין. ער ווערט נעבעך פאַרקלעמט פון צער וואָס ער מוז צוזען אַזאַ וויסטקייט: האָסט געלט און קריגסט נישט דערפאַר קיין ברויט, כאָטש זינק צו דר׳ערד פון הונגער. זאַכן, שיכוואַרג, זענען גאָר אויסגעטריקנט געוואָרן. און האָט דאָס ווייבל דערווישט אַז די נויט איז אויף אַן אמת שמעלקע מיטן טויט (מענטשן פאַלן ווי די פליגן, האָט זי פון ס׳ניי געקרעכצט), איר מאַן איז ביים וואָלף אויף די ציין, האָבן טרערן גענומען גיסן פון איר. זי האָט געוויינט: שמואל טייערער, שמואלעק מיין מאַן, וואָס מיר האָבן זיך דערוואַרט, און געכליפּעט. ווידער נישט געקענט איינזיצן ביי דער אַרבעט און נישט געהאַט קיין זיצפלייש, ווען זי איז אַהיים געקומען. ווינד און ווייי איז געווען דער פרוי.

אַזוי ווי דאָ זענען פּעט די בלאָטעס, אַזוי זענען שטייף די פרעסט ד אָ ר ט ן, אין סיביר, — האָט זי אַריינגעטיאָמערט אין זיך. אין טראַכטן האָבן ביי דבורהקען געגליט די באַקן, וואָס זענען געוואָרן שיטער ווי דער קרוכער שניי וואָס פאַלט דאָ און צעיערט באַלד אין דער פייכטער לופט.

מנע, ווי קריגט מע שוין אַ פּאָר וואַלענקעס? כ׳על זײַן גליקלעך אַז כ׳על שוין האָבן די וואַלענקעס!

וואַלענקעס, וואַלענקעס, — אַ נאָגנדיק לידל אַזאַ האָט זיך געדרייט אין דבורהקעס געדאַנק. אָבער צו קויפן די וואַלענקעס איז געווען שווער, שווערער ווי צונויפצושטעלן דאָס געלט וואָס זי׳ט צוזאַמענגעקראַצט.

5

געגאַנגען און געגאַנגען אויפן אַלטוואַרג־מאַרק און אַלע מאָל ט׳זי זיך אַהיימגעקערט מיטן ליידיקן. דאָס ווײַבל האָט לאַנג געביטערט ביז זי האָט דערגרייכט דעם קויף.

— — — און האָבן זיך שוין געוויזן וואַלענקעס, וואָס זענען איר געפעלן געוואָרן, האָט דבורהקען נישט געקלעקט דאָס געלט וואָס מע האָט געמאָנט. ס׳ווינציק אַז מ׳האָט אַ גאָלדן זייגערל פון דער אייגע־נער כלה־צײַט; ווײַל וואַלענקעס, אַפילו אַלטע וואַלענקעס, זענען אַ טײַערער ביסן ווי אַ כלה־מתנה. וואָס פאַר אַ עצה גיט מע זיך אַצינד? מיכאַילאָוו וועט זי מער נישט אַרויסלאָזן אויף דער באַראַכאַלקע. ערשט הייבט זי נישט אָן צו וויסן ווי צו קריגן נאָך געלט אויף דורכצוקומען אַזאַ פּעקל.

בײַ טאָג זענען איר די הענט אַראָפּגעפאַלן פון אימה וואָס האָט זי כסדר צעדרינזשעט מיט בריִעדיקע און שפּיזיק־קאַלטע בעגל, בײַ נאַכט האָט זי נישט געקענט צוטאָן אַן אויג: שמואלעק! ווי וועט שמואלעק קע־נען פאַרשטיין פאַר וואָס דבורה רופט זיך נישט אָפּ אויף זײַן גוואַלד־געשריי? פאַר וועמען אויסאָמערן איר נײַעם וויטיק?

אין פאַרלוירנקייט האָט דבורהקען אַ לײַכט געטאָן אַ פלוצלינגע המצאה: זי׳ט בעטן אַן אַדערויף אין פאַבריק.

ער קען זיך אָפּבייזערן, דער דירעקטאָר, — האָט זי זיך געוואַקלט מיט דער דעה יאָ צו גיין צו מיכאַילאָוו, צי נישט. דו באַדאַרפסט נישט דולן אַ מוח מיט שטיוול. פאַר דיר וועלן מיר קריגן אַן אָרדער אויף שיך, — איז איר אײַנגעפאַלן דעם דירעקטאָרס ענטפער, וואָס ער וועט איר ענטפערן. פאַר וואָר, ערשט האָט זי זיך אַרומגעזען אַז אויף אַן אמת זע־נען אירע פיס געוויקלט אין שמאַטעס. זי אַליין גייט אַרום באָרוועס. ווײַ צו דבורהקען: אירע שיינע פיס זענען אין שנאָרייסקע שטיקער זעק געבונדן מיט שטריקלעך. און זי שעמט זיך נישט! גאָר אַראָפּ פון דער מדרגה, דבורהקע לײַנוואָל — טרערן האָבן געברענט איר בליק, ווידער זיך

דערזען שטיין אַנטקעגן מיכאַילאָוון מיט אַן עניוות וואָס צעשטעכט איר געביין. יאָ, ער דערזעט די שמאַטעס אויף אירע פיס. אומזיסט פאַר־לירסטו צײַט און כוח, זשענשטשינע, זאָגט ער איר שטרענג און ליבלעך.
— דאגה פאַר זיך. פאַרן מאַן זאָרג זיך ווינציקער. מאָביליזירטע באַקו־מען שטיוול. דו דאַרפסט זיצן און אַרבעטן — —

אָ, ס'איז בלויז אַן אויסדאַכטעניש אַזאַ. איר איז ביטער אין דער קעל און דאָס שיידל שפּאַלט זיך איר פון טראַכטן וועגן דעם געקוועל וואָס איז געקומען אויף איר מחמת דעם רוף וועגן וואַלענקעס פאַרן מאַן.

זי'ט געהאַט אַ שווער לייענען מיט זיך: דבורהקע האָט געמוזט בײַ־קומען איר שעמעוודיקייט ביז זי האָט געפּועלט בײַ זיך אַרײַנצושטעלן זיך באַנײַס צום נאַטשאַלניק אין קאַנטאָר. ווי גראָע, גראָבע שלענגלעך זענען פעדעם פון די געוואַנטן, וואָס מ'נייט אין ווערקשטעל, פויל געקראָכן, גע־האַנגען אויף איר קלייד, שטויב איז געלעגן אויף אירע ברעמען, גע־טונקלט אויף די וויִעס און מיט שטויב איז געווען פאַרפרישעט איר גע־דאַנק: „וואָס זאָגן אים? און אַז ער'ט נישט וועלן? אויב יאָ, וויפל זאָל איך בעטן?" סוף כל סוף איז איר געווען אוממעגלעך צו עפענען דאָס מויל פאַרן באַפעלער. דבורהקע איז געווען בלאַס, פלאַמען האָבן זיך געצונדן פאַר איר, ווען ס'איז מיט אַ מאָל צו איר דערגאַנגען דעם באַלעבאָס' קול:
— צו מיר, בירגערן?

אַן אַנגעטומלטער געפרעג איז עס געווען וואָס האָט איר אַ שטויס געטאָן ווי אַ צוגווינט. און אָט שטייט ער האַרט נעבן איר, דער...

— טאָוואַרישטש דירעקטאָר, —קרעקט זיך דבורה און זײַן צו־דרינגלעך פּנים און דער טונקעלער טיש פלעקן זיך פאַר איר אין אַ קאָנ־וולסיוון געשווים— איך בין אין אַ פאַרלעגנהײַט. כ'האָב נישט צו וועמען זיך צו ווענדן (די אויגן האָבן איר געדריקט ווי מאַזאָליעס): מײַן מאַן איז אין גרויסע פרעסט. כ'מוז האָבן פאַר אים וואַלענקעס. מירן בעזשענצעס, אַן זאַכן געלאָפן פון פוילן, אַן געלט. אַ באַרוועסער גייט אַרום מײַן מאַן אין די סיבירער שנייען. אפשר (גיט זי אַ העשע), טאָוואַ... אַ פינצטערע רעדט זי שוין וועגן אויסלײַען איר אויפן לוין וואָס זי וועט פאַרדינען. ס'איז אַזוי טײַער (און שטאַרקער געהעשעט). איך ווייס נישט, האָט זי גע־זאָגט, בײַ וועמען צו בעטן. טרערן זאַלציקן אירע ליפּן און זיי רירן אַוועק דעם שטיין, וואָס דריקט.

— באַרויִקט זיך, בירגערן. מירן זען עפּעס צו טאָן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, — כליפּעט זי אָפּ מיט אַ קרײ און זי װײס גישט צי זי קוקט אויף אים אָדער זי הענגט אין אַ חלל װאָס דרײט זיך מיט איר. אַ טרערן־נעפּל פאַרהענגט איר בליק.

— װיפל װאָלטסטו באַדאַרפט, חברטע? —האָט מיכאַילאָװ שטיװל־דיק זיך שוין אַ באַװעג געטאָן אין איר נאָענט. יאָ, זי זעט שוין. — דאָ, דאָ, — האָט ער באַלד געברומט, אָבער זי האָט געהערט נאָר ס׳געשרײ פון איר עװלה.

— צװעלף הונדערט רובל בעט מע פאַר װאַלענקעס, — צעבינדט זיך דבורהקעס צונג און זי פילט פריקרעװאַטע װי דער זײַגט זיך אײַן אין איר מיט די קוקערס. לסוף ניכטערט זי זיך אָפּ װי פון אַן אומגעריכטן שפּריץ:

— אַזוי פיל געלט פאַר... — און ר׳האָט נישט פאַרענדיקט.

זי איז צעטומלט פון זײַן אומאױפהעריקן קוקן. פאַר איר שפּרייט זיך אַ טומאַן פון הייסע, טריבע קאָלירן, דרויבל׳ענדיקע קלאַנגען; איר איז שװער צו קוקן אויף אים.

— צו פיל װיל מע פון דיר, —הערט זיך שוין פון אים פאַרדראָס און זי באַנעמט (ביין, אין דער סעקונדע האָט זי נישט געזען) װי דער גיט אַ כעסדיקן שפּאַן אַװעק.— אַזאַ־אַזאַ פרײַז?! אוך, דער מאַרק! — קײַקלט זיך באַלד איבער איר אַ תרעומותדיקער געשריי. דבורהקע פילט אַז ער מרוזשעט צו איר פון זײַן װײַטקייט און ר׳פאַרגייט אין אַן אומפּעטיקן טראַכטן אויפן קול: אוך, אוך, די היענעס. װילדפלייש אָנגעװאַקסן, נאָר אויסצושינדן דאָס! — דבורהקע הערט עס שאַרף און װי פון אַ װוּנט האָט זי פאַרקװעטשט די אויגן.

— נו, —דערזעט זי אים שוין אַ פעסטן צושפּאַנען נאָענט: — װעסט ענדלעך זאָגן װי מ׳רופט דיך, בירגערן? איך האָב פאַרגעסן, פאַרשטייט?

— געדענקט נישט דער טאָװאַרישטש דירעקטאָר מײַן נאָמען? בוימ־װערק רוף איך זיך. דאָראַ בוימװערק, — און לאָזט אַראָפּ דעם בליק.

— באָמװערק, —שמעקט ער אַרום דעם פרעמדלעכן קלאַנג, ציט צונויף דעם שטערן און גיט פון דאָס נײַ אַ שפּאַן אַװעק אין זײַן טראַכטן. — צו פיל, צו פיל װיל מען פון דיר, באָמװערק.

און אַז אַ קראַמף פון העשען פאַרקרימט װידער דער פרויס פּנים, האָט מיכאַילאָװ זיך אָפּגעשטעלט, אַװעקגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל:

— נאָר רויִק. וועסט רויִק זוכן, וועסטו באַקומען פאַר וועלוועלער. צוועלף הונדערט רובל, זאָגסטו? סקאַנדאַל! מיאוס ז׳דער טאָלטשאָק, טשאָרט וואָזמי!

סוף כל סוף האָט דבורהקע געמוזט שלום מאַכן מיט דער מיינונג אַז עס וועט איר נישט גרינג אָנקומען צוזאַמענצונעמען אַזאַ גרויסע סומע. זי׳ט מיכאַילאָוון געזאָגט „ספּאַסיבאָ״ און איז פון אים אַוועק אַ צענומענע:

— ס׳אַר אַ אָפּקומענישן איר זענען באַשערט!

אַ צוקן אין די געדערעם האָט ווי מיט אַ רויך פאַרצויגן דבורהקעס בליק, אַזש זי׳ט אַרויסגייענדיק פון דער פאַבריק־געביידע, נישט באַמערקט אין דרויסן אַ כאָפּטע צונויפגעקוטשקעטע ווייבער. צוזאַמענגעדרענגטע האָבן זיי רכילותדיק געשמועסט צווישן זיך. הפּנים, זיי האָבן געוואַרט אויף איר און אומגעדולדיקע טאָקע נישט געלאָזט זי פאַרביייגיין.

— אָ, דו? כאָטש שוין פאַרטיק געוואָרן מיט די עסקים וואָס איינגעשטעלט מיט די גרויסע לייט!

טענה האָט אַ ברען געטאָן אויך פון די ווייבערישע בליקן און פון זייערע אָנגעדראָלענע, נערוועזע רייד:

— נעבעך אַ לעמעלע איז זי און שפּרינגט ווי אַ טיגעריכע. מיינסט מ׳איז נאַרישער פון דיר? זאָלסט נאָר עפּעס וואָגן, דו...! אַקעגן די דאָזיקע און זייער אָנגרייפעדישן געשריי, האָט דבורהקע זיך פאַרלוירן אַזש אין האַלדז האָט פאַרדריקט, „וואָס ווילן די מענטשן פון מיר? זי גייט דען קעגן וועמען? זאָלן די הענט איר שלאַקרירעוודיק ווערן, אויב...!״ זי׳ט אין גאַנצן געפלאַטערט אין אַ פּלוצלינגער הייסער שטומקייט, זי׳ט נישט געקענט אַפילו צענעמען די ליפּן. כאָטש רגעס האָט עס גענומען ווי זיי האָבן געדרעפּטשעט איבער איר, האָט עס דאַראָן אויסגעוויזן מוראדיק לאַנג און די אויגן זענען איר שווער איבערגעלאָפן. דאָס געזעמל ווייבער האָט אָבער נישט אויפגעהערט זי אַרומצוניוכען, געקוקט מיט פאַרוואָרף, מיט רציחה:

— וואָס זשע דען האָט אַזאַ איינע צו טאָן אין קאַנטאָר, אויב נישט ברענגען די אייגענע חברטעס! אונדז ווילסטו איינשמועסן אַ נאַרישקייט וואָס אַ קלייניקס וועט נישט קענען גלייבן?

אַלע האָבן זיי געוואָלט איר קומען אויף ס׳קאָפּ, הלמאַי זי איז געגאַנגען צום דירעקטאָר, לאַנג דאָרט געווען.

— קיינע פון אונדז האָט נישט קיין הינטערגענג, —האָט אַ חוצפהניצע זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אָפנקייט.— פאַראַן אַ פּראָפּאָרג,* אויב מ׳באַדאַרף עפּעס. צום כאָזיאַין קריכט מע נישט, סײַדן מ׳רופט אויף אונטערצושרײַבן אַ פּאַפּיר. ווער האָט געטועכצן מיט אַ דירעקטאָר? נאָר אַ צוטראָגערן, אַ חונפניצע גייט אויף אַזאַ וועג! אויב נישט פאַרמסרן די אייגענע חברטעס, ווייסן אַלע אַז פאַר זייער איינס איז נישטאָ וואָס צו טאָן אין קאַנטאָר. שטייסט ווי אַ סטויפּ, אַ? געדענק, בורזשואַזנע קונצשטיק גייען דאָ נישט אָן!

— אַ סאָוועטסקער מענטש, —האָט אַן אַנדערע שייגעצעוואַטע איר שוין געטיקעט מיט אַ פינגער אין די אויגן אַרײַן— איז אַן אָפענע קאָרט. צו מאָל דערלאַנגט ער אין דער מאַמען אַרײַן, אויב ס׳גייט אַזוי ווײַט. ווילסטו, דאָראַ, האָבן סודות, ביסטו קעגן אַלעמען! — די מוסרניצע האָט דערויף זיך צעשטשירעט מיט אַ ברייט צעעפנט מויל און געשפריצט פײַער: — גיסטו זיך אָפּ רעכענונג דערפון? זאָלסט וויסן, זשענשטשינע, אַזוינס וועלן אַלע נישט סובל זײַן. ריכ־טיק? דאָ האָט די דאָזיקע געזוכט די הסכמה פון די אַרומשטייענדיקע אויף איר טענה. יענע האָבן שוין נישט אָן לשון געשאָקלט מיט די קעפּ:

— ריכטיק. פרידלעכע זענען מיר, מאַמעס פון קינדער און אמתע רויטאַרמייערקעס.

כמעט אין אַ כאָר זענען אַרויס די ווײַבער מיטן לייכעץ פון זייער קלעפּיקן, אָרעמאַנסקן טרויער.

דבורהקע איז געוואָרן סטאַמניעיעט.

וואָס ווילן זיי פון איר? זי איז נישט קעגן קיינעם, זי האָט נישט קיין סודות. בלויז האַרצווייטיק האָט זי איר אייגנס. פון וועגן אַן אייגענער צרה איז זי אַרײַן צום דירעקטאָר. — פרויען זענט איר? —האָט זי זיך שיִער צעוויינט— איך בין אַן אומגליקלעך ווײַב, איך מוז זוכן הילף, — האָט זי נישט אויפגעהערט זיך צו פאַרענטפערן. זי איז געבליבן אַליין ווי אַ פויגל פון אַן אָפּגעברענטער נעסט, — און זי׳ט געפרווווט אויסדערציילן פון איר מוראדיקן אומגליק. געלאָפן זיך ראַטעווען צווישן מענטשן, ערשט קומט זי אום און צוזאַמען מיט איר וועט אומקומען איר מאַן. געקומען אַהער און מ׳האָט אים תיכף אַוועקטראַנספּאָרטירט. סיביר צע־

* פאָרשטייער פון פּראָפעסיאָנאַלן פאַראיין.

בײַסט זײַן געביין. ער איז נאַקעט - הויל — דאָרט קריגט גאָר נישט דער מאָבילִיזירטער, אַחוץ אַ ביסל בידנע עסן. פאַרשטייט, איך מוז יאַקאָש אים העלפן, — האָט זי געציטערט אין אירע טרערן. אָן אַדערויף געגאַנגען בעטן; אַ ביסל אײַנזען דערוואַרט זי פון מענטשן אין איר אליינקייט. פאַר־שטיי־יי־ייייייט, נישט באַשולדיקט מיך!

דבורהקעס שטאַמלען האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד בײַ די פרויען. די בעזשענקע איז געקומען פון אַל די רוחות און אונדז וויל זי פאַרקויפן מיט ליגנס!

— הער אויף מיט דײַן געפּלאַפּל. וועמען, מיינסטו, איז גוט? מיר וויסן שוין. תירוצים בראַקט זי דאָ! קלערסט, פון פאַרגעניגן וועגן גייען מיר אַרויס פון די היימען? אַלע זענען באַוואָרפן מיט קינדער; דער הונגער דושעט אונדז און די קעלט דערשלאָגט. לאָז, דאַרא. מיר זענען נישט קיין נאַראָנים. פּלאָנטער ווינציקער מיטן לעקער. טפוי, אויב אַ פרוי קען נישט זײַן אָפּנהאַרציק מיט חברטעס.

דבורהקע האָט געהאַט אַ מרויעריק געטועכץ מיט די ווײַבער. זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין אַז זי איז געגאַנגען צו מיכאַי־לאָוון בעטן אין פאַרויס געלט פאַר דער אַרבעט וואָס זי'ט טוען לאַנגע חדשים נאָך דעם. זיי האָבן פשוט ניט געקענט באַנעמען אַז צוליב אַ פאָר וואַלענקעס באַדאַרף מען אײַנלייגן וועלטן, וויינען און ציטערן ווי די אַ וואַרפט זיך אין קדחת.

— טשעפּוכאַ. טיפשות ווילסטו אונדז דאָ פאַרקויפן פאַר אַ גרויסן ערנסט. נישט אַ רוסישער פרוי וועסטו קענען אײַנשמועסן אַזוינס. אַפילו אַ קאַזאַכקע וועסטו נישט פאַרקויפן אין זאַק אַרײַן. הער אויף, זאָגן מיר דיר; קריך נישט היגטער פאַרמאַכטע טירן!

אַ סך מאָל איז געקומען צו אַ שאַרפן איבעררייד וועגן דעם זעלביקן. דבורה בוימוועק האָט זיך אָן אויפהער פאַרענטפערט פאַר די אומצו־טרויליכע, תמיד זיך גערייטלט פון בושה הלמאַי זי באַדאַרף זיך שווע־רן אויפן אמת וואָס איז נישט אַנדערש ווי דער אמת פון איר פײַן מחמת אַ פאָר געוויינטלעכע וואַלענקעס פאַרן מאַן.

— שטייען צו, טשעפּען זיך אומזיסט־אומנישט. מענטשן קענען נישט גלייבן!

גערעדט און גערעדט, די ווײַבער. דבורהקען איז דערפון די גאַל אי־בערגעגאַנגען. זי'ט ווידער אַ מאָל געמוזט אַרויסזעצן מיט אַ געוויין. —

צוגעניגלט זיך, די דאָזיקע פּיאָווקעס! זי וועט מער ניט ענטפערן. „וואָס, אַ שווער געמיט האָט דאָס? עס הייבט זיך נישט אָן!" אָבער די רעדער־קעס זענען נישט אָפּגעשטאַנען. זי'ט סוף כל סוף געמוזט אויף זיי זיך אָפּבייזערן:

— אומגליקלעכע, טרעט אָפּ פון מיר! ס'קריכט אייך גאָר נישט אין מוח אַריין אַזאַ פּראָסטער שכל אַז עמעצן קען אויבעט ווי טאָן?

די אומגעריכטע ענערגישקייט פון דאָראַן האָט ערשט געהאַט אַ פּעולה. די פּלאַפּלערקעס האָבן זי אָפּגעלאָזן מיט זייערע דראָונגען. דער־נאָך האָט זי שווײַגעוודיק געווייכט פון זיי, ווען באַגעגנט אין ווערקשטעל.

...אין איינעם אַ טאָג האָט מע דבורהקען אַרײַנגערופן אין קאַנטאָר, איר געגעבן אַן אַדערויף 3 הונדערט רובל צוריקצוצאָלן אין זעקס חדשים. מ'האָט זי אויך באַפרײַט פון דער אַרבעט אויף אַ האַלבן טאָג. גיי און קויף, אַז זאָלסט דערנאָך קענען זיצן בײַ דער מאַשין, — האָט איר געזאָגט מי־כאַילאָוו. דאָס ווײַב פון אַ מאָביליזירטן איז ראוי דעם צוטרוי, אָבער זי טאָר נישט אים אַרונטעררײַסן, — געדעעענ־קקססססט? דער באַטשאַלניק האָט געקוועטשט אויפן וואָרט ג ע ד ע נ ק ע ן, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין איר ווי אַ וואָרענונג. זי האָט אָבער אויך דאָס מאָל נישט געקענט זאָגן מער ווי „אַ דאַנק, חבר דירעקטאָר", שלאָבעריק זיך אַרויסגעשאַרט און אין מיטן טאָג אַוועק אַהיים. פאַרן גילדענעם זייגערל האָט זי אינצווישן אויסגעפונען אַ בעלן, וואָס עמעץ האָט איר נאַרײַעט (פּאַוואָליע האָבן זיך צו איר געקלעפּט אויך באַקאַנטשאַפטן) און זי איז פון ס'נײַ אַוועק אויף דער באַראַכאָלקע מיט אַן אָנגעשראָקענער האַפּערדיקייט: „הײַנט קויף איך. שמואלעק וועט שוין זיך דערפרייען!" אויפן מאַרק געשטעלט טריט צווישן מבולבלע וואָס האָבן זיך דאָרט געפּלאָנטערט און אַ נײַע אומזי־כערקייט האָט איר אַ צופּ געטאָן: „קוקט מע מיר נישט נאָך?" אָבער דאָס קניפּל געלט און די גוטווויליקייט פונעם דירעקטאָר האָבן זי אָנגעגאָסן מיט פרישן כוח.

דער פּראָסטיקער פעברואַר־מאָרגן איז געשטאַנען אין מאַטן ליכט פון גליווער־כוואַליעס וואָס האָבן זיך געבערגלט אויפן גלאָזיקן הימל. שאַרף איז געווען די זינגעוודיקע לופט. זי'ט אויסגעקנײַפּט די באַקן, דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס.

גראָד איז געווען אַ היפּשער צונויפפאָר פון שטרײַמלדיקע פויערן, גראָע, שווערפיסיקע און שטאַרק פאַרפעקלטע פויערטעס מיט לאַנגע,

שוואַרצע צעפּ איבער די אַקסלען. די אויסגעפּאַלענע שנייען זענען געלעגן נידעריק אײַנגעשטײַפּט אויף דער קלינגעוודיקער ערד. די קאָרע פּונעם פּאַרטונקלטן, סומנעם סטעפּ איז געווען ווינטערדיק צערונצלט און די מידבר־מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון זייערע לעכער. געשלענגלטע צווישן בערג און היגלען האָבן די וועגן זיך אַרויסאַנטפּלעקט פון נעפּל־מיראַזשן, הענגענדיקע אין דער אומאַרומנעמלעכער ליידיקייט. ס׳האָט זיך אָנגעזען אַז די אַולן, זינט אַ צײַט פאַרלוירענע אין די ווײַטקייטן, האָבן ערשט זיך איבערגעוועקט פון דרימל און מיט נײַגיר לאָזן זיך זייערע באַווינערס מיט שטויבונג אין שטאָט אַרײַן. הויכרעדערדיק זענען די אַרבאַס* פון די סטעפּלײַט און מגושמדיק די צעקאָלטנטע קעמלען וואָס אײַנגעשפּאַנט אין זיי. זעק מיט ציבעלעס, לאַנגע בײַטשן זילבערנע קנאָבל־קעפּלעך, לאַנגע, באָרדיק־אויסגעקראָכענע ווײַסע קירבעסן, בלײַכגעלע צוקער־בורעקעס באַכלעסיק אָנגעוואַלגערטע אויף די קרעכצנדיקע פורן; בײַ עמעצן אויפן שליטן הוידעט זיך אַ קרוגל האָניק פאַרבונדן מיט אַ שמאַטקע, אויך אַ זאַק געטריקנטע, אײַנגעוויאַנעטע עפּל — אָט וואָסערע סחורה דער סטעפּ פירט אַרויס אין קאַלעמוטנעם ווינטער. די מאַכטיקע קעמל־הויקערס לאָזן זיך אַראָפּ אויף די פריר־געשליפענע שטיינער פון מאַרק און די פויערישע אויגן נעמען אומרויִק בלאָנקען איבער די קעפּ פון די וואָס לאָזן זיך צו צו זייערע וועגענער מיטן גוטס וואָס מ׳האָט ענדלעך ווידער געגומען פירן אין שטאָט אַרײַן.

אַרומגעטאַפּט צי ס׳איז נישט געפּרוּירן אָדער אײַנגעפוילט דער בורעק, די מייער, שטייען די מענטשן מיט הונגעריקע בליקן און זענען להוט צו הערן דעם מקח:

— די קאַרטאָפל וויפל ווּעסטו רעכענען? וויפל בעטסטו, באַלעבאָסטע, פאַר די בורעקעס? און אַ קעזל האָסטו אפשר?

געפּעפּערט זענען די פּרײַזן וואָס די פויערן זינגען אויס. די לײַט וואָס דרייען זיך אַרום וואָגן, דערשפּירן זיך דערפון אָפּגעבריט:

— צו טײַער, באַלעבאָס! ווער קען גרייכן צו אַזאַ שפּיץ באַרג? — גיט אַ קלאָג עמעצער. — אוי, די פּרײַזן!

— מ׳עט פגרן בײַ די־אָ קאָלכאָזנע וועגענער!

— ווער הייסט אײַך פגרן? קויפט זשע. מירן ווײַט געפאָרן אין

---

* צוויי־רעדערדיקע וועגענער.

פּראַסט אַרײַן פֿון אײַערטוועגן, —שנײַדט אָפּ אַן אײַנגעפּעלצטע פּויערטע וואָס לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פֿון די וואָס האָבן אַרויפֿגעריטן אויף די ספּריכעס פֿון די וואָגן־רעדער און וואַקלען זיך ווי טאָוולבע צאַפּלמענטשן אין דער שיכורער לופֿט.— ס׳קאָלט צו האָדעווען פּאַר דיר די פּרעס, — ענטפֿערט שוין ברייט־פּנימדיק, מיט בייזן גלײַכגילט אַ ביינערדיק קאַנטי־קער קאַזאַך מיט אַן אויסגעקראָכן בערדל. ער רײַסט אַרויס בעת־מעשה אַ לאַנגן האַריקן צוקער־בורעק פֿון אַ פּאָר הענט. — אויך איך בין הונ־געריק, דאָך היט איך דאָס פֿאַר דיר. איך מוז קויפֿן איטשיקעס * פֿאַר מײַן אַלטער, דאָס וויסטו? און דער דזשיגיט וואָס באַדאַרף אַרבעטן אין פֿעלד, איז אַוועקגענומען געוואָרן אין מלחמה אַרײַן, דאָס געדענקסטו ניט, דו, דו! נע, נע, איכ׳ל נישט אַוועקגעבן, — צעשרײַט ער זיך תּוך כּדי דיבור — גיי־יי, איך נעם באַלד די בײַטש צו דיר! — און איז שוין צעצונדן.

— וויפֿל? — רוקט זיך אונטער אַן אַנדערער, וואָס מאַכט זיך כּלא ידע איבערן געשריי פֿונעם שרײַער און שטרעקט זיך מיט דער האַנט צו אַ ציבעלע, צו זען איר שטײַפֿקייט.

— געגאַנגען, נישטאָאָאָ! פֿאַרקויפֿט אַלצדינג! — ווערט ברוגז דער פּויער, דער גרויס־נאַזיקער מיטן שיטערן בערדל, וואָס אין כּעס שפּיצט עס זיך אויס ווי אַ צויט פֿון אַ צעפּליקטער ראַגאָזשע. ער כאַפּט אַרויס די פּרוכט פֿון פֿרעגערס האַנט, וואַרפֿט אַרויף אַ ווײַנטעד אויפֿן זאַק ציי־בעלעס און זעצט זיך אַרויף אויף אים, גלײַך ר׳וואָלט מיט דעם פֿעסטער באַ־שטעטיקט זײַן דערנאָכיקן נישטאָאָאָ! דערויף גיט ער אַ צענעם די אָרעמס ווי צעבייזערטע פֿליגל פֿון אַ משונהדיקן בערקוט.

ס׳איז געשטאַנען אַ געטומל דאָ און דאָרט, כאָטש ס׳איז געווען שי־טער מיט די וועגענער אויפֿן אומגעהײַערן מאַרק. געפּרוירענע ווײַבער אין מאַנצבילשע קליפּטן האָבן זיך אַלץ צוגערוקט מיט געפּרעג און געבעכדיק זיך אָפּגערוקט פֿון די וועגענער. „ווער האָט כּוח פֿאַר אַזעלכע פּרײַזן?” — האָט ווער אין שטילן געבערום אַרויסגעבראַכט דעם גרויל פֿון פֿאַרעק־שנטן הונגער וואָס האָט זיך אײַנגענעסטיקט אין דער היים, אַזש עס נעמט אָן אַן אומווילן אַהין זיך אומצוקערן. פֿון דעסטוועגן איז נישט געמינערט געוואָרן דער געדראַנג אַרום די קאַלכאָזנע פֿורן. אַנדערע האָבן זיך גע־בייזערט, געשריגן אויף די פּאַרריסענע אַלטע פֿויערן. „מיר גייען אויס מיט

* ווייכלעדערנע שטיוועלעך.

קליינע קינדער און דו ווילסט גאָר זיך אָנשיטן מיט רייכקייט? אַ חרפּה!״ דער רוב האָט נישט געהאַט געַנוג רובלעס און איז אָפּגעטראָטן ווי אָפּגעשמיסן; זיי האָבן געקוקט מיט פאַראיבל אויף די גרויסגעוואַקסענע, קײַלעכיקע קאַזאַכקעס מיט די מטבעות־קייטן אויף די העלדזער, אויפן ניקל און זילבער וואָס׳ט געקלימפּערט פון זייערע בראַסלעטן און אויערינגען. — ווי אויסגעפרעסן דאָס איז, ווי שטאַרק! — האָבן ווײַבער פאַרריסן די קעפּ צו די וועגענער וואָס זענען געשטאַנען אַקעגן זיי ווי פּעסטונגען פון בייז וואָס שיטן מיט קללות אויפן פאָלק.

שפּעטער האָבן די אַפּהענטיקע, די אָרעמע זיך אַרומגעדרייט אויפן געסטאָיעטן מאַרק און דער וועג אַהיים האָט זיך פאַר זיי טרויעריק אויסגעצויגן.

אָן אַ זײַט פונעם האַרמידער וואָס אַרום דעם ביסל רויען עסנוואַרג האָבן זיך אויף געפּרוּוירענע פּיס באַוועגט אַ הייפל ווי פאַרגעסענע שטאָטלײַט, באַהאָנגענע מיט כלערליי שטיבזאַכן: אַן אָפּגעריבענער ציגענער לעפל וואָס איז מיט אַ שנירל צוגעבונדן צו אַ קנאָפּ פון דעם הענדלערס טענדעווערענדע, וועלכע פאַסט זיך גריילעך פאַר אַ ווײַבספאַרשוין פון אַן אַלטן בירגערלעכן אַלבום אַרויס; אין די הענט פון דעם דאָזיקן וואַלגערט זיך אַ פאַרטריקנט שטיק בלאַנקלעדער פון אַ פערדגעשפּאַן, אַ קליין רעשטל לײַוונט וואָס שמעקט מיט אַן אָקערשט אויפגעדעקטן באַהעלטעניש־שימל; עטלעכע גלאַזורירטע ליימענע טעלער האָבן זיך אַראָפּגעזעצט צופוסנס פון פאַרדאַרטע מענערשע שטיוול, וועלכע האָבן אומרויִק געטאַנצט אונטער אַ ברייטן זאַקענעם ווײַבערישן קליידל פון אַ פאַרטשמעליעטער סוחרטע. נעבן דעם — אַ ביסל פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, אויך אַ קאָלעקציע אויסגעבליאַקעוועטע קנעפּ פון פאַלטאָס און זשאַקעטן, אויך קנעפּלעך פון וועש און צעוואַשענע פלודערן. ביי אַנדערע הענדלערס אין די הענט האָבן „יחוסדיק״ געשטאַרט פאַרשיידן אַלט אָפּגעדינט שיכוואַרג, גראָבע, פאַרקרימטע, אויסגעטראָטענע, דאָס גלײַכן שטיקלעך לעדער פון פונאַנדערגענומענע שיך, שטיוול און ברייטע רימענס וואָס קענען דינען פאַר אָפּצאַסן, אַפילו אויף זוילן, אויב זיי צונויפשטוקעווען אין דער ברייט, ווי שוסטערס זענען זיך נוהג. און ס׳זענען געווען וואַלענקעס ברוינע, העלגראָע, עפּעס אָנקאָליריקע, קינדערשע, ווײַבערישע און מענערשע, צעפּאָרענע, מיט ברייטע נעזער, מיט לעדער־אַרומגעשטעפּטע טילקעס. פון דעם רוב טשיזמעס האָט דבורהקע זיך אָפּגעשאָקלט; אָבער עס זענען גע־

ווען אײנע אַ פּאָר וואַלענקעס שיקלעכע, ווייכע, ווינציק געניצטע מיט הזיכע, אויבן אויסגעקײַלעכיקטע כאַליעוועס, אומיסטן צו וואַרעמען שפּירעוו־דיקע קני. פון זיי האָט דאָס ווײַבל שוין נישט געקענט אָפּטרעטן. „אַזעל־כע ועלן דערקוויקן מײַן שמואלעקן", און זי'ט אַ צאַפּל געטאָן אין פּאַר־אומערטער פרייד, אָבער באַלד האָט איר אַרומגעריפּט אַ מטושטשע שרעק: מ'זאָל איר נאָר נישט אויסכאַפּן די ווילעקעס, חלילה אויסקאָנקורירן. שוין אַזוי פיל צײַט פאַרלוירן, כאָטש זי איז גרייט אויסצוגעבן אַזאַ ציטעריק געלט וואָס איז סכנותדיק אָנגעקומען.

טאַקע יענעם טאָג האָט דבורהקע בוימווערקן זיך אײַנגעגעבן דער קויף. שמואלעק וועט געהאָלפן ווערן. די הויך־כאַליעוודיקע וואַלענקעס האָט זי „אוועקגעכאַפּט" פּאַר אים. די פּרוי האָט דערפון געשײַנט און אײנצײַטיק געשפּירט אַזוי גלײַך פון איר וואָלט אָפּגעשוואָנקען געוואָרן אַ פּלאַסט ווייטיקן, וואָס לאַנג אָנגעוואָקסן אין געמיט. זי'ט אַפילו זיך אײַנגעשמועסט אַז זי האָט „פאַרגעסן" אינעם זייגערל צו ווערלכן זי איז געווען צוגעקניפּט ווי צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש וואָס מ'קען זיך דערפּאַר פּאַרטרויען. אין דער אמתן האָט איר יעדער קער אויף דעם געווייטיקט, כאָטש זי'ט עס נישט דערלאָזט אויף די ליפּן אַרויף: „אוי־אוי, איז דען דאָס חפץ נישט געווען אַן עדות פון געפילן וואָס האָבן דורכגעשטראָמט מײַן זינדיק האַרץ און עס אַוועקגעטראָגן צו דערהויבענע טרזימען? — — נאַ, נאַ, — האָט זי זיך תיכף אויסגעמוסרט — ווער מעג דאָס געדענקען הײַנט! ווער וויל זיך רעכענען מיטן פאַרגאַנגענעם?! שמואלעק איז איר אַלץ, אים מוז זי אָפּהיטן! ווײַל, שמואלעק וועט זיך אַציינד ראַטעווען. זי איז געוואָרן מלא פרייד מיט די שטיוול וואָס אַזעלכע האָט קיינער פון אירע משפּחה־לײַט נישט געהאָט אויף זײַנע פיס. אין בגילופנדיקייט מיטן קוים־דערוואָרטן דערגרייך האָט זי מערערע מאָל אַרײַנגערוקט אַ האַנט אין אַ ווילעקענער כאַליעווע אויף אָפּצושפּירן ווי ווײַט זיי וועלן זײַן מסוגל צו וואַרעמען דעם מאַנס אויסגע־פרוירענע פיס.

— אַזעלכע גרימעדיקע פרעסט אין סיביר! — איז איר איבערגעגאַנ־גען די ברוסט און די אויגנווינקלען האָבן געגומען גליִען אין פרײַכטקייט.

עס איז געווען אַ פריידיקער טאָג פאַר דבורהקען דער בעזשענקע, דער טאָג פון אײַנקויפן די וואַלענקעס. זי איז געווען אַזוי גליקלעך צערודערט, אַז זי'ט זיך דעם טאָג אײַנגעשפּאָרט די טרחא צוצוגרייטן זיך אַ טעפּל גע־קעכטס. ס'האָט איר נישט געהונגערט. זעט, זעט, וואָס כ'האָב געקראָגן פאַר

מײַן מאַן! אַ־אַ, ס׳גזטע וואַלענקעס? בין איך אַ מבין? ווי איך בין צופרידן וואָס כ׳האָב זיך כאָטש ניִשט גענאַרט אויף דער סחורה! — די פרוי האָט עס גערעדט צו זיך, ווײַל ס׳איז נישט געווען מיט וועמען צו טיילן זיך מיט דער פרייד. די אַליינקייט פון קאַמער האָט זיך דעמאָלט ווי צוגעבויגן צו איר, פאַרנומען די גדולה פון דער אָרעמער, פאַר וועלכער ס׳האָט באמת אויפגעלויכטן די גאַנצע וועלט. מחמת איבערגענומענקייט האָט דבורהקע טאַקע ניִשט געשפּירט ווי דער הונגער קלעמט צונויף אירע געדערעם און זיי בורטשען.

ס׳איז שוין געווען גאָר שפּעט אין אָוונט (און אפשר איז די שעה גע־ווען שוין אַ טיף־נאַכטיקע?) ווען זי האָט פלוצלינג זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין דערשרעק, גלײַך ווי זי וואָלט קוים דערלאָפן צו דער היימישער פּאָרטקע: די וואַלענקעס! בהלהדיקס איז געווען אין דעם אויפקומען פונעם דרימל וואָס ט׳זי געהאַט אײַנגעוועבט אין איר גרויסער מידקייט. דבורהקען האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי׳ט פאַרגעסן אויסצובאַהאַלטן די וואַלענקעס. באַהיט און באַשירעמט זאָל זי ווערן. זיי קענען אַוועקקומען! שפּיזיקע אויגן צ׳יען זיך צו אַזוינס. ס׳אַ מאַיאָנטעק, וואָס ס׳איז אַ מורא צו האָבן אין די אויגן פון אַזוי פיל הונגעריקע און זשעדנע! — און באַלד איז זי אין פאַר־טראָגנקייט אַרײַן אין אַ גערייד מיט שמואלעקן, אַקוראַט ער וואָלט אָט־אָ געשטאַנען איר אַנטקעגן און ליבלעך זיך צוגעהערט צו איר:

— ס׳געפעלט דיר שמואלעקשי? ווי איך בין אַ מבין אויף עפּעס רעכטס? ס׳זאָל דיר ווויל באַקומען, שמואלעקל. נאָר געזונטערהייט — —

דערנאָך האָט זי שוין אַ וואַכע געוואַרעמט אין זיך דעם געדאַנק אַז דער מאַן וועט זיך אין אמתן פרייען ווען ער וועט אַהינקריגן די וואַלענקעס. ר׳וועט ערשט קומען צו זיך, — און מגיה וביה ווידער גערעדט צו איר זיסן חלום. זי איז פון ס׳נײַ אַרײַנגעפאַלן אין געוועב פון טריבן טראַכטן וואָס האָט אַרומגעשפּינען איר גאַנץ פילן און זעען.

# 5

## וואַלענקעס

1

די אויסגעמאָרעטע, די איינזאַמע דבורהקע האָט נישט געקענט נישט קויפֿן קיין וואַלענקעס פֿאַרן מאַן. איר מאַן איז פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סי־ביר. טאַקע נישט קיין פֿאַרברעכער איר מאַן, אָבער דאָך אַ פֿאַרשיקטער. דאָרט שטייען האַרבע פֿרעסט ווי אויף צו מאַטערן די מענטשן וואָס מוזן אָפּקומען אַ שטראָף; איר שמואלעקן יאָגט מען אַרויס אויף דער בייזער קעלט. ער מוז האָרעווען און ר׳איז געבליבן באָרוועס. גוואַלד, אַזעלכע קרירות, און אַ מענטש מיט נאַקעטע פֿיס ווערט געפֿירט צו דער עקדה אויף די שפּיזיקע פֿײַערן פֿון פֿראָסט. חמרים צונויפֿגעטריבענע דאָרט, קוקט מע זיך נישט אום אויף אַ מענטש, אַפֿילו ווען ער איז איידעלער פֿון אַנדערע: אָט גייט ער, אָט פֿאַלט ער — ווען גייט אָן אַ פֿרעמדער, אַ בעזשענעץ? אַזאַ פֿאַלט נאָר אַרויס פֿונעם נעמען־צעטל און מ׳פֿאַרגעסט אים באַלד. ס׳קומט צו נאָך אַ בערגל צעגראָבענע ערד וואָס ווערט גיך אָפּגעמעקט פֿו־נעם אומאויפֿהערלעכן שניי־שיט און אַ פֿאַרשאָטנס בלײַבט עס ערגעץ גלי־ווערן, דערנאָך אויסגעגליכן מיט דעם פֿליין אָדער טאָל. ס׳אַ נפֿקא מינה? עס פֿעלן דען מענטשן אין רוסלאַנד? פֿאַרקערט, צו פֿיל עסערס אין דעם לאַנד. עס קלעקט נישט פֿאַר אַלעמען קיין ברויט, נישטאָ פֿאַר זיי קיין שיך, קיין הויזן. און קומט אַזאַ סומאַכאָטע ווי אַצינד, איז שוין גאָר נישטאָ. טאָ ווער זאָל זיך אויסשוואַכן דעם קאָפּ פֿאַר איר מאַן, אויב נישט זי! איר שמו־אלעק איז אונטער דער געביילטער פֿויסט פֿון אַן עלטסטן און זי —אוי וויי — איז דאָך אויף דער פֿרײַ.

פֿאַר לאַנגע וואָכן האָט איר געטאָטשעט דער איינציקער געדאַנק, ווי אַזוי זי וועט צוקומען צו אַ פּאָר וואַלענקעס פֿאַר שמואלעקן. אַזוי אָרעם ווי זי איז, מוזן אירע כוחות לאַנגען צו אַזאַ זאַך. מיטן קאָפּ וועט זי פֿאַרלייגן

און איר מאַן נישט לאָזן אין סיביר אַרומגיין באָרוועס. נישט נאָר אַ ווײַב, אַ מאַמע מוז זי אים זײַן אין אַזאַ נויט!

„אויסגעשטעלט אויף הפקר דער מענטש אין דער הפקרער צײַט, — האָט דאָס ווײַבל זיך געגריזשעט.— געווען אַ גרויסע חכמה דאָס אַרויסראַטעווען זיך אַהער!"

אַ ביטערער געראַנגל איז עס געווען. די פרוי האָט געמוזט בײַקומען אין זיך סײַ דאָס קווענקלעניש, וואָס האָט זי געשטויסן אַהין־אַהער, סײַ זי האָט ווידער געמוזט זיך אײַנהערן צו די מאָנענדיקע קולות פון די אייגענע וואָס פלעגן איר תמיד אָנזאָגן: „אַ פרוי איז אויף אייביק געשטעלט געוואָרן פאַרן שווערסטן נסיון, ווײַל זי איז געבוירן צו ווערן אי אַ ווײַב אי אַ מאַמע. קודם — צו ווײַנען מיט אַ מאַן איז ווי צו קענען די תורה כולה — — פאַרן מאַן דאַרף דאָס ווײַב זיך אײַנשטעלן. דבורה, האָט זי זיך אַליין באַלערנט: אַצינד זענען וואַלענקעס דער צייכן פון דײַן געטרײַשאַפט צום מאַן".

אַלע אירע טעג און נעכט זענען געוואָרן פול מיט דער דאגה: פון וואַנען נעמט מען וואַלענקעס פאַר שמואלעקן? די פרוי האָט פאַרגעסן אין איר באַשיידענעם ברויט אָן וואָס אַ מענטש קען נישט אויסקומען. אַוועקגעפאַלן אויפן בידנעם געלעגער, האָט זיך איר קיין אויג נישט פאַרמאַכט: שמואלעק איז באָרוועס! גאָט דער דערבאַרעמדיקער ווייסט, ווי ער זעט אויס, צי ער האָט כאָטש צו עסן צו דער זעט!

וואַלענקעס, —האָט אין דבורהן זיך געדרייט אַ געדאַנק און זי'ט זיך באַלד געטרייסט.— זענען טאַקע אַ פּראָסטע זאַך; וואַלענקעס זענען פרעמד דער השגה פונעם נישט היגן, אָבער ס'איז ניט קיין אויסטערלישס אין דעם, אויב מ'טוט אָן אַ פּאָר וואַלענקעס, ס'אַזוינע מיני שטיוול! דער מענטש בלײַבט תמיד אַ מענטש. איר געפיל —האָט דבורהקע געצויגן דעם פאָדעם פון איר טראַכטן— איז נײַערט ס'געפיל וואָס קומט נאָך פון יענער ווײַט ווו טאַטע־מאַמע האָבן גענומען אויף זיך צו היטן די ליבע אָרעמקייט פון אַלע זייערע יאָרן. די היים טשאַדעט זיך נעבעך ווי אַ האָלעוועשקע. אוי, וואָס מ'הערט זיך אָן! און אַז ס'האַרץ טריפט, הייבט זיך אויף אין איר אַ ווינט פון דערמאָנונגען וואָס גליִען ווי פונקען. דער טאַטע, אין ליכטיקן גן עדן זאָל ער רוען, האָט אַמאָל דערציילט פון אַ ווײַטן לאַנד ווו ס'פּוילן אייביקע שנייען, ס'ברענען קנאַקעדיקע פרעסט, בערנפעלן און פעלצענע שטיוול זענען דאָס קלייד פון די מענטשן וואָס סוף כל סוף פ אַ ר ע נ ־ ד י ק ן ז יי מיט זיך אַליין דווקא אין שטאַרן דרויסן. כאָטש געהאַר־

טעוועט ווי שטיין ווערן אויך פּאַר די עסקימאָסן גמאס די אַנאַויפהעריקע פרעסט. דער שנייִיקער אין־סוף שליכט דאָרט איבער טיפע קנוילן גפּל־גראָ. עס ווערט פריקרע דער שניי וואָס מאַכט בלינד, ס׳דערעסן די מוראס, וואַרפן די פעלמענטשן אַראָפּ פון זיך דאָס בערנקלייד און נאַקעטערהייט וואַרפן זיי זיך אין זייער קבר פון שניי, אַזוי. אָ, דאָ איז מען הימלוויַט פון ד אָ ר ט , —װענדט אָפּ די פרוי פון זיך דאָס שווערמוטיקע טראַכטן— פון דעסטוועגן מוז מען אַפילו דאָ האָבן וואַלענקעס. ס׳זענען ניט קיין העפטיקע פרעסט הי, אָבער עס מאַטערן די בײַסנדיקע ווינטן, די נאַסע לופט. שניי־געפליטער פאַרטונקלט אָפּט די קראַנקע זוניקייט וואָס קלעטערט איבער די קרומע דעכער, זעצט זיך אויף מידעביימערקעפּ; עס צעשווימט די זון, וואָס ציט זיך איבערן קאָפּ ווי וואָלקן־טראַנטעס. דער ווינטער שפּרייט אַ פײַכטקייט וואָס שפּאַנט פון טומאַנעם מידבר, פון דער נעציקייט ווערט בײַסיקער פראָסט. די פיס פרירן, דער אָטעם ווערט פּאַרע־ווײַס און לײַט קריכן אַרײַן אין ווויליקעס. מענער, ווײַבער, אויך קינדער באַוועגן זיך אין די ברייטע כאָליעוועס פון פעסטן ווילעק. אַבי ס׳זענען נאָר פאַראַן וווילי־קעס. ערשט ווי איז עס אין סיביר? ס׳איז נישט נאָר אַ גרויל־מעשה דאָס סיביר, נאָר אַ טויט־קראַמף. שמואלעק ווערט געמאַטערט, שמואלעק פרירט שרעקלעך, אַנישט וואָלט זיך פון אים נישט אַרויסגעריסן אַזאַ געשריי — „דבורהשי, ראַטעווע!״

אויב נישט די ווילדע סכנה, וואָלט איר מאַן זיך געשעמט צו שרײַבן אַזוינס. טאָקע נישט אַזוי האָט זיך געזאָגט אין שמואלקעס בריוול. זי האָט אָבער דײַטלעך אַרויסגעהערט פון אים אַ יאָמער־רוף: „אַ פּאָר וואַלענקעס, דבורהשי! איך בין געבליבן שפּילטער־באָרוועס, דבורהקע!״ מאַנצבילשע טרערן האָט זי געהערט.

— אָך איז מיר, —האָט די פרוי פאַרבראָכן די הענט. אין איר בליק האָט געקווילט געוויין:— ווי אַ קאָן אויפן וואַסער ביג׳עך אויפן באַראָט פון פּינצטערן גורל. וואָס פאַר אַ עצה טוט מע זיך אַצינד?

טרויער האָט פון איר אַרויסגעזונגען.

2

געקויפט די וואַלענקעס אויף דער באַראַכאָלקע, האָט דאָס ווײַבל גע־קראָגן אַ נײַעם אימפּעט אין אירע הענט אַרײַן, אין די פיס אַרײַן. האַסטי־קער איז זי געוווען אָנגעבויגן איבער דער מאַשין אין פאַבריק, אײַליקער

אירע באַוועגונגען בײַ דער אַרבעט. ס׳האָט זיך געקענט אויסדאַכטן אַז מיט דער גיכקייט האָט זי באַגערט פאַרהוילן איר פרישע דאגה, ווי אַזוי זי זאָל די וווילעקענע שטיוול אַהינקריגן צום מאַן. די דאָזיקע דאגה האָט צעטראָגן דבורהקעס מוח. זי׳ט געקלערט וואָס צו טאָן כדי נישט צו דערבייזערן דעם דירעקטאָר מיכאַילאָוו מיט אַ נײַער בעטעניש ווידער זי אָפּצולאָזן פון פאַבריק: זי מוז דאָך גיין אויף פּאָטשט, ערשט צוצוגרייטן די פּאָסילקע פאַרן מאַן. דער דירעקטאָר ווייסט יאַקאָש שוין אַז זי איז איינע אַליין. ס׳נישטאָ ווער ס׳זאָל איר אַרויסהעלפן מיט אַ גאַנג. דבורהקע איז געזעסן בײַ דער מאַשין מיט אַזאַ אַרײַנגעטוענקייט אַז זי האָט נישט באַנומען, זי אײַלט זיך, גיט מער צו פרעסן דעם אײַזערנעם וישט. די מאַשין איז אַ זשעדנע חיה וואָס איז מסוגל אַפילו זי, דעם מענטש, אין גאַנצן אײַנצושלינגען. אָבער זי׳ט דערפון נישט געקלערט. סתם זיך געאײַלט. אָן צו וויסן וואָס זי טוט האָט זי אפשר געוואָלט באַרעכטיקן איר נײַע בקשה: „טאָוואַרישטש דירעקטאָר, שוין געקויפט וואַלענקעס פאַרן מאַן. איר ווייסט, ער איז אין סיביר, אין אַ באַטאַליאָן וווהין מ׳מוז שיקן שטיוול פון דער היים — — חבר מיכאַילאָוו, כ׳מוז אַוועקשיקן די וואַלענקעס. נאָך איין מאָל האָט אײַנזעעניש, טאָוואַ״ — — פון ס׳נײַ נישט געקענט אײַנרוען ביז זי האָט צונויפגעשטעלט די פּאָסילקע, אײַנגענייט די וווילעקענע שטיוול אין אַ לײַוונט, מיט געהיטקייט, מיט קײַלעכיקע דײַטלעכע בוכשטאַבן אָנגעשריבן אויף דער לײַוונט דעם סיבירער אַדרעס און געהאַלטן ס׳פּעקל גרייט אַוועקצוטראָגן אויף דער פּאָסט.

ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי: געווען גרייט. די פרוי האָט געגליט אינעם זשאַר פון טראַכטן וועגן דער פּאָסילקע. די טעג פון וואַרטן זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן פון האַרצקלאַפּעניש: וועט מען איר דערלויבן צו גיין אויף פּאָסט? ווען וועט זי זיך שוין קענען אָפּרײַסן דערצו? אוי, שמואלעק. ער קוקט אַזוי אויס דערויף! דו ווייסט, איך וועל דיך נישט לאָזן פרירן. ער קען זײַן רויִק — זי וועט טאָן כל התפעלות אים נישט צו לאָזן לײַדן.

דער שאַרבן האָט זיך איר אויפגעהויבן אויף די פליגל פון משוגענעם איבערקלערן.

אָבער איינס איז דבורהקעס געטרײַשאַפט און עפּעס אַנדערש איז איר שווערער צער, למאי זי האָט געבונדענע הענט. דבורהקע בוימוועָרק איז אַ קנעכט אין דער נײַ־פאַבריק נומער צוויי; זי קען זיך נישט דערלויבן אַוועקצוגיין אויף דער פּאָסט מיט די וווילעקעס. די אַרבעט האָט זי צוגע־

קניפּט און די שטרענגקייט פונעם געזעץ נאָגלט אין איר אַרײַן דעם פּחד פאַר נײַע צרות, וואָס קוקן דאָ אַרויס פון אַלע ווינקלען און פון אַלע שטומע אויגן. דבורה בוימוועדק איז נישט מער די דבורהקע פון אַנומלט — רייזלס געצערטלטע טאָכטער און שמואלעקס דבורהשי. איינע פון אַ סך איז זי אַצינד, אַלע מוזן שטיין באַפעל־גרייט, ווי אין קאַזאַרמע. מ׳איז אונטערגעוואָרפן דעם מאָטאָר וואָס טרײַבט אַלע מאַשינען פאַר אַ מאָל: דער מענטש איז פונקט ווי די מאַשין, ניין, ער איז וועלוועלער פון דער מאַשין. דאָ זעט מע נישט קיין איינצלנע מאַשין; דער טיפער חלל ווערט אַרומגעכאַפּט פון אומגעהייערן אימפּעט וואָס פלאַמט אין גאַנג פון אַלע לויפנדיקע, צוקנדיקע מאַשינען. ס׳פלאַמען, ס׳ציטערן די פּרויען פון דער ווערקשטעל. אַלעמענס קעפּ בייגן זיך אָן מיט אַ מאָל, זיי פאַלן צו צו די מאַשינען וואָס שלינגען די שטיקער געוואַנט, פאַרצוקן און וואַרגן זיך נישט מיט די גראָבע פאָלעס, פלייצעס, אַרבל, קראַגנס. די טראַנסמיסיע טרײַבט דעם הונגער פון שטאָלענעם אינגעווייד און די מאַשינענע מײַלער שלינגען און זיי קרעכצן זיך נישט. אַך, וויפל מאָל פאָרט אַרײַן די משוגענע נאָדל אין אַ פינגער, בלוט גיט אַ פלייץ רויט־רויט און הייס, אָבער אין די אויגן שטעלט זיך אַ שוואַרצקייט, דער שאַרבן נעמט פלאַקערן!

דבורהקע האָט נאָך אַ מאָל געמוזט אָנקומען צום דירעקטאָר: „כ׳האָב גרייט די פאָסילקע פאַר מײַן מאַן. איך בעט מיך באַפרײַען צו גיין אויף פּאָטשט״. מיכאילאָוו האָט באַוויליקט זײַן חסד פאַרן ווײַב פונעם מאָביליזירטן אין דער סיבירער איינהײַט און דער בײַטאָגיקער דרויסן האָט דבורהקען ערשט אויפגעריסן די אויגן: אַאַאַ! שטוינענדיק איז די וואָר, אויב מ׳האַלט זי נישט אין פענטעס. שניי־ליכטיקייט און לופט־גלעטן זעגלען אין אָנענד וואָס צווישן דעם ברייט־געוועלבטן הימל. אירע טריט הילכן הויך, מיט אַ הייטערקייט. מיט גיר האָט די פרוי אַנטפּלעקט אַ פלוצלינגע נײַקייט אין אַלטע גאַסן, אומגערן זיך אײַנגעגעסן אין מענטשישע פּנימער און דאָס האַרץ — אַ דערוועקטס — האָט זיך געשפּירט ווי אַ פויגל אויפן שוועל פון דער נעסט: אָט גיט ער זיך אַ הייב אין דערשרעק. אין אומגעריכטע טרערן האָט איר צוגעלויכטן די מטושטש קלינגענדיקע אויפשריפט פון דער פּאָסילקע, וואָס האָט אין מיטן גאַנג געבליקט צו איר מיט די בליקן פון אַ קראַנק קינד: „וואָינסקאַיאַ טשאַסט 1091, נאָוואָסיבירסק״.

די שפּירונג פון אינעווייניקדיקער אויסגעליידיקטקייט האָט אָבער גיך זיך צוריקגעקערט, מחמת ס׳איז גאָר אַ שווערע דערגרייכונג דאָס וואָס האָט

דערפירט צום וועג וואָס זי לייגט ערשט אָן. אַלץ קומט איר אָן מיט די גרינע ווערעם, — האָט עס אַ קלאָג געטאָן פון איר מתוך אַ שעמעוודיקער טרייסט. אָבער געלויבט איז גאָט. אַצינד טראָגט זי שוין אַוועק די וואַלענקעס פאַרן מאַן. ווער וועט זײַן גלײַך צו איר, ווען זי׳ט עס שוין האָבן איבערגעקומען? מניה וביה האָט זי טאַקע זיך געוואַקלט אין אַן אויסגעצויגענער ריי. פאַר איר און הינטער איר אַ לאַנגע, געבויגענע אָטשערעד פון ווײַבער מיט געגאַרבטע פּנימער, אומעט־פלעמלעך אין די אויגן, אויך מיט ענערגישע שטערנס. פון אַלע טומלט זיך אָבער אויס דער זעלביקער אומרו: דערלאַנגען מיטן פּעקל נעענטער צום פּאָטשטער, דערשפּירן אין אים דעם אָטעם פון דער מטושטשער ווײַט: דער ליבינקער טראַכט געוויס פון דער היים, ער בענקט — — סכנות פלאַקערן אַרום די שינעלנע, בליצט עס אויף טרעריק בײַ אַן אַנדערער — די מיט די ביקסן אין האַנט און די וואָס בײַ די האַרמאַטן און אויף טאַנקען זעען דעם טויט פאַר זיך. אוך, ווי דער לײַבלעכער הענגט איבערן צישנדיקן, אויפרײַסנדיקן פײַער! — — יאָ, ס׳איז אַ פּאָסילקע פאַר מײַן מאַן, פאַרן זון, פאַרן חתן. טרערן, טרערן און אַ שלוכץ פון אַ צוהערנדיקער קרייט אויף פון אַ פאַרשפּאַרטער קעל. אַ גאַנץ פּרויען־פּאָלק איז זיך צונויפגעקומען אויף אַ שמאָלינקער סטעזשקע און אַלע זענען אין דער זעלביקער פּלאָנטערניש — ווי עס איז אויפצוהאַלטן די צאַנקנדיקע האָפענונג. באָזשע טי מאָי, עס זאָל כאָטש אים דערגרייכן אַ לעבעדיקן! געטלעכער פּרעפּל טליִעט אויף מענטשישע לעפּצן.

טרויער און באַדויער האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט די בליקן און אין די רייד פון די, וואָס זענען געקומען מיט די פּעקלעך פאַר דער סכנהדיקער פרעמד. דערלאַנגט די פּאָסילקע, איז פאַר איטלעכער געוואָרן אַ דערלײַכטערונג פאַרן געמיט. בײַ דער ברענגערקע האָבן זיך צעבלישטשעט די אויגן צו גלײַך מיטן שלאָג פון אַ נײַעם באַך טרערן: „ס׳זאָל נאָר אים טרעפן אויפן אָרט. באַדאַי אַ קאַליקע, אַבי ר׳זאָל צוריקקומען!"

*

פון דאָרא בוימוּוערק האָט מען אויף דער פּאָסט נישט צוגענומען די פּאָסילקע.

— נישט פאַר אַזוינס זענען איצטער די פּאָיעזדן. וויכטיקערע ראַיִדן מוזן דורכמאַכן די רוסישע באַנען. צו די פראָנטן, ווײַבל, מוזן זיי זיך אײַלן. טעג און נעכט קרענקט דאָס פּאָטערלאַנד אויף דעם אַ געדאַנק: העלפן דער

אַרמיי. גאָר וואַזשנע עלעמענטן האָט מע צו שיקן און נישט קיין זעקלעך וויַבערישע צעקראָכנקייט, פאַר־שטאַאַאַ־נעעען?

דער פּאָטשטער האָט זיך צעוואַרעמט אין זיַין רעדן. די אויגן האָבן אים אַ שפּיל געטאָן אין אַ פרומלעכן ערנסט און זיַין האָריק מויל איז — גליַיך איר אין פּנים אַריַין — אַוועק אויף שרויפן:

— שווערע טעג געקומען. פרויען דער קאָפּ ווערט גראָ און די געדערעם פרעסט אַ גרימעניש; גורלדיק איז איצט דאָס געשלעג מיט די בעסטיעס. זיי ריַיסן פון אונדז שטיקער. ווייסט איר, ווי ס׳זעען אויס די אונדזעריקע אין די פאַרכאַפּטע געגנטן? אָט וואָס מ׳טאָר נישט פאַרגעסן און ווינציקער קוקן אויף די זשוליקעס וואָס שטויסן זיך אין די אָטשערעדן. פאַר זיי וועט נאָך קומען אַ חשבון. מאַראָדערן שטעקן אַרויס די נעזער!

דער פּאָטשטער האָט גערעדט מיט אויפגעבלאָזענער געהויבנקייט. דאָ איז ער באַלעבאָס! געזעען פאַר זיך צוויגנדיקע פּנימער, גיריק הערנדיקע, האָט ער געהאַט הנאה פון אייגענעם רעדן. אָנגעשפּאַרט זיך אויף די ע״נ־בויגנס האָט ער זיך געווישט דעם שטערן מיט גוואַלדיקער מיושבדיקייט: — מ׳באַדאַרף שטאַרק געדענקען, האָט ער געזאָגט, אַז מ׳לעבט ניט ווינקלדיק. אַלע זענען מיר אָנגעוויזן אויפן גאַנציטשקן פאָלק, און פאָלק איז זיך נישט אַזאַ גלאַטענק זאַכל וואָס לאָזט זיך וואַרעמען אין עמעצנס פאַזעכע. שוין גע־ווען אַזעלכע העלדן וואָס זענען אָנגעלאָפן פון דער פרעמד. ביַי זיי זענען אויף פּיצפּיצלעך צעשפּרונגען געוואָרן די שאַרבנס אָן דער איַיזערנער מויער פון פּאָטערלאַנד. ערשט מוזן מיר זיך פון ס׳ניַי שלאָגן מיט אַזוינע!

דבורהקע איז געשטאַנען אַ צעחושטע: וואָס מיינט דער דאָזיקער? מיר זענען ווינציק געשלאָגן? קיין גאַנץ אבר איז ביַי אונדז נישט געבליבן. צע־בלוטיקט ווערט אַפילו די נשמה פון אַן אייגענעם זעלנער, צעבלוטיקט פון קלאָמפּערשט היימישע, אויב ער איז נאָר אַ ייִד. סטיַיטש, —רעגט זיך איר האַרץ:— איר מאַן איז מאָביליזירט, אַ סאָלדאַט, און זי גופא ליַידט באַגליַיך מיט אַלעמען, פאַר וואָס זאָל מע זיי קריוודען! זי באַקלאָגט זיך נישט, אָבער אַז אַ מאַנצביל ווייַנט אויף פיַינען וואָס דאָקוטשען אים טאָגטעגלעך, איז שוין אַן אַנדער שמועס. ס׳איז וואָרהאַפּטיק מיַין מאַנס קרעכץ, ווי ס׳איז פּחדימדיק דאָס בלוט וואָס גיסט זיך אַצינד איבער דער וועלט. פאַר וואָס זאָל מען ייִדן טרענען די אָדערן אומיסטן! רוס, דיר טוט וויי דער קלאַפּ, וואָס פאַלט איבער דיַין רוקן? אוי, ווען דו וואָלסט געקענט אַריַינקוקן אין מיַין האַרץ. עס איז פאַרסמט פון צרות.

ניין, אין זיך האָט זי געדריקט דאָס געשריי פון ווייטיק.

דער אמת: דעם ווײַבל זענען געוועזן לעסטיק די רייד וואָס זענען געזאָגט געוואָרן מכלומרשט איר. זי׳ט בפירוש געזען: דער פּאָטשטער קוקט בסדר אויף איר וואָס רירט זיך נישט אַוועק מיטן פּעקל. זי׳ט נאָך פּרווון. אפשר וועט ער דאָך צונעמען דאָס פּעקל?

— ס׳איז נישט מער ווי אַ פּאָר וואַלענקעס, הילף פּאַר אַ סאָלדאַט, —האָט זי קוים אַרויסבאַקומען פון זיך און טרערן האָבן פאַרגלושעט איר קול. — אַ סאָוועטישן סאָלדאַט וועט איר נישט העלפן, נישט לאָזן קומען אים צו הילף? —

אָבער דער פּאָטשטער האָט זי אָנגעשריגן:

— שטער נישט, בירגערן! פּלוידערט! זוך זיך אַ ניצלעכע אַרבעט!

באותו הרגע האָט זי דערשפּירט ווי רינצלען צעשטעכן איר הויט.

— סיביר איז טאַקע אַ פּראָנט, —האָט מען איר שוין זײַטיק מסביר געווען.— די זעלנער וואָס אין סאַמע פײַער זענען אָבער בילכער. ניטשעוואָ, ער׳ט זיך לערנען באַגיין, דער סאָלדאַט פון סיבירער באַטאַליאָן. גיי מיט גליק, דײַנער וועט דערוווײַל אויסקומען מיט אייגענער פאַנטאַזיע. בישקשה, ר׳שטייט נישט אויג אויף אויג מיט דער פאַשיסטישער שלאַנג. קאַלט? אין שנייִקן פעלד געפינט שוין דער פוקס זײַן וואַרעמקייט. נו, פאַרנעם זיך. „ווער קומט דער ווײַטערדיקער?” — האָט דער פּאָטשטער פון ס׳נײַ זיך געשטעלט אַקעגן איר און העכער אויפגעהויבן דאָס קול צו דער צונויפגעדרענגטער מאַסע.

— אָט איך, לאָזט אַדורך! — האָט עמעץ זיך דורכגעריסן מיט אַ פאַרויסגעשטרעקטן זעקל.

— עס זיך נישט ס׳האַרץ, ליבינקע, —האָט צו דבורהקען זיך צוגערוקט אַ רויט־פּנימדיקע באָבע מיט שווערע קאַרבן פון אַ מידן, שלאַבעריקן גוידער.— גיי אַהיים. מ׳דאַרף נישט צופיל זיך איבערנעמען. אַזויערנאָך פּטרט מע זיך. איך, זעסטו, האָב שוין נישט צו מאַכן קיין פּאָסילקעס. רק ס׳בערגל אויפן צווינטער ציט. פון נאָגנדיקן לאַנגווײַל גיי איך, קום דאָ אַ קוק טאָן ווי דער באַראָד באַמיט זיך פאַר די זשיפּנדיקע מאַנסלײַט אין די ווײַטענישן. ס׳איז טרויעריק דעם ווײַבספאַרשוין, אויב זי האָט נישט מער פאַר וועמען זיך צו דאגהן. דו מעגסט זיך פרייען. דײַנער וועט זיך צוריקקערן. קוועלעניש? אויף דערויף ווערט דאָך דער מענטש געבוירן. נאָר נישט קלאָגן. מײַן אַלטן, זעסטו, האָט דווקא אין דער היים אַוועקגעלייגט דער

טיפוס, נישט באַוויזן לאַנג צו קרענקען און די דרײַ זין האָבן אונטערגעקאָסיעט די גערמאַנצעס. די בייזע בשורות זענען דערגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער. דער טײַוול באַפאַלט די בעסטע. דער שוואַרצער סוף קומט גיכער ווי די ברכה פון הימלישן פאָטער. נו, יאָמערן העלפט סײַ ווי נישט. און דו ביסט נאָך אַ יונגע. באַדאַרפסט נאָך היטן ס׳פּנים, אויב נישט פאַרן אייגענעם מאַן, איז פאַר אַן אַנדערן, דאָס לעבן איז שטאַרק. די מילחמה איז אַ טרויעריקע שקאָלע. מירן זיך נאָך אָנעסן מיט געַנוג טויטן; מיר וועלן האָבן די נויט איבערן האַלדז אַריבער, וועט מען אפשר קליגער ווערן מ אָ ר ג ן. שוואַך אויפן מוח דער נאַראָד, —גיבן זיך אַ דריי אירע אויגן— און דו ווערסט זיך נישט צערײַסן. אַקוראַט שטייט דער ווינטער און ער שלעפט זיך. זומער איז היימלעכער; בײַנאַנד מיט דער זון גייסטו אַרויס אין פעלד און עס ווערט גרינג אויף דער נשמה, די פיס זענען אַזוי לופטיק. הער, ווײַבל, דאַרפסט זיך האַלטן, אויב האָסט נאָך בײַ וואָס, ווייַן ווינציקער. גלייב, איך בין אַ געפּרוווטע. מעגסט האָרכן וואָס ס׳זאָגט דיר אַן עלטערע.

מיט אַ דריקונג אונטערן לעפעלע האָט דבורהקע פאַרנומען די עצה־טובה פון דער אומבאַקאַנטער און אויף אונטערגעהאַקטע פיס זיך געטראָגן אַהיים מיט דער פאָסילקע.

אַצינד איז זי שוין נישט אַליין געווען אין איר אומעטיקן ווינקל — דבורה בוימווערק האָט ערשט געהויזט בײַנאַנד מיטן מאַנס וואַלענקעס. זי׳ט געפילט זייער בײַזײַן. אָפּט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן שלאָף כדי זיך צוצוקוקן ווער עס האָט אָקערשט גערעדט צו איר. צו מאָל האָט איר זיך אויסגעוויזן אַז די וואַלענקעס אָטעמען באַגלײַך מיט איר, אויך זיי זענען מיד. און ערשט האָט זי צובאַקומען נאָך אַ נײַעם עול: וואָס טוט מען מיט די וואַלענקעס! מעג איך לאָזן אין דער היים די וואַלענקעס, דעם גאַנצן מאַיאָנטעק מײַנעם?

3

און די פרוי האָט אַ סך אַרײַנגעקלערט אין דעם טראַף מיט די וואַלענקעס, וואָס זי׳ט געקויפט פאַרן מאַן. אַזוי פיל זיך אָנגעליטן ביז זיך דערשלאָגן דערצו, ערשט מוז זי זיך פּײַניקן מיט זיי. עס איז אַ שלעכטער סימן! און אפשר איז׳ס שוין די גאָרע ירושה וואָס איר איז באַשערט צו האָבן פון דעם מאַן! ווײַ צו מיר. סיביר איז אַ גיהנום. פאַראומגליקטע פון גורל ווערן דאָרט פאַרפאַלן און ווײַבער און געליבטע האָבן צו קלאָגן אַלע

זייערע לעבנסטעג. דער מאַן רופֿט צו איר איבער ס׳פעלד, שמואל גייט אויס, די וואַלענקעס זענען איר אָנגעקומען מיט בויטשווייס און ער קען זיי נישט אַהינקריגן. אַצינד מוז זי זיך שטיקן מיט זיי. ווער קען באַנעמען אַזויגס? נעבעך, נעבעך, דבורה! —האָט דער פרוי פּלוצלינג געדריקט אַ ספּאַזם— דעם מענטשנס מזל איז צו מאָל אַ שטראָף וואָס גיט זיך איבער פון מאַמע צו קינד. מי־יודע ס׳אַר אַ שווערער וואָלקן עס רוקט זיך נאָך אָן אויף איר! איז דאָך איר טאַטע אויך אַנטקומען אין דער מלחמה־זאַווערוכע. גערופן געוואָרן צו דער ביקס און ס׳איז אויסגערונען פון אים יעדער סימן. נישט קיין בריוו, נישט קיין גלימל פון די צעראָיעטע ווײַטן. לאַנגע יאָרן זענען אַוועק אָן אַ גרוס פון וועמען־ס׳איז אַז ס׳געווען אַזאַ מאַן וואָס מ׳האָט מיט אים דורכגעמאַכט מלחמה־מאַרשן. קיינער האָט נישט דערציילט אַז גראָד ע ר האָט זיך באַגעגנט מיט יעקבקע לייבוואָל אין די שלאַכטן, געזעען ווי אַ פּוליע האָט דורכגעשניטן זײַן שיידל. גאָט ווייס, אפשר איז ער געבליבן אַ קריפּל און אַ בעל־מום שלעפּט ער זיך אַרום, שעמט זיך צו ווײַזן אַהיים? די וועגן פון אומגליק זענען שרעקלעך. ס׳שוין געשען אַזויגס, מ׳זאָל באַהיט ווערן, —האָט אָפּגעזיפצט דער שטעטלשער רב. און אפשר האָט ער פאַרגעסן, דער יעקבקע, אַז ר׳האָט אַ משפּחה—? או לעיניים וואָס לײַטן איז שוין צעהאַנדן געקומען! כלערליי ספקות האָבן אַרויסגעבראַכט די אָפּגעהיטע אין די חוקים פון יִדישקייט. טרויעריקע יאָרן האָבן זיך דערווײַל געשטאַפּלט און איר מאַמען אָנגעפּינצטערט דאָס האַרץ סײַ מיט עגונהשאַפט, סײַ מיט אלמנהשאַפט. אַרום איז שוין משטיינס געזאָגט געווען רויק, אָבער דבורהס מאַמע איז געבליבן אַ קנופּ וויטיקן. געקוקט אויף די קינדער, איז איר געדונען געוואָרן ס׳בלוט; וואָס ווייס אַ קינד? געווען פּיצלעך בײַ זײַן אַוועקגיין — קענען זיי געדענקען אַזוי פיל, שפּירן צוגעבונדנקייט צום טאַטן וואָס האָט ניט באַוויזן זיי צו זײַן אַ טאַטע! דערהערט זיי לאַכן, האָבן יסורים געשניטן דער מאַמעס זכרון וואָס איז שטענדיק געווען וואַך. אַ פאַרחושכטע איז זי יונגערהייט געוואָרן די סיבה פון זויערן רחמנות מצד לײַט וואָס האָבן אַליין נישט געהאַט אין ערגעץ קיין אָנהאַלט. סאַמע קבצנים־דלפנים געווען צונויפגעדרענגט אַרום איר און ס׳קרעכצן־זיפצן אירס ווי זייערס איז געווען דער איינציקער צייכן פון גוט־שכנישער באַהאָפטנקייט.

אין זיך אַרײַן האָט דבורהקעס מאַמע אַלע יאָרן זיך אָפּגעסמט מיט די פאַרטומלענדיקע שמועות וועגן איר יעקבקע; מ׳האָט געהערט אויף פּעוונע

אַז ער איז געפאַלן אין שלאַכט. ס׳האָט אַפילו צום רב דערגרייכט אַ תשובה פון מרא דאתרא אין איוואַנסק: „כ׳האָב נאָכגעפרעגט, מ׳האָט מיר געענט־פערט, אָבער קיין סימנים האָט דער בר נש נישט אָנגעגעבן. צו מאָל נישט דעם חודש פון דעם געשעען. ר׳דערמאָנט זיך נאָר דעם נאָמען און צונאָמען: יעקבקע לייבוואָל. קען מע געטרוי׳ען אַזאַ גבית עדות, אויב ער איז נישט געווען ביי דער קבורה ר״ל? און אויפן אָרט פונעם קבר, ווו ס׳געפינט זיך, האָב איך נאָכגעפרעגט, אָבער פון אין ערגעץ קיין זיכערע ענטפערס״. מחמת דעם אַ ספק האָט דער איוואַנסקער רב געלאָזן דבורהס מאַמע אויך אַ ספק־עגונה. ווי, ווי. ווי די מאַמע האָט אָפּגעשוואַרצט איר יונג לעבן!

דבורהקע האָט אַריינגעקלאָגט אין זיך:

ווי מיין מאַמע איז אויסגעגאַנגען! שוין ביים לעבן איז איר הויז געווען אַ גרוב און די קינדער זענען ווי שטויב צעשפּרייט געוואָרן איבער די שליאַכן פון לאַנד. זי איז פאַרמישפּט געוואָרן אויף תמידן עלנט. אויך אין לעצטן וועג האָט איר באַגלייט אַ פרעמדער קרעכץ, נישט די טרער פון אַ ליבבלעכן. געבליבן אַליין, מוראדיק אַליין! ס׳איז ברענענדיק דער עלנט וואָס שלאָגט אונדזער געביר. ווער ווייס, צי אָצינד חתמעט זיך נישט פאַר מיר דער זעלבער גורל, אוי, אוי!

מיט האַרטע נעגל האָט אין דבורהן זיך אַריינגעגראָבן דער צער פון איר פאַרוואָרפנקייט צופוסנס דער פרעמדער שטאָט. שטענדיק, ווען זי קערט זיך אום פון פאַבריק, פאַרבאַרגט זי זיך פון אַ מענטשיש פנים. זאָל זי נישט דאַרפן עמעצן עפּעס ענטפערן, זאָל מען זי גאָר נישט פרעגן. זי׳ט זיך געלערנט די דיסציפּלין פון איינזאַמקייט אין אַ פרעמדער וועלט. ס׳איז דערגאַנגען דערצו אַז איר האָט טרויעריק הנאה געטאָן די אָפּגעזונדערט־קייט פון אַלעמען, אָבער איטלעך מאָל פלעגט אויף איר אומגעריכט אָנגיין אַ נייער פליוך טרערן. דעמאָלט האָט די פרוי שוין ווידערגעשפּעניקט קעגן דער אייגענער מערכה: „הלוואי וואָלט זי אומגעקומען פון פייער וואָס האָט אַרומגעכאַפּט איר אייגענע היים. דאָ האָט זי נישט קיינעם און נישט זי איז נייטיק וועמענען. ריכטיק, איר שמואלן איז ערגער. שמואלעק איז אַ שפּאָן אין שטורמישן ים. שריי, דבורה, גוואַלדעווע, אומגליקלעכער שמואל, אַז דו טרענקסט זיך — — אָבער עס ענטפערן נאָר די צעוואָיעטע כוואַ־ליעס״.

בייזע הוריות האָבן זיך געוואָרפן אויף דבורהקען און זי׳ט זיי גע־טריבן — טאָקע מחמת שרעק פאַר דעם וואָס ס׳קען חס ושלום טרעפן מיט

שמואלעקן, אים יאָגט מען, ער מוז גיין אין יענעמס טראָט; זי איז כאָטש איינע אין איר אַליינקייט, זי קען ווינציקע פון הי און זי מוז זיי נישט קענען. אדרבא, צו איר קלעפּט מען. זי האָט דען ס׳געמיט פאַר שמועסן - פּלוידערן, ווי לײַט זענען להוט? טייל פרעגן אַפילו אויף איר בלאַסקייט — איז זי נישט קראַנק? מ׳וויס שוין אַז איר מאַן איז מאָביליזירט. כאָטש זי׳ט נישט גערעדט דערפון, ווייסן די מענטשן פון איר פאַרלאָזנקייט, זיי זוכן אַ שטעגל צו אירע געדאַנקען. וואָס זאָל זי זאָגן אַזעלכענע? ס׳האַרץ איז איר פאַרשלאָסן.

מיט איר גאַנצן זינען האָט די פרוי זיך אַרײַנגעטאָן אין זאָרג פאַרן מאַן. שמואלעק איז אויף קאַטאָרגע. אַ פרוי, אַז זי נעמט אַ מאַן, ווערט זי אַ לײַבלעכער טייל פון אים. געשעט דעם מאַן גרויליקס, בלוטיקט דאָס ווײַב אין איר שטיין און גיין. זינט דעם אָנקום פון שמואלס בריוול איז דער עול פאַר די וואָלענקעס מיט איר שטענדיק מיטגעגאַנגען. אַוודאי, די וואָלענקעס קען זי נישט איבערלאָזן אין קאַמער. איר גאַרע צוגעבונדנקייט צו שמואלעקן איז פאַרוואָרט אין דעם צונויפגעניטן זעקל.

4

די קאַלעמוטנע גאַס וואָס קריכט טאָל־אַרויף צו דער לעבעדיקער שטאָט, זעט טאָג־אײַן, טאָג־אויס די זעלביקע פרוי (שטענדיק איז בײַ איר אַזאַ פאַרצאָגט פּנים!) דורכהיפּן די בלאָטעס; די הײַזקעס וואָס זיצן דאָ אין דאָרפישער שטילקייט, קוקן־נאָך מיט נייגיר ווי דאָס ווײַבל טראָגט זיך איבער די אָנגעשימלטע שניי־קעמפּעס וואָס טלִיען במשך די לאַנגע ווינטער־וואָכן אויף דער כמורער ערד. לײַט ווייסן שוין: די פרוי איז אַן אײַנגעזעסענע אין דעם טאָל. ווי אַ בעזשענקע האָט זי זיך אײַנגעמאָסטעט אין אַן אָרעמען ווינקל. מאָט איז דער שפּאָן פון אירע פיס וואָס געוויקלט אין שמאַטעס און פאַרבונדן מיט שטריקלעך. באַשײַמפּערלעך — זי איז פון די בעזשענצעס וואָס דאָ זיך אַראָפּגעלאָזן. די אָ האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם שטראָם פרעמדע. געוויס, געוויס, איר היים איז ערגעץ אונטערגעסמאַליעט פון באָמבעס, צעגריזשעט פון מלחמה־צאָרן. דער ראַדיאָ דערציילט עס אָפט, געלערנטע לייענען דערפון. לײַט ווייסן אַפילו אַז די אָ איז אַ שכנה פון דער רויטאַרמייערקע ליסוכינאַ. אַנדערע קרעכצן אויף דער פרויס דאַליע: אייגינקע אַזאַ, שטענדיק שאָטנט זי זיך דורך אַ שטומע, אַן אָרעמענקע. דערשראָקן איז די פרוי אָדער גאָר — פאַרקרענקט. הפּנים, זי אײַלט אַלע מאָל

צו דער אַרבעט און מיט דעם זעלביקן וועג וויגט זי זיך אַהיימצו אַן איסגעלאָשענע. קוים זי שלעפּט די פיס, קוים זי באַוועלטיקט אירע שרעקן. אָ, אַ מענטש קען דען אויסקומען אָן איבערקלערן פון די היינטיקע אומגליקן?

שוין אַ גרויסן זומער און אַ שלעפעדיקן ווינטער אַן אַלמאַ־אַטינער ווי מ׳זעט פאַר די פענצטער זיך פאַרביישליכן די דאָזיקע.

אין אַ נאָווינע האָט מע דערזען דאָס ווייבל מיט אַ פּעקל אויפן רוקן. אַ מין האָרב, וואָס איז מיט אַ שטריקל צוגעפעסטיקט צו אַן אַקסל. זי באַוועגט זיך איבער דער גאָרטנשער אומברוקירטער גאַס און דאָס פּעקל שאָטנט זיך איר נאָך. זינט דעמאָלט האָט די פרוי תמיד זיך דורכגעהויקערט מיט איר משא. נייגיריקע זענען צוגעפאַלן צו די פאַרהויכטע שויבן:

— אויף אַן אמת די אייגענע! און שטענדיק דאָס זעלביקע פּעקל אויף זיך. מסתמא איז עפעס אויסטערלישס געשען מיט דער בעזשענקע. אַ טאַליזמאַן* טראָגט זי מיט זיך, היט אים קענטיק.

— און אפשר איז זי געריִרט פונעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן די דאָזיקע? אוך, וואָס ס׳איז געשען! — האָבן אַנדערע אַרויסגעבראַכט זייער פרומלעכן מיטגעפיל.

לייט האָבן זיך געחידושט און אין מאָדנעם טראַכטן נאָכגעקוקט דער איינזאַמער: — או־וואַאַא. זעט אויס נאָך אַ יונגע, אָבער ווי צעוואַקלט איז איר שריט?

— מעגלעך, זי איז קראַנק און זי׳ט נישט ווו קראַנק צו זיין? יאָ, יאָ, מ׳זאָל באַשירעמט ווערן. ס׳אומגליק גרייט כל המיני קאַפּריזן. שלעפּט זיך אַ פרוי שטענדיק איבערן זעלבן שטיקל וועג, וויל קיין אַנדערן טרעפט זי נישט מן הסתם.

— מעגלעך, מעגלעך. וואָס קענען מיר וויסן, אַז דער דרויסן איז גאָר משוגע! יעדער האָט זיך ס׳זייניקע, מיין ליבינקע, און נישט אַלץ זעט מען.

עמעץ איז געוואָרן פול מיט מיטלייד פאַר דער אומבאַקאַנטער. מ׳האָט איינגעזען אַז זי איז פלוצלינג אַלט געוואָרן. אָבער דעם גרעסטן חידוש האָט אַרויסגערופן איר שמאָל זעקל אויפן אַקסל:

— קוק זיך איין: קיין מאָל גייט נישט אַראָפּ פון איר פּלייצע דאָס פּעקל. שטעלט אַ טריט און דאָס הוידעט זיך נאָך. אויך נעכטן און איי־בער־

---

* אַ קמיע.

נעכטן, און די פאַרגאַנגענע וואָך געטראָגן זיך מיט דעם. ס׳איז לענגלעך און טיף ווי אַ בעטלער־טאָרבע, אפשר האָט זי נישט קיין ברויט־קאַרטלעך? טשיקאַווע. איך האָב שוין אַפילו נאָכגעפרעגט: וואָס קען עס זײַן? מ׳טרעפט זי נישט קיין מאָל אין אַטשערעד.

— אפשר אַרבעט זי נישט אין ערגעץ? ס׳וואָלט כ׳לעבן כדאַי געווען צו וויסן פון וואָס לעבט אַזאַ איינע!

— ווילסט זיך מטריח זײַן געוואָר ווערן, וואַליאַ?

— ...באַשײַמפּערלעך, וואַלענקעס פאַרבאַהאַלט זי אין דעם זעקל, — האָט ווער זיך משער געווען. די פרעמדע שלעפּט זיך אַרום מיט וואַלענקעס. אפשר ספּעקולירט זי מיט דעם? אָבער, מאַמעלעך, פּאָר וואָס גייט זי אַליין אַרום אין גאָלע אָניצעס? דורכגענעצט, מסתמא געפרוירן זענען אירע פיס!

מענטשן האָבן געשטויגט. זיי האָבן נישט געקענט באַנעמען הלמאַי בײַ דער פרעמדער וואָס שלייכט איבער דער טאָליקער געגנט, טרייסלט זיך נאָך אַ זעקל אַזאַס, וואָס דערציילט אַז אין דעם זענען פאַראַן וואַלענקעס. און האָט מען וואַלענקעס, איז מע דאָך נישט אַזוי אָרעם. ממש אַ מאַ־יאָנטעק הויקערט זיך איבערן קאַרק פון אַזאַ מענטש. אויסטערלישס מיז מע טראַכטן וועגן דער דאָזיקער: אפשר טאַקע גערירט? גייט אַרום אַ צעפלעטשטע און באָרוועס זענען אירע פיס. אוי־וואַ, אַן אַפּותיקאַ האָט זי אין תמידן זעקל אויפן רוקן און אַליין אַזוי אָרעם. וואָס פון אַ מענטש ווערט! נישט צו באַקומען אין ערגעץ קיין וואַלענקעס. וויל מע נאָר אַזוינס פאַרקויפן, סטײַעט בלויז אַ פּיפּס צו טאָן אַז ס׳זאָלן זיך יאַווען בעלנים אַ גאַנצער שאָק.

אַנדערע האָבן טאַקע נישט געקענט אויף קלאָר באַנעמען דעם שכל פון היטן אין אַ זאַק ווילעקענע שטיוול און אַליין אַרומגיין באָרוועס און הונגעריק. ס׳איז זיכער, אַז זי האָט אַ מאַיאָנטעק אויף אירע פּלייצעס. אָבער דבורהקע האָט נאָך שווערער געפּילט דעם עול פּאַר די וואַלענקעס. „ס׳נישט אירע, ס׳איז דעם מאַנס וואָס איז פאַרשיקט אויף אַפּקומענישן“.

אַ לאַנגן הונגעריקן ווינטער און אַ שטיקנדיקן זומער האָט די פרוי זיך אַרומגעטראָגן מיטן מאַנס וואַלענקעס. צו דער אַרבעט —טאָל אַרויף— געשלעפּט זיך מיט דעם שטײַף־אײַנגעניייטן זעקל וואָס האָט זיך נאָכגע־טרייסלט אויפן רוקן בײַ יעדן טראָט, דאָס זעלביקע נאָך דער אַרבעט, ווען זי׳ט זיך געלאָזן גיין טאָל־אַפּ. אין ערגעץ האָט זי זיך נישט אַרויסגערירט אָן די וואַלענקעס. די גאָרע זוניקײט האָט אין דורכזעעוודיקן בלאָ פון דער

באַר׳גיקער מאַכטיקייט (זי דריקט אַזוי אויף דער שטאָט, אויף די מענטשן!) זיך אײַנגעקוקט אין דער אויסגעמאָגערטער פרוי ווי זי שלעפּט קוים איר גוף, גיסט זיך אָפּ מיט שוויס, אָבער פונעם וואַלענקעס־האָרב האָט זי זיך קיין מאָל נישט אָפּגעטיילט. אַפילו נישט בײַ נאַכט. נאָר אין די גרויסע חמימות האָט זי דאָס זעקל געטראָגן אין די הענט, אַבי נישט איבערצולאָזן אין היימישן ווינקל. אין פאַבריק איז ס׳זעקל שטענדיק געלעגן איר צופוסנס, האַרט נעבן דער ניי־מאַשין. נישט זעלטן האָט מע זי געזען אין אַ זומערדיקן שטויבוואָלקן און איבער איר האָט זיך געהוידעט דאָס פּלייצעזעקל. דעמאָלט איז זי שוין געווען צו שוואַך צו טראָגן דאָס זעקל אין די אויסגעמאַרכטע הענט. וועט זי דערהיטן די וואַלענקעס — האָט אין ווײַבל זיך אַרײַנגעקעקבערט אַ געדאַנק — וועט זי אײַנהיטן דאָס לעבן פון איר מאַן וואָס אין סכנה. די וואַלענקעס זענען געקויפט פאַרן מאַן, מוזן זיי בלײַבן פאַר אים. און אַוודאי טאָר זי נישט געניסן פון זיי, אַנישט... נישט ווילנדיק איז אָנגעגאַנגען אויף איר אַ שוואַרצע מחשבה, וואָס זי אַליין האָט נישט מכוון געווען. מענטשן האָבן אַזוי אָפּט גערעדט פון אומגליקן, אַז די געדאַנקען פון גוילדיקן פײַן זענען אומגעריכט געקראָכן אין די געהירן. פון דער איבערגעגאַנגענער ברוסט האָט אין דבורהקען אויפגעשלוכצט אַ קראַמף און אירע אויגן האָבן זיך צונויפגעדריקט, גלײַך זי וואָלט אַזוי אַרום געזוכט עפּעס אַן אָנשפּאַר. שמואלעק וואַלגערט זיך אין שרעקלעכן סיביר. זינט אַלע אייביקייטן זענען דאָרט פונאַנדערגעלייגט שייטערס, זיי פלאַקערן מיט אַ העליש פײַער און אויף זיי ווערן געוואָרפן לעבנס, איבערגעענטפערטע דעם הפקר — — אַוודאי, אין שטעלעכל בײַ זיך האָט זי מורא געהאַט איבערצולאָזן די וואַלענקעס, כאָטש זיי זענען אָפּט געוואָרן שווער, גאָר שווער. זאָלסט זיך נישט דערוועגן, דבורה! מ׳עט זיי צוגנבענען, אָבער זי׳ט אויך זיך געשראָקן אַז מ׳זאָל זי נישט באַפאַלן אין די לויערנדיקע פינצטערנישן. רויבערײַען איז דען אַ נאָוועליע אין דעם קאַנט? אַפילו אין סאַמע שטאָט! מעגלעך מ׳האָט זי שוין אויפן אויג: אַ פרוי אַליין און בײַ איר איז אַזאַ טײַערע זאַך. לייב און לעבן האָבן אונטער איר געציטערט בײַ דעם געדאַנק. עס איז דאָך דער פּקדון פון דײַן גאַנצן האָפן, — אַזוי האָט זי אַרײַנגערעדט אין זיך, געוואָרנט זיך פאַר אַ מאַלעער. זי וועט עס בשום אופן נישט מפקיר זײַן! זי׳ט זיך ווערן, אויב מ׳זאָל זי חלילה באַפאַלן, וועלן באַרויבן. זי וואָלט דעמאָלט שוין נישט געהאַט צו וואָס צו לעבן. בכלל האָט זי אין אַזעלכע מינוטן געקלאָגט אויף זיך: „אַ בראָך אין

צו די לעבנגעבליבענע וואָס מוזן זיך וואַלגערן צווישן כיטרע און אויף הונגער פּאַרמישפּטע; אויף אַלץ האָבן אַ ווילדן חשק די שטענדיק געקוועל־טע און פראָסטע. ווינד איז איר — אַז אַ ליאַדע טראַנטע איז דאָ אַ קרן! מיסט פון מענטשן אַנטוועכץ איז אַ סחורה. אָסור, זי וועט נישט פאַרקויפן דעם מאַנס ווילעקענע שטיוול!״ דבורה בוימווערק האָט דערויף פלוצלינג אויפגעשווידערט: — זי זאָל וויסן אויסצוגיין פאַר אַ ביסן ברויט, וועט זי די וואַלענקעס נישט אָפּגעבן. ס׳שמואלעקס. זי האָט נישט קיין רשות אי־בער זיי!

— גאָט זאָל אויסהיטן, דאַראַ! — האָט איר געוואָרנט קאַטיאַ ליסו־בינאַ, די באַלעבאָסטע, פאַר וועמען זי האָט זיך אַ מאָל אַראָפּגעוויינט: „איך לייד, און די וואַלענקעס רייצן מיך; נישט זעלטן רוקן זיי מיר צום גומען דעם טעם פון געשמאַקן ברויט, נאָך וואָס איך לעכץ אין זינד גערעדט. גיב מיר אַן עצה, ליבינקע!״ — אַז דער מאַן איז גענומען געוואָרן אין מלחמה אַריין, זענען די זאַכן וואָס געבליבן פון אים, שטיקער לעבן זיינע. זאָלסט עס געדענקען, דאַראַ! אַ גאַרניטער, אַ פּאָר שטיוול, אַ טולופּ, אַ הוט, צו מאָל אַ שאַל, זענען אברים פון זיין לייב. אַזוינס, זאָלסטו וויסן, מוז מע שאַנע־ווען. פאַרקויפסטו עפּעס, האַקסטו אָפּ אַ גליד פון דיין מאַן, ס׳רינט מיט בלוט. זעסט דען נישט, ווי איך הויער איבער אַליאָשאַס זאַכן? מיינע זאַכן האָב איך שוין צעטראָגן איבערן מאַרק, אָבער זיינס? איך פּגר ביינאַנד מיט די קינדער און כ׳וועל עס נישט רירן. אָט זיין האַרמאָניקע! דאָס איז אַליאָשאַס נשמה. אין די זונטיקן, אין יום־טוב־טעג האָט ער זיך צעשפּילט אויף איר, זיין נשמה פלעגט זיך צעיאָמערן, זי איז געפאַלן אויפן פּנים אָדער זיך צעהאָפּקעט אין אַ פריילעכס, אַזש די פאָדלאָגע האָט זיך צע־כאָכאָטשעט איבער די גריבער וואָס עס פאַרדעקן די ברעטער. איך זינק צו דער ערד פאַר אַ ביסן, ס׳קליינוואַרג איז אָפּגעגעבן אויף געשווילעכטס פון הונגער, אָבער די האַרמאָשקע? סטופּאַי, קאַטיאַ, ווייטער, און זי טשע־פּע נישט! איך מוז זי נאָך פּילעווען, אַ קוק טאָן צי זי ווערט נישט איבער־געפּירט פון ווילגאַטש. איך קען קריגן היפּש געלט פאַר דער האַרמאָשקע, אָבער ניע סמעי. דער אינסטרומענט ליגט פאַרגאַפּט, פלאַסטן שטויב פאַר־דעקן אים. ער מאַכט מיך טרויעריק, אַלאַ פאַרשאַכערן אים אויפן טאָל־טשאָק? זעסט, אַזוינע אויגן ווי די קירבעסן שטעלן זיך אָן אויף דער האַר־מאָניקע. געגוג מ׳גיט אַ קוק אויף איר — אַזוי פיין איז זי! דאַרפסט זי נאָר ווייזן די זשעדנינקע. ס׳אַ זינד צו קלערן פון פאַרקויפן די נשמה פון איי־

גענעם מאַן. דו וואָלטסט וועלן זען רינען ס׳בלוט פון סאַמואילס קאָפּ? לאָז עס אַרויס פון זינען, דאָראַ! עס זענען זײַנע, די וואַלענקעס, און דו ביסט מחויב זיי צו היטן!

דבורהקע האָט טאַקע אײַנגעצויגן אירע קישקעס; געהאָרעוועט און גישט געהאַט אָפּצועסן נישט קיין ברויט (די קאַרטלעך האָט זי נישט גע־האַט קיין צײַט אויסצוגעבן אין די אָטשערעדן און אויפן מאַרק קאָסט אַ הונדערט רובלדיקער איין קילאָ ברויט!), נישט אַ ביסל געקעכטס. רק גע־זעסן אָנגעבויגן איבער דער מאַשין, געיאָגט זיך צו געבן נאָרמעס, אָבער פון פאַרקויפן די וואַלענקעס האָט געווייכט דער געדאַנק, הגם ס׳טראַכטן דערפון האָט געלויערט אויף איר: ביסט פאַרנאַרט, דבורהקע. היטסט אַ זאַך וואָס ס׳איז סכנות שווער צו היטן; סע איז דיר אַ משא, אָבער איינצײַטיק אַן אוצר, וואָס קען דיך אָפּראַטעווען. צו קענען זיך דערוואַרטן שמואלעקן, מוזסטו לעבן, דבורה. דײַן מאַן וועט אַהיים קומען, ר׳קומט, און דו וועסט זײַן צעבראָכן. אַ מאַן האָט נישט גערן אַ שאָטן פון זײַן ווײַב. אַ שאָטן שרעקט. שמואלעק האָט ליב די געזונטע דאָראַ... פון אַ שאַרבן וועט ער זיך אָפּקערן. נעם און זעטיק דײַן לײַב כאָטש מיט עטלעכע יוסטע מאָל־צײַטן, ווילסט ליבערשט אַז די וואַלענקעס זאָלן עדות זאָגן אויף דײַן גע־טרײַשאַפט? ס׳אַ חוזק, דבורהקע, אויב נאָך אַזעלכע איבערלעבענישן זאָל מע נישט קומען צו אַ ביסעלע שכל. ביסט נישט קיין קינד, אַז זאָלסט לעבן בלויז מיט געפיל און ווייכן פון ברויט! — — אומעטום מיטגעטראָגן די וואַלענקעס, אויך געהאַלטן זיי צוקאָפּנס בעתן איבערשלאָפן די פּאָר שעה אין דער קאַמער וואָס אין דעם ליידיקלעכן הייפל. אין אַ צווייטער טאָרבע, וואָס האָט זיך שטענדיק געבאַמבלט בײַ דבורהקעס דיך, איז געווען באַ־האַלטן איר ביסן ברויט, ס׳בלעכענע שיסעלע מיטן לעפל (האַלבן טאָג ברענגט מען אין פאַבריק אַרײַן אַ קעסל פאַרעדיקע יושקע וואָס ווערט פונאַנדערגעטיילט צווישן די אַרבעטערנס אין זייערע מעסטלעך אַרײַן), אויך אַ שטיקל וועש איבערצובײַטן. מער איז איר נישט געבליבן פון יאָרנלאַנ־גן זאַמלען דאָס האָב פון אָרעמאַן. לאָזן אין קאַמער איז אויך דאָס אַן אײַנ־שטעלעניש. צו אַלץ ציִען זיך טשעפּקע הענט. ווי דערנער אין פעלד האָבן זיך דאָ דערנומען גנבים און גזלנים. ס׳אַ גערעטעניש אויף אַזעלכע הענט און געמיינע אויגן וואָס וואַרפן אָן אַ פּחד. צו מאָל צווישן קליינוואַרג האָבן זיך צעהפקרט באַנדעס כאַפּערס, איבערפאַלערס און זאַקעציִעס. אַזעלכע שטייען צו אומגעריכט צו עמעצן אין מיטן גאַס, כלומרשט בעטן זיי עפּעס

און גיט מע נישט באַלד, ווײַזן זיי, וואָס זיי קענען, די פלינק־אויגיקע, ביסטרע וואַגיושעס, אַנטאָשעס און וואָלאָדישקעס. רוצחיש דערלאַנגען זיי „צווישן די אויגן", וואַרפן אום דעם צעצאַפּלטן, אויפ׳ס כוח ציִען זיי אַראָפּ פונעם קרבן די צעטראָטענע שיך ביז אַן אונטערשטע העמדל. אין מיטן טאָג באַווײַזן זיי אַזוינס. אין נאַכט־פינצטערניש האָבן זיי גענוצט אַ שאַרף קלינגל אויף צו דאָביוועָן זיך צו אַ שטיל ברומעדיק זייגערל וואָס דער־בליקט בײַ עמעצן אויף דער האַנט. און סתם האָט מע געכאַפּט, גערויבט, געגנבעט זאַכן פון אונטער דער נאָז אַוועק. אַז אַ בילע טראַנטע איז אַ בגד צו פאַרדעקן דעם נאַקעט וואָס איז אייגנטלעך אָפּן אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנד אַן בושה. אויפן אַלטוואַרג־מאַרק (די חשובסטע טעריטאָריע אין דער געאָגראַפיע פון איעדער שטאָט) האָבן זיך געקליבן המונים. ווער עס איז אַהין געקומען פאַרהאַנדלען אַ זאַך און ווער עס האָט געזוכט עפּעס צו קויפן. אַן אָפּגעריבענער קאַלאָש, אַ געוועזן העמד, אַ טאָוול פון אַן אַמאָליק בוך, אַ פּאָר טשוועקעס — אַלץ איז סחורה. ווײַל גאָר נישט איז געווען צו באַ־קומען אין די קראָמען. גרויסע, אויסגעהוילטע זענען די קלייטן געשטאַ־נען פאַרשפּאַרט אויף פרענטן. אין זיי האָט געהודזשעט די פּוסטקייט פון וואַרטנדיקע פּאַליצעס און עס האָבן געשריגן די טונקעלע חללס מחמת לאַנגאַניקער פאַרשלאָסנקייט הינטער טיר און לאָדנס.

און אומעטיק געווען אין די גאַסן. אויך זיי האָבן פאַרשעמטע געיעלהט מיט פאַרפרעסטע מײַלער פון די אַנגעפּינצטערטע ליידיקע קלייטן. מבול־בלע האָבן די גאַסן נאָכגעקוקט די קונים וואָס אָפּט שלייכן זיי אַרום די פאַרהאַקטע קראָם־טירן נישט צו האָבן ווו צו פאַרטאַכליעווען די פעקלעך טשערוואָנצעס וואָס האָבן אומזיסטיק זיך געוואַלגערט אין פאַרשמאַכטן דמיון און געררייצט די געדערעם. כמעט שטענדיק זענען די מענטשן אַוועק מיטן ליידיקן, ווידער מיט די נמאסע, צוזאַגנדיקע רובלעס. ווי נעפּל איז אין די דאָזיקע אויסגערונען דער חלומענדיקער ריח־געקרײַזל פון פריש־אויפגייענדיקן ברויט וואָס טראָגט זיך איבער דער שטילקייט פון דעכער און זיי האָט זיך געאָנט די שאַרפקייט פון זילבערנדיקע הערינג און פון קאָלבאַס, וואָס איז דורכגעוווּנקען פון ווײַסינקע גלאַנציקע פעטס־אויגן.

5

ווידער אַוועק אַ זומער. אין בייזן עלנט האָט דבורהקע אין שטענדיקן חפּזון צעטיילט איר גאָרע צײַט צווישן דער ניי־פאַבריק און דעם נאַקעטן

קעמערל אַראָפּשטאָט. נישט געווען קיין שבת פאַר איר געמיט און נישט קיין זונטיק פאַר אירע צעסיעקעטע הענט. איז איין מאָל אין פיר וואָכן געגעבן געוואָרן פרײַ אַ טאָג, אַ זונטיקדיקער, פון דער ניײעריי, איז עס געווען פאַר איר אַ טאָג מיט אַן אָוונט אַ צעפרייכטער פון נײַער מידקייט; ס׳איז געווען די צײַט פול האָרעוואַניע אַרום זיך גופא: אַ מענטש מוז דאָך אַ מאָל אַרומוואַשן פון זיך דעם קויט. און ס׳פאַלט אַראָפּ דאָס קלייד, פון וועלכן מ׳קען קיין מאָל נישט אַרויסקריכן. דבורה האָט געמוזט לאַטען, צירעווען, אויך אויסשווענקען אַ שטיקל וועש, ווי ס׳האָט געהייסן בײַ איר דאָס וואַשן ס׳אייגענע העמד און אַנדערע זאַכענישן צום אָנטאָן. קוים זי האָט נאָך אַזאַ רו־טאָג באַוויזן אַרײַנצוכאַפּן אַ ביסל שלאָף פאַרן ווידעראַמאָליקן אײַנשפּאַנען זיך אין דער יאַרמע, וועלכע האָט זיך איר געגעבן וואָס אַ מאָל שווערער. זי איז מער אויסגעצערט געוואָרן סײַ פון דער מאַטערנדיקער אַליינקייט, סײַ פון הונגער, אַלץ אָפּטער איז איר באַפאַלן אַ ציטער פאַר עפּעס ערגערס. יאָ, ס׳קען זײַן נאָך ערגער. די מענטשן האָבן גערעדט רק פון אָטשערעדן, פון אַרײַנכאַפּן אַ ביסן און קיין מאָל נישט באַוויזן אַן אָפּענעם שמייכל, נישט אַרויסגעזונגען מיט פרײַקייט דאָס ליד פון נאָגעניש וואָס גריבלט אין האַרץ. שרעקלעך! גלײַך זשאַווער האָט זיך אין דבורהקען ערשט אײַנגעגעסן אַזאַ מורא: פאַראַן דאָ געזעצן (ווי דאָס פאַרנאַכטיקט איר געמיט!) און זיי לויערן מיט פאַרביסנקייט. ס׳הערט זיך דערפון אימה: אַז מ׳פירט אַוועק אײנעם, איז שוין גאָר־גאָר אָפּגעמעקט זײַן וועג אויף צוריק; לײַט פאַרשווינדן פלוצלינג און אַפילו זייערע היימישע טאָרן ניט גיין פרעגן: פאַר וואָס? ווו איז ער? וואָס האָט ער זיך פאַרזינדיקט!? פאַראַן דערצו אומעטום אַ ספּעצאָפּטייל וואָס פאַרפאָלגט, שפּירט נאָך. זי׳ט פינצטערע כוונות, די דאָזיקע אָפּטייל, וואָס ווערט געפירט פון פאַרבאָרגענע פאַרדאָרבענע הענט — — אַחוץ דער געוווינשאַפט פון אַן אַרבעטאָרערן, אַ פאַרמשכונטע צו דער מאַשין, האָט די פרוי מער נישט געשפּירט קיין שום וואַכן רייץ צום לעבן, סײַדן יענע אומאויסדריקלעכע שפּירונג וואָס האָט באַשטענדיק געצופּט איר געדעכעניש: „שמואלעק! ווער ווייסט ווי ער זעט אויס, דער פאַרשיקטער!? ווי אַן אַרויסגעריסענער קזשאַק וואַלגערט ער זיך אין אַ וואַלד פון שטאַרקע ביימער מער אויסהאַלטעוודיקע אַקעגן זאַמדשטורעמס. און מ׳יאָגט אים אין פראָכט אַרײַן און נויט שנײַדט זײַן לײַב. מ׳זעט דען דאָרט, אויב עמעץ פאַלט, אַז אַרום זענען פאַראַן טויזנטער צונויפגעטריבענע? וואָ׳דען, אויך דאָרט ווערט אַ מאָל אַביסל וואַ־

רעמער? ס׳מוז דאָך זײַן אַפילו דאָרט אַן אָנשפּאַר פאַר דער זון. ווער ווייס. מ׳קען דען וויסן גענוי? גאָט מײַן איינציקער, פאַר וואָס קומען מיר אַלע שלעק?! אַזוי לאַנג נישט געקראָגן פון אים קיין איין וואָרט. עס איז נישט מעגלעך אַז מײַן מאַן זאָל נישט שרײַבן! פול מיט ווייטיק רײַסט זיך זײַן קול איבער די וויסטע ווײַטן און מײַנע אויערן בלײַבן ווי פאַרטייבט״.

דאָס פײַנלעכע טראַכטן האָט פון דער פרוי אַרויסגעשלאָגן ברענעדיקע טרערן. דער צער האָט פון דעסטוועגן נישט געלאָזן זי אין גאַנצן פאַרגליווערן. ווײַל איר האָט כסדר געטריבן דער עול: זי מוז זיך צואײַלן, זי׳ט האָבן אַ פראָגזל. און אפשר וועט דער הײַנט זײַן מער מזלדיק — ס׳וועט אָנקומען אַ בריוו פון שמואלעקן? עס מוז זיך דורכשלאָגן — זי׳ט זיך אַליין געשטאַרקט אין איר פאַרלוירנקייט. וועגן אייגענעם אויסקומעניש האָט זי ווינציקער געקלערט. זי איז דאָך אין דער היים. אַבי זיך דורכגענאַרט אַ טאָג מיט נישט עסן. ווי לאַנג די פיס טראָגן, טאָר זי נישט אונטערגעבן זיך די געלוסטן עפּעס אַ כאַפּ צו טאָן אין מויל. זי איז שוין צוגעוווינט דערצו. און פאַרגלײַכן זיך צו פרויען וואָס האָבן וועמענען צו שיקן אין די רייען אַרײַן, קען זי זיך נישט פאַרגלײַכן. אונטערהונגערן איז אַרײַן אין דעם ווײַבלס רגילות.

ווי נישט איז, האָט דבורהקע אָבער געמוזט געדענקען אויך אין די נעבעכדיקייטן פון איר פיצעלע היים אויף די פרעמדע מיסטן. אַליין שוין הויט און ביין — די אויגן אירע זענען געוועזן גרעסער פונעם פנים — האָט איר דאָך נישט אָפּגעלאָזן די זאָרג פאַר דער קאַמער מיט די ראַציקע ווענט; פון מאָל צו מאָל האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צוצוראַמען די דאָזיקע דלד אַמות, אויסגעקערט דעם ערדענעם דיל, פון שטויב אָפּגעטרייסלט ס׳געלעגער וואָס האָט געדומפּעצט פון דלות, אַזאַ וואָס קלעפּט זיך צו צום מענטשנס האָר, יתומט אַראָפּ פון זײַן גאַנצער מראה.

איז געוואָרן מילדער דער דרויסן, זוניקע וואַרעמקייט האָט זיך צעפלאַטערט מיט דורכזעעוודיקע פליגל, האָט דאָס קעמערל ערשט אונטערגעטריבן די געשלאָגענע פרוי: זע, גאָרע טוכלעקייט שוועמלט שוין אין דײַן ווינקל. הרגעסט זיך אַוועק, דבורה! לײַט באַגעגענען אַנדערש די פּאַסקודנע נויט: מ׳כאַפּט אַרײַן וואָס סע לאָזט זיך! מ׳פאַרקויפט אַראָפּ פון זיך דאָס לעצטע, אַפילו די שיך, אָבער מ׳לאָזט נישט אַזוי פיל אַנטגיין דאָס האָרץ. עס וועט דיך זאַדישען. מ׳מוז זיך אָנלענען אין אַ זאַטן ביסן, אין

אַ בראָק פליש. נישט שטענדיק איז צײַט צו ק ל ע ר ן א ו י ף ש פּ ע ט ע ר . נישט פאַרן מוח איז אַצינד דער שעת הכושר, נײַערט פאַרן פּופּיק. עפּן די אויגן, וועסטו דערזעען ווו עס איז דער אמת: אכילה איז נישט פון וועגן זולל וסובאס. עסן איז א מ ו ז.

ווידער נישט געווען קיין ברירה: דבורהקע האָט שלום געמאַכט מיטן נײַעם זומער וואָס באַגעגנט. אַ ביסל געענדערט די שמאַטעס אויף זיך, עפּטערס געשוואַנקען די לאַכעס וואָס זי'ט געטראָגן אויפן לײַב, און — מערער געהונגערט, מחמת ס'איז נאָך ווינציקער געוואָרן דער כוח וואָס האָט געשלעפּט איר כמו־לעבן. אַוודאי, זי האָט ווי פריִער געהיט די אַר־בעט, וואָס האָט איר גאַנצן מהות געהאַלטן ווי אויף פאַרהוילענע ספּרוזשי־נעס. די שוין פאַרדאַרטע בלאָטע־גרודעס, איבער וועלכע זי האָט געטראָטן האָבן פאַרשפּרייט טומאַנען שטויב, אָבער די פאַרטאָגן און די אָוונטן האָבן דבורהן צײַטלעך געגומען אָנזאָגן דעם צוריקקער פון דער יערעניש, וואָס צעגיסט זיך שפּעטערצו אונטערן סומנעם הימל. אָט־אָט און ס'וועט נע־מען רעגענען, טראָפּן און טריפן, וויקלען נעפּלען אַרום די אייביק אָנגע־טוענעביימער און אויסגליטשיקן, קלעפּן און קנעטן די צעווייקטע ליימען איבערן טאָל.

*

ברירה, האָט עס דער פּרוי אָפּגעשוידערט. נישט נאָר די אַליינקייט, אויך די פּראַצע האָט זיך אויף איר געלייגט מיט דער לעסטיקייט פון אַ בעליק וואָס מחמת אַלטקייט לאָזט ער זיך אַראָפּ פון זײַנע אונטערגע־פוילטע קראָקוועס. צו מאָל האָט זי געשפּירט דעם נאָכווײ פון אַלע אירע נסיונות: דאָס אַנטלויפן פון די פאַראומגליקטע היימען וואָס זי'ט געהאַט אויפגעשטעלט מיט בלוטיקן שוויס, ערשט דאָס דורכאַנאַנדיקע וואַלגערן זיך; אַצינד איז זי אויך אָפּגעשוואַכט פון נישט דערעסן אַזוי לאַנג און זעלטן זי רוט זיך אויס. פלעגט זי זיך דאָ אַנידערלייגן אויפן ברעט (איר בעט), האָט דבורהקען אַלע מאָל אַ שטורכע געטאָן די שרעק — מסתמא שוין שפּעט דער זייגער! כמעט שטענדיק האָט זי זיך איבערגעוועקט אין דער פינצטערניש. אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באַגעגנט זי אין קליינעם שייבל די טערפּקע רווישיקייט פון טונקלעוואַטן גערטל הינטער דער שטוב; אויך דער פוילער ריח פון אײַנגעשטאַנענע בלאָטעס אָנט זיך איר, און זי נעמט זיך אײַלן. מיט פאַרקלעפּטע אויגן אַרויפגעצויגן אויף זיך ס'אָנטועכץ,

מיט אַן אײַנגעגנעצטער דלאָניע איבערגעריבן דאָס פּאַרליאַפּעטע פּנים (געוואַשן זיך, אין זינד געערדט!) און געווען גרייט זיך צו טראָגן אין דער נײַער פּינצטערניש אַרײַן. אַבי גיכער צו קומען צו דער צעפּלעמלטער פֿאַבריק, צו האָבן הינטער זיך די שורשנדיקע ביימער פֿון גאָס וואָס טשאַטעווען מיט סכנות. „זאָל נאָר דער וועג איר דורכגיין בשלום". איטלעך מאָל האָט דאָס ווײַבל אויפֿגעגרוילט אײדער זי'ט זיך געלאָזן באַרג־אַרויף פֿון טאָל. אַוודאי, נישט גיין איז נישט שײַך. בינו לבינו האָט אויפֿגעציטערט איר זכרון: די וואַלענקעס! כאָטש זיי נישט פֿאַרגעסן, האָט זי זיך באַלד דערשראָקן פֿאַרן אָקערשטיקן פֿאַרגעסן. זי'ט אויגנבליקלעך געבומען נישטערן אַרום זיך מיט אומרויִקע הענט. אין דער צעהאָנגענער טונקלקייט מיט שטרויכלשריט דערטאַפּט ס'זעקל מיט די אײַנגענייטע שטיוול. דערנאָך האָט זי איבערן צעוואַקלטן חלל נאָך געזוכט אויך די טאָרבע, אָן וועלכער זי רירט זיך נישט. אַרויסגעשאַרט זיך אין דער נאַכט־לעך פֿײַכטער קעלט אַרײַן, האָט זי תּמיד פֿאַרבאַגינען צי אין מיטן נאַכט זיך נישט דערוועגט אָנצוצינדן דאָס קאַנעצל — זאָל זיך נישט איבער־וועקן דער פּחד וואָס פֿויזעט מיט ליימיקע פֿיס אין די דרויסנס. אָך, ווי די שרעקן לויערן מיט פֿאַרביסנקייט!

## 6

ווי אויף זיבקנדיקע רעדער האָבן זיך באַוועגט אירע מעת־לעתן, אַזוי האָט אויך אָנגערוקט דער נײַער ווינטער, דער צווייטער אַלייניקער וויבטער דבורהקעס זינט זי איז געבליבן אַליין, אין אַזאַ וויסטן אין דער פֿרעמד אָן דעם מאַן. אַציַנד האָט די נויט נאָך מער געשפּאַרט און די בעקער־קראָמען האָבן שוין זעלטענער זיך געעפֿנט און די אָטשערעדן אין גאָס זענען געוואָרן אַ דויערנדיקער פּינצטערער געליאַרעם פֿון ווילדן הונגער. פֿאַר ברויט איז געווען די טומלדיקע זאָרג נאָר פֿון וועגן דער אַרמיי. ווײַל עס האָבן זיך געטראָגן שוואַרצע בשורות פֿון די מלחמה־ווײַטן; אומעטום איז געגאַנגען די פֿיבערדיקע אײַלעניש צו העלפֿן דער מלחמה מיטן שונא וואָס פֿאַרכאַפּט די רוסישע שטעט און דערפֿער און ער שלאָגט זיי מיט דחקות און מיט הורטאָוון טויט. „אַלץ פֿאַרן פֿראָנט", איז געוואָרן דער מיזמור וואָס ס'האָבן געזשומעט אַגיטאַטאָרן אין די ווערקשטאַטן, אין די פֿאַבריקן; דאָס האָט אָן אויפֿהער אַרײַנגעעקבערט אין די מוחות אויך דער ראַדיאָ־דעדעקטאָר. אָפּט זענען געקומען רעדנערס מינ־

טערן די מענטשן פאַר מערער אַרבעט. צו באַגנוגענען זיך מיט קנאַפּ עסן, מיטן דוחק אויף אַלעמדינג און די שטאָט האָט דערפון געריעדט מיט אַ טויב פנים. דער פוסטעוועדיקער קאַלכאַזנער מאַרק האָט געשטשירעט מיט זײַנע צעשפּאַרטע, תמיד אָפענע טויערן ווי אין אַ דויערנדיקן גע־נעץ. נישט געבליבן שוין אויפן מאַרק צו מאָל דער איבלדיקער ריח פון פוילנדיקע קאַרטאָפל; מ׳האָט נישט געבראַכט קיין מילך, קיין קומיס. אָפּ־געשטאָרבן אַלע וועגן וואָס פירן פון די סטעפּישע רחבותן און געבערג. טויט האָט זיך געשאָטנט אויף די פּנימער פון די שטאָטלײַט. און האָבן זיך באַוויזן פליישן אויף אַ פּאָר יאַטקע־טישן, איז דאָס געווען פלייש אַ מאָדנע שוואַרצס אין זײַן רויטקייט. אַ צעשטיקלטס פון געניטע הע־קערט, האָבן די פריידיקס דערמאָנט די צעשונדענע מאַכטיקייט פון אומ־געזעענע חיות וואָס מ׳האָט צעפּערטלט, צעאַכטלט צום פאַרקויף פאַר די אויסגעהונגערטע פון אַן אַנגעחורבנטער וועלט.

— העלפאַנטן האָט מע צעפליישט פאַר אונדזערטוועגן, — האָבן לײַט געמורמלט כמורנע.

— און אפשר איז עס פון געפּגרטע קעמלען?

— מעגלעך. סע איז מעגלעך, אַז אַזאַ מזל זאָל אונדז טרעפן. אין יענער מלחמה האָבן מענטשן געכאַפּט קעץ און זיי געגעסן. הונגער איז אַן אימה־דיקע זאַך. הײַנט פאַרנעמט מע זיך אויף אַ קליגערן וועג. מע טראַגט אונדז שוין צו צו דער נאָז די סאַמע בעסטע פגרים.

אַנדערע האָבן שטום געצוקט מיט די אַקסלען. אין זייערע מינעס האָט עס געהייסן אַז ס׳איז גלײַכער צו האַלטן ס׳מויל. זיי האָבן נאָר געמרו־טשעט: — אַזאַ מגונה פלייש!!

סטעפּ־זקנים אין שאָפענע פעלצן און פוקסענע שטריימלעך, פאַר־בלאָנדזשעטע אין שטאָט אַרײַן, האָבן געקײַעט האַרבן טאַבאַק און געשי־פּעט מיט פּײַכטע ליפּן:

— מילא, מירן כאָטש אָפּגעלעבט אַ שטיק מידבר, געהאַט זאַפטיק פערדנפלייש, שטאַרקן קומיס, פלאָוו און ליבלעכע ווײַבער, אָבער אונד־זערע דזשיגיטן און די מיידלעך וועלן האָבן דורכויסיקע לוויות. פון אַ פערד ביז אַ קוקורוזע־קאַטשאַן אויסגעליידיקט אונדז! ווי, די יורטעס וערן פאַרחושכט אויף אונדזערע אַלטע אויגן. אומגליקלעך זענען די יונגע, אויסגעדייוועט געוואָרן די דורות אין קאַזאַכנלאַנד. פון וויסנשאַפט און בייזע מאַשינעס וערן מיר געפּלאָגט. אַלע ווילע זאַכן פטרן אַוועק די קלוג־

שאַפן, זיי צעטראָגן אַפילו דעם באַרג וואָס באַשאַפן פאַרן הערניקן באָק און דעם שאַרף שנאָבלדיקן אָדלער. אַללאַ, געקומען דער סוף צו ליב דער חכמה פון די דינערס צו די פאַלשע!

אויסגעלויכטן זיך די אויגן די אַלטע קאַזאַכן, שווער סאָפנדיק האָבן זיי גערעדט פון מידע הערצער און פאַרקאָלטנט האָבן געקוקט זייערע געבליאַקעוועטע בערדלעך. מחמת נאָגנדיקן הונגער האָבן זיי מער געטרערט ווי גערעדט; אין טרויער אויך אויסגעוואָיעט אַ ליד וואָס איז אַרויס ווי מיט פאַרגלייזטע אויגן. איבער די שטילע שטעגן פון מידבר און אין די גאַסן פון שטאָט האָבן עפטערס זיך געצויגן שיטערע לוויות מיט אויפגעדעקטע טרומנעס. אויך לײַט פון סטעפ האָבן אויסגעצאַנקט אין האַרטן טרויער.

אין פאַרשטיינערטן געמיט האָט דבורהקע זיך אָנגעזאַפט מיט די געכפלטע אומעטן וואָס דער ווינטער פון דרײַ און פערציקסטן יאָר האָט אַרײַנגעפירט אין דער ניי־פאַבריק נומער צוויי. ווען עס איז אַוועקגעפאַלן אַ קינד און ווען פון די ווײַבער ס׳האָט דערגרייכט אַ מעלדונג פון וואָיענקאָמאַט אַז דער מאַן איז אומגעקומען מיטן טויט פון אַ העלד. אַנדערע האָבן אײַנגעסוכניעט פון הונגער. פון אומזיסטיקן האָפן אויף אַ ידיעה פון שמואלעקן האָט די מידקייט ווי פרעסנדיקער שטויב זיך געלייגט אויף דבורהקען מיט אַ דריקעניש. אַ צולאָג דערצו איז געווען די יאָגעדיקע אַרבעט וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף אַלעמען מיט שווערן ערנסט. אויך מיכאַילאָווס דירעקציע האָט דעמאָלט געקראָגן אַן אײַליקן אויפגאָב צו מאַכן מער מונדירן, אַ סך שינעלן. איבער די גראָבע געוואַנטן האָט מע געמוזט זיך ברעכן ס׳געניק מער שעהען. מ׳האָט אויסגעצויגן די טעג, פאַרלענגערט די נעכט וואָס האָבן זיך יאָקבי גערײַכערט מיט פאַרראָפיעטע אויגן. שוין אַדורך די רעגנצײַט, ס׳געקומען דער שנייפאַל, וואָס ווייסט נישט ווען אויפצוהערן. איינעסנדיק זיך האָט גענידערט דער שניי; טעג און נעכט פאַרטונקלט ער די לופט מחמת דער דורכאַנאַנדיקער ווײַסקייט, וואָס דערעסט, ווערט נודנע. און האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווירבלווינט, שניי־פאַרשאָטן זענען געוואָרן די פענצטער, אָפגעמעקט די שטעגן צו די דריבנע יישובים, איז עס געווען ווי דער שטייגער אין באַרג־געגנטן, די בשורה אויף שווערע, צוקנדיקע פרעסט וואָס שנײַדן אָפ די פעלדישע רחבותן פון דער שטאָטישער אָנגעמויערטקייט. טאַקע מיט די ערשטע פרעסט האָט זיך אין אַלמאַ־אַטאַ אַרײַנגעשטעלט אַ נײַער רציחהדיקער הונגער. אין מענטשישע אויגן האָט

זיך אײַנגעגעסן בהלה: אױ־אױ, װאָס זשע װעט זײַן מאָרגן? מירן שױן אױף לעצט אױסצי̈ען די קאַפּיטעס!! די גאַסן זענען שױן פֿאַרװאַלגערט מיט שנײ־הורמעס, מיט אַ סװישטשנדיקער פּוסטעניש האָט זיך אָנגעהױקערט דער גרױסער מאַרק, װאָס צו אים זענען שטענדיק געװענדט אַלעמענס בליקן. אַצינד האָט די נױט גאָר געדריקט אױף דבֿורהקען. אַ ליאַדע־װאָס זענען אָנגעסטן אַרױס אױף איר. אַ פּלוצלינגע היץ האָט אָפּטלעך זי אַרומגעריפּט מיט אַ פֿלאַם װאָס איז לסוף אַריבער אין אַ דױערנדיקער שאַרפֿער קילקײט. „ס׳שלעכט מיט מיר. שמואלעקן װעל איך נישט דערלעבן צו זען”, און אַ געװײן האָט צודרינגלעך זיך געשטעלט בײַ איר זײַט. אַ בילע־װאָס — זי װײנט פֿינצטער.

דבֿורהקע האָט גענומען מער טרױערן: איטלעכע אַרבעטערקע האָט עמעצן װאָס שפּאַרט זי אונטער אין דחקות. אַן אַלטע מאַמע, אַן עבֿר ובטל־דיקן טאַטן, אַ דערװאַקסן קינד. אַזאַ זוכט אױף אַן אָטשערעד, ברענגט אין שטוב אַרײַן אַ פּאָר קאַרטאָפֿל, קלײַבט צונױף אין גאַס שפּענדלעך. די כּוחות טראָגן זי נישט מער. איר װעט דער הונגער צעטרעטן. פֿריער האָט דאָס מענטש קנאַפּ געגעסן, אַצינד האָט דער הונגער רעכט זי אָנגעגריפֿן מיט פֿאַרביסנקײט, שאַרף זי פֿאַרליאַרעמט. פֿאַװאָליע, און דבֿורהקע האָט אױפֿ־געהערט באַנעמען די װאָר. זי׳ט זיך געשפּירט אַזױ, גלײַך פֿרעמדע כּוחות װאָלטן זיך פֿאַרמאָסטן זי צעטראַטעװען מיט װילדע פֿיס.

מיט אַ מאָל — דבֿורהקע האָט זיך נישט געקענט דערהײבן פֿונעם ברעט. געבליבן אױף דער שװעל פֿון אומפֿאַרשטײן דעם מעמד װאָס האָט זי אַרײַנגעװאָרצלט אין איבלדיקע טראַנטעס, װעלכע זענען סײַ איר הלבשה, סײַ דאָס בעטגעװאַנט. װײַט אין זיך אָפּגעפּילט אַ קלאַפּ װי דעם אָפּהילך פֿון געשװילעכטס װאָס בײזע הענט דריקן אױף אים און דערפֿון האָט זיך געפּלאָנטערט אַ קנױל אין איר געהירן: „װילסט נישט קומען, שמואלעק?” דער מוטנער טאָג האָט דערױף זיך אַרײַנגעבױגן צו איר דורך דעם קלײנשױבלדיקן פֿענצטערל און געהאָרכט די טריט פֿון דער מיסטעריע — מענטשיש טראַכטן אין מענטשישן עלנט. דערנאָך האָט די שלאָפֿע דער־שפּירט אַז ס׳געלעגער איז איר ענג. די קאַמער האָט זיך געװיגט, דער קאָפּ װאָס אין גלי הענגט װי אַן אָנגעצונדענער גלעזערנער באַלעם. קראַנק? די אַנטפּאַלענע האָט מטושטש באַנומען דאָס דערטרונקענע קלערן װאָס האָט זיך איר געשטעלט פֿאַפּערעק. אַזױ פּלוצלינג איז עס געשען און דבֿורהקע איז געװען אַרױסגעשטױסן פֿון דער רגילות װאָס האָט ביז איצט געטריבן

איר שרעק נישט צו פאַרשפּעטיקן, אויסצומײַדן די שווײַגנדיקע דראָונג פון דעם וויכטיקן מיכאַילאָוו. ר׳איז כמו נישט שטרענג, ער באַווײַזט צו מאָל אַ שמייכל, אָבער דער שמייכל איז אַ שלעכטער אָנזאָג. פייגעלעך זענען איר אַלע (זאָגט זײַן מינע). איכ׳ל אײַך אָנלערנען! נאָך זײַנע קומענישן אין ווערקשטעל אַרײַן, פאַלן אַלע מאָל ביטערע פּסקן. מ׳וואַרפט איבער די מענטשן אויף שווערערע דעטאַלן פון דער פּראָדוקציע, מ׳דראָעט — נישט צו שטעלן אויפן צעטל צו באַקומען אָרדערס אויף אַ פּאָר זאָקן, אַ שטיקל זייף. דעמאָלט שפּירט דבורהקע גלײַך עפּעס קלעפּיקס וואָלט זיך אײַנגעביסן אין איר הויט. דער איז אכזריותדיק ווי דער פראָסט וואָס טרײַבט שמואלעקן. שטיל־שטיל פלעמלט ער אָפּ די אויערנלעפּלעך. פון פראָסט־ווײַסקייט איז פינצטערלעך דער אָנסופיקער סיבירער פליין. אויף זײַנע מרחקים, וואָיען סטײַעס וועלף — — —

געפאַלן צו בעט און געבליבן ליגן ווי אַ שטיין. אין דבורהקעס געהירן האָט עס געראַשט גלײַך כוואַליעס וואָלטן אויף איר אָנגעגאַנגען. ס׳האָט דעם שאַרבן אַראָפּגעשווערט צום פײַער פון אָנגעטונקלטן אייגנגעפיל. אַ רגע זיך אַרויסגעקראָגן פון אָנמאַכט, האָט זיך דער שלאָפער געדאַכט: אָט פּלאַצט דער קאָפּ. ער׳ט נעמען זיך שיילן גלײַך אַן אַדורכגעבראָטענער, הייסער קאַשטאַן. דבורהקעס וואָר געפיל איז געבליבן ווי אַ שאָטן אויפן שטיל ריזלענדיקן פּנים פון אַ טײַך —

אומגעהאַריש צעפלאָסן איז איר לײַב און דער הימל זידט פון דער־נעענטערנדיקע דונערס.

אין יענעם לאַנגן דעמער האָט זיך פון איר אַרויסגעקראָגן דער ווײ פון אַ צעפּײַניקטער:

— אַ־אַאַ־אַאַ! מאַמממ, מאַאַאַ־מממעעע!

ס׳האָט געציטערט איר קול איבערן צעוואַקלטן זײַן פון אַן אײַנגע־שרומפּענעם גוף.

זון־צעשיקלט שלײַכט זיך פאַרבײַ דער טאָג; וואַטע־כמאַרעס דריוו־לען זיך אין מולטער פון הימל. דער בלענד וואָס אָנגעשווומען, שנײַדט אויף די פינצטערניש, אָבער דבורהקעס בליק קען נישט דערלאַנגען צו אים. פאַרוועבט אין היץ האָט זי טייל מאָל געפּרוווט אויפהייבן דעם קאָפּ, אָבער ער איז באַלד צוריקגעפאַלן. די שלאַפע האָט געשמאַכט אין ווײַטער פאַר־געסנקייט. לעבט זי נאָך? —האָט איר מוח אנגסטיק אויפגעבליצט.— פאַר־וואַלגערט אין שטרוי פון אָנגעבערגלטן זכרון האָט ערגעץ אין איר נאָך

אויפגעטליִעט דער פּאַרווישטער ווילן צו זען שמואלעקן, דערציילן פון זיך. „נישקשה שמואלעקשי, כ׳גיב זיך אַן עצה... זײַ נישט ברוגז, איך בין אַ ביסל מאַט, ווײַל רעכט נישט צוגעקליבן״ — —

עס איז געווען דער באַנומענער געראַנגל פון אָנגרײַפנדיקן טויט אַנטקעגן די לעצטע כוחות וואָס דרימלען אין די בלוטן. פּרעסנדיקע, אײַנ־קלאַמערנדיקע היץ האָט די שלאַפע אָפּגעוואָרפן אין אַ הויכער טונקל־קייט אַרײַן. „מממאַאַ״, — האָבן זיך גערירט אירע פאַרטריקנטע ליפּן און אַ רויִקער דעמער האָט אַרײַנגעאָטעמט אין אירע וויִעס.

*

ווען אין טאָל האָט זיך אַראָפּגעזעצט דער אָוונט, האָט אַ באַרגיקער ווינט אַרײַנגעשפּאַרט זײַנע פאַרשייטע קודלעס אין דער טיר־שפּאַרע פון קעמערל דער בעזשענקע דבורה בוימוועקס און זי אויפגעפּראַלט, די טיר, אָבער תיכף זי צוריקגעוואָרפן און ווידער זי אויפגעריסן מיט באַסט. דער נייגיר פונעם ווינט האָט ליאַרעמדיק אַ הילך געטאָן איבער דער פאַר־שלאָפטער און זי קוים באַוועגט אין איר פאַרפאַלנקייט. דעמאָלט האָט לענגער אָנגעהאַלטן די פּראַלערײַ פונעם טיר־ברעט; ס׳האָט געפּויקט, גע־שפּרונגען אונטער בייזע קאַטאָוועסן, אָנגעטומלט דעם חלל. דאָס האָט די שלאָפע אויף אַ ווײַלע אַרויסגעצויגן פונעם שמאַך. די אַנטפאַלענע דבור־רהקע האָט בכל הכוחות זיך אַרויסגעשטרעקט פון דער משא, אָבער איר׳ט געסטײַעט שטאַרקייט בלויז פאַרן קול וואָס האָט זיך נישט געלאָזן אײַנ־מידן:

— מאַממממע, מאַאַן ממאַ־מממממע!

לאַנג האָט זי איבערגעחזרט דעם רוף פון ווײ, ביז עס האָט זי דער־הערט קאַטיאַ, די באַלעבאַסטע קאַטיאַ.

אין שפּעטער שעה איז קאַטיאַ געקומען אַרײַנצושפּאַנען אין דער ווינט־צעקעמטער פינצטערניש. „באַלד, באַלד,״ — האָט זי אײַנגערויִקט אירע יינגלעך, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר דער שטעכעדיקער טונקל־קייט, וואָס איז טיף געזונקען אַרום כאַטע. אָבער אויף דער שוועל האָט זי זיך געשטרויכלט אויפן געקרעכץ, וואָס עס האָט אויפגעיאָזשעט די אויפ־דערנאַכטיקע שטילקייט.

„אַ פרעמהער ט׳זיך אַרײַנגעקראָגן אַהער; אַ צעממיתטן אָדער אַ באַ־גזלטן מיר אונטערגעוואָרפן? אױ־וואַאַ, שלימזלדיקע קאַטיאַ. דו וועסט זיך

נישט קענען דערוואַשן פון אַזוינס. דער מיליץ מוז איך שוין לויפן מעלדן; כ׳על רופן מיליץ, איידער ליכט אָנצינדן״. איר מויל איז געווען פול רייד־דיקן געדאַנק און קולות פון שרעק, פינצטערניש־ליאַרעם האָבן טעמפּ גע־קלעטערט איבער איר גאַנצן חיות.

— איר׳ט שוויַיגן, ממזרים! — האָט זי זיך שוין געוואָרפן אויף די ייִנגלעך וואָס האָבן זיך געקניפּט צו דער מאַמען, נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ענדהלעך איז קאַטיאַ זיך בייַגעקומען און ממש אַרייַנגעשריגן אין תהום פון דער פינצטערניש וואָס האָט אָקערשט זיך צעקייכט אַנטקעגן איר מיט אומ־באַשטימטקייט:

— קטאָ טאַם? ענטפערט! אָבער בלויז דער חלל האָט זיך אָפּגערופן מיט געהיימער שטרענגקייט. זי׳ט להוט אַרייַנגעקוקט אינעם חושך. פון מאָל צו מאָל האָט זיך ווידער צעוויגט אַן איַינגעגעסענער געקרעכץ.

— דו ביסט עס, דאָראַ? —האָט קאַטיאַ דאָרשטיקער אָנגעשטעלט איר געהער — היי, דו, וואָס זיצסטו אָן פייַער! — און נישט דאָ:ק שוין געשניטן מיט אירע הענט, מיטן שווערן לייַב די אָנטאַפּעוודיקע פינצטערניש. — וואָס איז מיט דיר, דאָראַ?

אָפּגעשטויסן די ייִנגלעך האָט די ליסוכינאַ זיך שוין דערדראַפּעט צום דערבייַיקן קעמערל. דאָ האָט זי זיך פאַרקירעוועט צום בערגל שמאַטעס, פון וואַנען זי׳ט דערווישט דעם פאַרלעגענעם געכאָרכל. נאָענט צוגעגאַנ־גען און אַרייַנגערעדט אין דער טונקעלער אָנבערגלונג:

— טאַקע דו? זשענשטשינע, ס׳אַראַ צעקראָכענע דו ביסט! לאָז, וואָס האָסטו זיך פאַרבאַהאַלטן? אַנו, ווייַז אַרויס דעם קאָפּ. (צו זיך) קאַלט ווי די וואַנט איז זי. ששאַ, איכ׳ל דיר נישט קיין שלעכטס טאָן. אַן אויסגעדרענג־טן קאָמפּרעס וועט נישט שאַדטן. וואַסער צעפּאַרעט ס׳לייַב. קודם אָנצינדן ס׳קאַנעצל און דערנאָך אַרייַנגיין צו קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. שאַט׳ס, ממזרים! — האָט זי אינדעם אָנגעשריגן די ייִנגלעך, וואָס האָבן מורא געקראָגן פאַר דער מאַמעס געטועכץ אַרום דעם הויפן טראַנטעס וואָס׳ט אָפּגעגעבן מיטן שלעכטן ריח פון טויט. טויט, טויט, — ווי אָפּט די מאַמע ברענגט דאָס אי־בערן מויל!

אין אימה האָבן דער ליסוכינאַס קינדער זיך געקאָרטשעט אין דעם קנוידער נאַכט, וואָס האָט זיי געדראָעט און מידע באַלד אַרייַנגעשוויגן אין פּנים פון דרימל.

## 7

כאָטש נאַכט האָט פאַרדעכטיק, שאָטנדיק צעשווומען זיך געשאַרט אי־בער די צעגראָבענע גאַסן פון טאָל, האָט די גיכפּיסיקע, ברייטלעכע קאַטיאַ אַרײַנגעבראַכט מאַסיוו לעבן אין דעם אָרעמען קעמערל פון דאָראַ דער בעזשענקע. אַן איבעריק מאָל אָנגעשריגן אירע יינגלעך, וואָס האָבן נאָך מורא געהאַט אויף זיכער אײַנצושלאָפן, ווײַל אָן דער מאַמען בײַ דער זײַט, האָט זי דערנאָך אײַליק, שטיל אָנגעקלאַפּט אין עטלעכע אייַנגעגאַכטיקטע פענצטער:

— היי, איר האָרכט? שלאָפט נישט אַז אַ מענטש גייט אויס. יאָ, ס'איז אַ היימישע. די ליסוכינאַ. שרעקט זיך נישט. אַ מענטש איז אַנטפאַלן, מײַן שכנה.

אין דער שאָרכנדיקער שטילקייט האָט דאָס גערייד פאַרהילכט די גאַס וואָס איז געלעגן אויפגעהאָרבעט איבער שיפּע דעכער, זיך אַראָפּגעגע־נייגט פון ביימער און טייל מאָל זיך צערעשט מיט אַ וויו־וויו־ו. די איבער־געוועקטע האָבן פון דער פינצטערניש אַרויס אויפגעהויבן זייערע קעפּ פון אויסגעוואַרעמטע קישנס, אָנגעשפּיצט ס'געהער צו די שוואַרצע שויבן.

עך עך, אַ טרעוואָגע!

— קומט, טײַערינקע, —איז קאַטיאַ שוין צוגעשטאַנען צו די וואָס אויף יענער זײַט נאַכט, ווו ס'איז וואַרעם, אַרײַנגערעדט אין דער שוואַרצ־קייט: — וועט אײַך זײַן סאָוועסטנע אַז אַ נשמה וועט אויסהויכן מחמת אײַער פוילקייט. איר'ט נאָר אַביסענקע פאַרהעלפן ווי לאַנג ס'איז נאַכט. קומט, כ'האָב מורא צו זײַן איינע אַליין מיט אַ מסוכנער. אַנדערע קומען אויך. מאָרגן וועט זײַן אַ דאָקטער, וועט ער נעמען אויף זיך די אחריות און ניט מיר.

— האָט נישט פאַראיבל, —האָט די ליסוכינאַ שוין געפּויקט פאַראי־בלדיק אין אַן אַנדערער כאַלופּע— וואָס, אײַך וועט אויסוועפּן די וואַרעמ־קייט פון דער פערענע? אַ מענטש צאַפּלט זיך, זאָל ער האָבן כאָטש אַן אויער פאַר זײַן פּײַן. הייסן עסיק? כ'האָב נישט קיין טראָפּן עסיק. טוט פאַר אַן עלנטער, אָליאַ וויקטאָראָוונאַ. נעמט מיט אַ ביסעלע עסיק פאַר אַן אײַנ־רײַבונג. פאַראַן בײַ מיר מיאַטע, רומאַשקע. אַ דאַנק, אַ דאַנק — און אויס־געפּרייכט פון אָנשטרענג: „דאָ לויערט דער טויט און זיי קריכן פּאַוואָלענ־קע, באָזשע טי מאָי!”

און עס האָבן זיך צעסקריפּעט טירן. זאָל זי נאָר נישט בלײַבן אַליין

מיט אַזאַ שלאָפּער — האָט קאַטיאַ שוין אָפּגעשוידערט פון דער ביינאַכטיקער קעלט און פונעם געדאַנק וועגן טויט וואָס פּויזעט אַרויס יעטוועדע רגע אַנטקעגן דעם מענטש וואָס ליגט אין אָרעמקייט. אין צעשווומענעם טונקל האָט דאָ און דאָרט זיך באַוועגט אַ פלעק, איבערדריסיק האָבן אָפּגעהילכט מענטשישע טריט. אַ פאַרבאַבלטע געשטאַלט האָט באַוויגן די שטאַרקע פינצטערניש. אויף נישט איבערצוועקן דעם שלאָף, האָט אַ שטילער כריפּ זיך אַריינגעוואַקלט אין אַ שטים וואָס האָט זיך צעהודזשעט מיט נאַכטיי־שער צוריקגעהאַלטנקייט:

— איר, נאַדיאַ יעגאָראָווּנאַ? ווייל וואָס איר זענט דאָ. מירן באַלד גיין ביינאַנד.

פּאַוואָליע האָבן אין דרויסן זיך געזאַמלט ווייבער אין גראָבע פּאַ־טשיילעס, אין שווערע טולופּן און זיך אַריינגעהאָרבעט אין פּראַסטיקן נעפּל וואָס איז נידעריק געהאָנגען איבער דעכער, ווי וואַטע זיך געשווימט אי־בער נאַקעטע צווייגן. איינע אַ שטים האָט זיך דורכגעריסן אָט אָ אין דער שטילקייט וואָס האָט שאַרף געגליווערט אַריבער דער נאַכט:

— וואָ׳דען? מיך וועט מע נישט פאַרגעסן. גלייבט, וואַליאַ באָרי־סאָווּנאַ, כ׳בין נאָר וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן. כ׳האָב מיך שטאַרק איינגע־מאַטערט ביים סאַקסאַול. * איר׳ט נישט געהערט אַז מ׳האָט געבראַכט אַ גרויסן טראַנספּאָרט האָלץ? אויף דער באַנסטאַציע געווען אויסלאָדן וואַגאָנעס סאַקסאַול, די הענט נישקשה צעדראַפּעט, געפּטרט אַ קאָפּטל, אָבער ס׳איז כדאַי. באַקומען אַ ביסל האָלץ, שווערע שטאַמען, אַ סטזיגל קרומע צווייגן וואָס קוים־קוים פאַרנומען אויף מיין קאָליאַס שניי־שליטל. כאָטש אַ פּאָר טעג וועט זיין געמיטלעכער אין הויז. טאַקע באַלד אויסגעהייצט אויף ביי נאַכט. שלעכט —האָט יענע שוין אויסגעזיפּצט— אַז אַ מאַנצביל איז נישטאָ אין דער היים. דערצו אַזאַ טרויעריקער ווינטער זיך אַראָפּגעלאָזן. אַלץ פאַר אַ מאָל!

— דער ווינטער וועט אונדז אויסדישען!

— אוי, אוי, פון מיין אַלטן נישטאָ קיין ידיעה, — האָט אַן אַנדערע פּלוצלינג אַריינגעוויינט אין דערוואַכטן באַוווסטזיין פון די געשלאָגענע, וואָס זיך צזנויפגענומען אין קרירהדיקן דרויסן.

---

* אַ בוים פון אַזיאַטישן מידבר; וואַקסט דאַר, סקעלעטיש, אָן בלעטער, גיט נישט קיין שאָטן אין די טראָפּישע היצן, דינט פאַר באַהייצונג מיט זיין שטאָל־האַרט האָלץ.

— ששש, מ׳וועט די הינט אַרויסלאָזן אויף אונדז. לאָמיר לאָזן שלאָפן די שלאָפנדיקע! איר גייט, ליבינקע? יענער דאָרט איז טרויעריקער, ליגט געל ווי אַ מת (אָפּוואַרטנדיק שוויַגן). גייען מיר, איאָ?

דאָס האָט קאַטיאַ ליסוכינאַ זיך געלאָזט הערן שוין מיט ענערגיע.

*

צונויפגעקליבן זיך עטלעכע שכנהס, האָבן זיי אַרום דער שלאָפער צערודערט די מענטשישע איבערגעשראָקנקייט פאַרן טויט וואָס האָט אָט־אָ אַרויסגעשטעקט זײַן געשפּענסטיקע ביאָניע.— אָ, ווי דאָס אומגליק האָט שטאַרקע פּיס! — האָט נאַדיאַ יעגאָראָוונאַ זיך בריהש אַ נעם געטאָן צו דער קראַנקער, פליסיק געטאַפּט איר שטערן, געזוכט זי אײַנצוודעקן. —צוערשט דאַרף מע דערמינטערן די פאַרחלשטע.— האָט זי ברוסטיק זיך צעטרומייטערט מיט איר כריפּלע קול איבער דער נאַכטישער קאַמער און הינטער זיך געשפּירט די אַנדערע, וואָס וואַרטן אויף אירע אָנווייַזונגען: טוט, גייט. דערוויַיל האָט נאָר נאַדיאַ די סטעלמאַכטשיכע לאַנג אויסגעצויגן־געבויגן געפּירט איר וויכטיקן שאָטן איבער דער וואַנט און דײַטלעך אויסגרימאַסעט איר רחמנות צו דער וואָס ליגט פאַר איר ווי אַ שטיק ליים. בעת די סטעלמאַכטשיכע האָט זיך געפּאָרעט אַרום דער שלאָפער, האָבן בײַם בינטל ווייַבער, וואָס געשטאַנען צונויפגעדרענגט אויף אַן אָרט, ווײמוטיק אונטערגעציטערט די גאָמבעס און ס׳האָבן זיך בייגיריק געשאָטנט אויף דער וואַנט די עקן פון זייערע אונטערבונדענע קאָסינקעס, וועלכע האָבן שטום זיך צוגעהאָרכט, געבליקט צו דער ליגנדיקער: „קוים זי זשיפּעט״. טייל האָבן עס אַפילו אויסגעמורמלט אין בולטן וויגן מיט די קעפּ.

— אַך, ווי דאָס אומגליק אײַלט זיך אַהין וווּ די באַלעבאַטישקייט בלײַבט הינקען!

— אַז באַלד צערעוועט זיך די בידע! ווי אַ שטשעניאַק צעקוויטשעט זיך דאָס!

די סטעלמאַכטשיכע האָט נישט געקענט פאַרלײַדן דאָס זיפּצעניש. זי׳ט זיך אַ הוידע געטאָן מיט דער אויסגעבויגענער פלייצע:

— עע־ע, ביי אונדז איז פאַרשייט די אָרעמקייט. כאָטש פאַרשטעק איר אַ לענטעלע אין די ברודנע האָר!

— ס׳אַ נאַרישקייט דאָס זיפצן! ווער קען זיך עס אָפּיאָגן פון דער בידע?

דערנאָך האָבן שוין אַלע ווײַבער זיך פֿאַרפֿאָרעט אַרום דער שלאָפֿער, וואָס איז געלעגן מיט פֿאַרבאַקענע געהירן און שוואַך געסאָפּעט. אין מיטן דערינען איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ קורצן שלאָף. מעשה־באַלעבאָסטע האָט קאַטיאַ אין איר דערנעבנדיקער שטוב, אונטער דער שײַן פֿון אַ זשמורנדיק לעמפּל, אײַנגעהייצט די הרובע, אויפֿגעזאָטן אַ גרויסן טשײַניק, אָנגעגאָסן אַ פֿלאַש הייס וואַסער, און אַ פֿאַרוויקלטע מיט אַ טראַנטע זי געלייגט צו־פֿוסנס דער שלאָפֿער.

— נאַ דיר און וועסט ווערן געזונט, — האָט זי באַרימעריש גערעדט אין קאַמער אַרײַן. נאָך דעם האָט זי זיך אויסגעדרייט צו די שכנטעס: — ס'עט איר זײַן וואַרעם, וועט זיך אויפֿטייען ס'אָנטגאַנגענע חיות.

די ליסוכינאַ האָט באַשײַמפּערלעך זיך שוין איבערגענומען מיט איר אויפֿטו.

— און איצטער איז נייטיק אַ לעפּל וואַרעמס דער שלאָפֿער אין מויל אַרײַן. אַ פּיאַלקע * טיי וואָלט געווען דאָס בעסטע, — האָט נאַרײַעט גאַליאַ אַלעקסייעוונאַ וואָס ס'האָט אויסגעוויזן, אַז זי איז אָט־אָ אַנטדרימלט געוואָרן. און האָט זי זיך אָפּגערופֿן, האָבן לײַט זיך געחידושט און געזען ווי וואַך ס'ציטערן די האַריקע וואָרצלען אויף איר פּנים. — ריינע טיי טוט אויף מער ווי אַ רפֿואה פֿון אַ דאָקטער, — האָט זי געזאָגט.

— ס'איז ריכטיק. מ'באַדאַרף איר געבן טיי, — האָט ווער צוגעבאָמקעט און קאַטיאַ האָט תיכף געפֿאָלגט. אײַליק אָנגעגאָסן פֿאַרעדיקן טיי, מיט אַ לעפֿעלע האָט זי אויפֿגעשפּאַרט דער שלאָפֿערס מויל און אין איר אַרײַנגעקראָגן אַן ערשטן שלוק.

— געזען, ווי שוועך ס'קומט אָן בײַ איר? — האָט זי זיך אויסגעדרייט צום געזעמל ווײַבער.

— אַ טראָפּן, און ווי ער קען ראַטעווען אַ מענטש! — האָט זיך געלאָזט הערן מאַרוסיאַ די שוסטעריכע. — זעט, ס'עפֿענען זיך איר די אויגן.

— זי איז דאַנקעוודיק פֿאַרן גוטס.

— כאָטש געזיסט דער טיי? — איז די סטעלמאַכטשיכע געווען נייגיריק. ערשט האָט זיך אָנגעזען אַז די קאַמער, אַ בלינצנדיקע פֿון נאַכטישער מידיקייט איז זי פֿול מיט ווײַבערישער וואַכעדיקייט. אַ סך צעשוי־

* אַ טיף גלאַזורירט קליין שיסעלע פֿאַר טיי־טרינקען, וואָס ווערט געניצט אַנשטאָט אַ גלאָז.

בערטע, אין שאַלן פאַרוויקלטע קעפּ האָבן זיך מיט אַ מאָל צעוויגט, רעכט דערוועקטע.

— געוויס. זיס׳ גיט כוח. און עס האָט אויסגעוויזן אַז די פרויען זע־נען געוואָרן להוט צו דערהערן זייערע אייגענע געדאַנקען.

— וואָ׳דען, אויב נישט זיס? אַ שלאָפער זשאַלעווען אַ סאַכאַרינקע! — האָט קאַטיאַ לענגער אויפגעהויבן דעם בליק צו די אַרומזיצנדיקע, צי אָנ־געלענטע אין דער וואַנט. זי׳ט זיך געגרויסט מיט איר ברייטגיביקייט: אַליין סלאַוואַ באַגו אַן אָרעמינקע און פאַרגינט יענעמען פון דאָס איריקע.

דערשפּירט אַ צוגערונענע ווילע זאַפּטיקייט אין קעל, האָט די שלאָפּע אינדעם צעעפנט די ליפּן, גיריק זיי באַוועגט; זי׳ט אַראָפּגענומען נאָך אַ שלוק און אויסגעקרעכצט די שווערקייט וואָס האָט זי אָנגעגאָסן מיט פּיין.

און האָט די קראַנקע באַוויזן סימנים פון שוואַכער אויפגעלעבטקייט, האָט ביי די ווייבער מיט מאָדנער אומגעריכטקייט פון ס׳ביי זיך געוועקט די אָנפינצטערנדיקע אימה פאַרן טויט, וואָס איז עלול אַריבערצושפּאַנען אויך זייערע היימישע שוועלן.

— ס׳נישקשהדיק ערנסט מיט דער, — האָט ווער פון זיי טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— די בידע ווייס נישט קיין קאַטאָוועסן, מיין טייערע!

— ס׳איז נייטיק צו שטעלן באַנקעס! באַנקעס צערודערן ס׳בלוט, נאַ־דיאַ יעגאָראָוונאַ.

— איכ׳ל גיין ברענגען, —האָט אַ באַבע, ביי ווען ס׳האָט אַרויס־געקוקט בלויז איר נאָז פון דער פּאַטשיילע, מיט אַ מאָל זיך אַרויסגעשטעלט מיטן אייפער אויפצוטאָן פאַרן לעבן וואָס אָקערשט אין סכנה. זאָל איך גיין?

— און געוואַרט מ׳זאָל איר עס זאָגן.

— לאָזן בלוט וואָלט געווען ריכטיקער! —איז אַן אַנדערע אַרויס פון געפלעפּטקייט.— ביי דער שלאָפער איז מסתמא אַ שטאַרקע פאַרקילונג. מ׳ווייס, ווען זי׳ט זיך אָנגעהויבן, אָבער שלעכט אַז מ׳פאַרוואָרלאָזט זי. ס׳בלוט ווערט קאַליע ביי פאַרקילעכצער, באַדאַרף מען עס אָפּצאַפּן, אַניט איז נישט קלאָר מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן. האַ־האַאָ, די קרענק נעמט זיך ערשט רירן —טייטשט די באַבע— ווען זי שפּירט דעם רויש פון אָפּציַען דאָס שלאָפּע בלוט!

— נישט קיין באַנקעס און נישט קיין פּיאַווקעס, —איז אויך קאַטיאַ אַרויס מיט איר וויסיקייט.— מירן נישט פאַרקאַנקורירן דעם דאָקטער.

איצטער באַדאַרף מען צוהיטן די שלאַפֿע זאָל נאָר דעכען. ס׳וויכטיק אָפּט איר געבן אַ לעפֿל וואַרעמס און זיס׳ אין מויל אַרײַן, לייגן הייסע פֿלעשער צו די פֿיס און וואַכן. איר׳ט זיך בײַטן, זשענשטשינעס, אין דיזשורסטוועס. ווער ס׳עט וועלן, וועט קענען זיך צושפּאַרן. ס׳איז גרייט אַ געלעגער. איכ׳ל אויפֿזײַן בײַנאַנד מיט אײַך. אַ שעה צוויי איז גענוג. ביז אין דער פֿרי איז נאָך ווײַט. אויף דערוואַרעמען זיך די געדערעם, וועל איך אָנהאַלטן פֿײַער אין דער הרובע. קיפּיאַטאָק וועט זײַן. מסכּים, ווײַבער?

ווילנדיק, נישט ווילנדיק האָבן די פֿרויען אומעטיקלעך געצוקט מיט די אַקסלען: „מילא״. נאַדיאַ האָט אַ וויג געטאָן מיטן שטערן אויף יאָ: — מ׳באַדאַרף ערשט פֿרעגן? — האָט זי נאָך אַריבערגערעדט איבער אַלעמענס קעפּ וואָס זענען באַצײַטנס געווען אַראָפּגעהאָנגען באַלעסטיקטע, מיד. — אויף דערויף זענען מיר דאָך אַרויסגעקראָכן פֿון די געלעגערס.

הינטערן דריבנעם פֿענצטערל האָט געפֿויזעט די פֿינצטערניש. דער פֿראָסט האָט געטרעשטשעט אויפֿן ליימענעם דאַך. דאָס בלאָס בלישטשנדיקע פֿלעמל אין קאַמער האָט פֿון מאָל צו מאָל דערמאָנט די אָנגעהויקערטע ווײַבער אויך אָן דעם פֿײַער, וואָס קען אויסגיין און אָניאָגן אַ קעלט. ביזן פֿרימאָרגן איז ווײַט, מע באַדאַרף קענען אויסזיצן; ערשט אין דער פֿרי וועלן זיך צעבינדן די פּענטעס וואָס האָבן געוואָרפֿן זייער שלאָף אויף צאַפּלעניש אַנטקעגן די פּחדים וואָס פּלאַטערן דאָ אַרום, צופּן אויס שטיקער לײַב.

ס׳איז געווען אַ שטאַרק אומהיימלעכע וואַכנאַכט וואָס קאַטיאַ ליסוכינאַ די ייִנגסטע פֿון די ווײַבער, האָט איבערגעדויערט מיט אַ צוגעלעגנקייט אין קול. די אַנדערע האָבן אָנגעהאָרבעטע זיך געטוליעט אין די גראָבע טײַכער, געקוועטשט די אויגן, כּדי נישט אין גאַנצן אַנטשלאָפֿן צו ווערן. די שלאַפֿע האָט געקרעכצט. פֿאַרבאַגינען האָט קאַטיאַ מיט ענערגיע און אַליין אויפֿגעצוווּנגענער איידלקייט אַלע פֿונאַנדערגעטריבן אַהיים.

— גענוג ביז אַהער פֿאַר אײַך, זשענשטשינעס, אָפּגעדינט, זאָגט אײַך די שלאַפֿע ספּאַסיבאָ. איצטער גייט אויפֿבלאָזן דעם סאַמאָוואַר. איכ׳ל צולויפֿן צו קלאַראַ איסאַקאָוונאַ, אַ גוטע באַקאַנטע דער דאָזיקערס. זאָל זי צוהיטן אַן אייגענע און איך וועל אָנזאָגן אין דער ניי־פֿאַבריק אַז די דאָראַ איז קראַנק: זאָלן זיי צושיקן אַ דאָקטער, נעמען אין שפּיטאָל אַרײַן. דערנאָך וועט גיין פֿאַר מיר אַ לאַנגער טאָג. צו קאָרמענען צוויי יאָטלעך און אַליין

אויך קענען זיך דורכשלעפּן איז נישט קיין קאַטאַוועסל, האַ? אַ גוטינקן אײַנך, חשובע. איכ'ל זיך באַלד פאַרנעמען אין שטאָט אַרײַן. שוין, שוין, ייִנגעלעך, גייען מיר, — האָט זי אין מיטן דערינען אַרײַנגערעדט אין איר טונקעלן חדר. באַלד דערויף האָט זיך טאַקע צעקלונגען דאָס שלעסל, וואָס זי'ט אויפגעהאַנגען אויף איר טיר.

8

צו מאָרגנס האָט קאַטיאַ ליסוכינאַ „פול געמאַכט" די ניי־פאַבריק נומער צוויי מיט דער קראַנקער וואָס זי'ט איבערגעלאָזן אַליין אין אָפענעם קעמערל אַראָפּ־שטאָט.

— דאָראַ באַאַמוורערק איז שווער שלאַף. —האָט זי פאַרפרי געמאָלדן דער סעקרעטאַרשע פון דער אונטערנעמונג און אירע ייִנגלעך האָבן דערשראָקן זיך צוגעהערט צו דער מוטערס ציטעריק אומפאַרשטענדלעכן רעדן. מאַמאַ, קום, — האָבן זיי באַלד געצויגן קאַטיאַן בײַם קלייד, געצופט איר די האַנט. די באַגײַענדיקע שאַרף־לאַמפּיקייט פון פאַבריק־קאַנטאָר האָט זיך אַרײַנגעגראַבלט אין דער נישט־דערשלאָפנקייט פון די ייִנגלעך, פאַרפרישעט זייערע אויגן. — אַ טיפּוס מסתמא בײַ דאָראַן, — האָט פון דער ברייטבייניקער קליינער קאַטיאַ געשפּאַרט דער חשק צו רעדן וועגן דער שלאָפער, באַדויערן זי.

איר מויל האָט געמאָלן און די גראָלעכע שוואַרצאַפּלען זענען אונטערגעשפּרונגען אונטער אירע פעסטע, מאַנצבילשע ברעמען.

— ס'איז אַנשטעקיק, דאַרפט איר וויסן! —האָט זי געטענהט.— גאָט באַהיט — אַ „טיף". און איך האָב קליינוואַרג!

— אַ טיף? אַנשטעקנדיק, זאָגט איר, דאָקטאַריצע? — איז דאָס קאַנטאָר־מיידל אויפגעשפּרונגען מיט כעס מחמת דער אומגעריכטקייט צו מוזן אַנקוקן די, וואָס האָט זיך צו גערדיכט צערעדט אויפן ניכטערן.

— איז אפשר אַן אַנדערע געפערלעכקייט, — האָט קאַטיאַ זיך באַלד געשטרויכלט אַנטקעגן דער יונגער בײַם טיש וואָס אַנגעוואָרפן מיט פּאַפּירלעך, מיט רעכענונג־ביכער אונטער געל־גרינלעכן פלאַם פון עלעקטריע. — פון היץ איז זי געפאַלן ווי אַ בערוועניע. אַ נעסטשאַסטנע פּרוי, האָט דאָ נישט קיינעם. אַ קראַנקע מסתם שוין לאַנג זיך געשלעפּט. בײַ מיר האָט זי נאָר אַ ווינקל — און קאַטיאַ ענדערט פּלוצלינג דעם טאָן: — קען דען אַ פּראָסטינקע וויסן וואָס ס'געשעט מיט אַן אַנטפאַלענער? אַ

דאָקטער קען זיך אויס דערויף. מײַן זאַך איז אַ קלײנינקע — געקומען זאָגן און באַסטאַ. איר׳ט געוויס שיקן אַ דאָקטער, אמת? די שלאָפּע ליגט פֿאַרשמאַכט, אָן אַ לעפל וואַסער אין מויל. כ׳בעט אײַך, בירגערן, אײנינקע ליגט אין פֿיבער דאָרא באַמוורעק, — און ווידער נישט געקענט פֿאַרהוילן איר שרעק פֿאַר דער וואָס געלאָזן אַליין אין קאַמער, ווו די קעלט שטייט ווי אַ נעפּלוואָלקן. פֿאַרשרײַבט, — האָט קאַטיאַ שוין גענומען זיך אײַלן — כ׳בעט פֿאַרצײכענען דעם גענויעקן אַדרעס: פּרונזענסקאַיאַ 42, הויז ליסוכינאַ. אַ דאַנק. אַ גאַנצע נאַכט אויפגעהאַלטן איר לעבן אין די זשמעניעס.

— דאָסווידאַניאַ, בירגערן! — איז דעם קאַנטאָר־מײדל געוואָרן באַשײמפּערלעך נמאס פֿאַר דער אַרײַנגעקומענער, אָבער די ליסוכינאַ האָט נאָך נישט יוצא געווען. זי האָט דאָס זעלביקע געזאָגט עטלעכע פּרויען וואָס באַגעגנט, אויך דעם היטער פֿון פֿאַבריק, אַן עלטערן וואַנציקן מאַנצביל וואָס זיצט בײַם אַרײַנגאַנג און פֿרעגט יעדן וואָס באַווײַזט זיך אויף דער שוועל:

— אַ דאַיקע, צו דער טאָג־וואַכטע? איטלעכן האָט ער געמוזט אָנקוקן אין פּנים. — זײַט מוחל, איך זע שלעכט. אַ פֿרעמדער? איר׳ט זײַן אַזוי ליבלעך זאָגן אײַער נאָמען. כ׳ל אָנמעלדן.

אַלעמען וואָס דערזעען האָט די ליסוכינאַ מודיע געווען דאָס וואָס האָט זי געטריבן אַהער, אויך דעם אַלטן וואַנסאַטש:

— קראַנק געוואָרן דאָרא באַמוורעק. איך האָב מורא, עס הימלט איר לעבן. אַזוי בלייך, אַזאַ פֿאַרטראָגנקייט אין פֿיבער, אַז זי איז מער אויף יענער וועלט ווי דאָ. איר ווייסט נישט וועמען איך מײן? ס׳אײַערע אָן אַרבעטערקע, אַ בעזשענקע. אָט, אָט, אַ שוואַרצענקע מיט אַ ברוינעם יעוורעאַפּייסקי מאַנטל. יאָ, איר מאַן איז גענומען געוואָרן קיין סיביר, טראָגט זיך אַרום מיטן מאַנס וואַלענקעס. ביטער שלאָף די דאַזיקע. אַן אומרויִקע נאַכט געהאַט פֿון איר. מיט אַ ביסענקע טיי זי אײַנגעהאַלטן. גיט צוויסן די אײַעריקע וועגן דאָרא דער בעזשענקע. זאָל מען אַרײַנגײן צו איר. פּאַזשאַלויסטאַ, ס׳איז אויף פּרונזענסקאַיאַ גאַס נומער 42, אַראָפּ־שטאָט איז עס, גלײַך־גלײַך מיטן טאָל, דערנאָך זיך פֿאַרנעמען אַ ביסעלע רעכטס. איך מוז לויפֿן. אַ גוטינקן!

אײַליק האָט די ליסוכינאַ זיך דערווײַטערט מיט אירע ייִנגלעך, וואָס האָבן אינצווישן באַוויזן זיך צו צעכליפּען פֿון מאַדנעם לאַנגווײַל.

*

דער בלייכער טאָג וואָס זיך געשטעלט צוקאָפּנס דעם פּיצינקן פענצ־טערל פון קאַמער, האָט מיט נעפּלדיקן בליק אָנגעקוקט די קראַנקע. די ברעטערנע טיר איז געווען צוגעשפּאַרט אויף דער קליאַמקע. אין קאַמער האָט זיך געהוידעט אַן אײַנגעקלעמטע שטילקייט און די שלאָפע האָט זיך מטושטש געפלאָנטערט איבער די אָפּגרונטן פון פאַרבאַקענעם זכרון.

פאַרקנוילט אין די טראַנטעס האָט דבורה שווער געסאָפּעט, זיך גע־וועקט אין שמאַך, דערשפּירט די שוואַכקייט וואָס האָט געפּענטעט אירע גלידער און נישט דערלאָזט איר זיך אַרויסצודראַפּען פון די ברויזיקע וואַ־סערן וואָס האָבן געשפּילט אין איר ראיה. כוואַליעס האָבן אונטערגע־שוואָנקען אויף דעם אָנשפּאַר פאַר איר טראָט, וואָס זי׳ט באַגערט צו שטעלן. פאַרויסגעשטרעקט זיך און איטלעך מאָל זיך אַ וואַקל געטאָן. דער אָרום איז מיט איר „געפּאָרן״. אָפט האָט אַ בלענד, שפּיציק ווי אַ שאַרפער קלין זיך אַרײַנגעשניטן אין איר אָנגעפּינצערטן מהות. אַ מאָל צעעפנט די וויִעס, האָט אויף דער פאַרשמאַכטער געקוקט אַ טומאַנע פּנים און דורכגעריסענע פליגל האָבן —פּאַטשנדיק— מיט להוטקייט זיך געשטרעקט צו איר פון אַ נאָענטן דאַך־ראַנד, גלײַך זיי וואָלטן צוגעוווּנקען מיט צוזאָג: קום, איך וועל דיך פירן, אַרויסציִען פון דאַנען.

אָבער גרודעס ווייטיק האָבן טעמפּ זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר פון ער־געצדיקע הייכן. „ממאַמ״... — האָט פון הינטער זיי אַרויסגעשפּאַרט אַן אַנג־סטיק געקרעכץ.

די שלאָפע האָט אויך נישט באַנומען אַז אַ זוניקע גרימאַסע האָט אײַנ־ציק אַליין זיך אָנגעבויגן צו איר דורכן שייבל. און זי׳ט נישט געוווּסט אַז צו איר איז אַרײַן קלאַראַ איסאַקאָווּנאַ, די „טײַערע פּערל, וועלכע זי האָט געפונען אויפן באָרטן פון איר שיף וואָס גייט צום סוף כל סופיקן אומקום אין דעם העק״. טרערן האָבן געקאַפּעט פון דער פרײַנדינע קלאַראַס אויגן ווען זי׳ט העשעדיק גערעדט צו דבורהקען אין איר וויסטער מצידה. אַז עפּעס האָט אין דער נאָענט אַ גראַבל געטאָן, דאָס האָט די שלאָפע יאָ דער־שפּירט אינסטינקטיוו, אָבער תיכף עס פאַרגעסן. אַ תוהו ובוהו פלעגט ווי אַ בליץ אין וואַלד דעמאָלט זיך אַרײַנשנײַדן אין איר און ווידער זי אַרײַנ־וואַרפן אין דער טיפנאַכט וועלכע האָט גלײַך אַ שפּאַרבערנעסט הונגעריק זיך צעשפּאַרט אַנטקעגן דעם ברענענדיקן לײַב. זינט אַ צײַט (אַזאַ באַנעמט דען די גרענעץ פון טאָג און נאַכט?) האָט זי ווידער אַ מאָל דערהערט איר אייגן קול: „מאַממע, העל־עלף!״ און פון ס׳נײַ געזונקען אין פאַרגעסנקייט.

# 6

## ד״ר וולאַדימיר לויפער

### 1

קלאַראַ איסאַקאָוונאַ האָט אין דבורהקעס קעמערל אַרײַנגעבראַכט דעם דאָקטער וולאַדימיר סאַלאָמאָנאָוויטש לויפער. אַ הויכער, אַן איבערגעבויגענער מיט טריבע אויגן האָט דער אַלטער מאַן זיך געלאָזט פירן. געלאַסן, דאָקטער. דאָ מוז מען אַריבערשפרײַזן מיט געהיטקייט. נאָך אַ פאָר מינוט — האָט זי זיך אַלע מאָל באַמיט צו שטילן זײַן אומגעדולד. נאָך ווײַט? ממש צו ציילן די שריט, דאָקטער! און דורכגענאַרט אים דעם אומהיימלעכן וועג. שוין אין שניי־פאַרוואָרפענעם גערטל מיטן האַלב־אײַנגעפאַלענעם שטאַכעטן־פלויט האָט ווינטערדיק זיך אַנטפלעקט די אָרעם אויסגעקילטע הײַזקע מיטן אָפענעם שוואַרצלעך נידעריקן פירהויז ווי אַ מויל פון אַן איבערגעקערטן ברונעם. דאָ, דאָ, דאָקטער, — האָט די פרוי אים לײַכט געשטויסן פאָרויס. באַלד האָט זיך מיט זשאַווער און אָפגעלאָזנקייט צעסקאַווטשעט די געשוואָלענע טיר. אויפגעהויבן זײַן פאַרחידושטן בליק, איז דער דאָקטער געבליבן גליווערן אין אַן ענגן חלל, גלײַך ווי ער וואָלט נישט תופס געווען הלמאי מ׳האָט אים געבראַכט אַהער. דערנאָך איז זײַן שטום דרייען מיטן קאָפ געוואָרן פול מיט געפרעג: נישט אַ מאָל קיין טעות? אויב שלאַפקייט — פאַר וואָס איז דאָ אַזוי שרעקלעך די שטילקייט! אַ שלאַפער, איז באַוווסט, מאַכט אומרויִק דעם אַרום, ר׳באַוועגט דאָס לעבן, אַפילו ווען עס איז אַ נעבעכדיק ל׳עבן. אגב זעט ער נישט קיין קראַנקן. רויער ליים זענען די ווענט, אַן אומהיימלעך ערדענע פאָדלאָגע, אַ ספק־פענצטערל. די סטעליע כמעט אויפן קאָפ און שטאָט אַ בעט, אַ טיש, בענקלעך — אַ טראַנטיקע קויקע און אַ טאַבורעט פון אָפגעריבענער אַלטקייט. וולאַדימיר סאַלאָמאָנאָוויטש לויפער האָט געשטוינט אויף דער דאָזיקער אומגעריכטקייט וואָס געזען אויף אַ רעכטן אמת. ניין, אַזוינס וואָלט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט, סײַדן אין שווערן חלום. ער איז נאָך אַלץ נישט אין שטאַנד אויס־

צוזעדן, הגם ער איז געווען פול מיט בריזקן נייגיר. דאָ איז עס, — האָט קלאַראַ איסאַקאָווונאַ ענדלעך אָנגעטײַטלט דעם אַלטן מעדיצינער אויף דער שמאָטע־אָנבערגלונג וואָס האָט געהאַט פאַרהוילן דאָס ווײַס־פאַרדרימלטע לעבן. זי׳ט עס אויפגעשאַרט מיט אירע הענט. אין שאַרפער בלייכקייט האָט דאָס פּנים פון דער שלאָפער ערשט געשטאַרט ווי אַ העלער פלעק אין טריבן דעמער.

— גערעכט, —האָט ד״ר לויפער זיך אַ וויג געטאָן אין זײַן גאַנצער אומעטיקער הייך— מ׳דאַרף נישט ווײַטער זוכן. שוין דערזען!

זיך אײַנגעקוקט אין דער אויסטערלישקייט, געקוקט אַזוי איינדרינג־לעך, דער דאָקטער, גלײַך ער וואָלט זיך אַליין נישט געגלייבט אַז ער זעט דאָס געזעענע. אין דער אָנהויפונג פון שמאַטעס איז דער נשאר לעבן גע־לעגן מיט יענער אומבאַוווסטקייט וואָס מוז אַליאַרמירן אויף צוטרעטנדיקער קאַטאַסטראָפע. לויערנדיקער טויט האָט אַרויסגעקוקט פון דער אָנגעקנוי־דערטער טונקלקייט. די שטאַרע בלאַסקייט פון דער צורה וואָס אָפּגעדעקט, האָט מאויםדיק גערעדט אַפילו צו דעם באַיאָרטן דאָקטער וואָס אין זײַנע לעבנטעג האָט ער זיך אָנגעזען מיט כלערליי גסיסות. דאָ האָט מיט טרויער געשפּאַרט אויף אים דאָס פאַרטריקנטע מויל, ווי עס ציט זיך צום פאַר־דרעגנטן טאָג. דערנאָך, ווען ער׳ט זײַן אויער צוגעבייגט צו דער קראַנקער, האָט ער קוים־קוים דערהערט אַ צעצויטלטן הויך פון אונטערן דאַרן געוועב פון לײַב.

אויסגעגלײַכט זיך, האָט ד״ר לויפער שוין פאַרצאָגט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „גאָר אַ שווערער פאַל״, אָבער צו דער צוקוקערן וואָס אָן אַ זײַט, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ פראַגע:

— זענט איר אָן אייגענע דער שלאָפערס, ביעלאַיעוואַ?

— נישט קיין אייגענע, אָבער איך דאַרף וויסן ווי אָן אייגענע. ווײַל אַ פאַרוואָרפענער מענטש איז די־אָ, אַ מוראדיק געליטענע. און איינע אַליין איז זי, דאָקטער. וו׳ טאָם דיעלאָ, דאָקטאָר! *

אַ דײַטלעך דערשראָקענער האָט ד״ר לויפער מיטן סטעטאָסקאָפּ אין האַנט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן דער אויסוואַרטנדיקער. ער האָט גע־זוכט טיפער זיך אײַנצוקוקן אין דער פּרוי וואָס האָט אים אַהערגעבראַכט. לסוף האָט זײַן שטים אויסגעציטערט:

---

* אין דעם גייט עס, דאָקטאָר!

— איר ווילט וויסן, ביעלאַיעוואַ? ס'איז אַ פּאַראַ־טיף. אַ געפּערלעכער טיפוס, אַ גזלנישער. ס'זענען דאָ אַלע סימנים דערויף. מסתמא שוין אַ פאַרצויגענע קרענק. נישטאָ בײַ דער שלאָפער קיין געהעכערטע טעמפּעראַטור. דערין די צרה. עס צעשטערט דעם אָרגאַניזם, מאַכט אים פאַר אַ קאַליקע. איר זעט דען נישט ווי די שלאַפע איז אויסגעצערט? די באַצילן האָבן זיך שטאַרק באַזעצט אין קערפער, אויסגעבויט אַ פלאַצדאַרם פאַר אַ פאַרעקשנטער אָפּענסיווע. ווער ווייסט, ווי ווײַט די נעסטן זענען אויסגעשפרייט! שווער, שווער. ס'זענען נייטיק רפואות און פעסטע דערנערונג.

— אָבער, דאָקטער, —איז קלאַראַ איסאַקאָוונאַ צוגעשטאַנען— ס'אַן אומגליקלעכער מענטש. ווו זשע נעמט מען דאָס אַלץ? זי איז אַ בעזשענקע. נישטאָ וועמען דאָס צו זאָגן. נאָר אײַער איידלקייט, האָף איך, וועט עס דערהערן. איר מאַן איז מאָביליזירט. ווער'ט אַרומזען אַזאַ! ווייסט: איר עלנט שרפעט. אין דער גאַנצער געגנט איז די נויט אַן אײַנגעגעסענע — דערפאַר אַזוי סקוטשנע שטיל אין אַלע כאַלופּעס. די מאַנסלײַט אַוועקגעטריבן. נישט צו דערוואַרטן קיין גוט־שכנותשאַפט. נישטאָ צו מאָל ווער עס זאָל אויפציטערן פון אַ גסיסה־קרעכץ בײַ אַזעלכער. פאַרשטייט, געאַכפּערטער: די באַלעבאָסטע די דאָזיקע קען נישט זיצן אין דער היים און די ווײַטערע שכנים זענען אויך נישט מער ווי טויטע. באַדאַרף איך אײַך זאָגן מער, וולאַדימיר סאַלאָמאָנאָוויטש? אַלצדינג איז אויף דער האַנט. טוט עפּעס. ווי אַ שפערל איז די אָ אויסגעשטעלט אויפן ערגסטן אומוועטער. טאָ ווער, כ'בעט אײַך, קען זיך אונטערנעמען דאָס וואָס איז אָקערשט דרינגלעך? —

זי קוקט פאָרשעריש אין דאָקטערס זײַט, רירט אָן זײַן אַרבל, רעדט פאַרטרוילעך, ווי זי וואָלט זיך געיאָגט צו טרעפן זײַנע געדאַנקען: — אפשר זיך ווענדן צו דער ניי־פאַבריק ווו זי אַרבעט? מיט אַ פאַפיר פון דאָרט — צום שטאָטסאָוועט? מ'קען דאָך נישט דערלאָזן אַז אַ מענטש זאָל אויסצאַנקען. איר'ט אויסגעפינען אַ פאָרטל. קלאָר, ס'איז נישט קיין פאַרברעך, נייערט די פליכט פון אַ דאָקטער.

דער אַלטער האָט ביטער געשוויגן. געשטאַנען אַ צעטומלטער אַנטקעגן זײַן אייגענער, מענטשלעכער אָרעמקייט און אין זיך פאַרנומען דעם גוואַלד וואָס פליקט ערשט פון אים שטיקער, שטויסט; זײַנע ליפּן האָבן אין אים אַרײַנגעציטערט אָן ווערטער: „אַ דאָקטער איז ער? אַן עקזעקוטאָר האָט מע געמאַכט פון אים! ר'מוז אויספירן באַפעלן, צוקוקן זיך ווי מ'שנײַדט

אונטער דעם מענטשנס יאָרן״. ער׳ט זיך עטוואָס צוגעבויגן צו איר, גע־רעדט הייס, ממש אין טרערן: — איר הערט? צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן: נישט גוט. נייך, נייך (און געוויגט מיטן קאָפּ). פון אַלע זײַטן שנײַדט מען אָן אײַנזעעניש, כאָטש שוין אַזוי לאַנג ווי עס שיטן זיך איבערן פאָלק גע־הויבענע צוזאָגן. ס׳אומגליק איז טיף פאַראַקערט, עס געדײַעט האַרב. ס׳אַלץ נאָך נישטאָ קיין גוטע מעדיקאַמענטן, עס פעלט פשוטע זייף, יאָ, עס איז אַ דוחק אין עסן, עס פעלט פלייש, נישטאָ קיין האָלץ. איעדער חולה איז אַ מאַניפעסטאַציע פון דעם גרויסן עלנט וואָס האָט געטראָפן דעם לאַנד. אַ וועלט אַ גאַנצע האָט צעפויקט דעם אָנזאָג אויפן גליק פון — פרײַהייט, גלײַך זייער פרײַהייט (איר באַנעמט, ביעלאַיעוואַ?...) איז אַלץ, אַלץ פאַרן לײַב און פאַרן גײַסט פון לעבן. נו, די פרײַהייט! מ׳ווערט פריצײַטיק אַלט פון די צוזאָגענישן! איי, און דערווײַל זענען נישטאָ קיין פּראָטעאיבען, קיין גלוקאָזע, נישטאָ די נייטיקסטע וויטאַמינען, איז אַ בורעק אויך גוט און רויער קלייען איז אַ היילמיטל. דחקות איז די פּאָן פונעם הײַנט וואָס טומלט זיך אַרײַן אין אונדזער מאַרגן. און אויף דערויף באַדאַרף מע נאָך שוויצן, ביעלאַיעוואַ. מיר זענען ערשט אין רעכטן מידבר, אין מיטן וויסטן וועג, איז נישט שײַך צו קלאָגן זיך אַז עס פעלן אַנטיביאָטיקס קעגן דעם פײַער, וואָס פאַרצערט דעם מענטשנס צעוווּנדיקטן אָרגאַניזם. איר׳ט שוין גע־הערט דערפון, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ? אַנטי־ביאָ־טיקס. דאָס זענען קאָנצענ־טרירטע סובסטאַנצן וואָס לעשן איבעווייניקדיקע פײַערן, דערלאָזן נישט קיין קאָמפּליקאַציעס. ערגעץ ניצט מען עס פאַר אַזעלכע־אָ, — האָבן זיך אָנגעגאָסן זײַנע אויגנווײַסלעכער און די שטים האָט אונטערגעציטערט. אָט זעסטו ס׳ברענט און עס איז נישטאָ מיט וואָס צו דערוואַרגן די פלאַמען.

ער האָט געליימטע הענט, —האָט דעם דאָקטער לויפער שוין אַ טאָרע גע־טאָן עקסטער יאוש— אַ מעדיצינער טאָר נישט דאָס און ס׳איז אים פאַר־ווערט יענצס; אַפילו זיך נישט מישן אינעם פּאַציענטס אויפפיר, אַזוינס וואָס איז עלול צו פאַרשאַרפן די קרענק. מ׳האָט אַלעמען אײַנגעוויגט מיט דער מעלאָדיע פון פּראָסטינקער האַרטהאַרציקייט. איר׳ט האַלטן אַ סוד? —האָט ער איר ווידער הייס אַרײַנגעשושקעט אין געהער— פאַראַן אַן אָנ־זאָג: נעם און פאַרשרײַב, מעדאַרבעטער, אויב דו מוזסט. דאָס מעגסטו. ווײַ־טער גייט דיר גאָר נישט אָן. דער רעצעפּט זאָל זיך גיין ווו ער וויל; ער מעג אַפילו בלײַבן אַ נישטיק פּאַפּירל. דער עיקר, ליבינקע, איז דער ריכטי־קער „בלאַט״, אויב דו ווילסט זיך דורכקריגן. נאַטשאַלסטוואָ איז פאַר אַלץ.

זיי פירן, רעגולירן. דער דאָקטער מוז מער געדענקען די וואָס שרײַבן אונ־טער די רשימה פאַר די חודשלעכע געהאַלטן און די צעטלען פאַר די פּאַ־יאַקן. דאָס איז דער צעטל וואָס חתמעט אָן זײַן גורל אָדער דעם פּסק צו פּגרן ערגעץ־ווו. דער דאָקטער איז נאָר אַ ציפער פון אַן אכזריותדיקן חשבון, בשום אופן נישט דאָס וואָס ער באַדאַרף זײַן. פאַרשטאַרקטע דער־נערונג? נו, נו, אָבער פאַרגעס נישט אין די רעגלאַמענטן פונעם מעדאַר־בעטער: דאָס הינטערלאַנד לעבט ערשט פאַרן פראָנט, דערעיקרשט איז דער פראָנט. אויך דאָס וואָרט פון פאַרטיי־טוערס איז אַן אומעטומיקער אינ־סטרומענט פונעם לעבן אין זײַן גאַרן נאַקעט. פאַרשרײַב, וולאַדימיר סאָלאָ־מאָניטש, אָבער אַליין גיין זיך באַמיִען דערפאַר? פּרוּוון אַרויסרײַסן, ווי איר מיינט, באשר אַ מענטשלעך לעבן...?

דער אַלטער האָט אָפּגעסאָפּעט און אַנטשוויגן געוואָרן אין באַשײַמ־פערלעכער באַזיניקונג דערפון וואָס האָט זיך אָקערשט אַרויסגעהיצט פון אים. ס'איז געווען אַ לאַנגע פּײַנלעכע ווײַלע. נישט ער, נישט זי האָבן זיך דערוועגט אויפצוהייבן דעם בליק און די שלאָפּע, גלײַך זי וואָלט נישט געווען די סיבה פון דעם פּלוצלינג אַנטשטומטן געקלאָג, האָט גליוערנדיק געהויערט אינעם הויפן פּינצטערנדיקע שמאַטעס. דערנאָך האָט דער דאָק־טער, אַן אָפּגעשוואַכטער פון דעם קראַמף וואָס האָט'ן אַ קלעם געטאָן, זיך געראַנגלט מיט די רייד וואָס האָבן ווידער זיך געשטעלט אַקעגן אים מיט שאַרפער מאָנונג:

— איר'ט גערופן צו היילן, ראַטעווען... אָבער האָט נישט פאַראיבל, ביעלאַיעוואַ. צו וואָס מיך? איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט אַזוינס. עס טרעפט אַז מענטשן דערגייען נישט אין ערגעץ. איך האָב געגרײַזט. נישט באַדאַרפט זיך פאַרנעמען אויפן וועג פון אַ מעדיצינער. אַ טעות. איר זענט אַ פרײַנדין, מוז איך אײַך זאָגן — ניין, ריכטיקער איז צו פאַרגעסן אַלץ וואָס זיך אַרויסגעכאַפּט.

דער מאַן האָט זיך געראַנגלט מיט דער שווערער פאַרלעגנהײט וואָס ער'ט אַליין אַרויסגערופן.

...ד"ר לויפער האָט נישט געוווּסט וואָס פריִער צו זוכן אין דער פּאַ־ראַנענקייט: אַ מיטל אַרויסצושלעפּן פונעם טויט די שלאָפּע אָדער בכלל צוצוהערן זיך צום רחמים־רוף פונעם מענטשן־מין וואָס טראָגט זיך פון דער דאָזיקער. אַרום שלאָגן דאָך העפּטיקע כוואַליעס. זיי ווילן אײַנשלינ־גען דעם מענטש, אים פאַרטרענקען. געוויס, אַ „ביולעטין" וועט ער אויס־

שרײַבן, די פֿאַבריק באַדאַרף עס וויסן. דאָראַ בוימוּוערק האָט זיך יוסט אַרײַנגעבויט אין איר פֿאַראַ־טיף. די בוימוּוערק איז נישט אין שטאַנד זיך צו שטעלן צו דער אַרבעט. ס׳זעט אויס, שוין לאַנג איז זי קראַנק. דער פֿאַבריק־דאָקטער האָט נישט געקענט אָנערקענען די שלאַפֿקייט, ווײַל אָן געהעכערטער טעמפּעראַטור. אַנדערע סימפּטאָמען זענען נישט גרינג צו דערווישן אויבן־אויף. סײַדן אַ מער געניטער. אַ דעליקאַטע זאַך דער קראַנ־קן־ביולעטין. דער דאָקטער קען זיך אָנשמעקן מיט צרות פֿאַר אַ ספּקדיקן ביולעטין, אַ־אָאַ, גורל טראַגישער. ערשט זעט זיך: דער ווילדער טיפּוס האָט די פֿרוי געוואָרפֿן פֿון די פֿיס. מיט גאַנצע ביינער וועט אַזעלכע זיך שוין נישט אַרויסדראַפּען. די קרענק לאָזט איבער אַ שטעמפּל — — אין מוח פֿון ד״ר לויפֿעו האָט זיך בעת מעשה אויפֿגעהויבן אַ שטורעם, וואָס׳ט אָנגע־פֿינצטערט זײַן קנאָכיקע צורה. מיט אַ מאָל האָט זיך אָפּגעריסן זײַן שטים, ר׳האָט ביטער אָפּגעשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעוועלטיקט:

— וואָס ברייען? ס׳שאַרף די סכנה. איכ׳ל געבן אַן אײַנשפּריצונג פֿאַר אַן ערשטן קער צו רעוויטאַליזאַציע. אויפֿוועקן, פֿאַרשטאַנען? מאָרגן — נאָך אַזאַ אײַנשפּריצונג. כ׳וועל אַליין קומען. זי׳ט שלאָפֿן נאָך דעם, וועט מע דאַרפֿן, אין מיטן שלאָף, יעדע צוויי שעה איר געבן אַ פּאָר לעפֿל געצוקער־טע טיי, שטאַרק זיס. אַוויטאַמינאָזע און ווירוסן האָבן צעפֿרעסן דעם גוף, געלאָזן פֿון אים פּרוכנע. אַ מענטש פֿאַלט, אויב ער קען זיך נישט אַנטקעגן שטעלן די פּעטש וואָס מ׳דערלאַנגט אים. כוח, פֿיזישן כוח איז נייטיק אָנ־צונעמען דער שלאָפֿער, פֿאַניאַלאַ? קרעפֿטיקע זופּ, גוט דורכגעזיגן די גרויּ־פּן און דאָס גרינס; שפּעטער אַ שטיקל ווײַס פֿלייש, ווייך אויסגעקאָכט, אַ לעפֿעלע האָניק. די הויפּטזאַך — קוקן אין טעלער אַרײַן. שטאַרקן מיט צוקער, מיט פֿרישע פּוטער, פֿעסטע דערנערונג איז דער וויכטיקסטער תנאי. די מעדיצין העלפֿט נאָר אונטער, נישט מער.

— אָבער דאָקטער, —האָט די ביעלאַיעוואַ גענומען זיך פֿאַראיקען— די אָ איז נישט מער ווי אַ קנויל שניי. וואָרפֿט אים, נעמט ער זיך אָן מיט מער שניי, ווערט גרעסער, גרויויויס. די מינדסטע ענדערונג פֿון וועטער צעטײַעט דעם שנייקויל און ער שרימפּט. ס׳איז געווען גרינג אַרײַנצופּאַלן אין דער קרענק, אָבער אַרויסקריכן פֿון איר? ווער וועט כאָטש אויפֿזײַן בײַ איר נאָך אַ נאַכט? ס׳איז אַ מורא צו טראַכטן הערפֿון! די דאָראַ איז אַרומגע־ריסן פֿון אַלע בייטיקייטן — זאָגן אײַך מער, וולאַדימיר סאַלאָמאָנאָוויטש? קוקט זיך אַרום. איך —איך האָב מיר מײַן פּעקל, דאָקטער. פֿרעגט מיך

ניִשט,— און אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ, וואָס איז געווען אַן אומגעריכטער אָנזאָג פֿון אַ ווייטיקלעכן געוויין וואָס מוז אויסברעכן. אַצינד האָט קלאַראַ איסאַקאָוונאַ זיך „געהאַלטן״, נישט אַרויסגעלאָזן פֿון זינען אַז די שלאַפּע איז אין אַן ערגערן קלעם. ס׳זענען אָנגעשטאַנען פֿײַנלעכע מינוטן. די קלאַראַ האָט קלאָמפּערשט גלײַכגעגלעט דאָס געלעגער פֿון דער שלאַ־פֿער, אָפּגערוקט אָן אַ זײַט די טאַבורעטקע. ערשט דערנאָך האָט זי פֿון יענער זײַט ספּאַזם אַרויסגעקראָגן נײַעם מוט פֿאַר אַן אָנגריף אויף דעם מענטש וואָס איז געשטאַנען נעבן איר אַן אַנטוואָפֿנטער.

— דאָקטער, איר זענט דאָ —האָט זי אָנגעהויבן— ווי זיך אויסדריקן, אַ פּריוואַטער מענטש, אַ מענטש מיט די רעכט פֿאַר אַן אייגן האַרץ. איר האָט אַ האַרץ, — וואָ׳דען! טאָ וואָס וואָלט איר געטאָן אין אַזאַ טרויעריקן פֿאַל, אויב ער טרעפֿט זיך אײַך און נישט מיך? איך גלייב: אַ קרבן פֿון אײַער טאָג וואָלט איר געברענגט, וולאַדימיר סאַלאָמאָניטש און וואָלט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אַ קאַפּעטשקע יושר. ערשט זענט איר אויך אַ דאָקטער וואָס מעג עפּעס צוטראַכטן! (קוקט אים אָן, אָפּוואַרטנדיק:) ווי מיינט איר — אפֿשר דאָך פֿאָ־דערן פֿון דער ניי־פֿאַבריק אַז זי זאָל זיך דאגהן פֿאַר איר לעבעדיקן אינ־ווענטאַר? ס׳אמת, מיר זענען דאָס אייגנטום פֿון דער מלוכה? אין פֿאַבריק האָט מע בײַ דאָראַ בוימוועדק אָפּגעצאַפּט דעם מאַרך. פֿאַרגעסט נישט, די שלאַפּע האָט גאָר־גאָאָר נישט געהאַט מער ווי איר טראָפּעלע כוח. כ׳בעט אײַך, דאָס עזקצל גוטווייליקייט וואָס איך פֿאַרלאַנג פֿון אײַך, איז דער איינ־ציקער אויסקוק פֿאַר דער שלאַפֿער. קווענקלט זיך נישט, דאָקטער!

קלאַראַ איסאַקאָוונאַ האָט, אַ צעטראָגענע, זיך צוגענייגט צום אַלטן דאָקטער, אים שוין אַליאַרמירט:

— מאָלט אײַך, מיר זענען איינע אַליין מיט דער סכנה אין דער סומ־נער נאַכט, איר און איך, מוזן מיר עפּעס אונטערנעמען? מיר מוזן, נישטאָ קיין אַנדערע ברירה!

— אָבער איך... — האָט דער דאָקטער גענומען זיך פּלאָנטערן אַרום די שיפּועים פֿונעם באַרג אומבאַהאָלפֿנקייטן וואָס זענען אויגנבליקלעך אָנגעפֿאַלן אויף אים.

— מיר ווייסן שוין. מיט אַן „אָבער״ טוט מע גאָר נישט אויף, — איז זי נישט אָפּגעטראָטן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, דײַטלעך זיך צעקווענקלט, פֿאַרקרימט

ס׳פּנים אין אַ גרימאַסע און קענטיק געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דעם וויזיט, וואָס איז אים שוין מער ווי לעסטיק.

און זי, די פרוי, די קלאַראַ, איז געשטאַנען אין בפירוש אַרויסרופערישן אָפּוואַרטן.

— אמת, אַן אומעטיקע קאַרטינע? — האָט זי פון ס׳נײַ זיך צוגעבויגן צו ד״ר לויפּער. אָבער ער האָט נישט געקענט ענטפערן אויף איר אָנצוהערעניש.

— איך? —האָט דער מענטש אַלץ זיך געוואַקלט— איך טאָר נישט קומען פּריוואַט מיט פאַרלייגן. איך בין נאָר אַ מעדאַרבעטער. תמיד נאָר מעדאַרבעטער, מער נישט. געזען דעם חולה, פאַרשריבן אַ רפואה אָדער אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. מישן זיך? אוממעגלעך! — און געביסן זיך די ליפּן.

— כ׳פאַרשטיי, דאָקטער. דאָ איז אָבער גאָר אַן אויסנעמלעכע זאַך. די קראַנקע האָט נישט קיינעם, מוז אַ זײַטיקער טאָן פאַרן ראַטונאַק. מ׳מוז, איר באַנעמט עס? מ׳מוז! —האָט די פרוי שיער זיך אָפּגעבייזערט אויפן דאָקטער וואָס האָט אָקערשט זיך געהויקערט אונטער דער לאַסט פון דער אָפּגעשפּירטער אַלטקייט.— ווי־עס־איז זײַט אַ שותף צו דעם מוז. פּריוואַט, פּריוואַט, —האָט זי לסוף אָפּגעזיפצט.— ווער דען, אויב נישט אַזאַ וואָס זעט די סכנה צום קלאָרסטן!

זי איז נישט אָפּגעטראָטן, געווען צודרינגלעך און אין מיטן אָנגריף — רק געזוכט אַ באַקוועמערע פּאָזיציע פאַר איר קלאַפּ.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט צום ענין: — ווי מיינט איר, דאָקטער! אפשר טאַקע רעכט אָפּצושיקן די שלאָפע אין שפּיטאָל אַרײַן?

— אין שפּיטאָל? —גיבן אַ צוק זײַנע אַקסלען— מיר קענען פּרובירן, — און אַ פאַרקלערטער גערעדט אַזוי, גלײַך ער וואָלט זיך אַליין געענטפערט. — פאַר דער שלאָפער קען עס זײַן ערגער. ווײַל פאַראַן אין שפּיטאָל מערערע קראַנקע, אפשר בילכערע: איר ווייסט? פאַרטייצעס, מיליטערישע, גוט רעקאָמענדירטע — — גלײַך ער וואָלט זיך אומגעריכט אָפּגעניכטערט, האָבן ד״ר לויפּערס אויגן זיך געבעטן אײַנזעעניש, צו פאַרשטיין ס׳נישט דערדעדטע. — איר ווייסט, אויך אין שפּיטאָל, ליבינקע, באַדאַרף מען אַרײַנקוקן צום שלאָפן, ס׳דאַרף זײַן אַן אייגענער, טאָ ווער? סע שאַדט נישט צו טראַכטן, מילעבקאַיאַ.

## 2

סוף כּל סוף האָט דער אַלטער דאָקטער נאָכגעגעבן דער ביעלאַיעוואַ. נעמען די שלאַפֿע אין שפּיטאָל אַרײַן, וואָלט אפשר געווען די בעסטע זאַך פֿאַר דער אומגליקלעכער וואָס האָט נישט ווער עס זאָל צו איר אַ בליק טאָן. וואָרן ווי דאָס שפּיטאָל־פּערסאָנאַל זאָל נישט זײַן פֿאַרנומען מיט די קראַנקע, און צווישן זיי זענען פֿאַראַן גרעסערע יחסנים ווי דאָראַ בוימווערק, וועט זי כאָטש נישט זײַן אויסגעשטעלט אויפֿן אומחסד פֿון דורכוויסיקן אַלײנזײַן. און נאָך אַן אָנהאַלט פֿאַר זײַנע מחשבות האָט געפֿונען ד״ר לויפֿער: אויב אַ פֿרעמדע איז אַזוי גוטוויליק ווי די ביעלאַיעוואַ, איז מע נאָך נישט אין גאַנצן אַרײַן אין פּיסק פֿון רשעות. ס׳אַ צײַט ווען הערצער זענען אַרומגעוואַקסן מיט דערנער. מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז דער אַלטער דאָקטער זיך אַלײן בײַגעקומען, באשר ס׳איז נאָר אַ תּירוץ אַז ער טאָר נישט, ער קען מיאוס אָפּשנײַדן. ריכטיק, אַ תּירוץ! אים איז דאָך נישט דערלויבט — האָט ער זיך שוין געכעסט אויפֿן מעדיציניַשן אַרבעטער וולאַדימיר לויפֿער — זיך אָפּצוטונקען אין די סטערעאָטיפּישע אַרגומענטן וואָס אין זיי הילן זיך אַ לעגיאָן טשינאָווניקעס. ריכטיק, די ראָבאָטן פֿאַרגרעסערן ס׳אומגליק! ער פֿילט בפירוש: אין אמתן איז ער נישט גלײַכגילטיק צו דעם פֿאַל. באַדאַרף ערשט עמעץ אים אויפֿקלערן די דרינגלעכקייט? אַ מענטש קומט אום און ער, וולאַדימיר סאַלאָמאָניטש, קוקט זיך צו דערצו גלײַך ער וואָלט געווען אַ סטאָלב. וואָס, אַ וואַקסענע קוקלע זעט ער אין אַן אויסשטעל־פֿענצטער! מעג ער זיך מאַכן נישט וויסנדיק, מחמת ער׳ט קלאָמפּערשט געטאָן ס׳זײַניקע, ער, דער אָפּגעבריטער? עך, ער איז נישט אַזוי נשמה־אויסגעהוילט. וולאַדימיר סאַלאָמאָנאָוויטש וועט אַפֿילו אײַנשטעלן. ר׳וועט גיין, ר׳עט נעמען פֿאָדערן. דערווײַל באַדאַרף זי, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ, אָרגאַניזירן אויגן און הענט אַז די שלאַפֿע זאָל קענען דורכהאַלטן. איז זי מסכּים? — האָט ער שוין גענומען אויסקוקן אַן אָנשפּאַר בײַ דער דאָזיקער. — וואָ׳דען, דאָקטער! — זי׳ט וואָס אַן אמת זיך אָנגעכאַפּט דערין מיט אינעווייניקדיקער געשפּאָלטנקייט, וואָרן זי איז פֿון דאָקטערס זאָג געוואָרן ווי פֿון אַן אומגעריכטקייט. ערגעץ אין זיך האָט זי דערוואַרט אַ מער פֿאַרעקשנטן ווידערשטאַנד; באשר ער קען נישט, ר׳וועט נישט, ר׳טאָר נישט אַרויסגיין פֿון זײַנע גרענעצן. ערשט האָט ער זי געשטעלט פֿאַר אַ נסיון.

— וואָס פֿון מיר איז געווענדט, סאַלאָמאָנאָוויטש, בין איך גרייט, —

זענען דער פּרויס אויגן שוין איבערגעגאַנגען. — איכ׳ל נאָר אויף גיך אַהיימ־לויפן, וואָס־עס־איז געבן די מײַניקע און באַלד זיך צוריקקערן. און וועט גישט זײַן קיין ברירה, וועל איך צום טאָג צושטוקעווען אַ נאַכט, אַבי עס זאָל געטאָן ווערן פאַר דער אומגליקלעכער (אין דער טרויעריקער פרייד האָט די ביעלאַיעוואַ שיִער־נישט זיך צעכליפּעט). אָבער איר׳ט מיך נישט לאָזן אַליין. איר׳ט זײַן ווי אַ פרײַנד פון דער... ס׳איז אַ גרויסע זאַך וואָס מ׳עט האָבן אויפגעטאָן, — האָבן טרערן זיך פאַרהאַלטן אויף אירע באַקן און זי׳ט געדריקט די האַנט פון דעם עלטערן מאַן.

3

ד״ר לויפער האָט זיך אָנגענומען מיט כוח אַריבערצוטרעטן די שוועלן, וואָס אַריבער דעם גדר וואָס איז אויפגעשטעלט פאַרן מעדיציניש אַר־בעטער. ער האָט זיך שטאַרק באַמיט אָפּצוגעבן די שלאָפּע אין שפּיטאָל אַרײַן. שפּיטאָל איז אַ היים פאַרן קראַנקן. די דאָזיקע איז נעבעך אין גאַנצן אָן אַ היים. צו פריער האָט ער אויסגעפּועלט פאַפּירלעך און באַשטעטיקונגען פון דער ניי־פאַבריק, פון „פּראָפאָרג״, *, געקראָגן אויף דער האַנט אַן אָנ־ווײַז פון שטאָטסאָוועט: „זיך באַקענען מיטן פאַל בוימוווערק. טאָן וואָס ביי־טיק״. דאָקטער לויפער האָט נישט געשפּאָרט אַ גאַנג, געוואָלט איבערצײַגן אין דער אומגעוויינטלעכקייט פון דער הילף וואָס עס קומט אַזעלכענער. „דערמאָנט זיך, יעפים ניקאָלאַיעוויטש, אַ מענטש איז אויפן ראַנד פון אומ־קום; ער׳ט נישט קיינעם און איז אָן שום מיטלען״, — האָט דער אַלטער דאָקטער געדריקט אויף די וויכטיקע. אָבער אָן פּעולה. נישט נאָר וואָס מ׳האָט די דאָרא בוימוווערק נישט אַרײַנגענומען אין שטאָטישן שפּיטאָל, מ׳האָט דעם דאָקטער אַפילו געוויזן אַז אַנדערע קראַנקע וואָס געבראַכט פון דער ווײַט, וואַלגערן זיך אין קאָרידאָרן, אין טונקעלן דורכגאַנג. ס׳איז אויס־נעם־צושטאַנד אויך אין הינטערלאַנד. „ס׳מעסער איז אונדז אויפן האַלדז, און נישט נאָר אין אינגעווייד פון ראַנירטן. נישטאָ קיין פרידן אין ערגעץ. מ׳מוז זײַן צוגעגרייט אויף כלערליי קרבנות. זעט אַליין (האָט מען וולאַדי־מיר כאַלאָמאָנאָוויטשן פריינדלעך אָנגעהאַלטן בײַ אַן אַרבל): נישטאָ צו מאָל אַ שפּאַרע אַרײַנצוקוועטשן דאָ אַן איבעריק בעט. געווען — האָט מען שוין לאַנג אַהין אַרײַנגעלייגט אַ ראַנירטן. דער פראָנט איז אוממיטלבאַר פאַר־

---

* פאָרשטייער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

בונדן מיט קאַזאַכסטאַן. מ׳נעמט בײַ אונדז שאַרפֿן טרויער און מ׳גיט צוריק ימים וױיטיק״.

— — — דאָס לאַנד פֿון סטעפּ און בערג איז געוואָרן דער שפּײַכלער פֿאַרן זשעדנעם פֿראָנט און דאָס לאַנגאָניקע מאָביליזיר־פֿעלד פֿאַרן באַוווּסטן גענעראַל פּאַנפֿילאָוו. ער האָט זיך עס אונטערגענומען צו באַווײַזן מײַסטערשאַפֿט אַרויסצושלאָגן אַ געטרײַשאַפֿט־פֿלאַם בײַ די שווער־קעפּיקע פּאַסטעכער און פֿערד־דרעסירערס פֿון די אומענדלעכע זאַמד־פּליינען, טאָלן און מאַכטיקע שיפּועים פֿון אומגעהייערן מידבר. שוין געווען אין דער הויפּטשטאָט אַ סך קאַזאַכן מיט צעריסענע אברים, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן צוריק אַהיים פֿון די שלאַכטפֿעלדער. נישט געקלעקט פֿאַר זיי דאָס שטאָטישע שפּיטאָל, דער גרויסער מיליטערישער לאַזאַרעט, האָט מען אויף גיך אימפּראָוויזירט אַנדערע נײַע שפּיטאָלן. צונויפֿגעבראַכט בעטן, מאַטראַצן, צוזאַמענגענומען ווײַסוואַרג, געלאַטעטע לײַלעכער, ציכלעך, אָנגעשטאָפּט וואַטענע קישנס, וואָלענע קישנס און ס׳איז געוואָרן נאָך אַ הויז פֿאַר צעהרגעטע לײַבער, פֿאַרווונדיקטע נשמות. אַזוי אַרום האָט זיך אַ קינדערשול פֿאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל, אַן אינטערנאַט — אויך אַ שפּיטאָל, אָבער ס׳האָט אַלץ נישט געקלעקט. די שטילע אַלמאַ־אַטאַ איז געוואָרן אַ מאַסנצענטער פֿון דער צעקאַליעטשעטער מענטשהײַט וואָס האָט זיך משוגענערווײַז אַרויסגעלאָזן אין דער צעטומלטער וועלט בגוואַלד אַרײַנצונעמען זי אין אירע אומגעלומפּערטע הענט. עס האָט גערעגנט מיט מענטשיש בלוט, מיט אימה און אויף די שוועלן פֿון ברענענדיקן גיהנום האָבן זיך געוואַלגערט מחנות צעגיזוקטע, פֿאַריסורימטע. ס׳איז געוואָרן קנאַפּ די גרויסע שטאָט פֿאַרן אָנפֿלייץ פֿון קרעכצנדיקע; ס׳האָבן פֿאַרפֿעלט הענט צו פֿאַרבינדן די אייטערנדיקע וווּנדן פֿון די גוססדיקע. איבער נאַכט האָט מען צונױפֿגעקלאַפּט מעד־קאָרפּוסן, יונגע סטודענטקעס אָנגעטאָן ווײַסע הײַבלעך און זיי באַפֿוילן: גייט היילן די נישט־דערשאָכטענע מצד דעם שונא, פֿאַרבינדט די ראַנעס פֿון די פֿאַרווונדיקטע. פּראָסטערע מיידלעך און יונגפֿרויען האָבן געגאָסן קאַרבאָל אין קאָרידאָרן, אויף די שטיגן פֿון הײַזער, געכליאַפּעט עמערס קאַרבאָל, געקאַלעכט מיסטקאַסטנס אויף די הייף און מ׳האָט סכנות זיך געשראָקן פֿאַר היצן וואָס קענען אָט־אָט אָנשטיין. גאַנצע שטאָט־געגנטן האָבן פֿאַרשמעקט מיט שפּיטאָל און מיט טויטן־שטיבלעך. צו פֿיל געשטאָרבענע געווען אין די אַלמאַ־אַטינער שפּיטאָלן. די וואָס זענען נישט אויסגעגאַנגען פֿון די אומפֿאַרהיילטע וווּנדן, זענען ערשט משוגע גע־

וואָרן פון די פּחדים, וואָס אַנומלט האָבן זיי זיי באַגעגנט אויף די שלאַכט־פעלדער אָדער אין די ישאַלאָנען, רציחהדיק נאָכגעיאָגטע פון די דײַטשישע באָמבאַרדירערס. אויך די ווײַטע רוסישע הימלען זענען געווען פאַרכאַפּט פון מילחמה־צאָרן.

אימהדיק אָנגעגאָסן זענען די אויגן פון די פײַער־קנוילן וואָס האָבן ערשט געסיקעט איבער די קעפּ פון די האַלוצינירטע.

אין דער שטאָט וואָס האָט שווער געשוויגן מיט פאַרשטשעמעטע ציין, איז נישט געווען ווו אַרײַנצושטעלן אַן איבעריק בעט פאַר דער שלאָפער בעזשענקע באַמוועק. ד״ר לויפער האָט אומעטום זיך אָנגעטראָפן מיטן כמורן פּנים פון יענע לעסטיקע טעג: אי ס׳איז געווען מוראדיק ענג פון דער צוניפגעלאָפענער פרעמדקייט, אי מ׳האָט נישט געזען אַ מעגלעכקייט אָפּצושפּאָרן אַ לעפל געקעכטס פאַר נאָך אַ הונגעריק מויל.

— צום באַדויערן, —האָט צום אַוועקגיין אים באַגלייט אַ שפּיטאָל־פאַרוואַלטער— אפשר אין טעג אַרום, דאָקטער. אומגעריכטקייטן מעג מע דערוואַרטן, כע־כעכעע. קאַנדידאַטן פאַרן צווינטער קומען און גייען. יאָ, ס׳שאַדט נישט צו פרעגן, דאָקטער. איר׳ט מיך נישט באַלעסטיקן מיטן פרעגן, קאָלעגע. דאָסווידאַניאַ, מילי טשעלאָוויעק!

4

דעם אַלטן דאָקטער איז ערשט געווען פּריקרע צו גיין אויפזוכן די גוטע קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. וואָס, זיך מטריח זײַן נאָר אויף אָנצוזאָגן איר אַ שלעכטע נײַס? אָבער ער האָט נישט געקענט זיך די דעה געגוגן טאָן: אַליין בעמען אויף זיך די זאָרג פאַר אַ מענטש וואָס צאַנקט?! דאָס טאָר ער אַוודאי נישט. זאָל יענע וויסן. נישט באַפרײַען זי פונעם חוב צו דאגהן זיך פאַר דער קראַנקער. עס איז אַפילו אַ כבוד, נישט נאָר אַ מענטשלעכע פליכט. — האָט בײַ ד״ר לויפער געצײַטיקט דער מוט. און ער איז אַוועק צו איר, זיך אַנטשולדיקט הלמאי ער באַאומרויִקט זי. געוויס, האָט ער אין תחילת אַ לאַכעלע געטאָן, ס׳איז געווען אײַער פּאַציענטקע, איצטער איז זי ביידנס. דערנאָך איז ער געוואָרן גאָר ערנסט: ר׳האָט לגמרי נישט אויפגעטאָן. נישט מעגלעך, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. זי מוז עס וויסן, ווײַל מיט דער שלאָפער האַלט עס שמאָל. זאָל זי עפּעס צוטראַכטן. און אפשר ווייסט זי פון ווילע מענטשן, וואָס וועלן זיך מטריח זײַן צו טאָן פאַר אַזאַ. ס׳שאַדט ניט — האָט אין ד״ר לויפער אויפגעטויכט אַן אַמאָליק צערפּול בילד פון ביקור־חולים

בײַ ייִדן. זי וועט׳ס מסתמא אויך זיך דערמאָנען. ס׳איז אַ שײנקייט אין דעם וואָס מ׳העלפט אַן אָרעמען קראַנקן. גיין איבער די שטיבער זאַמלען פאַר אַזעלכער איז אויך נישט קיין חרפה. אַפילו אַרײַנציִען מענטשן אין דעם עסק פון דערבאַרעמען זיך איבער אַן אומבאַהאָלפענעם איז ניט קיין קלײנער אויפטו. איר ווייסט עס, — ער׳ט לענגער געוויגט מיטן קאָפּ און אַן אויס־טערלישע גוטסקייט האָט געלויכטן פון זײַנע טריבע אויגן.

זי האָט׳ן אָנגעקוקט, זי האָט געשטויגט, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ און זי׳ט געשטומט פון איבעררעשונג: „וואָס עס ווערט פון אַ מענטש! ר׳האָט נישט געוואָלט הערן פון גיין טאָן עפּעס פאַר דער אומגליקלעכער, ערשט איז ער דער מאָנער פאַר איר, ווײַל צעטרייסלט פון גרויליקן עלנט דער דאָראָס״. אָבער דער אַלטער האָט זי אַרויסגעצויגן פון געקלער, ר׳האָט אָנגעקלאַפּט אין קלאַראַס געהער: — איר קענט עס נישט איבערלאָזן נאָר אויף מיר. גייט אַרויס צו מענטשן, זוכט עמעצן. נישטאָ קיין אַנדערע ברירה.

דערנאָך האָט דער אַלטער צו איר גערעדט מיט אַזאַ שטילקייט גלײַך ער וואָלט מיט נייגיר זיך צוגעהערט צו זײַן אייגן דערוואַכטן געפיל:

— איר ווייסט, ס׳קומט אַ מינוט ווען מע ציט זיך אַליין אָנצוטאָן אויף זיך אַ כאָמעט. איצטער מוז מען עס, מיר, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. פון דרויסן איז נישט מעגלעך עפּעס צו קריגן פאַר דער שלאָפער. דער שטאָטסאָוועט האָט צו טאָן מיט אַן אינוואַזיע פון אומגליקלעכע, הונגעריקע און די אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ: עוואַקויִרטע פון פּראָנט און פון ציווילע. עס מערן זיך די באַדראָעטע קאָנטן. ס׳איז אַן ענגעניש אין וווינשטח, ביִעלאַיעוואַ, און ס׳אַ דוחק אין אַלעמדינג. און קראַנקע? פאַראַן אַן אַרמיי קראַנקע, צעקאַ־ליעטשעטע. די פאַר דאָקטוירים שטיקן זיך מיט די טראַנספּאָרטן ראַנירטע וואָס ווערן אַהערגעשיקט. טייל פון די דאָזיקע בושעווען אויך אין די שפּיטאָל־בעטן, דראָען מיט די קוליעס, שעלטן, זידלען. דער שאַרבן שפּאַלט זיך פון הימלגעשריי וואָס טראָגט זיך פון די פּראָנטן. נישטאָ איצטער קיין אַנדער לעבן ווי דאָס לעבן פון געצווונגענעם טראַכטן און קרענקען פאַרן פּראָנט. תמיד האָט מען אין קאָרענעם רוסלאַנד געהאַט אויסצושטיין פון הונגער־אומרוען. דער־עיקר האַלט אַן די מלחמה פאַרן ברויט, כאָטש מיט דעם פלעגן זײַן פול די שפּײַכלערס פונעם לאַנד. אָבער שטענדיק גייען אַרום די מענטשן מבולבלע: „וואָס טוט מען אַצינד?״ אייביק באַנײַט זיך דער אומרו פאַר אַ פרישער מהומה: ווידער די נויט! יִיאוש איז די אָפּגעבליאַקע־וועטע קאָליר פונעם געדאַנק וואָס מ׳טאָר נישט הויך אַרויסברענגען.

אָקערשט איז לגמרי נישט צו דערוואַרטן קיין גוטס. רק דאָס מיליטער, דער רוף נאָך בלוט־קרבן הערט זיך טאָג און נאַכט. פאַרקרענקט זענען אַלע שטעט און אויפן פּוסטעוועדיקן מאַרק פאַרקויפט זיך נאָר דער געברום פון געשענדטער אָרעמקייט. מיר ווערן דערוואָרגן פון חושכדיקן פּײַן און נישט פאַר אַ וועלכער־ס׳איז גוואַלטיקער גרויסקייט, וואָס איז נישט צו דערגרייכן. איר זעט עס דען נישט?

זײַן שטים האָט אונטערגעציטערט.

דער דאָקטער האָט פלוצלינג אַזוי זיך צערעדט פאַר קלאַראַ איסאַקאָוונאַ, אַפילו פאַרלוירן אַ קרעכץ, אָבער ס׳איז נישט גרינג געווען צו דערציילן דערפון וואָס עס פאַרצערט אים אַליין. אויף אַ מינוט לאָזט עס נישט אָפּ. דאָך האָט עס זיך פון אים אַרויסגעריסן. אַוודאי, —האָט ער באַנײַס אָנגעהויבן— ער שטייט שוין נישט אין צווייט. יעדער, איז באַוווּסט, האָט אַפּאַרט זיך אָפּצויאָגן פון אייגענע צרות. מ׳ווערט צו פיל געפּרוּווט. למשל, — האָט זײַן ווייטיק זיך שוין געקנײַטשט אין אַ שעמעוודיקער מינע — ער האָט אַ היים, איז זי נישט ווינציק חושכדיק. וועמען קען ער אויסדערציילן פון דער לאַנגיאָריקער אַגאָניע זײַן גנעסיעס, דעם צעבראָכנסטן מענטש אונטער גאָטס הימלען? געהאַט אַ זון, אין וועלכן מ׳האָט זיך געשפּיגלט, האָט דער מולך פון דער פאַרנעבעכטער פרײַהייט אים פאַרצוקט אין זײַן סאַמע פרילינג. געבליבן פון אים אַ זיס ווײַבעלע מיט אַ קינד, האָט מען אויך זי צוגענומען און די אידעלע מאַמע מער צעבלוטיקט. כלומרשט פאַרזינדיקט זיך דער מאַן, מוז לײַדן אויך זײַן ווײַב און קינד. אויסרײַסן דעם וואָרצל, הייסט עס בײַ די דאָזיקע, ניין, מע פאַרברענט דעם וואָרצל פונעם „שולדיקן”. מײַן קאָליאַ האָט זיך פאַרזינדיקט, איר הערט! מײַן קינד, וואָס האָט אַ הויך וואָרט נישט געקענט אויסרעדן, איז אַ פאַרברעכער, אַ פאַררעטער! נו, ס׳איז עק וועלט, איר הערט? איז ווייסט מע נישט אויך פון א י ר און נישט מ׳ווייסט וואָס ס׳איז געוואָרן פונעם אייניקל. פאַרוואָרפן זיי אין כף הקלע, אויף אומקום. שוין יאָרן ווי בײַ דער מאַמען און באַבען איז דערפון פאַרטונקלט דער זינען. אונטערגעגאַנגען אַ הויז, ביעלאַיעוואַ, און ער גייט אונטער ביינאַנד מיט אַלעמדינג. גלייבט, דער דאָקטער וואָס שטייט פאַר אײַך, דאַרף ערשט אַ גוטן דאָקטער וואָס זאָל אים היילן! וועט זיך געפינען אַזוינער? אָך, אָך. מײַן גנעסיע איז אַ טריפנדיקע וווּנד. גנעסיע מוז האָבן נעבן זיך אַ מענטש וואָס זאָל זיך מיט איר אומגיין, אויך זײַן אַן אויער זי אויסצוהערן. גנעסיעס ליכט איז טאָטאַל אײַנגעלאָשן.

„דו ביסט אַ גוטע, גנעסיע; וועסט זײַן געזונט, גנעסיע, — מוז מען צו איר רעדן ווי צו אַ באַליידיקט קינד. — דו וועסט אָנטאָן דאָס מאַרגיזעטענע קאָפּטל צי דאָס ווײַסע, גנעסיע?" מיט זײַן ווײַב, זאָגט ער, מוז מען עפּטערס רעדן, זי אַרויסבררענגען פון דעם עולם הדמיון. טו, לאָך, ווען היגטערן קלערן שטאַרצט אַן אָפּענער גרוב פאַר דײַן נאָענטסטער! אַזאַ חולה ליידט שאַרף. דערפאַר די אומהיימלעכע קולות וואָס זי לאָזט אַרויס אומגעריכט, דערפון אפשר אויך דער אומגעשטילטער חשק צום עסן וואָס ציט זי. עסן? גוואַלד, ווו נעמט מען עס היינט אַזוי פּיל! יאָ, ס'איז דער צייכן פון דער קרענק, ביעלאַיעוואַ. כאַטש גיב דײַן קאָפּ, וועט זי אים אַרומגריזשען אין הונגער־וואַנזין! גנעסיע, גנעסיע. ממש אַ קינד מיט אַ געפּלאָגטער פּאַנ־טאַזיע קלאָגט פון איר, אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג. אויך דער מאַמעס לעצטע טרייסט איז געראבט געוואָרן. צוגענומען אין מלחמה אַרײַן דעם ייִנגערן זון און נישטאָ פון אים קיין סלוד. די פאַרקרענקטע מאַמע שטרעקט זיך צום זון מיט אַ וואָך געפּיל: גרישענקע, וואָס האָסטו צו מיר? שלעכט האָט דיר געטאָן דײַן מאַמע? דו וואָלטסט מיר כאָטש אַ פּאָר ווערטער פאַר־גונען! גאַנצענע טעג קען זי זיצן און אַריבעררעדן צו גרישענקען און טענהן. און ער, וואָלאַדימיר, באַוויזט נישט זי אײַנצורויִקן, בכן די פּאַטשט די מילחמהדיקע איז אַ קריכערקע, זעק מיט בריוו בלאָנדזשען אַרום אונ־טערוועגנס און אַ סך ווערן פאַרפאַלן. ערשט דעמאָלט צעיאָמערט זיך גנע־סיע, רוקט אָפּ פון זיך דאָס עסן און צעהעשעט זיך אַז זי שטאַרבט פון הונגער. בהלה שפּרייט די דערשראָקענע מאַמע — — מיט אַ מאָל האָט דער דאָקטער אויפגעהערט רעדן און מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט די אויגן ווי ער וואָלט פון זיי געוואָלט אָפּווישן די מעלאַנכאָליע וואָס איז אָקערשט אָנגעוואַקסן אַנטקעגן אים. זײַן מוח האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו האָרעווען:

„אָט ווי דער גורל קריכט מיט די משוגענע שטיוול! די קלאַראַ אי־סאַקאָווגאַ איז באמת נישט שולדיק וואָס צו אים האָט זיך נאָך צוגעקלעפּט דאָס נײַע עגמת־נפש. ווי רופט זיך דאָרט די אַראָפּ־שטאָט? כ'דערמאָן זיך שוין. יאָ, פּרונזענסקאַיאַ. גראָד אים האָט די פּרונזענסקאַיאַ באַדאַרפט אונ־טערקומען. אַ מוראדיק אומגליקלעכע בעזשענקע. אָן זין זיך אַוועקגע־לייגט אויף דער קופּע פון אומזיניקן וואַרטן פון די פאַרבאַרטע. זיכער, דאָס שלימזל גייט גלײַך צו די פאַרלוירענע אָדער די לעכערלעכע. די קלאַראַ אי־סאַקאָווגאַ האָט, ווײַזט אויס, אויך פאַרבלאָנדזשעט. צו אַ פאַרשיקטן — אַ

צוטשעפּעניש. אויף אָפּקומענישן איז דאָס היגע אָרט אַקוראַטנע. שטיל און צעוואָרפן אַוועקגעשטעלט זיך צווישן בערג אַנטקעגן אַנסופיקן מידבר. דאָ קען אָפּגעטאָן ווערן כ׳וויס־וואָס, מ׳קען פאַרלוירן גיין אָן אַ שפּור אַז ס׳איז געווען אַזוינער און אַזעלכער. אַ פּאַרטייזש־פּאַרהאַרטעוועטע, וואָלט אַזאַ קלאַראַ געוויס זיך נישט פּאַראינטערעסירט מיט אַ דאָראַ. דערצו איז זי אַ יידישע, מיט אַ קנייטש אין דער נשמה. נאָר וועדליק איר צוריקגעצויגנקייט באַדאַרף איר מאַן זײַן אַ רוס, אַן אוקראַינער. און אַ פּאַרטיי־שישקע. אַרײַנגעאַרבעט זיך מסתמא אין דער חברותא, דער גלותניק, און קלעטערט אַרויף־אַרויף. אַ וואַזשנער געוואָרן צווישן די וואָס זוכן ערגעץ געפעלן צו ווערן. דערפאַר אין דער היים, בײַם ווײַב, אַ האַרטע שקורע. די רעוואָלוציע איז געווען זײַן איינציקע שול. די מוטנע יאָרן האָבן אים אויסגעדאָרנט. דאָס קענטיקט זיך אַרויס ווי אַ בליץ ערב נאַכט. אַזאַ בליץ מוז זיך אַרײַנשפּאַלטן מיט אַן איבל אין אַ פאַרפאָלק וואָס גוועדייעט שווער, אויב ס׳באַשטייט פון אַ צונויפקום צווישן יונג בלוט און אַ זאַק אָנגעטומלטע דערפאַרונגען. אָ, דאָס געהערט שוין צום געווען, דערפאַר דער קאַצניאַמער וואָס טראָגט זיך פון אַלע שטאָקן ווו עס זענען פאַראַן משפּחה־צימערן און עס ליאַרעמט פון מערערע צוזאַמענוווינונגען. די „פרײַע ליבע״ באַגעגנט זיך על פּי רוב אין אויפגערוישטן נייגיר פון בלוט און פון פאַרסמטע שטימונגען וואָס שטעקן נאָך אין צערודערטן נעכטן. עד, דאָס רעדט אַרויס פון דער דאָזיקער. ווי אין איר שפּילט ערשט אַ צוקנדיקער אומרו. רעדסט מיט איר און אָט שווײַגט זי אָפּ, די ביעלאַיעוואַ. דער פרויס ראַפּטעם איבערגעריסענער פלוס פון רייד איז טאַקע געקומען ווי אַ האַסטיקער שפּרונג גלײַך אין זײַן פאַרגאַפּטקייט אַרײַן. בײַ קלאַראַ איסאַקאָוונאַ האָבן שאַרף זיך געביטן די קאָלירן אין פּנים. ס׳זענען געווען רגעס פון איבערשרעק בײַ איר, אָבער די ביעלאַיעוואַ האָט פּאַוואָליע זיך „צוריקגעקערט״ צום דאָקטער, גלײַך זי וואָלט זיך אָפּגערוט פון אַ סאָפּעדיקן לויפן.

— וואָס אײַך זאָגן, טײַערער סאַלאָמאָניטש? אַ שיינענקן דאַנק. איר באַנעמט, זע איך, אַלץ. מ׳באַדאַרף זיך אַראָפּבייגן פאַר זײַן אויפלויכט, דעם עלנט.

זי האָט אַרויסגעוויזן אומגעדולד, גערעדט עפּעס נישט צו דער זאַך און אָפּט זיך אומגעקוקט. קען זײַן, האָט ער זיך משער געווען, זי ריכט זיך אויף עמעצנס אַרײַנקום. „מסתמא די מורא פאַרן מאַן״, האָט דאָקטער לויפער פאַרקלעמט די צונג צווישן די ציין. „געוווּינט, מעגלעך, צו קלעפּ. אַ

צוזאַמענזײַן אַ קראַנקס וואָס האַלט זיך אויף שפּינוועבס". — דער אַלטער האָט נישט געקענט לענגער זיצן. ער'ט זיך באַלד אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין, אָבער זי האָט געבעטן: — נאָך אַ מינוטקעלע, דאָקטער. איך באַדויער וואָס איר זענט געקומען אין אַזאַ געמיט. איך וועל דערלאַנגען טיי, יאָ, וואַרט, — איז זי צוגעשטאַנען.

מעשה־גאַסטגעבערן, געוואָלט זיך אויף גיך דערוויטערן, אָבער דער גאַסט האָט זי פאַרהאַלטן:

— מ'באַדאַרף נישט, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. צו וואָס זיך מטריח זײַן? נישט אין געסט בין איך געקומען. די פליכט האָט מיך געטריבן אַהער. די שלאָפּע קען נישט בלײַבן אָן הילף און די עפנטלעכע אַדמיניסטראַציע, פאַרשטייט, (ער האָט עס כמעט שעפּטשנדיק אַרויסגעבראַכט) איז אַ נאָכ־לאַזיקע. אַ מאָל ווייסט זי נישט פון אירע הענט און פיס. נישטאָ אויף וועמען זיך סומך צו זײַן. איז וועמען געהאָט אָנצוזאָגן, אויב נישט אײַך? — האָט ער געפּרוווט פאַרווייכן דעם ביטערן אמת מיט אַ כמעט שמייכל. — איך געוועלטיקט נאָך איבערן אומשכל וואָס איז באַפאַלן אונדזערע טעג. — אַ ביסל שפּעטער האָט ער דאָס זעלביקע געזאָגט שוין מיט געבעט, וואָס האָט שוואַך אויסוויברירט אין קאַלעמוטנעם צימער און דאָס האָט (דאַכט זיך) זיך אײַנגעקוקט אין אים, דעם מאַן וועלכער איז פרעמד, אומזיכער באַגײַס געזע־סן אויפן שפּיץ בענקל: — זיכער, —ט'ער ווידער אַ מאָל זיך אויפגעשטעלט— איך וועל נאָך פּרווון. די דאָראַ איז אַן ערנסט פּראָבלעם פאַר מיר און פאַר אײַך, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. בלי ספק, אויך פאַר אײַך. כ'האָף, איר'ט נישט פאַרגעסן, — און מיטן בליק און מיט זײַנע שאָטנדיקע מויל־ווינקלען צע־וויגט אַן אומעטיקע געזעגן־מינע.

דאָקטער לויפער האָט מער נישט געוואַרט אויף אַן אָפּרוף פון דער פרוי און איז ראַפּטעם אַוועק.

## 5

די שלאָפּע דבורהקע איז איצט געוועזן, ניין, זי איז געהאָנגען מיטן היץ פאַרבאַקענעם געהירן אויפן צווישנוועג פון קלאַראַ איסאַקאָוונאַ ביז דעם אַלטן דאָקטער וולאַדימיר סאַלאָמאָנאָוויטש לויפער. ווי אַ מאַנונג האָט די קראַנקע נישט אויפגעהערט אָנצוקלאַפּן בײַ דיביידע:

„אַ מענטש איז אין סכנה אײַנצושלאָפן ווי אַ הינדל, טרויעריק אַנט־שלאָפן צו ווערן", — האָט צו זיך געטענהט די ביעלאַיעוואַ. דער צופּ פון טויטלעכער אומגעריכטקייט האָט זי אַלע מאָל אָפּגעגאָסן מיט אַ קעלט.

און ד״ר לויפּער, אַ פאַרנומענער אין „ראַיזדראַוו״ * וואָס פאַרזיכערט אים רק מיט עדותשאַפט אויף דער דערשלאָגנקייט פון מענטשלעכן נפש, האָט זיך נישט געקענט איינרויקן:

„די פון פּרונזענסקאַיאַ פּאַכעט מיט דער נשמה, דער קערפּער איז אַ צעטראָטענער, דער ווילנגאַווסט זאָל איר נאָר בײַשטײן! ס׳איז אַ גרויס רחמנות. אָנגעוווירן אַלצדינג, ערשט איז דער פאַראַ־טיף דער לעצטער פאַרגרייט פאַר דעם אָרעמען מענטש: מאַרדעווע זיך, ווי לאַנג עס וועלן סטײַען כוחות! ס׳איז מאָדנע מיט דער מענטשישער דערהויבנקייט. פון וועגן דער פּאַשע פאַר דער בהמה דאַגהט זיך נישט בלויז דער באַלעבאָס, נײַערט די מלוכה. פויער און מיליציאָנער נעמען זיך אָן די קריוודע פונעם פערד וואָס איז באַלאָדן מיט אַ באַשײַמפּערלעך שווערער משא; זיי פּילן מיט דער קו אויב זי קרעכצט, האָבן אײַנזעעניש פאַרן הונט וואָס אויף הפקר. די דאָראַ איז אין קאַלטן טיפּוס דורכויסיק פאַרטייבט פון צעשטערערישע עַ׳עמענטן. ווער׳ט שענקען אויפמערק לפּחות ווי אַ פערד — דער דאָזיקער? ווער איר באַשערט זײַן איבערצובלײַבן, וועלן אירע אָפענע אויגן זי פירן איבער גריבער און הײַכן פון יסורים, וועט זיך אַרומשלעפּן אַ קאַליקע. אָך, דו שטראָף, וואָס ברענסט און בראָטסט דעם מענטשישן קיום!״

דעם אַלטן דאָקטער איז געוואָרן אַנגסטיק אַלע מאָל ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דער בעזשענקע. ער מוז ווידער אַוועקגיין אין דער טאָליקער גאַס, צולייגן אַ שפּענדל, ווי ר׳האָט געזאָגט, אַז ס׳פּלעמל זאָל כאָטש טליען. און ר׳מוז טאַקע זען צי יענע טוט עפּעס פאַר דער פאַרלאָזענער. אַ, ריכטיק. דער זכרון בלײַבט; ביעלאַיעוואַ, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. סע ווײַזט אויס, די דאָזיקע לײַדט פון אַ קאָמפּלעקס. אָן ספק, אַ גוטער מענטש, נאָר מיט דער אומהיימלעכער קרענק אַז דער מאַן וועט זי סוף כל סוף אַוועקוואַרפן. אַוודאי, זיי פאַרלאָזן נישט זייערע געליבטע, די געניטע קעמפערס, זיי „פאַרבײַטן״ זיי נאָר. ער דערקענט עס אין איר אומרויקייט, פון די אָפּגעריסענע זיפצן וואָס זי לאָזט פאַלן. און זי איז שוין נישט יונג, די וווילע צווישן די פרויען. האָט זי אַ ייִנגל, וואַקסט ער אין אַ קעלט וואָס שײַך צוגעבונדנקייט צו דער לײַבלעכער, פון וואָס מאַמעס חלומען זינט אַלע אייביקייטן. וועמען זשע געהערט זי אַצינד, די אָרעמע, אויב קיינער וואַרט נישט אויף איר, קיינעמען איז זי מער נישט נייטיק; אויב ס׳איז נישטאָ קיין

---

* געזונטהייט־צענטער פונעם ראַיאָן.

נאָענטשאַפט־געפיל נישט מצד דעם וואָס איז איר געווען אַ מאַן און נישט מצד דעם זון?! ווי, זי קומט דערצו אַזוי שפּעט, די קלאַרע. רק זי האָט צו טאָן מיט זיך, די ביעלאַיעווא. און זי׳ט קנאַפּ צײַט. איבערלאָזן, פון דעסט־וועגן, אויף גאָטס באַראָט אַזאַ דאַרע איז אַ מוראדיקע זאַך, אָבער גלײַכ־גילטיק וויסן דערפון, מיינט זײַן מיטשולדיק אין אַ צוזאַמענבראָך. ער טאָר נישט אַזוי, — איז דעם דאָקטער באַפאַלן אַ צײַטלעכע חרטה. קלאָר, —האָט ער פּלוצלינג גענומען זיך טרייסטן— אומגליק צו אומגליק איז נישט גלײַך. ער האָט נישט קיין רשות זיך צו רעכענען מיט זײַן אייגן „פּעקל״. ער׳ט כאָטש ווו זיך אָפּצורוען אין זײַן מידקייט. נישט אים איז געגעבן די רעכט צו באַקלאָגן זיך אויף אַ שווערער מערכה; דער שלאָפּער אויף פּרונזענסקאַ־יאַ איז פינצטער דאָס מזל. וולאַדימיריטש לויפער קען זיך אַפילו אויסוואַ־רעמען די גלידער, די פיס טראָגן אים נאָך. דאָך איז עס אַ היים, די שטוב פון זײַן ווײַנשאַפט מיטן צעבראָכענעם ווײַב. די אָ איז אָבער אין אויפ־טרייסלענדיקן עלנט.

— אַזאַ מענטש איז טאָפּלט קראַנק, —האָט ער זיך אונטערגעשמיסן.— וועסט נישט האָבן קיין פאַרענטפערניש, סאַלאָמאַניטש, אויב די פרוי וועט פאַלן. זי׳ט פאַלן און עס וועט נישט זײַן ווער עס זאָל אויפהייבן דעם מוח־שפּאַלטנדיקן געשריי. ווי שוידערלעך!

געהאַט כוח צי נישט, דער אַלטער האָט זיך באַנײַס אַוועקגעלאָזן אַראָפּ־שטאָט. באַטראַכט די שלאָפע, פון ס׳נײַ געזוכט אַ מיטל איר צו וועקן דאָס האַרץ און אַן אינערלעך דערציטערטער איז ער אַליין אַוועק ברענגען מע־דיקאַמענטן, כאָטש ער האָט געוווּסט אַז ר׳וועט זיי נישט באַקומען. דע־פּיציטנע אַרטיקלען, די פײַנע רפואות. ס׳נישט צו דערגרייכן זיי, איז אַן אַלגעמיינער זאַג. שווער זיך געהויבן אויף זײַנע אָפּגעדינטע פיס, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין שטער פאַרן באַשיידענעם דאָקטער צו טאָן זײַן מענטשלעכן חסד.

*

...עס איז געשען אַז ד״ר לויפער האָט אין דער ערשטער מינוט פון זײַן אַרײַנקום אין ליימשטיבל געטראָפן אַרום זיך נאָר אַ שטיקל פראָסט־גליווער. פוסט. אַ פאַס מידבר־ווינטער האָט זיך אויסגעצויגן איבערן קליי־נעם חלל און די ערדענע פאָדלאָגע איז רגעוויַז טונקל אונטערגעשפּרונ־גען. זײַנע אויפגעהויבענע וויעס האָבן געבלאָנדזשעט אין פאַרבלענדטקייט

פון טאָג וואָס איז דאָ אויסגעמישט מיט דער תמיד שפּאַרנדיקער ערב־
נאַכט. ז י האָט ער נישט באַלד געזען. ס׳איז אויך נישט געווען ניכר אַז
אין דעם מעלאַנכאָלישן קנוידער, ווו ער האָט ענדלעך אַרויסגעגראַבלט די
שלאַפע, זאָל זיך אַ ריר טאָן — לעבן. ווי די פּײַכטלעכע קעלט וואָס האָט
געבליקט פון די אָנגעפּראָסטיקטע קליינע שייבלעך, האָט דאָס פאַרבעלמעטע
שווײַגן זיך געגעפלט פאַרן עלטערלעכן מאַן. אַזוי נעסטיקט זיך דער טויט,
האָט אין דעם דאָקטער חשבון־הנפשדיק זיך אַרײַנגעשניטן דער גרויל וואָס
וואַרפט זיך אויפן מענטש. פּלוצלינג איז געקומען די שפּירונג פון דער
דאָזיקער שנײַדיקייט. דער דאָקטער האָט זיך דערשראָקן צו בלײַבן אויג
אויף אויג מיטן געפּלאַטער פון טויט וואָס האָט אָט־אָ זיך געלאָזט שפּירן
אינעם פוילבלעכן ריח וואָס איז דאָ געשטאַנען און דאָס האָט אויף אים גע־
קוקט מיט איבערגעקערטע אויגנווײַסלעכער. דערזען זיך אין סאַמע מיטן
פון אַזאַ וויסטקייט, האָט דאָקטער לויפער פאַרנומען אויך אַן אינעווייניקדיקן
טרייסל: אויף זײַן געוויסן פאַלט דער קרבן! צוגעוואַקלט זיך צום טינטערל
וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרשטויבטס, אַ פאַרשימלטס אין אַ ווינקל פונעם
פיצל פענצטער און אותו הרגע דערהערט אין זיך די שטים פון אַ צוזאָגנ־
דיקער המצאה אָט־שוין אַרויסצוציִען די מסוכנע אויפן ברעג דעם אָקערשט
נאָענטן, ר׳עט גיך פאַרשרײַבן! ס׳טינטערל איז אָבער געווען פאַרפרוירן
מיט אַן אײַנגעדאַרט געמויזעכצל אויפן פלאַכן דנאָ. וואָס טוט מען?! דעם
דאָקטערס פון קעלט־געליימטע הענט האָבן אוממאַכטיק אַרײַנגענומען דאָס
אָנגעפינצטערטע פלעשעלע צווישן דיביינערדיקע דלאָניעס, צוגעפירט עס
צום מויל און אַרײַנגעהויכט זײַן וואַרעמען אָטעם אין דעם טרוקענעם טינט־
איבערבלײַבעכטס. אויפגעטײַעט עס, האָט ס׳קאַנטיקע גלעזל קויטיק אויס־
געשוויצט אַ פּאָר טרערן, מיט וואָס דער אַלטער מעדיצינער האָט טונקל
אָנגעוואַסערט אַ רעצעפּט, מיט וועלכן ער גופא האָט זיך מטריח געווען אין
אַפּטייק פון ראַיזדראַוו, כדי דערנאָך צוריק צו שפּאַנען צו דער קראַנקער.
דבורהקע האָט אָבער נישט באַנומען איר וואָר. איר אויסגעצערטער מהות
האָט נישט דאָיִק זיך געוויגט אין דער מטושטעשקייט פון טאָג; צו מאָל
נישט דערקענט קיין מענטש, הגם אירע אויגן האָבן זיך צעעפנט, געקוקט,
זעלטן עפּעס געוויספּערט. מיט ווייטיק זיך צוגעקוקט צו דער מציאה פון
זײַן פּאַציענטקע, האָט דער דאָקטער אין אייגענער אומבאַהאָלפנקייט גע־
ציטערט פאַרן פּאָדעם, אויף וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן איר חיות. מחמת
דער שרעק וואָס האָט געלויערט אויף דער אָ, האָט ער אַלע מאָל פון ס׳נײַ זיך

געטריבן צו דער שלאָפער בעזשענקע: „גיי, קענסט פּאַרשפּעטיקן!" און אויף ס'כּוח אין איר אַרײַנגעקראָגן אַ פּיל, מיט אײַנשפּריצונגען אויפגעשלאָגן פּונקען לעבן. מיט זיקנהשער געטרײַשאַפט האָט ער זיך אויסגעסטאַרעט אַ ביסל געזאָטן הייס וואַסער און עס אַרײַנגעגייט אין דער שלאַפער: „דאָראַ, מע מוז! דאָראַ, דו דאַרפסט דערהערן, העלפן אַ מענטשן וואָס וויל דײַן טובה. נישט שלאָפן איצט, דאָראַ. האָרך, האָרך, אַ גאַסט איז צו דיר אַרײַנגעקומען! דערנאָך, ליבינקע, וועסטו זיך אויסרוען. אָט, אָט, מאָלאָדיצאַ!" דער אַלטער האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט שווייס, געזוכט ווערטער פון צערטלעכקייט און אָן אויפהער אַרויסגערופן די שלאַפע פון פּאַרפאַלנקייט.

...די ליימיקע קאַמער איז שטענדיק געשטאַנען אויף איר צוגעלענטער טיר; זי איז געווען אָפן, די טיר, פאַר דער פּאַרוואָרפנקייט פון דער אַנטריינענער צו נײַע נויטן און געבליבן אָפן פאַר דער רחמים־גאָב וואָס דער גוטער דאָקטער האָט אויסגעבעטן אין אומבאַקאַנטע שכנישע כאַטעס:

— זײַט אַזוי פרײַנדלעך. פאַר אַ שווער קראַנקער וויל איך פון אײַך אַ שלוק טיי. אַ מענטש איין אַליין אין דער גאַנצער געגנט און ס'איז אויסגעקילט איר קעמערל. אַ דאַנק, מײַן דאַנק, גוטינקע. איך האָב באַלד געוווסט: ווו אַ האַרץ, וועט עס גינציק ענטפערן.

לײַט האָבן געשטוינט אויף דעם מאָדנעם אַלטן און זיך באַמיט פאַר זײַנעטוועגן. אַ דאָקטער, און ער טוט אַזוינס פאַר אַ שלאַפן! דער רוב האָט אַפילו נישט געפרעגט — פאַר וועמען, ווו? „מיר האָבן נישט ווער עס זאָל זיך צוהערן צו אונדזער אייגענער פּײַן", — האָבן אַנדערע געצוקט מיט די אַקסל.

אַנדערע שכנים האָבן קאַלט, ווי פון דער ווײַט, געענטפערט דעם אַלטן: — נישטאָ קיינער אין דער היים, — און אומבאַוועגלעך נאָכגעקוקט דעם אַרײַנגעקומענעם, ווי ער גייט אַוועק.

*

יעדן טאָג, ווען ד"ר לויפער איז אַרײַן אין אָפּגעלאָזענעם קעמערל, האָט ער מיט געשפּאַנטקייט גענעענט צו דער טונקעלער קויקע: „איז זי נאָך דאָ?" מיטן גאַנצן לײַב און לעבן האָט ער געציטערט אויפן דאָזיקן געדאַנק. די אַלטע האַנט האָט אומזיכער זיך געהויבן צו דער שלאַפערס שטערן, געזוכט איר דופק. און אויסטערליש: איטלעך מאָל האָט וולאַדימיר

סאַלאָמאָניטש דערשפּירט אַ שטראָפּנדיקן שטויס איבערן געפּלאָגטן גע־
וויסן: מיר זענען אַזוי פיל און קענען גאָרנישט אויפטאָן פאַר איין מענטש!
אַנטקעגן איינעם אַ שוואַכן קען אַזוי־אַ בלײַבן שטיין אַ מחנה צעקראַכענע.
זי צאַנקט פון אונטערדערנערונג. דאָס איז די עיקר־באַזע פאַר דער שלאָפּ־
קייט. עסן, קרעפּטיק עסן! — האָט ער זיך אַלאַרמירט צום וויפלטן מאָל.

ווידער אַ מאָל געטריבן זיך עפּעס אויפצוטאָן פאַר דער שלאַפער,
וואָס פאַרלאָזן פון גאָט און לײַט, האָט ער לסוף אויסגעפּועלט, דער ד״ר
וולאַדימיר סאַלאָמאָנאָוויטש לזיפער, אַז אין שטאָטישן שפּיטאָל זאָל מען
פאַר דער איינזאַמער וואָס די פיס טראָגן זי נישט, אויסטיילן אַ מיטאָג.
„יעדן טאָג אַ מאָלצײַט פאַר דער שלאַפער פון דער פּרונזענסקאַיאַ״, — איז
געקומען אַ באַשטימונג פונעם הויפּטדאָקטער אין שפּיטאָל. און איז נישט
געווען ווער עס זאָל צוטראָגן אין קעמערל אַרײַן די דאָזיקע גאָב, האָט דער
ליבער דאָקטער אייגנוויליק גענומען אויף זיך יעדן האַלבטאָג צו געדענקען
אינעם מאָלצײַט, וואָס דאַרף דערכאַפּן די אַנטפּאַלענע. געגאַנגען מיט טעפּל
אין שפּיטאָל־קיך אַרײַן און פּאַוואָליע, אַן אַנגעגאָסנס, אַ פאַרוויקלטס אין
אַ שטיקל וואָלנס, אַז ס'זאָל נישט גאָר אויסקילן, האָט ער זיך שווער באַוועגט
טראָט אין טראָט איבער דער טאָליקער שטילקייט. די ביימער, די שיפּלעכע
דעכער האָבן אים נאָכגעקוקט מיט פאַרחידושטע בליקן:

„דאָכט זיך, דער אַלטער דאָקטער!״

„יאָ, דער דאָקטער. ווײַזט אויס, ער טראָגט זיך מיט אַ טעפּל געקעכטס.
שוין מערערע מאָל ווי כ'זע אים אַזוי״.

? ?

„ווי געהיט ס'איז זײַן טראָט. אָך, אָך, די יאָרן! אַזוי שלאַבעריק עס
ווערט דער מענטש״, — האָבן בײַ פאַרהויכטע שויבן געמורמלט קורצזיכ־
טיקע זקנות.

עס זענען געשטאַנען ווײַס־גליווערנדיקע טעג פון אַלמאַ־אַטינער
ווינטער. שניי אויף די אַנטדרימלטע ביימער, קאָרטשע־פאַרקרימטע, פאַר־
פרוירענע בלאָטע־גרודעס, וווּ־נישט־וווּ אַנגעשימלט מיט שניי־ווײַסקייט.
די לופט, אַ פידלדיק־שנײַדיקע, און דער עלטערער מאַן, אַן אַנגעבויגענער,
שלעפּט זיך טאָג אײַן, טאָג אויס אַראָפּ־גאַס מיט אַ געשיר אין אַ גראָבן גע־
וואַנט. שריט בײַ שריט באַוועגט זיך די אָפּגעבליאַקעוועטע געשטאַלט. די
פאַרוויסגעשטרעקטע הענט ציטערן (עס זאָל זיך נאָר נישט פאַרגיסן! גאָט

באַהיט, ער זאָל זיך נישט אַ דריי טאָן דעם פוס!) ביז ער דערקלײַבט זיך צו דער ליסוכינאַס כאַטע. איבער שטיל־צוקנדיקער גראָקייט פון קאַלעמוט־נעם טאָג און —אַ מאָל— דורך געווימל פון געלאַסן נידערנדיקן פײַכטן שניי טראָגט זיך אַזוי דער אַלטער דאָקטער און די שלאַפּע באַקומט פון זײַן גע־טרײַער האַנט די לעבלעכע לאָבונג. טאָג בײַ טאָג אַזוי. פּאַמעלעך ווי זי וואָלט זיך געהויבן איבער הויכע גרודעס, האָט די שלאַפּע שוואַכעטשקער־הייט דערוואַכט פון איר דורכויסיקער פאַרלזירנקייט. „גוט, גוט, דאָראַ, מאָ־לאָדיצאַ, דאָראַ!" — האָט צו איר געגעענט אַ העלער פּאַס ליכט און זי'ט געפּרווּוט אים זוכן אַרום זיך.

7

# קלאַראַ איסאַקאָוונאַ און פּייגע־פּעליסאַ

## 1

. . . אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די שטוביקע עולן, האָט קלאַראַ איסאַקאָוונאַ ביעלאַיעוואַ אויף גיך זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער פּרונזענסקאַיאַ גאַס. תמיד האָט זי באַדאַרפט זיך אײַלן. זי'ט נישט געטאָרט פאַרשפּעטיקן מיט דער מאָלצײַט, אַז דער מאַן זאָל נישט באַדאַרפן זיך קרימען, ווען ער באַווײַזט זיך אַהיים אָפּעסן. ער איז אַ „זאַוו־כאָז". אי אַ סקלאַד אי מערערע מענטשן האָט ער אויף זײַן אחריות, מוז ער שטענדיק זײַן אין צײַט אויף אַן אָרט. און דעם זון באַדאַרפט אַרומזען. אָפּגעטאָן אַלצדינג, האָט ערשט די שלאַפּע דאָראַ זיך געשטעלט בײַ איר „אין דער ריי". יעי באָגו, זי קען עס מער נישט אָפּלייגן. אַן אויסגעדייוועט־טער מענטש אַזאַ, — האָט זי אַרײַנגערעדט אין זיך און זיך צוגעאײַלט. יעדן נאָכמיטאָג אַזוי און די טעג זענען גראָד געשטאַנען קליינע. זיי האָבן אַלץ מער אײַנגעשרומפּן, די טעג פון קאַזאַכסטאַנער ווינטער. אַרויס פון שטוב, האָט די ביעלאַיעוואַ גענומען מיט זיך אַ פלאַש געזיסטן וואַרעמען טיי, פאַרהילט אין אַ האַנטעכל. מיט דעם האָט זי געפּרוווט דערכאַפּן ס'חיות פון דער „פאַרמישפּטער".

אינעם שטאַר וואַרטנדיקן קעמערל האָט קלאַראַ איסאַקאָוונאַ מיט געמאַכטער האָפעדיקייט אַ רעד געטאָן צו דער שלאַפער: „באַלד וועט זײַן גוט, דאָראַ. נאָר נעמען אין מויל אַרײַן. וועסט זען, דו וועסט זײַן געזונט". זי'ט גענומען שאַרן מיט די פּיס איבערן ערדענעם דיל, זיך אונטערגעאײַלט און מיט צונויפגעקליבענע שפּענדלעך אָנגעלייגט אַ פײַער אין אַ זשאַווערדיק אויסגעליידיקטן גרויסן קאָנסערוון־בלעכל; אָנגעצונדן עס און געלאָזן אין הייפל אויסטשאַדען, דערנאָך עס צוריק אַרײַנגעטראָגן אין קאַמער: „זאָל די פײַכטקייט כאָטש אַ ביסעלע אויסטריקענען. פאַר דער איז סם די נאַסע לופט", — און זי'ט געהאַט ס'געפיל אַז די שלאַפע איז צופרידן פון איר בײַזײַן. קלאַראַ האָט עס אַרויסגעדרונגען פון דער קראַנ־

קערס אויפגעוואַכטער מינע. דערויף האָט די ביעלאַיעוואַ אַרומגעווישט דבורהקעס פּנים, עס אָפּגעפרישט מיט אַן אײַנגענעצט טיכעלע און ליבלעך גערעדט צו איר: „דו וועסט אַרויסקריכן פון דײַן בערלאָגע, דאָראַ, וועסטו לאַכן פון דער וועלט!" זי׳ט גערעדט און איר האָט אויסגעדאַכט אַז די שלאַפע האָרכט זיך צו פאַרשטאַנדיק; איר שווײַגן איז אַ צייכן פון הסכמה אויף אַלץ וואָס זי זאָגט. אין מיטן דערינען איז אָבער די שלאַפע ווי אַ טויטע זאַך, ווי אַן אויסגעשטאָפּטע שמאַטענע ליאַלקע, צוריקגעפאַלן אין אירע אומבאַוווסטע ערגעצן. ערשט דאָס לעפּעלע וואַרעמס, וואָס זי האָט איר דערלאַנגט צו די ליפּן, האָט פון ס׳נײַ זי אַרויסגעצויגן פון איר שווער־ער שלעפעריקער פאַרגאַפטקייט. דערפון איז פון איר אַרויס נאָר אַ שטרעמל לעבן — עפּעס ווײַטס האָט נאָענט צו איר צוגעריזלט און תיכף אָפּגעפאַלן. די שלאַפע איז ווידער געבליבן פאַרשטאַרט. צו מאָל איז איר מויל געוואָרן בלאָלעך פאַרזיגלט און פון די דורכזעעוודיקע ווײעס האָט זיך געטראָגן אַ ווײַטלעך בעטנדיק קרעכצן: ממאַמ, מממאַ־מאַמעליו, און ווידער אַרײַנגעפאַלן אין האַלבשלאָף. דעמאָלט האָט די ביעלאַיעוואַ זיך אַוועקגעזעצט נעבן דער שלאַפער, געפּרוווט דערגיין צי איר איז נישט קאַלט אין די פיס און כמעט תחנונימדיק אין איר אַרײַנגערעדט, אײַנגע־שמועסט אַ טרייסט: „דאָראַ, דאָרעטשקאַ. דײַנער וועט קומען. וועסט זען. פרילינג וועט אַרײַנשפּאַנען אַהער. די וועלט וועט זיך אויפבינדן און דו וועסט זײַן פרײַ פון די טראַנטעס, פרײַ ווי אַ פייגעלע. סע ווערט גאָר־גאָר שאַרף די קעלט, מוז זי פּלאַצן. האָרכסט, וואָס כ׳זאָג, דאָראַ? ס׳עט פּלאַצן און דו, ליבינקע און אַלע קינדער וועלן זיך פרייען" — — און האָט זיך גיך אַראָפּגעלאָזן דער אָוונט, האָט קלאַראַ איסאַקאָוונאַ גענומען אויסקוקן קאַטיאַן זי זאָל איר זײַן אַ האַנטלאַנג אין צוהיטן די שלאַפע.

— נישט קיין גרויס׳ צו טאָן, קאַטיאַ. נאָר אַ קוק טאָן, געבן אַ לע־פעלע אין מויל אַרײַן. איכ׳ל נאָר אַ לויף געבן —האָט זי געזאָגט— ברענ־גען עמעצן צו וואַכן דאָ בײַ נאַכט. איינע אַליין קענען מיר דאָך אויף פעסט אײַנשלאָפן נעבן דער, נישט אמת? מאָרגן, האָט זי געקלערט, וועט די זאַך פון היטן די שלאַפע שוין מוזן באַקומען מער סטאַבילקייט. צו דער פּאַרטיי וועט זי אָנשפּאַרן. זאָלן זיי אויסטיילן מענטשן. מ׳טאָר נישט לאָזן אַ מענטש אַוועקפּגרן ווי אַ הונט, —האָט זי אײַנגעחזרט דאָס צו זאָגן אויך דעראַס באַלעבאָסטע.— קאַטיאַ, מירן נישט לאָזן רויק שלאָפן די פּאַרטייצעס!
זיך דערוואַרט אויף קאַטיאַן, וואָס איז נישט אָן רעש אָנגעקומען מיטן

גראָבטשענקן יאַטל אויף דער האַנט און דעם גרעסערן וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ בורטשנדיקער, איז דער ביעלאַיעוואַ געראָטן זי אײַנצושפּאַנען אויף „אַ בליק צו טאָן, מער נישט ווי אַ בליק!״

עטלעכע טעג האָט זי אַזוי אײַנגעקוואַרט אַרום דער שלאַפער און איטלעך מאָל געוווּנען די ליסוכינאַ אַז זי זאָל „כאַפּן אַ בליק אויף דער שוואַכעטשקער״:

— קאַטיענקאַ, איר זענט דאָך אַ פרוי און דאָס האַרץ איז אויך נישט אַ פאַרפאַלנס, —האָט די ביעלאַיעוואַ יענער אַ פּעטשל געטאָן איבער אַן אַקסל.— אָט קום איך באַלד צוריק און איר׳ט האָבן געטאָן אַ גרויסע טובה. אָפּטלעך האָט זי אַזוי אַרײַנגעקראָגן דאָראַס באַלעבאָסטע אויף עטלעכע אָוונטלעכע שעהען. איין מאָל, בעת אַזאַ אַרויסכאַפּן זיך אין שטאָט אַרײַן, איז קלאַראַן אונטערגעקומען צווישן באַקאַנטע אַ יונגע בעזשענקע, וועלכע איז נאָך איר צורײדן זי, געווען גרייט איבערצונעכטיקן בײַ דבורהקען, צו דערלאַנגען אַ לעפּעלע טיי, אָנצוהאַלטן מיט אַ הייסער פלאַש די וואַרעמקייט פון דער שלאָפערס פיס. די פיס זענען דער פונדאַמענט פונעם מענטש, האָט דער אַלטער דאָקטער אָנגעזאָגט. די פיס האָבן אַ באַהעפטונג מיטן האַרץ, — האָט זי אויף אַ קול אײַנגעחזרט פאַר דער בעזשענקע וואָס אַרײַנגעבראַכט אין קעמערל.

— מ׳באַדאַרף מיר נישט אַזוי פיל קלאַפּן אין קאָפּ אַרײַן, קלאַראַ איסאַקאָוונאַ, —האָט די דאָזיקע שיער זיך באַליידיקט.— היטן אַ שלאָפּע, פאַרשטייט מע, אַז ס׳הייסט געדענקען ס׳איז אַ שוואַך לעבן.

— איך זע, איר באַנעמט וואָס מ׳באַדאַרף טאָן. נאָך פאַראַן מענטשן אין דער היהשער וועלט, סלאַווא באָגו, —האָט די ביעלאַיעוואַ שוין אונטערגעחנפעט דאָס ווײַבל.— פעליסאַ רופט מען אײַך, אמת, כ׳געדענק? ס׳וויל וואָס איר קענט זײַן אַ פרײַנדין. איר׳ט באַווײַזן אַ גוואַלדיקע זאַך, — האָט קלאַראַ איסאַקאָוונאַ נישט אויפגעהערט זיך פאַרזיכערן די הילף פון דער אַהערגעבראַכטער. אַ מבולבלע האָט די דאָזיקע זיך אַרומגעקוקט אויף דעם מישטיינס געזאָגטן שטיבן־באַשטאַנד. — מיט אַ שפּירעוודיק האַרץ דערגרייכט מע גאָר הויך, — איז די ביעלאַיעוואַ נישט אָפּגעשטאַנען אין איר גערייד צו דער פעליסאַ און גערעדט האָט זי שוין מיט רמזים: — נישט נאָר וואָס מיר לעבן אין אַ סומנעם סטעפּ, נײַערט דעם מענטשנס כאַראַקטער איז אַ פעלד פון ווילדקייטן. דערפאַר זענען מיר מחויב אין זיך צו ראַ־

טעווען אַ קאָפּ איידלקייט, פעליסאַ טײַערע. טאַקע מיט העלפן אַזעלכער. גישטאָ מער קיין ברירהס.

די ביעלאַיעוואַ האָט פילזאָגנדיק געוויגט מיטן קאָפּ, גלײַך זי וואָלט אָקערשט אַרויס אַ זיגערישע פונעם פאַרמעסט מיט די סאַמע גראָבע כוחות פון שלעכטס, וואָס געוועלטיקן איבערן אוניווערס.

— מ׳זעט ערשט צו וואָס דער מענטש איז דערגאַנגען, וואָס ער קען אויפטאָן, — האָט קלאַראַ ביעלאַיעוואַ באַלערנט די פאַרשטאַנדיקע פרוי. זי׳ט מיטגעפיל פאַר דער אומגליקלעכער, וואָס איז איר אַ ווילד־פרעמדע. — און אַלץ הייסט מענטש! די סאַמע פאַרדאָרבנסטע חיה איז די וואָס מ׳רופט מ ע נ ט ש. גענומען אַ וועלט און זי צעטרייסלט, אונטערגע־צונדן און מיט גדולה זיך צעטאַנצט אין טײַכן פאַרגאָסן בלוט, באשר זי האָט געזיגט. און דער בראָך פאַלט אויף די אָרנטלעכע. — קלאַראַ איסאַ־קאָוונאַ האָט אַרײַנגערעדט אין דעם ווײַבל, וואָס׳ט זיך געלאָזט פירן פון איר. — יאָ, יאָ, ס׳איז נישט אויסצומעסטן ס׳אומגליק וואָס גייט אַלע מאָל אויפן שוואַכן, אויפן נאַיוון — און ווידער טרויעריק געוויגט מיטן קאָפּ.

— אַ מענטש באַדאַרף שטענדיק זײַן אַ מענטש, —האָט פעליסאַ זיך געקווענקלט אַרויסצוברענגען איר וואָרט.— יעדער קען געפרווט ווערן מיט אַזוינס, טאָ מוז מען. נישקשה, איך וועל זיך אַן עצה געבן, — איז איר געדאַנקעכץ אַרויסגעשטויסן געוואָרן אינעם ענטפער וואָס זי איז געווען שולדיק דער ביעלאַיעוואַ:

— גייט, גייט, מיט געזונט, —האָט זי נאָך באַרויִקט די ווילע פרוי, וועלכע האָט זיך שטאַרק געאײַלט.— איך וועל שוין...

די פעליסאַ האָט זיך באַמיט פאַר דער אַנטפּאַליענער דבורהקע, זי׳ט איר מיטגעפילט אין איר אומגעוויינטלעכן עלנט. זי׳ט זיך באַלד גענומען פאָרען אַרום דעם געלעגער, געוואָלט זי דערוועקן צום לעבן אין די איינ־ציקע פאָר שעה וואָס זי איז געווען אין דעם אָרעמען קעמערל. פעליסאַ האָט אָבער ניט לאַנג געקענט דינען מיט איר געטרײַשאַפט דער שלאַפער; די אייגענע דחקות האָט זי געקלעמט, נאָר דאָס איז געשען שפּעטער; אויך די מוטיקע ביעלאַיעוואַ האָט נישט געהאַט גענוג כוח אויסצופירן ס׳איריקע, ווי זיך פירגענומען: צו שאַפן פאַר דער שלאַפער אַ ריכטיקע השגחה. גאַנ־צענע טעג איז דבורהקע אַ פאַרשמאַכטע ווידער געלעגן אַ פאַרגעסענע אין איר שוואַכעניש. פון ס׳נײַ האָט די ביעלאַיעוואַ איינע אַליין געמוזט כאָטש

אַ מאָל אויפֿן שטח פֿון לאַנגע טעג אָפּרײַסן אַ שעה־צוויי אויף צוצולויפֿן אַ בליק טאָן צו דער שלאָפער, דערלאַנגען אַ ביסל זופּ, אַ נעפּ וואַרעמען טיי. און די ביעלאַיעוואַ האָט געפּועלט אַז די פּעליסאַ־פּייגאַ קאָרנבלום זאָל למען געטרײַשאַפט צום מין מענטש נישט אין גאַנצן אָפּשטיין פֿון זאָרג פֿאַר דער פֿרוי וואָס איז ערשט מער אויף י ע נ ע ר וו ע ל ט ווי אויף ד ע ר וו ע ל ט. אַך, אַך, ס׳וויַיב אין אַזאַ סכנה און איר מאַן אין סיביר הייבט נישט אָן צו וויסן אַז זײַן נאָענטסטע איז אויס. עס דאַרפֿן געשען ניסים אַז די קראַנקע זאָל זיך אַרויסדראַפּען פֿון דעם קוועל, — האָט פּייגע אַרײַנגערעדט אין קלאַראַ איסאַקאָווגאַ, ווען זי האָט מאָדנע געדאַנקט פֿאַר דער געלעגנהײַט צו קענען טאָן אַזאַ וויכטיקע זאַך ווי אַרויסווײַזן האַרציקע באַהאָפֿנטקייט צו אַן אומגליקלעכער. ס׳איז קיין שום ווונדער אין דעם וואָס די פֿרעמדע פֿאַלן באַלד אַוועק, — האָט זי דער דאָזיקער קלאַראַ געגעבן צו פֿאַרשטיין די אויסנעמלעכקייט פֿון די פּליטים, וואָס האָבן אַן אַרונטערגעריסן געזונט. נישטאָ קיין אײנער אָן אַ בראָך אין האַרץ. ביזן אָנקומען אַהער האָבן זיי זיך נישט ווינציק אָנגעליטן, און ערשט דאָ? מיך פֿרעגט, ביעלאַיעוואַ. איך אַליין האָב זיך גענוג אָנגעגעסן מיט ביטערע עפּע־לעך, — און ראַפּטעם געוואָרן נאָענט אַרויסצופּלאַצן מיט געכליפּ. פּעליסאַס שיטער צעגאָסן פּנים האָט זיך געקרימט. אַוודאי, שווײַגן קען אויך אויסברע־נען לעכער אין דער נשמה — האָט באַלד גענומען טרערן פּעליסאַס גע־דאַנק און אירע באַקן, כאָטש יונגע, האָבן געציטערט זקנהש. — הלוואַי זאָל זי נאָר קענען אַזוי פֿיל. מ׳קען דען וויסן ווען עס איז דער מאָרגן?

פּייגע איז געקראָכן פֿון דער הויט אַרויסצוווײַזן בריהשקייט: זי וועט שוין. זי ווייסט. גייט, קלאַראַ איסאַקאָווגאַ. איך וועל אַכטונג געבן. אַציגד איז עס מײַן צײַט! — און זי׳ט די ביעלאַיעוואַ ליבלעך באַגלייט צו דער טיר.

2

די ביעלאַיעוואַ האָט זיך דערפֿרייט מיט דער פּייגע־פּעליסאַ ווי מיט אַ ווערטיק געפֿינס. אַזאַ גאָלדן האַרץ, — האָט זי זיך געשאַצט גליקלעך וואָס זי׳ט געטראָפֿן אויף אַזאַ. אַזוינס געפֿינט מע נישט אַ ליאַדע־ווו. ס׳איז אַ מענטש! כאָטש אַליין אויף גרויסע צרות האָט זי אַ וואַך געפֿיל פֿאַר פֿרעמדע לײדן. פֿון אַ קאַפּיטאַליסטישן לאַנד און דאָך בעסער דערצויגן פֿון די אונדזעריקע וואָס זענען גראָב. אַ קלייניקייט, ה ײַ נ ט צו האָבן עמעצן וואָס דערלאַנגט דיר אַ האַנט? ריכטיק, די דאָראַ איז אַ חוב פֿאַר אַלעמען,

אָבער ווער וויל הערן פֿון אַ מענטשישן חוב! אַן אָטשערעד אין קלייט אַרײַן איז עיקרשטער. ווי אויף גאַסנשטײנער טרעט מען אויף מענטשלעכע גורלות. מ׳באַדאַרף זיך צירן מיט אַזעלכער ווי די פּעליסאַ. פּעליסאַ, פּעליסאַ, האָט זי אַ בגילופֿינע פֿון דעם געדאַנק איבערגעחזרט דעם נאָמען, געזוכט וועמען־ס׳איז צו שמועסן דערפֿון, אָבער זי האָט זיך באַגעגנט מיט פּוסטע רעש. דער געדאַנק וואָס אויפֿגעטויכט אין איר, האָט פֿון דעסטוועגן באַלעבט די ביעלאַיעוואַ און איר ענערגיע האָט מיט נײַעם רייץ אויפֿגעזאָטן פֿון ווײַטע גרונטן, וואָס אַן אומקלאָרער כוח האָט אין איר אָנגעלויכטן, ווען די פֿייגע־פּעליסאַ איז מיט דער באַשטענדיקייט פֿון אַן אייגענער אויך צומאָרגנס און איבערמאָרגן געקומען בײַ נאַכט אויפֿזײַן בײַ דער קראַנקער דבורהקע. און נישט מיט לײדיקע הענט איז געקומען די פֿייגע. איטלעך מאָל מיטגעבראַכט אַ טעפּעלע „צו נעמען אין מויל אַרײַן פֿאַר דער שוואַכעטשקער”. אויך אַ ביסל צוקער אין אַ פּאַפּירל אַרויסגעגראַבלט פֿון אַ פֿאַרהוילענער קעשענע. זי׳ט אָנהייבן „עפּעס אַראָפּנעמען” וועט זי קומען צו זיך. ביסלעכווײַז, פּאַוואָליע, און זי וועט נישט מער באַדאַרפֿן קיינעמס טובֿה, — האָט געזאָגט פֿייגע־פּעליסאַ וואָס האָט זיך אויך אײַנגעשאַפֿן אין ליבשאַפֿט בײַ קאַטיאַן, דער באַלעבאָסטע פֿון דבורהקעס קעמערל. „נעמט, פֿאַר די קליינע אײַערע אַ נאַש”, און דערלאַנגט דער ליסוכינאַ אַ זשמעניע זיסלעכע קיכלעך. אַ מאָל אויך אַ טוץ צוקערקעס. „געקראָגן אויף דער ברויט־פֿאַבריק, האָב איך עס אָפּגעשפּאָרט פֿאַר די קליינינקע אײַערע”, — האָט מוסיף געווען פּעליסאַ מיט אַ געקינצלט כיכיקען. — „איך פֿרעס זיך אָן גענוג בײַ דער אַרבעט, באַדאַרף איך שוין נישט אין דער היים מער אָנצולייגן זיך דעם זשעדנעם קאַלבן. זאָל זיי זײַן צום לעבן, אײַערע קינדער. קליינוואַרג באַדאַרף עס צום וואַקסן, קאַטיאַ!” און שעמעוודיק אַוועקגעקוקט אָן אַ זײַט. זי׳ט געפֿילט אַ בושה הלמאַי מ׳ווייסט זי גייט אַרום שטענדיק אַ זאַטע, בעת דער רובֿ, אַפֿילו קליינוואַרג, איז להוט אַ ביסן.

אַז די באַלעבאָסטע וועט זײַן צופֿרידן, —האָט זי אַ ווונק געטאָן צו דער ביעלאַיעוואַ— וועט אויך דער שלאַפֿער דאָראַ זײַן גרינגער. מ׳באַדאַרף אַזעלכער צוואַרפֿן אַ בעסערן קײַ — איז פֿייגע געווען פֿול טראַכטן פֿאַר דער אומגליקלעכער דבורהקע, וואָס איז דערצו געפֿאַלן צו בעט אין אַ ווייסטער שלאַפֿקייט. אין אמתן איז פֿייגען גאָר נישט געווען אַזוי ווויל אַז זי זאָל קענען אָפּשפּאָרן פֿון מויל. זי׳ט אַוועקגענומען אָפּט מאָל פֿון אייגענעם מויל, אַבי דער עלנטער דבורהן זאָל אַרויסקומען אַ טובֿה.

די פייגע־פּעליסאָ איז גערן געגאַנגען צו דער שלאָפער; זי האָט שוין אַפילו באַקומען לשון, געוואָרן באַריידעוודיקער און היימיש צוגעשמייכלט דער ביעלאַיעוואַ, וועלכע האָט ווי פון אַ לאַנגער רגילות ניט אויפגעהערט „אַרײַנצופּאַלן" צו דבורהקען אין קאַמער און אַלע מאָל געפֿונען זי ראַ־טעוועוען. קוים־קוים האָט די שלאַפע אַרויסגעוויזן סימנים פון אויסדויער פאַר דער רציחהדיקער חולאת. פאַמעלעך האָט נאָך געקלאַפּט דער דופּק, שאַרפער איז נאָר געוואָרן בײַ איר די שפּירונג פון אויסגעשוואַכטקייט און עפּטערס האָט זי געעפנט די אויגן.

— ס׳וועל, דאַרא. האַלט זיך, — האָט קלאַראַ איסאַקאָוונאַ אין די קאַ־לעמוטנע באַטאָגן זיך געוואונדערט צום בלײַכן פנים־פלעק, וואָס האָט אַרויס־געשפּאַרט פון דער טונקעלער שמאַטע־אָנהויפונג לענגויס דער ליימרויער וואַנט פון קאַמער: — מירן זיך אַרויסדראַפּען, מירן זיך אַרויסרײַסן פון קלעם, דאַרעטשקע. ניִשט אַנדערש: מירן אַרויס, טײַערינקע! אַיעדע בלאַטע ענדיקט זיך. אַנו, דו זעסט וועך ס׳רעדט צו דיר? דערקענסט מיך, דאַ־רעטשקע?

3

דערווײַל האָבן זיך געשטאַרקט די פראָסטן; זיי האָבן „גענומען" אין די לאַנגע נעכט און אַ ביסל נאָכגעלאָזן אַרום האַלבן טאָג, ווען די זון, אַן אויסגעהילכטע אייערשאַל לײַכט אויף איבער די קרוינען פון די הימל־שפּאַרנדיקע אַלמאַ־אַטינער טאָפּאָלן. דעמאָלט צעדריוולט זיך דער פונאַנ־דערגעגאָסענער טומאַן וואָס שלינגט אײַן די אייביק פאַרקלערטע בערג. אין שפּעטלעכן נאָכמיטאָג האָט די קעלט פון ס׳נײַ זיך געשטעלט אויף טומאַנע פיס. שאַ־שטיל האָט דער פראָסט ווי אַ גליווערפויגל זיך אַראָפּ־געלאָזן פון די נאָענט ווײַטע הײַכן און געצופּט, געשוועבט איבער די מוט־נע שיפועים פונעם באַצײַטנס אָנזאַגנדיקן פאַר נאַכט. די אײַז־פאַרפּאַנצער־טע ערד האָט טרוקן אָפּגעקלונגען אונטער די ווינציקע מענטשישע טריט און די פענצטערלעך פון דער טאַליקער געגנט האָבן געזשמורעט מיט טונ־קלענדיקע פראָסט־אויגן. דעמאָלט האָט אין ליימשטיבל אויף פרונזענ־סקאַיאַ יוסט זיך באַגרונטפעסטיקט די ממשלה פון דבורהקע בוימווערקס פאַרצערנדיקער קרענק. איר „פאַראַ־טיף" איז אַרײַן אין שווערן קריזיס. אין משטעשן זײַן און נישט־זײַן האָט די שלאַפע בלײַך אַרויסגעגרינט פון אירע טראַנטעס און די שרעקיקע אומבאַוועגטקייט האָט פון איר שטום

אַרויסגעקלאָגט. אויב געקרעכצט, איז עס געווען דאָס איינציקע קול פון איר חולשות וואָס האָט אינסטינקטיוו זיך געזוכט אַ וועג אַרויסצוקומען פון דער פאַרבלענדנדיקער פינצטערניש, וועלכע האָט זי העפּטיק אַרײַנגענומען אין קלעם. נאָך דעם איז זי ווידער געלעגן אין קנוידער פון תהומיקער אומ־שפּירונג. אַ שטיק עפר ואפר. דער וואַרעמער שלוק געזיסטע וואַסער, וואָס דערלאַנגט איר אין מויל אַרײַן, האָט יעדעס מאָל זי אַרויסגעריסן פון אַן אַנדערער נעפּלהאַפטיקער זעונג. מיט געצוגטוונג האָבן דאָס צוגעזען סײַ קלאַראַ איסאַקאָוונאַ, סײַ פייגע די בעזשענקע. „זי ראַטעוועט זיך, די אָרע־מע, —האָבן ביידע געמורמלט— זי׳ט זיך אַרויסדראַפּען!" און אַליין זיך געשטאַרקט אין דער נעבעכדיקער הילף וואָס זיי ברענגען דער שלאָפער. שפּעטער־אַרײַן פלעגט פייגע שוין זעלטענער זיך אַרײַנווײַזן אין קעמערל פון דער שלאָפער. ס׳איז איר שווערער געוואָרן זיך צו דערווײַטערן פון איר פאַרטרויענקייט אויף „אַ בליק צו געבן צו דער אָרעמער, וואָס קוים דער דעך האַלט זיך אין איר". די שלאָפע איז טאָקע געבליבן אַ פאַרלאָזענע פון אַלעמען. קאַטיאַ איז די ערשטע אָפּגעשטאַנען פון טאָן גוטסקייט, צו וואָס זי האָט זיך דערשלאָגן נאָר אויף אַ צײַט פון טעג, מחמת דער גאַריאַטשקע וואָס די ביעלאַיעוואַ האָט אויפגעהויבן אַרום דער אַנטפּאַלענער:

— אוך אוך, אַ מענטש גייט אויס ווי אַ ליכט! — האָט די פרוי אַ באַ־נומענע צעשפּרייט די הענט.

פייגע, דאָס פּשוטע מענטש וואָס האָט פון תחילת זיך צוגעכאַפּט צו דער קראַנקער איז, אמת, מיד געוואָרן פון קומען וואַכן בײַ איר, אָבער זי׳ט נישט געוואָלט נאָכגעבן איר „פוילקייט". איטלעך מאָל האָט זי פון ס׳בײַ זיך אַ ריס געטאָן צו דער שלאָפער, געווען גליקלעך ווען זי האָט גע־קענט אין איר אַרײַנקריגן אַ שלוק, אַ ביסן. „צו געזונט, דאַרעשי! איר ׳עט זען, ס׳עט נאָך דערפרייט ווערן אײַער האַרץ". פייגעס אייגענער מעמד האָט זיך פון דעסטוועגן אַרויסגעוויזן שטאַרקער, פאַרעטעריש שטאַרקער פון איר. איר אייגענער גורל האָט זי געשלאָגן, דערלאַנגט קלעפּ קלאָמ־פּערשט שטילינקערהייט, כאָטש פרעמדע האָבן עס באַמערקט: דער מאַן איז איר אַ בלוטצאַפּער. זי באַדאַרף שרײַען, נאָר די איידלקייט לאָזט עס איר ניט. און אפשר שעמט זי זיך, מחמת זי שפּירט זיך אויך שולדיק. מסתּמא שוין נישט דער ערשטער בײַ איר. נאָר אַ זכר איז ד ע ר. ער׳ט זיך געמיין אַרײַנ־געפּלאָנטערט אין דער נאַרישער און איר אָנגעטאָן אַ יאָך. איר׳ט שוין געזען אַ פרוי זאָל האָרעווען פאַר אַן „ער"?! ער דרייט זיך אַרום שלינג און

שלאַנג און זי פּאַשעט אים. ס׳נישט קיין גלאַט כשרער זיווג. עס איז גע־
ווען אמת אין דעם: דער פּאַרשוין האָט זיך נישט געוואָלט אײַנקנייטשן דעם
בויך, ווי לײַט האָבן געטענהט און זי׳ט געפּראַצעוועט פאַר אים. אַז די
קרירות האָבן גענומען דערקוטשען, האָט זי כאָטש גענומען אַרויסקרעכצן:
„ווער׳ט כוח צו אַזעלכע אומגעריכטע קעלטן״. זי׳ט אַפילו שוין זיך אַראָפּגע־
ווינט פאַר קלאַרא ביעלאַיעוואַ. דאָס דריקן אין זיך, האָט זי שוין נישט גע־
קענט אויסהאַלטן, אָבער דאָס סאַמע געדעכטע נישט באַוויזן צו דערציילן.
מ׳האָט נאָר געוווּסט אַז פייגעס אַרבעט אין ברויט־פאַבריק איז אַן אַרבעט
ווי פאַר אַ פויער. די האָרעוואַניע האָט טאַקע אויסגעצויגן איר פּנים. אַזוי
אַז עס איז געוואָרן מאַנצבילש האַרט, כאָטש טו עס אָן אַ באָרד מיט אַ היטל.
אין אַ גרויסער באַקשטוב איז זי געווען פאַרנומען. אַרום איר איז געשטאַנען
אַ ליאַרעם פון בעקער־יונגען, מעל־טרעגערס, האָלצהעקערס און פונאַנדער־
פירערס פון די ברויטן אין פראָסטע וועגענער, וואָס מ׳האָט איבערגעדעקט
מיט פּלאַכטעס. אַ מאַנצבילשער זאַוואָד. ווי אַ מאַנספּאַרשוין, האָט מע גע־
ווּסט, שלעפּט די פייגע־פעליסאַ אויף איר פּלייצע שווערע זעק מעל, קאַ־
טשעט זיי צו צו די זויערטייגן וואָס מע פאַרמישט. אַ מעל־פאַרמעקט פּרצוף
איז בײַ איר אין וועקשטוב און זי איז פאַרשוויצט. קומט דער אויפדערנאַכט,
שפּירט זי שוין נישט קיין גאַנצן אבר. פון ציִעניש אין די גלידער ווייסט זי
נישט ווו צו לייגן די הענט און די אויגן קלעפּן זיך. גאָט אין הימל איז איר
אַן עדות, —ראַנגלט זי זיך דעמאָלט מיט דער הערמאָנזונג אַן דער שלאָפער
דבורה— אַז זי וואָלט גערן אַרויסגעהאָלפן אַזאַ מענטש, אָבער... פייגע־
פעליסאַ האָט זיך פאַרשטאַמלט, צוגעלענט די ווי׳עס: ווער, ווער. זי גלייבט
אַזאַ דאָרא. ס׳איז טרויעריק אַז דער מענטש איז נישט דער באַלעבאָס אי־
בער זיך. פעליסאַ האָט נאָך אַן אומגליק אויף זיך — צו זײַן איין פּרוי צווישן
אַזוי פיל מאַנצבילן, און דער ,דאָס צוטשעפּעניש, איז איר נאָך אַ געשוויר
וואָס נאַיעט. אוי, די גראָבקייט פון די דאַזיקע. צום מערסטן האָט חוצפּה צו
איר דער בריגאַדיר; ער קליגט זיך איבער איר און ער וואַרפט זיך שוין מיט
וואָרענונג: „ביסט גאָר איבערגעפירט געוואָרן, פייגאַ, ס׳איז פּלאָכאַ מיט דיר!
אָדער מאַנקוראַנטן לערנען דיך אַזוי, אָדער די כוחות זענען דיר אויסגערונען
געוואָרן מיט אַ מאָל. עפּעס ביסטו שלעפּעריק אין מיטן טאָג. ס׳גאָר נישט
דײַן כאַראַקטער, פייגאַ. וואָס טוט אַזאַ ווי דו בײַ נאַכט?״ — ער׳ט זיך שוין
אַפילו דערוועגט צו שיקלען ממזריש, דער פּאַסקודניאַק, פּרוון אַ קנײַפּ טאָן
אויף אַ געוויס אָרט בײַ איר. באַלד זענען זיי חושד, די לײַט, האָבן אין זינען

הינטערגעגנג. יאָ, ס׳שטיקל ברויט ווערט סם. אַ ליאַדע טאָג קען זי עס פאַר־לירן. „מ׳וועט אָפּזאָגן״, — שרײַבט דער מנובל און די שליפיעס ווערן אים מיט בלוט פאַרגאָסן. זי וויסט — פאַר וואָס. ווײַל זי טרײַבט פון זיך, וויל נישט הערן זײַנע שושקערײַען. — „ווּעסט מוזן גיין אין קאַלכאָז, אויב דו קענסט נישט אין שטאָט. נישטאָ קיין אָרט פאַר ליידיקגייערס, סײַדן אין טורמע!״ אַ פּאָר מאָל האָט מע זי שוין גערופן אין קאַנצעלאַריע, געקראָגן אויסריידן: „געדענק, קאָרנבלום! צו אָפּט באַקלאָגט מע זיך אויף דײַן שלעכ־טער אַרבעט!״

געוואָלט, צי נישט געוואָלט, האָט זי געמוזט זיך רעכענען מיט דעם אָנזאָג, נאָך מער האָרעווען אין באַקשטוב, מיט איר שוויס גובר זײַן דעם מנובל. אַ קאַטאָוועס בײַ „זיי״ אַרײַנצופאַלן? אוי, באַלד גייט מען אַוועק אין אַ פּאָסיאָלאָק * ווי אַ פאַרברעכער. „ב׳אַוודאי, מיט אַ בעזשענעץ וועט מע זיך גיין שפּילן אין איידלקייטן? ר׳געפעלט נישט דעם באַלעבאָס, שיקט מען אים אַ הויז ווײַטער!״

4

אַ פאַרשעמטע האָט פייגע שפּעטער זיך אַרײַנגעשטעלט אין קעמערל פון דער שלאָפער. זיך געקרעקט מיט די רייד וואָס האָבן זיך געבעטן איר אויף די ליפּן אַרויף: „מיר זענען אין זייערע הענט״, — און טאַקע ציטע־ריק זיך צוגעשמידט, אַליין זיך צוגעשמידט צו דער ברויט־פאַבריק. — „איך האָב דעם ביסן, טאָר איך זיך נישט ברעקן מיט אים״.

און מער געוויטיקט למאי זי האָט נישט פאַר ווּעמען אַרויסצוברענגען דאָס וואָס ברענט אויס איר האַרץ. שמאי איז איר קרענק און נישט אַ טי־פוס ווי בײַ דער דאָזיקער. זי׳ט כאָטש אַ האָפענונג, די פאַרחושכטע דאָראַ. פייגעס קרענק וועט זיך שוין נישט אויסהיילן. זי וועט ערשט צו ווּעמען זי איז אַרײַנגעפאַלן. אַן אַנקריגער, אַ פאַלשע זאַך! די קלאַראַ וואָלט זי פאַר־שטאַנען, אָבער זי איז אויך זעלטן שוין געקומען אַהער. נישט געקענט זיך דערוואַרטן אויף דער ביעלאַיעוואַ. פייגען איז די ברוסט צעגאַנגען אין אַנבליק פון דער, וואָס לאָזט איר זען דעם אייגענעם חורבן. אומגליק־לעכע! — האָט זי פלוצלינג אַרויסגעהעשעט — נאַ דיר אַ לעבן! געבליבן דאָס מענטש איינע אַליין הויזן מיט געכפלטן עלנט און איז נעבעך נישט ראוי נהנה צו זײַן פון עמעצנס אַ פרעג: „ווער גיט איר אַ לעפל וואַסער?״

---

* אויף פאַרשיקונג אין ווײַטן צפון.

אַלע גוטע און ווילדע האָבן זי פאַרלאָזן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער מענטש! ב'אַוודאי, מ'ווייסט דען, ווי צו זײַן גליקלעך? איך ווייס נאָר אַז מײַן בראָך איז שמאי. ס'ביסן ברויט איז אַ ווינציק גליק — —

דאָס גיין צו דער שלאָפער דבורה איז פייגען איצט שוין אויסגעקומען „אויפן שפרונג”. זיצן אַ נאַכט, אַ טאָג, פאָרען זיך אַרום איר, האָט זי שוין נישט געקענט. געהאַט אַ מעגלעכקייט אָפּרײַסן אַ שעה־צוויי, פלעגט פייגע אַהינאײַלן. און תמיד מיטגעבראַכט אַ ביסל וואַרעמס, אַ געשמאַקן ביסן וואָס אַרויסגעקראָגן פון דער סטאָלאָווקע. די שלאַפע האָט להוט געשלונגען אַלץ וואָס פליסיק, זיס. אַן איבעווייניקדיקע היץ האָט זי פאַרצערט. קיין מאָל האָט פייגע נישט פאַרגעסן אין דער קראַנקער, וואָס כאָטש זי האָט נאָך נישט געקענט אַראָפּנעמען אַ טרוקענעם ביסן, פלעגט זי אָנטראָגן צו איר שטי־קער לחמא, מיט וועלכע קאַטיאַ האָט זיך גאָר געקוויקט; מיט פעסטע ציין האָבן דאָס איבערגעמאָלן קאַטיאַס שטענדיק הונגעריקע יינגלעך. דער־פאַר האָט די באַלעבאָסטע נישט געזשאַלעוועט אַ מיטפילנדיקן זיפץ פאַר דער שלאַפער און די אַרײַנקומערן אויפגענומען פרײַנדלעך. אַ מאָל פלעגט זי אויך זיך דערמאָנען אַז ס'איז צײַט דער קראַנקער צו דערלאַנגען אַ לעפל לאָבונג: „נאַ, וועסט דערוויקן די קישקעס!” די קרענק האָט זיך אָבער לאַנג „געשפילט” מיט דער שלאַפער, אַקוראַט אַזוי ווי דער ווינטער האָט געקאַ־פריזעוועט מיט דער זון און מיט די קעלטן וואָס האָבן זיך סוף כל סוף אויסגעלאָזן מיט ברייט־צעגאָסענע שיטערע בלאָטעס.

די קאַמער פון דער שלאַפער איז אַלץ געשטאַנען אָפן. פייגע האָט זיך אַהין אַרײַנגעיאַוועט על פי רוב דעמאָלט, ווען דבורהקע, אַ פאַרזונקענע אין אירע שמאַטעס, האָט זיך געוואַלגערט אין אַ שוואַכקייט־דרימל. געשטאַנען בײַם געלעגער, פלעגט די אַרײַנגעקומענע וואַרטן אַז די שלאַפע זאָל עפּע־נען די אויגן. און האָט זיך פייגען אויסגעוויזן אַז יענע דערזעט זי ענדלעך, האָט פייגע־פעליסאַ גענומען צערטלעך רעדן צו איר: „דבורהשי, דאָרקאַ, איר זעט ווער ס'איז בײַ אַך? אַן אמתע פרײַנדינע. איר'ט זאַאַן געזינט. אײַער מאַן וועט זיך מיט אַך פרייען. ר'עט זעען!” די קראַנקע איז געווען פאַרטראָגן אין נישט דערגרייכלעכן נישט־הי, שווער געדרימלט אין שויס פון ווײַטע חלומות. פייגע האָט דעמאָלט אויסגעשנאָבלט צו איר אַן אויסגעבאָרגט קרימלעך שמייכעלע פון נישט וויסן וואָס צו טאָן אין אַזאַ מינוט: בלײַבן שטיין ביז עס וועט זיך באַווײַזן אַ סימן לעבן פון איר, אָדער זי האָט חס ושלום זיך... שוין פאַרענדיקט? דערויף פלעגט זי אַ כליפּע טאָן און מיט

די ציין זיך אַרײַנגעביסן אין דער אונטערשטער ליפּ. די אָרעמע פייגע איז אַ לענגערע וויַילע געשטאַנען אין בהלה וואָס האָט זיך אין איר צעקלונגען צעטומלט און זי׳ט זיך אויסגעריסן די באַקן: „פּונקט באַדאַרפט אַנקומען אויף דעם־אַ גליק! וואָס טוט מען אַצינד?״ פון צרות האָט דער פרוי געגנו־מען קנײַפּן אין לײַב. זי׳ט אַזש נישט געשפּירט ריַנען די שווייסטראָפּנס אויפן שטערן. לאַנגע רגעס געווען פּאַרלוירן און ווידער זיך צוגעבויגן צום געלע־גער: די שלאָפע איז נאָך אַלץ געלעגן אין פאַרפאַלנקייט פון אַ גוסס וואָס ציטערט אויס זײַנע לעצטע אַנגסטן. אָט־אָ עפנט זיך דער תהום. עס וועט זי פאַרשלינגען דער גרויל. טרערן האָבן געשפּאַרט פון דער פרויס קעל.

פייגען האָט אָקערשט געקלעמט דאָס לאַנגאָניקע געפּיל פון יענעם וויטיקלעכן רחמנות וואָס האָט זי אַלע מאָל געטריבן צו דער שלאָפער. די דאָרא האָט נעבעך אַזוי פיל זיך אָנגעמאַטערט, געצויגן זיך צום לעבן, אי־בערלעבן! און ערשט — אַזאַ סוף!! די פייגע־פּעליסאַ האָט זיך צעהעשעט, געצונדן זיך פון דעם גאַר צונויפשטשעמענדיקן לייד, למאַי זי קען נישט לויפן, שרײַען מיטן קול פון אַלע אומגליקן וואָס וואַרפן זיך אויפן שוואַכן מענטש. גאָט, זי זעט אָפילו נישט, די דאָרעלע, אַז פייגע צאַפּלט אַרום איר, אַז זי וואָלט איר אָפּגעגעבן אַ שטיק פון איר אייגן לעבן. אפשר דאָך אויפ־הייבן אַ גוואַלד? מענטשן וועלן זיך צונויפלויפן, קומען ראַטעווען. מעגלעך זיי וועלן זי דערראַטעווען — —

פייגע האָט פון דעסטוועגן נישט אַרײַנגעשריגן אין דער פוסטקייט פון דער פאַרוואַלגערטער געגנט. „ווער ׳עט זיך צוהערן צו אַ פרעמדער ווי זי?״ אָבער די אויגן זענען איר אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. באַנײַס אַריבער־געבויגן זיך איבער דער שלאָפער, אַרײַנגעהעשעט אין זיך און איר האַנט געפירט מיט אַ טיכעלע איבער דער שלאָפערס בולטן שטערן, לענגויס די באַקן געווישט דערמיט, אָנגערירט איר שפּיץ נאָז; זי האָט דערשפּירט אַ פאַמעלעכן נאָכלאָז פונעם פאַרהוילענעם וויטיק וואָס האָט ווי עפּעס לעבע־דיקס זיך געגראָבן אין די פאַרבאָרגענישן פון לײַב ביַי דער אַנטפאַלענער. דאַכט זיך, די דבורהלע האָט זיך אַן אומגעריכטן דריר געגעבן אין איר גאָ־רער אָנמאַכטיקייט און דער איבערגעשראָקענער פייגע געלאָזט פילן אַז דער אָפּגעטויטער נפש פרווט פון ערגעץ טיף זיך אַרויסצוקריגן פון די קראַמ־פּנדיקע פענטעס. „אָך, ווי דאָס מענטש מאַטערט זיך!״ —

דער פרוי האָט דערויף אַ דריק געטאָן אַ הייס אָנגעפּלאָסענער קנופּ. אין שטרויכלונג האָט פייגע אין יענער מינוט אומווילי אָפּגעזיפצט.

דערנאָך האָט זי נישט־דאָזיק געקוקט אויפן ווייסטן געלעגער און פון ס׳בײַ נישט געוווסט וואָס צו טאָן: נעמען שרײַען, צי לויפן אַנטקעגן דעם אַנטדרימלטן דרויסן מיט אַ גוואַלד אים אין פּנים אַרײַן?

די פּשוטע פרוי האָט נישט באַנומען אַז די דאָזיקע מינוטן פון אומגעוויינטלעכער באַוואָרעניקונג פאַר איר, זענען געווען די שוועלן פון סכּנותדיקן איבערבראָך צווישן לעבן און טויט, וואָס די שלאָפע האָט גראָד אַריבערגעשפּאַנט.

דבורהקע איז טאַקע בײַגעקומען איר קרענק, אָבער נישט איר שוואַכעניש וואָס האָט געקרישלט דעם צעוואַקלטן גוף, פאַרטונקלט איר זינען. און האָט גענומען זיך קלאָרן דער בליק וואָס לײַכט קודם כּל אינעווייניק אינעם מענטשישן מהות האָט די שלאַפע שלאַבעריק אויפגעהויבן דעם שווייס־פאַרקלעפּטן קאָפּ און קוים הערעוודיק געפרעגט:

— די וואַ־אַ־לעענ־קעעס! ווו זע־ע־נען די־ייי וואַאַ־לעענ־קעעס?

זי איז באַלד צוריקגעפאַלן אויף היטערווײַלעכטס און אירע אויגן האָבן זיך ווידער געשלאָסן. פייגע איז אַנטשטומט געוואָרן אין שווער געאָנטן קלעם: ששוי־וין, אוי־וי! און אַנטקעגן דעם פרעג וואָס עס האָט ווייטיקלעך אויסגעטריפט די אַנטפאַלענע, איז געבליבן זיך באָמבלען דער קוים אויסגעקײַכטער ענטפער וואָס איז טונקל געפאַלן אין אָנגעמרוזשעטן חלל אַרײַן: — פּאַראַן, פּאַ־ראַאַן, דאָרא, פּאַאַ־ראַ־אַאַן, די וואַאַ־לעע־עענקעס. קאַ־טיאַ האָט זיי באַ־האַלטן אין געקאָוועטן קופערט. זײַ רויק, דאָרעלע. שמואלק, דײַ־יײַן מאַן, וועט זײַן וואַ־אַאַ־רעם אין דײַ־יײַ־נע וואַאַאַלענקעס, דאָרעלע! ששאַ, שאַ, דאָאָ־רעע־לעע, — האָט פייגע נישט אויפגעהערט אַרײַנצוכליפּען אין זיך, אין טויבן חלל פון עם קעמערל ווו זי׳ט זיך פאַרלוירן ווי אין אַ וואַלדיקייט וואָס איז באַלאָדן מיט אימה.

פייגע־פעליסאַ האָט אַ מידע לענגער דערשפּירט ס׳געשריי פון דער הודושנדיקער שטילקייט וואָס איז אָנגעטראָטן נאָך דער שלאָפערס חולשותדיקן מורמל מיט די פאַרגלייזטע אויגן. די נײַע קלעמעניש וואָס דער קנופּ סאָפּנדיקע יסורים האָט אָנגעיאָגט אויף איר פונעם קראַנקן געלעגער, האָט זיך באַלד אויפגעלייזט אין אַ קוואַל טרערן. דאָס שלוכצן האָט זיך צעעפנט אין איר מיט דער אומגעריכטקייט פון אַ ווירבלווינט אין אַ הויכבאַרגיקער געגנט. מיט שפּע האָבן דערנאָך נאָכגעלאָזן די טרערן פון דער ייִדענעס דערדריקטן געמיט, נאָר איר מויל איז געבליבן פאַרשטאָפּט פון אַ ווייטיק וואָס האָט געגרייכט טיף־טיף אין האַלדז אַרײַן.

# 8

## דאָס פאַרברעכן

1

כאָטש סיביר, כאָטש ער איז אַ חלוש צווישן שווער־הענטיקע, שטאַרקע פויערן וואָס זענען געווינט צו האַרעוואַניע און גראָב צו פּרעסן, האָט שמואלעק שוין באַוויזן זיך צו דערשלאָגן צו אַ שטיקל מדרגה: אי ער איז אַוועק פון דער קאַטאָרגע נישט צו מוזן מער אויפרײַסן מיט שטאָלענע קלינעס די פאַרפרוירענע ערד, אי ר׳האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון סכנות־דיקן באַרוועס. וואָכן לאַנג ווי דער באַיעץ באַמוהערק גייט שוין נישט אַרויס אין די פינצטערע באַגינענס אין אָפענעם פעלד אַרײַן; שטיין בײַנאַנד מיט דער גאַנצער מחנה אין דרויסן ווערט דאָס לײַב צעשונדן פון שנײַדנדיקער קעלט אָדער פון אַ בוראַן, וואָס גיט זיך אַ דערהייב מיט פּלוצלינגקייט און מאַכט בלינד מיט זײַן ווילדן שניי־שגעון.

סאַמואיל באַמוערק האָט אַ סך ריזיקירט און — געוווּנען.

אַ נס? אפשר איז אים באַשערט געוואָרן אויך דער דאַזיקער נס, פּונקט ווי אַנומלט, ווען ר׳איז געלאָפן פון בהלה, ניצול געוואָרן פון פלאַמפײַער וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אַלעמענס קעפּ. אַ באַנומענער זיך דורכגעריסן אין מיטן געקראַך פון ברענענדיקע שטעט, צעפליקטע הימלען און מעשה־ווונדער אַרויס אַ גאַנצער. אפשר איז עס טאַקע אַ באַשערטקייט? באַדאַרפט בלײַבן לעבן כדי נאָך מער זיך אָנצולײַדן. אָבער ער האָפט אויך דאָס איבערצוקומען און ווידער זײַן צוזאַמען מיט דבורהקען. דבורהקע! ווי די דערמאָנונג צעטראָגט אים. ער פילט זיך ווי אַ קינד וואָס ווייס נישט קיין שום אַנדער זין, סײַדן דעם צויבערלעכן כוח וואָס ציט נאָר צו דער מאַמען, בלינד און וויליק צו דער מאַמען וואָס איז אים איינציק. דבורהשי! אַ גליוווער־טרער האָט פאַרשטעלט זײַן בליק.

ס׳איז אַ לאַנגע, טרויעריקע געשיכטע, אָבער ווען זאָל ער דאָס דערציילן אַז דבורהקע איז דאָ נישטאָ? ווײ, דבורהקע איז אין גאַנצן אַנט־

שוויגן געוואָרן. שוין חדשים ווי מ׳זעט נישט פון איר קיין בריוול. צו דעם און יענעם דערגייט דאָך אין שטאָב־קאַנטאָר אַרײַן אַ דרײַ־עקעכיק גראָב פּאַפּירן קרעפּל־בריוול מיט נײַעסן פון דער היים וואָס שטיקט זיך מיט טרויער. מי יודע וואָס דבורהלע מאַכט, ווי אַזוי זי העלפט זיך אין דער נויט, ווי זי זעט אויס אינעם איבערקלערן פון אים און פון אַלעמען. אַר־בעט זי, האָט זי מיט ווער אַ וואָרט אויסצורעדן, פאַר וועמען זיך אויסצו־וויינען? אַ לעבעדיקער מענטש מוז האָבן אַקעגן זיך אַ וואָך האָרץ וואָס הערט אים, פאַרשטייט אים. דבורהשי! בײַ איר איז אַזאַ שפּירעוודיקע נשמה — האָט זי כאָטש אין דער עת־צרה געפונען אַן ענלעכע, וואָס זאָל קוקן אויף איר? הערן איר טראַכטן?

אַוודאי, — האָט שמואלעקן אָנגענומען אַ חשק צו גרויסן זיך פאַר דבור־רהקען, אַקוראַט זי וואָלט אָקערשט געגאַנגען אים אַנטקעגן. ר׳זעט: זי שטיקט זיך מיט טרערן מחמת דער אומגעריכטער באַגעגעניש און ער ווייסט נישט ווי זיך צו פאַרענטפערן, זי צו טרייסטן: זעסט? ס׳דער אייגענער. פאָרט זיך אַן עצה געגעבן, —זאָגט ער איר אין זײַן גלײַקער אויסדאַכטעניש— האָסט איבערגעקלערט? כ׳שטעל זיך פאַר. אַ שאָד! ס׳אַ צרה מיט דער שרעקלעכער וועט, מיט די פּרעסט, אָבער כ׳האָב זיך דורכגעדרייט. יאָ, קינד, (שמייכלט ער טרעריק און שעמט זיך פאַרן ווײַבל), ס׳איז שמואלעק און דאָך נישט דער אייגענער. געווען שווער, זייער שווער, דערפאַר וועט שוין פון אַצינד אָן (קרעקט ער זיך)... וועסט זען, דבורהשי. אַן אויסטויגער גע־וואָרן דײַן מאַן.

אומגעריכט האָט ער דערהערט זײַן אייגן קול און זיך דעררייטלט אויף דער דערמאָנונג אַז אין דער אמתן איז זײַן דבורהקע גאָר נישטאָ. ס׳איז פײַנלעך הער דמיון פון זײַן בענקעניש. למאי איז ער אַזוי זינדיק אַז ער קען נישט זײַן ווײַבל אויסדערציילן פון זײַן נעבעכדיקער פרייד: אומזיסט איז ער אויף טויט דערשראָקן געוואָרן פאַר זײַן באָרוועס אין דעם אויסטערלישן סיביר. ר׳האָט אין גיכן סײַ ווי געקראָגן אַ פאַר שטיוול. אויך מיטן עסן איז שוין גרינגער. אָבי נישט ערגער, טײַערע, — און ווידער געהאָט ס׳געפיל אַז דבורהקע איז אין זײַן נאָענט. זי הערט אים, זי קוקט מיט געטרײַשאָפט אים אין פנים אַרײַן.

„מעגסט זיך אַרומזען, דבורהשי. מענטשן ווערן דאָ צעריבן אויף שטויב. אַ סך „דאַנקען אָפּ” אין אַ מניה וביה, און שאַ. אויף געשווינד ראַמט מען אַוועק אַזעלכע. נישט בלויז אין מלחמה פאַלט מען; אויך דאָ בלײַען

נישט קיין עפּל. פון אייביק אָן פאַרצוקט די טײַגע דעם מענטש. עס פּאַנע־וועט די וויוגע, זי הוילט מיט די שרעקן פון טויט און ס׳קריכט אַרויס די בלוטדאָרשטיקע חיה. יאַמעס מיט בערן, סטײַעס וועלף לעבן דאָ אומגע־שטערט, נישט צו פאַרגלײַכן ווי מענטשן אין די שטעט. ביידע, דער שטו־רעם און די פאַרציקערישע ווילדקייט כאַפּן אַרײַן דעם קרבן. און דווקא סי־ביר האָט אַזאַ שאַרפן כוח אַז מ׳קען נישט לאַנג טרויערן אויף אַן אַוועק־געגאַנגענעם, ווײַל באַלד צעוויגט זיך אַ נײַ טויטן־פּלעמל. אַ, ברענענדיקער צער, ווי דו מאַטערסט דאָס האַרץ!״

סאַמואיל באַמוּוערק איז אַרײַן אַרבעטן אין אַ קאַנטאָר פון דער בוי־דירעקציע און ער האָט זוכה געווען דעם חסד צו קריגן פון לאַגער־מאַ־גאַזין אַ פּאָר האַרטלעדערנע שטיוול. אין די שטיוול שטעלט ער זיך אַרײַן יעדן באַגינען ווי אין אַ פּאָר פעסלעך און קריכט אַרויס פון זיי — אויף דער נאַכט — מיט אויסגעפרײַטע פיס, אַרומגעוויקלטע מיט זאַקענע אָניצעס.

מאָדנע, אין סיבירער תוהו ובוהו איז שמואלעק עולה לגדולה גע־וואָרן, דערשלאָגן זיך צו „חשיבות״. ס׳איז געווען אַ שווער איבערלעבעניש פאַר זײַנעטוועגן, דאָס דערגיין דערצו. ער האָט ממש ריזיקירט מיטן בינטל יאָרן.

אַן אײַנשטעלער געוואָרן, שמואל בוימוּוערק. אין דער נויט האָט ער אין זיך אויסגעברענט די האַרטנעקיקייט פון ווילן צו לעבן.

אָך, ווי דער פלאַם האָט אין אים אויפגעפלאַקערט אין די מינוטן פון גרעסטן נסיון!

2

עס איז געווען אין אַ באַגינען, וואָס האָט אין שטיל הודזשנדיקן פראָסט זיך געקאָרטשעט אַנטקעגן די שטאַר־גרינע שטערן.

דער באַטאַליאָן 1091 איז געווען אַרויסגעטריבן פון די אונטערערדי־שע קאַזאַרמעס. אין אָפענעם שטח גייט דער פרימאָרגן־אַפּעל. מ׳האָט גע־נומען איבערציילן די מחנה.

— באַמוּוערק? ...

— דאָ, פאַראַן, — האָט אין יענעם טומאַנעם באַגינען ציטעריק אָפּ־געקלונגען אויך שמואלעקס ענטפער בעת דער „פערעקליטשקע״. דער נאַכט־נעפּל האָט זיך ווי אָנגעבויגן צו שמואלעקן אין דער דאָזיקער מינוט, ווען מ׳האָט ערב נײַעם טאָג איבערגעציילט די „קעפּ״ אויף אַוועקצופירן זיי צו

די סקעלעטן־געבײַען און די פונדאַמענט־טראַנשייען. ווי יעדן פאַרטאָגס זיך
אָפּגערופן „יעסט", אָבער אין זיך האָט ער דערשפּירט דעם געברויז פון
געבראָכענעם געמיט וואָס סײַ ער גריזשעט סײַ ער פינצטערט. דער גאַנצער
נפש אין אים האָט זיך צערעדט: „דאָס מאָל רירסטו זיך נישט פון דאַנען.
שוין צו פיל דיר די פּײַן, די פאַרשטיינערנדיקע קעלט, דערצו נאָך צעטראָטן
ווערן אין דער נשמה — וועט נאָך לאַנג קענען אַזוי ברענען דײַן אָטעם?
נײַן, הײַנט געשעט עס. אַהין אָדער אַהער! ווי אַ לעצטע אײַזקריע וועסטו
צעגיין אָדער דו וועסט זיך אַרויסרײַסן פון דער געפאַר וואָס לויערט אָן
אויפהער — —"

און ס'איז געשען.

פאַרענדיקט דעם פאַרטאָגיקן אַפּעל, האָבן די לאַנג־לאַנגע שורות
סאָלדאַטן זיך ראַפּטעם פונאַנדערגעשאָטן אין דרײַ־רייִיקע קאָלאָנעס און
דער גאַנצער לאַגער האָט זיך אַזוי־אָ אַ באַוועג געטאָן אונטערן רוף פון דער
קאָמאַנדע, וואָס האָט שאַרף אָפּגעפּאָכעט ווי אַ צעבייזערטע בײַטש:

— ממ־אַאַאַאַאַר־רררשש!

— אַאַאַררר־ררש! אַאַאַררר — האָט עס זיך הויך, באַפעלע־
ריש איבערגעחזרט.

האַסטיק האָט עס איבערגעקײַעט דער גרויס־צייניקער אוזבעק או־
מערבײַעוו. בעת־מעשה האָט ער ווי אַן אָנגעסטראָיעטער צאַפּלמענטש
שטײַף, גלײַכמאָסיק, האַרט צוגעטופּעט מיט זײַנע געקאָוועטע שטיוול:

— אַאַאַאַר־רררששש!

ווי אויסגעשלאָגן אויף בלעך, האָט זיך געכפּלט דער רוף אין דעם
דערוועקטן באַגינען: אַאַרש, אַאַאַאַר! טויזנט פּאָר פיס האָבן הילכיק גע־
דברט אין פּנים אַרײַן פון דער געפרוירענער פינצטערער שניי־ערד. אין
ריטעם פון דער אָפּענטפערנדיקער שטילקייט איז די טונקלקייט אַנטקעגן
געלאָפן דעם אָנענד מיט אַ צופאַלנדיקן טעמפּן געביל און דער שטח וואָס
האָט קוים־קוים זיך אויסגעטיילט, האָט זיך פאַרקנוילט אין רויכקן שאַריען
אויף טאָג. אין דער אײַנהאָרכנדיקער פונאַנדערגעשפּרייטקייט פון דער טע־
ריטאָריע, האָט דער טראָט נאָך אָפּגעגעבן ווי אַ ווײַטלעך פאַרטייבט בילן.
פּאַמעלעך האָט זיך געפעדערט דער פאַרשלעפּערטער מוח און די געטריי־
בענע האָט אויסגעוויזן אַז זיי טראָגן אויף די אייגענע אַקסלען דעם בייזן
נעכטן אין דעם הײַנט אַרײַן. אַקוראַט אַ שוואַרצע כוואַליע האָט עס גע־
פליעסקעט איבערן פּנים. עמעצן האָט נאָך אַ צוק געטאָן אין ברוסט אַז ער־

גען ווײַט וועקן זיך אויכעט אַזעלכע מענטשן־סטאַדעס, אויף הונגער־באַטאַליאָנען וואָס ווערן אַרויסגעטריבן אין דער בײַסנדיקער קעלט. אומגעהייער צעצויגן איז די טעריטאָריע, פּילצאַליק די בוי־אָנהייבן, אײַנגעגליווערטע אין אומערנדיקע שפּינען־סקעלעטן און אויפגעריסענע קאַנאַוועס מיט הויכע ערד־אָנשיטן, אָנגעפּרישעטע מיט נאַכטישן פראָסט־שימער. אַאַאַררש, — ברומט לאַנג דאָס פּעלד.

ענדלעך איז אין דער באַגײַנענדיקער לײדיקייט אויסגערונען דער באַטאַליאָן 1091, נאָר איין אײנציקער סאָלדאַט האָט זיך אָפּגעטײלט פון המון. ער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט ווי אַן אײַנגעקאָפּעטער און ברענענדיקער שטורעם האָט געבושעוועט אין אים — ער׳ט מער נישט גיין צום אײגענעם קבר. סײַדן — מ׳עט אים טראָגן, פירן:

— טי פּאַטשעמו...? וואָס דו הינטערשטעליק, באַיעץ! — נעמען באַלד שפּיזן אויף שמואלעקן אַ פּאָר צעפּראַלטע אויגן און אַ מויל שוימט זיך אַקעגן אים מיט רוגזה. ס׳איז געווען דער בריגאַדיר אומערבײַעוו מיטן קאַנטיקן פּרצוף.

— איך, — רײַסט אים אַ האַרבקייט אין דער קעל, ס׳פּנים צוקט און די פּיס גליִען שוין אין פּריר.

— אַנו, הייב דעם שריט! —האָט אומגעריכט צו זיי זיך דערנענטערט גריגאָריענקאָ דער פּאָליטרוק * אין לאַנגן שינעל און אין דער האַרטער מאַסקע פון אַ באַפּעלער. — אײַל זיך אונטער, באַיעץ!

דער פּאָליטרוק האָט נישט קיין צײַט. ר׳האָט דעם סאָלדאַט אַ שטויס געטאָן בײַם אָרעם און אומרויִק זיך געטאַפּט בײַם גאַרטל צי דער פּיסטויל זײַנער איז נאָך פּיסטויל.

דער באַיעץ איז געשטאַנען שטום, געקוקט מבולבל און נישט געוווּסט ווי צו עפענען דאָס מויל.

שוין געהאַט זיך אָפּגעריסן פון פּעלד די בריגאַדעס, ס׳געווען אויס דאָס קאָמאַנדעווען פון אוזבעק. געבליבן שטיין מיט אַ ברייט צעעפנט מויל איז נאָר דער חידוש וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער שטרענגקייט פון גריגאָריענקאָן:

— דו, —האָט ער מיט היץ גערעדט צום סטאַמניעיעטן סאָלדאַט— וואָס געשעט מיט דיר?!

---

* אָפּיציר פּאַר פּאָליטישער אויפקלערונג.

— איך, איך קען נישט, —האָט געשטאַמלט דער באַיעץ קליין און פאַרלוירן.— מײַנע הענט זענען געלעכערט פון די וווּנדן. זע, דער אײַזערנער קלין איז אַ מעסער קעגן מײַן לעבן; די קירקע צעיאַטערט אַלע פינגער. איך קען זיי שוין נישט אויסגלײַכן. און דער פראָסט... איך בין אַן שיך (און געקווועלט זיך מיטן בליק וואָס איז אומגערן געווען אַנגעהאַנגען אַנעם פּאַליטרוק). אָט — גיט ער אַ מורמל פון זײַן פאַרשטאָפּטן האַלדז און ר׳שפּירט אַ ברענונג אויף דער הויט. ער שעמט זיך מיט זײַנע פיס, גלײַך זיי וואָלטן געווען די שאַנד פון זײַן גאַנצער עקסיסטענץ. ר׳וויל ליבערשט באַווײַזן זײַנע אָנגעדראָלענע דלאָניעס — הוילע ווייטיק זענען זיי, זאָל דער חבר זעען, — הייבט זיך ווידער זײַן דלאָניע אין דער טריבער שײַן פון פרימאָרגן.

— ס׳אַ נאַרישקייט. תירוצים. מ׳מוז. געהע־עעערט? איטלעכער איז שוואַך, אָבער אַלע טוען.

— איך האָב געטוען... מער קען איך נישט, — האָט שמואלעק זיך אײַנגעביסן אין זיך, געוואָרגן זיך מיט די רייד וואָס האָבן זיך געטראָגן שטילער ווי שטיל, אַזש דער אַרמייִשער איז בייז געוואָרן, ווײַל געמוזט זיך אָנבייגן צו קענען אים הערן.

— דאָ רעדט מע נישט אַזוי —האָט ער שוין געשריגן— פּאַאַ־אַר־שטאַאַנעעען! פלוצלינג האָט זיך צעליאַרעמט די גאַרע גראָקייט וואָס הוי־קערט זיך אויף אין דער סעקונדע און זי בליקט כיטרע פונעם שנייפעלד. — ביסט מאָביליזירט. אַ סאָלדאַט אויפן פראָנט. אויב דו דעמאָראַליזירסט די אַנדערע מיט נישט גיין צו דײַן בריגאַדע, שטעלט מען צום מישפּט. און מ׳וועט מישפּטן, ברודערקע! צו פיל פאַרגעסטו זיך, דו־ווו! — און די פאַרע האָט זיך האַסטיק געטורעמט אַרום אים.

— וואָס זאָל אי־יייך...? איך קען נישט, — איז פון דעם שולדיקן שוין געפאַלן אַ טענדל געבראָכנקייט און ר׳האָט אַראָפּגעלאָזן די וויִעס. ניין, ער וועט נישט ווײנען — האָט אין שמואלעקן אויפגעטליִעט כעס אויף זײַן נאָכגיביקייט. „נעצסט זיך שוין אונטער, באַיעץ? שטעל זיך אויף די פיס אָדער זינק באַלד אין דר׳ערד אַרײַן. ווער באַדאַרף אַזאַ טראַנטע?״ — און זיך אָנגעשטרענגט צו קוקן אין טומאַן וואָס האָט אָט־אַ זיך געשטעלט ווי אַ וואַנט אַנטקעגן אים.

— אַ מיאוסע זאַך האָסטו אונטערגערוקט דער קאָמענדאַנטור. ס׳וועט ז׳ישט אַראָפּ גלאַטיק, — איז דער אָפיציר געווען שאַרף.

— זאָל זײַן, — זענען שמואלעקן געוואָרן נמאס די דראָונגען און, האַסטיק אָפּגעשווינן. ער'ט זיך געקווענקלט, אָבער נישט אײַנגעבראָכן זיך. ר'האָט זיך נאָר אָנגעשטרענגט צו רעדן:

— איך קען טאָן וואָס כ'בין אין שטאַנד, אָבער נישט פּגרן ווי אַ גע־שלאָגענער הונט. — אַזוי האָט זיך שוין אָפּגערופן די אָנטדרימלטע ענער־גיע בײַם געשמיסענעם: — איך בין נישט בכוח איבערצוקערן די געפרוי־רענע ערד. אָט איז מײַן ווילן — און פון ס'נײַ צעעפנט אַ צעוווּנדיקטע דלאָ־ניע. — צו שווער מיר צו פאַרדייען סיביר מיט אוממעגלעכער פּראַצע און הונגער, קעלט.

— זאָגסט ליגן, באַיעץ! אַלע קריגן גלײַך צו עסן. קאַלט? וועסט זיך צוגעוווינען. אויף פּריקאַז וועט מע נישט פאַרטרײַבן די פרעסט.

— צוגעוויינען? —האָט שמואלעק זיך געכמורעט— יאָ אָדער נישט, — און אויגנבליקלעך זיך געזען אין שפּיגל פון געזעטיקטער עקשנות: „באמת אַ שאַרפער שריט, אָבער ר'טאָר זיך נישט אָפּשטעלן, חרטה האָבן"!

— גענוג געפּלוידערט! נישטאָ קיין אָרט פאַר פוסטע רייד, —האָט דער כאַכאָל אין שינעל שוין באַוויזן זײַן אומגעדולדיקייט.— שמועסן זיך אַוועקגעשטעלט דער באַיעץ פון דער סאָוועטישער אַרמיי? דיס־ציפּ־לי־י־יייייין! שטעלן זיך סמי־י־יייררררנאָאָ! — פּלוצלינג זיך צעשריגן, דער פּאָ־ליטרוק, אַזש דאָס פּנים האָט זיך אים אָנגעצונדן ווי אַ לאַמטער. דער וואָס אַנטקעגן האָט זיך דערשראָקן, נעבעכדיק זיך אויסגעצויגן, צוזאַמענגערוקט די געפרוירענע פיס.

— אַזוי וועט עס נישט גיין, — הע־ערסט, —האָט גריגאָריענקאָ זיך אַראָפּגעלאָזן פון כעס, אָבער זײַן שפּיציקייט ניט פאַרלוירן — ממאַאַ־אַאַררש מיט מיר, — האָט ער געוואָרפן שאַרפע האַרטקייט צוגלײַך מיט שטיקער גע־דיכטע פּאַרע — פּאַררר־רוי־וי־ויוויס! — און זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק כדי צו לאָזן דעם פאַרזינדיקטן שפּאַנען פאָרויס. זאָל ער אים האָבן אויפן אויג. בעת מעשה ווידער זיך געגראַבלט בײַ דער פּיסטויל־טאַש און נישט אויפגעהערט צו באַוויזן זײַן קלינגענדיקע שטײַפקייט: — אַאַאַאַ־ר־ררש! געריירט זיך!

אין שמואלעקן האָט אויפגעציטערט אַן עקבערנדיקער ווייטיק און דער מוח האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן: איז עס שרעק, צי ס'האַרץ לאָזט זיך הערן? ניין, ער וועט זיך נישט נאָכגעבן! ס'ערשטע מאָל אין אַלע זײַנע יאָרן האָט ער אַצינד געהאַט ס'געפיל פון שטאָלץ אויף דער עקשנות וואָס

ער האָט געירשנט פון זײַנע אבות. סײַ ווי איז אַלץ איינס. אַזוי ווי ס׳איז ערשט וועט ער לאַנג נישט אויסהאַלטן — — אין צעטומלעניש פון אַ גע־קרענקטן האָט ער ענדלעך באַנומען אַז מ׳פירט אים אין אַן אומבאַוווסטן ערגעץ; מ׳וועט פײַניקן, מ׳עט פון אים ציִען די אָדערן פאַר דער חוצפה פון אַזאַ וואָס דאַרף זײַן אַ ווערעמל און נישט אַ מענטש. ס׳איז געווען דער רונצל פון האַמעטנעם פחד וואָס מישט זיך אויס מיטן איינצײַטיקן געפיל פון אויסטערלישער געגעזנקייט — מחמת דעם וואָס ער ווערט נישט דער־הרגעט פון דעם וואָס האָט אים אין זײַנע לאַפּעס.

אָבער ווײ. אין מיטן דערינען האָט אין אים אויפגעבליצט אַ נײַע אומ־זיכערקייט. פון איצטער אָן וועט אַפילו נישט זײַן אַזוי ווי ביז אַהער. אין ראַטעס וועט מען אים ממיתן. דאָס איז דער שניט צו וועלכן ער אַליין האָט דערפירט. און באַלד זיך געשטאַרקט אין דער געפאַלנקייט: כאָטש גוט, וואָס דער המון שמאַטע־לײַט וועט אויף אים נישט אָנשטעלן די געמיינע קוקערס. זיי זענען נישט מסוגל צו זעען אַ מענטשנס פּײַן, די פּראים — — זאָל געשען וואָס עס ווילי!

ווידער זיך געשטאַרקט: ס׳גוט אַזוי, אַבי עס וועט מער נישט זײַן ווי געווען. וועט אַפילו ערגער, וועט ער עס מוזן אַריבערטראָגן.

געשפּאַנט אין סאָפּנדיקן שווײַגן האָט שמואלעק נישט געזען ווי אין דער לופט האָט גראַד זיך אַ באַוועג געטאָן די מיל וואָס צעמאָלט די קעלט. געפּלאַצט דער פראָסט! אַ פריש דין שנייִעלע האָט גענומען אומגעריכט זיך וועבן אין דער פוסטקייט וואָס׳ט זיך מער צעעפנט אין טאָג אַרײַן. זאָל פאַלן, זאָל זיך שיטן — האָט ער געטראַכט. וועלן כאָטש די פיס נישט אָפּ־שפרינגען און דער הונגער וועט זיך נישט אַזוי שאַרפן, מוטשען.

אָנגעקומען פאַר דער בערוועגע־געבײַדע פון דער בוי־דירעקציע האָט אַ היפּשער שיכט שניי שוין געהאַט זיך אָנגעפּוישט אויף דעם סאָלדאַטס לאַפּן־היטל, פאַרשאָטן זײַנע אַקסלען, פאַרקלעפּט די ברעמען. ס׳איז געווען די איינציקע רגע ווען דער דערשראָקענער זעלנער האָט פאַרגעסן אָנעם פּאַליטרוק וואָס איז אים געקראָכן אויף די פּיאַטעס. דער וואָס מיטן פאַר־שטשעמעטן מויל האָט אים געפירט צו... דער סאָלדאַט האָט אייגנטלעך נאָך נישט קלאָר געוווּסט וווהין מ׳האָט אים געבראַכט.

ער איז געווען נידערשלאָגן. געבראַכט אַ שווערן פאַרברעכער, אַ הע־צער פון אַ גרויסער מחנה אַרבעט־ווייליקע. איז ווער ווייסט וועמען מ׳האָט אַצינד צוגעוואָרפן דעם ביסן וואָס וואַלגערט זיך דאָ אונטערן שפּלן נאָמען

פון אַ פּראָסטן באַיעץ. אין דעם וויסטן קאַנט פּלאָנטערן זיך אַזעלכע אין די אָנצייליקע טויזנטער. זיי טוען די אַרבעט פון משונה מערעשקעס, די אייביק פאַרהאָרעוועטע, אייביק אָנגעשראָקענע און דאַכט זיך אייביק פאַרפּאָלגטע. שמואלעק האָט אַפילו זיך נישט דערוועגט צו קוקן אויף דעם וואָס האָט באַזאַכט, מיט גרינע, פייכטע בליקן אים דורכגעבויערט און באַוואָרפן מיט פראַגעס. וואָס האָט ער געקענט ענטפערן? ער איז אַ ייִד פון אַ חרוב לאַנד. ער איז פון די פּליטים, וואָס געבליבן פון פּוילן, אַנטלאָפן פון די פאַרשאָלטענע דייטשן וואָס האָבן זיך אַרייַנגעריסן צו זיי מיט פייער און בלוטגיריקייט. מיט באָמבעס, מיט דערהרגענען אַל דאָס פרידלעכע זענען זיי געקומען און פאַרריסענע וויַזן זיי אַרויס מאָרדלוסט. אָ, וואָס ער׳ט זיך שוין אָנגעזען ביי די דייטשישע פאַשיסטן! — האָט פּלוצלינג אַ פלאַקער געטאָן שמואלס געדעכעניש און ר׳האָט זיך פאַרשעמט. איך פאַרשטיי, ענטפערט ער אויף אַ פרעג. מיין היימשטאָט הייסט פלאָצק. אַ שיין אָרט אויף אַ הויכן ברעג פון דעם טייַך ווייַסל. פון דאָרט געמוזט אַנטקומען. פונקט דעמאָלט האָט זיך צעיושעט דער לאַנג איינגעטליעטער פּאָגראָם, וואָס ביזן אָנקום פון די דייטשן האָט ער אונדז סיי ווי געברענט און געבראָטן. כ׳מיין די געמיינע שכנים. ער האָט זיך געראַטעוועט אַהער מיט גרויסע האָפענונגען, אָבער מיט אַ פאַרוואונדיקט האַרץ, ווייַל אַלץ און אַלעמען איבערגעלאָזן אין דער געבוירנהיים. אַהערצו עוואַקוירט זיך שוין פון באַראַנאָוויטש, וואָרן פון באַראַנאָוויטש האָט ווידער געיאָגט דאָס אומגליק. פון פאַרמיאוסטן געבוירנאָרט מיטגעטראָגן די שענדלעכע איבערלעבונג פון מענטשנס רציחות, מיט וועלכע עס האָבן זיך געפרייט, און זיי פרייען זיך נאָך, די ליבע פּאָליאַקן. זיין פאַך? געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַקאַליי־סקלאַד, אָפּגענומען פּאַרטיעס מיט זעק צוקער, זאַלץ, קאַשעוואַרג, קאַסטנס זייף, ליכט, אויך קאַווע, געטריקנטע פייגן, שעפּטאַלן וואָס געבראַכט אויף וועגענער פון דער באַנסטאַנציע און פונעם טייַך־פּאָרט. כ׳האָב פאַרדינט מיין וואָכנגעלט. פאַרשריבן, קוויטירט און אויך אַרויסגעגעבן סחורות פאַר געוועלבניקעס. שטענדיק געווען צו טאָן אין דעם סקלאַד.

— אַ חשבון־פירער?

— מער־ווינציק, אויב מ׳וויל עס אַזוי אָנרופן — האָט שמואל געצויגן די אַקסלען — אָבער ריכטיקער, אַ משרת; ווייַל אויך אַ פּאַקער בין איך געווען, האָב אָפּגעשיקט באַשטעלטע סחורה. אַ סוחר קען דאָך נישט זיין

אומעטום אַליין, האָט שמואל ווי פאַרענטפערט זײַן ברויטגעבער וואָס האָט נעבעך געווײנט מיט אַ יאָמערלעך געוויין, ווען ער׳ט געזען ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ די בראָך אויף אויף זײַן היים. ער האָט אויך אַליין געפּראַ־צעוועט, אָבער געמוזט האָבן אַן אַרויסהעלפער. אַ מענטש קען זיך נישט באַטועז נאָר מיט צוויי הענט, און ס׳ווײַב איז אַ שוואַך מענטש. אַזוי האָט זיך געפירט בײַ אונדז, —האָט ער, דער פאַרהערטער, געשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט געוועזן דרייסט צו קוקן לאַנג אויפן פרעגער. „נאָר ווינצי־קער קלאָרע דיבורים״, האָט ער זיך געוואָרנט בשעת־מעשה.— „אַ מענטש קען זיך פאַרפּלאָנטערן. דאָ הייבט זיך אָן אַלץ מיט ביאָגראַפיע: ווער ביס־טו, פון וואַנען קומסטו? אַלץ פאָדראָבנע״. דאָרט, זאָגן זיי, זענען אַלע קאַפּיטאַליסטן און קנעכט פון קאַפּיטאַליזם. ר׳ נחום ביינוש דער בעל־מידות, וואָס האָט נישט געקענט פאַרבײַגיין אַ יינגעלע אַז ער זאָל אים נישט זאָגן גוט מאָרגן; ר׳האָט נישט געקענט מאָנען אַ חוב בײַ אַ גע־וועלבניק, וואָס האָט געמוזט נעמען סחורה אויף באָרג, — דער ר׳ נחום־ביינוש געהערט צו די פײַנד פון פאָלק. ווײ, ווײ, ווי אַזוי געבן דאָס צו פאַרשטיין אַז ס׳איז פונקט פאַרקערט! אויב אַזוי איז ער, וואָס איז אַצינד אין פעקל בײַ זיי, אויך נישט כשר: מחמת ער איז געוועזן אַ דינער פון די פאָלקספײַנד; שמואל באַמווערק האָט זיך אונטערגעוואָרפן אַזעלכן, געהיט דעם מאַיאָנטעק פון אַ בורזשוי. בײַ די אָרעמע לײַט איז דאָס מויל געווען פאַרשטאָפּט מיט צאָרן ווײַל פּאָליציי האָט געלויערט — — אַנטקעגן די דאָזיקע איז גלײַכער צו זײַן אַ ביסל נאַריש. ער קען דען זײַן אַ בוכהאַל־טער? שמואל בוימווערק איז נישט אַזוי פיל געלערנט. דאָ, האָט ער שוין געוווּסט, איז בעסער אַז מ׳איז אַ טרעגער, אַ פאָדלאָגע־וואַשער, אַ שלאָ־סער, אַ באַלעגאָלע. האָט שמואל טאַקע געפּרוּווט זיך צו שטעלן ווי אַזעל־כער וואָס מ׳באַדאַרף אים נאָך מדריך־זײַן:

— ער איז פון אַ נעבעכדיקער היים. דער טאַטע איז אַן אײַנבינדער, די מאַמע פירט די באַלעבאַטישקייט. ענג די שטוב וואָס איז סײַ די ווערקשטעל, סײַ די סאַלע און סײַ די שלאָפשטוב. דאָס ציגלנע קעכל איז צוגעמויערט צו אַ ווינקל פון דער דירה. יאָ, געגאַנגען אין חדר, כעדער, ווי ס׳איז אײַנגעפירט בײַ יידן. געלערנט אויך אַ פּאָר יאָר אין אַ שול. געקענט שרײַבן און רעכענען, האָט דער טאַטע באַצײַטנס געזוכט פאַר אים אַ שטעלע אַז ר׳זאָל ברענגען צושטײַער צו דער חיונה. אַ שווער־אַרבעטער וואָלט ער סײַ־ווי נישט געקענט ווערן. נישט פעיק —האָט ער

אַראָפּגעלאָזן די אויגן — מחמת דעם פּיזישן צושטאַנד. — זײַן שטים האָט זיך בולט געפּייכטלט, אָפּגעציטערט אין אינעווייניקדיקע טרערן. מ׳זעט דען נישט? — כוחט ער זיך שוין אויף דרייסטקייט: — צו שמאָלע פּלייצעס פֿאַר דעם, קליינע הענט (ר׳וויל זיי באַווײַזן, אָבער דער אייגענער טונקלענדיקער בליק גרייכט נישט צו די הענט, וועלכע ער וויל אויפהייבן, צוטראָגן צו יענעמס ראיה), נישטאָ קיין מאַכט בײַצוקומען משאות; ער וואָלט נישט געקענט אויפהייבן אַן אָנגעפּאַקטן זאַק, זאָגט ער, אַ שווערן קאַסטן נעמען אויף זיך אַרויף.

מער האָט דער פֿאַרהערטער נישט געקענט רעדן, געשפּירט אַן אויסגעהוילטקייט אין די קני (ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען) און שיִער־נישט זיך אײַנגעבראָכן אונטער זיי. דערויף האָט זײַן פּנים זיך פֿאַרקרימט אין אַ פֿינצטערער מינע: „מער קען איך נישט!“ צי י ע נ ע ר האָט דאָס צײַטלעך דערזען? שמואלעק דערמאָנט זיך נאָר ווי אַקעגן אים (ער איז דעמאָלט שוין געזעסן, מ׳האָט אים אַוועקגעזעצט אַ פֿאַרחלשטן) האָט זיך אָנגעבויגן אַ הויכער עלטערער מאַן מיט אַ רויטלעך פּנים, מיט גלאַנצנדיקע בלאָע אויגנפּלעמלעך און אַ דלאָניע האָט געקלעפּלט איבער זײַן אַקסל:

— רויִק, רויִק, ס׳וועט זײַן וואַרעמער. נאָר נישט וויינען, יונגער מאַן (מיט אויפמערק זיך אײַנגעקוקט אין זײַן הילוך, אָבער ער, ער׳ט שוין געכליפּעט). רעכט, רעכט, — האָט דער אַלטער אַ ווונק געטאָן צום מיליטערישן, וואָס געשטאַנען פֿאַר אים און ער׳ט באַלד אין אים אַרײַנגעציטערט: — געזעען? דער איז דאָך אַן שטיוול! ווי טוט איר עס, פֿאַליטרוק? איך בעט אײַך (האָט זיך געוואַקלט זײַן גאָרגלדיק קול), ח׳ גריגאָריענקאָ, פֿאַרנעמט זיך מיט דעם. איר זאָגט צו, מילענקי? — און נעב־טער באַטראַכט דעם אײַנגעבראָכענעם וואָס געהאַט אַנטקעגן זיך.

— צו אײַער דינסט, חבר הויפּט־אינזשעניער פֿון דער בויונג נול דרײַ און זעכציק.

— אַ דאַנק, ליבינקער, — האָט דער הויפּט־אינזשעניער זיך ווי אויפגעכאַפּט פֿון פֿאַרטראַכטקייט. — איך מוז גיין, און זיך אויפגעשטעלט אין פֿאַרלעגנהייט. כ׳בין אַזוי פֿאַרנומען, — האָט ער שוין צענומען די הענט. — שטאַרק אויסגעוואַקסן דער באַטײַט פֿון דער טעריטאָריע. ווי איר זעט קלײַבן זיך אָן גענוג פּראָבלעמען, קלאָמפּערשט קליינינקע, אָבער ברענענדיקע. טוט, גריגאָרענקאָ, מ׳זאָל נישט דאַרפֿן מיר דולן אַ מוח,

— בודיעט, מ׳ועט שוין, —האָט דער פּאַליטרוק באַלד באַוויזן זײַן אײַלעניש צו נעמען זיך טאָן פאַרן אָנזאָג און — אַ צופּ געגעבן דעם באַיעץ בײַם עלנבויגן:

— געגאַנגען!

אין שמואלעקן האָט אָן אויפהער געוואַקסט די טיף־אײַנגעגראָבענע מורא פאַר דער כיטרעקייט פון די וואָס האָבן אים אַרײַנגענומען אין זייערע הענט. אַצינד, האָט ער געפּלאָנטעט און געציטערט, וועלן זיי זיך מיט אים צערעכענען; פאַר אַזעלכע וועט עס מיינען אַז די נקמה איז קלאָמפערשט נישט אומזיסט: דער באַמווערק איז דאָך פונעם שטאַם פון די ווידערשפּעניקע, די פײַנד פון פאָלק, ווי עס זשגײַעט דער המון. און אָן אונטערגעשטויסענער פון נײַעם הילכיקן געשריי, זיך געלאָזט פירן. פון דאַנען וועט זײַן וועג שוין ווײַט נישט אַוועק — האָט אין אים זיך צעגאָסן אַ פולע פינצטערניש. אַ גרויסע זאַך בײַ „זיי״ צו פּטרן עמעצן?! אין אים האָט עס געגומען יאָמערן, אָבער געשפּאַנט אין שאָטן פון יענעמס בריימען: „געגאַנ־גען! געהויבן די פיס!״ און אַ וואונדער: פון שמואלעקס פּלוצלינגן ייאוש איז נולד געוואָרן אַ מאָדנער כוח ווי דער וואָס קומט פון ווײַן. עס האָט אים אויפגעמינטערט. אין שיטערלעכן ליכט פון זײַן שלאָבעריקייט וואָס באַוועגט אים, הייבט זיך אויף דער טאַטע זאָל־לעבן, ער גייט אים אַנטקעגן: „מײַן קינד —הויכט ער אים אין פּנים אַרײַן— נאָר זיך נישט פאַרלירן. עולם וועלט, עולם אייביק. ס׳עט נאָך גיט זאַאָן״, און אים געגלעט. בפועל ממש פילט ער דעם טאַטנס ליבלעכע האַנט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים, דער ליבהאַרציקער מיט דער בלאָנדער באָרד און לאַשטשנדיקע אויגן. דער טאַטע באַשטראַלט אים ס׳געמיט, שטאַרקט אים. אַ דאַנק דעם האָט ער באַלד באַוויזן אַרויסצוהייבן פון זיך דעם פּאַדעם, וואָס פאַרלוירן אין צעטומלטקייט פּנים אל פּנים מיט די דאָזיקע. ער קרעפּטיקט זיך פון די האַרצלעכע כוחות וואָס קומען אָקערשט אים אַנטקעגן פון דער סאַמע ליבער היימישקייט.

„נאָך געוועץ אַ יינגל, האָט דער טאַטע מיך אַרײַנגעגעבן צו נחום בייניש גליקשטיין אין סקלאַד. וואָס, ׳עסט אויך זײַן אַן אײַנבינדער? נישט דערלעבן זאָל איך עס, אַז מײַן קינד זאָל ווערן אויסגעשטעלט אויף בעיטל־ברויט! געדענק, מענטשן באַדאַרפן נישט הײַנט קאָ׳ ביכער, ניט קאָ׳ ספרים, אויב זיי האָבן קאָפּ־ברעכעניש, —האָט ער זיך געאַמפּערט מיט דער מאַמען.— זעסטעך ווי מ׳באַדאַרף מיך. ווער ברויך אַן אײַנבינדער, אַז

לערנערס מוזן אויסקוקן ס׳איבנזעעניש פון בעלי רחמים. זיי קענען גאַנץ בכבוד אויסגיין. מוחל, כ׳באַשטיי אַז מײַן זון זאָל זיך נישט לאָזן אויף אַזאַ וועג. און כוח דערצו? מ׳באַדאַרף האָבן אַ כוח אַרײַנצושפּאַלטן זיך אין אײדעלע געדאַנקען פון די ספרים, בעת דאָס גיט נישט קיין אחיזה אויף פּרנסה. אַז דער רב, ער זאָל מאריך ימים זײַן, זיצט אָן ברויט בײַ אַ גאַנץ קהלו״ — — דער טאַטע איז טרויעריק אַנגעלערנט פון דער מלאכה וואָס ער׳ט געטאָן זינט זײַנע יונגע יאָרן, האָט אים אָנגעשראָקן דאָס דחקות וואָס לויערט אויף זײַנע קינדער, כאָטש פאַר געלערנטקייט האָט ער געהאַט אַ גרויסן דרך־ארץ. אין קמח אין תורה, — האָט אים געגעסן אַ ווײ ווען עס איז אים אויסגעקומען זיך צו פאַרענטפערן הלמאַי ער טוט נישט אַזוי ווי אַנדערע טוען מיט זייערע קינדער: ער שיקט זיי פאַרדינען, בעת דער יחוס פון איעדן הויזגעזינד באַשטייט צו לאָזן לערנען די זין. איך האָב קליי־נערהייט געמוזט מיט אַן אָפּגעבריטער קעל שלינגען לעקציעס פון שול און פאַרטרינקען זיי מיט דער קעלט פון אַ מיטפּילנדיקן זון. אין די נאָכ־מיטאָגן שוין געווען אַ משרת, זיך געבראָכן ס׳געניק ביז אין דער מאַר־קאָטנער נאַכט אַרײַן, ווען לאָמפּן האָבן זאַט געלויכטן נאָר אין די גרעסערע קראָמען און געזייעט אומעט איבער אַלע דורכויס פינצטערע גאַסן. בלויז עטלעכע גאַסן געווען אין פלאַצק, אַ שטיינערנער קאַשטשיאַל מיט אַ גלאָ־קנטורעם און אַ גרויסער מאַרק מיט אַ ברונעם צו שעפּן וואַסער... בילדער און געדאַנקען האָבן אים געטראָגן, אַרײַנגעטוקט אים אַט אין טונקלקייט אַרײַן, אַט אין אַ שאַרפן ליכט — — — אויף אַ שטעלע איז סאַמואיל בוימ־ווערק אונטערגעוואַקסן און אַזוי דערגאַנגען צו זײַן קליינעם תכלית. זיך אַרײַנגעאַרבעט אין דער פירמע גליקשטיין; אַרנטלעך אַרויסגעשלאָגן דאָס טעגלעכע ברויט. אַ דאַנק דער ערלעכקייט פון באַקאַליי־סוחר וואָס האָט גע־האַנדלט מיט קלייטניקעס פון גאַנצן פּאָוויאַט, האָט דער סקלאַד זיך גע־האַלטן אַפילו אין די שלעכטע צײַטן, ווען אַנדערע פירמעס זענען אונטער־געגאַנגען. „פאַר דאָס בין איך געווען פאַרזיכערט מיט חיונה. איז געקומען דערצו, האָב איך זיך אונטערגענומען צו פירן אַן אייגענע היים, באַשיידן, אָבער מענטשלעך. אַרבעט איז געווען דער יסוד פאַרן חתונה־האָבן מיט דבורה ליינוואַל ,אַ יתומה נאָכן פאָטער; די מוטער האָט געהאַנדלט — אויפ־געקויפט בײַ פויערטעס ציגעלעך פוטער און זיי פונאַנדערגעטראָגן צו באַ־לעבאַסטעס וואָס האָבן באַגערט נאָר דאָרפיש אויסגעשלאָגענע פוטער און נישט קיין פאַבריטשנע. דערפון קוים דערנערט אירע קליינע קינדער. זי

האָט זיך נישט געקענט אַן עצה געבן ווי טייל אָרעמע פרויען וואָס נייען קליידער, וועש, קעמען שייטלען פאַר פרומע ווײַבער. דער מאַן האָט זי גע־גאַזן מיט אַ הויז הונגעריקע ייִנגלעך און צווײ מיידלעך — ער איז געפאַלן אין דער מלחמה מיטן קייזער ווילהעלם. די פרוי האָט שטאַרק געליטן. און אויב אָרעמקייט, קלעפּט זי זיך שוין צו אויפן גאַנצן לעבן. אַזעלכע איז מײַן ווײַב געקומען פון איר מיידלשער היים. דערצו האָבן מיר חתונה געהאַט אין אַ טרויעריק יאָר, אין נײַן און דרײַסיקסטן, ווען ס'האָט זיך אָנ־געהויבן דער גרויסער צאָרן אויף דער וועלט. ראַטעווען זיך דאָס הויל לעבן איז געוואָרן אַ מ ו ז און מיר האָבן באַוויזן נישט מער ווי צו נע־ונדעווען. אַציינד איז פון אַלע אָרעמע טרוימען געבליבן אַ קופּע אַש וואָס דער ווינט צעבלאָזט. פון אַלע זאָרגן איז געוואָרן איין באַרג ווייטיק. יאָ, ס'איז אַקוראַט אַזוי. ערשט בין איך דאָ, מײַן פרוי איז — —"

זיך געכאַפּט אַז ער רעדט זיך אַליין אַראָפּ פון האַרץ פאַר שמואל בוימ־ווערקן דעם סאָלדאַט, איז דער מענטש שוין געשטאַנען אין מיטן פליץ פון אַ פלוצלינגן באַך טרערן. עס זענען געווען פאַרגאָסן זײַנע באַקן, די אויגן פאַרנעפּלט און אין די אויערן האָט זיך געריסן דאָס היקען פון שינעלנעם אָנ־טרײַבער גריגאָריענקאָ. געשפּאַנט ווי אין טומאַן און זיך פאַרגעסן.

— וואָס רירסטו זיך נישט, דו! —און געקריצט מיט די ציינער.— אין אַ שיינער דיעלאָ איז ער פאַרקראָכן מיט דעם לעקיש! גע־גאַנגעווען! אָט רײַסט זיך אָפּ אַ וויוגע. מירן פאַרלירן דעם וועג צום סטראַי־קאַנטאָר. האָרכסט, דו טשלאָפּ, — עס ווערט אָוונט!

אָפּגעווישט זיך די טרערן האָט דער באָרוועסער סאָלדאַט ממש שיכור פון די הייסע דערמאָנונגען זיך אַ הייב געטאָן אונטערן געהיק: — גערירט זיך, פאַדלע!

געשטאַנען דערנאָך אין אַ וואַרעמער ליכטיקייט, האָט פון ס'נײַ זיך געעפנט בײַ אים דאָס צעווייטיקטע געדעכעניש.

...דערציילן פון זיך, פון דער היים? באַיעץ, האָט דער־אָ אים אָנגע־רופן. דער יאָך פון ליים־זעלנערײַ לאָזט נישט אָפּ בשום אופן ואופן. קענ־טיק, דערוויַל טרײַבט מען אים נישט מער, מ'עט נישט, אָבער וואָס וועט זײַן ווײַטער? זיך פאַרפלאָנטערט מיט דער אָוואַנטורע נישט אונטערצוגעבן זיך דער באַטאַליאָנער דיסציפּלין. ערשט וואָס וויל דער דאָזיקער?

— לאָמיר וויסן ווער עס איז דער באַיעץ, — מאָנט מען, אָבער ער געדענקט שוין נישט ווי עס האָט זיך בײַ אים צעעפנט דאָס פאַרהאַקטע

מויל. געשפּירט נאָר אַ טומאַן וואָס פאַרציט די אויגנאַפּלען און איבערן האַרץ כוואַליעט זיך, שורעוועט אַ היץ וואָס שטויסט, גלײַך שליוזן וואָלטן ערגעץ ווײַט, ערגעץ טיף אין אים זיך אויפגעבראָכן, זיי וועלן אים פאַרגיסן, פאַרטרענקען — — שוין אין קילבלעכן געכליפּ, אין אָפּגעשוואַכטקייט מחמת גרויסער רעגונג האָט שמואל בוימווערק צוגעגעבן אַז מאָביליזירט האָט מען אים אין אַלמאַ־אַטאַ, דער שטאָט וועלכע ער האָט רעכט נישט דערזען. אין סטראָי־באַט ברעכט ער זיך צונויף. ער איז נישט געוווינט צו אַזאַ אַרבעט, ער פרירט, די אַרבעט איז איבער זײַנע כוחות. דער רוקן ברעכט זיך, די קני ציטערן אים בײַם בייגן זיך אונטער יעדן אָנשפּאַר אויפן הענטל פון דער לאָפּעטע, מיט וועלכער ער וויל טאָן וואָס מ׳הייסט טוען.

דער מענטש האָט געטערערט אין זײַן רעדן, אָבער דאָס געוויין דער־שטיקט אין זיך.

*

מיט אַן אָפּגעריסענעם אָטעם, אַ מין העשען, האָט דער סאָלדאַט אַרויס־געבראַכט זײַן אויטאָביאָגראַפיע. ס׳געווען אַ ראַיען זיך אין אייגענע יסורים וואָס האָבן שוין מיד געדרימלט, און ס׳געווען אַ שענדונג פון זײַן שעמעוו־דיקייט. ר׳האָט עס געמוזט. ווײַל אַן דעם קען מען אין ערגעץ זיך נישט רירן אין דעם לאַנד פון געכפּלטע שרעקן. יעדער סאָוועטישער מענטש דאַרף וויסן ווער עס קומט צו אים און „מיט וועמען ער גייט״. שמואלעק בוים־ווערק האָט שוין באַוויזן אַ ביסל זיך אויסצולערנען געדענקען: מ׳מוז זײַן אַ קינד פון דער אָרעמקייט; דער גוטער יחוס איז אַז טאַטע־מאַמע האָבן געוווינט אין אַ קעלער אָדער אין אַ שטאַל און דער ברויטגעבער האָט זיי געשלאָגן; אַז דער אויסגעפּרעסענער בורזשוי האָט זיך געקוואָפּעט צו פאַר־גוואַלדיקן דײַן שוועסטער, איז נאָך חשובער די ביאָגראַפיע. שטענדיק מוז מע זײַן גרייט צו באַשרײַבן דאָס אייגענע לעבן, אַנדערש ווערט מע נישט צוגעלאָזן צו אַן אַרבעט און ס׳האָט קנאַפּע הצלחה די וואַנדונג וועגן צו־טיילן אַ ווינקל אויף אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. ס׳איז מוראַדיק ענג אין די־רות פאַרן פּשוטן פאָלק, מוז מען פאַר אַ ווינקל ערגעץ באַקומען אַ פּאַפּירל פון „זשילאָטפראַוו״. קריגסטו אין האַנט אַרײַן אַזאַ אָרדער, שטעלסטו זיך אַרײַן צו יענעם אין זײַן ענגשאַפט און דערקלערסט קלאָר און דרייסט: דאָ וועל איך וווינען. מאַך שוין אַן אָרט פאַר מײַן אײַזערן בעט, פאַר מײַן שטרויזאַק, און לאָז אויך צו צום עמער וואַסער וואָס דו טרינקסט. יאָ, צום ברענגען ס׳וואַסער ווערסטו אויך אַ גלײַכער שותף — — דאָס מאָל האָט

שמואלעק דערציילט פון זײַן לעבן בעל־פּה. אָבער ער׳ט זיך באַלד אָפּגע־
געבן אַ חשבון אַז צו מאָרגנס און איבעראַכטאָג דאַרף ער געדענקען אַלץ
וואָס ער האָט דערציילט הײַנט. ר׳מוז זיך נעמען פאַר אַ כלל: קיינעמען
זיך נישט פאַרטרויען מיט די געדאַנקען פון האַרץ. פאַר אַ וואָרט, וואָס קען
זיך אַרויסכאַפּן פון דיר, קען מע באַצאָלן מיט פאַרשיקונג, מיט קאַטאָרגע־
לאַגער. אמת, צו „פאַרדינען זיך" אַ בייזן פסק־דין באַדאַרף מע נישט דווקא
האָבן געזאָגט פאַר עמעצן עפּעס האַרבס וועגן דער פינצטערער מערכה. עס
קלעקט אַז ווער עס איז זאָל אונטנאַרומעט עפּעס דערציילן. „עדות" קומען
שוין דיר וואַרפן דאָס נעמלעכע אין פּנים אַרײַן. אָבער שמואלעק האָט דער־
פון נישט געקענט טראַכטן. ער׳ט נאָר דערמאָנט וועגן זײַן ווײַבל, ווײַל מיט
איר איז פול זײַן פילן און געדענקען. זי איז אַ גרויסער פּרט פון זײַן ביאָ־
גראַפיע. זי אַרבעט אין אַ פאַבריק, האָט ער געזאָגט, זי איז איינע אַליין
אין דער פרעמדער שטאָט, בעת די גאַנצע משפחה זײַנע, אירע, איז פאַר־
בליבן דאָרט, אין די פונאַנדערגעגאָסענע פײַערן.

פון דבורהקען האָט ער נישט געקענט נישט רעדן. שוין דאָס דערמאָ־
נען זיך פון איר, האָט דעם מענטש צענומען: אָן געזונט איז זי, האָט ער
מיט אַ מאָל אויסגעהעשעט, זי איז צו איידל אַנטקעגן די גראָבקייטן וואָס
קריכן אַרויס אומעטום. דאָס רשעות האָט זיך צעעיפּושט, — האָט ער אויך
געוואָלט אויסשרײַען זײַן אייגענעם אורטייל איבערן שלעכטס וואָס וואַקסט
ווי ווילדגראָז בײַ די שוועלן פון חרוב געוואָרענעם לעבן. אים האָבן אָבער
געדריקט נאָר טרערן, טרערן. ער וועט נישט וויינען. דאָך אַ סאָלדאַט וואָס
דאַרף גיין קעגן אַלע שוועריקייטן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויפן מענטש ווי
אַ שניי־אַנוואַלגער פון אַ באַרג — ער שיט זיך שווער, צאַרנדיק, ר׳קען
פאַרשיטן, הרגענען.

4

שמואל בוימוועקר האָט נישט געוויינט. נאָר אין טרערן איז געווען
דורכגעוויקט זײַן האַרץ. אַזוי האָט ער אויך אויפגענומען זײַן גורל פון אַ
טיבירער סאָלדאַט. „נאָך אַ בלאָטע זיך דורכצוקאָפּען" — האָט ער עס אָנ־
גערופן — און נאָכלאָזיק געשפּאַנט אין דער אומאַרומנעמלעכער פוסטקייט.
גריגאָריענקאָ האָט אים געפירט איבערן מיטנטאָגיקן שנייפעלד. מיט
זײַן גאַנצן מהות האָט שמואלעק פאַרנומען דאָס מיטגיין פון יענעמס האַר־
טן שווײַגן. דעם פאָליטרוקס סקריפּנדיקער טראָט אין שניי האָט אים דורכ־

גערינצלט און אַ ווײַטער הילך האָט פֿאַרטעטעריש זיך באַכגעשאָטנט יע־
נעמס פֿאַרביסנקייט. ווי אַ פֿאַרמישפּטער האָט שמואל זיך נישט דערוועגט
אומצוקוקן, אַ בליק צו טאָן אויפֿן באַגלייטער. רק ער איז געשווומען אין
דער מאָנאָטאָניע פֿון דעם ווײַסן אויסשפּרייט אַרום זיך. שמואלעקן זענען
שוין געווען באַקאַנטלעך די קליינע ברוינלעכע ערדבערגלעך, פֿולכנע אָנ־
געשאָטענע פֿון פּליַיסיקע קראָטן און אַנדערע חיהלעך וואָס באַהאַלטן זיך
הינטער דער ערדפּלאַך. וווּהין גייט ער? ד אָ ר ט וועט ער מן הסתם מוזן
וואַרטן דאָס ביטערע וואַרטן פֿון נישט וויסן וואָס ס׳וועט זײַן מיט אים. און
אפֿשר איז שוין גרייט דער פֿאַרניכטנדיקער פּסק? דער פּאָליטרוק ווייסט עס
שוין, אָבער פֿרעגן? ר׳טאָר נישט. און נישט שײַך זיך משער צו זײַן. דער
מוח איז סײַ ווי אַ קאָלאָוואַראָט — גיסט אַ ריר, דרייט ער זיך, נאָר משוגע
צו ווערן. ר׳מוז וואַרטן. אָבער וואָס האָט דער הויפּט־אינזשיניער אַ צי געַ־
טאָן מיט דער פּלייצע? מסתמא אַן אָנוווּנז. זײַן פּנים לאָזט זיך נישט אָנט־
בלויזן. ס׳איז פֿליישיק־רויט, גוטמוטיק און טעמפּ. זאָל ער זײַן אַ קאַלטער
לונג און לעבער וואָס קען זיך פֿאַרבאַהאַלטן אונטער אַ בלעכערנער מינע?
נו, קיין ליבלעכקייט וואַרט נישט אויף שמואל בזימוועדקן. יענע קנעכט
האָט מען אַרויסגעטריבן אין דער הינטישער פּאָגאָדע, זאָל ער האָבן אַ בע־
סער מזל? אַזוי איז ס׳פּרצוף פֿון אַלע סיבירער טעג וואָס בלינצן מיט אַן
אויסגערונענער זון, ברענגען אפֿשר נישט קיין זאַווערוכע, אָבער זייער
פֿײַכטקייט הרגעט. אַלץ איז דאָ אָפֿן. מ׳איז אָנגעבאַרייט אויף שווערע אויס־
טעדלישקייטן. ווי באַלד מ׳רײַסט אויף די ערד, אַזוי שנײַדט מע לעבנס.
דערצו יאָגט מען אַלעמען, וועט מען אים אויך נישט באַקן קיין לעקעכלעך.
מ׳וועט לאָזן זיצן און הערן ס׳שווײַגן פֿון די ווענט וואָס ליגן קלאַפּטער טיף
אונטער דער ערד? אויף אויסרוען זיך האָט מען אים געפֿירט אַזאַ מהלך!
אויף אַן אמת — אין קעלער אַרײַן ברענגט מען אים ווידער, גיט עס אַ
שינד זײַן מאַרך; אַראָפּצוגיין פֿון זיבעטן פֿירט מען אָקערשט! נאָר שאַ, וואָס
פֿאַר אַ חלומות האָסטו געוואָלט אַרויסברענגען, אויב ביסט געגאַנגען אַנט־
קעגן דער פּאַסטקע? זעסט דאָך שוין, שמואל, דאָס ליכט פֿון דער וועלט,
די אויסטערלישע וועלט וואָס מ׳בויט דאָ. איינציק בלײַבט נאָר זיך אָנצו־
גורטן מיט געדולד. טאַקע, צוריק אין זעמליאַנקע אַרײַן ברענגט מען אים.
עס זעט זיך שוין דער הויפֿן מיסט; די ריי אָפּשטויסנדיקע קעמערלעך וואָס
שטייען אין מיטן פּוסטן פֿעלד, אויף אָפּצוטאָן די מענטשלעכע באַדערפֿע־
נישן פֿאַר די קאַטאָרזשניקעס. אויגנבליקלעך שוידערן אויף אין אים אַלע

פאַרהוילנקייטן פון זײַן פּילן און פאַרשטיין: „ערשט האָט דער פּראָסט אַלץ ... ײַנגעגליוועט. וואָס וועט זײַן, אויב די זון וועט נעמען וואַרעמען און די אָפּטריטן אַנטקעגן די זעמליאַנקעס וועלן אויפטייען פון זייער מיאוסער אײַנגליוורונג? ווער וועט זײַן בכוח איבערטראָגן אַט־אָ די טאָפּלטע, די מוראדיקע קאַטאַרגע פון איבלדיקער שטיקעניש! וואָס וועט לסוף ווערן מיט אים? — האָט עס שוין געבריקעט אין שמואלן, — וואָס פאַר אַ פּנים וועט אָננעמען זײַן דיעלאָ?

...ווי זײַנע אויגן האָבן אויך די אײַז־געשוואָלענע שטיגלעך צו דער הייל טרוקן געגליט אַנטקעגן דעם טריבן טאָג. ווי נעכטן־אייערנעכטן איז דער הימל געהאָנגען אין קנוילן גראָ און די בלענדנדיקע שניי־אויסגעשפּרייטקייט סקריפּעט פאַרעקשנט. ערשט ווידער דער קעלער!

— דניעוואַלני, אַאַ, ווו איז דער דניעוואַלני! דו? האָט דער פּאַליטרוק אין דעמער פון קעלער חידושלעך געמרוזשעט אויף דעם וואָס איז היפּנדיק אונטערגעשפּרונגען און פאַר אים זיך געשטעלט אונטערטעניק: — גוט וואָס דו היטסט די צוזאַמענוויינונג, — האָט גריגאָריענקאָ באַדאַכט אויסגעמאָסטן דעם פאַרשווינטשיק און אים געפרעגט: — דער־אָ באַיעץ ווינט ביי דיר, אמת? זאָלסטו וויסן זײַן, ער וועט דאָ בלײַבן. ער דאַרף אין ערגעץ נישט אַרויסגיין. צו מיטאָג ברענג פאַר אים וואַרעמס פון דער סטאָלאָוואַיאַ, ר׳האָט זײַן קעסעלע, זאָלסטו עס נעמען. אָפּגעמאַכט?

— ס׳וועט געשען, חבר פּאָליטרוק, — האָט ער שטײַף אַרויסגעבראַכט זײַן ענטפער, כמעט אויסגעשריגן, מחמת אַזוי אים אויסגעלערנט — דעם באַפעל איך טאָטשנאָ אויספירן.

ס׳האָט גענומען אַ היפּשע רגע ווי ער׳ט שוער, ווײַל קאַליקעוואַטע (איין פוס זײַנער איז אונטערגעהאָנגען אין דער לופט), זיך גלײַכגעשטעלט ווי אַ קאַץ וואָס וויל שטייענדיקערהייט גרייכן פון דיל צום טיש. ער האָט מיטן שטערן, מיט די אַקסלען זיך געצויגן אויף אַרויף, כדי אויסצוזען העכער, וויכטיקער. אַ פּויעריש היטל מיט אַן עמאַלירטן סערפּ און האַמער איז טיף געזעסן איבער זײַן שטערן און אַרונטערצו האָבן די וואָנצעס, גלײַך זיי וואָלטן געוועזן אַ באַזונדערע זאַך, זיך אַ קלוגעטשקן וויג געטאָן:

— יעסט, חבר פּאָליטרוק! — ער האָט דאָס שאַרף אויסגערופן ווי אין דערשראָקנקייט, דערנאָך נאָך עפּעס געוואָרט, געוואַרט מיטן בליק, דער דניעוואַלני, אָבער דער פּאָליטרוק האָט נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן.

— גיי צו ס׳דײַניקע, דניעוואַלני, — האָט גריגאָריענקאָ אים לסוף צו־

געוואָרפֿן און איז מיט די שטילע טרעפּלעך גיך אַרויס צו דער פֿונאַנדער־געוואָרפֿענער טעריטאָריע.

אין מרה־שחורהדיקן קאַזאַרמע־קעלער איז די ליידיקייט אַצינד גע־לעגן טוכלע אויסגעצויגן. די אָפּגעדעקטע טונקלקייט האָט געזשמורעט צום מיסטעריעזן ערגעצוווּ פֿון דער אונטערערד, וווּ לעבן עקבערט פֿאַר זיך אַ כּמו־וועג צום טאָגשײַן. אַן איבערשט ווינקל פֿונעם קעלער איז געווען רויטלעך באַלויכטן פֿון אַ האַלצפֿלאַם וואָס האָט שוואַך געהודזשעט אין דער אײַזערנער הרובע, אַן אָנגעשפּאַרטע אויף אַן אײַנגעזשאַווערטער רער. נאָך דעם ווי ס׳האָט אָפּגעקלונגען דעם פּאָליטרוקס פֿעסטע טריט, איז אַ לענגערע ווײַל געווען ציטעריק שטיל אינעם תּמידן בית־השמשות פֿונעם קאַזאַרמע־חלל. איזשין דער דניעוואַלני מיטן פֿוטערנעם דאַשעק איבערן שטערן, האָט מיט אַ מאָל עפּעס זיך מיישב געווען. ער׳ט זיך צעוויגט אויף זײַן איינציקן גלײַכן פֿוס, ערנסט זיך אָוועקגעשטעלט פֿאַרן באַיעץ וואָס מ׳האָט אים געבראַכט אין זעמליאַנקע אַרײַן און געלאָזן אים וויסן בכן ס׳איז שוין געפֿאַלן זײַן ווינציקייט, די זעלנערישע:

— וויס, — האָט ער נאָך אַלץ זיך נישט גלײַכגעשטעלט, געפֿינטלט מיט די אויגן, געקליבן דאָס וויכטיקע וואָרט — דניעוואַלני דאָ באַלעבאָס. איך כאַזיאַין, פֿאַ־אָ־ניאַל? באַיעץ, וואָס ווילסט, מיר זאָגן. דו זיך לייג אויף דײַן אָרט. אַרויסגיין ניעלזיאַ. אַלץ מיך פֿרעגן.

— גוט, דניעוואַלני.

שמואל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנע פֿרעגן און אויך מיט גלײַכגילט.

— כ׳וועל זיצן, כ׳על ליגן, —האָט ער געזאָגט ווען ער האָט געזען אַז דער דניעוואַלני טרעט נישט אָפּ פֿון אים.— איך וויל גאָר נישט, — און געוואָלט זיך אָוועקדרייען פֿון זײַן גיריקן בליק.

— גיי זיך זעצן, ווילסט — שלאָף. דו נישט שטער.

איזשין האָט געוואָלט באַווײַזן זײַן העכערקייט. ער׳ט געהאַט פּאַראיבל וואָס דער האָרכט נישט באַלד. זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן באַיעץ און אַלץ נישט געווען פּאַרטיק מיט זיך. און מעגלעך, ער האָט זיך געשעמט מיט זײַן מום, דערפֿאַר געהאָנגען פֿאַר אים מיט זײַן גאַנצער געשטאַלט, געהאָנגען שטייענדיק. יענעמס שווײַגן האָט אים צערייצט, געוואָרן שטרענג:

— איך שוין געזאָגט, באַיעץ, דו נישט שטיי אין מיטן. וווּ איז דײַן

נאַרע? — און הייס אַ קער געטאָן צו אים דעם בליק, וואָס האָט אַצינד געשטאָכן.

שמואלעקן איז געוואָרן דערווידער דאָס אומוויכטיקע אַמפּערן זיך מיט דעם מידבר־פּאַרשוין. ענדלעך זיך אָוועקגעדרייט פון אים אָן אַן ענטפער און גענומען זיך אַרומקוקן ווו עס איז זײַן אָרט אויף די פּריטשעס. אין קעלער־שײַן וואָס ערשט האָט עס בײַטאָגיק נעבעכדיק געבלינצלט, איז אים נישט גרינג געווען זיך צו דערמאָנען ווו עס איז זײַן ברעקל אָרט אין דער פונאַנדערגעצויגענער ליידיקייט; ווײַל אין געדעכעניש האָט דער־אָ חלל אים אָנגעטומלט מיט באַוועגלעכע שאָטנס, פאַרדרענגטע פון אַ סודותדיקער עקסיסטענץ.

...אין דער הייך, אויף דער סאַמע איבערשטער פּריטשע איז געווען שמואלס ווינאָרט. ערגעץ צווישן אַ סך — אַ שמאָל ברעט פאַר זײַן איבלדיקער אַרײַנגעקוועטשטקייט. אויף דעם ברעט איז אָוועקגעלייגט אַ פּוילבלעכער, אָנגעקנאָדערטער זאַק מיט צעריבענעם שטרוי און זײַן צוקאָפּנס — דאָס זעקל מיט דער זעלנערישער באַלעבאַטישקייט. אַנדערע האָבן קעסטלעך, פאַרמאַכטע אויף הענגשלעסלעך. שמואלעק בוימווערקן געצוגנט דאָס זעקל. ניין, אַפילו דאָס איז אים דערווידער. אָבער ווי אַנטלויפט מען דערפון, אויב דאָס אומגליק יאָגט נאָך! דאָס זעקל, ס׳גאַנצע איבערבלײַבעניש פון זײַן פאַרזונקענער היים איז באַשאָטן מיט קליינע, מיאוסע, קריכעדיקע ווערעם וואָס צינדן אָן ס׳לײַב, וואַרפן אים אַרײַן אין אַ נעדיזגע אַז ס׳איז נישט אײַנצוזיצן און אוממעגלעך צו שטיין רויק אויף אָן אָרט. סײַ דער שטרויזאַק, סײַ די טאָרבע (וואָס איז אויך זײַן קישן) האָבן אים שוין צעטרייסלט. דאָס אומפּלייט באַוועגט זיך אין זיי ווי אַ לעבעדיקער מאָן וואָס איז דאָ צונויפגעקנאָטן מיט דער אײַנגעזאַמלטער דורותדיקער פּינצטערער רוסישער אָרעמקייט. די ווערעם פאַרקריכן די מענטשן, די זאַכן, פרעסן זיך אַרײַן אין די נאָרעס אַז ס׳איז נישט צו דערליגן אויף זיי; צו מאָל מוז מען אויפשרײַען, זידלען מחמת אומאויפהעריקער נישט ניחאדיקייט. אין די שפּאַרעס פון די ווענט האָבן זיך אַרײַנגעקראָגן די לײַז. אויך אין נעבעכדיקן עסנוואַרג וואָס עמעץ באַהאַלט אויס אויף די נאַרעס, וועבט זיך אַרײַן דאָס באַוועגלעכע פוילעכטס וואָס נערט־זיך, מערט־זיך פונעם אָנגעזויערטן קויט.

אַרויפגעצויגן זיך אין דער הייך, האָט שמואלעק ערשט געפּרוווט זיך פונאַנדערצוקלײַבן אין דעם וואָס ס׳איז געשען מיט אים. געזעצט זיך און

נישט געקענט איינזיצן. ער׳ט באַלד געמוזט מיט אַ האַנט אַריינקריכן אין אַ נאָגעוויצע, און די מאַכט פון די שטאַרק באַוועגלעכע ווערעם האָט אים פאַרשלעפּט אין אַ מאָדנער פאַרגעסנקייט; אינסטינקטיוו געפירט די נעגל פון די פינגער איבער די שענקלען, דערנאָך איבערן בויעם, איבערן נאַקן. אָט געזעסן, אָט זיך אויסגעצויגן אויפן אומציכטיקן מאַטראַץ און קראַצנדיק שיער־נישט אַנטדרימלט געוואָרן. די פולע טונקלקייט האָט פאַרשפונען זיין געדאַנק. דערפאַר נישט געהערט דעם מיטאַמאָליקן רוף פונעם דניעוואַלני:

— ע, באַיעץ, הע־עער!

— דו, טשאַרט, וואָס דו נישט ענטפערסט! — און יענער האָט מחמת אומגעדולד זיך געוואָרפן אַרויפדראַפּען אויף די הויכע נאַרעס.

אין שמואלעקן האָט זיך גראָד געהאַט צעטייעט די קעלט וואָס גע־בראַכט פון דרויסן און דאָס איז זיך ווי רויך צעגאַנגען אין אים. אַ מין דרימל האָט זיך גענומען אַנטורעמען איבער אים, איינוואַרעמען זיין גאַרן נפש. קיין חידוש דעריבער וואָס די צעקלימפּערטע רויע שטים פון קע־לער־היטער איז נישט באַלד דערגאַנגען צו אים.

— העי, טאָוואַריש! — האָט דער דניעוואלני זיך רעכט צעשריגן, — דו, דו, באַיעץ, טשאַרט! —

ער׳ט זיך שוין געריסן דעם האַלדז, הענגעדיק צווישן די פּריטשעס.

איצט האָט שמואלעק אויפגעצאַפּלט פון דער פלוצלינגקייט:

— מיך מיינסטו, דניעוואַלני?

— דו מיטאָג וויל, באַיעץ? —פאַראיקעט ער זיך.— ט׳זיין שפּעט, טאָ נישט שלאָף, באַיעץ!

דערזען דעם קעלער־וועכטער שוין אויפן ראַנד פון זיין נאַרע, האָט ער אַ רגע נאָכגעטראַכט.

— איך שלאָף נישט, דניעוואַלני.

— דו זעמליאַנקע היט. איך גיי סטאָלאָוואַיאַ. עסן דיר, יאָ? קיינער נישט רירן זאַכן פון די באַיצעס, גע־דעעענק! — און מיט דראָונג אויפגע־הויבן צו אים אַ פינגער אַ צעדרייטן ווי אַ וואָרצל־קנעכל.

— גיי, גיי, דניעוואַלני. קיינער וועט נישט נעמען.

אַ געקלימפּער. דאָס האָט זיך צערעדט די הוילקייט פון זעלנערישע קע־סעלעך וואָס דער קעלער־היטער האָט צונויפגענומען פאַרן אַוועקגיין אין דער באַטאַליאָנער גאַרקיך. דערנאָך איז נאָכגעקומען אַ דומפּער קלאַפּ אין טיר. דער סאָלדאַט שמואל האָט דעמאָלט פאַרנומען די פאַלנדיקע שטיל־

קייט וואָס האָט אַ שאַרכנדיקע זיך געלייגט איבער דעם אומגעהייערן גרוב פאַר די לעבעדיקע מענטשנקינדער. שטיל, און די טונקלקייט ציט זיך אויס אַ שיטערע, אַ טעמפּע, זי לאָזט אַרויס אומקלאָרע, פאַרדושעטע קלאַנגען. אַן אויגנבליק און שמואלעק פאַרנעמט אַ בולט פאַרדעכטיקן שאָר איבער אַן אונטערשטן נאַרעס־גאַנג. דאָס איז געקומען מיט אַ דין־דינעם שטאָך אין מוח און אַ צאַפּל האָט אין אים צעוויגט אַ שפּאַרנדיקע אָנגעוואָלקנטקייט. דעם נאַרע־נפש שמואל איז געוואָרן אַנגסטיק, ס'האָט באַוועגט זײַן גוף, געצוווּנגען אים אַרויסצובייגן זיך פון דער אייבערשטער נאַרע. אַראָפּגע־קוקט אונטן, האָט זײַן בליק גענישטערט צו דערוווישן דאָס חשודע פויזען, וואָס ער האָט אומגעריכט פאַרנומען מיט זײַן גאַנצן לײַב און לעבן. עפּעס טוט זיך דאָ שטאַרק פאַרהוילענערהייט, — האָט ער אַ ט ר אַ כ ט געטאָן. אָבער גאָר נישט זעט זיך. רק עס שפּרייט זיך קעלערדיקע דומפּיקייט, עס קוקט אויף אים די ערדענע פּאָדלאָגע. שוואַרץ, טונקלע אויסגעטראָטן, ער־טערוויַז געהויקערט איז דער באַראַקישער דיל. אַהער האָט זיך נישט אַרײַנגעקראָגן נישט קיין קאַץ, נישט קיין הונט. און אפשר לענגלען זיך דאָ מײַז? — אומגעריכט האָט אים אָפּגעבריט די דאָזיקע אימה פאַר דער מעג־לעכער פּלאָג וואָס מיגלט אים מער פון אַלע שרצים. דערפון האָט ער שוין נישט געקענט בלײַבן רויק אויף דער נאַרע. ווידער אַ מאָל זיך אַרויסגע־בויגן, געקוקט צו די שכנישע נאַרעס, מיטן בליק געזוכט אויף דער אונ־טערשטער פּריטשע. גאָר נישט געזען אַחוץ די צונויפגעדרייטע געלעגערס מיט די קעסטלעך און זעקלעך וואָס זענען אויף בײַ טאָג אָנגעשפּאַרט אָן די ברעטערנע ווענט. ערשט איז שמואלעק באַדעכטיק אַראָפּגעקראָכן, געשפּרײַזט צווישן די אָנגעשטאָפּלטע נאַרעס און ווי אויף אַ פּאַרלוירענעם וועג אומ־געריכט געפונען ליגן אַ קראַנקן. אוודאי אויך אַ סאָלדאַט וואָס ווערט דאָ פּאַרגעסן. מיט געשלאָסענע אויגן ליגט ער ווי אַ שטיין, ר'איז באַוואַקסן ווי אַ חיה אין דער בערלאָגע. זײַן שפּיץ נאָז סטאַרטשעט אַרויס פון צעקנוי־דערטן האָרעכץ, אַן אויסגעצויגענע נאָז.

— עע, שלאָאָאָ־אָאָאָפּסט?

אומזיכער געגעענט צום קראַנקן און אותו הרגע דערשפּירט ווי אַן אימה גייט אויף פון דעם דאָזיקן. זיך איבערגעוועלטיקט אַ ווײַלע און אין פאַרכפּלטער שרעק נאָך אַ מאָל גערופן צום ליגנדיקן:

— דו, זע נאָר! —

ער׳ט באַגערט צו זען כאָטש אַ ריר מיט די וויִעס, אַ סימן אַז דער גרויליקער סוף האָט אָקערשט נישט באַטראָטן דעם אַ קעלער.

דאָס פּעקל ס׳דראַענדיקע אויף דעם פֿינצטערן געלעגער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. פֿון באַנומענקייט האָט שמואלעק איינגעדושעט זײַן שטים און אַליין זיך צוגעהערט צו איר:

— דזשאָלדאָס, הארך נאַר! (און נערוועז אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז) וועסט נעמען אַ שלוק? באַלד ברענגט מע ס׳מיטאָג.

דאָס קול האָט געציטערט און זײַן גאַנצער מהות, אַ צעשויבערטער, קוקט אין דערשרעק: „וואָס׳ט זײַן אַצינד? איך — און אַנטקעגן ט׳געשטעלט זיך דער טויט!״

גיי, רעד, אַז דאָ ליגט אַ שטיק רעדעוודיקע שטומקייט. נישט געקראָגן קיין ענטפֿער, האָט שמואלעקן אָנגעפּאַקט אַן אומבאַגרײַפֿלעכע אימה. עס האָט גענומען וואַרפֿן מיט אים. ער איז ראַפּטעם צוגעשפּרונגען צו דער טיר פֿון באַראַק. ר׳וועט אַ געשריי טאָן, — האָט עס געטומלט אין אים; שמואַ־לעקן האָט גערופֿן און געשטויסן די אויסטערלישע בלייכקייט פֿון ליגנדיקן און ס׳האָט גערייצט דאָס שוואַכע כאָרכלען פֿון יענעמס ברוסט. אָבער דער דערשראָקענער האָט צו מאָל נישט געעפֿנט די טיר. עפּעס אַן אַנדערע אימה האָט׳ן אָפּגעשטויסן. צוריק געגאַנגען איז ער שוין אַ שלאָבעריקער, ווידער געשטאַנען פֿון ווײַטנס, געקוקט אויפֿן קראַנקן און מורא געקראָגן לענגער זיך אײַנצוקוקן אין דעם פּחד וואָס וואַקסט, יערט אַרויס פֿון ד ע ם. זיך נישט געטרויט דעם טריט וואָס דערנאָך געשטעלט, האָט שמואל מיט אײַנ־געהאַלטנקייט אַ צי געטאָן דעם שאָפּענעם פּעלץ וואָס איז געווען אַרויפֿ־געוואָרפֿן אויפֿן שלאָפֿנס בערגל געלעגער.

„נו?״

פֿון האַרצקלאַפּעניש זענען בײַ שמואלן אַרויס די אויגן ווי אַ פּאָר גלעז־זערנע גאַלקעס. לאַנג האָט ער נישט געוווּסט וואָס מיט אים טוט זיך. ערשט דערנאָך האָט ער געזען, דערהערט:

אַ סטויפּ, באַוואַקסן מיט אַן אַלטער האָריקייט ווי מיט שימל, האָט ד ע ר זיך אַ ריר געגעבן אונטערן אײַנדעקעכץ און שטאַר זיך אָנגעמרו־זשעט. אין פֿאַמעלעכער דערוואַכונג האָט ער לסוף אַרויסגעבראַכט אַ קרעכץ: — אַ־אַאַאַ!

אויסגעצויגן, צעווייטיקט.

— ער לעבט! — האָט עס איבערגעראַשט דעם צוקוקנדיקן. און

מערקווערדיק: שמואל האָט איצט נאָך מער זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָ־זיקן כמו־לעבן.

דער באָיעץ האָט שוין מורא געהאַט צוריק אַרויפצוקריכן אויף זײַן נאַרע — ווײַל אָט־אָ האָט ער דערהערט דעם טויט ווי ער פלאַטערט פאַר־דעכטיק אַרום אים; ממש געזעען אים אין דער וואָנציקער גרימאַסע פונעם שכיב־מרע און מיט צאַפּלעניש, אין גוואַלטיקער דערוואַרטונג גענומען אויסקוקן אַז די טיר זאָל זיך צעעפענען.

און האָט איזשין אַרײַנגעהינקט מיט די קעסעלעך מיטאָג וואָס האָבן זיך געוויגט אין זײַנע יעדע הענט, איז דער דערשראָקענער באָיעץ אַרויס צו אים מיט אַ טענה און פאַרענטפער: איך ווייס נישט, איך קען נישט זײַן מיט אַזוינעם — — מיטן דרייען מיט די אויגן געוויזן אויפן קראַנקן וואָס שטומט ווידער, ליגט שטײַף ווי אַ בר־מינן.

שמואל האָט קוים געקענט זיך אויסרעדן פאַרן קוטשמע־מאַן:

— האַרך, חבר, פּאַטשעמו נישט געזאָגט אַז אַ קראַנקער איז בײַ דיר? מיר דאַכט, ער שטאַרבט. איך וואָלט נישט געבליבן מיט אים, — איז ער שוין באַפאַלן דעם דניעוואַלני, אונטערגעאײַלט אים ער זאָל תיכף שוין רופן הילף: — מ׳טאָר נישט וואַרטן, חבר. גיכער, איך בעט דיך! — און לגמרי זיך נישט אומגעקוקט אויף די פולע קעסעלעך, וואָס דער קעלער־היטער האָט פון דעסטוועגן נישט אַרויסגעלאָזן פון זינען; אדרבא, ער׳ט פאַמעלעך אונטערהינקנדיק, זיי אַרויפגעשטעלט אויפן טליענדיקן אײַוועלע. פונקט אַזוי, אומגעאײַלט, האָט דער דניעוואַלני פון הינטער דער פלייצע געלאָזט דעם דאָזיקן הערן וואָס ער טראַכט אָקערשט:

— געמיינט עפּעס אַנדערש, האַרכסט? אָבער מ׳טאָר נישט מיינען. ס׳אומזיסט, בעכעכעעעעע. געמיינט, אַז סוף מיט ווערמישעל וועט זײַן אויף אַביעד *. נײַן, שטשי **, מיט קאַרטאָשקעס. לאַפּשאַ *** זײַן זונטיק. באָיעץ, דו ליב שטשי? אויב נישט, איך דיר געבן ברויט און ברינדזע ****. פּו־פּו־פּווו, גגג־גגוטע ברינדזע מײַן קאָלכאָז — — פאַרן סאַלדאַט וואָס ווערט אים אַ מיטעסער, האָט דאָס אין דזשימדזשנדיקן קעלער־חלל אויס־געקלונגען הויל, מיט נייגיר, וועלכער בלײַבט הערן, קוקן אַן אויסגע־שפּיצטער. נענטער צוגעהונקען צום נײַעם באַקאַנטן, האָט איזשין געוואָלט זײַן ליבלעך: — דו זיך דערשראָקן? נישט באַדאַרפט. זײַן קוטשמע צעוויגט

---

* מיטאָג; ** קרויטזופּ; *** לאָקשן; **** שאָפּנקעז.

זיך מיט אַן אויפגעפּוישטער האַריקייט און דערמאָנט אַזוי אַרום אָן דעם שלאָפן: — סײַ ווי וועט ער שטאַרבן. עסט נישט אַ סך טעג (פֿאַרוויגט ער שוין דעם טרויער זײַנעם). פעלדשער קומט, זאָגט זײַן קאָפּ: ניין. „שלעכט", זאָגט ער. איך (גיט ער אַ זיפץ צו), פֿאַרפֿאַלן. מיר מוזן עסן. — איזשין קרימט אויס אַ שטעכיקן שמייכל, די קעצישע אויגן פינקלען און ער נעמט מיט דער צונג דאָרשטיק לעקן די אַראָפּגעלאָזענע וואָנצעס.

מער פֿאַראומערט האָט שמואלעק געזוכט מיטן בליק דעם צוריק־וועגס צו זײַן אָרט, כאָטש די נאַרע איז אים שוין געוואָרן סכנותדיק ענג; זי׳ט אים ממש געבריט ווי פֿײַער. אים איז שוין נישט געווען ניחא צו נעמען בײַם דניעוואַלני נישט קיין ברויט און נישט קיין ברינדזע, הגם ער האָט אים אָפּגעגעבן זײַן קעסעלע קרויטזופּ.

— עס, דניעוואַלני. איך פיל זיך נישט גוט.

איזשין האָט זיך באַלעקט אויך מיטן דריטן קעסעלע שטשי (דעם קראַנקס און שמואלעקס) און אויסגעשלוקערצט אַ זשאַקסי מיט אַ ספּאַסיבאָ אין צולאָג. אַ דאַנק אַזאַ אָ בהמשך פֿון שטאַרק צעגלאַנצטע אויגן זכרישע, וואָרן קיין ווײַבערישע פֿאַר האָט ער לענגסט זיך נישט געקענט געפֿינען, דער טאַדזשיק, כאָטש געזוכט, ער׳ט זיך געהאַט פלײַסיק אַרומגעקוקט דער־וועגן; ער׳ט כיטרע אונטערגעמורמלט די סיביריאַטשעקס וואָס שלייען זיך אין קיך, טוען, שווענקען, העלפֿן די מאַנצבילשע קיכערס פֿון לאַגער און שוויצן בײַנאַנד מיט זיי בײַם צעפֿלאַקערטן פֿײַער. פֿון מאָל צו מאָל לאַכן זיי צוגלײַך מיט די זכרים. „גיי, סקאָרעי, אַזיאַט" האָבן די נקבות אים אַ שגיט געטאָן מיט אַ פּיסקעוואַטן געשריי און דורכגעטריבן מיט אַלע זײַנע צוזאָגן פֿאַר אַ ביסל ליבע: „איך האָב אַ זעקל געטריקנטע פּערסיקעס, זיסע ווי האָניק, — האָט ער מודיע געווען מיט גרויס ערנסט; ר׳עט געבן אַ זשמעניע קלעצל־צוקער, אויך אַ קעמלוואָלענעם שאַל האָט ער. זאָל זי נאָר גיין מיט אים. בלויז אויף איין אויפֿדערנאַכט", — האָט ער פֿאַרזי־כערט. דער טאַדזשיק האָט גערעדט צו אַזאַ מיט די פולע רויטגעאָדערטע ווײַסלעכער, מיטן שטומען מויל און בעטנדיקע העוויות. אָבער זיי האָבן געהאַט פֿאַר אים נאָר חוזק: „זוך זיך דײַן דישל, צעטעלעפּעט פערד!" — וועסט זיך אָפּבאָדן, מאַלאָדטשינאַ, וועל איך קומען צו דיר מיט אַ האַר־מאָשקע". פרעך די נקבות, האָט איזשין שיער זיך צעוויינט און פֿון צײַט צו צײַט ווידער געפּרוווט זײַן מאַנצבילשן מזל. אַ מאָל ט׳ער זיך אַפילו צע־יאָמערט פֿון שאַרף־דערוועקטער בענקעניש נאָך אַ זיווג. על פּי רוב

פלעגט ער אין די נאָכמיטאָגן דערשפּירן די דאָזיקע טרויעריקייט. אָנגעפּוישט זיך דעם בויך, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער נאַרע מיטן פּנים אַרויף און גענומען קלערן תּכלית. ווי אַ הייס ריטשקעלע איז זיך בײַ אים דעמאָלט מוטנע אויסגעשטאַנען די פּולסירנדיקע ציִעניש נאָך אַ ווײַב, עפּטערס נאָכן אייגענעם ווײַב. זי איז העט אין אַול, זי האָט נישט אַזאַ ווײַסע הויט ווי די דאָזיקע, זי איז געשטופּלט אויף דער נאָז, אויפן שטערן, אָבער קרעפּטיק זענען אירע לענדן, הייס דער אָטעם. אוי־ווי, ווען ער קען איר זאָגן ווי ער קוקט אַרויס אויף איר! כּדי וואָלט זי געווען אים אַזוי געטרײַ ווי דער פּאַסטעך־הונט. דעמאָלט וואָלט זי שוין דערשפּירט אַז ער באַדאַרף זי פּונקט ווי דער שלאָבעריקער וואָס מוז כאַפּן אַ שאַרפן טרונק קומיס. דער געדאַנק פון ווײַב האָט שווער פאַרווימלט זײַן געהירן.

— ע, באַיעץ, ביסט דאָ? — האָט ער פּלוצלינג אַרײַנגעשריגן אין טונקלעוואַטן חלל.

— רופסט וועמען, דניעוואַלני? — האָט אויף שמואלעקן זיך אָנגעוואַקלט אַ הוילע ניכטערקייט.

— מיט דיר, באַיעץ, רעדן.

— וואָס, דניעוואַלני, זאָגסטו?

— דו ווײַב האָסט? — איזשין האָט זיך אונטערגעהויבן פון זײַן שטרויזאַק ערגעץ אויף אַ נאַרע, אָבער דער באַיעץ האָט אים איצט נישט געזען, נאָר ער'ט זיך געהויבן אַנטקעגן זײַן קול וואָס איז געהאָנגען פאַר אים אַ הינקעדיקס, אַ געגאַרטלט מיט אַ שטריק ווי ס'זענען אַרומגעבונדן די פּויערישע זשופּאַנעס פון די באַטאַליאָנע קנאַכיקע העלדן. ס'ברייט־קיניקע פּנים האָט ער נישט דערווישט. ס'קול איז געבליבן עפּעס אין דער נאָענט און עפּעס ווײַטלעך. דערפאַר אפשר האָט ער דעם אַ בעל־מום געענטפערט אומגעשטערט:

— איך האָב אַ ווײַב, דניעוואַלני. זי איז ווײַט, מײַן ווײַב. — ער'ט גערעדט ווי פון הינטער אַ פאָרהאַנג: — קענסט אַלמאַ־אַטאַ, דניעוואַלני?

— אַ־אַאַאַ! אַ שיינע שטאָט פון קאַזאַך, אַלמאַ־אַטאַ!

ס'האָט זיך פון ערגעץ אין דער הייך אַ קייקל געטאָן יענעמס רוף פון התפּעלות: — אַלמאַ־אַטאַאַאַאַ!

— אין אַלמאַ־אַטאַ געבליבן דאָס ווײַב, — האָט דער פרעמדער זיך געלאָזט הערן.

— דאַרפסט זי רופן אַהער, באַיעץ. נישט גוט לאַנג אָן ווײַב, — באַ־

לערנט דער טאַדזשיק דעם אויסטערלישן וואָס נישט ער עסט און נישט ער גייט אַרויס צו די סטראָיקעס.

— זי איז קראַנק, מײַן ווײַב, — טראָגט זיך שוין מעלאַנכאָליע פון שמואלעקס קול.

— שלעכט, קראַנק. נעם אַן אַנדער ווײַב, באָיעץ. דו אויך קראַנק ווערן פון קראַנקן ווײַב.

— ביסט אַ קלוגער, דניעוואַלני, — זאָגט דער באָיעץ כדי פטור צו ווערן פונעם געשמועס.

— איך שטאַרב, האַרכסט? איך מוז פּאָלוטשען אַ ווײַב. סיביריאַטש־קעס ווילן נישט שלאָפן מיט טאַדזשיק. סיביריאַטשקעס זאָגן: ברענג שיך, ברענג בראָנפן וועט זײַן גוט. אָבער איזשין נישט אין כלעבאָרעזקע, נישט אין סקלאַד, אויך נישט נאַטשאַלניק, או־או־ווו, שלעכט, — און אויסגעצויגן אַ שווערן זיפץ.

אויף דער נאַכט, ס׳האָט העלער זיך צעבלינצלט די קנויט פון דער הענגעדיקער נאַפטלאָמפּ, אין דער זעמליאַנקע האָבן מיט אַ ראַפּטעמדיקן הוק זיך אַרײַנגעשאָטן די אויסגעפרוירענע דזשאָלדאַסן, איז איזשינען גע־וואָרן היימלעכער.

5

לאַנגע וואָכן האָבן שווער, מיט אַ נאָגעניש, ווי אַן אײַנטריקנדיקער גע־שוויר, זיך געצויגן איבער שמואלקעס בײַטאָגיקער שאַרפער אָפּגעזונדערט־קייט פון באַטאַליאָנעם המון; די שווערע פּוסטקייט האָט אים געמאַטערט. דאָס נאָגן האָט ווילד אַרויסגעפּלעמלט פון זײַנע אויגן, סע האָט ממש געקנו־מען אַרויסשטאַרן פון אים גלײַך ווי קנאַכן פון אַן אויסגעדײַוורטן נפש. בוימוועוקן האָט דראָענדיק פאַרצערט די שרעק: וואָס ווילן זיי טאָן מיט אים? שלעכטס זענען זיי אויסן מיטן אָפּשלעפּעניש פון דעם פסק־דין! אַ מאָל האָט ער, אַ באַומרויקטער, זיך שוין דערוועגט צו פרעגן דעם פּאָליטרוק:
— וואָס וועט זײַן, חבר...?

— וואָרט אויס, — האָט גריגאָריענקאָ כמורנע געענטפערט און ווידער אַמאָל אים געפירט צו באַווײַזן עמעצן דעם ווידערשפּעניקן. — זיץ! מ׳באַדאַרף זיך נאָך פונאַנדערקלײַבן, —האָט דער מיליטערישער אַ שפּעטערדיק מאָל אים שיער־נישט אָנגעזידלט— מ׳גיט דיר עסן, שלאָפסט זיך אויס? — זײַן וואָרט האָט זיך געצונדן און ער׳ט פאַרענדיקט מיט אַ

קוק אַ האַרטן ווי אַ שטיין וואָס ווערט געוואָרפן אין קאָפּ אַרײַן. ער האָט זיך געקאָרטשעט, שמואלעק, אין די יסורים וואָס דער דמיון האָט אָנגעבראַכט. אין דעם באַפוילענעם וואַרטן איז געווען אַ דערוווּליקייט אַזאַ וואָס האָט שמואלן געשלאָגן איבערן מוח מיט די שרעקן פון אַ געפאַנגענעם ערב מישפּט: „ווער ווייסט!" איטלעך מאָל איז צו אים געקומען אַן אַנדערער שטאַבנער פון דער שרײַבשטוב: „באַמווערק, ביסט דאָ? פּאָידיאָם!" פון ס׳נײַ דערלאַנגט אַ פּאָרציע אויפשווידערנדיקע קעלט, אַ בלענדיקע שניי־ווײַסקייט, פון וואָס ער׳ט זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט. מ׳האָט אים געפירט איבער קאַלעמוטנעם פעלד אונטער פּראָסטיק־שנײַדיקער שמירה. בעת־מעשה האָט אים נישט אָפּגעלאָזן דאָס געפיל אַז אויף אַזאַ ווי ער קען אַ ליאַדע־ווער אויפהייבן אַ ראַפּניק. יאָ, אויף זײַן אַנטבלײזטקייט וואָס איטלעכער זעט, איז פאַר דער צײַט שוין אָנגעוואַקסן אַ גליוועדהויט; אָקערשט שלעפּט מען אים אַרויס פון אָט דער הויט און ער בלוטיקט, ר׳ווייטיקט אַנטקעגן פּנים פון אכזריותדיק הימל — — געבראַכט אים פאַר פאַרשיידענע נאַטשאַלניקעס, האָט יעדער אים פאָרשעריש, שפּיציק אָנגעקוקט, עפּעס געמורמלט און לסוף אָפּגעשיקט צוריק אין קעלערדיקן באַראַק אַרײַן. ווײַזט אויס: ער טויג נישט פאַר זיי. און אפשר איז נאָך ווינציק געטרײַבערט אים די אָדערן! ר׳באַדאַרף אויך דאָ נושא חן זײַן. מ׳וויל אים ערגעץ פאַרטאַכליעווען, דאַכט זיך אים, אָבער... דעם מענטש האָט גענומען דריקן אַ נײַער אומעט: סוף כל סוף באַקט זיך פאַר זײַנעטוועגן אַ מוראדיקער פּסק. אַז מ׳לאָזט זיצן צו לאַנג איז אַ שלעכטער סימן. סתם וועט מע נישט לאָזן אַזוי, בעת אין דרויסן וואַקסט אַ שטאָט פון זאַוואָדן. באַשײַמפּערלעך גייען דאָ אויף געהיימעניש. עס קאָכט די פאַנטאַזיע פון די אין די גרינע רובאַשקעס און געקאָוועטע שטיוול. זיך פאַרמאָסטן בגוואַלד צו באַלעבן אַ שטיק אָרעם לאַנד, וועלן זיי קיינעם נישט שוינען, אַפילו בלוט זאָל דאַרפן פאַרגאָסן ווערן. זיי האָבן צוואַנגלאַגערן, אַ סך קאַטאָרזשניקעס, וועלן זיי האָבן נאָך אַ תפיסהניק. נאַטשאַלניקעס שוויצן אויף אויפגעבלאָזענע רייד. ס׳איז שפּאָט־וואָלוול דאָס לעבן פון די צוויי־פיסיקע וואָס האָבן פאַר לאַנגע יאָרן זיך שוין אויסגעלערנט צו לאָזן זיך טרײַבן. אַוודאי, ער עסט אומזיסט. און די „גרויסע" אַרט קנאַפּ וואָס די קרומאויגיקע בוהאַיעס ברומען קעגן אַ שעפּס, וואָס זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט אין דער סטאַדע; די נאַטשאַלניקעס לוינט נישט צו זעען ווי די באַטאַליאָנע מאַסע כעסט זיך אויפן בעזשענעץ, מ׳הירזשעט אויף אים. די אויגורן, קירגיזן, קאַלמיקן

און אַנדערע מידבּרניקעס שטויסן שמואלעקן, זאַמיערען זיך אַפילו מיט די פויסטן, אין אָוונט, דער פראָסט זעצט זיך אַראָפּ אין נעפּל, די מחנה קערט זיך אום אין באַראַק אַרײַן מיט אײַז־צעפּלעך אין די האָר־פּאַטליעס, יערן אויף אין דער ענגשאַפט אַלע להכעיסן קעגן דעם פרעמדן: ווער עס שטעלט זיך אומיסטן קעגן אים מיט דער פּלייצע, ווער ס׳שטויסט אַרויס פון שמואלעקס הענט די פּאָר שלוק זודיק וואַסער צו וואָס עס לעכצן זײַנע געדערעם; אויף צו פּלייסן רוקן זיך אַרויף די נאַרע־שכנים אויף זײַן שטרויזאַק, ווער סע קניט זיך חוצפּהדיק אַנידער און גרעבצט אים איבל־דיק אין פּנים אַרײַן. אַן אַנדערש מאָל וואַרפט מע זיך אָן אויף אים מיטן דאַמפּנדיקן זויער פון שווייסיקע לײַבער און מיט לײַז, וואָס מ׳זוכט באַ־דאַכט האַרט בײַ זײַן זײַט. שמואלעק האַלט עס שוין נישט אויס. ר׳מוז אויסשרײַען אין באַנומענקייט:

— רוק זיך אָפּ! — און פּרוווט זיך אויפשטעלן. אָבער די שכנים שטויסן אים צוריק מיט רוגזה:

— דו, האַלט די מאָרדע!

אַ גרויסשטרײַמלדיקער קריכט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן מיט צונויפגעדריקטע פּערדן־ציינער. אַוודאי, אַזאַ חיה קען זיך אויבעט אײַנ־גריזשען אין גאָרגל. דער באַדראָעטער דערשפּירט עס; פון אָנמאַכטיקייט ציטערט ער, דערזעט שוין די כמאַרע וואָס נידערט אַראָפּ אויף אים. צו הילף דעם געלהויטיקן בייגן זיך נאָך אויס מערערע קעפּ, שפּיזלענ־דיקע קוקערס. דער אָנגעגריפענער רוקט זיך אָפּ, ציט זיך אײַן אין זיך. אינסטינקטיוו באַלט ער צו צו דער וואַנט און יענע, די צאָרנדיקע, וואַ־ליען זיך אַרויף אויף זײַן שטרויזאַק, לאַכן נצחונדיק, צעטומלען זיך פּוי־עריש, ווי אויף אַ יאַרמאַרק.

קוים שטילט זיך אײַן די אָקסישע יוכע. קלאָר, די דאָזיקע זענען נאָך בייז הלמאַי דער ווײַסהענטיקער וואַרעמט זיך אונטערן דאַך, „פרעסט אַ גאַנצן טאָג״ און זיי מוזן זיך טענטלען בײַ ליים אין דער גרויסער קרירה. נאָר די טעמפּע שעהען פון דער נאַכט מידן אײַן דעם כעס.

דערנאָך וואַלגערט זיך דער באַיעץ באַמווערק אין זשאַר פון פינצ־טערן אומרו. אַ גאַנצע גייעדיקע נאַכט דריקן אים שטיינער אויפן גע־מיט: וועל איך שוין אַזוי אויסגיין? שווער שיטן זיך אָן אויף אים די גליי־קע קוילן פון פּײַן, זיי עסן אויס שטיקער פון זײַן לעבעדיקן לײַב.

...אין אויפגערודערטן באַגינען האָט עס אַלעמען ווידער אַרויסגע־

טראָגן אַקעגן דעם אײַזיקן הימל. אַן אויסגעליידיקטער שטאַרט דער טוכ־לער באַראַק ווי אַ קבר וואָס וואַרט אויפֿן דערנענטערנדיקן מת. אין גע־איַיל צעקלימפּערן זיך די קעסעלעך, צוגעפּעסטיקטע צו די שטריק און רימענס וואָס פֿאַרשטײַפֿן די לענדן פֿון די שמאַטיקע סאָלדאַטן. שמואלעק בלײַבט ווידער איינער אַליין מיטן דניעוואַלני אין אַ דראָענדיקער שטיל־קייט. אויף דער טעריטאָריע קערט זיך אַ וועלט; די מענטשן בויען, רײַסן אויף די פֿאַרהאַרטעוועטע ערד, שלעפּן קלעצער, שנײַדן, טעסען און ער, ער זיצט, אים לאָזט מען נישט אַרויס. ער פֿרירט אויך דאָ און פֿוילט. אים ברענגט מען אין דער הייל אַרײַן די יושקע, דעם פּענעץ ברויט. אַנטקעגן אים וויגט זיך דער טאַדזשיק אין אַ וואָלקן פֿון שווערע ריחות, דורכגע־זאַפּטע מיטן קאָפּעטש פֿון דער שטענדיק־ברענענדיקער נאַפֿטלאָמפּ וואָס צעטריפֿט אַן עלנט אַרום זיך. אַריבער דעם אונטערערדישן באַראַק שטייט פֿאַרזשמורעט דער הודזשנדיקער קורצער ווינטערדיקער טאָג און אונטן, אין סאַמע קעלער, שפּינט זיך די מרה־שחורה פֿון אַן אײַנגעפּענ־טעטער נאַכט. די באַטאַליאָנע קאַזאַרמעס האָבן זיך טאַקע „פֿאַרשריבן" מיט אומענדלעכע נעכט וואָס הויערן רזיטאויגיק איבער דער אײַנגעהייצטער הרובע וואָס ווערט יעדן אָונט אַרומגעשטעלט מיט אַ וואַלד נאַסע וואַ־לענקעס, וועלכע הערן זיך מיט צוגעסמאַליעטקייט, מיט נודנער אויס־דאַמפּונג; אַרום פֿײַער טריקענען זיך אַ רוב אויסגעשוויסטע, דורכגענעצטע אָניצעס, עס זענקען־צו לעדערנע שטיוול; אַקעגן פֿלאַם שרימפּן ווי גריוון גרויסע קאַלאָשן, צונויפֿגעקלעפּטע פֿון מאַטער גומי פֿון אַלטע פֿאַבריטשנע זאַכענישן.

יעדן אויף דער נאַכט, דער המון שיט זיך אַרײַן אין קעלער, הייבט זיך אויף אַ תרעומותדיק נייגיריקער געפֿרעג:

— איז געגרייט קיפּיאַטאָק, דניעוואַלני?

— פֿאַר וואָס אַזוי ווינציק האָלץ אָנגעבראַכט!

אַן אַנדערער פֿאַלט אַרויס מיט זײַן אויפֿרודערנדיקער אומרויִקייט:

— אָ, דניעוואַלני, און קאַדיר — ווו איז ער?!

ווײַל מיט אומגעריכטער אויסגעליידיקטקייט האָט פֿאַר אַ נאַרע־שכן אַרויסגעשטאַרצט אַן אָפּגעלערט ברעט וואָס צווישן סטראַשנדיקע שטרויזעק אויף דער פּריטשע, ווו ס'האָט לענגסט געפֿוילט דער שלאָפֿער זקן.

איזשין דער דניעוואַלני שטייט אַ מבולבלער, ר'ווייס נישט וועמען פֿריִער צו הערן:

— געווען דער וורעטש *, דניעוואַלני? געקומען אפשר דאָס ווײַב קאַדירס? דניעוואַלני, זאָלסט נישט שווײַגן! לאָז הערן וואָס ס׳געשעט!

— נישטאָ, —האָט דער היטער שטומפּ צעעפנט ס׳מויל און אָפּגע־האַקט.— אַוועק קאַדיר, — דער דניעוואַלני בייגט אַוועק דעם קאָפּ, נעמט ווישן די אויגן.

עולם כאַפּט זיך שוין: — ס׳האָט אָפּגעדאַנקט דער אַלטער. גיך אים אַרויסגעפירט.

— אַוועק, אַוועק, מחמת הונגער, מחמת די קעלטן, דער ווילינקער אַלקאַלדע, — כליפּעט אַרײַן תחינהדיק אַן עלטערער באַיעץ אין דעם אָפּ־וואַרטנדיקן המונישן נייגיר און אין דניעוואַלניס העשעדיקן שווײַגן.

— עס ווערן פאַרשניטן די מענטשן, — איז עמעץ שוין אַרויס מיט יללה און ביטערניש אויסגעמישט אין איין געזאַנג. — אָ־אָאָאָ, סיביר הר־געט דעם קאַזאַך.

— און דעם קירגיז, דעם אוזבעק? — האָט זיך געהערט אַן אונטער־געדריקטער קוויטש פון באַליידיקטע.

— מע פאַלט ווי פון מגפה. אַללאַ, עפּן גיך אַ קבר פאַר דײַנע קינדער. נישטאָ קיין כוח, —האָט נאָך אַ שטים געצויגן דעם טרויער, בעת די אי־בעריקע האָבן — אַלע מיט אַ מאָל— געפינצטערט אין גליווער פון פלוצלינג פאַרשווומענעם ליאַרעם.

שטיל־לל.

— וואָלטן כאָטש די ווײַבער זיך אַהערגעוויזן! — האָט זיך דורכגע־ריסן עמעצנס אַ לעכצעניש.

— אַ ווײַב היט צו און זי קען שטאַרקן אַ מאַנצביל, — האָט אַ שטיק אונטערטעניקייט האַרט זיך אַ וואַלגער געטאָן אַקעגן אַלעמען.

לײַט זענען געוואָרן מינטערער און אומגעריכט זיך פונאַנדערגעשאָטן איבער די פּריטשעס. ווידער האָט דער חלל זיך אָנגעזשמורעט און סאָפּנדיק האָבן אַלע זיך צונויפגעדרענגט אויף זייערע נאַרעס.

— ווײַבער? אַ טעאַטער וועט מען אונדז נאָך געבן, —איז ווער שוין אַרויס מיט אַ חוזקל.— מ׳באַדאַרף נאַר ווען.

— דערלאַנג אַ זאַיאַוולעניע ** צום שטאַב, — אַזאַ פינצטער געלעכטער

---

* אַ דאָקטער; ** אַ ווענדונג.

האָט אַרויסגעפּלאַצט פון אַ קרענצל פּאַנפּעדיקע, מורמלענדיקע באַיצעס, אָבער קיינער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דניעוואַלני, גיב ליבערשט קיפּיאַטאָק! —האָט אַ קול שוין דײַט־לעך זיך צעגאָרגלט פון אַן אייבערשטער פּריטשע.— מ׳עט וויינען, וועט נישט זײַן קיין טשײַ און דער קאָפּ וועט ווײ טאָן אין שלאָף.

— טשײַ, טשײַ! — האָבן זיך צעטראָגן קולות איבערן אַנגעקנוילטן טונקל פון לאַנגן באַראַק און אַריבערן ליכטקרײַז פון לאָמפּ האָט זיך ערשט דערזעען אַ נעפּל פון מענטשן־הויך אויסגעמישט מיט טײ־פּאַרע. ס׳האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעהויבן אַ ציבורדיק טײ־טרינקען פון בלעכערנע כלים, פון אָפּגעשפּאָלטענע אונטערשטע טיילן פון אַלטע פלעשער.

אין קעלער איז מיט אַ מאָל אויפגעגאַנגען אַ נײַער אויפדערנאַכטיקער רעש. לײַט האָבן געטינקט די ליפּן אין קיפּיאַטאָק, וואָס איז געמישט מיט וואָלקנס גרינעם „קירפּיטשנעם״ טײ. מ׳האָט געזופּט מיט גיר, געשלונגען די הייסע ביטערע פליסיקייט און אַלץ נאָך געטראַכט פון דעם אַלקאַלדע קאַדיר. אַ ווילער געוועזן דער קאַדיר, — האָט זיך שוין צונויפגעפּלאָנ־טערט דאָס שרײַיקע זופּן מיט אַ העשעדיקן כליפּ, וואָס האָט זיך פון עמעצן אָפּגעריסן. שפּעטער האָט ווער זיך מיישב געווען און קעגן לאָמפּ אַראָפּגעצויגן ס׳העמד און נאָך גרימאַסנדיק וועגן דעם אַלקאַלדע, גענומען נישטערן אין די נעט. האָט איינער געלויזט, האָבן אויך די שכנים זיך נישט גע־פוילט דערצו. ס׳איז אַ רחמנות, האָט פון ס׳נײַ עמעצער דערמאָנט דעם זקן. אַרויסגעפירט אים אין קברדיקן ערגעץ־ווו און ס׳איז גראָד קאַלט. ברררר, טרויעריק. אָבער נישט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן דאָס אומערן. דער זשעד־נער מאָגן האָט גובר געווען די כוואַליע פון באַדויער. עמעץ האָט זיך צו־געלאָזן צו זײַן זעלנערישן זעקל, גענומען זוכן שיריים פון קישמיש, געפּו־נען אַ סקאָרינקע, ווידער געדזשאַמדזשעט. דערנאָך איז מען אַרײַנגעפּאַלן אין מידקייט פון אָפּגעמאַטערטע שלעפּ־פּי וואָס בייגן זיך צו וואָרעמקייט.

*

אויפן באַענטן זונטיק האָט דער שטאָב באַשטימט אַ באַטאַליאָנעם יום־טוב. אויף לאַסט־אויטאָס האָט מען אָנגעבראַכט גרויסע קוישן ווײַס ברויט, רויטן קאַשע־קאָלבאַס, פּעסער ביר און אַ קאַסטן מיט ליטערדיקע פלאַשן וואָדקאַ.

דעם גאַנצן זונטיקדיקן פאַרמיטאָג האָט מען אין די אונטערערדישע

באַראַקן דורכגעפירט אַ רייניקונג. דער דניעוואַלני האָט אויפגעזאָטן קעס־לען וואַסער, מיט דעם געפּאַרעט די ברעטער פון די נאַרעס, פון זיי גע־טריבן די אומפּלייט, בעת די שטרויזעק האָבן —אויסגעשפּרייטע אויפן פאַר־האַרטעוועטן שניי— שעהען לאַנג זיך געבריט אויפן פראָסט. אין באַראַק זענען געזעסן געזעמלעך סאָלדאַטן, וואָס האָבן אויף געשווינד אַרײַנגעכאַפּט „אָן אָביסק” אין די העמדער וואָס פון זיך אַראָפּגעצויגן; אַנדערע זענען גע־שטאַנען אין אָפּענעם דרויסן און אין אַלטע בלעכן, אין כלערליי כלים געוואַ־שן, אויסגעקוועטשט די שטיקלעך וועש פון לײַב אַראָפּ. די נאַסע טראַנטעס האָבן זיך דערנאָך אויסגעשטײַפט אויף די שאַרפן פון שטילן פראָסט.

שפּעטער האָט מען די מחנות, אויסגעמושטירטע, אַוועקגעטריבן אין גאַרקיך אַרײַן. אַביעד, אַביעד, — האָט אַלעמען אַ צי געטאָן צו דער אַכילה. עס איז געווען אַ זעטיקע זופּ מיט לאַפּשאַ און מיט געדיכטער קאַשע אויף אַ צווייטן געריכט.

נאָכמיטאָג איז פון שטאָטישן קריג־קאָמיסאַריאַט געקומען אַ קאַ־פּעליע מיט האַרמאָניקע־שפּילערס, מיט טרומייטערס און אַ פּייקלער. אונטער דעם פונאַנדערגעצויגענעם הימל וואָס האָט דאָס מאָל אויסגעקוקט עפּעס געמיטלעכער, ווי אויסגעוואַשן פון די לאַנגאָניקע שטורעמווינטן, האָט זיך געשטעלט דער באַטאַליאָנער יום־טוב: די ערשטע זענען די בריגאַדירן אַרויס אין טאַנץ אויפן שנייִיקן פעלד און די קיכערס צוגלײַך מיטן קאָמ־באַט האָבן גענומען היימישלעך אָנגיסן פּאַרציעס בראָנפן אין די זעלנע־רישע מעסטלעך אַרײַן. „מ'עט אַ זופּ טאָן, קינדער, האָ?” — האָט עס גע־סלינעט פון די פּיסקעס בײַ די עלטסטע וואָס האָבן אין אַ נאָווינע זיך גע־וואָלט מאַכן גוטברודעריש מיט אַלעמען.

— זדראַוואָ!

— צו געזונט! —האָט פּונקט אַזאַ כוסע אויפגעהויבן דער קאָמבאַט יעמעליאַנאָוו און ברייט זיך אַרומגעקוקט— פאַרן רום פון פּאַטערלאַנד, חברים, אַ נו! —

ער'ט איבערגעקערט דאָס בלעכל אין האַלדז אַרײַן און נאָך אים — אַלע, און אַ האָפּערדיקער געליאַרעם האָט זיך געשטעלט אויף דער טערי־טאָריע.

מ'האָט געשניטן שטיקער קאָלבאַס, געבראָכן, געקנײַפּט פּיידעס ברויט, ווידער אַרײַנגעגאָסן אין זיך שאַרפּס, דערוואַרעמענדיקס און מענטש און ערד האָבן זיך אויפגעהויבן, אַרײַנגעקעבערט זיך ווינטיק, אין אַ פריילעכן,

קנאַקעדיקן טאַנץ. אין דעם האָט זיך דער קאָמבאַט גופא אַרויסגערוקט, געשטעלט טענצלדיקע טריט, דער וואָיענקאָם איז אים גדלותדיק אַנטקעגן געגאַנגען אין אַ קאַמאַרינסקע אַ רוסישער — צעבלאָזן די שינעלן, געבויגן די קני, צונויפגעקלאַפּט די טילקעס פון די שטיוול, געהנדלט זיך מיט די נאָסקעס. די בריגאַדירן האָבן מיט אַ ווונק אָפּגעשניטן דעם המון פונעם געטומל. ששאַ! קנאה און התלהבות האָבן זיך אײַנגעפרעסן אינעם געפּלאַטער פון די אָפּיצערסקע פּיס און פּאָלעס; אַלע האָבן דעמאָלט זיך דערזעען קלענער געוואָרענע. אָט חשובע טענצערס! און האָבן זיי אַראָפּגעגנידערט פון צעפלאַמטן געשוועב, געוויזן זיך גנאָדיק פּנים אל פּנים מיטן שאַרפן טאָג, האָט די גאַנצע מאַסע אויסגעבראָכן אין אַ דויערנדיקן בראַוואָ און צוגעפּליעסקעט מיט די הענט האַרט, טרוקן, ווי מיט קיזלשטיינער.

באַרוטע זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זײַט, האָבן די קאָמאַנדירן באַפוילן נאָך אַ מאָל אָנגיסן די מעסטלעך מיט וואָדקאַ; די זעלבער האָבן זיך פאַרכליניעט מיטן שטאַרקן טרונק און אונטערן אָנווײַז פון די בריגאַדירן זיך אַוועקגעלאָזן אין טאַנץ פּאָרווײַז, שטרײַמל־סאָלדאַט מיט זײַן חבר פון לאָפּעטע און ליימטייג, געהויבן זיך, געדרייט זיך. גיך האָבן זיי זיך באַהאָפטן אין גרופּקעס. אין דעם געפּלאַטער וואָס איז געוואַקסן צו גלײַך מיטן אימפּעט, האָבן די באָיצעס אַרײַנגעשלעפּט צווישן זיך אַלע אויפגעזאַמלטע אַרום זיי — די מענטשן פון קיך, פון דער ברויטשטוב, די שטאַבשרײַבערס און אויך די פּרויען. די קליידלדיקע זענען אמת אַרויס שפּעטער, ווי אויף אַ בכיוונדיקן צייכן. ערשט איצט האָט חברה זיך צעוואָרעמט, געקראָגן חשק פאַר נאָך אַ טרונק.

— וואָדקאַ! — האָט עמעץ געוואָרפן מיט דער מידער צונג אין מיטן געדריי אויף דער פלאַכטע שניי וואָס האָט זיך געריסן, אין פונקען זיך צעשפּריצט פון געשטויס מיט שטיוול, מיט וואַלענקעס און גופישן כוח וואָס איז בטבע אָן אויגן: — דאַוואַי וואָדקאַ!

— וואָדקאַ! —האָבן אַנדערע אונטערגעהאָלפן,— אָבער די ווײַסהעלדזלדיקע פלאַשן האָבן זיך שוין געוואַלגערט אויף דער ערד, אויסגעליידיקטע, איבערגעקערטע. מ׳האָט דערפאַר פון אַ שפּונט געצאַפּט ברוינלעך שוימענדיק ביר, אָנגעגאָסן אויך מעסטלעך מיט בראַזשקע.*

— דאַוואַי! ערשט האָט דער טאַנץ באַקומען אימפּעט. דאָס יונגע ביר

* יונג העל ביר.

האָט שטאַרק אונטערגעוואַרעמט די טענצערס וואָס האָבן געטראָגן טענצערנס אין זייערע צעפּליגלטע אָרעמס. אָ, די קלײדלדיקע, די יונגע און די עלטערלעכע, האָבן זיך ווי אונטער אַ כישוף פֿאַרמערט אויפֿן פּעלד צווישן די צעיאַכמערטע מאַנצבילן, געקלעפּט זיך צו זיי, אַרײַנגעטאָטעמט אין זיי שאַרפֿע גלוסטונג:

— דו, ניע זשאַלעי! קאַרג נישט אַ ביסל האָפּעדריקייט, — האָט עס געשפּריצט מיט פֿײַער פֿון דערוועקטן ווײַבער־פֿאָלק.

מ׳האָט נישט געזעען, מ׳האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי — די באַטאַליאָנע באַלעבאַטים זענען פּלוצלינג אויסגערונען. — ס׳נישטאָ מער דאָס אויג וואָס קרעמפּעוועט אײַן דעם חשק, פֿאַרלאָמט אַלעמענס הענט און פֿיס. אַללאַ, ס׳ווילן! — האָבן זיך צעבליצט פֿאַרלאָפֿענע אויגן, אויך פֿון געלהויטיקע וואָס על פּי רוב זענען זיי ווינציק דרייסט. זיך אָנגעטרונקען מיט די שאַרפֿקייטן פֿון פֿראָסט, ביר און דעם אָנוווּנק פֿון ווײַב וואָס האָט פֿאַרשמעקט דעם גאָרן דרויסן, האָט די באַטאַליאָנע סאָלדאַטשינע אין פֿרײַען טונקל זיך דערשפּירט פֿויגלפֿרײַ; אַ צעבריקעוועטע האָט זי רעדלווײַז זיך אַרײַנגעוואַלגערט אין שניי און סתם געגומען רײַסן די גאָרגלען: הו, האַ, הי, אַז די ווײַטן זאָלן זיך אָפּרופֿן. סתם זיך צעבושעוועט די לאַנג פֿאַרשלעפּערטע כּוחות. אין מבֿוהלדיקער שפּירונג פֿון מיטאַמאָליקער אויפֿגעבונדנקייט האָבן צעהונגערטע לײַבער זיך געשטרעקט אין שיכּורער גלוסטונג, ווײַל ווײַב און ערווה האָבן אָקערשט הייס אַרײַנגעעטעמט אין זייערע געבליטן.

— קלאַוודיושאַ, איך, דו, פּראַוודאַ? — האָט זיך צעטרייסלט אַ דעריאַכמערטער שטריימלקאָפּ אינעם פּרצוף פֿון אַ רויטפּנימדיקער נקבֿה, וועלכע ער האָט העפּטיק אָנגעפּאַקט בײַ די אָרעמס.

— יוליאַ מילאַיאַ, —האָבן פֿאַר אַ מאָל זיך צעוויגט עטלעכע פֿאַרקוטשמעטע קעפּ, ס׳האָבן געצוקט האַרטע קינען און אַ פֿרײַכנדיקער ווײַבערישער בוזעם האָט זיי ווילד אַקעגנגעעטעמט אין צעטומלטקייט: ווען פֿון די־אָ ענטפֿערן, צו ווען שמייכלען? — —

דעם דאָזיקן זונטיק האָבן די אונטערערדישע באַראַקן געפּוסטעוועט ביז נאָך האַלבער נאַכט. צעוואַקלטע אויף די פֿיס האָבן די סאָלדאַטן צעדולטע געבלאָנקעט אין די פֿינצטערנישן פֿון שנייִקן העק און בלינד געזוכט זייער פֿאַרונג: פֿון ערגעץ האָט זיך דורכגעריסן אַ ווײַבעריש כיכיקען, נישט זעלטן אַ תּאווהדיקער קוויטש וואָס איז גיך איבערגעגאַנגען אין אַ וויספּערנדיקן, אָנאָטעמדיקן גערייד:

— דאָראָגאָי, טײַערער, ס'גוט בײַ דאַריאַן? איאָ? ווויל, דאַריאַ דיך שוין אָפּזוכן; ווילסט?

— ליובליו, קרעפּקאָ ליובליו. איך דיך ליב — —

— ברענגסט טשערוואָנצעס? גיין, כ'וויל נישט קישמיש. אַ זייגערל איז גוט. וועסט ברענגען?

— און אַ פּײַנעם שאַל דיר אין מײַן סונדוק. אַלץ, אַלץ ברענגען דיר, מאַרפּאַ.

— גוט, גוט, וועל קומען, מוכטאַר. זאָלסט וואַרטן. קומען, קומען. טשטשקאַאַ, ליב מוכטאַרן!

*

צו מאָרגנס האָט מען אָנגעהויבן פּאַרטיעסווײַז טרײַבן די סאָלדאַטן אין באָד אַרײַן. דער באַטאַליאָן 1091 האָט זיך דערוואַרט. איבער פעלד, איבער שניי־ווײַטקייט זיי געפירט אין אַן אַלטער פּאַרלאָזענער באָד אַרײַן.

— ריינקייט מוז אָפּגעהיט ווערן אין די באַראַקן, —האָט אין אַ פּרי־קאַז באַפוילן דער קאָמבאַט.— יעדער בריגאַדיר האָט אים פאַרגעלייענט און דער דניעוואַלני האָט עס באַדאַרפט פאַרגעדענקען און מאָנען. אַלע מאָל האָט דער דניעוואַלני זיך אויפגעהויבן פון זײַן נאַרע, געפּאַכעט מיט אַ בע־זעם, אַרומגערוחט אין די ווינקלען, אומגעריכט געקראָכן אויף די פּריטשעס אַרויף, געטריבן דעם המון אָפּצוטרייסלען די קרישקעס פון עסן — באָ־דאַי אויף פרעמדע געלעגערס אַרויף, וואַרפן דעם קויט. אין די שפּעטע אָוונטלעכע שעהען אַרײַן האָט מען אין די זעמליאַנקעס זיך געגרייט צום גיין אין באָד אַרײַן. אָבער ווער 'עט גיין?

— פּריקאַז, זאָגסטו, דניעוואַלני? וועלן אויך מיר אַוועק אין שטאָט,

— האָט עס אַרויסגעזונגען פון די וואָס האָבן נאָך געמוזט וואַרטן ביז מע וועט זיי פירן...

— אין באָד אַרײַן, אין באָד מירן גיין, —האָט אין איטלעכן זיך צע־בליט אַן אומעטיקלעכע האָפענונג.— אַז אין באָד אַרײַן, וועט מען אפשר קענען זיך אַרײַנכאַפּן אויך אין אַ קלייט, קריגן אַ ביסן, אַ זשלאָק, — האָט ווער זיך צעחלומט.

## 6

דער פראָסט האָט געברענט און די בויט האָט אָנגעדראָלן די פרעמדע, די וואָס זענען נאָך נישט צוגעוווינט צו סיביר. דערווײַל זענען שווער גע־

וואָרן זייערע פּיס, גלײַך זיי וואָלטן געבראָדזשעט אין וואַסער, פאַרבעלמעט געווען זייער בליק.

אין דעם לאַנגן שאַרפן ווינטער האָט מעשה־קללה זיך אויסגעצויגן די טעריטאָריע פונעם באַטאַליאָן, כאָטש די טעג זענען באַשײַמפּערלעך אײַנגעשרומפּן געוואָרן און די סטראָיקעס האָבן געגליוועט. אין די סאַמע קרירות האָט מען אויף דער אומגעהייערער פלאַך פונעם שטח געהאַט אָנגעפּלאַנצט נאָך אַ סך סקעלעטן פון געבײַדעס, אָבער דאָס איז אַלץ נישט געווען גענוג. מ׳האָט אָן אויפהער אַרויסגעטריבן די בריגאַדעס אין דער קעלט אַרײַן ווײַטער צו גראָבן פונדאַמענטן פאַר נײַע בוי־אָנהייבן; דער האָ־ריזאָנט האָט זיך מער צעעפנט, געלאָקערט מיט שניי־געווירבל און וועלפישן געוואָי. די כמו־סאָלדאַטן מיט די לאָפּעטעס, מיט די גראָבאײַזנס און די וואָס האָבן פאַרמישט ליים, קאַלך, געטראָגן ציגל זענען דורכגענומען גע־וואָרן פון פײַפנדיקן ווינט, דורכגעשמיסן ביזן ביין. אַ סך האָבן געהוסט ווי פון הוילע פעסער אַרויס, אין מיטן דער אַרבעט זיך אָוועקגעשטעלט דרייען מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן און געקאָפּטשעט, געוואַרעמט זיך אין רויכיקן קלעמ־בעקל. אַנדערע זענען אומגעריכט געבליבן פאַרגולמט און אַנידערגע־בענצט אויף דער ערד: או־או־ווו, דערפרוירן געוואָרן כאַסיך! — ווער ס׳האָט אַ טרייסל געטאָן דעם אָ שויבער פון געפריר וואָס האָט אויגנבליקלעך אַרויסגעשטאַרצט פונעם אַראָפּגעזונקענעם אין שניי; דאָ און דאָרט איז פון עמעצנס האַנט אַרויסגעפאַלן אַ מכשיר און דאָס פאַלן צו דער ערד האָט זיך אָפּגערופן שטייניק, אָפּגעקלונגען טעמפּ. פיס האָבן גענומען אײַליק טראַ־טעווען. דערנאָך האָט ווער אַרײַנגעשריגן אין דעם אַנידערגעזונקענעם ווי אין אַ מגושמדיקן זאַק וואָס דאַרף קלאָמפּערשט הערן: כאַסיך, עי, כאַסיך, גיב אַ קוק! או־אוווו! פּחד האָט אַ שפּאַן געטאָן אין דער מחנה און זי האָט שטיל, פאַרביסן געזרעוועט אַז דער „באַלעבאָס" זאָל נישט הערן, דער ברי־גאַדיר זאָל נישט זידלען, דער קאָמבאַט זאָל זיך נישט בייזערן.

פאַרצווייפלונג האָט צעטראָטן די מענטשן.

דאָס געקוועל צווישן די האָרעפּאַשניקעס אויף די סטראָיקעס האָט אַרויסבאַוויזן אַלע זײַנע נעגל: ווער עס האָט זיך שוין אויף אַ קול צעוויינט אַז ר׳איז הונגעריק, ר׳איז להוט אַ שטיקל געזאַלצן דאַרפלייש און וועמען מ׳האָט אין מיטן נאַכט אין באַראַק געכאַפּט באַגנבענען אַ באַיעץ. עמעץ האָט אַפילו זיך אײַנגעשטעלט, איבערגעלאָזן די אַרבעט און משוגענער־ווײַז, ווי אַ געיאָגטער, געלאָפן אין דער ווײַטלעכער שטאָט אַרײַן זוכן וואָד־

קאַ. „דאָס האַרץ צעגיסט זיך פון לעכצעניש״, האָט דער קאַזאַך שווערצונ־
גיק זיך פאַרענטפערט, „און די פיס פרירן, די הענט קענען ניט אויפהייבן די
קירקע. וואָדקאַ אַ רפואה, דער פעלדשער נישט פאַרשרייבט״. און אסור
עס האָט שוין געשראָקן ווען מ׳האָט אים אונטער אַ קאָנוואָי אַוועקגעפירט
אין דער שטאָטישער תפיסה אַרײַן. די צוקוקערס האָבן געשוויגן מיט
כמורן גלײַכגילט, רק זיך צוגעהאָרכט צום גרימעניש פון די אייגענע גע־
דערעם, אָן חשק זיך באַוועגט אויף די רושטאָוואַניעס. אויך די עלטער האָט
זיך אָפּגערופן בײַ די סאָלדאַטן אין די פויערישע קורטקעס, אויסגעריבענע
שובעס און צעפּאָרענע שטיוול: ווי בײַ עמעצן סע איז געווען פאַרהוילן אַ
מיחוש, ווער ס׳האָט געהאַט אַ פאַרוועבטע ווונד, האָט עס זיך אַצינד אַנט־
פּלעקט, געבלוטיקט, געאייטערט. בײַ אַן אַנדערן האָט זיך אָפּגערופן אַן
אײַנגעבאַקענער קדחת און בײַ וועמען עס האָט זיך אויפגעוועקט אַ פאַר־
שלעפּערטער לונגען־פעלער. אין די גרויסע קרירות האָט עס די הונגער־
זעלנער געטרייסלט פון אינעווייניקדיקער היץ. די קאַליקעוואַטע אַרמיי
האָט עס געוואָרפן פון די פיס. און וויפל מ׳האָט געגאָסן אײַזן־בעטאָנענע
פונדאַמענטן, וואָס מער מ׳האָט אויפגעהויבן ווענט, אויסגעשפּרייט דעכער אי־
בער פאַרטיקע קאָרפּוסן, אַלץ מער האָט זיך מיט מענטשן צעהילכט די פעל־
דישע וויסטקייט. אײַזערנע קלינעס האָבן אָן אויפהער זיך געבאָרעט מיט דער
שטאָל־פאַרהאַרטעוועטער ערד, זעגן זיך צעזונגען, העק — געקלונגען און
קולות האָבן געפלאַמט, זיך צעריטן און עלנט איז אין יאוש אויסגעגאַנגען
אין מיטן דער שטאַרעניש פון אָנגעשנייטן מרחק. די בוי־פּלאַנירונג האָט
זשעדנע געפאָדערט נאָך, נאָך. טימאָפּיי אַלעקסאַנדראָוויטש יונג אין דער
צעפּלאָשעטער ווײַסער שובע, אין ווייכע פּלאַקסהעלע רײַכע וואַלענקעס
האָט הויך און דײַטלעך דעקלאַמירט דערוועגן אויף אַ גרויסער פאַרזאַמ־
לונג אין דער עסהאַלע פון דער באַטאַליאָנער גאָרקיך און ער׳ט געדאַנקט
פאַרן אָפּגעטוענעם. אָבער עס איז ווינציק, חברים, האָט מיט אַ זיס־שטרענ־
גן שמייכל אויפן שיינעם מענערשן פּנים אויסגערופן דער נאַטשאַלניק פון
דער בויונג — מער אחריות דערוואַרט פון אײַך די פּאַרטיי און די רעגי־
רונג. עפּטערס האָט זיך געוויזן אויף די סטראָיקעס דער הויפּט־אינזשיניער
קוליגין. אומגעריכט איז ער צוגעפאָרן אין אַ גיך שליטעלע, זיך אָפּגעשאָ־
קלט פונעם טרוקן־שנייִקן ווינט וואָס איז געלעגן אַרום זײַן גרויסן קאָזשוך
און ר׳האָט מילד זיך באַגריסט: „זדראָוואָ, איר אַרבעט, קינדערלעך? פײַן!״
זײַן פול רויט פּנים האָט געליבט די פּלייסיקע און געמוטיקט די אָפּגעשטאַ־

בענע. דעם שווערן ערגסט, וואָס געלאָזן, האָט שוין אונטערגעהאַלטן דער בריגאַדיר, דער פּאָליטרוק: „ס׳שוואַך אײַער אַרבעט. איר מיינט — ער׳ט נישט געזען? ער זעט און ר׳געדענקט אַלץ, אַלץ, דזשאָלדאַסן, האָ, האָ!״

אַוועק די וואַזשנע, האָבן די ערדגרעבערס, די טעסלערעס און מויע־רערס כמורנע געשוויגן און זיך מכין־געווען אויסצוגלײַכן די רוקנס, זוכן אַ שניצל גאַזעטנע פּאַפּיר אויף צו פאַרדרייען אַ פּלאָקן מאַכאָרקע.

אַ בייז באַשריגעניש דאָס שטיק לאַנד וואָס דערפון האָט מע נישט געקענט אויסקאָרענייען דעם פײַפנדיקן דלות, וועלכער האָט אויף אַלע אייביקייטן דאָ באַלאָדן אַפילו די לופט, דעם הימל. לעסטיק בליקט דאָס די לײַט אין די אויגן אַרײַן און זיי באַוועגן זיך שווער, ווי איבעריקע. אַלט איז דער קאָליר פון זייערע טעג און מיט אײַזן אָנגעגאָסן דאָס געמיט. נישט קיין וווּנדער, וואָס די טרויעריקע געפרוווּטקייט האָט מיט מעלאַנכאָליע זיך אָנגעגנייגט צו די פרעמדע.

*

נישט געווען דער טאָג אַז די בריגאַדירן זאָלן נישט מעלדן אין טונקל־געשאַלעוועטן באַראַק פון דער שטאַבנער שרײַבשטוב אַז באַיצעס זענען אַוועקגעפאַלן און גייען נישט אַרויס צו די סטראָיקעס: ווען עס איז אָפּ־געפרוירן אַ האַנט, ווען ס׳האָט זיך צעקרישלט אַן אויער־מושלע און די ווונד ווייטיקט שוין סכנות; אַן אַנדערן האָט אַנידערגעוואָרפן אַ שטאַרקער פיבער און ווער עס הוסט טרוקן, גלײַך דונערס וואָלטן זיך געריסן איבער אַלעמענס קעפּ. ר׳פאַרקייכט זיך און די הענט פאַלן אים אַוועק פון דער אַר־בעט. „פאַרשלאַפט געוואָרן און ס׳נישט שײַך צו געבן באַפעלן״, — האָבן הכנעהדיק געסקאָמליעט די בריגאַדירן וואָס אַליין ווייסן זיי נישט צו טאָן אַן אַרבעט, נײַערט זיי היטן אַנדערע זאָלן זיך אײַלן, שוויצן, סאָפּען. עמעצן האָט נאָך אָפּגעגליקט אַז בײַ אים זאָל פון האַלדז אַ כליאַפּ טאָן אַ שטראָם שוואַרצלעך בלוט. אַזעלכער איז שוין פאַר אַ לענגערער צײַט באַשירעמט פון אַרויסגיין אין זינגעוודיקן פראָסט אַרײַן, אין צעהוליעטן שניי־שטורעם. אַזעלכן האָבן לײַט מקנא געווען: מ׳האָט אים געלייגט אויף אַ בינט שטרוי וואָס איבערגעדעקט מיט אַ גראָב־געוועבטער פלאַכטע און ר׳ווערט געקאָר־מעט מיט ווייצענער בולקע, מיט וואַרעמער מילך. דער פעלדשער מיט דער הויכער באַראַשקענער פּאַפּאַכע גייט צו צו אים יעדן טאָג; פון שטאַב ווערט פאַרן שלאָפן אויסגעשריבן אַ פּיצינק טאָרבעלע צוקער. אַ באַזונדערע הײַזקע פאַראַן פאַר אַזעלכע „יחסנים״; אין דער כאַטע קנאַקט אַ האָפערדיק פײַער

און אַ יונגע סיביריאַטשקע קאָכט פּאַר זיי טעפּלעך געשמאַלצן געקעכטס.
סתּם אַ מאַלאַריע־קראַנקער איז געבליבן ליגן אין באַראַק־קאַזאַרמע אויף
דער אַלטער פּאַרקראָכענער נאַרע. ער האָט געהאַט אַ סך צײַט זיך צו קראַצן
און דער דניעוואַלני האָט מחמת אייגענעם לאַנגווײַל אַלע מאָל זיך אַרויפּ־
געדראַפּעט צום חולהוואַטן:

— ע, דו לעבסט? אָבער יענער גליט, ס׳געהער איז אים ערגעצווו.

— מאַהאָמעד, —איז דער שוין געוואָרן אומרויִק— דו ווילסט נישט
צום טעפּל? אַ־אַאַאַ! אַזעלכער ווי דו באַדאַרף טרינקען אַ סך טשײַ און מער
אָפּגיסן. יאָ, יאָ, טשײַ טרײַבט אָפּ די מאַלאַריע, —האָט ער שוין גערעדט
צום אייגענעם געדאַנק.— האָסט ערגעץ סאַכאַר,* מאַהאָמעד?

אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער איז געקומען אַן אָנוואָרטיקער קרעכץ פון
אַן אויסגערונען געל פּרצוף.

— דו, געבן דיר הייס׳ אין מויל אַרײַן? זײַ נישט קיין נאַר און טרינק,
וועסטו געזונט ווערן!

אין די לאַנגע קעלערדיקע טעג איז דעם דניעוואַלני געווען מוראדיק
אומהיימלעך מיט די שלאָפּע. דער דניעוואַלני האָט שוין עפּעס מורא גע־
קראָגן און געפּרוווט מיט זײַנע אייגענע רייד איבערשרײַען די שרעק וואָס
האָט אַרויסגעקוקט פון דעם קראַנקנס דערצונדענע אויגן. לסוף האָט ער
נאָר טרויעריק אָפּגעזיפצט.

---

* צוקער.

# 10

## פ ו י ל ע כ ץ

1

דער סאָלדאַט באַמוועדק איז אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין פֿאַרצווייפֿל:

ווי אַ טראַנטע האָט מען אים דאָ אָפּגעשטויסן אָן אַ זײַט. ער׳ט נישט די זכיה אַרײַנגענומען צו ווערן ערגעץ צו פֿאַרדינען זיך דאָס נעבעכדיקע ברויט וואָס ער עסט. אַ בּעטלער איז ער געוואָרן צווישן די־אָ, וואָס זענען משונה אין זייער פּירזונג, אָבער ער איז פֿאַרלײַזיקט פּונקט ווי זיי, מער ווי זיי. זײַן שפּלות שלאָגט אים נאָך מיט שעמעוודיקייט, כאָטש ער באַנעמט אַז ר׳האָט זיך נישט פֿאַר ווּעמען צו שעמען. דאָך גייט אים נישט איבערן לבֿ אַז ער זאָל פּונקט ווי זיי מיט די זוכנדיקע פֿינגער רייניקן די שמאַטע פֿון זײַן לײַב. אַצינד איז ער נאָך געשמיסן פֿון באַוווסטזײַן אַז עס איז פֿון דעסטוועגן פֿאַראַן אַ באָד אַפֿילו פֿאַר אַזעלכענע, נאָר אים לאָזט מען זיך ווײַקן אין קויט, פֿוילן אין אומריינקייט. שוין עטלעכע פֿאַרטיעס באַיצעס האָט מען אַוועקגעפֿירט זיך אויסבאָדן, און אים פֿאַרגעסט מען. באַמוועדקן פֿאַרגעסט מען בכיוון. ניילעך האָט ער געביטערט און מאַוימדיקער ווי ביז איצט געשפּירט די פֿאַרקראָכנקייט פֿון די ווערעם. עס האָט אים געסוועגדזשעט דאָס לײַב, ר׳האָט געקראַצט, געשעמט זיך צו קראַצן און נישט ווילנדיק זיך אַראָפּגעלאָזן מיט אַ האַנט צו די שענקלען, צו די פֿיס, פֿאַרגעסן זיך אינעם קראַצן. מ׳זעט זײַן חרפּה, מ׳לאַכט פֿון אים, — כאַפּט ער זיך. אַפֿילו דער קאַליקע איזשין חוזקט. די מידבּרניקעס האָבן אים גובר געווען, אַרײַנגענומען אין דער קאָמפּאַניע פֿון די וואָס זענען גדלותדיק מיט די לײַז: וואָס מער לײַז, אַלץ וואָגיקער דער צייכן פֿון אייגנקייט צווישן זיי. אָבער ניין, זיי ווילן אַפֿילו נישט וויסן פֿון אים. די דאָזיקע ווייכן פֿון אַזוינעם. דאָך אַ פֿרעמדע ברואה מיט אַ לשון וואָס קלינגט אויסטערליש, זײַנע אויגן שנײַדן זיך אַרויס פֿונעם שטערן גלײַך, קײַלעכדיק. ר׳וועט זיך שוין היטן נישט צו קראַצן. זאָלן די כנים אים אויפֿפֿרעסן. גלײַכער צו פֿאַרבײַסן די

ליפּן, ביז בלוט דורכצובײַסן די אייגענע שפּירעוודיקייט, און אַ סוף, אַן עק!
דער יאוש האָט אין אים זיך אַרײַנגעגעסן מיט צעשטשערבעטע ציין:

— דאָ איז שוין מײַן גרוב. ווי אַ שויפל מיסט וועט מע מיך אַרויס־וואַרפן אין דעם נמאסן דרויסן. דבורהקע וועט צו מאָל נישט וויסן דעם סוף פון איר מאַן. וויי, וויי, גלײַכער זי זאָל נישט וויסן. ס'איז אַ בזיון אַפילו פאַר אַ הונט אַוועקצופּגרן אַזוי־אַ. ס'אַזאַ מענטשן־פּוילעכץ. ר'וועט פאַלן און צו אים וועט אַפילו נישט צוגיין דער טאַטער יערשאַוו, דער פעלדשער וואָס פאַר אַלע חולאתן האָט ער דאָס זעלביקע שמירעכץ און די אייגענע אָנזאָגן: פעסט אויסשמירן, הערסט, דניעוואַלני! די פּיל אַראָפּשלינגען דרײַ מאָל אין טאָג. אומבאַדינגט ליגן און עסן אַ צווייִקע זופּ. איכ'ל אָנווײַזן אין קיך. מ'עט געבן, בראַטאַק.

סוף כל סוף איז דער הימל נישט געפאַלן צו דר'ערד, ווי שמואלעק האָט עס פאַרויסגעפּילט אין זײַן פאַרצאַגטקייט: אין אַן אין דער פרי האָט אין דער פאַרשפינטער שטילקייט פון דער קאַזאַרמישער הייל נומער זיבן זיך אַרײַנגעבראָכן אַ פאַרחוצפּהטער ליאַרעם:

— אַ, דניעוואַלני! ווו איז דער דניעוואַלני? —אַזוי האָט זיך צעטומלט אַ שטאַבנער מענטש אין אַ לאַנגער קורטקע און הויכע שטיוול.— דערלאַנג מיר דעם באַיעץ באַמווערק —האָט ער געשריגן.— נישט געהע־עעערט? באַם־אַאַאַם־וווווערק, סאַמואיל, — און זיך צעגוידערט אין דער זעמליאַנ־קע ווו דער טאָג האָט קיין מאָל נישט באַוויזן אַרײַנצוקוקן. לפי דעם איי־לעוודיקן שטאַבניק האָט דער קעלער־היטער צו לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך. ענדלעך האָט דער נעמלעכער זיך אַרויסגערוקט פון ערגעץ־ווו מיט אַ הינקענדיק גענגל.

— דו ביסט עס, העלד מײַנער? שיין, גאָר שיין פון דײַן זײַט. ווע'סט עס שרײַבן דײַן ווײַב, ברודערקע. ער איז אַ כוואַט, איר אַלטער. גאָר אַ פּלייסיקער געוואָרן בײַ אונדז. הו־הו־ווו, ווי אַ טשערעפּאַכע רירט זיך דאָס! אַגו, גערויִ,* דערלאַנג אַהער דעם באַיעץ באַמווערק. איך באַדאַרף אים אָקערשט האָבן. ראַז־דוואַ!

— באַמווערק? — איז געוואָרן צעחושט דער קעלער־היטער. ווען מיינט דער דאָזיקער — האָט ער זיך געגריבלט אין זײַן פאַרווישטן זכרון. שווער פאַרלייגט אים ס'געהירן. נעמען וואָס אומבאַוווסט, זענען אים קיין

* אַ העלד.

מאָל נישט קלאָר. אדרבא, זיי צעטומלען אים. אָ, ס׳דער וואָס שלאָפט שוין וואָכענעם אויף דער נאַרע.. — ע־עע, פאַרשלאָפענער! —נעמט ער ראַפּטעם רופן אין צעשראָקענעם חלל אַרײַן:— ווו האָסטו זיך אַהינגעטאָן? דו, קע־סעלע־פּיקער, ווײַז זיך אַהער, גי־ייכער! און האָט זיך אין דער טונקעלער וועלבונג צווישן די פּריטשעס נישט באַלד באַוויזן דער קאָפּ פון דעם גע־זוכטן, האָט דער דניעוואַלני —האַלטנדיק זיך אויף איין פוס— זיך צע־שריגן אויפן גאַנצן גאַרגל: — באַאַאַמ־וווועעערק! באַאַאַמ, אָט וואַרף איך דיר אַ שטיוול. דער שטאָב רופט, דער שטאַאַאַב, האָאָאָאַררררכסט? — און ערגעץ אַרויף, צו אַן אייבערשטער פּריטשע, אויסגעצויגן דעם האַלדז, גע־שפּיזט מיט די קרומע אויגן.

שמואלעק האָט זיך אויפגעכאַפּט, ענדלעך דערהערט און אַרויסגע־בויגן זיך פון דער אייבערשטער פּריטשע. פאַרשטאַנען אַז ס׳געשריי מיינט אים, — די בריגאַדעס זענען דאָך אויף די סטראַיקעס — האָט ער גענו־מען זיך אַראָפּלאָזן, אומצוטרויליך זיך דערנענטערט צום מענטש וואָס האָט זיך נישט אָוועקגערירט פון דער טיר־שוועל, דערזען דעם געזוכטן האָט דער שטאַבמענטש מיט געמאַכטער צערטלעכער צעצויגנקייט אים מקבל־פּנים געווען:

— דיך מיינט מען עס, געראַי? רעכט וואָס איך האָב זיך צו דיר מטריח געווען, טאָוואַרישטש באַמווערק. ס׳איז גרויס די בענקשאַפט צו דיר פונעם שטאַב און פונעם באַטאַליאָן דעם גאַנצעטשקן. נו, האָסט גאָר נישט צו זאָגן? —האָט ער איינדרינגלעך אים שוין אָנגעמאָסטן מיטן בליק.— ניין, זאָגסט גאָר נישט! וועסטו אַזוי גוט זײַן זיך פאַרנעמען מיט מיר. ביסט גרייט, אָדער איך וואָלט באַדאַרפט אונטערוואַרטן אויף דײַן ווילגעבוירן? — דער חוזק האָט געפּליאַסקעט דעם סאָלדאַט מיט בריזגעס קעלט, אָבער שמואל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זאָל ער וואַרטן אַ ביסל, — האָט ער זיך מיישב געווען אין דערוועקטן להכעיס און געלאָזן שטיין זײַן כבוד, דעם שטאַבשרײַבער ביז ער וועט אַרויפנעמען אויף זיך דעם שטאָטישן פּאַלטן וואָס באַגלייט אים פון דער פאַרשפּילטער היים אין פּוילן ביז די באַטאַליאָנע גליקן פון סיביר. וואָס אַן אמת איז דער שטאַבשנײַדער גאָוואַראָוו היפּש צעטומלט געוואָרן פון דעם סאָלדאַטס אומגעאיילטקייט. שמואלעק איז צוריק אַרויפגעקראָכן אויף דער נאַרע, היפּש לאַנג געפּאָרעט זיך צווישן זײַנע זאַכענישן, דערנאָך אָנגעטאָן דאָס שוין צעריבענע בגד און מיט ישוב־הדעת זיך געשטעלט אין גרייטקייט צו גיין: „וואָס ׳עט ערשט טאָן

מיט אים זײַן כבוד, דער שטאַבניק?" — האָט ער אַ טראַכט געגעבן, געזוכט צו געפינען אַן ענטפער אין דער שטאַרער מינע פונעם שליח. נאָך אַ מאָל זיך גלײַכגעשטעלט, האָט שמואלעק געזאָגט:

— איך בין מיט אַלץ פּאַרטיק, חבר פון שטאַב, — און ס'האָט זיך גע־הערט פון אים די גאָרע שיפלות.

— פּײַן פון דײַן זײַט, פּײַן, — איז גאָוואָראָוו נישט געווען פויל אויפן וואָרט און מיט די אויגן רעכט אַרומגעטאַפּט דעם וואַרטנדיקן. לענגער געקוקט און לסוף געלאָזט זיך הערן מיט זײַן וויכטיקייט: — אָ, ביסט דאָך, זע איך, אַ גרויסער לײַט. נו־קאַ, גיב זיך אויף טשיקאַוועס אַ דריי אויס. האָ, האָ־האָ־אָאָאָ, גאָר וויכטיק זיך אויסגעסטאַרעט! — און שוין געוואָרפן מיטן לעקער. — רוק זיך אָפּ, פּאָזשאַלויסטאַ, אָבער מיך נעמט שוין די פּגירה פאַר דער גרויסער שיינקייט וואָס בליט אויף דיר! אָך, אָך, מיט אַזוינעם בין איך גאָר נישט ראוי צו שטיין נאָענט. אָך, אָך, וואָס איך זע! — האָט דער שטאַבניק נישט אויפגעהערט צו קנאַקן מיט דער צונג און געוווּנקען צום לאָמען דניעוואַלני. — נעם דיר אים, חבר. באַהאַלט אים גוט. ווי מיינסטו, בייזערט ער זיך כמעט, אַזוינעם וועל איך פירן צו אַ מענטש אַן אָרנטלעכן און אַ ריינעם, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָוועטסקן נאַטשאַלניק. גיעט, גיעט, ברודערקע! מיט מיר וועסטו נישט גיין. ביסט דאָך ריכטיק באַקליידט, זע איך — האָט גאָוואָראָוו שוין גערעדט צום סאָלדאַט באַמ־ווערק. — אַ נו, גיב אַליין אַ קוק אויף זיך, באַיעץ. די „לײַט" קריכן דאָך דיר אין די שיינע שוואַרצאַפּלען אַרײַן. יעי באָגו, איך ווער סכנותדיק גליקלעך צו שטיין נעבן דיר! דאָ סווידאַניאַ, גאָלובטשיק. וועסט נאָר אַ ביסעלע וואַרטן. אַן אַנדערער וועט זיך פאַרנעמען מיט דײַן הויכקייט. האָב נישט קיין פּאַראיבל, דניעוואַלני, —האָט ער צוגעוואָרפן אַ גיכן בליק דעם הינקעדיקן שמש פון הייל.— איך קען נישט, פאַרשטייסט? האָ, האָ, קינדערלעך, לאָמיך לויפן, וואָס גיכער אַוועק פון דעם תענוג!

נישט קלאָר: אי גיך, אי געלאַסן, משונה דערשטוינט האָט אין זעל־נערישן קעלער זיך געווינטלט —עפּעס פּאַיאַציש— דעם שטאַבניקס גע־רייד; ס'האָט זיך געטוקט ווי אַ פלעמל אַנטקעגן אַן אָפענער טיר. אָפּגערעדט בײַ דער שוועל און איז פלינק נעלם געוואָרן מיט שטיוולדיקן געטופּ, דער שליח פון שטאַב.

אַוודאי איז שמואלעק מער נישט געווען קיין מבין אויף זיך. זײַנע

אויגן האָבן זיך געבלענדט פון דער טונקלקייט, וואָס האָט במשך לאַנגע מעת־לעתן אים פאַרשטאָכן די ראיה. ער׳ט שוין נישט געוווסט מער ווי אָנ־צוגיסן זיך דעם קאַלבן מיט דער וואַסערדיקער קרויטזופּ, צו פאַרשטאָפּן זיך דעם מאָגן מיטן ליימיקן שוואַרצברויט און אָפּצוגעבן זיך נאָר דער נעדייזנע פון זײַן גוף, וואָס האָט אינסטינקטיוו זיך געצויגן צו די נעגל פון די שלעפּעריקע פינגער. ער האָט אָפּט געשאָבן זיך די הויט, זי צעקרעלט, פאַרווונדיקט. ווײַטער איז אַלץ געשוווּמען איבער דער פונאַנדערגעגאָסענער מוטנעקייט; ער איז געהאָנגען אויף דעם שלאַבעריקן ווילן גאָר נישט צו באַגערן, גאָר נישט צו געדענקען. און האָט געגעענט די קרענקלעכע בענק־שאַפט צום ווײַב וואָס איז אַרויס צו אים פון די ערגעצדיקע פּ׳אַנטערנישן פון געדעכעניש, האָבן זיך פון שמואלן געגומען גיסן טרערן, טרערן פון שוואַכקייט. קלאָר, קיינעם זענען נישט אָנגעגאַנגען די שטילע ענויִים פון אַ טראַנטיקן מענטש. מאלע אַז אַזאַ איינער צאַנקט. ווער ווייסט אים, דעם פרעמדן! און איז גאָוואַראָוו אַוועק פון באַראַק זיבן, איז דער באַמווערק אַרויף אויף די ליפּן פון אַלע שטאַבמענטשן, פון די בריגאַדירן. איינער אַזאַ און ער ווערט אַ דורכפאַל פאַר אַלעמען, — האָט עס פאַרטײַטשט דער פּאַליטרוק גריגאָריענקאָ. אַזאַ אומפאַרויסגעזעענקייט האָט זיך קיינעם נישט געחלומט. נישטאָ ווו אַהינצוטאָן אַזעלכן. קיינער וועט אים נישט צעקײַען און דאָ דערוועגט מע זיך נישט אים צו מאָל אויסצושפּײַען. אייגנטלעך, צו וואָס זיך שפּילן מיט אַזוינעם! — האָט ער אַ רגע אויפגעצוקט מיט סאָל־דאַטישן טומל, כאָטש דערלאַנג אים דעם קרבן, ער וועט שיסן. „ס׳איז מלחמה, צי אויף גוליאַניע* זענען מיר באַשטימט געוואָרן אַהערצו? —האָט ער זיך געשוימט— טוט מען ווי בעת מלחמה, ציק־ציקקק און״... אָבער אַז ער׳ט נישט געזען קיין התפּעלות בײַ די וואָס האָבן אים געהערט, איז ער אומעטיק אַנטשוויגן געוואָרן. שלעכט, —האָט ער זיך שוין געכעסט אויף די שטאַבנע פּירונגען— וואָס באַלד נישט דערפירט צו אַ טאָלק מיט דעם: אין גאַנצן איזאָלירן, כ׳ווייס וואָס? אפשר אָפּשיקן צוריק, נאָר ניט צאַצקען זיך. אַצינד איז דערפון די לערנונג אַ געפערלעכע — ער ברענגט אַן עפּידעמיע אויף דער גאַנצער פאָרמאַציע. און מ׳קאָרמעט אומזיסט. מ׳באַדאַרף זײַן שטרענג מיט פײַער! —האָט ער שפּעטער אַרײַנגערעדט אין דעם וואָיענ־

---

* אויף שפּאַציר.

קאָם— אַזוי האָב איך געלערנט, חבר טאָפּאָליעוו. און פאַר אײַך, גלייב איך, האָט מען אויך נישט צוגעגרייט קיין אַנדערע טעקסטן. ערשט האָט מען אַ מיאוס געזינגעכץ פאַר דעם אָפּווייך.

אַזוי איז גערעדט געוואָרן צווישן די ווענט פון באַטאַליאָנעם שטאַב. אין באַראַק זיבן, דעם וווינאָרט פון סאָלדאַט באַמוערק, האָט דעם נעמלעכן אויפדערנאַכט זיך אויפגעהויבן אַ רעש ווי אַ סיבירער וויוגע:

— אַן עפּידעמיע־פּלאַקער צינדט אָן דער באַיעך! — האָט מיט אומ־געריכטקייט אויפגעשריגן איינער פון די געלהויטיקע שמאַטע־סאָלדאַטן און אַלע, כמעט אַלע, האָבן ווי אַנגעצונדענע שוועבעלעך זיך צעפּלעמלט אויף דעם סטויג שרעק, וואָס עס האָט אויפגעבערענגט דאָס געשריי פון אָפּ־געבריטע.

— אַלץ קומט פון דעם, — האָט עס געשפּריצט אויך אין פיבערדיקן געטראַכט פון אַנדערע.

דער געטומל האָט זיך געטשאַדעט אַ לאַנגן אויפדערנאַכט און דער באַמוערק האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין זיך, געשרומפּן ווי אונטער די שטויסן פון אַ געוויטער.

— דער „טיף“! לאָזט אים נישט צו צום קעסל קיפּיאַטאָק! רוק זיך אָפּ פון עם „טיף“! — ס'האָבן זיך געריסן דראָענדיקע, וואָרענענדיקע קולות.

— מירן אונטערצינדן דעם „טיף“, איידער ער פאַרברענט אונדז! — און ס'האָט נישט געפעלט ווער עס זאָל דעם געשריי צעקלינגען און צע־ברימען. אַנדערע האָבן געשפּיגן אין דער זײַט פון דעם וואָס האָט גורם געווען דעם פּחד פאַרן טיפוס וואָס גייט אָט־אָ אַרײַן מיט קלעפּיק פײַערדי־קע, טשעפּקע הענט און נעמט אַלעמען פאַרציקן אין קעלער, און מיט־שלעפּן צום פײַערבאַרג, וואָס צינדט זיך אָן אין די נעכט פון דער פאַר־שאָלטענער געצנדינסט. געוועזן אויך פאַזואָליעדיקע, אָבער פאַרביסענע וואָס האָבן זיך פון דער סאַמע נאָענט זײַנער געקרימט אויפן פאַרקראַכענעם: — ע, בעע! — די דאָזיקע האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע פײַכט בלאָע, שפּיציק־גראָבע לעקערס, פאַרוואָרפן די אויגן־ווײַסלעכער אַקעגן דעם פרעמדן און געהירזשעט: „עכע, עעעכעכעעע“, שמואלעק האָט זיך געשראָקן פאַר אַ רציחה און געשפּירט זיך אַזוי ווי ר'וואָלט געלעגן אַרויסגעשלײַדערט אין דרויסן, אונטערן געכליאַפּ פון די פרירנדיקע שטערן.

## 2

אַן אומרויִקע נאַכט האָט דעמאָלט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן סאָלדאַט באַמווערק. ער איז אַוועקגעפֿאַלן אין דערדריקטקייט און בשום אופֿן נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. אים האָט אימהדיק געשראָקן פֿאַר אַ גזלוואָיע פֿון די לײַט וואָס האָבן ווי אַנטדרימלטע חיות אַנידערגעפּלאַצט אויף די נאַרעס (דער בהלהדיקער געשנאָרך האָט ווי אַ שווערער שטויב זיך געהויבן איבער דער קוים־באַלויכטענער הייל): „ס׳איז אַ דערווײַליקער דער שלאָף פֿון דערווילדקייט, — האָט עס אים געצופּט. — אָט, אָט וועלן זיי זיך אויפֿכאַפּן!” און אים האָט אומגעשטילט זיך געקלאָרט דער באַוווסטזײַן, אַז ערשט ווערט געחתמעט זײַן זעלבערישער גורל: אַ קויל אין האַרץ אַרײַן גרייט זיך, און געענדיקט מיט שמואלן דעם קראָשניעוויצער וואָס געוואָרפֿן געוואָרן אַזש קיין סיביר. אוי, ר׳מוז זיך בייגן, בעטן רחמנות — דבורהקען צו ליב! מיט אַ מאָל דערשפּירט ער טרערן אויף זײַנע באַקן. באָלשעוויקישער געזעץ איז בלוטיק, אָן שײַן פֿון גנאָד. די דאָזיקע באַטאַליאָנען רופֿט מען בכוונה — אַרמיי־טיילן. אומיסטן, אויף אָנצולאָדן גרויסע פֿײַנען אויף די שוואַכע פּלייצעס פֿון די מאָביליזירטע. זײַן שאַרפֿע שפּירעוודיקייט האָט אים אַוועקגעפּטרט, — האָט ער אינדעם זיך אַליין באַשולדיקט. דו ביסט דען געוועזן קליין, שמואל, צו זען אַז אויך אין דער־אָ מיט דונער אָנגעלאָדענער שטילקייט לויערן סכנות? קלעשטשעס זענען עס די לאַפּעס פֿון די פֿאַרשיקטע אַהער; זיי זענען עס די באַלעבאַטים איבער די לעבנס וואָס וואַלגערן זיך דאָ. זיי זענען בלוט־פּרעסעריש. זיי פֿיבערן אין זשעדנער דערוואַרטונג אויף אַ קרבן. ער, אומגליקלעכער, איז פֿאַר די נישטיקסטע דער קרבן. אַציַנד איז ער קלאָמפּערשט דאָס פֿײַער וואָס באַדראָעט זיי. און בײַ אַזעלכע מיינט עס — לאָמיר גיין אַנטקעגן דער סכנה וואָס עס ברענגט דער פֿײַנד. שמואל בוימווערק דער ווײַסהויטיקער, די שטומע צונג, איז זייער פֿײַנד. ס׳איז נישט קיין אײַנרעדעניש אַז דער זאַמדיקער סטעפּ איז גליווערנדיקע סטיכיע וואָס וועקט זיך ווי די פֿלייש־גלוסטונג בײַ די רויב־חיות; זיי זענען צאָרנדיק אין אומגעלאָשענעם הונגער. פֿאַרציקעריש זענען די באַוווינערס פֿון טריבן מידבר אין דער נאַקעטער אַזיע. לאַווע פֿון פֿײַערשפּײַענדיקע בערג הויערט אין זייער מהות. מיט דער אומגעלומפּערטער פֿאַמעלעכדיקייט קענען זיי זיך בעריש דערטראַכטן צו דעם וואָס זיי ברימען אַרויס: זיי וועלן אים אונטערצינדן ווי מ׳צינדט אונטער דעם פֿײַנדס געצעלט. אין רע־פּוילן האָבן די פֿאַרדאָרבענע פּונקט אַזוי אונטערגעצונדן

דעם פֿײַנדס ברויטפעלד. דער מענטש האָט געציטערט אין אימה אַז אָט געגעענט זײַן סוף. ער באַדאַרף נאָר אַנטשלאָפֿן ווערן. שוין אין אָקערשטיקן דרימל טשאַטעווען די טײַערע שכנים מיט חיהשער פֿאַרבאַרגנקייט. אַפֿילו די אָנגעזשמורעטע נאַפּטלאָמפּ איז פֿאַררעטעריש. איבער דער הודזשנדי־קער לענג פֿון דער פּויזנדיקער נאַכט ווײַזט זי די כיטרע אַ וועג צום פֿאַר־ברעכן, די לאָמפּ! אָט גיט עמעץ זיך אַ הייב. אַוודאי, זי׳ט צוהעלפֿן אין דער מעשׂה־רע. ווי געפֿאַלן עס קען זײַן אַפֿילו אַ נאַפּטלאָמפּ! אַ, מ׳קוקט שוין אַהער — — דערנאָך זענען אויף שפּינפּיסלעך צו אים אַרויס פֿאַר־נאַכטיק אָנגעקליידטע רייד, קלעפּיקע, צויטלדיקע; קריפּל־זעוונגען האָבן זיך צוגערוקט מיט לײַדנשאַפֿט, געפֿלאַמט און געטונקלט. און דבורהקע איז אומגעריכט אַנטקעגן געקומען. „דו ביסט עס? אָ! ווי איך פֿריי זיך!״ — האָט זי לבנהק געבלייכט אין דער פֿינצטער, אָבער אים האָט שוין פֿאַר־פֿעלט אָטעם צו זאָגן אַזוי צו זאָגן: „דבורהקע, הער!״ דאָס וואָרט האָט אים געשטיקט. ווי פֿלעקן אויף אַ גייעדיקן, פֿאַרענדערלעכן הימל בײַטן זיך שטורמיש די כוואַליעס וואָס טראָגן די געוועלבן פֿון דער פֿליסטערנדיקער נאַכט און זי׳ט נישט אויפֿגעהערט ריזלען דאָ מיט היץ, דאָ מיט שנייִק־שפּי־ציקן ווינט פֿון ווײַטע, סודותדיקע האָריזאָנטן.

אַ ביטערע נאַכט געווען.

און באַגינען, די מגושמדיקע באַוועגלעכע סילועטן זענען שוין געווען פֿאַרשלונגען פֿון דער טעריטאָריע — פֿאַר אַ פּאָר שטילע טעג וואָס אָן וויוגע איז דער שניי אַלט געוואָרן פֿון אומעטשײַן — איז מע ווידער גע־קומען אין באַראַק נומער זיבן אַרויסנעמען דעם אויסטערלישן; ווען אים איז שוין אומגעגאַנגען אַ גערייד סײַ אין די קאַנצעליאַריעס פֿון דער בויונג, סײַ אין די באַזונדערע בריגאַדעס:

— אַ באַיעץ אַ מאַרקוראַנט זיך אַרײַנגענאַדיעט אַהער.

— אַ סאַבאָטאַזשניק פֿון די בעזשענצעס, אַ פֿאַרדעכטיקע צורה!

— אָ, אָ, אַן איינציקער פֿון טויזנטער, וואָס פּרעסט אומזיסט!

— געהערט? אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער באַי זיך אַהערגעיאָוועט פֿון יע־נער זײַט גרענעץ!

— מ׳וועט מישפּטן! געוויס, מ׳באַדאַרף שטעלן צום ווענטל!

— אַן עפּנטלעכער געריכט וועט זײַן. פֿון מאָסקווע וועלן אַראָפּקומען נאַטשאַלניקעס פֿון ענקאַוועדע.

געדיכט האָבן גערעדט באַטאַליאָנע סאָלדאַטן פֿון דעם, וואָס גייט נישט

אַרויס צו דער אַרבעט, ווייל נישט פּרירן, האָט אײַנרעדעניִשן טאַטשנאָ ווי אַ קאַפּיטאַליסט. באַזידלט אים אויף אַ קול, אָבער שטילערהייט האָט מען אים מקנא געווען: די ווויגע שמײַסט אים נישט אין פּנים אַרײַן און ער קריגט נאָך צו עסן. ר׳מוז האָבן אַ „בלאַט״ דער, — האָט עמעץ נאָך צוגעוואָרפן אַ פּונק פאַרן שטורעם וואָס רײַסט פון אַלעמען שטיקער. באַיצעס האָבן בחברותא זיך צערעדט וועגן דעם דאָזיקן. און מיט אַ מאָל האָבן מערערע אַפּילו געפּרוווט שטעלן זיך פאַרן קאָמבאַט באַקלאָגן אַז ס׳געשעט אומיושר אין באַטאַליאָן: בײַ זיי האָבן זיך דערוועקט אַלטע מכות, ס׳נאָיען ווייטיקן און דאָך מוזן זיי אַרויסגיין צו די סטראַיקעס. זיי מוזן, אָבער יענער, דער פּרעמדער?... נישט רעכט אַזוי, האָבן זיי געשטאַמלט הלמאי „דער״ איז אַ יחסן. אַלע מוזן אַרויסגיין פון דער זעמליאַנקע באַלד באַגינען, — האָבן טייל זיך שוין געכעסט. דער קאָמבאַט האָט אָבער פאַרלעגן געשוויגן און דערנאָך אויסגעשלייפט אַ שמייכל מיט אַ ווערטעלע:

— איטלעכער פאַרדינט זיך ס׳זײַניקע.

— מ׳וועט מישפּטן, דזשאַלדאַס? — זענען זיי געווען להוט אַ ספּעקטאַקל.

— פאַסמאַטרים. מירן זען, — האָט מאַיאָר יעמעליאַנאָוו געעפנט זײַנע פישעשע לעפצן. מיט אַ מאָל זיך דערזען אַרומגערינגלט פון אַ כאָפּטע אָנגעשמאַטיקטע פאַרשוינען מיט שמושענע קאַפּוזעס אויף די מאַנצבילשע קעפּ, מיט הילצערנע און בלעכערנע לעפל אין די הענט, ווײַל אָקערשט געהאָט אָפּגעגעסן די באַטאַליאָנע יושקע. ס׳האָט טוכלע געשמעקט פון דער אייביק זויערנדיקער שטשי וואָס ווייקט תמיד אין די משונה גרויסע קעסלען אויף דער צווייטער זײַט גאָרקיד־האַלע. — פאַסמאַטרים, האָט דער קאָמבאַט איבערגעחזרט און געזוכט זיך אַרויסצוקריגן פון דער אַרומרינגלונג. אַ בריגאַדיר וואָס איז אונטערגעקומען, האָט זיך אָפּגעבייזערט אויף די וואָס שטייען צו צום קאָמאַנדיר:

— אוכאָדי, טראָג זיך אָפּ! ער׳ט צעשפּרייט די הענט, אָפּגעשטויסן די חמוגישע כוואַליע וואָס׳ט געדריקט אויפן „באַלעבאָס״ און אַליין געוויזן אַז אויף ער גייט אַוועק. — מ׳באַדאַרף לאָזן צו רו דעם קאָמאַנדיר, — האָט ער אָנגעזאָגט די געפּלעפּטע.

— לאַדנאָ, — האָבן לײַט זיך געכמורעט און שווער זיך געריכט פון אָרט.

איז יענעם פרימאָרגן אין באַראַק זיבן געקומען איינער מיט אַ פּיסטויל וואָס איז אָנזעעווריק געהאָנגען אויף אים ווי אויף אַ שטיק וואַנט; זײַנע

הענט האָבן אומרויק איבערגעוואָרפן די איינפינגערדיקע גראָבע הענטש־קעס פון איין דלאָניע אין דער אַנדערער, די פיס האָבן נישט אײַנגערוט אויף אַן אָרט; אַ גיריקייט האָט אים געוויגט אויף זײַנע ביאָדרעס, אָבער ער איז געשטאַנען ווי זיך אַוועקגעשטעלט. ס'איז געווען אַן אַרמייִשער אין אַ פלאַשטש, אַ ברייט צעכוואַליעטער אויף דער מענלעכער ברוסט, אויף די פלייצעס, וואָס געוויינטלעך איז ער ניט געזיימט, דער פלאַשטש; דער שינעל און קורצע שטיוול האָבן עדות געזאָגט אַז זיי ווערן געטראָגן פון אַ קרעפטיקן פאַרשוין: ס'איז געווען דער פּאָליטרוק איוואַן איוואַנאָוויטש וואַסיליעוו, דער ממונה איבערן ספּעצאָפּטייל בײַם ביוראָ פון דער בויונג נול דרײַ און זעכציק — אַ מענטש אַ יונגער און געניטער.

אַרײַנגעקומען און גיריק געשמעקט דעם ריח פון קעלער־באַראַק: איז עס דאָ?

— האָ, דניעוואַלני, —האָט ער זיך אָפּגערופן נאָך זײַן האַסטיקן שווײַגן— וועסט מיר געבן באַמווערקן? און נישט באַלעמוטשען. וואָס, דו הערסט נישט וואָס מ'פאַרלאַנגט פון דיר?

אַרויסגעשטעלט אויפן באַראַק־היטער אַ פּאָר בלאָ־גרינלעכע אויגן ווי ווינטערשטערן און געוואַרט אַ כלומרשט געדולדיק וואַרטן. ווי תמיד האָט דער טאַדזשיק נישט באַלד באַנומען וואָס מ'וויל. געבן אים? וואָס האָט אַן אָרעמער דניעוואַלני? ווײַל גערעדט האָט ער געלאַסן, נישט געפלאַקערט ווי דער רוב מיליטערישע וואָס ווײַזן זיך אויפן פּאַן פון די סיבירער שנייען. אַלע ווײַזן זיי זיך נישט צו האָבן קיין צײַט. ערשט ווען דער מילי־טערישער האָט רעכט צעעפנט זײַנע לעבער־קאָלירטע ליפּן, אַ היקע האָט אַ פלעם געטאָן דעם דניעוואַלני איבערן פּנים, האָט דער הינקעדיקער זיך געכאַפּט אַז מ'פרעגט ווידער אויפן שווײַגנדיקן סאָלדאַט וואָס האָט זיך באַזעצט בײַ זיי און ער לאָזט אין זיך פאַרגעסן. נו, האָט דער טאַדזשיק באַלד אַוועקגעהיפּט אַראָפּשלעפּן דעם פּעפּער פון דער פּריטשע:

— ע, דו, שלאָפסטו? מ'איז געקומען נאָך דיר. סקאַרעי, גיכער! — האָבן זיך אונטערן שטערן געוואָרפן די צעפינקלטע אויגן און זײַנע אַקסלען האָבן אונטערגעציטערט. איזשין האָט נישט גערעדט, נאָר אויסגעפּיבערט זײַן אײַלעוודיקייט. — סקאָרעי, סקאָרעעי! — פאַרביסן אַזוי אַרײַנגעליאַרעמט אין דער טונקלעניש וואָס אין דער געגנט פון די אייבערשטע נאַרעס. ער איז באַלד געוואָרן פול צוריקהאַלטעוודיקייט און סוד. הינקעדיק האָט ער צוריק־געאײַלט צום מיליטערישן, וועלכער האָט געוואַרט נאָענט פון דער טיר.

— שויָן, טאָוואַריש. ער קומט, —האָט ער אין איינע אַנגסטן אַרויסגע־בראַכט און זיך אומגעקוקט מיט אַ מינע צי ס'איז אמתע וואָר דאָס וואָס די שרעק האָט פון אים אַרויסגעבעבעט.— אָט איז ער, דער, — האָבן זיך געוואָרפן איזשינס שטייף־שיטערע וואָנצעס.

אומדרייסט זיך צוגעהערט צום דניעוואַלני האָט שמואלעק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: אָט בין איך.

— ס'דער, — האָט דער טאַדזשיק אַרויסגעשטאַמלט כאַפּעדיק און נישט געוווּסט וווהין צו קוקן.

— דו ווּעסט עס זײַן דער באַמוּערק? —האָט דער מיליטערישער גע־קראָגן אין די הענט אַרײַן דעם, ווּעמען ער באַדאַרף האָבן.— אַנו, לאָמיך דיך זען, צי דו ביסט עס דער ריכטיקער. איכ'ל דיך באַקענען, פאַרשטייסט? —

אַ ביסל שפּאָטיש פאַרקוועטשט די אויגן, מיט די ציין אַרומגעלעקט די ליפּן און געזוכט זיך צו פּאַסמאַקעווען מיטן שטיקל אַרבעט וואָס ער דאַרף אָפּטאָן. — גיב זשע זיך אַ שטעל, באַיעץ, מער פון ווײַטנס — רוק זיך, רוק זיך! —

דער פּאָליטרוק וואַסיליעוו האָט אַ זשוואָון בליק געטאָן צו איזשינען וואָס האָט זיך צו אים צוגעשאַרט און באַרוט ווי אַ גאַנדז געשטאַנען אויף איין פוס:

— האָסט כאַטש נישט גענאַרט, דניעוואַלני?

הפּנים, דער קאַזאַרמע־היטער האָט זיך געכאַפּט אַז דער וויכטיקער איז אַ שטיפער. באַגנוגנט זיך נאָר מיט אַ כיטרענקן האַלבשמייכל וואָס האָט זיך געגליטשט איבער זײַן קעצישער צורה און איז געבליבן גליווערן אויפן אָרט, ווו זיך אָוועקגעשטעלט. „ער האָט צײַט, ר'וועט זען וואָס ס'וועט זײַן", האָט ער זיך באַלעקט אין געדאַנק.

ווײַסהאָריק איז דער חברה־מאַן, האָט ער גערעדט מיט גאַנצן קאָרע־נעם פּנים, מיט אַלע זומער־שפּרענקעלעך און תיכף אָפּקאָמאַנדעווּעט, ווי פאַר אַ גאַנצער ראָטע:

— סאָלדאַט באַמוּערק!

— יעסט, פּאַראַן! — שמואלעק האָט זיך נישט געמאַכט קיין עסק דער־פון וואָס די הייל איז נישט דאָס פעלד פּאַרן אַפּעל. ער'ט אָפּגעענטפערט ווי עס באַדאַרף צו זײַן: זעלנעריש און אַ פאַרוואַרף געטאָן דעם קאָפּ אויף לינקס.

— זיך גלײַך שטעלן, סממי־י־יייירררנאָאָאָ! — האָט שוין אַ קלונג געטאָן דער ניגון פון אמתער זעלנערײַ.

שמואלעק האָט זיך אַ ריר געטאָן. געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען. מיטן געדעכעניש האָט ער גיך, פליייסיק מיט איין פוס געזוכט דעם אַנדערן (מיט די אויגן עס נישט געוואַגט) און זײַן געדאַנק איז געבליבן צעטומלט. ווי אַנומלט אין די דרויסנדיקע באַגינענס איז ער געשטאַנען אַצינד. איינער אַליין זיך געשטעלט פאַרן דאַזיקן — אויסגעצויגן, גלײַך, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן אויף אַהינטער און אַזוי געוואַרט מיט אָנשטרענג: „וואָס וועט זײַן אַצינד?"

אין קעלערדיקן אין דער פרי האָט דעם וואָיענע * פאַרשווין זיך פאַר־גלוסט צו כאַפּן אַ רעכטן קוק אויף דעם וואָס איז שוין אין אַלעמענס מײַ־לער. „טשיקאַווע אַזאַ פאַרשווינטשיק, —האָט ער געביסן אַ ליפּ— זיצט אויף קאַזיאָנע פּאַשע, אַזאַ בעזסאָוויעסטנע **, און לאָזט נאָך אָרנטלעכע זיך מטריח זײַן פאַר זײַנעטוועגן!" באַטראַכט אים און באַפוילן שטרענג, סאָל־דאַטיש:

— באָיעץ באַמוערק, קערן זיך רררררע־עעעכטססססס! דער באָיעץ האָט זיך טאַקע תיכף אַ קער געטאָן.

געציילטע רגעס איז וואַסיליעוו געשטאַנען און געגאָגט זיך די שפּיץ צונג. באַלד האָט ער זיך געטאָן אַ הייב:

— הער וואָס איך זאָג: ללי־י־ייייג־נננקססס! האַרט געקוקט און ווי־דער זיך צעליאַרעמט: לי־י־ייינקססס! — אין הפסקות אויסגעדונערט די קאָמאַנדע, גלײַך זי וואָלט געפאַלן אין פעלד, פאַר אַ גרויסער מחנה. — שטעלן זיך, זיך... גלײַ־ײַ־ײַײַך און, און סמי־יייי־י־ירררר־נאָאָאָ! צעלאָזן זיך, אַזש ס'האָט געהילכט ווי אַ פאַרלוירענער דונער אין וואַלד. דערזען ווי ווײַט ער לייגט קאָפּ, דער סאָוועטסקער סאָלדאַט אויפן באַפעל, האָט דער אָפיציר שפּיזיק זיך אײַנגעקוקט אין דער אויסטערלישקייט וואָס זײַן כבוד, דער סאָוועטישער אָפיציר איוואַן איוואַנאָוויטש, זעט צום ערשטינקן מאָל און ר'האָט זיך פון ס'נײַ געלאָזט הערן.

— אָט אַ טשעלאָוויעק! — האָט וואַסיליעוו אָקערשט אויסגערופן אין אומגעריכטקייט פון אויפגעפלאַמטער שטימונג וואָס רײַסט זיך אַרויס פון האַלדז ווי פון זײַנע פלאַכע, טײַך־גרינע אויגן — ער שטייט זיך סמירנאָ

* מיליטערישן. ** הפקרדיקער.

און די ווערעם לויפן אַרום אויף אים, הערן נישט די קאָמאַנדע, האָבן נישט בדעה צו זײַן דיסציפּלינירטאָוואַנע: — שטיי־יי־ייך, ססססטאַ־אַאַט! — זאָג איך, — צעשרײַט ער זיך שוין טעאַטראַליש, מיט אַ באַגלייט־ניגונדל, און ס׳פּרצוף צינדט זיך אים — און זיי נעמען זיך גאָר נישט איבער, די סוקיני סיני. טשאָרט פּאָבערי, פּאָלגן נישט! סײַדן מיט פײַער זיי לערנען דרך־ארץ. אוך, אודך, ווי זיי וואָלטן געהערט ווען מ׳דערלאַנגט זיי אַ הייס קנײַלעכל, כאָ־כככאָ! ערשט צעקאַטשעט זיך אַ פּלוצלינגדיק פרירנדיק געלעכטערל פון וואַסיליעוון. דערויף דרייט ער זיך אויס צום דניעוואַלני וואָס הענגט אָט־אָ אָן אַ זײַט, איינפּיסיק, אָבער ער הערט נישט אויף צו רעדן צום אָנמוש־טרירטן באַיעץ און זײַן שטרענגקייט ווילדעוועט זיך אויס אין אַ נײַעם טומלדיקן געשריי, וואָס צעפּליעסקעט זיך אונטערן פאַררייכערטן באַלקן פון דער הייל:

— פון וואַנען האָסטו עס גענומען אַזוי פיל? גאַנצע ראָטעס, עסקאַ־דראָנען גאַנצענע האָסטו, זע איך, אויפגעזאַמלט, פּאָלקאָווניק פון דער קאַ־וואַלעריע, און קאָמאַנדירסט מיט זיי אָן איבעררײַס, האַ, דו? —ווערט ער מלא חימה.— ווי אַזוי האָסטו זיי געכאָוועט, דו באַקראָכענער! אַליין פּרעס־טו אומזיסט רוסיש ברויט און אומגעבעטענערהייט כאָוועסטו נאָר לײַז ווי די קעלבער. האָ־האָאָ, ווי די קעלבער שפּריגגען זיי אויף דײַן טיפוסנער לאָנקע. אַ גאַנצע לײַזיקע אַרמיי האַלטסטו, מערזאַוויעץ דו, דו —האָבן זיך שוין געסליניעט זײַנע ציין. — מאַאַאַ־אַררשש!

זיך צעריטשעט, ס׳פּרצוף איז געוואָרן דערצונדן און זײַן וואָרט האָט שווער געזונקען: — אַאַאַררשש! מער זאָל איך דיך דאָ נישט זען, דו פּרע־כע צורה!

אין שטומקייט, גלײַך די צערייצטע קולות וואָלטן געפאַלן אויף אים ווי דובינעס, * האָט שמואלעק זיך אַרויסגעטראָגן פון דער הייל, ער׳ט זיך גע־יאָגט נאָך זיך אַליין און כמעט נישט געשפּירט די אָנגרײַפנדיקע שאַרפ־קייט פונעם פונאַנדערגעעפנטן טאָג. דערנאָך האָט ער שוין געשפּאַנט אונ־טערן געטעסעטן געשריי וואָס האָט זיך העפטיק געהויבן איבער אים:

— גלײַך, גליי־ײַך! נישט גאַפּן זיך!

— לינקס, לינקס!

געשפּרײַזט און נישט באַנומען אַז דער פּראָסט־פּלאָם לעקט זײַנע

---

* שטעקנס.

האַלב־נאַקעטע פּיס, אַרײַנגעשטעקטע אין געווזענע לײַכטלעדערנע קאָמאַשן, וואָס זייערע פּאָדעשוועס זענען אונטערגעבונדן מיט שטריקלעך.

דאָס כּעסדיקע אונטעראײַלן האָט שמואלן פאַרטומלט, ווידער דאָס סאָ־פּען פונעם אָנטרײַבער האָט אים אָנגעגאָסן מיט היץ. דער באַוועלטיקטער פון פינצטערנדיקע שפּירונגען איז אונטערגעשפּרונגען אויף די אָפּגעברי־טע פּיס, זיך געטראָגן ווי אַ פאַרטשאַדעטער. האָט אַ באַפעלערישער היק אים צוריקגעשלעפּט פונעם סמיקן פּלי איבערן ברייט־פונאַנדערגעלייגטן קרירה־שייטער, האָט ווידער שרעק זיך געשטעלט אַקעגן אים, אָנגעוואָל־קנט זײַן דמיון, צערודערט דעם רעיון; ער פאַלט! מיט די קאָפּיטעס צע־טרעט אים דאָס צעווילדעוועטע פערד וואָס יאָגט זיך נאָך אים, עס בײַסט, ס'פאַרסקעט די אכזריות וואָס ניוכעט אָן די נאָענטקייט פון לעבעדיקן וואַ־רעמען בלוט — —

קאָפּנע איז געווען דער וועג איבער די פעלדישע שנייען וואָס האָבן דעם סאָלדאַט געפירט פון באַטאַליאָנעם מיסט אין דער הינטערשטאָטישער באָד אַרײַן. יאָ, אין באָד אַרײַן. ער'ט עס אים געזאָגט, דער ווײַסהאָריקער זשלאָב אין שינעל: „הייב די פּיס, פאַרשווינטשיק, — האָט ער אומגעריכט זיך צעשריגן. — ס'וויל „אַ באַניע" פאַר אַזאַ זשוליק. אָך, וואָלט איך אַזוינעם אָנגעלערנט און נישט אונטערגעטראָגן אַ באַניע! אַנו, נישט געחלומט, גע־גאַאַאַנג־אַאַאַנג־געען!" אַ ראַב ט'זיך צעפּלאָשעט מיט האַרטן געקראַ און שמו־אלעק איז אַרײַן אין די ברייטע טויערן פון גראָען טאָג וואָס האָט אָקערשט מער זיך אויפגעשפּאַרט. פונעם אַרום האָט זיך צעגלאָצט אָן אויסגעבליאַ־קירטע בלאָקייט פון גולמדיקן הימל. אונטער דעם דאָזיקן ליכט האָט אָט־אָ זיך בולטער אָנטפּלעקט דער טונקעלער פאַלטן פונעם געטריבענעם וואָס איז עקשנותדיק באַשאָטן מיט אומפּלייט ווי מיט אַ שפּע קימלקערנער, ברוינ־גראָלעכע, בורשטין־בלייכע וואָס בײַם הויך פון פראָסט האָבן זיי זיך קנאַ־פּער באַוויגן, נאָר געבליבן געדיכט אײַנגעשטאָכן אין דעם אָנגעווינטיקטן טונקל פונעם מלבוש. אַנדערע זענען געווען אין גאַנצן פאַרשטאַרט, גע־קלעפּט אויפן שוואַרצלעכן געוואַנט ווי פּלעווע־שטויב. נישט אײַלעוודיק איז דאָס געווערעם ערשט געקראָכן ביחידות פונעם אומגעוואַשענעם לײַב אויפן בגד אַרויף און אַנדערע האָבן פון בגד זיך געפּלײַסט צוצוקומען צו דער לעבלעכער וואַרעמקייט וואָס דער גוף האָט נאָך באַוואָרנט. סײַ ווי האָט דער געטריבענער נאָך געמוזט אַרײַנטויכן מיט דער געפרוירענער האַנט אין דער פאַרהוילעניש פון צווישן די שמאַטעס וואָס זענען גע־

האָנגען אויף זײַן לײַב. אַזויערנאָך געוואָלט אָפּטרײַבן די נעדיזנע וואָס׳ט
מיט כוח זיך אַרײַנגעוועבט אין זײַן הויט.

געשפּאַנט איבער די פּאַרענגטע רחובותן (ווײַל פון פּראָסט געצאַמט,
פון זעלנערביקס געהיט) האָבן אַרומבלאָנדזשנדיקע קולות זיך געשפּאָלטן
הינטער אים. ס׳איז נאָך געווען די אָנונג פון דער נמאסער זעמליאַנקע, וואָס
יערט מיט שרעק אין איטלעכן אומפּאַרשטענדלעכן בליק וואָס אָטעמט
מיט חשד, מיט פּאַרשווערונג. ר׳האָט געוואָלט זיך אומקוקן הינטערווײַ־
לעכטס: „אפשר גיכער אַנטקומען פון דאַנעט?״ די ברוסט האָט אים גע־
צאַפּלט, אָבער טאַקע אונטערן דרוק פון דער שאַרפער מורא וואָס דער־אָ
גאַנג געבוירט, האָט ער זיך געניכטערט. זאָל זײַן וואָס עס וויל, און דעם
געפּלאָגטן סאָלדאַט טראָגט באַלד אומגעריכט דער אינסטינקט פון אַן אומ־
קלאָרער אויפריכטונג. ס׳גוט וואָס עס גיט זיך אַ ריר זײַן ענין. ר׳זעט עס
אינעם טרײַבן אים אויף „בעשוי״. שוין וואָכן אין דעם, ווייטיקלעך לאַנגע
וואָכן. יאָ, עפּעס מוז געשען! אַזוי פוילן ווי ער פוילט, קענען אויך ז יי
נישט סובל זײַן. ס׳הייסט, „זיי״ וועלן האַלטן אַ מענטש אַזוי־זיך? און אים
האָט פּלוצלינג גענומען אָנען אי אויף בעסער אי אויף ערגער. מ׳קען דען
זײַן זיכער הײַנטיקע צײַטן? באמת: דער תירוץ פּאַר אומברענג איז הײַנט
גאָר אַ באַקוועמער: מלחמה. געפירט אַ מענטש אויף אַרבעט פון ווי־ווײַט,
לסוף רעבעלירט ער. עסט אומזיסט. ס׳נישטאָ קיין צײַט צו גריבלען זיך.
אַוועקגעפירט אַזוינעם ערגעץ הינטער אַ וואַנט און אָפּגעפּאַרטיקט — —
אָבער צו דער דאָזיקער שאַרף פון אומעט האָט שמואלעק נישט געוואָלט
זיך דערנענטערן. אדרבא, אין זײַן פּאַרלוירנקייט איז ער געווען להוט אַ
ביסעלע האָפענונג. בפרט אַז ער האָט צו וואָס! דבורהקע, ווי זי מאַטערט
זיך אין אומאויפהעריקן וואַרטן. אַ שטיקל האַרבעריק פּאַרן נע ונדניק איז
אַפילו אַ בעדל. גאָר אומגעריכט האָט ער זיך אַליין געמוטיקט און מסתם
שלאַבעריק געשטעלט דעם טראָט, ווײַל הינטער אים האָט באַלד האַרט זיך
צעשפּריצט אַ געשריי:

— גע־גאַאַאַ־אַאַנ־געען, דדו!

*

דערשפּירט די פײַכטע וואַרעמקייט פון באָד, האָט שמואלעק דערוואַכט
ווי פון אוממאַכט. ענדלעך ווייקט ער אָפּ פון זיך דעם צוגעבאַקענעם ברוד,
און ער׳ט געדאַנקלעך אָפּגעסאָפּעט. צי ער וועט זיך דערריײַכן איז אַ ספק.

אין מידקייט האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, געלאָזן רינען איבער זיך די שגיונ׳לעך וואַסער. אויך ס׳געוויין פון אויסגעשוואַכטן קערפּער האָט אויפגע־טײַעט. אַלע שפּירונגען אין אים האָבן ווידער צעעפנט די וויַעס און זיי האָבן געשטוינט. אָבער די פליגל פון דער פונאַנדערגעגאַנגענער פאַרע האָבן אים פאַוואָליע צוריקגערופן: סיביר, דו אומענדלעכע פאַרטעמפּטקייט. ס׳איז די וואָרע ממשות. נאָר דאָס דחקות פאַרן לײַב לעבט אין די קלעפּ פון לעכצנדיקן געפיל. ער, דער קראַשניעוויצער, איז צוגעשריבן צו די פאַר־קנעכטע, צום בייזווילן וואָס שפּראַצט הפקרדיק אויף די פרירנדיקע רחבותן. באַשײַמפּערלעך: ער איז שוין נכנע דעם עלנט פון די אַלע וואָס זענען גע־פאַלן אויפן טראַף פון סיביר מיט אירע חסדים. נישטאָ דאָ קיין ריזן פון קערפּער, מכל שכן גבורים פון דער נשמה. אָנגעקליידט אין שמאַטעס איז אויך ער געוואָרן אַ שמאַטע. נאָר באַלד מינטערט ער זיך: הער אויף, שמואל! וואַשן זיך איז ערשט דאָס געבאָט צו דיר. זוך נישט קיין אויסנעמלעכס; נישטאָ דיר קיין רשות אַרויסצוגיין פון תחום סיביר. דערנאָך האָט שוין דער אינסטינקט פעסט אונטערגעזאָגט — מוזסט זיך גרינטלעך וואַשן, אויסברײַען דאָס לײַב פון קויט — — „וואָדען? ר׳וועט!”... —האָט ער גע־מורמלט צו זיך.— „וואָס וועט ער?!!” — ט׳זיך זײַן שכל באַלד געבונטעוועט.

נישט אין גאַנצן ט׳ער באַנומען, שמואל בוימווערק, אַז בכל נפשו באַ־גערט ער געגעזונג פון זײַן פאַרפאַלנקייט. ר׳איז נישט געווען אין שטאַנד אַזוי פיל צו טראַכטן. מיט אַ מאָל האָט ער אָפּגעשפּירט דעם שמאַך פון זײַן דור, פון דער גערודפטער יידנשאַפט וואָס איז פאַרמישפּט אויף אָפּקומע־ניש. אין ערגעץ איז נישטאָ קיין מנוחה! — האָט זיך פון אים געריסן אַ כעס אויף אַלעמדינג. און דאָך איז עס געווען אַ גליקלעכע מינוט, ווען דער אין זיך אײַנגעזונקענער מענטש האָט אין זײַן מהות אַנטפּלעקט כאָטש אַ ניצוץ פון דערוועקטן חיות.

ס׳איז געווען אַ מינוט אַזאַ ווען צו שמואלעקן איז דערגאַנגען יענע וואָרהאַפטיקע מיסטעריעזקייט וואָס אומגעפרעגט שנײַדט זי זיך אַרײַן אין סאַמע געביין. אָבער באַלד איז אים באַפאַלן אַן אַנדערע שפּירונג: אָנגעלענט זיך אין אַ פאַרשווויצטן זײַל פון באָד־חלל האָט ער, דער נאַקעטער, אומגע־ריכט זיך דערווישט אַזאַ, ווי ער וואָלט געשטאַנען אין מיטן פון אַ הייסן שריפה־ווינט, פון וועלכן מ׳מוז זיך ראַטעווען.

געוויס, אַפילו אין זײַן שוואַכעניש טראַכט זיך דעם מענטש וועגן דעם

זיגען פונעם אייגענעם זײַן, פּונקט ווי עס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ — דער ג ע ו ע ן וואָס דער מענטש ט'אויסגעלעבט אין שווערן נסיון.

. . . אַצינד האָט שמואל בוימוועלרק זיך געקוויקט מיט דעם וואָס ער קען זיך פליעסקען אין וואַסערן פון רייניקונג און ער'ט —איינצײַטיק— געליטן פאַר זײַן אָרעמען נאַקעט.

3

אָ, ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען דאָס דערגיין אַהער!

די באָד האָט אים געלאָקט מיט דער אַליינפאַרשטענדלעכקייט פון אַזעלכן וואָס איז לאַנג געווען אַרומגעוואַקסן מיט גריזשנדיקן קויט און מיט געירשנטן אומפלײַט פון זײַנע קאַזאַרמע־שכנים. פּײַנלעך געווען דאָס דערוואַרטן זיך אויף דער באָד, אָבער אַ גרויל האָט אים אַרומגעכאַפּט אויפן געדאַנק אַז ער מוז זיך צוריקקערן פון באָד אַהינצו, וווּ ער איז אַליין געוואָרן אַ הויפן מיסט. ס'איז אים געוואָרן אַ מורא דער דאָזיקער געדאַנק.

אָוועקגעפירט אין באָד דעם ווידערשפּעניקן, האָט זײַן מזל צווישן די צוויי־פּיסיקע אַרבעט־פּי גאָר אומדערוואַרט זיך איבערגעקערט ווי מיט דער האַנט. ס'גוטע מזל האָט זיך אויסגעדרייט מיטן גאַנצן פּנים צו שמואלעקן, אָבער בייזע אויגן האָבן גענומען קוקן נישט פאַרגינעריש אויפן סאָלדאַט באַמווערק. מאַיאָר יעמעליאַנאָווס באַטאַליאָן האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן קוקן אויפן פרעמדן מיט חידוש און מיט קנאה. אַ סאַבאָטאַזשניק און דאָך ווערט ער נישט געמישפּט; פאַרקערט — ר'איז גאָר באַגליקט געוואָרן. טייל האָבן אים באַגעגנט מיט אומפאַרשטענדלעכן שטילן געמורמל, אַנדערע האָבן אים אָנגעמאָסטן מיט בליקן נאָר אויפצועסן לעבעדיקערהייט. אָבער דערצו איז ער דערגאַנגען נישט אַזוי ווי עס רעדט זיך אַרויס. דאָס נײַע שלעכטס און די אויפריכטונג זענען געקומען שפּעטער אַ ביסל. אַצינד איז שמואל נאָך דער עלנטער און זשעדנע אויגן עקבערן אים דזירך. דערווײַל האָט ער נאָך אויף זיך די לאַסט פון דער איבערקומעניש צו זײַן אין באַדהויז, וואַהין מ'האָט אים אַרײַנגעטריבן. געשטאַנען אין פּאַרע אַ נאַקעטער, האָט ער נאָך געפילט אויף זיך דאָס רויע שנייִקע פעלד און דער שטאַבנער וואַסיליעוו איז אים בייז נאָכגעגאַנגען. אַן אָנגעשראָקענער פאַר כ'ווייס־וואָס איז ער אין דמיון אונטערגעשפּרונגען אויף פראָסט־אָפּגעבריטע פיס. אַ פײַער האָט געזעגנט זײַנע טריט. עס איז געווען אַ גיהנומדיק גייך. הינטערווײַלעכטס, אין פּלייצע, האָט דער געפאַנגענער געשפּירט אַזוי

ווי מ׳פירט אים בכיוון צו צאַפּלען זיך אויפן צאָרן פון דער זעלנערישער שפּיז. ער שטעלט אַ טריט און זי, די שפּיז, הערט נישט אויף צו טיקען מיטן בראַנד פון איר אָנגרײַפערישער שאַרף. ער שפּאַנט און הינטער אים אײַלט נאָך די שפּיז. מ׳היט אים. און האָט זיך געלאָזט הערן די באָענטקייט פון דער „באַניע”, האָט אין דער ברוסט פון געטריבענעם עפּעס זיך אויפ־געכאַפּט: אָ! טאַקע צום אויסבאָדן געפירט! צעטעלעפּעטע קלעמבעס רויך הויבן זיך איבער אַ לייטער פון דעכער, פאַלן איבער סאַזשע אָנגעשטויבטן שניי. „הפּנים, שטענדיק איז דאָס האַרץ אַ נאַר”. אין דעם צעפּלעטשטן ייִד האָט זיך צעוואָרעמט אַ נעבעכדיקע פרייד וואָס ער האָט זיך נישט פאַרגו־נען. אויך די פלאַטשיק־אַראָפּגעלאָזענע מויער פון באָד האָט אויפגעריסן זײַן בליק. אין דעם ווײַט־פונאַנדערגעזעצטן דרויסן איז זי געזעסן ווי אַן אַלטע הון מיט שלאַבעריק אַראָפּהענגענדיקע פליגל. אַרום האָבן וואָליקע קנוילן רויך מיט אַ סך סאַזשע זיך אַראָפּגעזעצט אויפן אָנגעוואָלגערטן שניי. פאַר דאָס האָט די „באַניע” פון אינעווייניק זיך געפּלאָשעט פון היץ און פון רײַכער פאַרע, גלײַך זי וואָלט פאַרדריקט „אַ פּײַג” אַקעגן דעם אַרו־מיקן ווינטער: „אַזוי פיל” וועל איך דיך אַריבערלאָזן מײַן שוועלן!” אַפילו דאָס פאָדער־חדר האָט געשוויצט מיט אַ שפּע טרערן; די צעיאָכמערטע וואָ־רעמקייט האָט זיך געגאָסן פון די ווענט און די מאַט־פאַרשמירטע שויבן אין די גראָב־הילצערנע ראָמען פון די פענצטער, האָבן „אָפּגעוואָשענע” בלינדלעך געקוקט צום אָרעמען טאָג.

שמואלן איז סײַ ווי געווען גוט וואָס ענדלעך האָט ער „זיך געזען מיט אַ באָד”. ערשטנס דאָס אַראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן פון ברוד, דערנאָך דאָס וואַשן זיך מיט פּליים, ס׳נאָכטאָן די וואָס זענען שוין געשטאַנען אין געדיכטן טומאַן פון וואַרעמקייט; דאָס רוישיקע גיסן צעבערלעך וואַסער, דאָס פאַרטרענקען זיך דעם קאָפּ, די אַקסלען מיטן איילִיקן כלי־אָפּ רעגן לײַטערט דאָס געמיט. פון דערלײַכטערונג ט׳ער זיך דערפילט שלעפעריק־לעך. נאָך דעם, ווען וואַכיקייט האָט ווידערגעקערט, האָט שמואל זיך גע־תענוגט מיט דער שפּירונג וואָס ער איז כאָטש אויף עטלעכע שעה אַנטרי־נען פון אַל דאָס נמאסע. אָבער מאָדנע: אין דעם זעלנער באַמווערק האָט ווי זשאַוער זיך געהאָט אײַנגעגעסן דאָס כיטרע אויג פונעם לאָמען היטער; אַפילו אַצינד האָט ער אים געזען. אויך די בהלה־שטילקייט פון דער בײַ־טאָגיקער קאַזאַרמע־הייל האָט נישט אויפגעהערט אים שלאָגן איבערן שאַרבן: שמואל, וויי צו דיר, ווי דו האָלטסט! ערשט די שכנים — די

אָוונטלעכע, וואָס באַדרעגנגען אים מיט זייער חוצפה, אויך די באַגינענדיקע וואָס טרעטן איבער אים אין אָקסישן געאייל צום קיפּיאַטאָק, בעתן אַנטקעגנ־לויפן דעם געשריי פון באַנומענעם בריגאַדיר — אַלע האָבן ערשט אים פאַרקראָכן די נשמה מיט זייער בהמהשן בייז.

*

ס'איז געווען אַ געשעעניש, דאָס אַוועקגיין פונעם אליייניקן מוש־טרירטן דרויסן, אָבער דאָס איז נאָר אויף דערווײַל. ווי וועט זײַן דערנאָך? צווייפל האָט געטאָרעט דעם מענטש.

...אין דער „באַניע" האָט מען בײַם באַיעץ צוגענומען זײַנע קלעפּיקע בגדים, זיי אַרײַנגעהאָנגען אין אַ שטאַרק אונטערגעהייצטן דעזינפעקציע־אויוון פון וואַנען עס איז שוין נישט געווען וואָס אַרויסצונעמען. אַנשטאָט די בגדים איז אויפן זעלנער דערנאָך געקומען אַן אָטעם־פאַרשפּאַרנדיקע דושנעקייט; אַזאַ פרײַכנדיקע היץ האָט אַ שטויס געטאָן אויף אים פון דער צעפאַלענער הלבשה. אגב האָט ער דערפון אַזוי גיך זיך נישט דערוווסט. דער נאַקעטער שמואלעק האָט זיך נישט דערוועגט צו פרעגן אויף זײַנע מלבו־שים. ער'ט זיך געשפּירט אויסגענאָגט פון דער איבערפליסיק פײַכטער חמימה, וועלכע האָט פון אים אַרויסגעשלאָגן אַ מבול שוויס. צוואָרעמט פון דעם תענוג־באַד, האָט ער שווער זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס בײַ אַ וואַנט און אַן אויסגעליידיקטער געקוקט אין דעם פאַרע־נעפּל. וואָרט ער? אויף דער נעוואָרעט איז אים גאָר נישט אָנגעגאַנגען. פון לאַנג איז אין דעם מאָביליזירטן בעזשענעץ געווען אײַנגעטשוועקעוועט עמעצנס אַ זאָג אַז ס'איז שוין אַוועק די צײַט ווען ער האָט געקענט זײַן אַ מענטש פאַר זיך. הײַנט געהערט ער צום באַטאַליאָן, ווי אַ קעגנשטאַנד געהערט ער דעם באַטאַליאָן און ערשט איז ער אַ זאַך פון דעם מיליטערישן וואָס האָט אים אַרויסגענומען פון קאַזאַרמע. אָ, דער שטאַבניק ווײַזט זיך נישט; געקומען מיטן „מאַנקוראַנט", האָט וואַסיליעוו אויך אַרײַנגעכאַפּט אַ בעדל, אויסגעט־מישט זיך מיט אַלע נאַקעטע. דורכגעשוויצט זיך, האָט ער דערנאָך ווידער געגומען אין די הענט אַרײַן דעם פאַרשווינטשיק. רויט־דערצונדן איז וואַ־סיליעוו אומגעריכט אַרויס פון אַ טומאַן און זיך דערמאָנט אָנעם משכון וואָס דער באַטאַליאָן האָט אים אָנגעטרויט; אין מיטן אַרומוויקלען די צעשוויצטע פיס מיט די אָניצעס, האָט ער זיך איבערגעוועקט גלײַך אַ שלאָקסרעגן וואָלט אים אָפּגעגאָסן.

— אָ, באַמווערק! באָיעץ באַמווערק, —האָט ער דערהויבן דעם אָפּ־געצוואָגענעם קאָפּ— ווו ביסטו ערגעץ?

אַן אָנגעפּײַכטער האָט דער רוף פּרעמדלעך, נישט גרינג באַוויזן זיך דורכצושפּאַרן דורך דער מוטנע דורכגעלויכטענער שײַן פון באָד. צו וואַסיליעוון האָט קוים זיך דורכגעשלאָגן דער סאָלדאַטישער „יעסט״, פאַראַן; און אָט האָט דער נאַקעטער זיך דערנעענטערט צו אים מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט — צו פאַרשטעלן די נידעריקע אָנהאָרונג פונעם בויך: — כ׳בין דאָ. חבר לייטענאַנט.

— זיך גוט דורכגעוואַשן, באָיעץ?

סתם געפרעגט, ווײַל ער׳ט נאָך געהאַט צו טאָן מיט זיך, דער שטאַבניק, געווישט דעם קאַרק, שווער גערוקט די הענט אין די אַרבל.

— גוט, גוט.

וואַסיליעוו האָט אים כמעט נישט אָנגעקוקט. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער ט׳ער זיך צוריקגעקערט צום סאָלדאַט:

— גרייטן מיר זיך, הייסט עס, — האָט דער שטאַבנער געזאָגט אין סאַמע וויכטיקסטן אָנשטרענג פון זײַן אָנטאָן: אין מיטן אַרויפּציִען די שטיוול אויף די גראָב אַרומגעוויקלטע פיסטיכער. דער נאַקעטער באָיעץ איז אַלץ געשטאַנען אַקעגן אים אַ שפּלער.

— גייען מיר, פאַרשוינטשיק? — האָט דער אָפיציר, שוין אַן אָנגעטוענער, ערשט אויסגעפּונען דעם נאַקעט פונעם נאַקעטן סאָלדאַט, אָבער ער׳ט ניט דערזען די בושה וואָס ברענט יענעמס פּנים. — רעכט זיך איבערגעוואַשן, האָ? — און ווי נאָכגעשמעקט דעם טעם פון די אייגענע רייד: — אַזוי באַדאַרף זײַן. אַ סאָלדאַט מוז זיך האַלטן ריין.

— ריכטיק, —האָט שמואל נאָכלאָזיק געוויגט מיטן קאָפּ.— ר׳איז געשטאַנען בפירוש אומבאַהאָלפן אַנטקעגן דעם. געקוקט אויף אים, האָט זײַן אייגנגעפיל זיך צעקלאָגט מיטן געוויין פון אַן אונטערגייענדיקן מענטש מחמת ער שפּירט די ברענענדיקע פּײַן צו בלײַבן נאַקעט־הויל, בגוואַלד אויסגעטועון פאַר אַלעמענס אויגן פון אַלע פאַרהוילעניש. — ריכטיק, האָט ער שוואַך, אָן כוחות איבערגעחזרט.

דער אַרמייִשער האָט אים ערשט רעכט אָנגעקוקט:

— וואַסזשע מעקעסטו, — שטיי־ייסט! — האָט וואַסיליעוו זיך געשטיקט מיט אַ פּלוצלינגן שטראָם פּײַכטקייט. — איך זאָל נאָך מוזן וואַרטן אויף דיר?! ריר זיך, — האָט ער זיך צעשריגן.

— חבר, —האָט דער סאָלדאַט דערשראָקן באַוועגט מיט דער צונג.— ווי אַזוי בעטן די זאַכן?

— נישט געקענט פריִער מאַ־נעען? —ט׳ער זיך צעטומלט—. אַזוי קולטורנע האָט מען אײַך געכאָוועט? אַך, דו טשוטשעלאָ! — און געשריגן מיטן גאַנצן כוח פון זײַן אויפגערעגטקייט: — דעזינפעקטאָר! אָ, דעזינ־פעעק־טאָאָר!

אין וואַסיליעוון וואָס שוין אין לאַנגן פלאַשטש, אין אײַנגעשטײַפטןברייטן רימען אַרום בויך, האָט זיך צעזאָטן דער מושל. ר׳האָט גערעוועט:

— געזעען אַ געשיכטע? ערשט שטעלן זיך וואַרטן אויף נישטיקע פלו־דערן!

ער האָט געשיפּעט, געכעסט זיך און איינצײַטיק זיך געקווענקלט — צו וועמען אויסלאָזן פאַרן אַנגעזאָליעטן געמיט: אַן אומוועטער אַזאַ און גע־פּטרט אַ טאָג!

דערויף איז פון פאַרע אַרויסגעקומען צו טשאַפּען די בעדערקע יעקאַ־טערינאַ פּאַוולאָוונאַ.

— מהה, —האָט ער שוין מילד געברומט— וועסט אַזוי גוט זײַן? גיב די זאַכן דעם דאַזיקנס. געבוג זיי אויסגעפּרייעט.

— וואָס, פלודערן? גאַטיעס? ווי פּאַפיר זיך צעשאָטן, — האָט זי חוזקדיק צעשפּרייט דאָס מויל. — אָט דיר, לייטענאַנט, — זי׳ט רעכט נישט געקוקט אויף אים, דאָס שטיק ווײַבספּאַרשוין און מיט רוגזה געדרינזשעט מיט דער אײַזערנער טיר פון דער דעזינפעקציע־שראַנק. — אַ ליאַדע וואָס און מע שרײַט! — האָט זי זיך געווערט קעגן דער קלאָמפּערשטער פאַר־ריסנקייט פון דעם מאַנצביל וואָס ווײַזט נישט אַרויס קיין אָפּשײַ פאַר אַ נאַטשאַלניק, מחמת ער איז אין אַ קלייד.

— נאָ, —האָט זי געשטשירעט אויף אים— און דאָס ט׳נאָך אַ חוצפּה צו טומלען!

דאָ האָט וואַסיליעוו זיך שוין פונאַנדערגעלאַכט. ווײַל די בעדערקע האָט פון דעזינפעקציע־פּיסק אַרויסגעצויגן נאָר צעצויטלטע שמאַטעס פון געוועזענע בגדים, זיי געהאַלטן אויפן דרענגל־האָקן ווי אַ פישער האַלט אויף דער ווענטקע אַ נאָר וואָס אַרויסגעצויגענעם פיש.

— וואָט אי ווסיאָ. אַלצדינג וואָס אַרײַנגעלייגט איז גאָלע פּאָרעך, — האָט די בעדערקע איבערגעחזרט און געקוקט אָט אויפן מיליטערישן מיט די צוויי שטערנדלעך אויף די שליפעס און אָט אויפן פּראָסטענקן, וואָס איז

געבליבן גאָל ווי אַן ערשט אויסגעפּיקטער פויגל. אָפּגעזאָגט אירס און זיך אָפּגעטראָגן. פליכטן רופן, — האָט זי זיך פאַרענטפערט.

— גאָר ווויל זיך אויסגעבאָדן, פאַרשווינטשיק, —האָט וואַסיליעוו געקוקט אויף סאַמואילן נישט אָן אַ שײַן פון אומעט.— אַצינד וועסטו ערשט אַ ביסענקע זיך אָפּרוען. איך מוז גיין נאָך זאַכן פאַר דײַנעטוועגן. אַ גליק דאָס האָט, —רעדט ער אַרײַן אין דעם ווי צו אַן אַנדערן— געקומען אַ טראַנטיקער און וועט אַרויס אַ נײַענקער פון דער נאָדל אָוועק. אָך, אָך, איך מוז נאָך לויפן אין פּראָסט אַרײַן.

— קאַטיענקע, —גיט ער ווידער אַ רוף אין אָנגעוואָלקנטן ח״ל אַרײַן — פאַרוואַלטערן, זײַט אַזוי פרײַנדלעך!

פון פאַרע־כמאַרע אַרויס קומט די בעדערקע פון ס׳נײַ צו שטאָמפּערן אויף די הילצערנע טרעטערס. זי שטעלט אָן אַ פאָר אויגן אי אויפן נאַקעטן וואָס טוליעט זיך אין זײַן בושה־הויט, אי אויפן מאַרש־גרייטן פאַליטרוק:

— איר באַדאַרפט נאָך עפּעס? — פרעגט זי געשעפּטלעך, מיט דײַטלעכן פאַראיבל.

— וועסט אַזוי גוט זײַן, יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ, צוריק אַרײַנגעמען אין באַניע דעם־אָ. האַלט אים, חכמעט ער זיך שוין, אַז ער זאָל זיך נישט צוקילן. — ווילסטו? — זאָגט ער בינו לבינו צו שמואל׳עקן — שוויץ ווידער. איך גיי נעמען וואַזדוך,* טשאָרט פּאָבערי!

וואַסיליעוו גיט נאָך אַ זשמורע צו דער בעדערקע און אַנטקומט.

יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ האָט דעמאָלט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דעם הויליבנקן: „מירן גיין״, — און זי׳ט אַרײַנגעפירט אים צווישן די הענגעדיקע וואָלקנס פאַרע:

— פּאַזשאַלויסטאַ, וואַרעם זיך דעם הינטן ביז דו וועסט געהאָלפן ווערן. אַ, אַ, ווערסט טאָפּלט געהאָלפן, יונגער מענטש, — האָט זי זיך שוין פאַרגונען אַ שמייכל טאָן צום נאַקעטן און זיך אָוועקגעטראָגן אויף אירע הילכנדיקע טרעטערס.

— „וואָט אי ווסיאָ״, — האָט עס נאָך אויסגעקלונגען אין שמואל׳ס געהירן, ווען ער׳ט געזען די שטרויהאַריקע פויערטע זיך דערווײַטערן אויף די טומלדיקע, הילצערנע פּאָדעשוועס. אַ ספּעץ אין קעסל־הייצן, דעזינ־

---

* לופט.

פעקצירן חשודע בגדים און אויסבאָדן מיליטערישע פּאַרמאַציעס, איז יע־קאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ נישט אָנגעשטאַנען לאַנג זיך צו פּאַרהאַלטן בײַ די „הוילינקע, די קוים איבערגעוואַשענע". די מערסטע האָט זי אָפּגעמישפּט ווי אומציכטיקע, חזיריש געצווינטע, וואָרן אין דער באַניע פּליוכן זיי זיך ווי די נאַרישעוואַטע קאַטשקעס, נישט זיי רייניקן זיך. זייף איז אַן אויס־טראַכטעניש פון די פוילענקע וואָס האָבן האָלט זיך צו שפּילן אין וואַסער־שוים — פלעגט זי לאַכן. — דזשעגעכץ? דאָס איז באַדאַרפטיק פאַר רעדער, פאַר שטיוול. די קויטיקע איז ליב זיך צו פּרעגלען אין אייגענעם בוימל, האָט זי פאַרצויגן אַ מינע פון אומווילן צום רוב קליענטן וואָס זענען גע־קראָכן צו איר, מחמת... נאָר צו רייצן איר ווײַבערישע חשקות ווײַזן זיי זיך: „קום, דײַנער איז סײַ ווי נישטאָ, ער'ט שוין געפונען אַנדערע. אַ שאָד די צײַט צו פאַרזוימען" — געוויס, די צײַט! דערפון האָט זי געמוזט עפּ־טערס טראַכטן־חלומען זינט זי איז אַרײַן אין די „אָביאַזאַנאָסטיעס"* פון דער באָד. אַזוי פיל מאַנצבילן יאָגט מען אַן אויף איר און זי איז דאָ נאָר איינינקע אין אַ קליידל. און סוף כל סוף הערט זי אין זיך די אייגענע נשמה וואָס באַגערט לעבן. די נשמה איז אַ דאַרשטיקע, זי ווערט פאַרטריקנט און אַרום שטייען נאָר פּײַכט־גלאַנציקע ווענט, ס'אָטעמט די שווערע פּאַרע. וואָך אײַן, וואָך אויס אַזוי, ווינטערס און ווערסנעס — ס'ווערט נמאס דער אַלץ מיט אַנאַנד. אַרויסגערוקט פון שטאָט, גולמט די באָד; שוין צו שטילינקע די געגנט. אַהין האָט זי זיך פאַרקליבן אויף מיטן היימישן ווינקל. אין די אָוונטן, ווען זי דערשפּירט רעכט איר שאַרפע אָפּגעזונדערטקייט, קריכט אין מוח דווקא דאָס אומגעבעטענע: די חוצפּהניאַקעס מיט די ווילדע פּרצו־פּים, מיט די שטאַרקע הענט. ווי אומיסטן קומען זיי קאַפּויער, און ס'גיט אויף אַן אמת אַ צי אין די בלוטן.

„קאַטיענקע, דו געפעלסט מיר. יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ, איך מיין אויף אַן ערנסט".

אַ שטראָם זיסינקע רייד, אַ סך גלוסטיקס גליטשט זיך איבער די שטעגן פון געדעכעניש. עס איז אַקוראַט ווי אויף צו להכעיס. ווילסט זיך דערווײַטערן דערפון, אָבער דאָס לאָקט דיך. און אפשר באַדאַרף עס אַזוי זײַן? — גיט זי אַ קלער. יאָרן וואָס גייען אַוועק, חזרן זיך דען איבער? גייק, די עלטער באַגינט גיך! און אַרום שלייען זיך שוין אַזוי פיל אויסגע־

* פליכטן (פּאָסטן).

נאָגטע, שלאַקריריקע, אַלטע, פרי געעלטערטע, גערינצלטע, פאַר וואָס זשע זאָל זי איצטער וויכן פון די געזונטע, הייסבלוטיקע? ס׳קלאָר פאַר וואָס אַ יונגער נאַראָד קלעפּט זיך צו אַ ווײַבל וואָס איז פאַרלאָזן, שטאַרט אייניג־קע אַליין אין אירע סמוטנע געדאַנקען! פאַראַן אַפּילו גוטינקע צווישן די דאָזיקע. אויך זיי קלאָגן פון אַליינקייט און סע לאָזט זיך גלייבן. קלערט טאַקע די בעדערקע פון זיי, זי באַגערט אויף אַן אמת אַ ביסל ליובעניש, אָבער אַ רוב אונטערקומערס מוז זי טרײַבן. אויף אַ קול טרײַבט זי זיי. זי מוז, שפּירט זי, ווײַל אויך פײַער פאַרהוילט זיך אין מאַנצבילשע רייד; געפּער־עד מיטן לײַב, זאָגט מען, זענען די מערסטע וואָס קומען פאַרבלאָנדזשע־טע פון די פראָנטן. מיאוסע ווערעם זענען פאַרגנבעט אין זייער בלוט, אומ־ריינע בלעטערלעך באַדעקן זייערע הויטן וואָס מ׳דערזעט נישט אויבנ־אויף. מ׳באַדאַרף רעכט זיך אײַנקוקן אין די דאָזיקע. אַ, מ׳קען דאָס אומ־גלוסטיקע דערווישן אַפּילו אין די אויגן. זי איז אַ מבינטע דערויף, זי ווייסט שוין...

— פאַרנעמט זיך, איר עקיקע, —האָט די בעדערקע געהאַט אַ גרייטן פּזמון פאַר די אומליבע— נישט אויף שטיפן איז אײַער צײַט, נײַערט פאַר העלדישקייטן מאַנצבילשע! — און נישט פאַרלוירן קיין שמייכל דערבײַ. אַ פאַרטועגע ט׳זי אַרײַנגעשריגן אין באָד וואָס קנוילט זיך אין פאַרע, אַן אַדורכגעזשמורעטע מיט עלעקטרע־פלעמלעך און עס גאָלאָגאָטשען די קראַ־נען און די פולע אײַזערנע רערן.

— איר, פאַרשווענדערס! נישט געפּאַטשקעט דאָרטן אַזוי מיטן וואַסער! איכ׳ל די צעבערס צונעמען, איר פאַרדאָסטע. לאָזט אַ ביסעלקע פאַר אַנדע־רע וואָס זענען אויך נישקשה פאַרחזירט. גיכער פאַרדרייט די קראַנען, נאַ־קעטע היגטנס, —פלעגט זי זיך וואַרפן אין באָסט— ווער וועט עס איצטער אָנפּאָמפּען דעם רעזערוואַר? ניטאָ ערשט קיין הענט און דער מאָטאָר לאָמט. אַפּילו דעם מעכאַניק אַוועקגעטריבן! פאַרגעסט זיך נישט, אומפאַרשעמטע!

אַ זיכערע מיט זיך האָט יעקאַטיערינאַ פאַוולאָווגאַ זיך אַרומגעדרייט אין די פאַרע־וואָלקנס פון באָד. פאַר איר בליק האָבן געגלאַנצט בלוט־צע־קאָכטע מאַנצבילשע לײַבער, טייל צעווונדיקטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קישקעס, שלאַבעריקע בײַכער, אַנדערע — פעסטע, מיט מוסקוליאַרנע שענקלען און זכריש פאַרהונגערטע פּנימער. קלאָמפּערשט האָט זי זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי, רק זיך אָפּגעיאָגט פון די וואָס האָבן געשפּאַרט אויף איר פון דער פאַרשוומענקייט אין פײַכטער היץ:

— גענוג געפּאַטשקעט, גע־העעע־עררט?!

די פרוי אויף די הילצערנע פּאָדעשוועס, מיטן האַרט־ליַיוונטענעם פאַרטעך האָט נישט אויסגעמיטן דעם מוז צו וואַרפן וואָרענונגען צו די קונדן, עפּטערס געמוזט עמעצן אָנשריַיען:

— אויסגעבאָדן זיך, — האָט עס געהייסן אין איר האַרבער מינע, מיט וועלכער זי איז אַרויס צו די וואָס איַילן זיך נישט אָוועקצוגיין — זאָלן איַיך מיַינע אויגן מער נישט זען. פאַר חוצפּהניקעס האָט עס אָפּגעקלונגען ווי וויַיבערישע פאַרריסנקייט: „סיי ווי וועט איר נישט פּועלן. אומזיסט איַיער טרחה! בלינד זוכן איַיערע אויגאָנעס”. טייל האָבן עס דערווישט אין זייער גאָרער מאַנצבילשער געפּאַלנקייט, אָבער נישט געאיַילט זיך צום אָנטאָן; אַזעלכע האָבן דווקא לענגער געהערט ווי עס שאָטנט זיך דער בעדערקעס שטים. זיך פאַרטיַיעט אין זייער נאַקעטקייט האָבן די דאָזיקע אויסגעקוקט אַז דאָס שטיק וויַיב זאָל זיך ווידער אַ מאָל באַוויַיזן, באַדאַי מיטן געשריי אין צעלויכטענעם פּרצוף.

— נישט פאַר דעם כלב דער־אָ ביסן, — האָט יעקאַטערינאַ פּאַוולאָווּ־נאַ אָנומלט אַ בורטשע געטאָן צו אָן אויסגעהאָדערטן מאַנצביל וואָס ט׳זיך דערוועגט צו גיין אויף איר מיט אַ פאַרביסנקייט וואָס מויל און אויגן האָבן שטאַרק אויסגעהייצט אַרום זיך. גגיי־יי דיר, — האָט זי שאַרף אַרויסגע־זייעט צווישן די ציין — אויב פאַרביַיטן מיַינעם, איז כאָטש אויף אַ רעכטן מאָן און נישט אויף אַזאַ אויסגעקראָכענער פעל.

יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ איז אַ נאַסטאַיאַשטשע פרוי, אַ גענוג אויפגע־קלערטע. אויך אַ מאַנצבילש לייַב איז ביַי איר נישט קיין נאָווינע. זי איז נאָך יונג, ערשט אין די דריַיסיקער און זי ווייסט איר ווערט. פאַרזשמורעט זיך יעקאַטערינאַ אויף עמעצן מיט וויַיבערישן געלוסט, און זי איז גענוג קלוג דערצו, האָט זי שוין איר דרך אין דעם. אָפּטע אַריַינקומערס אין נאָוואָ־סיבירסקער מיליטערישער באָד ווייסן עס אין פאַרויס: ס׳איז אַ חפציות־דיק שטיק, די בעדערקע; זי גופא האָט די דרייסטקייט אָנצוגריַיפן. וואָס, אַ פאַרטריקנטער פּאַצאַן* בין איך? — האָט זי זיך אַ מאָל מודה געוועזן פאַר אַזאַ וואָס איז איר געפעלן געוואָרן פאַר אַ צונויפטרעף, און זי׳ט אים טאַקע גערופן צו זיך. — אויך נישט פון ליים בין איך, — האָט זי גע־

* אַ יונגלטשיק.

טענהט; פון קרעפטיקן בלוט בין איך אַרויסגעשאָסן געוואָרן אין ווײַסן טאָג אַרײַן. או, נישט קיין ליאַלע האָסטו פאַר זיך. איך וויל נישט אַז עמעץ זאָל מיך באַדאַרפֿן נעמען, און אַליין דערווײַל צאַנקען, נאָר מוזן קלערן תחבולות און ווערן צעשפּרונגען. געפעלסטו מיר, קען איך שוין, סלאַוואַ באָגו, רעדן און זאָגן אַז כ׳באַגער דיך. איך וויל נישט אויסדאַרן ביז מײַ־נער וועט זיך צוריקקערן. און אַז ער וועט נישט קומען? מ׳האָקט בײמער ווערט ליסע דער שענסטער וואַלד, ריכטיק? זאָג, איך געפעל דיר, ליבינ־קער? אויף אַ סך איבערקלערן סטײַעט נישט צו פיל געדולד, פֿאַרשטאַ־נען! און וועט דער מאַן פרעגן צי ס׳איז וואָר אַז כ׳האָב איבערגעכאַפּט מיט אַן אַנדערן, וועל איך ערשט דעמאָלט זוכן אַן ענטפער. און אפשר וועל איך גאָר נישט וועלן ענטפערן? איבעריקנס — ר׳וועט דען נישט פאַרשטיין? יאָרן פון אַזאַ וואַרטן איז אויכעט אַ גיין אויפן שלאַכטפעלד. מירן דערוואַקסענע אַז מ׳זאָל נישט זײַן נאַריש ווי די ציגן.

גאָר מאַנצבילש האָט זי אַליין „גענומען״ דעם זכר וואָס איר האָט זיך פאַרוואָלט. יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיך אַנטדרייסט דערצו און גאָר אָפּט געפּועלט מיט איר קערניקייט. זי האָט׳ס געטאָן באַוווסטזיניק: באַ־גערט אַ מאַן האָט זי אים גענומען, ווײַל אין די אויסנעמלעך געקוועלטע צײַטן האָט זי אויך אויסגעפירט פליכטן פון אַ נעמער ממש — פון אַ מאַנצביל. געאַרבעט ווי אַ האָרעפּאַשניצע. פון אין דער פֿרי ביז נאַכט געווען אַרײַנגעטאָן אין עול פאַר דער באַד און מיט דעם שטאַרק אויסגענומען בײַ די באַלעבאַטים פונעם געגנטסאָוועט. זי׳ט געלעבט מיטן האַרטן ביסן פון דער מילחמה, וואָס׳ט געברענט אַפילו אין דעם ווײַטן העק. געפאַלן איר אין אויג אַרײַן עמעץ פאַר די אייגענע ווײַבערישע וועלעכצן, האָט זי זיך נוהג געווען אויף איר שטייגער: „קום, איך באַדאַרף מיט דיר עפּעס איבער־ריידן״. געזאָגט עס שטיל, געפרעגט צי ר׳ווייסט איר אַדרעס און געלאָזן אים שטיין, ווײַל זי איז אַוועק צו אירע עסקים. ס׳האָט געטראָפן אַז נישט זעלטן איז אַזאַ צעחושט געוואָרן פון דעם אומגעריכטן אָפּשמועסן זיך און ר׳איז געבליבן שטיין אין רויש פון אומפאַרענטפערטן שטוינען. צו אַזוי־נעם האָט די בעדערקע זיך צוריקגעקערט אים איבערצוזוועקן פונעם „חלשות״:

— ביסטו אַ באַווײַבטער, יינגל? — ט׳זי געפרעגט אַזעלכן כלאחר־יד און אים אָנגעקוקט זײַטיק, ווײַל נישט דרייסט געווען באותו הרגע צו אַנטפלעקן זיך פאַרן דאָזיקן מיט איר מבינות אויפן „ער״, וואָס דערזען

אין אים. געגזג געווען נאָר אַרויסצוברענגען איר אומוויבלעכן באַגער צו פאַרמעסטן זיך מיט אַ מאַן אין חידושלעכער דרייסטקייט.

— אַ באַוויבטער ווי אַ באַוויבטער, אָבער אַן אַליינינקער, — ענטפערט ער, מחמת תוך כדי דיבור האָט ער מיט די אויגן באַוויזן זיך איינצוועסן אין דער צאַפּלדיקער באַלייבטקייט פון דער בעדערקע: „אַ־אַאַאַ, אַ ווייבספאַרשוין! ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַ מענערשער באָד!"

געכאַפּט זיך די בעדערקע יעקאַטערינאַ אויפן דורכדרינגלעכן, אָבער אָפן הכנעהדיקן קוק פון דאָזיקן, גיט זי זיך אַ שטעל מיט די הענט אויף די באָקעס און מעסט אים אויס אין גאַנצן מיט שפּאָט:

— פע, קריכט אויפן בויך און וויל אָנגיין פאַר אַ העלד! פאַשאָל, דו וואָרעם!

אַזעלכן האָט זי דורכגעטריבן. „אַפילו פאַר אַ ווייב וועט דאָס זיך נישט אויסטויגן", — האָט זי אָפּגעפּסקנט. אַנדערע, כאָטש פאַרחוצפּהטע פלעגט זי מוסרן, הגם נישט געוואָלט זיי פאַרלירן:

—אַזאַ וואָס דער מאַמעס מילך שוימט זיך נאָך אויפן פּיסק און שוין אַ נאַשער?

און פאַראַן אַזוינע וואָס צו זיי ווערט זי תיכף צוגעזאָטן: די אויגן פאַרלויפן איר און די נאָזפליגל אָטעמען האַסטיק. מיט אַ מאָל דרייט זי זיך אויס פון אַזאַ אויף דער פּיאַטע. צוביסלעך צינדט זיך קאַטיעריבעס שטערן, די גאָמבע ציטערט מיט תאווה — און פּרוווט זיך קלאָמפערשט דערוויטערן. אָבער אירע טריט פּלאָנטערן זיך באַלד אויף אַן אָרט. אַזוי־נער דערשפירט זיך דער זיגער, דערלאַנגט אַ שפּרייז איר אָקעגן און פאַר־שטעלט דער בעדערקע דעם וועג:

— לויפסט? האָסט מערעשקענע פיס! וועסט נישט גיין, אויב איך באַ־דאַרף דיר ענטפערן דעם ענטפער, קאַטיענקע. פון מיר אַנטרינט מע ניט, — גיט ער אַן עזותדיקן ווונק. — וואָס טאָן —ווערט ער שוין לייטיש, — אויב די בין דערשמעקט די בלום, כאָטש זי איז אויף יענער זייט פאַרקאָן? אַ קינד ביסטו, טייבעלע! — פאַלט אַזעלכער אין געצערטל איבער די הענט — דער האָניק צייטיקט שוין אין געפלאַטער פון דער בין, — און דער ע ר גיט אַ צי די ז י, באַנעמסט?

זי קוקט און עס ציטערן איר די אויגן, די ליפּן.

— ווייסט? —נעמט ער שוין סאָפּען— דו דערוואַרעמסט מיר די גע־

פרוירענע נשמה, דושענקע. און ער (פונקט ווי זי) הייבט זיך איבערן גע־פלאָקער פון די אייגענע געבליטן.

— דושענקע, מושענקע, —אַמפּערט זי זיך מיט דער זיסלעכקייט פו־נעם צד שכנגד.— וואָס איז דאָס אַזוינס! איך געפעל דיר, גאָלובטשיק? איך, איך באַגער דיך, האַ־אָאָרכסטו!? —עטעמט זי שווער. איך באַדאַרף דיך. קום צו מיר. ס׳איז שוין נישט לאַנג צו אָוונט. כ׳וועל אָנצינדן אַ גוטן סאַמאָוואַר־טשיק, — זי באַוויַיזט נאָך פיבערדיק אַ מיניע צו טאָן מיטן אויג און לאָזט אַראָפּ דעם בליק. — כ׳וועל וואַרטן, שעפּטשעט זי, אָבער ער איז מער נישט אין שטאַנד צו עפענען ס׳מויל. ר׳זעט זי, הערט זי אין טומאַן פון פלוצלינ־גער שיכרות פון צעוויגטן בלוט.

— קומסט? —ברענט זי אין נייגיר און מורמלט, גליַיך די נעפּל־פאַר־טרונקענע „באַניע” וואָלט אַ נישט־פאַרגינערישע זיך צוגעהערט, — אומ־באַדינגט קום, ווען אָוונט וועט צופאַלן.

אין אָוונט? אַ סאַמאָוואַרטשיק, — באַמבלט עס ביַי אַזאַ אין געהער און זיַינע שריט וואַקלען זיך אַרויס פון באָד. ביַי אַנדערע —האָט געטראָפן— איז נישט געווען קיין כוח צו וואַרטן ביז אָוונט. צו לאַנג! די בעדערקע מיט די פעסטע היפטן געפעלט אים גאַר־גאַר, איר ראָזלעכע מאָרדעטשקע מיט די פולע ליפּן זענען סכנות שיין. די ליַיט קענען נישט אָפּטרעטן פון איר אַקו־ראַט ווי זי איז נישט ביכולת ביַיצושטיין דער אוממאַכטיקייט וואָס אַזוינער ברענגט אויף איר. אַזעלכער קריכט אומאויפהערלעך אין פּנים אַריַין. ער, דער פון לאַנג אַן אָנגעטוענער, אַן אויסגעבאָדענער, נעצט זיך נאָך אַלץ אין פּאַרע, האָט שוין אויסגעפּיפּקעט אַ צענדלינג פּאַפּיראָסלעך און פּלאָנטערט זיך פאַר די פיס.

— קריך נישט אויף די היגעראויגן, דו! —גיט קאַטיערינאַ פּאַוו־לאָוונאַ אַ געשריי אַז די באָדנדיקע זאָלן דערהערן,— גיי צו דיַין אַרבעט. האָסטו ציַיט, טו אין האָלצקאַמער, העלף אַז די באָד זאָל קענען אויך אַנ־דערע אָפּשווענקען.

אַזוינעם וואָס ניגלט זיך צו, שיקט זי אָפּ צוגרייטן האָלץ. ס׳איז איר כיטרענקער וועג צו אַזעלכע. אָדער אַזאַ וועט שטאַרק מיד ווערן, קלערט זי בעת ־ מעשה, אָדער זיַין געלוסט צו וויַיב וועט רעכט זיך צעוואַרעמען און ס׳וועט זיַין כדאַי. דאָס איז יעקאַטיערינאַ פּאַוולאָוונאַס חשבון וועגן די דרייסטע וואָס ווילן נישט אָפּטרעטן פון וויַיב־לאָקונג. אוכאָדיי! —מאַכט זי נאָך דעם אָנשטעל— נישטאָ דאָ ס׳אָרט פאַר ליידיקגיין. מ׳באַדאַרף האָלץ

צוצוואָרפן צום קעסל. העלף אונטער אַ ביסל, וועסטו זײַן אַ מאַלאַדיעץ, און זי לאָזט זיך אַוועק צו ס׳איריקע. די באָד האָט עטלעכע שטייניקע וואַש־שטובן, זעלטן אַ שעה אין טאָג, אַז קויטיקע זאָלן זיך נישט פּליעסקען אין זיי, בליאַפּען וואַסער פון קראַנען, פון צעבערלעך און אויפן קול זיך פאַרכליניען פון תענוג. שטענדיק שטויסן זיך קולות אין טומאַן פון געדיכט פײַכטער היץ, און אין דער פאַרע הוידען זיך פאַרשלעפּערטע ווילנס פון נעבעכדיקע, וואָס גליסטן צו אַנטרינען פון דער נישטיקער וואָר.

אומבאַמערקט גיט זיך די „באַנשטשיצע" שפּעטער אַ פאַרליר אין דער האַלצקאַמער אַרײַן, ווו אַן עמעץ קוקט שוין אַרויס אויף איר. דער געבראַזג פון גיסנדיקן וואַסער הערט נישט אויף אין באָד צו פאַרקנוילן די חללס וואָס זענען אי דער הימל אי די ערד פון די, וואָס זענען זוכה נהנה צו זײַן אַ בעדל אין דעם שטאַרן סיבירישן טאָג. און דערשפּירט וועער פון די הוילינקע אַז עס קילט פלוצלינג אויס די באָד, נעמט ער רופן פון וואַסער־פאַרלייגטן האַלדז:

— פאַרע! דערלאַנג פאַרע, בעדערקע!

— ס׳אַי׳ פינצטער אין קעסל, באַנשטשיצע! גיב פײַער, באַנשטשיצע!

— קאַטיענקע, ווו ביסטו מיטן פײַער? — העלפט אונטער אַ צווייטער. דערלאַנג פײַער, קאַטיענקע! — פאַרשטאַרקט זיך שוין דער קאַטאָוועסדי־קער געטומל צווישן די נאַקעטע, וואָס דערנענטערן זיך צו אייננאַנדער מיט אַ סודותדיקייט אין די מינעס, אין די תנועות.

נישטאָ קיין ברירה: די פאַרוואַלטערן מוז זיך ווײַזן פאַר די אײַנ־געווייקטע, די האַלב־אויסגעבאָדענע. געניט אין אירע טוונגען, דערהערט זי באַלד די שטים פון אומצופרידענע. דערלאַנגט ווידער פאַרע, שטעלט זיך אין באָד איבער אַ נײַס אַ גוטער האַרמידער און די באַלעבאָסטע איז ווי־דער פרײַ פאַר די וואָס האָבן אין דמיון זיך צעפּלאַקערט אין זכרישער דערוואַכטקייט.

## 4

כאָטש רויק אין דעם קאַנט, האָט זיך בולט אָנגעזען די געקווועלטע צײַט. די האַרבע רויקייט האָט זיך אָפּגעשפּירט אַזוי, גלײַך אַרום וואַלט מע נאָר וואָס אָפּגעראַמט די האַלעוועשקעס פון אַן אײַנגעלאָשענער שריפה: אימה האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן חרובן שטח, שוין אַוועקגעפירט די פאַר־קוילטע נפשות, אײַנגעמאָסטעט די קראַנקע, אָבער די צייכנס פונעם אומ־גליק זענען נאָך שטאַרק אָנזעעוודיק: די ערד איז שוואַרץ דורכגעברענט, די

לופט אָנגעטשאַדעט און פּוסטקייט יאָמערט אַרײַן אין שטאַרן פּנים פונעם דרויסן. יאָ, די מלחמה איז שנײַדיק־שאַרף אין דעם נאָוואָסיבירסקער קאַנט. ס׳וואַרפן זיך אין די אויגן נאָר ווײַבער אין מאַנצבײַל׳שע בגדים און אומעטום די שווערמוטיקייט פון מיליטערישע אין ערנסטן געאײַל אָדער מ׳זעט באַיאָרטע ענקאַוועדע־היטערס וואָס שלייכן זיך נאָך געזעמלעך אַרעסטאַנטן מיט געשמידטע פיס; מידיקלעך באַוואָפנטע מאַנצבילן טרעפט מען זיך נאָכשאָטענען פאַרחושכטע תפיסהניקעס וואָס טוען די לאַנגווײַליקע אַרבעט פון אויסקאָרטשען די ערד, גראָבן קאַנאַוועס, דאָס אויפקלײַבן שטיינער אין פעלד און אָנהויפן זיי אין בערגלעך. ווײַט אַרום לענגערט זיך אַ הוילנדיקע פוסטקייט. דערצו פינצטערן די אומעטן פון סיבלאַג * מיט זײַנע מויערדיקע צאַמען וואָס פאַרבאַהאַלטן הינטער זיך אַ וועלט אַ גאַנצע מיט סודותפולע תפיסה־באַראַקן. אויף שריט און טריט קריכט אַרויס די סאָלדאַטשינע און ס׳ווײַזן זיך ווײַבער, דער רוב אין מענערשן אָנטועכץ, אין שטיוול און מאַנצבילשע וואַטע־הויזן, אין פופײַקעס, אַנדערע אויך אין שינעלן מיט ביקסן איבערן אַקסל. בײַ יעדן קער — ווײַבער, יונגע, עלטערע, אַלע אין מענערשע שובעס און איינצײַטיק אין ברייטע געהעקלטע טיכער, פאַרוואָרפענע איבערן קאָפּ; ווײַבער זיצן דאָס גלײַכן אין קאַלעמוטנע קלייטן ווו עס איז נישטאָ וואָס צו פאַרקויפן; ווײַבערישע פורמאַנעס שפּאַנען נאָך די וועגענער וואָס צעפירן באַהייצונג־האָלץ פאַר פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און ווײַבער באַלעבאַטעווען אין די סקלאַדעס פון קרויטפעסער, אין קאַרטאָפל־קעלערס וואָס אַפּראָוויזירן די זאַוואָדישע גאָרקיכן. ווײַבער אויך בײַם מעל, בײַ ציגל. דאָס שוואַכע מין דינט דער שטאָט ווי פאַרקויפערקעס, אַפילו טרעגערנס פון שווערע זעק און היטערקעס פון עפנטלעכן האָב.

מחמת מלחמה האָט מען אומעטום אַרײַנגעזעצט פרויען; ווײַבער אַפילו אין אַזעלכע ערטער ווו מקדמונים פירט זיך אַז זיי זאָלן באַדינט ווערן פון מאַנצבילן. די קליידלדיקע זענען געוואָרן אַנזעעוודיק ביז גאָר. און יעדע האָט זיך געוואָלט ווײַזן כוואַטסקע, צו מאָל קורץ פאַרשוירן די האָר, כמעט ווי די מאַנצבילן, און ווי די מענער אָפּן פאַרדרייט אַ מאַכאָרקע־ציגאַר פון אַ צײַטונג־שניצל, געקאָפּטשעט. אויך יונגינקע מיידלעך בײַ וועמען די קאָלירקע לענטע־שלייפלעך האָבן זיך נאָך נישט געוואָלט אָפּטאָן פון זיי־

* סיסטעם פון סיבירער קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ערע צעפּ, האָבן זיך ווי אונטערגעאײַלט מיטן וואַקסן, מיטן נאַכטאָן די מאַמעס.

דאָס נעמלעכע אין די סיבירישע באָדהײַזער, ווו פרויען האָבן זיך געשטעלט אויף אַרבעט. אַזעלכע „באַניעס" זענען שטיין־געבויטע מיט ברייטע באַלעבאַטישקייטן, ווײַל אַהין ציט די מאַסע; משפּחהווײַז גייט מען אין באַניע אַרײַן. גאַנצע געזינדן ציִען אין מחנה אין באָד אַרײַן בראָש מיט אַלטיטשקע זיידע־באָבע; פון קליין ביז גרויס, איז מע זיך מכין צום אויסבאָדן זיך. געהילט אין שובעס, אין גרויסע טיכער און אַלע באַלאָדן מיט זעקלעך קויטיקע וועש וואָס מ'וואַשט איבער אין באָד, לאָזט מע זיך אין באַניע אַרײַן. מיט גרויסע צעבערס טראָגט מע זיך, מיט טיפע שיסלען און מולטערס און מיט אַ געמיט פון גיין אָנטאָן זיך אַ תענוג. דאָס ציִען זיך איבער גאַס און איבער פעלד אין באָד אַרײַן איז אַ פּראָצעסיע אַזעלכע מיט שטילער פֿײַערלעכקייט אין מיטן פון דעם טרעשטשנדיקן פּראָסט, אַפילו אין שניי־געווירבל. אַבי סע הערט זיך אַז די „באַניע" איז אויסגעהייצט, לאָזט מע זיך אַהינצו.

אויף די מיליטערישע באַניעס זענען זיך נישט באַגאַנגען אָן ווײַבער. גערופן די מאַנצבילן אין מלחמה אַרײַן אָדער זיי מאָביליזירט פאַר די זאַוואָדן ווו מ'שמידט וואָפן פאַרן פראָנט, האָט מע געשטעלט די פרויען צו דינען אויך אין די באָדהײַזער. ס'איז בכן נישט שכיח אַז אַזאַ זאָל זיך רייטלען ווען זי זעט אַ מאַנצביל וואָס קומט אַרויס מוטער־נאַקעט פון פאַרעוואָלקן זיך פרעגן אויף אַ צעבערל אָדער בעטן אים צו פאַרקויפן אַ ווערבעבעזעמל. יעקאַטיערינאַ פאַוולאָווונאַ דעניסאָוואַ איז איינע פון די דאָזיקע. מ'ווייסט אַפילו אַז זי איז געגוג פרײַנדלעך צו די קומערס אין באָד אַרײַן. זי זאָרגט זיך פאַר דער גאָרער באַלעבאַטישקייט פון דער באַניע, אַז גאָר ביט זאָל פאַרפעלן. פאַרפינצטערטע, אָפּגעריסענע פון די היימען, זאָל זיי כאָטש געגעבן ווערן אַ גוטינקע, אַ הייסע באָד. ווײַל אין באָד קענען זיי זיך כאָטש ריכטיק אויסוויינען אין געשוויץ, — איז איר ליבלעכער זאָג. זי רעדט פון דער „וואָיענער" צײַט און שאַצט איר שטעלע וואָס איז באַשטימט פאַר מיליטערישע, וואָס יעדער פון זיי איז אַ געראָי. ווער־ווער, אַ מיליטערישער וואָס ווײַזט זיך הײַנט אין סיבירער קאַנט, איז אַזאַ וואָס קומט פון פראָנט מיט אַן עקסטרע אויפגאַב אָדער ער טוט אויפן אָרט שטאַרק וויכטיקס. נישט אונדזער דאגה וואָס ער טוט, —זאָגט די דעניסאָוואַ אין גרויס אחריות. די אַנדערע וואָיענע, שוין קאַליקעוואַטע, זענען אַוודאי העלדן,

ווײַל זיי האָבן בלוט פֿאַרגאָסן, — רעדט זי מיט פֿאַרפֿרומטע ליפּן און אין אירע אויגן איז געוען יעדער מאַנצביל וואָס קומט אין באַניע אַרײַן. אַזוי־זיך איז יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ איבערגעגעבן איר אַרבעט, אלאַ אַז עמעץ פֿון די דאָזיקע ווערט איר געפֿעלן, איז עס שוין די פּריוואַטע זאַך פֿון דער דע־ניסאָוואַ. דער בירגערן פֿון לענינשן ראַיאָן אין דער גרויסשטאָט נאָוואָ־סיבירסק.

וואָס שײַך דעם סאָלדאַט פֿון טויזנט איין און נײַנציק, פֿון סאַמואיל באַמוערק, איז ער געווען פֿול מיט דאַנק פֿאַר דער זאַוובאַניע * יעקאַטיע־רינאַ פּאַוולאָוונאַ, וואָרן זי'ט אויסגעפֿאָלגט דעם רצון פֿון מיליטערישן און ווײַט נאָך האַלבן טאָג האָט זי דענצמאָל אים געוואַרעמט אין זײַן דורכויסיקן נאַקעט, בעת אין דרויסן האָט זיך געשטאַרקט די קרירה. פֿאַר נאַכט האָט זיך שוין געהאַט ווינטערדיק אַראָפּגעלאָזן, ווען וואַסיליעוו האָט אַ דעריאַכ־מערטער זיך צוריקגעקערט צו דער בעדערקע מאַנען זײַן לעבעדיקן משכון.

5

געבליבן פּנים אל פּנים מיטן אַטעם־פֿאַרשפּאַרנדיקן דעזינפֿעקציע־אויוון, וואָס האָט פֿאַרצערט דעם איבערבלײַב פֿון זײַנע היימישע קליידער, איז דער סאָלדאַט פֿון באַטאַליאָן 1091 סוף כל סוף טאָפּלט געהאָלפֿן גע־וואָרן: סײַ מ'האָט אים בעל כרחו מלבוש־ערומים געווען מיט סיבירער זאַכן, סײַ ער איז געשטעלט געוואָרן אין אַ בעסערן מעמד אין זײַן זעלנערײַ. אַלץ וואָס איז געשען, איז געשען אַזוי אומגעריכט אַזש ער'ט עס זיך אַליין נישט געקענט צוגלייבן. ערשט האָט ער זיך געוואַלגערט אין קויט, אָט־אָ זיך געצאַפּלט אין דערוואַרטונג אויפֿן סאַמע ערגסטן און דאָ אַזאַ קער! פֿאַרוואָר, עס איז אַ געגנאַרעריש שפּיצל פֿונעם שד בכבודו ובעצמו. ס'איז דען נישט באַוווּסט אַז דער טײַוול קען זיך פֿאַרשלײַערן? מסתמא בין איך זיך נאָך ווינציק אויסגעשטאַנען, — האָט שמואלן געוומען גריזשען אַ נײַער צווייפֿל. דער פֿאַרשוין אין שינעל שפּילט מיט אים אַ ביטערן קאַטאָוועס: בכיוון געלאָזן אים אָפּרייניקן דאָס לײַב, אָבער באַלד זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרומ־רייניקן אים די זעל. שמואל, שמואלעק, — האָט איבערשרעק זיך שוין צעשריגן אין זײַן צעשטאָכענעם באַוווּסטזײַן — זאָג ווידוי! געפֿאַלן דער בוים, פֿון וועלכן האָסט געהאָפּט צו זען פֿרישע פּירות. צוערשט אונטערגע־

---

* פֿאַרוואַלטערן פֿון דער באָד.

גראָבן געוואָרן דער וואָרצל, אַצינד ווערן שוין צעקאַליעטשעט זײַנע צווײַגן. טרער זיך כאָטש אויס אויף דײַן מזל! שעמסט זיך? נישטאָ זיך וואָס צו שעמען.

געקומען אויף אים אַזאַ משונהדיקע מינוט אַז ר׳האָט רחמנות געקראָגן אויף זיך. ס׳האָט געוויינט זײַן גאַנצער נפש. בפּועל ממש האָט ער געהערט ווי דער תהום פון קבר הוילט איבער זײַן אויסגעדייוועטן געביין.

„ס׳עט זיך שרײַבן פּה נטמן?" ווי אַ הונט אַ פּגר וועט ער פאַלן אין די שטויבן. מיט יאָמער־ווירבל קלאַגט שוין דער מיתה־צייכן צוקאָפּנס פון דעם אַנטשטומטן שמואל. ווי מיר, האָט מיט ליאַרעם אים פאַרקוועטשט דער באַדויער אויף זײַן ווײַב, וואָס זעט אים נישט אין זײַן אומגליקלעכער לעצטקייט.

ווי אַ סקריפּנדיק ראָד האָט פּחד מיט אויפגעיאָזשעטע האַרטע ברעמען זיך אַ דריי געטאָן פאַרן באַטאַליאָנעם קרבן באַמווערק. און בכל אופן האָט נישט געוואָלט ווייכן דער דראָענדיקער געכריפּ: „דײַן ווײַסטער סוף רוקט אָן אויף דעם־אַ גנאַי!"

אַ פאַרלוירענער געזעסן אויף דער באָד־באַנק, האָט דעם מענטש גענומען קראַמפּן דער נאַקעט: ווי אַ שטיין וועט ער אַרײַנזינקען אין טיפן שניי. ר׳עט בלײַבן גנ׳ען אָן אַן אָפּשייד־טרער. ערשט פּרווו שרײַען אַז ס׳איז אומשולדיק דער קרבן וואָס מ׳ברענגט מיט דיר. אָבער די כוחות זענען נישטיק, פאַרעטעריש. מ׳האָט דיך אויסגעטאָן, צוגעגרייט פאַרן לעצטן שענדלעכן וועג. ס׳איז די עקדה דײַנע, שמואל. ווען מ׳האָט דיך געלאָזן אַזוי, האָסטו נישט באַנומען אַז ס׳איז דאָס קול פון דער שטראָף. מיטן נאַקעט ביסטו באַלד פאַרשעמט געוואָרן, פאַרשרומפּן אין דעם ברעקל מענטשישקייט. אַרײַנגעקראָגן אים, די פּריידיקערס פון יושר.

אומדרייסט האָט דער סאָלדאַט פון 1091 זיך געשטרעקט צו דער וואָר וואָס שיילט זיך אויס אָט, אָט. אַ פאַרשמאַכטער אויפגעטויכט אין אַ פאַרטאָגטונקל, האָט אין שמואלן ערשט זיך געוועקט אַן אײַנגעשלעפּערטער ווייטיק הלמאַי די נבזהדיקע נויט דערנידעריקט אַזוי די מענטשלעכע ברואה. נאָך איצט, בײַם איינהאַק פון זײַנע לעבנס־טעג, מוז ער זיך קאָרטשען מיט לייידיקע געדערעם: „גיב אונדז אָפּ ס׳געהעריקע", — קומט צו שלומפּערן דער הונגער, און ר׳זעט זיך אַ נעבעכדיקן. אַפילו די פּאַסנע מיטאָג־יושקע וועט ער הײַנט נישט קריגן. וואָס פאַר אַ שווערע נקמה?! עס הימלט דאָס עוקץ

לעבן וואָס זיך נאָך אויפגעהיט אין אים. די־אָ האָבן צײַט צו שפּילן זיך מיט זײַנע ליידן. ר׳וועט זיך נישט דערוואַרטן אויף אַ מישפּט.

אויפן שיפּוע פון שניידנדיקן קלערן איז אויפן נאַקעטן נפש אַרויפגעפאַלן אַ ניכטערנדיק קול, וואָס האָט צוגעהינקט צו אים פונעם פּאַרע־געקנויל:

— ע, דו, ווו האָסטו זיך אַהינגעטאָן! — ט׳אומגעריכט זיך צעהילכט אין די פאַרשוווּמענע חללס. — נאָך נישט אויסגעטשוכעט זיך דער סאָלדאַט וואָס אָן פלודערן? ווי עס סטאַרעט זיך דער פער פון איין און נײַנציקסטן! עעע, רופסט זיך אָפּ, צי נישט?!

דער געטומל האָט זיך געריסן איבערן פּאַרע־געשוואָלענעם חלל.

די פּאַרע האָט זיך אַ וויג געטאָן אונטערן קלעטשנדיקן געשריי, אָבער זיך נישט געשפּאָלטן; פּלוצלינג אויפגעהויבענע אויגן פון נאַקעטע האָבן אין פּײַכטער לעבלעכקייט געבראָדזשעט אין פּאַרווישטן ליכט און געבליבן בעלמע־פאַרקלעפּט. אויך שמואל, וואָס געבליבן פון זײַן אָנטועכץ צו מאָל אָן אַ לאַטע צו פאַרדעקן זיך ס׳לײַב, האָט נישט געזעען ווער ס׳רופט אים אַזוי פאַרשייט. ער׳ט דאָס גלײַכן נישט געוווּסט אַז די בעדערקע איז געקומען אָנצוטשלאָפּן אַנטקעגן אָקערשטן געליאַרעם.

..קוים זיך אַרויסגעקראָגן פון זײַנע הוריות האָט ער, גלײַך אַ פאַרשפּעטיקטער, זיך געכאַפּט אַז ס׳איז ע ר , דער מיליטערישער וואָס האָט אים געהייסן וואַרטן דאָס אַ אומהיימלעכע וואַרטן. איבער אַ נײַס טומלט ער און ברענגט אויף אים דעם פּסק פאַר זײַן פאַרברעך. פון ס׳נײַ אָפּהענטיק דערפון, האָט שמואל נישט געקענט עפּענען ס׳מויל, רק געקוקט אַרום זיך און אין ליכטשײַן געזען נאָר מטושטשעשע פלעקן אין געל, אין וואַסערשוים.

אין אמתן איז עס געווען גאַנץ אַנדערש:

מיט פּראָסט־טוי אויף די ברעמען איז וואַסיליעוו נאַ צוואָל אַרײַנגעלאָפן אין באַדהויז און אויך אײַליק (דער טאָג־פּאַרגיי האָט׳ן געיאָגט) אויסגעפונען אין דער אָנגעדריוולטער פּאַרע דעם נאַקעטן באַמווערק.

— נאַ, —האָט דער שינעלנער זיך צו אים געווענדט, געשלונגען די אייגענע רייד— כאָטש ריכטיק זיך אויסגעוואַשן? אָ, ביסט שוין איין מאָל אַ פייגעלע! — און תוך כדי דיבור געשמייכלט־געמוסרט — קריך אַרײַן אין די אָ! הייב אַ האַנט, אַ פוס, חברהמאַן איינער. ס׳צײַט מיר זאָלן זיך פאַרנעמען פון דאַנעט. האָרכסט! יעי יעי, געפּטרט אַ טאָג! גיכער, ס׳איז שפּעט.

ווידער אַרויסגעבראַכט אַ האַלב־שמייכל, האַלב־רוגז און דעם אַ פּאַר־שווינטשיק צוגעוואָרפן אַ האַרב מיט וואָטע אויסגעשטעפּטע שמאַטעס, אויך גרויסע שטיוול. — טו אָן און געגאַנגען! — ער׳ט געפּליעסקעט רייד און נישט געקענט אײַנשטיין אויף אָן אָרט: — ריר מיט אַן אבר! מירן זיך נאָך דאַרפן ווײַזן פאַר אַ מענטשן!

6

אויסגעסטראָצלט אין די באַטאַליאָנע זאַכן האָט דער באַמווערק אין גאַנצן זיך פאַרענדערט. ער׳ט אויסגעזען ווי אַ ייִנגעלע וואָס מ׳האָט פאַר־שטעלט פאַר אַ זעלנער אָן ביקס און אָן שפּאָרן, נאָר מיט אַ גרויס היטל אין די אויגן אַרײַן און מיט אַ בלעכל שטאָטס אַ קריינדל, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן בײַ אַ זעלנער. אַזוי־אָ, אַ בידנער, קומט ער אין פּוסטן פעלד אַרײַן אין סאַמע שטורעם: אָנגעטאָן אין וואַטאָוון צייג, די פיס אין ברייטע, הויכע טשיז־מעס, דעם קאָפּ פאַרהיטן מיט אַ פּוטערנעם מיץ האָט ער דעם שטאַבנעם גע־לאָזט טאָן מיט זיך אַלץ וואָס אים ט׳זיך געוואָלט. און דער האָט אים געצויגן נאָך זיך און רק געטומלט:

— הייב די פיס! ס׳ט שלאָפן אויף דײַן נאַרע!

צו מאָל ט׳ער אין אים, אין פּנים אַרײַן אַרײַנגעהיקעט:

— טשוטשעלאָ, פערד געפּגרטער! דו גייסט, אָדער...? — און זיך גע־שוימט, געזאָטן פון כעס.

אָבער שמואל —אויסערלעך אַ פאַרענדערטער— האָט נישט אויפגעה־הערט אַרײַנצוקבערן אין זיך אויף נישט צו פאַרגעסן: דו ביסט אַ סאָל־דאַט. אַ משטיינס געזאָגטער סאָלדאַט. מוזסט אָננײַגן ס׳אויער דערצו וואָס מ׳רעדט. אַלץ איז באַפעל. גיך הערן, האַסטיק טאָן, און זיך אַ קאָרטשע געטאָן פון די קאַפּויער־געקומענע אַלטע יסורים. סע האָבן אויפגעצויקט זײַ־נע אַקסלען —

— איך בין אין זאַק פון פריקאַזן! פריקאַז איז אַ מעסער אין אַ בייזער האַנט. געלאַסן! מע האָט דיך אַרײַנגעפּלאָנצט אין אַ זאַווערוכע וואָס שפּאַרט אַריבער איבער צוימען, רײַסט אַראָפּ דעכער. קומט אַ זאַווערוכע, מוז זי אָפּטאָן ס׳איריקע: ברעכן, צעשטערן.

שמואל האָט געפּועלט בײַ זיך אָנצובייגן דעם רוקן, געלאָזט זיין קנעטן און — ס׳איז אַרויסגעקומען אויף גוט. קלאָמפּערשט גוט. איך בין ליים, — ט׳ער זיך נאָך באַלערנט. נישטאָ מער שמואל בוימווערק. ס׳פּאָ־

ראַן נאָר סאַמואיל באַמווערק, אַ שטויבל אַנטקעגן דעם כוח וואָס האַלט אין די פויסטן דאָס צערודערטע רוסישע הינטערלאַנד. ווי ס'פּעלד פאַרן שני־טער ליגט ער, עס וויגט זיך די קאָסע מיט געפּאָך. מיטן שנײַדן שאַרפט זיך נאָך דער פאַרצוקנדיקער בליאַסק. אָט פאַלן זאַנגען, אָט צעלייגט זיך אַ לאַן אַ גאַנצער. ס'איז געקעפּט דאָס גערעטעניש ווי ווײַט דאָס אויג כאַפּט. ששאַאַ! און האָט קיינער אים נישט געקוקט אין פּנים אַרײַן, האָט ער גע־שאָקלט דעם שווערן קאָפּ אין אוממאַכטיקן אַליינטרייסט:

— איך זע אייגנטלעך גאָר נישט קאָ' אויסטערלישס. אויף אַן אמת — גאַאָאָר נישט!

אַזוי אַרום האָט שמואל קראָשניעוויצער זיך „געשטאַרקט".

אָבער סײַ ווי איז מיט אים געשען גוטס. גוטס מיטן ווילדן סאָלדאַט פון 1091סטן באַטאַליאָן.

...אײַנגעזען אַז מ'קען ווײַט נישט אַוועק מיט אים, האָט מען פון זײַ־נעטוועגן ענדלעך אויסגעפונען אַן אַרבעט: אַרײַנגעזעצט דעם באַמווערק אין דעם אינסטרומענטן־קאַנטאָר פון איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש פּאָלאַנסקי. אַ גלײַכגעוויכטיקער מענטש מיט אַן אידל באָביש האַרץ, ווי מ'האָט זײַטיק גע־חוזקט פון זײַן ווייכקייט, האָט ער זיך נאָך געבייזערט, דער פּאָלאַנסקי הלמאַי מ'וואַרפט זיך אַזוי לאַנג מיטן באָיעץ וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון די רייען. שוין אַ צײַט ווי ער הערט וועגן דעם דאָזיקן! — האָט ער מיט אַ מאָל זיך דערוועגט אויף אַ דרייסטקייט נישט אָן צאָרן.

— גיט אים אַהער מיר, —האָט פּאָלאַנסקי כמעט זיך צעשריגן אין בוי־קאַנטאָר, ווהין מ'האָט ווידער אַרײַנגעבראַכט דעם איבעריקן סאָלדאַט. — ס'אַ חרפּה פאַר פאַרטייערס וואָס זיי האָבן ביז איצט נישט אויסגעפונען בײַ זיך אַ ביסעלע פאַרשטענדעניש פאַר אַ מענטש וואָס איז באַשײַמפּערלעך נישט פאַרדאָרבן. ר'איז שוואַך פאַר אַרבעט אין דרויסן, גיט מען אים אַר־בעט אינעווייניק. דאַוואַיטיע, איך נייטיק זיך דווקא אין אַזוינעם. מיר ט'ער זײַן ניצלעך און דער סטראָיקע וועט ער זײַן ניצלעך. קען ער נישט אַרבעטן, וועל איך שוין מאַכן אים עפּעס צו טאָן. ס'וועט זיך געפינען פאַר אים. איז ער אָרנטלעך, וועט ער שוין טויגן. איר'ט זען! ס'נישט קיין קליי־ניקייט אַ פּאָר הענט, מײַנע ליבע, און אַ מענטש איז מענטש! —

אַ נערוועזער, שטאַרק בלאַס פון פּלוצלינגער צעטראָגנקייט, האָט מיט

באַליידיקטקייט שאַרף אויסגעזונגען דער נאַטשאַלניק פון אינסרומענטן־קאַנטאָר און די פירערס פון דער גרויסער בויונג האָבן אים נאָכגעגעבן:

— אַדרבא, איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש. קיינער האָט גאָר ניט קעגן דעם, מירן נאָך דאַנקען, אויב דו וועסט אים באַשעפטיקן צו אַלעמענס נוצן. אַנטשולדיק, וואָס קיינער האָט נישט געפּרווווט צעקײַען אַזאַ ביסן, צו וואָכ נישט געוווינט. מירן נאָר מעלדן דעם וואָיענקאָמאַט אַז דער ענין איז דערפירט צו אַ טאָלק. גוט, גוט, איגנאַטי וולאַדימיריטש. פון אונדזער זײַט דעם גרעסטן דאַנק דיר. פּאָלאָנסקי האָט דערויף שוין נישט געענטפערט, נאָר צערטלעך, כאָטש האַסטיק אָנגענומען באַמווערקן בײַם אָרעם און גלײַך אים אַרײַנגעפירט צו זיך: — קומט, יונגער מענטש!

שמואל האָט אָפּגעעטעמט מיט דערלײַכטערונג ווען ער׳ט דערזען אין פּאָלאָנסקין אַן אומגעריכטן מליץ־יושר. ער ציט אים אַרויס פון צווישן די וואָס האָבן אים געגערט מיט שאַרפן אומרו.

# 11

## פּאָלאָנסקי

1

אָן אַ זײַט פֿון דער אומענדלעכער טעריטאָריע האָט איגנאַטי װלאַדימיראָװיטש פּאָלאָנסקי געהאַט זײַן קלײנעם הילצערנעם קאַנטאָר־באַראַק און אַרום דעם זענען געװען פֿונאַנדערגעװאָרפֿן עטלעכע שאָפּעס, גרױסע ברעטערנע קאַמערן, אױף גיך צונױפֿגעהאָפּטענע מיט טשװעקעס, פֿאַרמאַכטע אױף הענגלשלעסער.

— זעסט, —האָט איגנאַטי װלאַדימיריטש צוגעפֿירט צו זײ דעם פֿאַרבליפֿטן סאַמואיל באַמװערק.— דאָס איז עס, װאָס איך פֿאַרמאָג. פֿון הײַנט אָן װעט עס זײַן אױך דײַן פֿאַרמעגן. שותּפֿות, באַשטײסט? דער מענטש האָט אין תּחילת נישט געװוּסט װי זיך צו װענדן צום דאָזיקן, װאָס אַרײַנגעבראַכט צו זיך — דוצן אים אָדער אירצן. אָבער קודם האָט ער געהאַלטן, איז נײטיק אים אױפֿצוקלערן דעם זין פֿונעם גאַנג, װאָס יענער האָט אָנגעלײגט כּדי צו דערגײן אַהער: — דאָס איז אַלץ װאָס מ׳באַדאַרף אָפּהיטן. נאָך צוגעבן, יונגער מענטש? — האָט פּאָלאָנסקי אױף אים אָנגעשטעלט זײַן פֿרעגנדיק פּנים — איך האָב גאָר נישט מער צו זאָגן. נו, אָפּהיטן, אַז אַלץ װאָס קער זיך אָן מיט דעם, זאָל ריכטיק שטײן און גײן. בלױז האַלטן קאָפּ. כ׳װײס, מ׳קען נישט אױף אַ מאָל באַנעמען אַל דאָס פֿרעמדע. גאָר נישט גײט אַזױ פֿלינק. פּאַמעלעכקע, יונגער מענטש, כ׳װעל אײַך אָנװײַזן — אי בודיעט. ס׳װעט זײַן כאַראָשאָ. קוים־קוים האָט זיך פֿון אים אױסגעבלײכט אַ שמײכל, װײַל פֿול שמײכלען איז איגנאַטי װלאַדימיריטש נישט מסוגל.

טונקלעװאַטע איז געװען פּאָלאָנסקיס קאַנטאָר. פֿון רױ־הילצערנע װענט װאָס האָבן נאָך נישט אָנגענומען קײן קאַלך, אַ פּראָסטער שרײַבטיש און איבערן קאָפּ אַ תּמיד אָנגעצונדן עלעקטריש לעמפּל, אין גאַנצן אַ נאַקעטס. אַזױ האָט פּאָלאָנסקי פֿון דעם קאַנטאָר געקיניגט איבער אַלע בױונגען, װאָס גײען אָן אױף דער ברײט צעצױגענער טעריטאָריע. װאָס עמעץ

האָט באַדאַרפט פאַר די סטראַיקעס, האָט ער געמוזט אָנקומען צו איגנאַטי וולאַדימיריטשן. צוויי קעסטלעך, פול מיט שטײַפע, גראָע קאַרטאָנדלעך, קנאָפּ פּאַרשריבענע, איז געווען דער אַלץ מיט אַנאַנד פון דעם קאַנטאָר, אויך אַ גרויס־בלעטערדיק בוך מיט אַ געדיכט־צעווירעטער נעץ פון ליניעס, וואָס האָבן נאָר אַרויסגעקוקט אַז אַ האַנט זאָל זיך צו זיי צורירן. אָן ענלעכע מער־כה האָט געהאַט דאָס אויסוואַרטנדיקע האַרטע הילצערנע ביוראָ־בענקל. עפּעס אײַלט עס זיך נישט אונטערצוקומען עמעצן מיט אַ ווונק: „שפּאַר זיך צו, מענטש". ווײַל קיינער גייט רעכט נישט אַרײַן אַהער און דער באַ־לעבאָס האָט נישט קיין געדולד זיך אַוועקצוזעצן אויף אַן אָרט. פּאַלאָנסקי איז אַ מענטש אַ שטילער, אָבער אַן אומרויִקער. פּאַלאָנסקי האָט אַ טבע אַז ער פּאַרטיקט אָפּ זײַנע קונדן אין דרויסן, ווי באַלד זיי פּאָרן צו צום אינ־סטרומענטן־קאַנטאָר. דערליידיקט, די קומערס, גייט ער דערנאָך אַרײַן פּאַרצייכענען וואָס אַרויסגעגעבן; ער טוט אַלץ שטייענדיקערהייט, אויף דער געשווינד, און ווידער טראָגט עס אים. אי עס ציט אים צום האַרמידער וואָס טוט זיך אין דער נאָענטער ווײַט זײַנער, אי עס טרײַבט אים אַרויס דער קאַנטאָר וואָס איז אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן פון דער ברומעדיקער סודותדיקייט. ווײַל בויען בויט מען ווײַטלעך אַרום די ראַנדן פון דער טעריטאָריע.

כאָטש ס'איז רויִק אין דער סביבה, גליוועוט דאָ אַן אומבאַגרײַפלע־כער פּאַרכט. עפּעס איז איבערגעלאָדן מיט סוד, מיט אויסטערלישער אײַנ־געהאַלטנקייט וואָס וועבט זיך ביז טיפער נאַכט אין ווײַטלעכן ביוראָ אין מיטן דער אויסגעשפּרייטקייט פון דעם וויסטן שטח. מסתמא דערפאַר האָבן פּאַ־לאָנסקין שטאַרק באַשעפטיקט זײַנע שאָפּעס, זיי האָבן אים געצויגן אַקוראַט ווי לעבעדיקע ברואים וואָס רופן, זאָגן צו איבטימס; און ר'האָט אַן אויפהער אויסגעקוקט אָנפּאַרנדיקע שליטנס וואָס קומען נעמען נייטיקס פאַר די בויונגען. אַפילו אין שניי־געווירבל פּאַרגינט זיך איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש צו שטיין אַקעגן שטורעם און וואַרטן אָנקומערס. פּאַראַן וויכטיקס, ליביג־קער? — שטעלט ער אַן זײַן בליק אויף אַזעלכע.

שטענדיק האָט אים געאָנט, אַז צו גלײַך מיט אַן אָרדער אויף מאַטעריאַ־לן, אויף אינסטרומענטן (וואָס די דאָזיקע ווילן אַוועקפירן), טראָגט מען אים צו איבעררעשנדיקע נײַס. פּאַלאָנסקין איז תמיד געווען אומעטיק, האָט גע־בענקט נאָך אומגעריכטקייטן וואָס גרייטן זיך, מוזן קומען. „וואָס איז לעבן?

—פלעגט ער זיך גריבלען כדי צו פאַרטרײַבן דעם לאַנגווײַל:— אויף איבערבויען דעם מענטש אין זײַן תמצית, איז די רעוואָלוציע, וואָס מ׳פירט צו איר דאָס פאָלק. אויב אַנדערש, מיינט ער, בלײַבט פון אַלדינג קרעץ, סאַמע מיאוס!” פאָלאָנסקיס פילאָסאָפיע האָט אים געשטויסן צו מעשים, צו דעקן די גראָבקייטן וואָס עס הויפן אָן די מיטמענטשן, אַפילו די פּאַרטייערס. „אַבי דאָס טומלט!” ער קרימט זיך אָפּט מאָל און טוט, פלײַסט זיך מקיים צו זײַן מענטשישע באַשיידנקייט, וואָס ער׳ט אַרײַנגעבראַכט אויך אין זײַן היים. ער באַדאַרף נישט מער ווי אַ בעט און אַ טיש און אַ טאָפּ צו קאָכן ס׳געקעכטס אויף צו דערוואַרעמען די אינגעווייַדן. פונקט אַזוי באַדאַרף נישט איגנאַטי מער ווי איין פּאָר הויזן. דער עיקר איז אַרבעט, ווײַל פון מײַן אַרבעט קען אויך אַן אַנדערער האָבן אַ נוצן. איך — ברויט, יענער — אַ טשוועקל אַרײַנצוקלאַפּן אין דער פּאָדעשווע, אַן אַנדערער — אַ טיר אַרײַנצושטעלן אין ביישטידל קעגן הפקר פון ווינט און קעלט, וואָס דאָקוטשען דעם מענטש. אַוודאי, אין צענטער שטעלן דעם מענטש, וואָס טוט דאָס נייטיקע פאַר זיך און פאַרן שכן. אַזוי אויך פּאָלאָנסקיס ווײַב. זײַן ווײַב איז שטענדיק אַרײַנגעטאָן אין אירע לערערישע עסקים, אַפילו אין דער היים איז זי פאַרנומען מיט איבערקוקן די שולהעפטן. — ס׳וויל, זאָגט ס׳ווײַב איגנאַטין, מיר מאַכן ווידער שריט פאָרויס. עס געפעלן אים יעוודאָקיאַ גראַסימאָווגאַס רייד, אָבער עפּעס בלײַבט נאָגן. זי וואָלט פון דעסטוועגן באַדאַרפט מאַכן אַנדערש, ווײַל הער היים פעלט עפּעס, אַזוינס וואָס לאָזט זיך נישט אין אויגנבליק אויסקלאָרן אין געדאַנק. צו זײַן שטומער אומצופרידנקייט זעט ער אַז אויך זייער טעכטערל איז שוין צו פיל אַוועק אין זיך. אַ באַרישניע יערט אין דער קליינער, באַדאַרף זי אויך ווינציק דעם פאָטער. ס׳ווײַב גייט פאַר־זיך און די טאָכטער פאַר־זיך. דאָס ביסעלע היימישקייט פּאָלאָנסקיס בלישטשעט זיך אויס אַ פאַרבאָרגנס אין אים. ער לאָזט בכן אויס זײַן גאַנצע ענערגיע אין דעם סומנעם ווינקל וווּ ער איז גאַנצער באַלעבאָס. דער אינסטרומענטן־קאַנטאָר איז פּאָלאָנסקין דער אַלץ מיט אַנאַנד פאַר זײַן מענטשלעכן קיום. ס׳וועט גוט זײַן, —האָט ער געחלומט— ווען פון די פונאַנדערגעגראָבענע קאַנאַוועס און סטאַרטשנדיקע ווענט וועט ענדלעך אַרויס אַ נײַנקער ישוב. דערווײַל איז האַמעטנע די פוסטקייט וואָס די טײַגע האָט געלאָזן. עך, —גיט עס אַ מאָל אַ פלאַם פון אים— ווי זיי וואַקסן, די סטראָיקעס! אַ שטאָט אַ פאַבריקישע מיט קוימענס וואָס רייכערן, מיט הײַזקעס,

מיט משפּחה־לעבן, מיט קינדערשן געלעכטער, און קאַטאָוועסן, אויך בראָנ־פנדיקן געזאַנג ביי אַ זונטיקדיקער טאַנצערײַ, אַפילו מיט געשריי. ווייל וואָס מ׳האָט באַשטעטיקט דעם פּלאַן אַרײַנצופירן אַהער אַ קליינבאַן. נישט נאָר אַ זאַוואָד־גיגאַנט ווערט געבוירן — אויף דעם פּלײַן וועלן זיך מערן מענטשן, ס׳עט קומען אַ באַוועגונג, ס׳וועט פאַרטריבן ווערן די קאַלעמוט־נעקייט. אַ באַן מיט וואַגאָנעטקעס פאַר פאַלק און פאַר מאַטעריאַלן, פאַר רווישטאָפן און פאַר פּראָדוקציע! שיין איז אַ באַן וואָס שנײַדט זיך אַרײַן מיט רויש אין פעלד פון לעבן. ס׳רעגט אָן צו פריילעכקייט. ס׳וועט זײַן א ו י ס מיטן אײַנגערינגלטן טויטן שטח! אַזאַ באַן קלינגט און הודיעט ווי אַ קאַרוסעלע אין אַ קינדערשער העלדן־געשיכטע. זי׳ט צוגעבן פאַרנעם אויך דעם אינסטרומענטן־קאַנטאָר, חבר סאַמואיל. די אינסטאַנצן וועלן זיך מערער רעכענען און די אויפגאַבעס וועלן אויסגעברייטערט ווערן — — פּאַלאַנסקי האָט זיך פאַרכליניעט מיטן רעדן דערפון און ר׳האָט אויפגעהויבן דעם בליק צום צוהערער.

— באַנעמסט עס כאָטש, חבר באַמווערק? — האָט איגנאַטי נישט גע־קענט צאַמען די פרייד, וואָס האָט אים אָט־אָ אַריבערגעשוימט.

— געטראַכט דערפון, מ׳שמועסט אין די בריגאַדעס.

— ווייל, אָבער דערווײַל דאַרפן מיר עס נישט איבעררעדן. אַז ס׳וועט ווערן, וועלן מענטשן אַליין עס זעען ווי אויף דער אייגענער דלאָניע און נעמען גלייבן. אַז דו דערציילסט עס הײַנט, קענען זיי מיינען ס׳איז אַ מעשה. אמת, זאָגן צופריער „אַז ס׳עט זײַן״, איז מע נישט מחויב? אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועט מען שוין אָנהייבן אויסגלײַכן דעם שטח, אָנפירן גרוזאָ־וויקעס מיט שווועלן, שטאָלענע קליאַמרעס. ס׳עט זיך שטעלן אַ נײַע אַרבעט, נישט בלויז אַ בזיערישע. דערנאָך, דערנאָך, חברל, וועלן זיך אויף דער אומעטיקער ערדפלאַך באַווײַזן רעלסן, אמתדיקע רעלסן וואָס מאַכן רוסי־שע געשיכטע. פון אַ העק וועט אויסוואַקסן אַ צענטער, אַ נײַער סיבירער לעבנס־נערוו וועט נעמען קלאַפּן. אָ־אָ, און ס׳וועט באַרײַכערט ווערן דער אַסאָרטימענט פון מאַטעריאַלן, קעגנשטאַנדן אין אונדזער קאַנטאָר. טרעניר די מוסקולן, סאָלדאַט, גרייט כוח פאַר אַ נײַעם אָנגריף אויף דער פאַרשלע־פערטער ענערגיע! מירן טראַקטאָרן, קאָמפּרעסאָרס שוין אויסגעשריבן, סאַ־מויל יאַקאָווליטש, — האָבן זיך צעלויכטן פּאָלאַנסקיס אויגן. אין דעם האָט ער אָפּגעשוויגן און איינעם אַליין געלאָזן אין קאַנטאָר זײַן מיטאַרבע־

טער. פּלוצלינג זיך דערמאָנט עפּעס. „ר׳מוז גיין״, האָט ער געזאָגט סאַמואילן. ווי זײַן באַלעבאָס, האָט אויך סאַמואיל געהיט די פּאָזיציע וואָס איז חשיבותדיק צוגעשריבן דעם אינסטרומענטן־קאַנטאָר, אָבער להיפּוך צו זײַן אַפּוטרופּוס האָט ער זיך געשראָקן אַז עמעץ זאָל נישט אָנקומען מיט אַ שליטן בעטן עפּעס פאַר די בוי־אָביעקטן. שמואל האָט מורא געהאַט זיך צו מאַכטיקן מיטן פאַרמעג וואָס אין די גרויסע קאַמערן. מ׳קען אים אָפּגענאַרן, די חתימות אויף די אשר־יצר־פּאַפּירלעך וואָס מ׳ברענגט, זענען אים אומאייגן. שמואל קראָשניעוויצער האָט אין סיביר שטאַרק געציטערט פאַר דער זעלבשטענדיקייט, וואָס מ׳דערלאַנגט אים. בײַם סאָציאַליזם איז אַ לאָפּעטע אויך אַ מאַיאָנטעק, זאָל ער פאַר אַ בילע־וואָס אײַנשטעלן דעם קאָפּ?

די וויכטיקייט פון דעם נישט אָנזעעוודיקן קאַנטאָר איז באַשטאַנען נישט אַזוי אינעם פאַרשרײַבן וואָס ס׳וועט אַרויסגעגעבן פאַר די סטראָיקעס, ווי אין באַלעבאַטעווען מיט די אינסטרומענטן. און נאַטשאַלניק פּאָלאָנסקי האָט געבאַלעבאַטעוועט אויף זײַן שטייגער: אויפן קאָפּ געוווּסט וואָס בײַ וועמען צוריק צו מאָנען, האָט געוואָרנט קעגן צעשעדיקן דאָס ווערטיקע וואָס דינט דער אַרבעט. „געדענק, פלעגט ער אָנזאָגן די בריגאַדירן, ס׳נישט אײנציק פאַר דיר אַליין דער שרויפשטאָק. פאַראַן אויך אַנדערע וואָס האָבן צו טאָן נישט ווינציקער דערהויבנס. אַזאַ צווייטן אינסטרומענט איז נישט צו קריגן, חבר״. אַפילו פּראָסטע גראָבאײַזנס ט׳ער געהאַט אויפן אויג, פלעגט אַרומגיין זיי צונויפזאַמלען בײַ די באַזונדערע קאָרפּוסן. אין פרײַע שעהען איז ער אַרײַן אין זײַנע סקלאַדעס, געהאַט אויפן זכרון איטלעך שטיקל געצײַג, יעדן אינסטרומענט און געדענקט גענוי ווו עפּעס ליגט. באַהאַוונט אין דער בוי־בראַנזשע האָט איגנאַטי באַצײַטנס געוווּסט וואָסערע מאַטעריאַלן אויסצושרײַבן פון מלוכישן טרעסט, מאָנען באַשטעלונגען בײַ זאַוואָדן, פרעגן, וואָרענען קעגן פאַרשפּעטיקן ס׳ליווערן. רערן, צינבלעך, אַזבעסט, פּעך זענען דרינגלעך נייטיק, — האָט ער טעג דורכאַנאַנד אַרײַנגעשריגן אין טעלעפאָן־טרײַבל. גערעדט, געבויגן זיך און די פּראָסט־באַזילבערטע ציטערנדיקע דראָטן אין פעלד האָבן אײַנגעפּלאָנטערט דעם בלאָ פון שניי אינעם גראָ פון דרויסן, זיי האָבן אָפּגעהודזשעט אין איגנאַטי וולאַדימיראָוויטשעס שלייפן און קאַלעמוטנע צעמישט זײַן העלפער. סאַמואיל האָט צוגעזען ווי דער באַלעבאָס בעט זיך, וויל עמעצן איבערצײַגן, כעסט זיך אַנטקעגן די ענטפערס וואָס ברומען אָפּ אין דער קעלט צוזאַמען מיט דער

סודותדיקייט פון דער מלחמה, וואָס גייט אָן מיט בלוט־געטריף אין דער נאָענטער ווײַט.

„איר באַנעמט נישט דעם אונטערשייד, ניקאַנאָר סערגעיִטש? מ׳מוז אונטערשיידן פליכט און מ ו ז. מירן איצטער געשטעלט אויף דער ליניע פונעם מוז. אויף קיין איין שעה קענען מיר נישט אָפּלייגן ס׳אויספירן די פליכטן!" — אויף דער גאַנצער לענג פון די ברומעדיקע דראָטן האָט עס זיך געקנוילט ווי פלאַקערנדיקע כוואַליעס פון געליאַרעם. פּאָלאָנסקי האָט אומאויפהערלעך זיך געבויגן איבערן טעלעפאָן־קעסטל, אַרײַנגעוויגט זיך דערין: — „דאַ, דאַ, איך הער", — געקרימט העוויות און לסוף זיך צעצונדן אַקעגן דעם וואָס דרייט אַוועק פון אים ס׳נישט געזעענע פּנים.

ליאַרעם און וואָרענונג האָבן זיך איבערגעקרייצט אין פּאָלאָנסקיס טענות צו אומגעזעענע:

„אײַער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויב די אַרבעט וועט אונטערהינקען. איך וואָרן באַצײַטנס!" זײַנע באַקן האָבן געציטערט, דאָס קול ט׳זיך מיט אַ מאָל אונטערגעבראָכן. דער מענטש האָט זיך איבערגענומען מיט אַלץ, וואָס איז נישט גלאַט אַוועק אויף דער טעריטאָריע. די זאָרג פאַר מאַטעריאַלן און אינסטרומענטן פאַר דער בויונג האָט נישט אויפגעהערט צו דריקן אויף פּאָלאָנסקין. אין חשבון איז דאָ אויך אַרײַן ס׳קאָפּברעכעניש פאַר די דעפּיציטנע מאַטעריאַלן וואָס די גרויסע בויונג האָט געמוזט באַקומען אָן אָפּהאַלט: טשוועקעס, אײַזן־דראָט צום בעטאָנירן די ווענט, די דעכער, צינענע רערן, עלעקטרישע צודאַטן. געווען עלעמענטן, וואָס האָבן אויסגעפעלט אין גאַנצן לאַנד. „נישטאָ, סע האָט פאַרפעלט; נאָך נישט באַוויזן נאָכצוקומען פריִערדיקע באַשטעלונגען", — זענען געווען אָפטע ענטפערס. — „מיר באַקומען מער דרינגלעכע פאָדערונגען", — האָבן מיט אַן אָנוווּנק, געהיימנישפול געטענהט פאַבריק־דירעקטאָרן, אָנפאַרטרויטע פאַרטיי־טוערס. „איר ווייסט נישט? דער פראָנט!" דאָ און דאָרט האָבן צוליבן פעלן פון מאַטעריאַלן געמוזט איבערגעריסן ווערן די ברענענדיקסטע אַרבעטן. אַזאַ עווענטואַליטעט האָט פּאָלאָנסקין אַרײַנגעוואָרפן אין אַ כמור־קאָנוולסיע; ס׳האָט געצוקט זײַן פּנים, זיך פאַרהאַקט אין די רייד. אים איז געוואָרן ענג די וועלט. דערנאָך איז ער נישט געגאַנגען אָפּעסן אין גאָרקיך, פון אַהיימגיין צו אַ מאָלצײַט איז דאָך אָפּגערעדט. די היים ט׳אים סײַ ווי נישט געצויגן צו זיך. ווי ער, איז די היים —סע מיינט דאָס ווײַב— געווען איבערן

קאָפּ פאַרנומען מיט אַרבעט. אַרבעט איז אַ רעליגיע, פון וועלכער מ׳טאָר זיך נישט אָפּקערן. און פּאַלאַנסקי האָט אַפילו נישט געקענט רויק דורכשלאָפן די נאַכט. ווי אַזוי וועט ער זיך פאַרענטפערן! — האָט ער געפיבערט מיט די פאַראַנטוואָרטלעכקייטן וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו קריכן אים אין מוח, רודערן אין בלוט. צו מאָל ט׳ער אין פאַרויס אָפּגעשפּירט די פּיין צו מוזן זיך דרייען אויפן קנאַפּל אַנטקעגן יענע, וואָס קענען קומען מיט העזה: גיב, איגנאַט, אָבער זײַן האַנט איז אָפּט אוממאַכטיק. יאָ, ער׳ט תּמיד געוווּסט וואָס עס פעלט. ער גופא איז אַ גייעדיקער סקלאַד: אויפן זכרון געהאַט דעם גאַנצן אינווענטאַר פון זײַנע שאַפעס. אַלץ וואָס אים איבערגעענטפערט, איז לעבנסנייטיק פאַר די אונטערנעמונגען וואָס מוזן אין גיכן געלאָזן ווערן אין גאַנג. דירעקטאָרן בײַסן זיך אָפּ די פינגער מחמת דוחק אין קלאָמפּערשטע קלייניקייטן, וואָס זענען דאָך גלײַך צו אומגעדעקטע פּראָבלעמען. די פאַראַנטוואָרטלעכע מוזן עפּטערס זוכן ס׳דרינגלעכע אויפן טאָלטשאָק, צאָלן געפּפערטע פּרײַזן. און עס בליט דער שוואַרצער מאַרק. אַלע מוזן ציִען אַהין. ס׳איז אַזאַ פאַרווערטער גן־עדן, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּשאַפן. ס׳וואָר, — קלערט איגנאַטי, דער פאַרבאָטענער מאַרק איז אַ פונאַנדערגענומענע גרויסע טורמע, וואָס דו קענסט ריכטיק נישט באַנעמען: ווער שטעלט זי ווידער אויף די פיס? אַנדערע שמייכלען נאָך צו איר! אַלערליי זשוליקעס און שפּאַרבערס ווײַזן זיך אויפן טאָלטשאָק, ווו בפירוש אַלץ איז צו קריגן „אויפן אויער". און דו מוזסט אָנקומען צו אים. פּאַלאַנסקין גייען נישט אַרויס פון זינען די טונקעלע משא־ומתנס, ר׳ציטערט פאַר זיי. אַרײַנצופאַלן, טענהט ער מיט זיך, איז ניט שווער, אָבער ריינוואַשן זיך וועסטו שוין קיין מאָל ניט. דערפאַר שרעקט אים יעדער זײַטיקער, זשעדנער בליק וואָס פאַלט אויף זײַנע ברעטערנע סקלאַדעס אין פעלד, אויף די נעבעכדיקע שוואַכע שלעסלעך וואָס הענגען אויף זייערע טירן. מ׳קען אַלץ בײַ אים צעשלעפּן, — פלעגט ער פאַרלירן אַ קרעכץ. ער שטעלט אײַן אַזוי פילו! וואָרן ווער איז נאַטשאַלניק פון אינסטרומענטן־קאַנטאָר? פּאַלאַנסקי קען זיך נישט מאַכן יונגלערריש. מ׳טאָר נישט געטרויען דעם פײַער. דער אומעטומיקער דוחק באַגײַסטיקט אַ סך מיאוסע זאַכן. גלײַכער מ׳גיט נישט קיין געלעגנהײַט דעם אָרנטלעכן צו ווערן אַ גנב. פאַרהיטן יענעם פון אַ שטרויכלונג איז גאָר, גאָר וויכטיק. ניין, איך וויל נישט טראָגן אויף זיך קיין זינד דערפאַר, — האָט דער מענטש מעדיטירט אין איינע ציטערניש.

שוין אַזאַ כאַראַקטער בײַ פּאָלאָנסקין. ער ווערט צענומען, ווען ר׳האָט אַ פֿאַרדאַכט אַז מ׳קען עפּעס אַוועקשלעפּן פֿון אונטער דער האַנט. סײַ ס׳איז אַ שאָדן סײַ ס׳קען זײַן אַ שטער אין דער בויונג.

עס טרעפֿט אַז אין מיטן נאַכט כאַפּט ער זיך אַרויס אַ שמעק טאָן צו זײַנע שאָפֿעס. ס׳איז פֿויל מיך אַ גאַנג פֿון דער געמזיערטער שטאָט ביז דער טעריטאָריע, וואָס אָטעמט מיט וויסטעניש; דאָרט סטראַשען ערשט סקעלעטן פֿון קאָלאָסן און ס׳באַפֿאַלט די סווישטשנדיקע פֿינצטערניש. יאָ, דווקא פֿון דעם וויל מען אויספֿלאַנצן אַ פֿאַבריטשנעם ישוב. אָבער דער־ווײַל איז סומנע. שרעקט אים די טעריטאָריע, כאָטש ער׳ט שוין אַרײַנגע־טאָן אין איר אַ שטיק פֿון אייגענעם לעבן. ווי אַזוי האַלט מע זיך בײַ איר און ווי אַנטלויפֿט מען פֿון אַלעמדינג! אויף איגנאַטי פּאָלאָנסקין קומען מינוטן, ווען ער ווערט צעשטורעמט פֿון די ווידעראַנאַנדיקע געפֿילן. אין מיטן נאַכט ציט אים אַהינצו און ער׳ט אײַנצײַטיק סכנהדיק מורא פֿאַר דעם צעצויגענעם פּוסטן שטח. אָ, מעגלעך — צאַפּלט ער אויף — גראָד איצטער האָט זיך עמעצן פֿאַרגלוסט בודק צו זײַן די סקלאַדעס. דאָס שרעקט אים און ר׳האָט פֿאַראיבל אויף זיך, למאַי ער פֿילט אַזאַ צוגעבונ־דנקייט צו דער טעריטאָריע. זי׳ט שוין גענומען דעם אויבן־אָן בײַ אים, זי איז׳ן נענטער ווי די אייגענע היים! און בינו לבינו וועקט זי בײַ אים דעם עול: אוך, אויף אַלע דײַנע וועכטערס איז זיך קנאַפּ צו פֿאַרלאָזן! רוחות באַוועגן דעמאָלט זײַנע פֿיס, זעעוודיק ווערן זײַנע הענט. די דאָזיקע צע־רודערטע נעכט לייגן זיך אויף זײַן געמיט, אָבער פֿאַרבאַגינען איז ער פֿון ס׳גײַ שוין אויפֿן אָרט. מיד מיניען אים אַנטקעגן די שטערן.

כמעט שטענדיק איז פּאָלאָנסקי באַגינען דער ערשטער פֿון די נאַטשאַלני־קעס אין דער פֿויזנדיקער קאַלטער פּוסטעניש, ער צעוועקט די אַנטדרימלטע נאַכטהיטערס: גוטמאָרגן! נישט צוגעלעגן געוואָרן אין אַזאַ נעכטל? נו־קאַ, גיב זיך אַ באַוועג, מענטש! — כוחט ער זיך אַפֿילו אויף אַן אומהיימ־לעך געלעכטערל און גיט ווידער אַ שמעק צו די סקלאַדעס, טאַפּט זיי אַרום מיט אַלע זײַנע חושים. „זשוליקעס אַזוי פֿיל, נישט צו דערהיטן זיך פֿון זיי!״ אויפֿן גאַנצן שטח איז פּאָלאָנסקי תמיד דער ערשטינקער וואָס ברענגט אויף ליכט אין קאַנטאָר. אַן איינציק בלישטשל אין דער שנייִקער גראָ־קייט פֿון ערב־טאָג. דער אינסטרומענטן־קאַנטאָר איז די וואַכעדיקסטע פּאָ־זיציע פֿון דער בויונג, — האָט אַ מאָל אַרויסגעבראַכט דער הויפּט־נאַ־

טשאַלניק בײַ אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער מאַסע בויערס, מויערערס, אויפֿטוערס אַרום די קאָרפּוסן וואָס דרימלען האַמעטנע אינעם אינזשיניערישן פּלאַן. איגנאַטי װלאַדימיריטשן זענען מיר אַלע שולדיק די אָנערקענונג פֿאַר געטרײַשאַפֿט. — ריכטיק, חברים? — האָט דער רײַך אָנגעטוענער נאַטשאַלניק אויסגעצויגן זײַן פּנים און געוואַרט אויף דער באַיאָונג פֿון די צונויפֿגעטריבענע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן אים שווער אַקעגנגעפּינצטערט. — ריכטיק, ריכטיק, — האָט די פֿאַרזאַמלונג שאָטנדיק געוויגט מיטן לעבעדיקן דאַך פֿון ברייטע שאָפּנהיטן, פֿון די פּוקסענע שטריימלעך. נאַטשאַלניק יונג האָט אָבער פֿאַרגעסן צו דערמאָנען דאָס געפֿיל פֿון אייגן־באַצוווּנגענער דערשראָקנקייט וואָס באַגלייט שטענדיק איגנאַטי װלאַדימיריטשן. כאָטש אַליין נישט קיין גבור, טאָפּטשעט ער אין די פּראָסטיקע פֿינצטערנישן איבער דער אָנגעיאָזשעטער טעריטאָריע — כדי צוצוהיטן זײַן פֿליכט. און ר׳איז געווען נישט־ראַיעל אין זײַן אָפּשאַץ, דער הויפּט־באַלעבאָס פֿון דער גרויסער בויונג, וואָס ער׳ט אויסגעמיטן צו רעדן פֿון פּאָלאָנסקיס מענטשלעכער גוטסקייט, —האָט מיט פֿאַראיבל געטראַכט דער אומעטיקער סאָלדאַט סאַמואיל. איגנאַטי איז אויך דער אײנציקער וואָס לייגט אָן אין די פֿאַרטאָגן אַ פֿײַער אין אײַזערנעם אייוועלע און אַליין רופֿט ער אַרײַן אין קאַנטאָר די אויסגעפֿרוירענע וועכטערס זיך אָנצוואַרעמען די אבֿרים. מ׳באַדאַרף עס זאָגן דעם גרויסן כאָזיאַין, — האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ די נאַכטהיטערס. ריכטיק, אַ מאָל טוט ער עס מחמת דער מטושטשער מורא צו בלײַבן אויג אויף אויג מיט דער שטעכיקער בלײַכקייט וואָס לענגערט זיך אויס ווי אַ דערוואַכנדיקע ווילדע חיה אין די שטאַרע פֿאַרבאַגינענס. אָבער מערסטנס טוט ער עס אומיסטן פֿאַר די געשלאָגענע מענטשנס וועגן. אין אַזאַ פֿאַר טאָג איז פֿון זײַן נאַכטישער פֿאַרוועבטקייט אַנומלט אַרויסגעקראָכן אַן אויסגעקנוידערטער וועכטער און אַזוי־אָ געזאָגט אַ לויבוואָרט פּאָלאָנסקין:

— ס׳טײַער, טײַער, וואָס כאָטש איין גוטער מענטש פּעדערט זיך אין אָט־דער שטיקעניש! ברררר.... שיער־שיער וואָלט איך פֿאַרשטײַפֿט געוואָרן ווי אַ פֿאַרשפּעטיקטער הערינג אין אָ ב,* — און שלעפּעריק זיך געריבן די אויגן מיט זײַנע האַרטע דלאָניעס. — סע איז קאַלעמוטנע אין דער

* טײַך פֿון מערבֿ־סיביר, וואָס פֿאַלט אַרײַן אין אַרקטישן אָקעאַן.

פּוסטקייט וואָס דאָ אָנגעוואַלגערט, חבר פּאָלאָנסקי. גלייב, אין אַזאַ נאַכט קען אַלץ ווערן נמאס: כאָטש נעם און לאָז איבער אַלצדינג און אַנטלויף! גיי אַהין, גיי אַהער און שטעך זיך אויס די אויגן. סטופּאַי, דאָ סטופּאַי, אַז אַרום איז אויף דיר אָנגעשטעלט אויך די רציחהדיקע קעלט. די גאַנצע חברה, ווו זי איז, פּרעגסטו? מסתמא אַנטדרימלט געוואָרן אָדער אפשר איינגעפרוירן. טשאָרט פּאָבערי, נעכטעלעך אַזעלכע! מ׳קען ווי אַ פייגעלע אַנטשלאָפן ווערן אין אַזוינע וועטערס, איגנאַט וולאַדימיריטש. און מ׳טאָר נישט אָנצינדן אַ פּיַיערל. פּאַרוועט, שטרענג פּאַרווערט פּאָ זאַקאָנו. ס׳וואָר, נאַטשאַלניק?

פּאָלאָנסקי ענטפערט שטיל, פּאַרטראַכט:

— אַ טעות איז אין גרונט פון דיַינע רייד, אַנדריי ניקאָלייַיטש! דער פּראָסט שיכורט איַין נאָר די פּוילע. פליכטן לאָזן נישט אַנטשלאָפן ווערן. און פאַרשלאָפט מע נישט, ווערסטו נישט איַינפרירן, ברודערקע, אפילו ווען דער צפון זאָל זיך צעברומען נישט אויף קאָטאָוועס. אַדרבא, דעמאָלט איז מע נאָך וואַכעדיקער. עס הייבט דיך אויף צו מאָל פון וואַרעמען געלעגער. אַזוי, אַזוי, אַנדריי ניקאָלייַיטש, פליכטן שמידן אויס דעם מענטש פאַר די שווערסטע פּרוּוון.

— רעכט, וולאַדימיריטש. אויף דער טעריטאָריע ווייסט מען ווער ס׳איז פליכטיק, און אָנלייגן אַ פּיַיער אַז אַ מענטש זאָל זיך דערראַטעווען איז אויך נישט קיין שמעק טאַבאַק. ספּאַסיבאָ, וולאַדימיריטש, וואָס איר טוט אַזוי, — איז דער דאָזיקער געוואָרן נאָכגיביק, נישט געוואָלט אַרויס מיט אַן אייגענער שאַרפקייט וואָס האָט געלאָקט. — דאָך אַ נאַטשאַלניק, האָט ער זיך געטראַכט.

— ניקאָלייַיטש, נישט פון וואַרעמקייט וועגן באַדאַרף אַן אונדזעריקער דאָס פּיַיער; גיכער איז׳ס פאַר היימלעכקייט. פּאָרט אַ דויערעוודיקע האַרטע פינצטערניש האַלט זיך אויף אין שטח. וואָס שיַיך פרירן, איז דאָס באַוועגן זיך אין געהעריקן טראָט, דער סאַמע בעסטער שייטער.

יענער איז פון דעסטוועגן אַרויס פון די כלים: „ווי געלאָסן אַזוינער רעדט זיך. זאָל ער נאָר פּרוּוון זיך שטעלן אויף אַ פעלדוואַכטע״. ער׳ט עס אומגעריכט שיער אַרויסגעבורטשעט. פּאָלאָנסקי האָט אַזש אויפגעהויבן דעם קאָפּ כדי קלאָרער צו הערן דאָס געדאַכטע, אָבער ער׳ט שוין פאַרנומען נאָר אַנדרייס לעסטיקע שוויַיגן ווי ס׳האָט געשוויגן־געשטויגט זיַין ביקס, וואָס

ער׳ט אַראָפּגעשטעלט צום פּוס. צום סוף האָט דער וועכטער געזאָגט עפּעס פון דעם וואָס האָט געווימלט אין זײַן דמיון:

— אַ הייסער באַרשטש, אויף אַ גלעזל וואָדקאָ איז גוט אויף זיך צו דערוואַרעמען און ס׳איז אַ וועג צו אמתדיקן פּאַטריאָטיזם. ווי מיינט דער חבר פּאָלאָנסקי?

דער נאַטשאַלניק פון אינסטרומענטן־קאָנטאָר האָט דערהערט צאָרן פון דעם מענטש מיט דער ביקס.

— פּאָלאָנסקי מיינט שוין גאָר נישט, — האָט ער געענטפערט און זיך געשפּירט לעפּיש פון דער פּאַרטאָגיקער באַגעגעניש. — וואָדקאָ, האָט ער זיך געשטאַרקט נישט צו פאַרלירן זיך, וועט דיר צעמישן דעם מוח און אַרײַנוואַרפן אין די אָרעמס פון פראָסט. ווינציק געהערט אַזעלכעס? וועסט זיס אײַנשלאָפן, ניקאָלײַטש, אויב וועסט נישט האָבן אַ וואַכן קאָפּ. אָבער דערווײַל געדענק אַז אַן אַנדערער מוז אַרבעטן. נישט אויף צו פלוידערן פּעדערט מע זיך באַגינען.

ברוגזלעך האָט אָפּגעברומט איגנאַט פּאָלאָנסקיס שטים. דער וועכטער אין גרויסן פּעלץ האָט אָקערשט ווי אַ האָריק באַשעפעניש, אַ געשלאָגנס, געמוזט „אַוועקדרייען דעם דישל״:

— איכ׳ל נישט שטערן, חבר פּאָלאָנסקי. אַז מ׳רעדט, רעדט זיך. און טרײַבסטו, וועל איך זיך נישט וואַרעמען בײַ דײַן פֿײַער. אָט וואָסערע עס זענען די לײַט! — צעקלאָגט זיך שוין דער מאַן אין לאַנגן פּעלץ און בלאָלעך פאַרוואָקסענעם פּנים. — מ׳פאַרגינט נישט אָנצוואַרעמען אַ פאַרהילציקטע האַנט.

— איך פאַרגין, כ׳פאַרגין, אָבער...

פּאָלאָנסקי האָט דערויף אַראָפּגעלאָזן די אויגן צום פונאַנדערגעעפנטן בוך אויפן טיש און אינסטינקטיוו אַ גיי געטאָן מיט די הענט צו די הויזן־קעשענעס. אין מיטן דעריבען האָט ער גאָר זיך דערמאָנט אָן די שליסלען פון זײַנע סקלאַדעס.

און איז אין גראָלעכן פאַר טאָג אָנגעשוווּמען אַ שליטל, האָט איגנאַט וולאַדימיראָוויטש פאַרויס געוווּסט פון וואָס פאַר אַן אָביעקט דער מענטש איז געשיקט געוואָרן. איבערגעלייענט דאָס פּאַפּירל, האָט ער זיך צוגעאײַלט צו דער באַטרעפנדיקער שאַפע, זיך געגראַבלט צווישן אײַזנוואַרג, אַרויסגערופן אַ מהומה צווישן שלעפעריקן מעטאַל און איז פלינק אַרײַן אין

קאַנטאָר פאַרשרײַבן וואָס ווען ס׳ווערט אַרויסגעגעבן. בײַ פּאָלאָנסקין איז אַלע מאָל געווען וואָס אַרויסצוגעבן. דער רעזערוו פון זײַן סנאָב * - קאַנטאָר איז באַזירט אויף גרויסן פאַרנעם. אי בוי־אינסטרומענטאַציע אי מאַטעריאַל געווען צוגעגרייט לרוב. אָפּגעפּאַרטיקט איינעם, האָט נאַטשאַלניק פּאָלאָנסקי גענומען וואַרטן אויף אַ גרוס פון אַ צווייטן בוי־אָביעקט. שפּעטער אויפן טאָג איז ער געוואָרן אויך באַרעדעוודיקער: ווי גייט עס? דער קאָרפּוס, זאָג־סטו איז פאַרטיק אונטערן דאַך? אָ, אָ, מײַנע בעסטע ווּנטשן. הייסט עס, די טעסלערקע איז איצט אויף דער טאָג־אָרדענונג? וואָס איך הער! סוף וואָך אַ פאַרזאַמלונג פון די בריגאַדעס? טשי־קאַוועט. איכ׳ל קומען. באמת, חברה איז ווערט אַ גרויס מיטאָג. איכ׳ל איבעררעדן דערוועגן מיטן קאָמבאַט. שיין, שיין, חברה!

נאָך אַזאַ שמועס פלעגט פּאָלאָנסקי אַרומגיין אַן אויפגערוימטער און נאָך ווינציקער געקענט אײַנזיצן אין טונקעלן קאַנטאָרל. רק זיך געדרייט אין דרויסן, אָפּט מיט די וואַלענקעס אַרײַנגעקראָכן —מחמת פאַרטראַכט־קייט— אין אַ טיפן שניי־קישן און דערנאָך זיי (ווידער אין פאַרטראַכטקייט) אָפּגעטרייסלט פונעם שניי. און איז מע געקומען נאָך מאַטעריאַלן, האָט איג־נאַט נישט אויפגעהערט זיך נאָכפרעגן: „ווי האַלט עס?", מיט אַ מאָל דער־שפּירט אַ דראַנג צו זען ווי עס ווערן פאַרטאָן די מאַטעריאַלן וואָס ער שיקט. די אָרנטלעכקייט זײַנע האָט עס געמאָנט בײַ אים: גיי, גיב אַ קוק. האָט דע־ריבער געטראָפן אַז איגנאַטי פּאָלאָנסקי האָט אַפילו אין מיטן טאָג פאַר־שלאָסן זײַן קאַנטאָר און זיך מיטגעכאַפּט מיט אַ פורמאַנקע וואָס איז מיט לאָדונג אַוועק אין דער נעפּלדיקער שנייִקייט, וועלכע ווערט דאָ און דאָרט איבערגעוועקט פון אַ קראָען־געליאַרעם. ר׳פלעגט זיך אַוועקלאָזן אַ בליק טאָן, ווי ר׳האָט עס אָנגערופן, און דער העלפער מיט אים.

— קומט, סאַמואיל יאַקאָוולִיטש, איר דאַרפט אויך זען.

אָנסופיקע פעלדער, הורמעס שניי הויערן באַדאַכט אַנטקעגן די טויבע ווײַטקייטן און דער מענטש און דאָס פאָרויס שפּאַנענדיקע פערד זענען דער איינציק באַוועגטער טונקעלער פלעק אויף דעם פונאַנדערגעגאָסענעם ווײַכ וואָס אַרום.

אומגעריכט אָנגעקומען צו אַ קאָרפּוס אין בוי, האָט פּאָלאָנסקי אי

* סנאָבזשעניע, פאַרזאָרגונג, צושטעלן דאָס נייטיקע.

מעשה־נאַטשאַלניק אי ווי אַ גוטער ברודער הייטער זיך באַגריסט מיט די מויערערס, מיט די דאַכדעקערס:

— זדראַוואָ, חברה!

— אונדזער גרוס דעם נאַטשאַלניק פון דעם בוי־ברויט, — האָבן מע־רערע קולות פאַר אַ מאָל געענטפערט מיט אַן אויסגעלערנטן פּזמון; אַנ־דערע האָבן נאָר כמורע אַ מורמל געטאָן און נישט אויפגעהויבן די קעפּ: „געיאַוועט זיך אַ נאַכקוקער!"

— ווי האַלט עס, יונגע לײַט? — פרעגט דער גאַסט און זײַנע אויגן זיפּן דורך דאָס פּאַרטיקע אין די אומפּאַרענדיקטע קאַרפּוסן, וואָס האָבן ניי־דעריקער, ווי שוואָמען צופוסנס אַ מאַכטיקן דעמב, אויפגעשפּראָצט אַרום אַן אומגעלומפערטן ברייט אַראָפּגעזעצטן געביי. — קענטיק, זאָגט ער, די פּרעסט פּענטען אויף אַן אמת די הענט, — גיט ער צו אויף צו פאַרדעקן זײַנע אומ־רויקע געדאַנקען.

— עס גייט, חבר פּאַלאַנסקי. אַז מ'לייגט שוין דילן, איז דאָ אויף וואָס צו טרעטן, ריכטיק? בייגט עמעץ אַרויס דעם קאָפּ צום וויכטיקן.

— ריכטיק, ריכטיק, —ווייס נישט איגנאַט וולאַדימיראָוויטש ווי אַזוי אויסצומײַדן אַ שלעכטן בליק.— אָבער כ'וואָלט שוין וועלן קומען צו אײַ־ערס אַ יום־טוב. אַ נישט אַרויסגעענדיקטער קאַרפּוס סטראַשעט, איר פאַר־שטייט? ס'איז ווי אַ שטאַל וואָס מ'האָט פון איר אַרויסגעפירט די מעלקע־דיקע קו. סע ווערט טרויעריק ווען מ'שפּירט ס'איז אויסגעוועפּט די וואַ־רעמקייט נאָכן לעבעדיקן באַשעפעניש, איר באַנעמט? ס'איבעריק אַזוינס צו זאָגן יעדן פאַרשטאַנדיקן. סע נאָגט אין דער נשמה. און ס'דריקט די מורא אַז מ'וועט צעפּערטלען די ווילע קו, אָפּשינדן איר די פעל.

אַ סך בליקן הייבן זיך אויף פאַר אַ מאָל — אַנטקעגן אַזאַ געשמועס.

— ס'איז קלוג דער נאַטשאַלניק, אָבער דאָס וואָרט וועגן דער קו איז נישט אַקוראַט. וואָס מיר קו. נישט געוועזן נאָך קיין קו אויף דעם לײם. מירן ערשט שטעלן די שטאַל, די קו, דער אייזל וועלן מוזן קומען שפּעטער, — קלערט עמעץ אויף אַ קול ווי ר'וואָלט געשפּאָלטן אַ האַרטן שטאָם.

— געדולד, געדולד! צו פריִער מוז מע פרירן, אויך געגווג שוויצן, — האָט זיך שוין מיט ענערגישקייט אָפּגערופן אַ בריגאַדיר. פּאַלאַנסקי האָט אין דעם דערפילט אַ שטאָך קעגן נאַטשאַלסטווע. אים האָט עס אָפּגעקלונ־גען ווי איינער זאָגט: דו פרעג וויניקער.

אַן אומהיימלעכער ט׳ער זיך דערוויטערט פון די דאָזיקע.

„און די וויגע הערט נישט אויף צו שמייסן, דער פראָסט בריט״, — איז פּאָלאָנסקין נאָכגעגאַנגען אַ טענה, וואָס האָט זיך געריסן פון המונישן בוזעם. פלוצלינג האָט דער נאַטשאַלניק פון אינסטרומענטן־קאַנטאָר דערשפּירט אַן עקבערנדיקע קעלט. דערזען נעבן זיך דעם באַגלייטער וואָס קאָרטשעט זיך קעגן די שטויסן פון ווינט, ט׳ער אים געפרעגט:

— הממ, איז אויך אײַך קאַלט, יאַקאָווליטש? אַ סקרוך גייט מיר דורך איבערן לײַב. דאַכט זיך, אַ נײַער וויכער יאָגט אָן.

— מירן זיך דורכגיין, וועט מע זיך דערוואַרעמען, — האָט דער סאָלדאַט אין טיף אַראָפּגעדרוקטן לאַפּן־היטל געפרווט זיך אַליין שטאַרקן קעגן דער עזהדיקער קעלט, וואָס האָט גראָד זיך אויפגעכאַפּט אַקעגן בילן פון אַ צעוואָיעטער סטײַע הינט. — מ׳שטייט אויף איין אָרט, איז טאַקע נישט וואַרעם, — און זיי האָבן שוין אין גאַנג זיך אַ צי געגעבן אין מוטנע ווײַסן מרחק אַרײַן, פון וואַנען ס׳האָבן זיך געטראָגן אָפּהילכן פון ערגעץ נאָענטע בויערס.

2

עס האָט היפּש געדויערט ביז פּאָלאָנסקי האָט אַן אַדורכגעפרוירע־נער זיך צוריקגעקערט אין קאַנטאָר אַרײַן. האַרט פאַר די פאַרמאַכטע סקלאַ־דעס האָבן זיך געשלייעט צוויי אומגעדולדיקע פויערן מיט אַראָפּגערוקטע היטלעך און גראָבע טוכענע הענטשקעס אויף די שווער־אַראָפּהענגענדיקע הענט.

— פּיאָטער, קיריל, אַ גוטינקען אײַך, —האָט ער זיי באַגעגנט— טאַקע געקומען? שוין, שוין, — און געזוכט זיי ליבלעך איבערצובעטן.

— היי, חבר פּאָלאָנסקי! — האָבן די דאָזיקע זיך פאַראיקעט פון קוים פאַרהוילענער צאָרניקייט הלמאַי אָנגעלייגט אַ וועג אין גרימעדיקער קעלט און געטראָפן פאַרשפאַרט די טיר.

— מירן אַרײַנכאַפּן אַ גאָב צו ליב דיר! מ׳וואַרטן, וואַרטן, דער פראָסט טרעשטשעט און דו רייכערסט זיך פּאַפּיראָסלעך, כע־כעע! — ביידע סאָל־דאַטסקע באַלעגאָלעס מיט בײַטשלעך אונטער די אָרעמס האָבן בײַנאַנד געלאַכט מיט ווערעם אויף די ליפּן. — דערפון וועט לײַדן די אַרבעט — איז פּיאָטער שוין אַרויס מיט זײַן פאַראיבל— אינזשיניער וואָלאָשין ברענט אין זײַן אָנזאָג: אײַלט זיך, יינגלעך, ברענגט! ס׳נישטאָ לאַנג קיין צײַט, פאַר־

שטייסט, חבר פּאַלאָנסקי? ברענגט, האָט ער געזאָגט, וואָס גיכער בעטאָניר־אײַזן. סע יאָגט אָן דער טערמין. מיר מוזן זײַן פּינקטלעך, האָט ער אונדז פֿאַרטײַטשט. דער טערמין יאָכמערט אַריבער פּראָסט און וויוגע, און ס'איז אמת. אָבער אונדזערע שליטנס סקריפּען דאָ, פּאַלאָנסקי, ליידיקע, גאָר פּוס־טינקע סקריפּען זיי און די פֿערד קײַען שניי. ס'אַ רחמנות די באַשעפֿענישן. מירן מוזן זיך שטאַרק פֿאַרענטפֿערן. — ביידע האָבן אַראָפּגעלאָזן די נעז, ניט געסמײַעט זיך צו בייזערן אויף אַ נאַטשאַלניק. אַ לענגערע ווײַל האָבן זיי דערנאָך געשוויגן און ווידער זיך אַנטדרייסט צו דערמאָנען די בויונגען וואָס שטײַגן אויף אַפֿילו אין די קרירות: — ס'וואָקסט זיך פֿונאַנדער דער גי־גאַנט, אָבער מ'מוז שוויצן אין די פֿעסטע קעלטן. 45 גראַדוסן און די רוש־טאָוואַניעס האַלטן דעם נאַראָד! אַזוי, אַזוי, חבר פּאַלאָנסקי! — מאַכן זיי זיך שוין וואָזשנע, אָבער אין מיטן דערינען שפּרינגען אַרויס די באַלעגאָלעס מיט אַ געפּאַטש אין די דלאָניעס:

— אָ, שיער פֿאַרגעסן! האָסט כאָטש, איגנאַט וולאַדימיריטש, גרויסע האָלץ־עקבערס? צוויי זענען נייטיק פֿאַרן צוגרייט פֿון סטויפּעס פֿאַר עלעק־טרע. עלעקטראָ־מעכאַניקערס דאַרפֿן אַט־אַ קומען. גאַסן ווערן געשניטן אויף דער טעריטאָריע און איבער זיי וועלן צעשטעלט ווערן פֿאָנאַרן. דער פּלאַן ט'עס אָנגעצייכנט. דער גלאַוואינזשיניער אַליין האָט'ס געזאָגט. אויך אַ קאָמ־פּלעט שטאָמאַײַזנס איז דרינגלעך, חבר פּאַלאָנסקי. דער בריגאַדיר האָט גע־וואָרנט נישט צו קומען אָן דעם, און דאָ רוקט אַוועק דאָס טאָגל! ס'איז פּעוורואַל, מענטש איינער! אײַל זיך צו, זײַ אַזוי פֿרײַנדלעך, חבר פּאַלאָנסקי. מיר זענען פֿראָסטינקע און געדענקען עס: פּעווראַל דערלאַנגט איבערן מוח, אויב מ'פֿאַרגעסט זיך אויף אַ ווײַלע. ערשט דו, אַ נאַטשאַלניק, טראַכסט אַזוי פֿאַוואָליע! וואָס, האָסט נישט די זאַכן, חבר פּאַלאָנסקי?

מיט געפּלאַפּל האָבן די באַלעגאָלעס אויסגעזונגען זייער אומגעדולד און געטאַנצט־געטופּעט קעגן דעם געפּריר וואָס האָט מיטן הויך פֿון יעדן אַרויסגעבראַכטן וואָרט אָנגעשוואָלן אויף זייער שטוינען:

— געשטעלט זיך די ריכטיקע קעלטן, בררר! וואָס אַ טאָג גייט עס רי־זיקער. הײַנט איז ווײַל נאָר אונטערן ווײַבס פּערענע, —האָט צוגעוואָרפֿן פּיאָטער— און איגנאַט וולאַדימיריטש האַלט אונדז אין ניכטערן. אַ מאַנצ־בילשע צערקווע ט'ער אײַנגעשטעלט (און געדרייט מיט די אויגן).

— צו מאָל נישט צוגעגרייט אַ כוסע אויף מהנה צו זײַן געסט, — לאַכט אים אַנטקעגן קיריל.

— אַ גלעזל? נישט שיין פֿאַר אַ געלערנטן, — שפּאָט פּיאָטער. זײַן שמייכל האָט פּראָסטיק זיך באַוועגט אויף די צעגרעבטע וואָנצע־פּעדעם איבער דער עטוואָס פֿאַרשאַרצטער ליפּ. דערויף האָבן ביידע סאָלדאַטישע באַלעגאָלעס זיך צעגלאָצט אָפּוואַרטנדיק.

פּאָלאָנסקי האָט „נישט געהערט" נישט פּיאָטערן און נישט קירילן. גראָב זענען די כאָכאָלן, — ט׳ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך. — נישט כדאַי זיך אַרײַנצולאָזן מיט זיי. פֿאַר באַלעגאָלעס פֿון באַטאַליאָן האָט מע געמאַכט דווקא אַזעלכע; די באַזאַכטע אַזיאַטן, כאָטש זיי זענען עלטער, האָט מען אַרײַנגעשטויסן אין יאָך און זיי אויקען טאַקע. באַדאַרפֿט האָבן מער אײַנזעעניש פֿאַר עלטערע, פֿאַר געבערעיעכטע, — האָט דעם באַלעבאָס פֿון אינסטרומענטן־קאַנטאָר אַ רודער געטאָן די אומגערעכטיקייט וואָס ער זעט צו.

דער שטילער איגנאַטי וולאַדימיריטש האָט אין זיך אויסגעברענט זײַן ענערגיע, אַראָפּגעשלונגען אַן עוולה. אַצינד האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען גיכער, ווו עס ליגט דאָס וואָס מע בעט בײַ אים און באַלד זיך אַ הייב געטאָן מיט די שליסלען אין האַנט: „מירן זען", און געלאָזן זיך צו די שאָפּעס. געטראָגן זיך אויף די ווינטיק אונטערגעבלאָזענע פּאָלעס פֿון זײַן אונטערגעפּעלצטן פּלאַשטש און ביידע פּויערן מיט די בײַטשן אין די הענט זענען אים נאָכגעגאַנגען. סאַמויל, און צוזאַמען מיט אים די פּראָסטיק־אַראָפּגעזעצטע קאַנטאָר־הײַזקע האָבן זיך צעשטויבט אויף דער פּלוצלינגקייט פֿון דעם נאַטשאַלניקס אַרויסלויפֿן אין דעם נידעריק ליגנדיקן נעפּל אַרײַן. ערשט האָט ער אָפּגעדעכעט, ווײַל זיך אַרומגעזען אַז די אומגיבציקע זענען ענדלעך אָפּגעטראָטן פֿון אים.

דעם אין גרונט צעשראָקענעם באָיעץ סאַמויל איז גוט געווען ווען פּאָלאָנסקי האָט זיך באַוועגט אין זײַן נאָענט. די קאַלעמוטנעקייט פֿון קאַנטאָר־באַראַק אין מיטן פֿעלד איז אים שוין נישט פֿרעמד געווען, אָבער אין אים האָט זיך אָנגעגראָבן אַ מורא פֿאַר די לײַט וואָס קומען, וואָס קענען קומען עפּעס נעמען. גאָר אַנדערש איז ווען דער נאַטשאַלניק מאַכטיקט זיך מיט אים. דעמאָלט איז ער פֿעיִק צו טאָן אַ סך. ער׳ט גערן צו פּאָלגן פּאָלאָנסקין, ר׳וויל אים זײַן ניצלעך. ער שרעקט זיך נאָר פֿאַרן מוז צו דאַרפֿן זיך פֿאַרענטפֿערן אָדער אָפּרעכענען זיך. געקומען? זאָלן זיי וואַרטן. דער־

פֿאַר האָט ער זיך פֿאַרעקשנט און געבליבן זיצן צו גלײַך מיט יענע: „ער ווייסט גאָר נישט". ער קען גאָר נישט אַרויסגעבן. ר׳קען מאַכן אַ טעות... כאָטש פּאָלאַנסקי האָט זיך אויף אים פֿאַרלאָזן: נאָט אײַך די שליסלען, סאַמואיל. איר ווייסט שוין אין וואָסער סקלאַד צו נעמען די זאַכן. אָבער סאַמואיל האָט זיך נישט צוגערירט צו אַלעם דעם.

— דער נאַטשאַלניק קומט באַלד, וואַרט אונטער, — גיט צו דער סאָלדאַט אין ברייטן וואַטניק, ווען ער זעט דעם אויפגעוווירענעם אומגעדולד פֿון די וואָס קענען שוין נישט אײַנזיצן.

אַצינד איז אים גוט. דאָס געפֿיל פֿון איגנאַט וולאַדימיראָוויטשעס זײַן ערגעץ דאָ איז אים אַ באַשיצונג קעגן אַלעם בייזן וואָס קאָציעט זיך אין דעם „אָרט פֿאַר חיות און צוקפּייגל". און סאַמואילן איז ליב וואָס זײַן הייצן ס׳איוועלע איז אַן אָנגעלייגטע זאַך: דער באַלעבאָס וועט אַרײַנגיין אַן אויס־געפּרווירענער, וועט ער זיך אויפֿטײַען. דער פֿראָסט פֿליקט אויס שטיקער, גרוילט עס אין שמואלן, אָבער איינצײַטיק זענען אויף אים געקומען רגעס פֿון געגנוגטוונג: ר׳דאַרף זיך מקנא זײַן מיטן נס וואָס אים האָט געטראָפֿן מיט דעם איינציקן צדיק צווישן די האַרטנעקיקע.

פֿאַר דער צײַט וואָס פּאָלאַנסקי פֿאַרזוימט זיך אויף דער טעריטאָריע, היט סאַמואיל דאָס איוועלע אין קאָנטאָר (אויך ס׳עלעקטרישע פּלעמל האָט נישט אויפֿגעהערט טליען אויפֿן שטריקל פֿון סופֿיט אַראָפּ); אַלע מאָל וואַרפֿט ער צו שייטלעך האָלץ און אַליין שפּיגלט ער זיך אין די פֿלאַמען וואָס צעהודיען זיך. „די קעלט איז זשעדנע אויף פֿײַער. מ׳מוז איר געבן אַ סך צו פֿרעסן, אַנישט קען זי זיך וואַרפֿן בײַסן", — איז אויף שמואלן אָנגעפֿאַלן ס׳בייזע בילד פֿון צעוואָיעטן פֿראָסט.

...און זיך געכאַפּט אויף דעם שינוי וואָס איז אַרײַנגעטראָטן אין אים גופֿא: „ווי די וויסטעניש וואַקסט אַרײַן אינעם מענטש! אַרײַנגעזעצט זיך אין אַזאַ לאַך, זיצט ער און ווייס שוין נישט קיין בעסערס. אין גאַנצן איז ער שוין אַרײַנגעזונקען אין זאַק פֿון פֿאַרגעסעניש. געהאַט אַ היים, ס׳וואַרט אויף אים אַ ווײַב? ער איז אַ שטיין און ס׳ווילדגראָז אַרום הערט אויף אים צו שטעכן — — טשיקאַווע, שמואלעק איז אײַנגעשלונגען געוואָרן פֿון סאַמואילן".

— ?

צו מאָל האָט אַזוינס אים געפּלאָגט און פֿון דעסטוועגן ט׳ער נישט געזוכט דאָס צו פֿאַרענטפֿערן. רעכט, גלײַכגילט איז באמת אַ שטיין וואָס

פּאַלט אַרײַן אין געמיט און איז עלול צו פֿאַרוואַקסן די נשמה מיט שווערע שטויבן.

זענען אַרײַן אין קאַנטאָר וואַטע־פֿאַרקוטעטע לײַט וואָס האָבן אַרויסגע־קוקט דעם אָנקום פֿון פּאָלאַנסקין, האָט שמואל ווי אין אַ ווײַטלעכער דער־מאָנונג דווקא געפּרוווט זיך פֿאַרענטפֿערן הלמאַי ער גייט נישט אַרויס זיי באַדינען, למאַי ער היט נאָר ס׳פֿײַער.

— ס׳אַ קרירה אין דרויסן, האַ? ר׳שפּירט זי שטאַרק, כאָטש ר׳איז אונ־טערן דאַך. היטן ס׳פֿײַער איז אַן אַליין־נאַרערײַ? מעגלעך, אַבי ס׳איז וואַ־רעם כאָטש אין איין ווינקעלע; עלעהיי מ׳קען נאָר דאָס פּנים אָנוואַרעמען (פּרוווט ער שוין לאַכן דיך, אָבער יענע פֿאַרשטייען נישט: „אַ טשודאַק דער דאָזיקער!״). זאָל זײַן ס׳איז אַ פֿאַנטאַזיע וואָס מ׳קלערט צו אויף צו אַנטרי־נען פֿון דער שרעק פֿאַר אײַנפֿרירן. — די צוהערערס רוקן זיך צו, ווילן וואַ־רעמען די הענט און ער, פּאָלאַנסקיס העלפֿער, איז מוסיף אין נאָכטראַכט: — איגנאַט וולאַדימיריטש האָט געמוזט אַוועקגיין. ער ׳עט זיך צוריקקערן אַן אויסגעשטײַפֿטער פֿון דער קרירה, וועט ער קאָנען כאָטש אָפּכאַפּן דעם אָטעם. איך, —שטאַמלט ער— איך ווייס ווינציק אין סקלאַד. האָט נישט פֿאַראיבל, איר׳ט אַ ביסל וואַרטן.

— האָ־אָאָאָ, אַ מענטש מוז זיך אויסקענען אין אַ בראַנזשע. דאָס איז פּראַווילנאָ, יונגער מאַן! און זיי רוקן זיך צו נענטער צום פֿײַער. דער פֿראָסט, זאָגן זיי, רעדט ווערטער. זייערע שטימעס האָבן זיך אָפּגעריסן, גע־קוקט אויפֿן צונטערדרויטן אײַזן וואָס די פֿלאַמען האָבן דורכגעגליט. — מע באַדאַרף זײַן אַ מבין אויף אים, אַנישט בלײַבט מע גיך אָן אַ נאָז. הײַנט איז ער אימפּעטיקער ווי נעכטן. ער סמאַליעט, — האָבן מעיד געווען די לײַט וואָס זענען שמואלן געזעסן אויפֿן קאַרק. דרייסטערע אויף דער צונג זענען בעת מעשה אונטערגעקומען פּאָלאַנסקיס העלפֿער מיט אַ פֿרעג, מיט אַ כיט־רענקן קוק אין די אויגן אַרײַן און ער האָט געענטפֿערט געוויינטלעך, אָן חכמות: „ר׳קען זיך נישט אויס דערויף״

— אַפֿילו נישט פֿון דעם פֿאַך?

שמואל האָט אויף דעם שוין נישט געענטפֿערט, נאָר אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ. אָבער ווי אויף צו להכעיס זענען די לײַט פֿאַרלאָקט געוואָרן פֿון זײַן שווײַגן.

— אָ, אַז ער איז אַ מענטש פֿון די ווײַטן, דערקענט מע באַלד. אינטע־

רעסנע אין אויסלאַנד, אמת? שטייען זיי צו צו פֿאַלאַנסקיס מענטש — די בורזשויעס פֿוישן זיך נאַריש אין שליאַפּעס, האָבן שפּיציקע בײַכער. גע־הערט, געהערט. ס'ביטער צו זײַן בײַ די בורזשויעס!

איינער האָט זיך אַפילו פֿאַרקרימט, גלײַך ער וואָלט דערשפּירט אויף די ציין אַ גליטשיקן שרץ; ער'ט גערעדט העכער, געהאַט הנאה פֿון זײַנע אייגענע אַנטפּלעקערישע רייד:

— אַז יענע מענטשן זעען נישט אויף די אויגן קיין צוקער, ס'ברויט איז פֿון צעמאַלענעם שטרוי, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג.

— און דער ראַבאָטשי נאַראָד* איז אַן הויזן, קליינוואַרג האָט וואַ־סערדיקע קעפּלעך וואָס מאַכן זיי משונה גרויס און די פּיסלעך — פֿאַר־קריפּלט!

— אַ קללה שפּרייט אויס דער גאַנצעטשקער קאַפּיטאַליזם, או־או־אוווו, צויגן־זין! — האָבן מיט אַ מאָל נאָכגעברומט די סאָלדאַטישע באַלעגאַלעס. און בײַ שמואלן האָט זיך די צונג ווי צוגעקלעפּט צום גומען. ס'איז אַן אַרויסרוף, אָבער ער'ט נישט ענטפֿערן. יאָ, עפּעס אויף אַ שמייכל האָט ער זיך געכוחט. דערויף האָבן די אַרומשטייענדיקע לעפּיש, אומערנדיק געוואָרט אויף אַ זאָג פֿון דעם דאָזיקן. אָבער די לײַט האָבן זיך עס נישט דערוואַרט. לסוף האָט עמעץ שאַרף אָפּגעקרעכצט, אַקוראַט עס וואָלט געווען אַ טענה קעגן עקשנותדיקן שטומען קוקן פֿון פֿאַלאַנסקיס העלפֿער.

„אַן אָפּגעמישפּטער אויף אייביק פֿון די קאַפּיטאַליסטן", האָט אַזאַ באַ־דויערלעך זיך איבערגעקוקט מיט די אַנדערע. נאָך אַ לענגערן שווײַגן וואָס דערין האָט דאָס פֿײַער אַרײַנגעהודיעט, האָט ווידער עמעצער פֿון די וואַר־טנדיקע פֿאַרדראָסיק זיך צעברומט: „ער קומט נישט, דער כאַזיאַין". די לײַט אין די גרויסע שטיוול, אַרומגעוויקלטע מיט שטיקער זאַק, האָבן זיך פֿון ס'נײַ צערודערט און אָבער־אַ־מאָל אַרויס צו די פֿערד. ווײַל גריילעך קען געשען אַזוינס וואָס האָט שוין געטראָפֿן: דער הונגער טרײַבט אַרויס די חיות פֿון די יאַמעס אויך אין מיטן טאָג און זיי וואַרפֿן זיך אויף אַל דאָס לעבעדיקע. סײַ דער מענטש סײַ די בהמה זענען אײַנגעשטעלט. נישט קיין באַוויינע אַז וועלף זאָלן פֿאַרבלאָנדזשען אין שטאָט אַרײַן, מכל שכן אין סטעפּ. נישט צו קענען אײַנרוען, האָט איטלעך מאָל אַן אַנדערער דערמאָנט

* אַרבעט־פֿאָלק.

אין דער לויערנדיקער סכנה. און ווידער דרייען זיי זיך, די לײַט אַרום די באַשעפענישן וואָס אײַנגעשפּאַנט אין די שליטנס. סאַמואיל האָט קרום גע־קוקט אויף זיי: רק זיי שלעפּן זיך אַרײַן־אַרויס און יאָגן אָן דאָ אַ שנײַדיקע קעלט! „אומרו האָבן זיי אין די הינטנס, הערן נישט אויף אויסצוקילן דעם קאַנטאָר". ער'ט באַגערט פון זיי פּטור צו ווערן, הגם אים האָט געשראָקן צו בלײַבן אַליין. ער האָט אויסגעקוקט אַז עמעץ זאָל אַריבערטרעטן די שוועל פון קאַנטאָר. אַזוי אַלע מאָל, ווען שמואל פלעגט בלײַבן אַליין. לאַנג זוימט זיך פּאָלאַנסקי! ער'ט געציטערט פאַרן אָרעמען ביסעלע מנוחה וואָס אים איז באַשערט געוואָרן אין דעם שנייִקן מידבר. פילט עס דען אַ פרעמ־דער? אַ צוקן פון טראַכטונגען האָט גענומען ריזלען אין שמואלן און ר'איז געוואָרן להוט מער זיך צו פאַרהוילן פאַר זײַטיקע.

ס'אַר אַ קרירה, —האָט ער געחשבונט— ווי וואָלט איך אויסגעהאַלטן אויף די סטראַיקעס? איך וואָלט געפאַלן אין דער ערשטער וויוגע.

אַן אינעווייניקדיקע קעלט האָט אים דורכגעשוידערט.

3

אין זײַן גאַנצן פּילן און טראַכטן איז סאַמואיל באַמווערק געווען אי־בערגעלאָדן מיט דאַנקשאַפט צום נאַטשאַלניק. איגנאַטי פּאָלאַנסקי האָט אים אויפגעריכט, אַנישט וואָלט ער אויסגעשפּיגן די נשמה. ווי לאַנג דאַרף דען שטיקן די ברענענדיקע צרה, אַז דער מענטש זאָל זיך עקן? ער איז דאָך ממש דערוואָרגן געוואָרן, בפרט אַז אין דעם אַרום הערט נישט אויף צו עיפּושן די נויט און די רציחה! בסך־הכל איז דעם מענטשנס כוח אַ ניש־טיק שפּינגעוועב אַנטקעגן דער וויסטעניש וואָס ברויזט דאָ פאַרביסן. אין דעם מעמד איז פּאָלאַנסקי זײַן וואָרהאַפּטיקער מלאך. ווער ער איז, איז נישט שײַך צו וויסן. און ס'איז נישט וויכטיק, בפרט אַז ער איז אַנדערש, גאָר אַנדערש פון אַלע אַנדערע. דערגייִ די סודי־סודות פון ים, אַפילו דו זאָלסט זיך אונטערטויכן אין זײַנע וואַסערן. על פּי רוב שווײַגט דער נאַ־טשאַלניק. פּאָלאַנסקיס פּנים זעט אויס אַזוי ווי אַן אומבאַוווסטע קראַפט וואָלט אים געפירט איבערן סכנותדיקן הערן און זעען וואָס ווייסט שוין צו פיל. אַ ראיה: ווען ר'האָט אים באַמערקט ס'ערשטע מאָל, האָט ער, דער פּאָלאַנסקי, זיך צעבייזערט אויף זײַנע פּאַרטייִשע ברידער. להיפּוך צו אַנדערע באַלעבאַטים אויף דער טעריטאָריע, איז איגנאַטי פּאָלאַנסקי באַ־

שיידן, צו מאָל צניעותדיק, און זיך אַליין שאַנעוועט ער גאָר ווינציק. האַנדלט זיך אין אַרבעט, אײַלט ער אונטערצושטעלן אַ פּלייצע און איז גינציק אויך פאַר אַ פרעמדן. ער פאַרגינט אַלעמען. טאָן, זאָגט ער, לאָזט מיך. מ׳דאַרף האָבן דערצו אַ פאָרטל, דעמאָלט וועט מע נישט מיד. איכ׳ל ווײַזן. קוקט זיך נאָר צו. „אַ רגע, יאָ? איר׳ט ערשט אויפגעשטאַנען פון אַ גריפּ, טענהט ער צו אַ ליאַדע וועמען. די הויכע וואַרעמקייט צערט אויס אַלע זאַפטן״. — ער ווענדט אָפּ אַ בלאָסן ניט צו געבן אַ שווערן שלעפּ. פאַר איטלעכן געפינט פּאַלאַנסקי אַן אַנדערן תירוץ, אַבי יענעם אָפּרוקן פון אַ הייב טאָן אַ משא. „עפּעס נישט קיין גויִשע אייגנשאַפטן, — האָט שמואל זיך געפּאַקט אויף אַ פּלוצלינגדיקער השערה. אַ פאַרדאַכט אַזאַ און דאָס האָט אין אים שוין געזשאַווערט ווי אַ טשוואָק אין אַ פוילער וואַנט. — „און אפשר אַ משלנו, נאָר ער פאַרהוילט עס, אָדער ר׳ווייס עס אַפילו נישט? אויסנווייניקדיקס האָט ער כמעט גאָר נישט פון אַ זייעריקן, אַחוץ דאָס לשון. זײַן שטוב? אַוודאי אַ ווײַב אַ גויע, און אפשר? אָבער בלוט לאָזט זיך נישט פעלשן — — און ווײַזט אויס, ר׳איז אַ וויכטיקער פאַרטייער. מ׳האָט פאַר אים רעספּעקט״.

אַ מילדע נאַטור, האָט דער נאַטשאַלניק מיט קנאַפּע רייד געבראַכט אויף זײַן העלפער דעם רושם פון אַזאַ וואָס האָט אַהערצו פאַרבלאָנדזשעט פונקט ווי ער, פון אַ ווײַטער ווײַט. דערפאַר איז ער אים אַ גוטער באַלעבאָס. פּאַלאַנסקי ווייסט וועגן צו פאָדערן אָנשטרענג פון אַזעלכן וואָס איז פאַר־מישפּט צו זײַן אַ קנעכט בײַ אַ נײַעם פּרעה. איגנאַטי פּאַלאַנסקי געדענקט אַז באַמווערק איז אויסגעמוטשעט, דעריבער זוכט ער, דער באַלעבאָס, יוצא צו זײַן מיט אַזוינס וואָס הייסט געטאָן אַן אַרבעט. פאַר אַזאַ נאַקעטן פויגל ווי סאַמואיל זענען די טעג באמת נסיונותדיקע, זאָל ער ווינציקער האָ־רעווען; רוסלאַנד וועט זיך אויך אָן אים ראַטעווען, זאָגט צו זיך פּאָלאַנ־סקי. דאָך — פאַרן סאָלדאַט באַמווערק בלײַבט דער נאַטשאַלניק אַ מאָד־נער. מוז זײַן, דער באַלעבאָס אין אים דרימלט אַקוראַט. סוף כל סוף וועט ער אַרויספּלאַצן. ענדלעך ט׳ער ווידער געשטוינט: אַ מענטש אַן אויס־טערלישער. אָבער פּאַלאַנסקי איז געבליבן דער זעלבער.

— חבר באַמווערק, איר׳ט אַזוי גוט זײַן פאַרשרײַבן אַ קאַסטן טשוועַ־קעס פאַרן קאָרפּוס זעקס. אָט איז ס׳קאַרטל, — האָט ער געלערנט סאַ־מואילן זיך אומגיין מיט די קאַרטאָטעקעס וואָס האָבן זיך געפירט אין

אינסטרומענטן־ און מאַטעריאַלן־קאַנטאָר פון דער גרויסער בויונג. ער האָט אים אויך געוויזן ווי צו פאַרצייכענען דאָס געהעריקע אינעם טאָג־בוך. דער באַלעבאָס בייגט זיך אָן צום קעסטל, קלײַבט אַרויס דאָס נײַ־טיקע קאַרטל: — נאַט, סאַמואיל יאַקאָווליטש. היט די רובריקעס, פאַר־געסט נישט די דאַטע. נאָר דאָס, איר זעט? — און וויל נאָך שמייכלען.

— אָט, אָט, — האָט פּאַלאַנסקי אויסגערופן אין אמתער התפּעלות, ווען ר׳האָט געזען ווי זײַן מענטש סאַמואיל טוט זײַן אַרבעט — אויסגעצייכנט! ס׳איז עלעמענטאַר און דאָך גרינטלעך. אמת, חבר באַמוועריק, אַלץ איז ווי אויף דער דלאָניע אין אונדזער בוכהאַלטעריע? גייסט צו צו דער קאַרטאָטעק, צום טאָגבוך און זעסט אַלצדינג ווי אונטער אַן אָנגעצונדענער לאָמטערנע. דער רעמאָנענט קען עס נאָר באַשטעטיקן.

— חבר באַמוועריק, ס׳איז נישט קיין געצײַל, — האָט פּאַלאַנסקי אים באַרויִקט אין זײַן אַנומלטיקער פאַרלוירנקייט, למאַי ר׳האָט נאָך נישט גאָר באַנומען די סתרי תורה פון דער סיבירער ווירטשאַפט. — איר׳ט זיך אַלץ אויסלערנען. פּאַוואַליע, סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש.

ער האָט צוגעזען ווי זײַן מענטש זיצט שעהענווײַז און שווײַגט, בײַסט זיך אַרײַן אין די דמיונות, וואָס האָבן די טבע אַרויסצופּויזן אומגעבעטע־נערהייט; דאָס קאַנטאָר־לעמפּל לײַכט אין חלל תמעוואַטע און סאַמואילס פּנים פּינצטערט. באַשײַמפּערלעך, זײַן העלפער איז דערדריקט, — האָט דער נאַטשאַלניק רחמנות געקראָגן אויף אים.

פּאַלאַנסקי האָט נישט געקענט צוזען ווי אַ מענטש אומערט אונטער זײַן דאַך. דער באַלעבאָס באַמיט זיך אים אונטערצומינטערן:

— איר קלערט צו פיל אַרײַן אין עפּעס, חבר סאַמואיל יאַקאָוליטש, מ׳טאָר נישט אויפנעמען קיין אומזיניקייטן. אַ ריכטיקע היילונג דערפאַר איז — טאָן, אַרבעטן. אַרויסגיין צווישן מענטשן איז אויך אַ רפואה. איר מוזט עס, באַמוועריק. אַרײַנלאָזן זיך אין מעלאַנכאַליע איז ווי אָפּגעבן זיך אַ מיאוסער לײַדנשאַפט. מ׳באַדאַרף נישט, ערנוואָרט. איך מיין אויף אַן אמת. דערווײַל פאַרשרײַבט, חבר באַמוועריק, וואָס מ׳האָט אָקערשט אַרויס־געגעבן פאַרן קאָרפּוס צוויי. לאָזט נישט דעם וואָרעם פאַרקריכן די פלאַנץ, — און וויל אים צושאַרן אַ האָפערדיקע מינע, אָבער זי צעקריכט זיך אין זײַנע אויגנגלאַנצלעך.

ר׳איז אַ שוואַכער, דער דאָזיקער, — האָט פּאַלאַנסקי אים אויסגע־

מאָסטן.— אַ מענטשל מיט דינע לאַפּקעלעך און שמאָלע פּלייצעס, כאָטש דער מאַרך איז קענטיק אַנטוויקלט. אַ באַזונדערע ראַסע די בעזשענצעס. סײַ זיי זענען צעוויטיקט און סײַ זיי קענען זיך נישט נעמען אין די הענט אַרײַן. יאָ, ער דערמאָנט זיך, פּאָלאָנסקי: דער האָט אַנומלט עפּעס איבער־גערעדט וועגן אַ ווײַבל. מוז זײַן, ער בענקט, דער סאַמואיל, זאָרגט זיך פאַר אירעטוועגן.

— הערט, חבר באַמוערק, —האָט פּאָלאָנסקי ווי נישט אומיסטן אַ זאָג געטאָן— אויב איר באַגערט אַוועקצושיקן אַ בריוו צו אייגענע, מאַכט זיך אַ געלעגנהײַט דערפאַר. דער וואָיענקאָם פאָרט קיין אַלמאַ־אַטאַ, וועל איך עס אים מיטגעבן פאַר אײַערטוועגן. דאָרט וועט ער דאָס בריוול אָפּ־שיקן מיט פּאָטשט. נאַט אײַך פּאַפּיר, שרײַבט. איר׳ט דען אַ סך וויכטיקערס צו טאָן?

ס׳אַר אַ גוטער עס איז דער נאַטשאַלניק! ווי אַזוי אים דאַנקען? איך האָב נישט קיין פעיִקייט דערצו. וואָס, חנפענען?! וואָרן אַנדערש קען עס דאָך נישט אויספאַלן: „איר זענט אַ טײַערער מענטש, —דאַרף מען זאָגן אַזעלכן.— טיע, טיע, איר, פּאָלאָנסקי זענט דער איינציקער צווישן די באָלשעוויקעס" — — ער׳ט דאָס נישט קענען אַרויסברענגען פון זײַן מויל, אָבער אַן אופן מוז ער געפינען צו אַזוינס. איגנאַט וולאַדימיראָוויטש איז פאָרט דער וואָס ראַטעוועט אים אַרויס פון יאוש. זאָגן אַ דאַנק איז אַ מענטשלעכע זאַך. ער כאַפּט זיך שוין: דבורהקע. ר׳וועט איר אָנשרײַבן פון זיך, געבן צו פאַרשטיין ווי ער האַלט דאָ. זאָל זי נישט צו פיל איבער־קלערן פון אים. ר׳האָט אַלץ וואָס נייטיק און אין איינוועגס אַרײַנוואַרפן אַן אָנצוהערעניש זי זאָל שרײַבן אַ ווייך וואָרט אויפן חשבון פון דעם, וואָס האָט גוטס געטאָן איר מאַן. שרײַב צום שטאַב אויפן נאָמען פון קאָמ־באַט יעמעליאַנאָוו, מיליטערישער טייל 1091. טראַכט צו עפּעס דערוועגן, טײַערע. כ׳מיין, דערפון וועט האָפנטלעך נישט אַרויסקומען קיין רעה. מ׳שטיינס געזאָגט לעבט מע דאָך.

ער׳ט אים געפאָלגט, דעם נאַטשאַלניק, און אָנגעשריבן אַ בריוו אַהיים, אין דער אומהיימלעכער ווײַט. וואָס טוט זי, זײַן טרויעריק געפּרוווט ווײַבל? גיי, קלער איבער ס׳פעלד, ווען אומגליק האָט זיך צעפּאָכעט אי־בער דער וועלט. טויט איז דאָס אָקערשטיקע גערעטעניש פון די פײַער־

פאַראַקערטע פליינען און טאָלן. זײַן גאַנצן אומעט, ס׳גאָרע קלערן זײַנס האָט ער אַרײַנגעטאָן אין די רייד פונעם בריוול, וואָס האָט גערעדט צו דבורהקען.

4

...אין די סקלאַדעס, דערמאָנט זיך אַ מאָל שמואל, ליגן שווער אָנגעוואַליעט אומגעהייערע מאַסעס אײַזן וואָס ווערן פאַרקנאָטן אין די קאָרפוסן, וועלכע דאַרפן פול מאַכן די גוואַלטיקע לײדיקייט וואָס איז דאָ אָנגעוואַלגערט געוואָרן פון גאָטס דערצאָרנטער האַנט. דאָ איז די ווילדע פוסטקייט און אַ ביסל אַרויפצו שטאַרן שוין מגושמדיק אָנגעצילעוועטע אינסטרומענטן און סקעלעטן־קאָמפּלעקסן אַוועקצוסטראַשען, צו פאַרטומלען דאָס סומנע פעלד אַז עס זאָל לסוף זיך אַרויסקריגן פון דער דערעסנדיקער לײדיקייט, אַן אויסגעשפּרייטע לשם דעם מענטשישן עלנט און פאַר תמיד הונגעריקע חיות. געוויס, די טעריטאָריע וועט דערלויפן צו דער שטאָט; ס׳איז נאָר געווענדט אין דעם כוח, צי ער וועט קלעקן דערצו בײַ די צונויפגעטריבענע „אָקסן” פון די קאַראַגאַנדינער סטעפּעס און פון מידבר קאַראַקום. יאָ, און דער מאַרך פון די פליטימשע שאָטנס וואָס האָבן פאַרוואָגלט אַהער איז אויך אַ צושטײַער. פון די אַלע וועט מען עס צאַפּן דעם קליי צוזאַמענצוקלעפּן דעם גיגאַנט וואָס דאַרף אײַנזאַמלען אַרום זיך די נײַע שטאָט, אַ צובוי צו דער עלטערער, דער שוין פאַראַנענער. וואָרן ווי ווײַט איז נאָך דער אַרומגעצוימטער שטח ביז נאָוואָסיבירסק? שוין דער פּלאַן פון די בויונגען איז פאַרטראַכט אויף דער דאָזיקער נאָענטקייט, און דאָס ווײַבערישע פאָלק וואָס נעמט ציִען אַהער, אַן אומרויִקס, פון כמה וועגן־שטעגן, וועט פאַוואָליִע זיך פאַרמערן אין דער באַוואַכטער אַרומרינגלונג. אויך זיי וועלן דערנענטערן די אָ וואָר. ווי די פייגל געוויינען זיך צו די מענטשן צו אַיעדן אָרט, געפינען אויס צווײַגן, שלעפּן צונויף שטרוי, אַ פעדער און בויען זיך נעסטן; ווי צו אַלע צרות געוויינט מע זיך צו אַפילו צו אַזאַ העק. אַ באַווײַז זענען די גרימעדיקע פרעסט און די אָ מידברניקעס וואָס ווידמען זיך געוויינטלעך אין די אומערנדיקע זאַמדן, אין שאָטן פון נאַקעטע בערג און פאַרהיימישן זיך מיטן געשריי פון די הונגעריקע רויבפייגל. פּאַמעלעך פּאַסן זיי זיך צו אויך צו סיביר. אָפּטער וועט אין די באַטאַליאָנע באַראַקן זיך פאַרען דער זופּקעסל און ס׳וועלן צו אים זיך אָנבייגן זשעדנע מײַלער. פאַרהויִ׳ענע געלוסטן וועלן אַרויס פון די לעכער, זיך

אָנצינדן און ס'וועט זיך פונאַנדערוואַקסן דער רעש ביז ס'וועט אָפּגעווישט ווערן די שיידליניע צווישן דער אומערשײַן וואָס גריזשעט סײַ די שטאָט סײַ די אָדמשע פּאַרקלערטקייט, וועלכע רייכערט זיך דאָ אַנטקעגן די האָריזאָנטן. ס'ניט הויך די שוועל צום אַריבערשפּרײַזן. סע קאָכט שוין מיט ערב־שטאָט. אין שמואלן האָט פון דעסטוועגן נאָך געטליעט דאָס געפיל פון דורכויסיקער פּאַרלאָזנקייט און דאָס איז געבליבן אַן אָנשפּאַר פּאַר פּאָלאָנסקיס גוטסקייט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסגאַנג אין דעם טריבן העק וואָס איז נישט קיין אָרט פּאַרן געדייען פון מענטשישער וואַרעמקייט. ער איז טאַקע (לפּי שמואלעקס אײַנזען) אַ גילגול פון אויסגעליטענע דורות. פּאָלאָנסקיס העלפער האָט געהאַט גענוג צײַט אַרײַנצוקלערן דערין: ס'גאָר מעגלעך אַז דער קומט אַרויס פון פּריצים וואָס זענען פּאַרטריבן געוואָרן פון זייערע פעטע ערדן; ר'איז, מעגלעך, אַ שריד פון דעם אַנוסימדיקן וואָס די רעוואָלוציע האָט אָנגעבראַכט טאַקע אויף די דאָזיקע און עס דריקט אויף אים, אָדער —אפשר— שטעקט אין אים אַ פונק פון... אָסור, ער וויל נישט אַיעדן געשוויר צושרײַבן דווקא די ייִדן. מיר זענען סײַ ווי אַנדערש אין אונדזער טראַגישקייט און שפּירעוודיקער אין דער דאָזיקער אַנדערשקייט. אַוודאי, אויך דאָס איז נישט אויסגעשלאָסן, — צעקווענקלט ער זיך. דער רעיון דערדריקט אים פון ס'נײַ. שמואל בוימווערק קוקט זיך צו מער צו די התנהגות פון זײַן באַלעבאָס. ר'איז באמת אַ מאָדנער! אַ שטראָם שאלות כליניעט אָן אויף אים, לאָזט אים נישט אײַנרוען. איז דען מעגלעך בײַ ס'זייעריקע, גליט ער אויף בשעת הדחק, אַזאַ צוריקהאַלטעוודיקייט, ממש אַ צניעות ווי ער זעט עס בײַ פּאָלאָנסקין, כאָטש ער טונקט אויך אין דער וועלט פון גראָבהויטיקע? אָ, ער איז נישט פון דעם אָ אויסגעמאַרכטן מאַטעריק! די שײַן פון איידלקייט שטראַלט, מעשה רעטעניש, פון דעם מענטש. אים ווײַזט אויס, —נישט אַנדערש— אַז דער פּאָלאָנסקי וויל זיך פּאַרגעסן אין דורכאַנאַנדיקער טוונג. דערפּאַר זײַן אומרו, פּאַרדעקטע די נערוועזקייט. טוען, פּאַרטרײַבן ס'טראַכטן, באַשעפטיקן די הענט, אָט וואָס ס'איז זײַן סטיכיע. אַבי זײַנע הענט טוען ניצלעכס און זײַן מויל טראָגט נישט קיין מסירות אויף די מיטמענטשן — — דער ייִד אין שמואל בוימווערקן מעדיטירט אָקערשט מכוח דער גורלשאַפט פון יענע וואָס מוזן דאָ זיך אַרומטראָגן מיטן סוד פון זייער געקוועלטן ברעקל לעבן.

— פֿאַרשרײַבט, סאַמואיל, — הערט ער פּלוצלינג פֿאָלאָנסקין פֿון זײַן שלעפּעריקייט אַרויס. מסתמא (כאַפּט זיך שמואל) איז עס ווידער אַ תּירוץ אויף איבערצושרײַען זיך אַליין. דער מענטש וויל יוצא זײַן פֿאַר דעם קנעכט וואָס איז דאָ ווי גאָר נישט הי. דער באַלעבאָס לאָזט אים פֿרײַ און מיט דעם שטעלט ער זיך אײַן, ער גופֿא שטעלט אײַן דעם קאָפּ. דאָך באַומרויִקט עס אים, סאַמואילן: „וואָס זאָל עס באַטײַטן? איז עס ניט אַ פּיסל וואָס מ'שטעלט אים אונטער?!" אָבער ניין, פֿאָלאָנסקי איז נאָר אַ זעלטענער אויסנעם וואָס איז עלול צו דערשרעקן אַזאַ דערשראָקענעם. זיכער, סע פֿאַרוואַלגערט זיך נאָך אַ פּונק מענטש. סײַ ווי האָט אַזאַ באַמווערק נישט קיין אַנדערע ברירה: לשם דיסציפּלין מוז זײַן רוקן זײַן אײַנגעבויגן, בעת דער, פֿאָלאָנסקי, איז שוין דערשווומען צו אַ ברעג. ר'איז גרינטלעך צעמישט אין דער־אָ פֿרעמדקייט, דערפֿאַר געוואָרן אַ פֿאַרטייער און אויסערלעך אָנפּנימדיק. יאָ, ער מוז קענען שווײַגן. צי ס'איז אים גוט? קען זײַן, ער לײַדט, אָבער וואָס פֿאַר אַ עצה האָב א י ך ? איך וויל נאָר דערלעבן צוריק צו קומען צו דבורהלען. ערשט בין איך אַ נאַקעטער פֿויגל. אָבער דבורהשי, ווי ווויל איז צו טרעפֿן אין מידבר אַזוינעם ווי פֿאָלאָנסקי! און אין שמואלן האָט זיך צעברענט אַ דערוואַכטע בענקשאַפֿט: ס'בריוול וואָס געשיקט, זאָל נאָר דערגיין צו איר. פֿאַר זײַן בליק האָט געלויכטן די שורה וואָס געשריבן מיט תּפֿילהדיקער כוונה: „דבורהשי, ווי טײַער עס איז צו קענען וואַרעמען אין זיך דעם גלויבן אַז כ'וועל קומען צו דיר. דו פֿילסט דען נישט, ווי איך רײַס זיך אָפּ פֿון דאַנען? פֿאָלאָנסקי הייסט די האָפֿענונג וואָס כ'האָב דאָ געפֿונען".

דער רעיון האָט געפֿלאַמט און דער פֿאַרשטויסענער שמואל האָט זיך באַמיט אים צו פֿאַרהוילן. זאָל נאָר קיינער נישט לאַכן פֿון אַזוינעם וואָס בענקט צום אייגענעם ווײַב; זאָל מע נישט שטשירען אים אין פּנים אַרײַן: „צעקראָכענער!"

שמואל האָט שפּל זיך פֿאַרבאַהאַלטן מיטן קליינעם גליק וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט צו וועלקן־אייטערן אין אים: ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ פּנים עס האָבן אויף דבורהלען אָנגעפֿינצטערט די צרות, וואָס הויפּן זיך אָן אין אַזאַ ליכטיקער צײַט! אין אים האָט געטריפֿט דאָס פֿאַרקלעמטע האַרץ.

*

סאַמואילן דעם סאָלדאַט פון באַטאַליאָן בויערס פון סיבירישן פּתום און רעמסס האָט אַרויסגעיאָגט דער פינצטערער באַגין און ס׳האָט אים אַרײַנגעיאָגט דער פּריריקער, מוטנער פאַר נאַכט. ער איז געווען נכנע צו דעם גוטן נאַטשאַלניק און ר׳האָט זיך געפרייט מיט זײַן נײַער מערכה: ער זיצט פּאַרט אונטער אַ דאַך, עס בלוטיקן שוין נישט זײַנע דלאָניעס אין מאַזאָליעס, וואָס כּפלען זיך אָן אין די לאָפּעטעס און קירקעס בײַם אויפֿרײַסן די אײַנפרוירענע ערד. אויף אָן אמת: ער׳ט זיך אַליין מקנא געווען אין זײַן אומעט. שמואל קראַשניעוויצער איז נאָך עפּעס ווערט בײַ גאָט. ס׳איז מער אין דבורהלעס מזל, איז ער געוואָרן אַבערגלייבעריש. אָן אַנדערש מאָל האָט זײַן געדאַנק אויפגעקוואָלן פון דעם וואָס אים האָט געטראָפן מיטן נאַטשלניק אין דעם שניי־מידבר. ווענדליק זײַן גוטסקייט איז פּאָלאָנסקי אַ למד־וואָווניק וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן דעם עם־רע.

דער באַטאַליאָנער סאָלדאַט, וואָס איז אָוועקגענומען געוואָרן פון המונישן געטועכץ, איז ממש צעטומלט געוואָרן פון דעם באַלעבאָס׳ ליבלעכקייט. איין מאָל האָט דער נאַטשאַלניק צו אים זיך אָנגעבויגן היימישלעך:

— איך זע, סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש, איר זענט אין דינענקע שטיוול. ווי מעגט איר אַזוינס אונדז אָפּשוויַיגן? נישט שיין פון אײַך! וואָרן ווער האָט צײַט אַראָפּצוקוקן צו די קנעכלעך, בעת מ׳האָט אין זינען זיך אויפצוהייבן? צו דאַר די שטיוועלעטן בײַ אײַך. דאָ קען מע מיך באַשולדיקן. ווי קענט איר דאָס, סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש? — אײַך איז דאָך קאַלט אין די־אָ פּאַפּירענע טופליעס!

אַקעגן אים האָט בולט געציטערט פּאָלאָנסקיס שטים. מ׳טאָר נישט אַזוי, — ט׳דער מענטש זיך נישט געקענט אײַנשטילן — ס׳איז אַ האַרב לאַנד. סיביר, סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש, איז קעגן אַזאַ איידלקייט. אַנו, שטעלט זיך אויף, איכ׳ל אײַער טיש צורוקן נעענטער צום אייוועלע. נישטאָ זיך וואָס צו שעמען. אַז אַ מענטשן איז קאַלט, איז נישט קיין שאַנד, נאָר אַ צרה און ר׳דאַרף זוכן זיך אָנצוואַרעמען. זײַט מוחל, באַמוערק. איכ׳ל מער צורוקן אײַער טיש. און מירן הייסן צום באַראַק צופירן געגנוג האָלץ אַז מ׳זאָל קענען עפּעטערס צוואַרפן צום פײַער. לאַנג שטייען די פּרעסט און וויוגעס הודזשען נישט אויף קיין קאַטאָוועס. איר׳ט נאָך זען, סאַמואיל.

פון דער גוטסקייט האָט שמואלן אַ דושע געטאָן אין האַלדז. ער׳ט גע־

שפּירט אַן אויסטערלישע נאָענטשאַפט וואָס דריקט נײַלעך זײַן איבערגע־
שראָקענע ברוסט.

אויך צומאָרגנס האָט פּאַלאַנסקי פון זײַן שווײַגן אַרויס אַריבערגע־
רעדט צו זײַן העלפער:

— סאַמואיל יאַקאָווליטש, נעמט שוין אָנשרײַבן אַ ווענדונג צום בוי־
קאַנטאָר וועגן צוטיילן אײַך אַ פּאָר שטיוול. דיגע שטיוול, פאַרשטייט איר
מיך, טויגן נישט, צו גאָר נישט זענען אַזעלכע שטיוועלעטן. איר׳ט זיי
אַרויסוואַרפן. זאָלן שדים זיי טראָגן! — דערוואַכטע ענערגיע האָט זיך גע־
הערט פון אים.

בײַ שמואלן איז אָפּגענומען געוואָרן ס׳לשון: „וואָס, געבן אַ פּתחון־
פּה דעם טײַוול? קומען צום בוי־קאַנטאָר מיט אַן אַרויסרוף, ער, דער אי־
בעריקער? ווינציק זיך דערעסן בײַ די לײַט! איך טאָר נישט, באַשליסט ער.
גלײַכער נישט אָנצוהייבן. ווי־עס־איז וועל איך דורכשטופּן די צײַט. טאַקע
סכנותדיק דאָס געפּריר אין אָפענעם פעלד וואָס כ׳מוז דורכלויפן, אָבער
נישטאָ קיין ברירה, וועל איך ליבערשט זיך לערנען געשווינדער דורכלויפן
דעם בראַנד. אַבי נישט טשעפּען”. נאָר געענטפערט האָט ער אַזוי:

— אַ שיינעם דאַנק, חבר פּאַלאַנסקי. איך בין נישט ווערט אַזוי פיל
אויפמערקשאַפט פון אײַך. איך וויל נישט אַז דאָס בוי־קאַנטאָר זאָל זיך
עסקן מיט מיר. אַנדערע שטיוול? איך גלייב נישט אַז זיי וועלן געבן, אַפילו
איך זאָל בעטן. אַ שאָד די טרחא.

— וואָס אַרט אײַך? איך הייס, ווייס איך וואָס כ׳זאָג, סאַמואיל יאַ־
קאָווליטש. אַדרעסירט צום הויפּט־נאַטשאַלניק פון דער בויונג. עס וועט
געבן אַ רעזולטאַט. נו, נעמט אָנשרײַבן און דעם ענטפער לאָזט פאַר מיר.
נישקשה, שמייכלט ער אונטער די קורץ געשוירענע וואָנצעס, — ער׳ט
אויסצײַטיקן אַ פּאָר שטיוול.

— איך ווייס אַפילו נישט ווי מ׳טוט עס, — האָט שמואל זיך שוין
געריײַטלט.

— ס׳אַ נאַרישקייט. „איך סאַמואיל באַמווערק, באַשעפטיקט אין אינ־
סטרומענטן־קאַנטאָר פון דער בויונג, בעט מיר צוטיילן אַ פּאָר שטיוול,
מחמת מײַנע שיך, אין וועלכע מ׳האָט מיך מאָביליזירט, זענען זיך צע־
פאַלן. איך האָף אַז איר וועט זיך רעכענען מיט דעם אומשטאַנד וואָס איך
בין אין אַ מצב נישט צו קענען אַרויסגיין צו דער אַרבעט”. דאַוואַי, גע־

שריבן זאָל ווערן, יאַקאָווליטש! איר׳ט אָנשרײַבן, זיך אונטערשרײַבן און מיר אָפּגעבן.

— איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש, — האָט שמואל ווידער זיך געבעטן בײַם נאַטשאַלניק — אפשר האָב איך נישט קיין רעכט אויף דעם? — און געקוקט אויף אים מיט פײַכט־פאַרהויכטע אויגן.

— נישט אײַער דאגה, — האָט פּאָלאָנסקי מיט אים זיך שוין געאַמפּערט — איך וועל דיקטירן און איר שרײַבט. האָרכט, וואָס מ׳זאָגט, איז דעם מענטש געפעלן צו ווערן שטרענג.

אַזוי איז עס געווען. אייגנהענטיק אָנגעשריבן די ווענדונג צום בוי־קאַנטאָר, אונטערגעחתמעט און פּאָלאָנסקי האָט זי אַרײַנגעלייגט צו זיך אין בוזעם־קעשענע.

די שטיוול, פון וועלכע דער מענטש פון אינסטרומענטן - קאַנטאָר האָט זיך נישט דערוועגט אַפילו צו חלומען זענען אַ טאָג שפּעטער גע־וואָרן אַ שטיק וואָר אין די האַמעטנע טעג פון באַטאַליאָנעם סאָלדאַט באַמ־ווערק. איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש האָט באַלד אין דער פרי זיך געיאַוועט אין אינסטרומענטן־קאַנטאָר אַרײַן מיט אַ פּאָר גרויסע, פעסט־לעדערנע שטיוול אין האַנט און אָניצעס ווי אַ צולאָג. ער׳ט געשטראַלט, דער נאַטשאַל־ניק, אָבער ווי זײַן שטייגער, זייער ווינציק גערעדט. דערלאַנגט שמואלן די גאָב און געזאָגט:

— נאַט אײַך דעם ענטפער פון בוי־קאַנטאָר. ערשט וואַרפט אַראָפּ די טראַנטיקעס. נישט געשעמט זיך! איר פאַרדינט זיך עס, סאַמואיל יאַקאָוו־לעוויטש.

שמואל האָט נישט דרייסט אויסגעשטרעקט די הענט, געזאָגט דעם באַלעבאָס „אַ גרויסן דאַנק" און די שטיוול אַוועקגעשטעלט אָן אַ זײַט, אַז זיי זאָלן נישט שטערן, עלעהיי לעבעדיקע צוקוקערס. ר׳עט זיצן נעבן זיי. ר׳וועט אַהיימגיין, האָט עס געקענט הייסן, וועט ער זיי ערשט אָנטאָן. געוויס וועט אים זײַן וואַרעם אין די־אַ „כוסות". בעת־מעשה האָט ער מיט מאָדנער אומזיכערקייט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי שטייענדיקע גרויסע זאַכן און געצווייפלט צי ער וועט בכלל קענען אַרײַן אין זיי. פּאָלאָנסקי האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזן:

— וואָסי, סאַמואיל יאַקאָווליטש, נישט צופרידן?

— גאָר צופרידן, — האָט אים געדריקט ס׳וואָרט — כ׳דאַרף אײַך שטאַרק

דאַנקען, איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש — און געשפּירט די צונג אין אַן אַנ־געשוואָלענעם חלל. — אין דער היים וועל איך אין זיי אַרייַנקריכן.

— אַרייַנקריכן? —האָט פּאָלאַנסקי חידושדיק זיך צעלאַכט אַזוי, גלייַך גלאָז וואָלט זיך דאָ צעדרינזשעט. — אָט אָ טראָג איך אויך שטיוול און ס׳גאָר נישט אויסטערליש. פּאַרקערט, ס׳שלעכט אָן שטיוול. ס׳איז באַקוועם אין זיי, ווייַל וואַרעם.

— איך צווייפל נישט, —האָט שמואל געזוכט זיך צו פּאַרענטפערן.— איכ׳ל פּרוּוון.

— נישט איך וו ע ל פּרוּוון, סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש, נאָר ש ו י ן וו ע ט א י ר א י ן ז ײ אַ ר ײַ נ ק ר י כ ן ! —איז פּאָלאַנסקי צו־געשטאַנען.— איך וויל עס זען, תיכּף.

ער׳ט נישט געוואַרט, פּאָלאַנסקי, ביז דער יונגער מענטש וועט זיך נעמען פּאַר די שטיוול. דער נאַטשאַלניק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני נאָענט פונעם זיצנדיקן סאַמואיל און צודרינגלעך פּאַרלאַנגט ער זאָל אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די לייַכטע טרעטערס. פּאָלאַנסקי האָט אומגעדולדיק, פּאָ־טערלעך, באַפוילן: נו, נו!

זיך געשעמט, געדאַנקט אומצייליקע מאָל און באַין ברירה אומגעלומ־פּערט געוויקלט די אַנטבלויזטע פיס מיט אַניצע־טיכער, דערוואַרעמט זיך בייַם אַרויפציִען די שטיוול און אומאייגן זיך אַנידערגעשטעלט אין זיי. ר׳האָט געפּרוּווט שטעלן טריט. וועט ער קענען אַ שפּאַן טאָן אין אַזעלכע כוסות? ווי וועט שמואלעק בוימווערק אויסזען אין אַזוינע סיבירישע שטיוול? ס׳זענען דאָך גאַנצענע הייַזער! ער איז געוואָרן דערצונדן ווען זיך דער־שפּירט אין די האַרטלעכע טרעטערס. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אין אַזוינע גראָבע שטיוול, אין אַניצעס, און דאָס פּרעסט אייַן ביידע פיס, נישט צו קענען שטעלן אַ טריט! אָ, די וואָס וואָלגערן זיך אָקערשט דערנעבן, זענען טאָקע שטיקער טאָוול, קינצלעך אויפגעשטייַפטע אויף קאָפּיטעס, אָבער צו זיי האָט ער זיך שוין געהאַט צוגעוויינט, געשפּרונגען אין זיי איבער פראָסט, אָבער די? ס׳עט זייַן אַ שטרויכל־קלאָץ ווי פאַר אַן אָקס!

אויפן דאָזיקן געדאַנק האָבן די אויגן גענומען דריקן דעם מענטש.

5

דער סאָלדאַט באַמווערק, וואָס איז אייַנגעשטעלט אויף דינסט אינעם ווייַט־אָפּגעזונדערטן קאַנטאָר, האָט אומאייגן געטראָטן אין די האַרטע

שטיוול. אין רויכיק־גראָען פרימאָרגן, ווען ער'ט געשפּרײַזט אין די דאָזיקע חסד־שטיוול, איז ער אין תּחילת אָפּגעגאַנגען אין שווייס. ר'האָט זיך עפּעס נישט געפונען אין זיי. „ר'גייט אויף פרעמדע פיס. אַצינד וועט ער שוין פאַלן. אַ פאַרציקעריש פּיסק וועט'ן צערײַסן, קראָען וועלן קראַקען איבער זײַן געביין. ווײ, ווײ!" דער אַרום איז געווען שטרענג און פאַרביסענעם הודזשען און שמואל האָט נישט געקענט אַרויסשרײַען פון אימה. דעם מענטש האָט געמישט אין די געהירן פון אויסטערלישן געדאַנק וואָס איז אים באַפאַלן: ערשט וואַקלט ער זיך צום לעצטן מאָל אונטער דעם בלינדן הימל. זײַנע פיס וואָס האָבן אַלע יאָרן אים אַרומגעפירט צווישן לוסט און לעסטיקייט, ווערן אַצינד פאַרצערט פון דעם חושך, וואָס הוילט מיט תּהומיקייט. עס איז נישט קיין אויסדאַכטעניש: שמואל איז געבליבן אַ קאַליקע. אַ צווײַג וואָס אָפּגעבראָכן פון בוים קען שוין געזונט נישט צוואַקסן. דאָס פײַער וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, מוז לאָזן אומאָפּמעקלעכע צייכנס. ער איז נישט מער ווי אַ שאָטן אין דער וויסטעניש פון אייגענעם נעכטן. ער'ט שוין נישט טרעפן דעם וועג וואָס ר'באַדאַרף. דער נאַטשאַלניק שטייט אַ בייזער למאַי ער פאַרשפּעטיקט זיך. ר'מאַכט פון אים ס'געגנאַר. „סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש, איר היט נישט אײַער אַרבעט", פאַרנעמט ער פאַלאָנסקיס תּרעומות. באשר ער, דער חשוב, מוז אַליין אײַנהייצן ס'אייוועלע.

דאַכט זיך, פאַלאָנסקי האָט אים טאַקע באַגעגנט מיט אַ כריפּלען גוטמאָרגן („אין מיטן נאַכט יאָגט עס דעם מענטש אין קאַנטאָר אַרײַן", האָט אין שמואלן געצוקט אַ לאַנגסטיקע מחשבה — „ווער איז אין שטאַנד אַזוינעם נאָכצואײַלן?" און אין אייוועלע האָבן זיך איבערגעטומלט גריבלעך־בלאָע, בלענדיקע האָלץ־פלאַמען. סײַ אין דעם באַלעבאָס' פעדערן זיך פאַרטאָגס, סײַ אין דעם צעפלאַקערטן אײַזערנעם פערדל אויף די פיר גולם־פיס, האָט ער געשפּירט פאָרוואָרף. „אַך, מער טאָר ער נישט אַזוי!" — פלעגט ער זיך אונטערשמײַסן אין מיטן גיין צום קאַנטאָר וואָס האָט אויפן שניי־פליין זיך געטונקלט ווי אַ געשרומפּן באַבעלע. שטענדיק האָט שמואל זיך געאײַלט און עפּעס האָט זיך נישט געמינערט דער מרחק. געשטעלט אומזיכערע טריט און אים האָט אויסגעוויזן אַז ר'מוז העכער הייבן די פיס; ר'האָט געסאַפּעט און געשפּירט ווי די ערד איז אָנגעשוואָלן; געשטעלט דעם פוס און באַלד פאַלט ער צוריק אַראָפּ, אַראָפּ. אַזוי האָבן די באַגינענס

זיך פאַר אים געשפּריט ווי תהומען און דער פראָסט האָט פאַרעקשנט אַרײַנגעגרילצט אין זײַנע געהירן:

„ביסט אין סיביר, שמואל, געדענק — סיבירררר!״

אין גאַנצן אין וואַטע „אײַנגעשטעפּט״ און אין די שטיוול וואָס האָבן אים אײַנגעשלונגען מיט ברייטע לעדערנע מײַלער, איז שמואל סכנותדיק איבערגעקומען די ערשטע פאַר טעג זינט ער איז אַרײַן אין די נײַע טרע־טערס. שווער איז אים אָנגעקומען דאָס גיין און דער מוח האָט געהאַרע־וועט: וועט מע שוין לאָזן במנוחה? אַז מ׳גיט ברויט, מאָנט מען פאַר דעם בלוט, שוויס. עפּעס פאַסט זיך נישט די־אָ גלאַסענע מעלאָדיע צו דער היגער מוזיק, וואָס בטבע יאָגט מען בײַ איר מחנות געפאַנגענע צום אומדערבאַרעמלעכן יאָך. און אויך די שטיוול זענען געווען אַ צייכן פאַר־נעם איבערקער, וואָס וועט שוין גרינטלעך צעשטערן זײַן מהות: אָדער מ׳וואַרפט אים אַצינד אַרויף אויף אַ מאוימדיק שיפן דאַך, כדי צו צאַפּלען זיך פאַר נײַע סכנות אָדער מ׳גיט אים אַ בריקע ר׳זאָל פאַלן גלײַך אין גרוב אַרײַן. ווער ווייסט וואָס עס מיינען אַזוינע שטיוול! ס׳אי׳ צו גוט. ס׳איז סיביר. אין די אויגן האָט אים געטונקלט, אָבער נישקשה, — כאַפּט ער זיך באַלד אָן אין דער שטרוי פון אַליינטרייסט — ר׳וועט זיך פאַ־וואָליע צוגעוויינען צו דער סיבירישקייט, ר׳וועט זיך דערשלעפּן. אומ־זיכער, פּאַמעלעך געפירט דעם געדאַנק, האָט שמואל שוין געפונען צײַט צו באַדענקען זײַן מעמד: זי האָט רײַסציינער, די גראָע סיביר. פאַרוואָר, זי צעטרייסלט גורלדיק דעם גוף און די נשמה פונעם באַשעפעניש וואָס שפּירט זיך נאָך מ ע נ ט ש. די מאַסע איז מיסט אין אָנגעזיכט פון דער האַרבקייט וואָס רײַט דאָ אַרום אויף שטורעם. פראָסטיק אָפּבײַסן דיר די נאָז איז אַ קאַטאָוועסל, צעטרעטן דײַן שכל איז אויך נישט קיין גוואַלד־געשריי. אים איז פון דעסטוועגן געשען אַ נס מיטן נאַטשאַלניק. בפירוש, אַ נס וואָס האָט דערנאָך מער זיך צעשײַנט.

*

אין דער מאַנאַטאַנישקייט, וואָס פרעסט דעם מענטש ווי זשאַווער, האָט איגנאַטי פּאָלאַנסקי באמת באַוויליקט פאַר זײַן העלפער צו עפענען אַ שפּאַלט צום קאַרגן ליכט פון געגעזנדיקער דערבאַרעמלעכקייט, וואָס אַ מאָל ברייטער צעעפנט. צו ערשט איז עס געווען אין געשטאַלט פון די נײַע שטיול. דערנאָך האָבן צו באַמווערקן דערגרייכט פּאָלאַנסקיס אַנדערע גוטסן.

ריכטיק, נעבעכדיקע גוטסן וואָס זענען אָנגעמאָסטן פאַר אויסגעדייוועטע קנעכט, לרוב אָנגעקאָציעטע אין אײַנגעפּרוירענעם קאַנט. שמואל האָט זיך טאַקע פאַרלוירן אין די שטיוול, אָבער אַ ישועה זענען זיי געווען פאַר זײַן לײַב. דאָך האָט ער, דער דערשלאָגענער, אין אָנבליק פון פאַלאַנסקין אַלץ נאָך זיך געשפּירט געפּענטעט; אַ שעמעוודיקייט האָט אים געשלאָגן, ווען דער באַלעבאָס איז צו אים געקומען מיט אַ מעסטל רחמנות אין דער מינע, אינעם וואָרט. שמואל האָט זיך געוווערט קעגן דעם נישט גוטן געפיל פון בושה, אָבער אָן אויפהער האָט זיך אויך געוועקט די נישט־ניחאדיקייט וואָס די שטיוואַליעס האָבן אָנגעבראַכט אויף אים. זיי פּאַטשן אים, האָט ער זיך אײַנגעשמועסט, הלמאַי ער'ט מסכים געווען זיי צו נעמען, אויב מ'גיט נישט קיין שטיוול קיינעם פון די באַטאַליאָנע סאָלדאַטן. און אַלע זענען זיי אין שמאַטיקע וואַלענקעס, אין צעפאַלענע שטיוול, קאַפּטשעס. ר'האָט זיך פירגעוואָרפן, למאַי ער טיילט זיך אויס מיט די דאָזיקע שטיוול. זיי האַמערן איבערן מוח פון דעם ברעקל מענטש וואָס אים איז נאָך געבליבן. זינט ער דעפּטשעט אין די „כוסות" איבער דער פישטשנדיקער קרירה, בלאָזט זיך פון אים אַן אַנדערער סאַמואיל. געקומען מינוטן, ווען ס'האָט אים געפלאָגט אַז אַ פאַרריסנקייט הערט זיך פון זײַן יעדן שטיוול־טראָט און דערפאַר קויפט ער זיך אײַן אין פײַנדשאַפט: „איר, די סאַמע אומגעהאַרישקייט פון דער גאַנצער סטאַדע דזשאָלדאַסן, איר ערדגרעבערס, האָט נישט זוכה געווען אַזאַ גאָב. קעלטן וועלן ווײַטער אָנשווילן אײַערע קלאָען, שמאַטעס וועלן הילן אײַערע לײַבער. איך, איך בין... איר זעט נישט? איינער אַליין זיך אײַנגעשטעלט פאַר אַ ביסל חשיבות" — — געכאַפּט זיך אויף דעם געדאַנקען־פלוס, איז אויף שמואלן אָנגעפאַלן אַ נײַער אומעט. ר'האָט גענומען אַרײַנפּויקן אין זיך אַ בהלה פון לויבן פאַר פאַלאַנסקין וואָס איז דער שטילסטער פון אַלע נאַטשאַלניקעס אויף דער בויונג. איגנאַטי וולאַדימיריטש איז דער באַשײַדנסטער פון די זעלטענע, וואָס זענען ווי גוטע זריעה פונאַנדערגעשאָטן איבערן אויסשפּרייט פון מלחמהשן נע ונד, וועלכער האָט געשלאָגן דעם דור מיט נײַע מצרישע מכות. ווו אַ נאַטשאַלניק איז ער אַ שטיק ווערעמקרויט, אַ חיה מיט פראַלעריי אין פּיסק. דעם פאַלאַנסקין איז ער שולדיק זײַן גאָרע אונטערטעניקייט פאַרן רצון אַראָפּצובייגן זיך צו אַ באַשעפעניש, וואָס איז געזונקען אין אומווילן צום לעבן. איך, איך אַליין בין גאָרנישט, נאָר ס'אָרעמע נפש

האָט זיך בלינד איינגעשטעלט קעגן אומקום. אַלץ וואָס געשעט מיט אים איז דער דערגרייך פון פּאַלאַנסקין. טאָקע ער האָט אים מציל געווען. יענע, דער מחנה שלעפּ־פּי, טאָר ער נישט פּירוואַרפן קיין חסרונות, זען ביי זיי פּגמים. אויפגעוואַקסן צווישן זאַמד און שטיינער איז שטייניק ס׳ליכט וואָס זיי קענען זעלטן אַ מאָל אויסשיינען פון זיך. נאָר אַ שאָד וואָס בלויז זיי זענען עדות פון דעם נאַטשאַלניקס גוטהאַרציקייט. גוואַלד, וואָס פּאַר אַ אַנגסטלעכס איז דאָס וואָס ער איז נישט אין שטאַנד אַרויסצוברענגען דאָס געפיל וואָס דער דאַזיקער האָט אַרויסגערופן אין אים. מחמת דעם האָט קיין רו נישט אַראָפּגעניידערט אויף שמואלן. ס׳האָט נישט אויפגעהערט אים צו טאַטשען דאָס צעשראָקענע בלוט.

דער שפּלער סאַ‏ּדאַט האָט קעגן זיין אינעווייניקדיקער שטאַנדהאַפּטיקייט זיך אַנגעשטעקט פון אַרומיקן עיפּוש. און ער׳ט עס געגומען אויף זיך. דער אַוויר וואָס הערט זיך פון אים, מעג ער כ׳לעבן צושרייבן זיין אייגענער זינדיקייט. ס׳איז גאָר נישט לאַנג דעריך, דערמאָנט ער זיך, ווי ער איז פאַרשלעפּט געוואָרן אַהער און שוין איז אין אים אַנגעוואָרצלט די פּוילקייט. על פּי טראַף זיך אָפּגעראַטעוועט די פּעל. ער וואָלט שוין געלעגן מיטן פּופּיק אַרויף, אויב נישט פּאַלאַנסקי, וואָס האָט אים ד ע ר ־ ז ע ן. זשיפּעט ער. ס׳שפּילט דען אַ ראָליע צו שיקן אַזאַ מענטשל אויף יענער וועלט? אָבער קעגן זיין ווילן זענען די שטיוול אַ מחיצה צווישן אים און דעם רוב וואָס שטייט אונטערן פּריקאַז צו טאָן אַלץ וואָס איז קעגן זייערע יכולתן. אונטער באַפּעל מוז מען אַפילו זינגען — כאָטש העגט און פּיס שפּריגגען אָפּ פון קעלט, די קישקעס ברומען. נו, זיינע שטיוול זענען נישט מער ווי אַ פּאַנצער קעגן דער ביינדיקער קעלט וואָס צעברעכט דעם גוף, אָבער שטיוול זענען נישט מסוגל צו באַשיצן דעם מענטש וואָס בלייבט דאָ פּרעמד. אמת, ס׳ניט קיין גוטווייליקע מחיצה צווישן אים און די אַלע פּאַרלויזיקטע. די גויטן האָבן דאָ אַלעמען אַרומגעוואַקסן ווי די שטעכלנאָדלען פון מידבר־דאָרן. פּונקט ווי זיי איז ער דער אָרעמאַן וואָס קוקט אויס אַ פּרוטה חסד. ס׳איז אים גוט און עס איז אים ביטער מיט דער טובה וואָס מ׳טוט אים. סוף כל סוף איז שמואל דער ביין פּאַר די משוגענע הינט פון דעם דחקות וואָס צעטרעט איטלעכן. שוויג ליי־בערשט, זינדיקער געדאַנק! די שטיוול שלאָגן דיין נאַרישקייט.

ווי אויף שטאָלצן האָט שמואל זיך געטראָגן אין די שטיוול. דאָס

פּנים צעפּלאָמט און דער שניי־שטח האָט געזונגען דראָענדיק, געביסן מיט שטשערביקע ציינער. און האָט זיך אויפגעהויבן אַ שאַרפע פּײַכטקייט אי־בערן זילבערבלענד — ס׳צעכמאַרעט זיך דער אָנזאָג פון אַ נײַעם ווילד־געוואָי — האָט דער וואַטע־פּאַרפּעלצטער זעלנער זיך שוין ווינציקער געשראָקן דערפאַר. געגאַנגען פאַמעלעך, גלײַך ער וואָלט זיך אַליין אויס־געפּרוווט צי ער וועט קענען בײַקומען דער צעבונדענער רויקייט וואָס אָט־אָ צעשפּילט זי זיך, רוקט אָן מיט ראַפּטעמדיקער אָנטונקעלונג. יאָ, ביז איצט האָט ער געשפּירט שוואַכע אויפשײַנען דערפון, ערשט ווייסט ער: זײַן ביסל מוט איז צו פאַרדאַנקען — די שטיוול; אָן זיי וואָלט ער געווען אַ פויגל אָן אַ נעסט און דער שטורעם הערט נישט אויף פליקן ביימער, הודיעט מיט צאָרן. ס׳איז דאָס סיביר וואָס דורות פרידלעכע היי־מען ציטערן אויף בײַם דערמאָנען זײַנע אכזריותן. סיביר איז אַ חלף אויפן האַלדז פון פאַרוואָרפענעם מענטש. ס׳אַר אַ גליק עס זענען אַ פּאָר שטיוול, אַן אויסגעוואַטעטע קורטקע און וואַטע־הויזן! שפּעטער־צו האָט דער פליאַסקנדיקער שניי שמואלן זיך שוין אונטערגעגעבן מיט ווייכקייט, צו מאָל אים צוגעלויכטן מיטן געחלומטן בלאָ פון אומגעריכט ווידערגע־קערטער קינדהײַט.

פּאַוואָליע און די שטיוול זענען אַרײַנגעוואַקסן אין דער געוווינשאַפט פון שמואלס עסקן זיך אין אינסטרומענטן־קאַנטאָר, אין זײַן וואַרטן אויף אָנווײַזונגען פונעם נאַטשאַלניק:

— סאַמויל יאַקאָוולעוויטש, איר׳ט אַזוי גוט זײַן? חבר באַמווערק, זענט איר איצט פרײַ?

אַ פראַגע, צי ער איז פרײַ! תמיד קוקט ער גאָר אַרויס דאָס באַלעבבנ־דיקע וואָרט פונעם נאַטשאַלניק. ווײַל ווען נישט פּאַלאָנסקי, וואָלט שמואל געוואָרן באַוואַקסן מיטן מאָך פונעם אומער־געפיל וואָס באַפאַלט אים אַלע מאָל ווי אַ טשאַטע צוקפּייגל. ער׳ט עס שוין אַפילו געזאָגט פּאַלאָנסקין: אַ דאַנק אײַך... אַרויסגעכאַפּט זיך און — רויט געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך פירגעוואָרפן אַז ער איז אַ חונף און ר׳האָט זיך געמוזט פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין, בכן ס׳איז דער וואָרסטער אמת. די לויב קומט אים ווי אַ חוב. אַליין וועט ער עס נישט מאָנען, דער פּאַלאָנסקי. ווי קען ער אַנדערש פאַרשטיין, אַז דאָס געפיל רעדט צו אים אַזוי? שמואל בוימווערק איז פאַ־

לאָנסקיס בעל־חוב. ער מוז עס צאָלן, צו מאָל ווען אַלץ אין אים זאָל זײַן קעגן דעם.

אים איז גוט געווען מיט פּאָלאָנסקין. מיט געהיטקייט האָבן זיך צו שמואלן צוגעגייגט פּאָלאָנסקיס רייד. אָבער וואָס ווײַטער, איז דעם העלפער פון אינסטרומענטן־קאַנטאָר געוואָרן מער קאַלעמוטנע פון ווינציק טאָן. ווײַל אַזאַ אײַנפיר האָט זיך דאָ געשטעלט: אויב אַ קאָרפּוס אין בוי האָט זיך פאַרגרייט מיט מכשירים אָדער מאַטעריאַלן, האָט ער נישט געלאָזן הערן פון זיך אַ לענגערע צײַט. און גראָד אין העפטיקן ווינטער האָט די באַוועגונג אײַנגעגליווערט אין פּאָלאָנסקיס קאַנטאָר. אויך מחמת דעם אַנהאַלטנדיקן פראָסט און פלאָשנדיקע, הוסטנדיקע וויוגעס האָבן אָפּט אײַנגעסטאָיעט די בויונגען. מיט אַ מאָל — אויס מיטן געאייל. ממילא האָט מע געלאָזן במנוחה די מענטשן וואָס געשטעלט אין רשות פון דער בויונג. דאָס אינסטרומענטן־קאַנטאָר איז אין אַזעלכע טעג אַנטדרימלט געוואָרן. נישט געוויזן זיך קיין לעבעדיקער פויגל אין דעם ווינקל פון דער צעצויגענער טעריטאָריע, ווו עס הויערן די סקלאַדעס מיט פּאָלאָנסקיס באַלעבאַטישקייט. ווי באַלד דער באַראָמעטער האָט שטאַרק זיך אַראָפּגעלאָזן, די קאַלטע לופט איז געוואָרן אָנגעמילכיקט פון נידעריקן נעפּל, האָבן זיך שוין געטראָגן קלאָגעניש פון די רושטאָוואַניעס אַראָפּ און פון די וואָס האָבן זיך געריטשט אויף די אײַז צעגלאָזיקטע דעכער:

— בריגאַדיר דזשאָלדאַס, מיר קומען אום. ס'איז קאַ־אַאַלט! באַפעלט אַראָפּצוגיין אָנלייגן אַ שײַטער!

— או! או־או־או־ווו, מײַנע הענט זענען שוין פאַרחלשט, — האָט אַ ציטער־קול זיך אַרויסגעהויבן פון אייבערשטע שיכטן ווינט און זיך צעטומלט אַרום אַן אָנהויפּונג פון אַ נײַ־בוי. אַ סך אויגן האָבן דעמאָלט זיך אויפגעריסן: ווי פּלוצלינג פינצטערט דער טאָג!

— ס'איז אוממעגלעך, בריגאַדיר! דער פּעך קילט אויס און די פינגער בייגן זיך נישט מער.

— די אויגן בלענדן, מײַנע אויגן! — האָט עמעץ מיט אַ מאָל אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ און געפּרווט איבערצוװעלטיקן די וויוגע וואָס האָט מיט פויסטן שניי געפּאַטשט די מענטשן אויף די סטראָיקעס.

וויוגעס האָבן ראַפּטעם זיך אָפּגעריסן פון סיבירישע ווײַטן.

די מורא אייגנוויליק אַראָפּצולאָזן זיך פון די רושטאָוואַניעס, אַרויס־

צוקריכן פון די קאַנאַוועס וואָס זענען שטורמיש פאַרשאָטן געוואָרן מיט נאַסן שניי, האָט די באַטאַליאָנע לײַט צוגעשמידט צום אָרט, אָבער זייערע הענט האָבן בלית ברירה זיך פאַררוקט אין די בוזעמס אַרײַן, די פּנימער פאַרבאַהאַלטן אַקעגן די רויע ווענט. ווי צעשראָקענע שאָף האָבן די דזשאָלדאַסן איבערגעגעבן דער זאַווערוכע נאָר די פּלייצעס זייערע און די אַקסלען. אַזוי וועלן זיי מוזן וואַרטן ביז עס וועט קומען דער באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס הפקר־פעלד.

מיט אַ וויו־ו פלעגט זיך צעפּײַפן דער שניי־וויכער. ער'ט געהוילט איבערן אומהיימלעכן לאַנד, מוטנע צעמישט הימל און ערד און מענטשישער געקלאַג איז ווי שטיקער כמאַרע געפאַלן אין פּנים פון טריבן טאָג. שפּעטער, פריע פינצטערניש האָט אָנגעחתמעט אַז די זאַווערוכע זאָל נישט גיך אויפהערן, האָבן סילועטן פון מענטשן, צעשוווּמענע, רויכיקע, זיך באַוועגט פאַזע די אויפגעשטיגענע מויערן. ווי בלינדע האָבן זיי געזוכט אַן אַנטרינונג פון בייזן שטורעם.

*

אין די ליידיקע טעג, ווען די טעריטאָריע איז פאַרשלונגען געוואָרן פון פראָסט־טומאַן אָדער די וויוגע האָט זיך צעבושעוועט מיט אמתדיקער פאַרביסנקייט, האָבן פּאַלאָנסקי מיט זײַן העלפער געאומערט אין קאַנטאָר. נישט קומען צו דער אַרבעט איז נישט שײַך בײַ איגנאַטי פּאַלאָנסקין. ער מוז דאָ זײַן, — האָט ער נישט איין מאָל איבערגעחזרט — אפשר וועט זיך גראָד עמעץ ווײַזן אויף קאָנטראָל אין זײַנע סקלאַדעס (אַזאַ צײַט איז די פּאַסיקסטע פאַר דעם, און קאָנטראָל מוז זײַן!) אָדער ווער־עס־איז וועט זיך דורכרײַסן מיט אַ באַשטעלונג. אַזוי האָבן זיי אויך געשמועסט, פּאַלאָנסקי מיט באַמווערקן. אָבער קיינער האָט זיך נישט געוויזן און איגנאַטי וואָלאַדימיראָוויטש האָט זיך אָפּגעפונען אַן אַרבעט: חיבורן, חיסורן די חשבונות פון די באַקומענע, פון די אַרויסגעגעבענע מאַטעריאַלן און אינסטרומענטן און נאָר פון צײַט צו צײַט זיך צוגעזעצט צום אײַזעלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם. שמואל? ער איז געווען דערדריקט. אומדרייסט זיך צוגעקוקט צום נאַטשאַלניק, געדרייט זיך אויפן בענקל, אָבער אויף רעדן האָט זיך נישט שטאַרק באַוועגט דער מוח. ער וועט דען דעם באַלעבאָס אַרײַנפירן אין דער גרימעניש וואָס קאָכט אין זײַן ברוסט? נישטאָ קיין בריוול פון ווײַב, ר'וויטיקט באַנגס וואָס געלאָזן אַליין די טײַערסטע. תמיד

ס׳אייגענע. אויך דאָס פאַרגעסט ער נישט, שמואל בוימוועֶרק — אַז ער איז אַ ייִד. געבוירן געוואָרן צו ליידן. רעדן וועגן דעם וואָס ברענגט צו אָפטע יסורים אָן אַ פאַרוואָס? שמואל האָט זיך געריבן דעם שטערן און די שטילקייט ט׳זיך געקרישלט, ווי זי וואָלט זיך געשיילט פון זײַן לײַב, האָט געסווישטשעט אין זײַנע שלייפן.

אומגעריכט דערטראָגט זיך אַ שטים, גלײַך זי וואָלט אַרויס פון אַ באַהעלטעניש:

— געזען אַ פאַרשאָלטן וועטער, אוף! ס׳איז איגנאַטי וולאַדימיריטשס דערוואַכטע קול און ערשט קוקן אויף אים זײַנע זוכנדיקע אויגן.

און אָט־אָ, פאָלאָנסקי זעצט זיך צו צו אים:

— איר זעט, סאַמואיל, וואָס סיביר קען באַווײַזן? אָפגעשניטן אונדזער באַראַק פון דעם גאַנצן אַרום. די הײַזקעס אין פעלד זיצן שוין פאַרשאָטענע ביזן דאַך.

מיט אומעט־שמייכל צעזשמורען זיך יענעמס אויגן. ערשט באַמערקט שמואל אַז דער באַלעבאָס טוט אַלע זײַנע טוונגען אין דעם אונטערגעפעלצטן טולופּ און אין פוטער־היטל אויפן קאָפּ.

דאָ האָט סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זײַן בושה־דרימל: „ער, דער אײַנגעבעטענער, לאָזט י ע נ ע ם ט אָ ן און אַליין פוסט־ און פאַסטעוועט ער. אפשר איז עס די שטראָף וואָס ד ע ר ברענגט אויף אים אַצינד מיט דעם וואָס ער לאָזט אים זיצן מיט פאַרלייגטע הענט! נו, ס׳קען טרעפן, סע געשווירט אַ פינגער, דער פיבער טרייסלט. דעמאָלט איז מע פרײַ פון דער פליכט. אָבער פליכט איז אומפאַרענדערלעך. אַפילו אַ שוואַכער מענטש וויל עפּעס טאָן. ער איז גאָר פאַרדאָרבן. אָפּגעוווינט זיך פון אַרבעט, און אפשר איז עס גאָר נישט זײַן שולד? ער זעט דאָך, פאָלאָנסקי, ווען ער האָט פאַר זיך. ס׳איז אַ מום זײַנער וואָס ער קען נישט יענעמען אויסרײַסן די אויגן. וואָלט כאָטש פאָלאָנסקי מיט אים פאַרפירט אַ שמועס מכוח דאָס, יענצס, אָנרעגן מיט עפּעס, וואָלט אויך ער נישט געקענט בלײַבן „שולדיק”. לפּחות ער זאָל דערמאָנען די זאַך פונעם פויער פוגאַטשאָוו וואָס האָט אין זײַן רוסלאַנד אויפגעהויבן אַ שטורעם פאַר פרײַהייט; אָבער —ווײַזט אויס— ער וויל זיך נישט אָנוואַרפן מיט אָנצוהערעניש. אפשר זאָל איך זיך אָנכאַפּן אין עפּעס? דער מענטש האָט זיך צעקנײַפּט פון פאַרדראָס, הלמאַי ער זיצט ליי־

דיק, למאַי ער פאַרענטפערט זיך נישט, אָבער ר׳האָט גאָרנישט צוגעקלערט. לסוף איז ער אַרויס מיט אַ הכנעה:

— אפשר וואָלט איר אויסגעפונען אויך פאַר מיר אַ טועכץ, איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש? איך קען נישט אַזוי, — און ס׳איז זייער שווער געווען אים אויפצוהייבן דעם בליק.

די אומגעריכטקייט פון דעם זאָג האָט פּאַלאַנסקין צעטומלט. מיט ליידיקע אויגן געקוקט אויפן מענטש אין דעם ברייטער קורטקע און הויכע שטיוול וואָס כאַפּט דעם אַנבליק פון אַ שוואָם וועלכע הייבט זיך אָקעו׳שט אַרויס סאָמניבוליש פון הינטער אַ פלוצלינג אויסגעוואַקסע־נעם בוימשאָטן: — איך קען נישט אַזוי, חבר פּאַלאַנסקי, — האָט שמואל זיך געטראָגן אין פאַרלוירנקייט. דעם באַלעבאָס האָט דער דאָזיקער זיך אַרויסגעוויזן גלייך ווי פון אים וואָלט אַרויסגעיאָמערט אַ גוואַלדגע־שריי: — גיסטו נישט אַ שלעפּ צו טאָן, וועל איך זיך אַ מעשה אָנטאָן, כ׳ל זיך אויפהענגען, כ׳וועל זיך דערוואַרגן, כ׳וועל... ר׳האָט געזען, פּאָ־לאַנסקי, ווי טרערן דריקן דעם־אַ נאָר מחמת דעם טראָפן גוטסקייט וואָס ער, דער נאַטשאַלניק, ווייזט אַרויס צו אים, דעם פאַרשטויסענעם. ר׳האָט אויגנבליקלעך דערהערט ס׳געוויין פונעם מענטש.

— זייט רויק, חבר באַמווערק, —האָט פּאַלאַנסקי געגעדט בנעימות— פון וואַנען נעמען געטועכץ, אַז נאָר שניי און ווינט דרייען אונדז אַ מוח? איר׳ט גיין צו מיטאָג און מער זיך נישט אומקערן אַהער. היינט האָבן מיר פּראַזדניק פון נישט טוען. נישט דאגהן זיך, חבר. ניטשעוואָ, איר׳ט זיך אויסרוען. איר זעט דאָך, סאַמואיל יאַקאָוולייטש — ס׳איז אומזיסט דער וועג. איבער סיביר צעוויגט זיך אַקוראַט דאָס נאָגנדיקע וויגליד, וואָס שיכורט אָן מיט אומעט, מיט מעלאַנכאָליע ביז משוגעת. אַלעמען הייסט זי אַרויפקריכן אויפן אויוון. אַנדערע, די לייכטזיניקע באַגייען טאָקע משוגעתן אין אַזעלכע טעג, טרינקען זיך אָן, שיכורן און זעצן זיך קאָפּ אין וואַנט. נעמט זיך נישט צום האַרצן, יאַקאָוולייטש. איר׳ט זיך אויס־רוען.

שמואלן איז דאָס נישט געווען ניחא. ערשט האָט ער גענומען זיך בעטן ביים נאַטשאַלניק ער זאָל אים הייסן אַריינגיין אין סקלאַד אויפציילן די פאַראַנענע אינסטרומענטן.

— נישט נייטיק, מענטש.

— ס׳דאַך כדאַי צו וויסן, חבר פּאָלאָנסקי! אַ רעמאַנענט, ווייס איך, איז וויכטיק.

— מיר ווייסן סײַ ווי, סאַמואיל יאַקאָווליטש. די ליסטע פון אַרויס־געגעבענע קעגנשטאַנדן לאָזט במילא איבער דעם סך הכל פון פּאַראַ־נענעם. עס איז אויף דער דלאָניע. אויב אַ קאָנטראָל, איז עס נישט פאַר אונדז, נײַערט פאַר די אינסטאַנצן.

פּאָלאָנסקיס פּנים האָט געצוקט פונעם ערנסט וואָס זײַן העלפער האָט אומזיסט אַרויסגערופן: „מיט געוואַלד וויל ער דאָ אַרײַנשטופּן זײַן אָרנטלעכקייט, דער בידנער מענטש, אַ ווילער און אַן אויסטערלישער". ר׳האָט אים געזאָגט:

— אײַלט זיך נישט, סאַמואיל. אַצינד האָט ס׳וואָרט אונדזער סי־בירעלע, מירן שווײַגן; מסכים, חבר באַמווערק? — און ער׳ט זיך אויפגע־שטעלט, געערעדט דעם יונגן מאַן כמעט אין פּנים אַרײַן: — איר זעט, דאָ איז פונאַנדערגעשפּרייט אַן אור־פּוסטקייט. ערשט רעדט זיך פון אַ ישוב וואָס דאַרף אויפקומען. אַז ס׳פאַראַן מענטשן, איז נישט קאַלעמוטנע. אי אַ משפּחה־שטוב קוקט אויף אײַך און סע וואַרעמט איר הרובע, אי אַ ביב־ליאָטעק וואַרט אויף אַן אַרײַנקומער, אי שכנים ווילן זיך טרעפן. אויך מעשה־דערציילערס פעלן נישט צווישן אַזעלכע, און בערניעגערס און כישופמאַכערס. סיביר איז נאָך אַ ווײַטע וועלט, חבר באַמווערק, דערפאַר איז אונדז אומעטיק. מיר זענען די לײַם פון וואָס עס קומען אַרויס די ציגל פאַרן ישוב וואָס מ׳שטעלט ערשט אויף.

דער נאַטשאַלניק האָט אים פאַרשלונגען. ס׳איז טשיקאַווע דער חלום, אָבער דער מענטש מוז אים אויסטראָגן, אַפילו זיך ברעכן אונטער זײַן משא. שמואל האָט נישט געקענט אַזוי פיל טראַכטן. דער סאָלדאַט באַמ־ווערק האָט זיך קוים געטשוכעט. ער ווייסט נאָר איינס: מיטן גאַנצן האַרץ איז ער ווייליק אַנטקעגן דעם נאַטשאַלניק. צו מאָל ווערט ער באַ־ריידעוודיק ווען ר׳דערזעט אַז זיי ביידע זענען געבליבן זאַלבעצווייט, אויג אויף אויג, די רויע קאָרפּוסן האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דנאָ פונעם שניי־ווירבל וואָס וועבט זיך, זשומעט פאַרעקשנט און שנײַדט זיך אַרײַן איבעם הענגענדיקן טונקל. קיינער איז ערשט נישט מטריח די מענטשן פון אינסטרומענטן־קאַנטאָר, קיינער האָט זיך נישט באַוועגט אַרום גליוועד פון די סטאַרטשנדיקע קאָרפּוסן אין פעלד, וואָס זענען פאַרהויקערט אין

זיך, אין זייער מרה־שחורהדיקן פאַרטראַכט. אין דעם דויערנדיקן ווינטער האָבן אָפּט זיך געשטעלט אַזעלכע טעג, אָנסופיקע טעג וואָס האָבן עבר־בטלדיק זיך געקנייטשט אַנטקעגן אָוונט, וואָס איז שטענדיק בײַ זיי אויפן שוועל. דאָס אייוועלע הערט נישט אויף צו פלאַקערן, די שטילקייט איז פאַרהאָרכט אינעם הודזשעניש פונעם הייסן, פויל גענעצנדיקן האַלץ, וואָס בלײַבט לסוף ליגן און פינצטערט. דער רעיון וואָס צײַטיקט צווישן די ווענטלעך פון האַרץ בײַ שמואלן צעעפנט דעמאָלט זײַנע לעפצן:

— באַשײַמפּערלעך, די וועלט די גאַנצענע איז פאַרמישפּט אויף חושכעניש. פון אומעטום שפּאַרט אומעט. עמעץ קען מיינען אַז ס׳איז דער גורל אַזאַ: נאָר פײַן איז אָנגעבאַרייט פאַרן קליגסטן פון די באַשע־פעניש, פאַרן מענטש; אַנדערע טענהן אַז די מענטשן זענען אַלץ נאָך נישט פאַרשטאַנדיק צו וועלן אויסריכטן די לוויה פונעם אומיושר, וואָס האָט שוין אויסגעצווײַגט אַזאַ טיפן טרויער. ס׳אַ שרעק ווי דאָס הרגעט! בײַ אונדז איז ענג אין ריינער לופט און אַ דוחק אין ברויט. דער פויער אין פוילן־לאַנד איז זשעדנע אויף יעדער מעזשע. ביז אַ לעצטער גרודע אַרום דער שטוב פאַראַקערט ער, אָבער דעם דלות איז נישט גובר צו זײַן; נישט דעם מידן טאַטן, אויך נישט דעם פלייציקן זון געראָט דאָס. הונגער איז די ירושה פון דור צו דור. קיין שום אָנשטרענג העלפט נישט. אויך די פויערטע איז טאָג און נאַכט געהויקערט אין קו־שטאַל, זי בייגט זיך איבערן גאָרטן־בײַט בײַ דער כאַלופּע. אַ ציבעלע מוז דאָך יאַקאָש זײַן, אַ בורעק דאַרף מען האָבן און דער גראָשן אויף נאַפט קלעקט סײַ ווי נישט. צאָרן שוימט טאַקע אויף פון מאָל צו מאָל, נאָר דער פרומער זיפץ פאַרן פאַרהייליקטן יויזל לעשט סוף־סוף דאָס פײַער פון פאַראיבל. ס׳דחקות פינצטערט אָן אויפהער, אַזש ס׳געקרעכץ פון דאָרפישן קזשאַק הינ־טערן פענצטער דערגייט צו די קליינע קינדער וואָס אויך זיי אומערן אין שמאַך. עס דרימלען, אמת, אין דער נאָענט אַ רוב שאָטנדיקע וועלדער אומאַרומנעמלעכע, טיפע, רײַכע, זיי שמעקן מיט שוואַרצע יאַגדעס, מיט רויטע פאָזיעמקעס, סאַמעט־שוואָמען געדייען אויף זייערע מאָכן, אָבער אָרעמע לײַט ווערן געטריבן פון זיי. די אַכזריות פון די טעמפּע שלאָגט זיי. מחמת אומקלוגשאַפט פון קלאָמפּערשט איידלגעבוירענע שטייט דער געבריל פון די סאַמע ברויטהאָדעווערס ,וואָס זייערע לעבנס טליִען פאַר־שעמטע אין ברענענדיקער עוולה. די קליינע יישובים פוילן טוכלע אין

נויט, פאַר דאָס וואַקסן נאָ צוואָל די גרויסע שטעט, עס מערן זיך די קוימענס וואָס זייען סם און ס׳מערט זיך דער הונגער צו גלײַך מיטן פאַרבריק־רויך; אָבער אויך די קליינע שטעטלעך, וואָס זענען הונדערטער אין צאָל, שטייען אין אייביקן שימל. צו מאָל בליט אַ קראַנקע שיינקייט אויף דעם שימל, אויסטערלישער צויבער, אָבער ער מוז פאַרוויאַנען, דער חן. אַצינד איז אויף אַלץ געקומען דער שענדער און רויבער. אַפילו די זשומעדיקע טײַכן און פיש־סטאַוון פאַרסמט ער מיט זײַן אָטעם. די בלוטיקע עוולה דערגרייכט דעם בן־אדם אומעטום. נישט וואָר, חבר פּאָלאָנסקי?

דער פאַרוואָרפענער ייִד האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַר זײַן וויטיקלעכער בענקעניש, פּאָלאָנסקי איז אים געווען דאָס אָפענע אויער פאַר זײַן לעכצונג. אין די טעג ווען אײַזיקער גליוועד איז ווי אַ נידערוואָלקן גע־האַנגען איבער דער צונויפגעפּויסטיקטער טעריטאָריע איז ער געווען מער געדרן די נאָענטקייט פונעם שטיל פאַרטועטעם נאַטשאַלניק איידער די אָנגערייכערטע קאַזאַרמע־גרוב פון דעם המון גרעפּצערס. אויך ווען עס איז נישטאָ צו טאָן אין קאַנטאָר האָט אים געצויגן זיך צו דערוויטערן פון דער אָנגעטומלטער צוזאַמענוווינונג. דער נאַטשאַלניק האָט זיך געחידושט דערויף, דאָך איז ער געווען צופרידן מיט שמואלס קומען. דאָס גלײַכן פּאָלאָנסקי איז געווען להוט אַן אויער פאַר זײַן טראַכטן. אין קאַנטאָר איז געשטאַנען אַ פינצטערלעך שווײַגן ווען ער האָט זיך גע־לאָזט הערן; ס׳איז געווען אַזוי, גלײַך ער וואָלט זיך אַליין געוועקט, פאַ־וואָליע, געלאַסן.

— חבר סאַמואיל, איר הערט? — — יאַקאָווליטש, איך זע, איר זענט שוין מיד. ניין, זאָגט איר? איז אַוודאי גוט. אומזיסט דאַכט זיך אײַך אַז איר זענט איינציק מיט דער אומער־שפּירונג. פאַראַן איבערגענוג צע־קוועטשטע נשמות. אַ וועלטל אַזאַ זיך אויפגעסטראַיעט. געוויס זענט איר דערוואַקסן צו וויסן אַז נישט אַלץ וואָס מ׳זעט, איז אַקוראַטנע אַזוי ווי עס זעט אויס. ס׳איז נישקשהדיק אונטערגעפּוילט. דער מענטש איז דען אין שטאַנד אַרויסצוברענגען דאָס ריכטיקע געפיל וואָס עקבערט זײַן מאַרך? זעלטן, גאָר זעלטן! אַ שטייגער די פאַרדרייעניש מיט דעם אָרט וווהין מ׳האָט אונדז אַריבערגעפירט. אַ מענטש וואָרצלט דאָך ערגעץ, אמת? דאָ איז... צו וואָס אַרײַנרוקן די קורצע צונג! פריִער איז דאָ געווען דורכוויסי־קער וואַלד, איז עס אָקערשט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון לאַנד? נאָך

ניט, סאַמואיל יאַקאָווליטש. געוועז, געוועז אַ נול, — אין דער ראַם פֿון דער טײַגע און, נאָוואָסיבירסק דער שטאָט. דער אָ אויסגעקאָרטשעטער וואַלד איז ערשט אַ תהום צווישן געוועזענעם און דעם יש וואָס שטייט נאָך אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון אינזשיניערן, די סטראַטעגן פֿונעם רוסישן מאָרגן. דאָס, וואָס דאָ זאָל ווערן, דאַרפֿן צעאַקערן די אַהערגעקומענע, איר, מיר אַלע. אַריבער שניי און שטורעמס וועט עס געשען. זיכער וועט׳ס געשען. הײַנט איז עס טעריטאָריע, פֿון וואַנען מ׳האָט פֿאַרטריבן אַפֿילו די חיות, נישט נאָר די ביימער מיט דער לויערנדיקער שאָטנדיקייט. צעראָיעט די נאָרעס, די בערלאָגעס, האָבן די חיות, צעטומלטע, בלאָנדזשענדיק מיט גע־וואָי איבערגעשראָקן מערערע יישובים פֿון צפֿון. איצטער זענען מיר עדות אויפֿן געבורט פֿון אַ נײַ אָרט, מעגלעך אַ שטאָט, אפֿשר אַ דאָרפֿי־שער פּונקט פֿון פֿאַבריקישן שניט. וואָרן אי וואַסער איז דאָ פֿאַראַן — סע שורעווען דאָך אונטער דער אונטערערדישער קאָרע די שטראָמען פֿונעם טײַך אָ ב — אי אַ באַנליניע איז פֿאַרפּלאַנט. מיר קוקן, קוקן און זעען דערווײַל גאָר נישט; ריכטיק, קיינער באַנעמט נאָך נישט וויפֿל מאַרך, וואָס פֿאַר אַ אוצרות געלט און קרבנות, יאָ, קרבנות דאָס שלינגט אײַן! מיר שטייען אויף די גרענעצן פֿון אַזוינס וואָס פֿיבערט אויף די פֿליגל פֿון דער קלוגער אינזשיניעריע. גענומען פֿאַר אַ פֿאָלע די טײַגע־פֿינצ־טערניש און שוין פֿירט מען אַריבער איבער אירע גֿעקעפּטע אַקסלען אַ בײַענקן הימל. אין גיכן וועט די זון זיך לענגערן איבער דעם־אָ רחבות, זי׳ט זיך אפֿשר אַ ביסל שעמען ביז, ביז... אַ מאָל וועט זי נעמען זיך שפּירן אין אירע גדולות. וואָ׳דען, אַ יישוב וועט זײַן, אַ יישוב ווו זונליכט וועט ווערן געשעצט. סיביר איז ערשט אויפֿן בראָכשטול פֿון פֿאַרענדע־רונגען; סע גייט די געפֿרוירענע סיביר מיט פֿאַרגעלטע באַקן און אויס־געטרערטע אויגן. איי, וואָס דער מענטש פֿון דעם קאַנט קען זיך דער־מאָנען פֿונעם געראַנגל מיט דער אייזיקער ערד און פֿונעם געשלעג מיט דער חיה־רעה. איר ווייסט אַ סך דערפֿון? אין איין מוזשיצקין ווינטער־שלאָף צעשטערן דער בער און דער וואָלף אַלצדינג וואָס אַ גאַנצע משפּחה האָט אַ לעבנלאַנג אָנגעזאַמלט מיט מי און מאַטערניש. נישט זעלטן טרעפֿט אַז דאָס געווילד זאָל אין מיטן נאַכט צערײַסן סײַ די קו פֿון שטאַל, סײַ דאָס פֿערד און אַוועקטראָגן אין בלוטיקן פּיסק זײַנע קרבנות און אויפֿן רוקן פֿאַרנעמען מיט זיך אויך דאָס איינציקע קאַלב, דעם לאָשעק. אַ

קאַטאָוועס בײַ די צעהונגערטע חיות אויסצודושען אַלע עופות? די וואַלדישע ראַזבאָיעס פאַרקלײַבן זיך ווי די גנבים הינטער די כאַטעס און טוען אָפּ די מיאוסטע נאַכאַלסטוועס. אונטערגעגראָבן זיך, צעשפּאַרט אַ וואַנט און שטילינקערהייט צעצונדן אַ פולן חורבן. לאַכט נישט, באַמווערק, ס׳נישט קיין פאַנטאַזיע, אויב איך וועל אײַך דערציילן אַז אין אַ סך ערטער אַרויפּצו צו צפון פאַרקויפן זיך אין די זעמסקע קלייטן נישט קיין קאָסעס, נישט קיין אַקעראײַזנס, נאָר ביקסן און קוילן. דער סיביריאַק מוז זיך יאָגן נאָך דער חיה, ווײַל זי שטעלט אין סכנה זײַן ברויט און זײַן לעבן. ס׳נישט פון יעגערישער לײַדנשאַפט, נאָר מחמת דעם מ ו ז. געהרגעט אַ וואָלף, בײַגעקומען אַ בער, האָסטו אָפּגערוימט אַ שונא וואָס לויערט אויף דײַן הויז. פאַר יעדער געהרגעטער חיה גיט מע נאָך אַ באַלוינונג. אין צייכן פון אָפּגעטויטנעם שטיקל אַרבעט, מוז יעדער פּויער ברענגען אין דער זעמסקע אופּראַווע דעם עק און די אויערן פון דער פאַרטיליקטער חיה. עס איז אַ באַווײַז אַז דער בעמלעכער העלפט אין געראַנגל מיט די צוק־חיות וואָס מאַכן אַ תל פון האָרעפּאַשנע באַלעבאַטישקייטן. אגב איז גאָר נישט גרינג צו זײַן אַזאַ יעגער. מ׳מוז זיך אַוועקלאָזן אין די וועלדער אויף טעג און נעכט, זײַן אויסגעשטעלט אויף סכנות — — שוידערלעך און גראַנדיעז זענען די מעשיות וואָס די יעגערס האָבן אויסצודערציילן פון זייערע איבערלעבענישן אין די טײַגעס, אין די טונדרעס, דעם קיניגרײַך פונעם בער און די אַנדערע באַשעפענישן וואָס טראָגן טויט פאַרן מענטש. יאָ, אַנדערש איז מיט די יעגער־קאָלעקטיוון, וואָס יאָגן זיך נאָך די חיות צוליב דער פעל. דאָס, דאָס, זעט איר, באַמווערק, איז שוין פּראָדוקציע פאַרן וויל פון לאַנד; ס׳איז פון וועגן טײַערע פעלצן, פאַר רײַכקייט פון קאַזנאַ.

טשיקאַווע, דאָך אומעטיק, זענען געפלאָסן פּאָלאָנסקיס געשיכטעס אַרום קנאַקנדיקן פײַער. אַ פאַרטײַעטער האָט דער טאָג געזשמורעט פון דער שויב און זי׳ט געגראָעט, פרי געטונקלט. קיין מענטשלעכער פוס האָט נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם קאַנטאָר. די טעריטאָריע האָט געגליווערט אין פראָסט־נעפּל אָדער זי איז פאַרצוקט געוואָרן פון אַ פרישׂ אָנגעטראָגענעם שניי־ווירבל. ווי די חיות די אַנטרינענע פון פאַרטריבענעם וואַלד, זענען די מענטשן פאַרקראָכן אין זייערע אונטערערדישע יאַמעס, זיך געקאָרטשעט אין לאַכעס.

פּאָלאָנסקי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זײַן מענטש, אַרײַנגעקוקט אים אין פּנים:

— מ׳באַדאַרף דאָס וויסן, סאַמואיל, אויב מ׳זיצט אין סיביר.

פּאָלאָנסקיס העלפער האָט שווערמוטיק פאַרנומען די רייד פונעם באַלעבאָס און אין זײַנע געהירן האָט שטיל זיך צעריזלט דער דרויסן, דער צונויפגעקאָרטשעטער אין פאַרביסנקייט.

6

ס׳איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען:

— דער יונגער מענטש האָט נושא חן געווען ביי זײַן נאַטשאַלניק. קאַזאַרמע־לײַט האָבן עס צוגעזען און דעם באַיעץ געגעסן מיט די ציין פון קנאה. אַ פאַרשוין אַזאַ און האָט נאָך הצלחה. מסתמא אַ געלערנטער, אַנישט וואָלט ער נישט געבליבן אויף ווײַס ברויט, — האָבן טייל זיך אונטער־געגעבן דער מאַכט פון „שטאַרקערן״, אַפילו געזוכט געפעלן צו ווערן דעם, וואָס דער נאַטשאַלניק איז אויף אים אַ מבין.

די שמאַטע־סאָלדאַטן האָבן געוואָרפן אומרויִקע בליקן אויף דעם אויפגעריכטן, דאָך געפּרוּווט זיך דערנענטערן צו אים מיט אָפּשײַ, אָבער שמואל האָט געציטערט פאַר אַן איבעריק וואָרט. „ניטשעוואָ, איך אַרבעט״, האָט ער אַלעמען אָפּגעפּטרט מיט קאַרגן ענטפער. ער איז געווען גליק־לעך אַז מ׳לאָזט אים במנוחה.

אַנטקעגן פּאָלאָנסקין האָט שמואל יאַקאָש זיך שוין אָפּגעפונען. דער נאַטשאַלניק האָט געפילט דעם יונגן מאַנס צוריקגעצויגנקייט. דער מענטש איז פול שרעקן; עס איז פון ליידן, וואָרן ער איז אַ פּשוטער. מ׳הערקענט אַזוינעם. אַנומלט, ווען פּאָלאָנסקי האָט דערשפּירט אויף זיך באַמווערקס פרעגנדיקן צי בעטנדיקן בליק, האָט ער זיך צו אים צוגעניגט מיט אַ וואָרט אַזוי ווי מ׳וואַרפט אַ שטיינדל אין אַ רויִקן וואַסערשפּיגל:

— סאַמואיל יאַקאָווליטש, איך האָב צו אײַך אַ טענה. דער מענטש דאַרף זײַן מענטש, נישט מער, אָבער אויך נישט ווינציקער. מיט לאָ־גיק. איך פאַרגעס און איך זע אַז אויך איר פאַרגעסט אין דעם געוויינט־לעכסטן. יאָ, יאָ, איר געדענקט נישט ס׳אײַעריקע. אייגנטלעך ווייסט איר דאָס —העכערט ער זײַן קול— איר געהערט נישט מער צו דער סאָל־דאַטן־מאַסע, טאָ צו וואָס ס׳שווײַגן, יונגער מאַן? איר ווייסט עס, און איר

לאָזט מיך באַגיין אַ פאַרברעכן. אַוודאי, איך. איר׳ט נישט געטאָרט מיר דאָס פאַרשווייגן. וואָס הייסט — איר פאַרקרימט ס׳גלייכע! איר׳ט נישט קיין רעכט צו עסן פון אַלגעמיינעם קעסל, איר לאָזט פאַרפאַלן ווערן שפּייז וואָס ווערט געגרייט פאַר אייך — ווי טוט מען אַזוינס? איר דערמאָנט נישט אין דעם וואָס געהער זיך אָן מיט אייך. אונדזער קאַנטאָר איז צוגעשריבן צו דער קאַטעגאָריע פון אינזשיניערן־טעכניקערס אויף דער בויאונג. אייך קומט אָן „איטעערישע״ הערנערונג, פּאָניאַל? די צוטיילונג קומט אויטאָמאַטיש. און איר דאַרפט זיך בעסער דערנערן, סאַמואיל יאַקאָווליטש. איר זענט אויסגעבלייכט. די מאַטערנישן וואָס אייך געווען באַשערט, דאָס אַנטלויפן פון דער דייטשישער שלאַנג, איז ווערט אַן איטעערישע צוטיילונג. יעי באָגו, אָן איבערטרייבונג.

— איך? —צעשטאַמלט זיך פּאָלאָנסקיס העלפער און ר׳ווערט רויט ווי אַ טשוויק— כ׳דערוועג זיך נישט צו טראַכטן דערפון. לאָזט געמאַך, חבר פּאָלאָנסקי. איך וואָלט זיך געשעמט אַזוינס צו נעמען. איך און — אינזשיניערן?

באַלד גליט ער אין גאַנצן: „ס׳וועט ווערן אַ קאָך! מ׳עט אים באַפאַלן. ערשט וועט מע גראָבן הינטער אים. וואָס וויל ער אַצינד? צו פיל גוטס!״ —

פּאָלאָנסקי האָט געזען ווי ביי סאַמועלן ציטערט דאָס מויל. איז ער, שוין אַ געשטרויכלטער פאַר זיין מוסר, צוגעגאַנגען צו אים מיט באַרויקונג:

— ניטשעוואָ, חבר באַמווערק. איר׳ט דאַרפן עסן אַ ביסל בעסער. נישטאָ שוין (וויל ער לאַכן) קיין ברירה. איכ׳ל עס באַזאָרגן. און זייט זיכער אַז מ׳איז נישט באַגאַנגען קיין שום פאַלשקייט. רויק, רויק, סאַמואיל יאַקאָווליטש. אַלץ איז צוגעגרייט. איך האָב עס נאָר געוואָלט אייך זאָגן.

— ניין, איך וויל עס נישט, —האָט שמואל געשפּירט טרערן אין די אויגנווינקלען— צו וואָס זיך שטופּן? איך בין נישט קיין אינזשיניער און כ׳טו נישט קיין וויכטיקע אַרבעט. איך, איך, — האָט ער זיך פאַראיקעט און געשטאַנען אין אַ נייער פּלוצלינגער היץ.

— אַ טעות, יאַקאָווליטש! איר שטופּט זיך? ווער׳ט עס געזאָגט? איר באַדאַרפט נישט האָבן דערפון קיין קאָפּווייטיק. די זאַך איז אַ פּשוטע. אייך קומט אַן אַנדערע צוטיילונג און נישט די וואָס איר נעמט אַרויס ביז איצט. איך האָב אייער נאָמען אַריינגעטראָגן אין דער ליסטע פון „אי־

טעער״. צו וואָס נישט נייטיקע באַשיידנקייט? איר מוזט יוסט אָפּעסן און נישט זיך שרעקן. אַך, אַך, איך וואָלט עס נישט געגלייבט אַז איר קענט ציטערן ווי אַ קליין יינגל. ס'אַ פּראַווילנע זאַך. אונדזער קאָנטאָר געהערט צו דער ריכטיקער קאַטעגאָריע. דאָס באַשטימט דער קריגס־קאָמיסאַריאַט און נישט מיר.

געזען אַז שמואל פלאַמט און פלאַטערט אונטער זײַן מוסר, האָט פּאָלאָנסקי אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זײַן אַקסל:

— שוין, שוין. אויב ס'איז אַ חטא, נעם איך עס אויף זיך, סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש. איך וועל אָפּנעמען אײַערע קאַרטלעך און אייגנהענטיק קוויטירן. ווי מיינט איר, חבר באַמוועריק: איך וועל געניבערן — דעם בויקאָנטאָר, צי אײַך? אַ קאַפּעטשקע יישוב־הדעת און פּאַרטיק מיט די רייד. און ווייסט, פּאָלאָנסקי וועט אײַך נישט פירן צו אַ צרה.

...עס האָט גאָר נישט געהאָלפן: דער באַאַמטער פון אינסטרומענטן־קאָנטאָר האָט געמוזט צוויי מאָל אין מעת־לעת זיך מטריח זײַן מיט זײַנע שפּײַז־קאַרטלעך אויף דער אַנדערער זײַט פון דער ריזיקער עסהאַלע. בײַם צונויפלויף פון המון, ווערט דאָ אַ בהלה, ווען עס קומט צום אויסטיילן די פּאָרציעס געקעכטס, וואָס מ'גיסט אָן אַלעמען אין די בלעכערנע קעסעלעך אַרײַן און דעם לעפל ציט מען אַרויס פון דער כאַליעווע. מיט געליאַרעם שטעלן זיך אויס לאַנגע אָטשערעדן פאַר די קליינע פענצטערלעך וואָס עפענען זיך מיט אַ שיבער. יעדער דזשאַלדאַס מיטן אויערן־היטל אין די אויגן, רוקט אַרײַן אין פענצטער זײַן בלעכל און פון דאָרט פּאַרעט זיך אַרויס געדיכטע אַ גראָער, וואַרעמער קנויל צו גלײַך מיט דער פליעסקעדיק־זויערלעכער יושקע, מיט וועלכער ער אײַלט באַלד אוועק צום לאַנגן ברעטערנעם טיש. טייל באַווײַזן נאָך בײַם אַרײַנרוקן ס'בלעכל אין דער עפענונג צוצוואַרפן אַ תחנונימדיקן רוף צו אַן עמעץ מיט אַ פאַרשוויצטגלאַנציקן פּרצוף: — דזשאַלדאַס, גיב געדיכטס! כ'זאָג דיר דזשאַקסי. — כאַסין, געפין אויס אַ ביין! און פאַלט צו דער המון צו די מעסטלעך, שטעלט זיך אַ נײַער אומאיבערגעריסענער געפּילדער פון די שלינגענדיקע, קײַענדיקע. די וואָס האָבן נישט קיין לעפל, שטעקן אַרײַן דעם קאָפּ אין קעסעלע. אַזוי־אָ מוזן זיי זיך אָנקאָרמען מיטן וואַרעם שיטערן זעלנערישן לאָבונג; בהלה באַלבעט זיך דעמאָלט אין דער גאַרקיך. אָבער אויף דער אַ נ ד ע ר ע ר ז ײַ ט וואַנט איז קלענער דער עולם עסערס און עס

איז געשמאַקער דאָס געקעכטס, וואָס מ׳דערלאַנגט אויף גלאַזורירטע לײי־מענע טעלערס. פון דער סודותפול רוישנדיקער קיך האָט מען אַהינצו, אויף יענער זײַט וואַנט, געטראָגן אויף טאַצן פעטע זופּן, געשמאַלצענע קאַשע, היפּשע פּאַרציעס פלייש מיט זעטיקן ווערמישעל, אויך ווײַס ברויט. צווישן די אינזשיניערן־טעכניקערס און אָפיצירן, צוגעפּעסטיקטע צו דער גרויסער בויונג, האָט מען אויך דעם קליינעם מענטש פונעם אינסטרומענ־טן־קאַנטאָר געקאָרמעט מיט באַטעמטע געקעכטסן, מיט רינדפלייש און קאָרנברויט.

צוויי מאָל אַ טאָג האָט באַמווערדק זיך אַרײַנגעשאַרט „אויף יענער זײַט", שעמעוודיק זיך צוגעזעצט צו איינעם פון די קלענערע טישן און געגעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. מ׳האָט אים צוגעטראָגן דעם טעלער באַגלײַך מיט אַ ווײַבערישער מינע וואָס אין איר שאָטן איז געווען אי האַלבשמייכל אי האַלב־סוד. „וואָס מיינט די דאָזיקע? — פלעגט אים אָפּצוואָגן אַ שטראָם האַסטיק טראַכטן און געשפּירט זיך פאַרלוירן. דאָס מויל, די צונג האָט מעכאַניש געדזשאַמדזשעט, אָבער אין מוח איז גע־בליבן אַ הוילקייט, גלײַך אַ וויסטער וועג שפּאַרט דורך אים און ער איז אויסגעשטעלט נאָר פאַר מ ש ו ג ע נ ע ווינטן. אַלע מאָל איז שמואל אַהין אַרײַן אויף אַן אָפּקומעניש, שטענדיק געזוכט אַ טיש מיט ווינ־ציק עסערס. ער איז געווען „גליקלעך" ווען אַנטקעגן, האַרט אַנטקעגן אים איז קיינער נישט געזעסן. און האָט ער בײַ זײַן זײַט געשפּירט עמעצן, האָט אים נישט אָפּגעלאָזן ס׳געפיל אַז מ׳טײַטלט אויף אים: „אָט האָסטו דעם וואָס האָט זיך אויסגעפונען דעם ריכטיקן בלאָט. אַלע זײַנס גלײַכן עסן פון באַטאַליאָנעם קעסל, אים שטייט עס נישט אָן. אַ כיטראַק! פאַר זײַן טרייפענעם האַלדז איז ער גרייט אַפילו מקריב צו זײַן דאָס געליבטע ווײַבל וואָס גייט אויס!" דער מענטש האָט זיך מוראדיק געיאַדעט ווען ר׳האָט געמוזט זיצן צווישן די פּרעסנדיקע, די איינציק רויקע אין דעם דאָזיקן העק פון גורלדיק פאַראומגליקטע.

„וואָט אַ טשודאַק!" — האָט ער אַ מאָל געהערט אַ ברום באַגלייט פון אַ בליק וואָס האָט געלעכערט זײַן רוקן.

„געזען אַ פאַרשוין?! טאַקע דעם מיין איך".

באַשײַמפּערלעך, פון אים האָט מען אָפּגעחוזקט, אויף אים זיך גע־כעסט. און די זעלביקע האָבן זיך אָנגעפּאַקט פולע מײַלער מיט געפּרעס.

עס איז דערגאַנגען דערצו אַז בעת שמואל האָט זיך צוגעזעצט צו אַ טיש, ווו עטלעכע אירע זענען שוין געזעסן, ט'ער זיך פּלוצלינג דערזען אײנער אַליין. די מיטזיצערס האָבן שטיל זיך אויסגעטשאַדעט ווי רויך — אַוועקגע־קליבן זיך צו אַנדערע טישן. דעמאָלט האָט די איבערלעבונג אים מגושמדיק געגריזשעט. די שפּאָטנדיקע קוקערס וואָס זענען נישט אָפּגעטראָטן — האָט ער געפילט— קריכן אַרום אויף אים ווי שרצים; אײנער אַליין — האָט ער געטראַכט— שטייט ער אַזוי אין פלאַקער פון בושה און יסורים. אַנדערע זעען עס צו און קײנעם אַרט עס נישט. וואָס, אַ קרעציקער בין איך, אַ...? אין די אויגן האָט אים געפינצטערט. אַ מערכה, וואָס פּאָלאָנסקי האָט גראָד זיך צוגעזעצט און גענומען אים מינטערן, צוואַרפן אַ וואָרט. עסט, עסט, — דאָס איז דאָס ריכטיקסטע מיטל קעגן דער גיריקער קעלט. אַ קערפּער וואָס איז זאַט, פּראָדוצירט אײגענע וואַרעמקייט. דער פּאָלאָנ־סקי האָט דערנאָך אין גאַנצן שוין אַרויסגעראָטעוועט סאַמואילן פון די חוזק־אָנגריפן. ער'ט צוגעשלײַכט צו די טישן פון די גראָבע לײַט, די נישט־פאַרגינערס, ענערגיש, האַרט געוואָרפן אין זיי רייד פאַר דרך־ארץ, פאַר באַזיניקונג:

— הערט אויף! איר זענט אומפאַרשעמט אַקעגן אַן אָרנטלעכן, — האָט איגנאַטי וולאַדימיריטש, דער חשוב, באַאַרבעט די גרויסע מײַלער. — ר'איז אַ פרעמדער אין דער סביבה פון אַזאַ טועכץ. אַזוי, יונגע לײַט! איר מעגט זײַן קליגער! דער אָרעמינקער מיינט נעבעך, אַז ער באַעוולהט וועמען, אויב ער עסט נישט פון אַלגעמיינעם קעסל. ר'וויל דווקא גיין אַהין. איך שלעפּ אים אַהער. אַ מיטלייד.

שפּעטער־צו האָט שמואל זיך שוין ווינציקער געקווענקלט אַרײַנצו־גיין הינטער דער מחיצה אָפּעסן זײַן „איטעערסקע” מאָלצײַט. אָבער ער'ט סײַ ווי זיך אויסגעטיילט פון אַלעמען, דער „חבר באַמוועדק” (מ'האָט עפּטערס שוין איבערגעקײַעט זײַן שווערן נאָמען). אַ בלייכער האָט ער אין די גרויסע שטיוול זיך באַוועגט ווי אַן אויסטערליש באַשעפעניש, אַ פאַרוויקלטער אין וואַטע־געשטעפּטן צײַג וואָס האָט אים געמאַכט אומנאַ־טירלעך ברייט. ער'ט שוין ווינציקער געשטוינט אויפן אומהיימלעכן רעש וואָס איז ווי אַ פאַרע־שאָטן געהאָנגען איבער די פאַרטוענע אַכלערס אין די קורצע פעלצלעך און הויכע וואַלענקעס, אין וועלכע עס זענען אַרײַנגע־לאָזן פאַרפעטסטע וואַטענע הויזן. די וויכטיקערע, וואָס זענען אַהין אַרײַן,

זענען געווען אין לאַנגע שובעס, לעדער־געפּעלצטע היטלען און גראָבע הענטשקעס; די מיליטערישע האָבן זיך געוויזן אין פּעסטע, גוט אויסגעפּוטערטע שטיוול. אויף די אַלע האָבן שוין רויִקער געקוקט שמואלס צעשראָקן בלאָע אויגן וואָס שטאַרן אַרויס פון זײַן אַראָפּגעזעצטן לאַפּן־היטל, אַ באַזיימטס מיט וואָלוועלן שאָפּנפּוטער. אָבער ער׳ט זיך נאָך געשעמט. ווי פריִער האָט באַמוערק זיך געקרעקט מיטן אַראָפּגעשלונגענעם ביסן, גלײַך ר׳וואָלט באַגאַנגען אַ גנבה. אַזוי האָט ער זיך געשפּירט אין מיטאָג שעה, ווען די צעשריגענע עסהאַלע איז געוואָרן פול מיט דער זשעדנעקייט פון כוואַליעס אויסגעפּרוּירענע סאָלדאַטן אין טראַנטיקן הילוך, אַזוי אויך אויף דער נאַכט. באַגינען איז דאָס עסן פון באַטאַליאָנעם סאָלדאַט געווען אַ טרוקנס, כאָטש — אמת — באַנעצט מיט זודיקן קיפּיאַטאָק וואָס האָט פאַרזיסט דאָס שוואַרצברויט וואָס אויף איבערנאַכט ווערט עס לרוב פאַרבאַהאַלטן צוקאָפּנס פונעם נעבעכדיקן געלעגער. סײַדן עמעץ האָט געוואָלט זיך פעדערן אין סומנער פאָרבאַגינענדיקער פינצטערניש און זיך לאָזן צו דער גאָרקיך נאָך זײַן קעסעלע יושקע. אין תחילת איז עס געווען אַ מוז, דאָס גיין אויך קאַיאָר אין מחנה נאָכן הייסן קרויט־זיפּעכץ. די אומגעהייער צעבויטע אײַזן־פּליטע אין דער גרויסער הילצערנער סטאָדאָלע וואָס באַשטימט פאַר דער גאָרקיך האָט אומדערמידלעך געקנאַקט אין פלאַמען, געקאָפּטשעט אַ גאַנצע נאַכט; אויך אָנבײַסן איז דאָרט געגרייט געוואָרן אַ געקאָכטס, אַ קרויטיקס ווי געווייִנטלעך, אָבער יעמעליאַנאָווס אַרבעט־פּי האָבן אויסגעפּועלט נישט געטריבן צו ווערן אין פראָסט צום ערשטן איבערבײַס. חברה האָט איבערגעכאַפּט אין קאַזאַרמע־קעלער וואָס האָט געגומען זידן מיט טומל נאָך אַ „שטאָך אין דער נאַכט”. די אויסטויגער׳ס האָבן פונעם לעבעדיק אונטערגעהייצטן אייוועלע אַרײַנגעכאַפּט אַ גרעסער מעסטל זודיק וואַסער און געכלאָפּטשעט, פאַרביסן מיטן לייִמיקן ברויט. ערשט דער איבערשרעקנדיקער געשריי האָט געמאַכט אַ סוף צו דער באַגינענדיקער גראַטשקע:

— צום אַפּעל! — האָט הילכיק, געהירן־שפּאַלטעריש זיך צעפּאָכעט אַ רוף צו גלײַך מיטן פּאַטשן פון האַרטע דלאָניעס.

— אַרויס פון דער צוזאַמענוויִנונג!

כאָטש ס׳איז תמידיק געווען דער־אָ רוף, פון דעסטוועגן האָט ער אַ ע מאָל אָפּגעקלונגען מיט אומגעריכטקייט.

— ממאַררש, דזשאָלדאַסן! אויסשטעלן זיך אין שורות, גי־ייי־כעעעער!

אויסגעפּרעסן, דורכגעוואַרעמט האָט דער בריגאַדיר זיך געוויזן מיט באַגינענדיקער, אַ ביסל כריפּלער אויפגערעגטקייט:

— חברה, נישט קאַראַדאַטשען! רדראַז, דוואַ, גע־הע־עעע־עעערט?!

מיט רויך־פּאַרפּרישעטע אויגן האָט מע קאַיאַר באַגעגנט דעם שנײַדיק שאַרפן דרויסן. אין יענער שעה איז די ווײַסקייט פון שניי נאָך געלעגן טונקל צונויפגעקאַרטשעט. אין דער קאַזאַרמע־הייל איז געבליבן פאַר־קנוילט די נאַכטיש־פאַרמרוזשעטע ליידיקייט און אַקעגן איר האָט דער דניעפּוואַלני זיך צעגענעצט:

— אַזאַ באַנדע! שדים אויף זיי!

אַריבער מראַקנדיקער פינצטערניש האָט מע די שווער־פּיסיקע ברײַ־גאַדעס יעדן פאַרבאַגינען אַרײַנגעפּירט אין די טויערן פון טויבקאַלטן טאָג — פאַר אַ לאַנג־לאַנגן וועג אָוועקגעפירט ווײַט פון די נאַרעס וווּ מ׳קען זיך נורען אין די אייגענע טראַנטעס, צו מאָל טוליען זיך אין אומ־היימלעכן חלום.

פאַר אַ שלעפּיקן טריבן טאָג וואָס פאַרפּאַטשט די אויגן מיט זאַלציקן שווייס, האָט מען די האַרעפּאַשנע לײַט געהאַלטן אין דער יאַרמע פון אומאויפהעריקן שטויסן די מאַסע פון פרירקן צעמענט און קויט; גע־האַנגען אויפן משקולת פון דער רושטאָוואַניע, זיך צעוויגט איבערן ראַנד פון צעעפּנטע טראַנשייען פאַר נײַע פונדאַמענטן.

— רעביאַטאַ, נישט שלאָפט! — פלעגט דער בריגאַדיר אונטערקומען מיט געשריי. די דראָונג און די קעלט האָבן געשראָקן. ווי פאַר אַ נאָווינע האָט מע זיי געטריבן איבערן פעלד אָפּעסן אין סטאָלאָווע און —דערנאָך— ווידער אַ מאָל פאַרשפּאַנט אין יאָך וואָס שפּרייט קלעפּיקן שטויב, שפּריצט שטעכיקע קעלט, הילט אַרום, פאַרדרייט דעם מוח אין קאַרוסעל פון שניי־וויכער. אומענדלעך לאַנג אַזוי איז דער טאָג ביז ראַפּטעמדיקע פינצטער־ניש פאַרפרישעט די אויגן.

ערשט אין אָונט האָבן די רויט־ברענענדיקע גאַרקיך־לאָמפּן רעכט אַנטפּלעקט דעם חושך פון די מענטשן. דעמאָלט זענען זיי באַנײַס צוגע־פאַלן צו די קעסעלעך יושקע און בשום אופן נישט געקענט פון זיי אַרויס־קריגן דעם כישוף פון זאַטקייט. אין די גערעדעם איז שטענדיק געבליבן

נאָגן דער וואָרעם פון לאָקנדיקן צוזאָג: אָט פאַלט אַרײַן אַ שטיקל פלייש אין דײַן קעסעלע! דער שעפּלעפּל וועט אַרויספישן דעם ריכטיקן ביין... אין די אויפדערנאַכטן, מ׳האָט מער נישט געדאַרפט צוריקגעטריבן ווערן אין וויסטן פעלד אַרײַן, האָט אויפגעוואַכט די אָנונג פון דעם תמידן הונגער וואָס האָט זיי געשטויסן; ס׳דאָך פאַראַן אַ גוטס ערגעץ. כ׳מוז עס אויסגעפינען — אָ, אומזיסט ציט דערצו ס׳גאַנצע לײַב און לעבן! אויף געוויס איז עס דאָ. אין די דאָזיקע צעפיבערטע זיך דאָס לעכצעניש נאָך אַ זאַטן ביסן אַזש ס׳פאַרקלעמט אַ געוויין.

ממש פײַנלעך איז דער לאַגערנער אויף דער נאַכט!

פנים אל פנים מיט דער שיטער געוואָרענער עסהאַלע, האָבן די באַטאַליאָנע פענסיאָנערן דערשפירט נײַעם שטאַרקן רייץ צו דער פרעס, אַ זופּ צו טאָן שאַרפס, אַרײַנצובײַסן זיך מיט אַלע ציינער אין אַ שטיק פעטס. ס׳פאַראַן, אָבער אַלץ איז נאָר פאַר „זיי״, — האָבן אַנדערע זיך געשושקעט און באַנומענע געלאָזן זיך זוכן דאָס פאַרהוילענע, אויסוואָפן ס׳אָרט ווו עס געפינט זיך.

אַוודאי, די וואָס גראַבלען זיך אין די מאַגאַזינען, זענען אָנגעשטאָפּט מיט כל טוב, אַפילו מיט וואָדקאַ, מיט הערינג, מיט שאָפּנפלייש און קאָלבאַס. אַזעלכע האָבן אויך „חזירלעך״, די אמתדיק גאָלדענע, די טײַערע. בלויז פונעם המון קוקט אַרויס די שרעקיקע צורה ווי פון דאַרן־קוואַרן באַיעץ וואָס אים דערוואַרט אין דורכויסיקן שמאַך אַ ליאַדע־וועז אַראָפּגעכאַפּט צו ווערן פון באַטאַליאָנעם שטרויזאַק און אויף אייביק נעלם ווערן. די פראַצע אין דרויסן און דער הונגער דאָרניעט אויס די דאָזיקע. מ׳באַגראָבט אַזעלכן און — פאַרגעסן. אַנדערש צו שטאַרבן גליקט אָפּ נאָר זעלטענע. אַזוינע ווערן פריִער געלייגט אויף אַ לײַלעך־פלאַכטע, מ׳דערלאַנגט זיי ווײַס ברויט, אַ בוליאָן. ס׳אַ גרויסע מערכה דאָס קראַנק זײַן! אַזעלכע זעטיקן זיך כאָטש איידער זיי גייען אויס. די סתם אויסגעפרוירענע מיט די פאַרטריקנטע העלדזער דרייען זיך אין די ליידיקע אויפדערנאַכטן אַרום די קיך־פענצטערלעך מיטן באַגער אויסצושנאָרן נאָך אַ שטשי. טייל לאָזן זיך אונטנאַרומעט צו דער קיך אויסניוכען אַ פאָדעם פלייש, אַ לעפל קאַשע. און באַוויַזט עמעץ זיך אײַנצוקויפן אין לײַטזעליקייט בײַ די לײַט פון קיך, פאַלט אים אויס דער תענוג אויסצוקראַצן דעם דנאָ פון משונה־טיפן קעסל. די הינטערטיר וואָס האָט אַרײַנגעפירט אין אויסגעוואַרעמטן חלל

פון דער קאָכשטוב איז פאַר די אויסגעמאַרעטע ווי די הימלשע פּאָרטקע צום וואָרן גן־עדן. מ׳האָט באַדאַרפט זײַן ראוי אַזאַ גוט־ברודערשאַפט. צו מאָל זענען די סאַמע קאָמאַנדירן געבליבן שולדיק די קיך־לײַט אַ חני־פהלע:

— נו, ווי האַלט עס, שעריף? גרייט זיך אַ גוטער מיטאָג אַז עולם זאָל שרײַען: גענוג, מיר ווערן צעזעצט! איר פאַרשטייט? סע גייט נישט צו ווערן פאַרשעמט פאַרן באַטאַליאָן. מירן צוגעזאָגט.

— נישקשה, חבר וואָיענקאָם. מירן זיך סטאַרען, — האָבן שעריפס פעסטע ציין אַרויסגעבלאַנקט פון זײַן פאַרשוויצטן ברוינעם פּנים אונטער אַן אויסגעקראַכענעם שאַרבן.

— זדראַסטוויטיע, קינדער, —פלעגט דער קאָמבאַט אַרײַנשטעלן דעם קאָפּ אין אַ נידעריק קיך־פענצטערל— כאָטש רעכטס גרייט איר אויף מאָרגן? געדענקט, —קוועטשט ער מיט די אויגן— עס גייט זונטיק, אַן אַרויסגאַנג־טאָג. מירן שולדיק דער חברה אַ פּרעס מיט געגליווערטע קי׳ישע פּיס, פּאַרציעס הערינג און טאָפּלט ברויט. אויך אַ טרונק זיי אַן אָרנטלעכן. דער באַטאַליאָן באַדאַרף יוסט אַפּעסן. ס׳איז פאַר דער ספּע־ציעל אײַליקער אַרבעט. און די קעלטן טריקענען אויס די ביינער!

— ס׳עט קלאַפּן ווי אַ מוזיקע, — האָט זיך באַקומען אַן ענטפער אין אַלעגאָריע, וואָס עמעץ פון קיך האָט אין צולאָג אָפּגעגאָסן מיט אַ פאַר־שייט געלעכטערל. דער מאַן אין שינעל האָט זיך דערפון צופרידנגע־שטעלט און זיך געלאָזן שפּאַנען איבער דער עסהאַלע.

— לאַדנאָ, לאַדנאָ, — האָט דער קאָמבאַט געוואָרפן מיט די ליפּן. אַ לכאורהדיקע אומבאַשטימטקייט האָט אים באַגלייט אין דעם צוזאָג פון די קיך־מענטשן, כאָטש דער פּרעס איז שוין געווען פאַראָרדנט פון בוי־קאָנטאָר. אַן אויסגעגלײַכטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עלטסטן צווישן צע־קראָכענע, האָט ער מיט זײַן אָפּגעצויגענעם פּנים זיך דורכגעשלײַכט אי־בער דער ליידיק געוואָרענער אָוונטלעכער גאַרקיך וואָס איז נאָכן נאַכט־מאָל געבליבן שטיין אין אַן אויסגעלענגערטער טונקלקייט. וואָס טיפער אין חלל, אַלץ פינצטערער האָט זי מיט איר פאַרהוילענעם אומרויִקן עק געבעזעמט די נאַכט, וועלכע האָט ווי אַ יאָזש זיך אַרײַנגעגראָבן אין דעם שטאַרנדיקן געביי און געהיימענישפול זיך פאַרקנוילט אין דער פּראַקטיק־שטעכיקער פעל. אין פריריקן חושך האָט זיך געשפּירט אַזוי גלײַך די

פארטייעטע שנייעקייט רעוועט חיהש אין תהומיקן דרויסן, בלאזט זיך מיט רוגזה. מיט א מאל האט דער קאמבאט שוין קיינעם „נישט געזעען”, גאר נישט געפרעגט, אקוראט עס וואלט אין אים גופא גראד געאוונט. נאר אן איינציק עלעקטריש פלעמל איז געבליבן לייכטן אריבער אלע אראפגעלאזענע שיבערס פון די קיך־פענצטערלעך; ווי אין האסטיקן געקוויטש זענען זיי איינגעפינצטערט געווארן אנטקעגן דער פוסטעוועדיקער עסהאלע. דורכגעגאנגען זיך עטלעכע מאל איבער דער אויסגעלערטער שאפע, אזא אויסגעטיילטער אינדזל פאר האדעווען מענטשישן עלנט אין סאמע גלי פון אן אומענדלעכער שניי־אויסגעשפרייטקייט, איז דער קאמאנדיר אומגעריכט נישט געווארן. ווי פארע זיך אויסגעדריוולט אזש לייט האבן גענומען שטוינען, אומרויק זיך ארומגעקוקט: זענען זיי נישט אויסגעשפיגן געווארן פון א חלום אן אויסטערלישן:

— איז דער קאמבאט ערגעץ דא אריין? שפלע דזשאלדאסן האבן זיך געריבן די אויגן, געהאט גרייט עפעס צו פרעגן, צו בעטן. אנדערע האבן נישט אויפגעהערט אים צו זוכן מיט די אויגן:

— איך ביים קאמבאט געוואלט — —

אבער געענטפערט האט נאר אן ארויסגעשטעקטע שדישע צונג.

„זיך פארקליבן דער דאזיקער אין זיין קאוואלערישן צימער; ר'עט זיך צעגעגעצן נאך דער גרויסער פרעס אדער ער איז שוין ערגעץ אוועק זיך אויפטייען די נשמה וואס ווערט צעטאטשעט פון ווילטאג! א, אזעלכע האבן אויך דא וווהין צו גיין צעפטרן די איבעריקע כוחות פון גאר נישט טוען!”

טייל האבן זיך לאנג געשפירט געשטרויכלט; א סך אנדערע האבן, אנטוישטע, געקרימט די מיילער, פארהאקט די ציין אין ווידערווילן.

די באטאליאנע שעפסן וואס פלעגן שאטנדיק נאכקריכן דעם עלטסטן באלעבאס פון באטאליאן, האבן פלוצלינג גענומען זיך ווארגן מיטן אנפלייך פון כעס. אין דער אויפדערנאכטיק אויסגעקילטער גארקיך פלעגט תמיד זיך אויפקלייבן א טשאטע אזעלכע, וואס האט דערנאך ווי אן אויסגעפאטשטע זיך געשלעפט אהיים, קלאמפערשט אהיים. אבער דער רוב האט שוין פריער געזויערט אין די היילן מיט די קאפטשנדיקע נאפטלאמפן; ארום די טשוהונענע אייוועלעך האבן געדאמפט דורכגעשוויצטע אניצעס, פייכטע וואלענקעס. שלאפן? גלייך איבערגעמידטע פי פאלן זיי אריין אין

שלאָף ווי אין צעעפנטע גריבער און די פינצטערניש וויקלט זיך איבער זיי און פאַרשיט.

פויזנדיק איבער דער שניי־סקאָרופּע האָט פון דער פריער נאַכט תהומיש אַרויסגעסאָפּעט דער מאָטאָר וואָס צעזייעט אָרעמע רויט־לעכע שײַן אין צעוואָרפענע געבייען, פאַרשטאַרטע איבער דער פונאַנדערגעגאַ־סענער טעריטאָריע. די גאָרקיך, וואָס העלט ווי דער נאָענטסטער אינדזל, צעשפּרענגט זיך מיט אירע ליכטפונקען. זי אַליין פיבערט אויף פון דעם ימישן נאַכטגליוווער. ס'הערט זיך רק ווי דער מאָטאָר צוקט, זיפט זשעדנע קורצע שלוקן טונקעלן אין־סוף, שטיקט זיך אומאויפהערלעך; עס קומט אויס אַז די נאַכט מורמלט פאַראיבלדיק צו גלײַך מיט די וואָס צעקריכן זיך איבער די זעמליאַנקעס אין דער פאַרפרוירענער אונטערערד; כעס און אויסגעשאַרפטער הונגער האָט זיי נאָך לאַנג געטרייסלט:

„מיר זיצן ווידער אין חושך, אין געהאַקטע וווּנדן און אין גאָרקיך זאַמלען זיך ערשט די זולל וסובאס און נואפים. בלויז אונדז יאָגט מען! נישקשה, די נכפּה וועט זיי דערגרייכן, די טראַכאָמע וועט זײַן ווינציק פאַרן געפרעס פון זייערע אויגן. טיפוס קומט אויף זייער פאַרשטונקען געביין! אונדזער פּײַן, אונדזער עוולה וועט מיט פיבער זאַדישען די צעלאָזענע — “

ביז האַרטן אַנטשלאָפן ווערן האָט האַס באַומרוט זייערע הערצער. און אויך צו מאָרגנס איז דער אומרו געוואָנען פאַרהוילן:

— מחמת געטרײַשאַפט צום לאַנד וואָס בויט ס'גליק פאַר די גע־מיינע, מחמת געהאָרכיקייט צו דער פאַרטיי וואָס איז גוט און פרום צו דער גאַנצער וועלט, דאַרפן מיר דאָ פוילן און קרענקען. און מיר מוזן הונגערן, בעת פאַר די נאַטשאַלניקעס איז פאַראַן אַלץ, אַלצדינג וואָס זיי באַגערן. פאַר זיי העמפן זיך פעטע פליישן, מ'טראָגט זיי אונטער דער נאָז אַרונטער בראָנפן און קאָלבאַס. משוגענערווײַז פראַוועו זיי סעודות פאַר זייערע פרײַנד און קעפּסווײַבער. זיי פרעסן וועו קיינער זעט נישט. ס'איז הוילע פאַלשקייט. פאַראַן אין קיך אַלצדינג, נאָר פאַר זיי. אַפילו נקבה־גלוסטונג איז דאָ פאַר די נײַע באַיעס. די גראָבטשענקע וואַליאַ מיטן קורצן קליידל אויף די קײַלעכדיקע היפּטן חנדלט זיך נאַרישוואַטע פאַר ביביקאָוון מיטן גלאַנציקן גוידער; יוליאַ די פרומע צויג האָט זיסע רייד פאַר אַלעמען, אַבי גיב איר רובלעס. אַז ס'קומט צו דעם וואָס איעדן מאַנצביל פּײַניקט עס, אויב ער איז לאַנג אָן ווײַב, דערקלײַבט זיך די

איידעלע בליאַד * דווקא צו יענע וואָס מיט די טײַערע שטיוול און וואָ־לענע פּרענטשן. פּאַר אַזעלכער איז לויבעוודיקער די מטבע וואָס אַזעלכע צאָלן פּאַר נקבהשער ברייטגיביקייט. אויך די גאַלינקאַ טרעפט צו די יחסנים, כאָטש לפּנים קען זי קיין צוויי נישט אָפּציילן. אַלע קליידלדיקע שעפּטשען פריידיקס, הויכן אָן צוזאָג אין די צורות פון די כלערליי נאַטשאַלניקעס; די צויגן מעקען נאָר צו די געהויבענע. זיי מיינען, די פּאַרשאָלטענע, אַז בלויז דאָס ווינקנדיקע ליכט זעט עס. מיר זענען נישט בלינד און נישט טויב אַנטקעגן די אַרומגייענדיקע סודות פון די אויסגעפּרעסענע.

אַנטאַפּעוודיק איז געוואָרן די פינצטערניש וואָס האָט אײַנגעשלונגען די גאָרע טעריטאָריע, אַקוראַט זי וואָלט דאָ און דאָרט מער נישט געטליעט מיט פונקען וואָס קאָנוואָלסירן אונטער דער געפרוירענער ערד־קאָרע.

לאַנג האָבן זיך געשלעפּט די נעכט אונטערן קאַלעמוטנעם הימל. ס'איז געווען שווער פּאַר די מידע אַנטשלאָפן צו ווערן, כאָטש דער טאָג איז אַדורך אין שנײַדיקער קעלט. ווער־נישט־ווער האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פרעג, מיט אַ מעשה פון דער היים און דער אָנגערונענער דרימל האָט כהרף־עין אויסגעוועפּט. אַזוי האָבן זיך געדראַפּעט די שעהען אַריבערן נאַפּט־קאָפּעטש, זיך געוואָלקנט אין אָנגענעפּלטן חלל; אין קער־לער־זינקעניש איז געשטאַנען דער באַשטענדיקער טשאַד. עס האָט גע־דרייט אין דער נאָז. לסוף איז געוואָרן שטיל אין דעם מענטשן־גרוב, כאָטש דער הונגער־וואָרעם האָט נישט אויפגעהערט צו נאָגן (אַפילו די וואָס זענען שוין אָוועקגעפאַלן אויף די געלעגערס), פונקט ווי שמואלן, דעם גליקלעכן סאָלדאַט, האָבן אויך דעמאָלט נישט אויפגעהערט צו שטויסן די הערנער פון זײַן האַרטנעקיקן עלנט: „דו, דו! האָסט זיך גאָר פאַרגעסן. און דבורהקע — שוין אָן אויסגעשטראָכענע פון דײַן געדע־כעניש? באמת, וואָס טוט די שוואַכע, ווען די וועלט די אומגעהייערע טוט ווי דעם רעכטגעשאַפענעם מענטש!" די גאַנצע גייעדיקע נאַכט האָט פאַר אים געלויכטן דעם ווײַבס לײַדנדיק פּנים. זי האָט אַפילו גערעדט צו אים, אָבער ער'ט בשום אופן נישט דערגרייכט איר קול. און איז ער אויף צו מאָרגנס געקומען אין קאַנטאָר אַרײַן, האָט פּאָלאַנסקי אים מאָדנע אָנגעקוקט: — וואָס איז מיט אײַך, סאַמואיל יאַקאָווליטש? שלעכט גע־שלאָפן? עע, אַ מענטש וואָס אַרבעט, באַדאַרף רוען.

---

* זונה.

אַ וועלט מיט פֿרעגן האָט זיך געשאָטן אויף שמואלעקן פֿון דעם באַלעבאָס׳ רעדן און פֿון זײַן קוקן. און ער, אָסור ער האָט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. אויך די אויגן זענען אים געווען שווער אויפֿצוהייבן. האָט ער זיך געשעמט? פּאָלאָנסקי האָט טאָקע געטראַכט דערפֿון. מוז זײַן, דער יונגער מענטש שלעפּט אַן איבערמאָסיקן שווערן זאַק אויף זײַן רוקן און ס׳ביסל ווערדע וועקט דעם ווידערווילן אַרויסצוקריכן דעם ווײ, — האָט רעזאָנירט דער נאָטשאַלניק פֿונעם אינסטרומענטן־קאָנטאָר.

7

פּאָלאָנסקי איז נישט מיד געוואָרן אונטערצוקומען מיט ליבלעכקייט פֿאַר זײַן העלפֿער. איי, אויף וואָסערע לײַדן אַזאַ מענטשל איז אויסגע־שטעלט! אים האָט אַ פּיק געטאָן אַ צער אַלע מאָל ווען ער׳ט דערזען באַמ־ווערקן. גוטסקייט איז געווען דער „מום״ פֿון דעם מענטש וואָס האָט געקענצייכנט דעם דאָזיקן פּאָלאָנסקין. שמואל בוימוווערק האָט טייל מאָל אײַ־בערגעטראַכט: ווי קומט עס צו אַזאַ? באַלשעוויקעס זענען דאָך אויסגע־באָדן אין די אײַזוואָסערן פֿון האַרטהאַרציקייט! רחמנות, נשמה־גריב־לעניש בײַ די וואָס זענען אַדורך די זומפּן פֿון טשעקאָ?! אַפֿילו דער טויט וואָס זיי ברענגען אויף זייערע נעכטיקע מיטגייערס, טרייסלט נישט אויף דעם דאָזיקן שבט. וואָס זאָג איך? לגמרי איז נישטאָ אַזאַ סובסטאַנץ ווי געריטקייט אין דער סכעמע מענטש וואָס האָט זיך פֿאַרקליבן אויף דעם־אַ וועג. הפּנים, פּאָלאָנסקיס האַרץ איז קראַנק אויף מענטשלעכקייט און די פּאַרטייישע, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעלעבט מיט אים, פֿאַרקוקן עס — — אַ צנוע ווערדליק זײַן מהות און אפֿשר טאָקע אַ נסתר צווישן די גראָבהויטיקע וועלט־איבעראַנדערשערס, האָט איגנאַטי וולאַדימיראָוויטש שטילער־הייט, מסתּמא אויך אומבאַמערקט פֿאַר זיך גופֿא, זיך אָפּגעגעבן דעם גורל פֿונעם יונגן מאַן וואָס מ׳האָט איבערגעענטפֿערט אין זײַנע הענט. געזען אין די פֿרימאָרגנס, ער ווײַזט זיך אַ גרין־פֿאַרבלייכטער האָט פּאָלאָנסקי גענומען טראַכטן תּחבולות ווי אַזוי דעם מענטש צו פֿאַרגרינגערן זײַן דאָ־ליע מחוץ דער אַרבעט. ווער ווייסט, וואָס אַזוינער לײַדט זיך אָן אין דער צוזאַמענוווינונג? לײַט טשעפּען זיך צו אים מסתּמא, ר׳קען זיך נישט ווערן קעגן אַלע פֿאָסטעמקעס פֿון די סטעפּלײַט, מיט וועלכע ער מוז הויזן. ר׳האָט זיך געקווענקלט, פּאָלאָנסקי, צי ר׳זאָל מיט אים איבעררעדן דער־וועגן, דאָך האָט ער אים געפֿרעגט:

— הערט זשע, באַמווערק, איר גייט אַהיים אין קאַזאַרמע — זענט איר באמת אין דער היים? און צודרינגלעך, כאַטש פאַטערלעך, אים אָנגעקוקט.

— אַקעגן וואָס די רייד? כ׳פאַרשטיי נישט, — האָט שמואל געוואָלט אויסמײַדן דעם נאַטשאַלניקס בליק.

— וואָס טוט איר, מיין איך, אין דער פרײַער צײַט? אַ שטייגער, זאָגט ער, אויב אײַך ווילט זיך סתם קוקן אויפן בעליק, שרײַבן אַ בריוו, קענט איר עס צווישן אײַערע שכנים? — האָט פאַלאַנסקי נישט אויפגעהערט מיט זײַן אָנגריף אויף דעם יונגן מאַן וואָס נישט געקענט פאַרהוילן זײַן שעמעוודיקייט.

— ההו־ו, מאָדנע פרעגט חבר פאַלאַנסקי. ווער ווייסט עס נישט? —האָט שמואל זיך באַמיט נישט צו בלײַבן אַ צעקראָכענער— וואָס קען טאָן אַ מענטש אין אַ גאַס רעגן ווען ר׳איז אין מיטן גאַס? ר׳פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין קראַגן און לויפט, ר׳פּאַטשט מיט די פיס אין בלאָטע. אַזוי, אַזוי, — האָט ער שוין געצויגן די רייד אין נאָכקלער— ס׳איז היפּשלעך ענג. חברה פאַלט אַרײַן אין צוזאַמענוווינונג, מאַכט זיך באַלד אַ שטויסעניש. דער קעלער ווערט איין שטיק טומל און דאָס קנאַפּע ליכט פון לאָמפּ שטעכט. אָבער נישטאָ קיין צײַט דעמאָלט צו טראַכטן וואָס מ׳טוט. פרעסן! יעדער וויל זײַן פריִער אין גאַרקיך. יאָ, דערנאָך לויפט מען ערשט צום נאַכטעסן. מע לויפט, שפּעטער גייט עס שוין... די אויפדערנאַכטן שלעפּן זיך ווי פון סמאָלע.

— אָבער איר? סאַמואיל באַמווערק איז דאָך אויסער זיי! — איז פאַלאַנסקין געווען קשה צו פאַרשטיין. — סײַ אײַער פּאַיאָק סײַ אײַער אַרבעט איז פאַרשיידן פון דעם וואָס איז באַשטימט פאַר יענע.

— איך, איך בין נאָר אַ שפּאַן אויף די כוואַליעס פון דעם ליאַרעם וואָס טראָגט אַלעמען, —פאַרלירט זיך שמואלעק.— מ׳קען דען זיך אויס־טיילן? און צוריק געשמועסט: צו וואָס זאָלן מיך אַלע פײַנט האָבן! איך בין איינער צווישן אַ סך און זיי האָבן פײַנט אַזעלכן. — ער׳ט נישט באַגערט צו דערמאָנען דעריין, דאָך האָט זײַן ברוסט זיך צעעפנט אין אַנבליק פון זײַן לאַנג פאַרהוילענעם ווייַ: — כ׳זיץ זיך אויף דער נאַרע, שטער נישט קיינעם, אָבער די שכנים ווילן דווקא זיך מאַכן באַקוועם, קומט אַרויס די מי פון יענע — אויף מײַן חשבון: ווער סע טרייסלט איבער זײַן אײַנגעדריקטן שטרויזאַק ממש האַרט פאַר מײַן פּנים; דערנאָך ציט זיך פונאַנדער דער

זעלבער מיט זײַן גאַנצן געשלידער, מיט הענט און פיס דורכויס איבער מײַן שאַרפער ענגעניש; און אויך אַ צווייטער הייבט זיך, בייגט זיך אי־בער מיר. אַ פּײַנלעכע אומצופרידנקייט איז אַנגעיוירן אין קאַזאַרמע. פּאַרשטייט, אַזעלכער וואָס איז עפּעס־עפּעס אַנדערש פון זיי, ווערט אַלע־מען באַלד צו גרויס אין די אויגן.

און שמואלעקס מחשבה האָט זיך געוואָלקנט: „וואָס וויל ער פון מיר! ס'אַ גוטס, אָבער נישט פאַר מיר. איז דען נישט גלײַכער אַז מ'קראַצט נישט אַן אומפּאַרהיילטע ראַנע? דער פּאַלאַנסקי באַנעמט עס נישט; מ'דאַרף אַליין שפּירן אַזוינס. בייזס איז דאָ אָנגעהויפט ווי אַ שלעפּעריקער טײַך וואָס דערוואַכט פּלוצלינג, רײַסט זיך אַרויס פון די ברעגעס. קען מען אַלץ דערציילן, מעג מען עס?"

משמעות, פּאַלאַנסקין האָט געאַרט דאָס שאַרסטקע שווײַגן פון דעם מענטש וואָס האָט ווי מיט אַ מאָל איבערגעריסן זײַן געשריי: ס'עט קלעקן פאַר הײַנט! מער קען איך נישט!

— אָבער עולם שטילט זיך אײַן סוף כל סוף, סאַמואיל יאַקאָווליטש: אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, מוז דאָך אַ מענטש רוען, — פּילט ער אין ממשות אַז דער־אַ וויל ממשיך זײַן דאָס גערייד.

שמואל האָט אים אָנגעקוקט אַזוי, גלײַך ער וואָלט מיט כל הכוחות גזבר געווען דעם רעש פון דער כוואַליע וואָס האָט צוגעשלאָגן צו אים אין אָקערשט רינען, קילן האַסטיקע שטרעמלעך איבער זײַנע שענקלען, איבערן רוקן. מיד טראָגן זיך זײַנע ווערטער:

— נאָרמאַל וואָלט באַדאַרפט אַזוי זײַן. די צוזאַמענווינונג שטילט זיך גאָר נישט אײַן אין די אויפדערנאַכטן. אָפּגעפּטרט דאָס עסן, קלײַבט מע זיך ערשט טרינקען טשײַ. טשײַ, טשײַ, איז אַזאַ לידל וואָס קיינעם ווערט עס נישט נמאס. שטענדיק איז גרייט דאָס מויל צו טרינקען, מעלה־גירהן.

דאָ האָט ער שוין געדאַרשט נאָך דער פּולקייט פון אייגענעם געדאַנק:

— ...איר וווּנדערט זיך, חבר פּאַלאַנסקי? איך — נישט (גיט ער זיך אַ וויג און דעם טאָגס קאַלעמוטנע אויגן האָבן זיך צוגעניגט צום שמואלשן בלייכן פּנים). פאַראַן אַן אײַנגעבאַקענער הונגער בײַ די מענטשן. איך זע עס בײַ זיי אַלע מאָל, אין זשעדנעם עסן און אין זייער רעדן דערפון. סע קומט אפשר פון דעם אָנשטעקנדיקן לאַנגווײַל וואָס עקבערט זיך אַרײַן

אין דעם מידבר פון די אומפּרוכטיקע זאַמדן, פון די פּעלדזן. האָבן זיי גישט פון געיעג דאָס געווילד וואָס טראָגט זיך אין געשוועב אונטערן פאַרבלאָזן הימל, נישטאָ קיין האַרטע פלעצלעך וואָס באַקן זיך אויפן אַנע־מישן פלאַם פון דערנער, פאַרשרײַען זיי, מײַנע מיטוווינערס, די בורטשנ־דיקע געדערעם מיט טרינקען. זאָל זײַן טרינקען וואַסער, אַבי צו געבן דעם וישט עפּעס אײַנצוקלעמען אין זײַנע פינגער. שטענדיק זענען זיי גיריק. מעג זײַן בלויז זודיק וואַסער. צו יעדער צײַט בלעזלט זיך אַ בלע־כענע כלי מיט קיפּיאַטאָק אויפן אָנגעהייצטן אייוועלע. האָלץ ברענגט אָן יעדער. ווו נאָר אַ ברעט, אַ שטיק געהילץ, ווערט עס געשלעפּט איבערן שניי צום באַראַק. איז פאַראַן גענוג האָלץ, האָט איטלעכער די דרייסטקייט אויף אַ טענה צום דניעוואַלני: „דו, אייזל, צו וואָס לאָזט מע דיך דאָ אַז סאיז נישטאָ ווו זיך אָנצוואַרעמען? מ׳עט דיך וו׳א הונט אַרויסטרײַבן אויפן פראָסט, קוליעמאַן!״ פײַער אין דער הייל אָנצוהאַלטן אַ קעסל הייס וואַ־סער, דאָס איז דער עיקר. אויף אָנגיסן זיך די באָדניע איז איטלעכנס דראַנג צו קומען אין באַראַק אַרײַן. אַ טעוועלע געפּרעסטן גרינעם טיי געפינט שוין עמעץ אין קופערטל וואָס מיטגעבראַכט פון דער היימישער קיביטקע. און האָט נאָך ווער אַ זשמעניע קישמיש איז אַוודאי ווויל. מ׳טרינקט בחברותא און מיט הנאה. אַזויערנאָך דערנענטערן זיך לײַט, מ׳ווערט היימיש נאָכן שכל פונעם מאָגן, כאָטש וואָס שײַך די אָולן, בלײַבט מע זיך נאָך פרעמד, ווײַט ווי ס׳איז ווײַט פון קאַראַ קום ביז די שטייניקע ערדן פון דער מרה־שחורהדיקער קאַראַגאַנדאַ. אין דער נויט איז מען אַ סטאַדע וואָס שפּירט מטושטש נאָר דעם אָנקום פון אַ געוויטער. ווי אונטער אַ כמאַרע ציט זיך זייער רעדן, די אומערנדיקע מעשות פּויקן זיך אויס אַזוי גלײַך די דערציילערס און הערערס וואָלטן אַליין נאָכגעגאַנגען פּוסטריט די גרינע נאַכט־אויגן פון סטײַעס וועלף. אין קמצניש־באַ׳ויכטענעם מענטשן־גרוב גיט זיך מיט אַ מאָל אַ רײַס אַרויס אַ משונהדיק געשריי, אָבער נישט קיין סכנה: עס איז — אַ געזאַנג אַזאַ. אוך, ס׳אַר אַ פאַרצויגן, טרויעריק זינגען! און ווערן די לײַט גאָר מיד, שטרעקן זיי זיך אויס אויף די ברע־טער פון די פּריטשעס, מיט מאַסיווער גראָבקייט אַנידערגעוואַליעט זיך קעגן געטלי פון דער בלינצנדיקער לאָמפּ און קוקן, קוקן. אַזוי בענקען זיי, מײַנע שכנים, אָבער זיי אַנטלויפן פון קלערן, ווי פון כמאַרעס מאָס־קיטן וואָס באַוועגן זיך מיט באָסט און אײַנגעשפּאַרטקייט. גיך הייבן זיך

אויף פון די נאַרעס פאַרשלעפּערטע קעפּ אין פילצענע היטלען, אָבער באַלד גיכטערן זיך אַלע, אַלע. די אומפּלײַט לאָזן עס וויסן פון זיך. עמעץ נעמט אַרײַנקוקן אין אייגענעם צעשפּיליעטן בוזעם — מיט אויסגעצויגענער גאָמבע, מיט אָנגערוקטער נאָז קוקט ער, נישטערט. און איז איינער אַזוי פאַרטועך, טוען עס נאָך אַנדערע אונטערן קאַרגן לאָמפּנליכט. ווער עס באַגנוגנט זיך מיט אויסטאָן דאָס העמד, ווער עס פאַרקאַטשעט די נאָגעוויצעס, גייט מיט די נעגל איבער די האָריקע פיס און קראַצט. די וואָס לויזן זיך נישט, ווערן פאַרשריגן פאַר ברודנע. אַזעלכע טוט מען אָן בלעריי שפּיצלעך: אין מיטן נאַכט (אַ מענטש מוז דאָך שלאָפן!), לייגט מען אַרײַן צווישן זײַנע פיספינגער שניצלעך פּאַפּיר און אַ פלינקע האַנט צינדט זיי אָן; ווען מע פאַרשלעפּט אין ערגעצוווּ זײַן זעקל שמאַטעס. אַנדערע שלאָפנדיקע שטויסט מען אַראָפּ מיט פלוצלינגקייט פון די נאַרעס: בענק! אַזש יענע שטיקן זיך מחמת אומגעריכטקייט פון דער אויפגעפלאַמטער שרעק און פון דערגרייכטן אַליינגעשריי — — ס׳איז צו פיל צו דערציילן, חבר פּאַלאַנסקי, — לאָזט ער אויס מעלאַנכאָליש און פאַרשעמט זיך (זיי שמועסן, זעט ער, און די קאַנטאָר־קאַמער הערט, שטוינט).

— אַזוי? און דער שטומער סטעפּ דערמאָנט נישט אין זיך אויף אַן אַנדער אופן, ער זינגט נישט אַרויס פון די לײַט? די דאָמברע *, דאָס פײַקל, די קאַסטאַנעטן, גייען דאָך נאָך דעם מענטש פון מידבר, מ׳ווייסט אַז זיי באַגייען זיך נישט אָן וואַנדער־זינגערס. דזשאַמבול, סולעמאַן זענען געלויבטע אַקינעס ** בײַ די אָ. נישט געהערט, סאַמואיל יאַקאָווליטש? אַ חידוש. און געשיכטעס פון העלדישע דזשיגיטן, פון בייזע באַיעס גייען נישט אַרײַן אין די קאַזאַרמישע אויפדערנאַכטן, ווען די מידבריקעס קוטשקען זיך צוזאַמען? זיי זענען דאָך ווי די קינדער, כאָטש זייער טראָט איז ווי פונעם קעמל — שווער, פּאַוואָליע. זיי שנויפלען צווישן זיך, אמת? און סע שרײַט אויף זייער התפּעלות. אַלע מאָל זענען אַזעלכע אין טראַנס פון געשיכטעס, וואָס וועבן זיך אין דער היץ פון פאַנטאַזיע.

— מן הסתם, —האָט דער געצוקט מיט די אַקסלען— בײַ אַזעלכע קומט אויך קאַפּויער אַזוינס ווי אַ האַסטיקער צוגווינט וואָס איז עלול צו פאַרטייבן. דער מידבר צעברילט זיך אין זיי, איז דאָס געזאַנג?

---

* צוויי־סטרוניקע גיטאַרע; ** וואַנדערנדיקע דיכטערס וואָס זינגען אימפּראָוויזאַציעס.

און נאָך עפּעס האָט געשטיקט בוימווערקן: די חיה און די טויטשרעק איז דער עלעמענט וואָס איז באַוואָרט אין די מידבר־לײַט, כאָטש דאָס קומט אין אַ טאָפּלט־געשטאַלט: אַ מאָל זענען זיי קינדעריש נאַיִוו און זעלטן רוי אין זייער גראָבקייט. בײַ אַזעלכע איז גרינג צו דערהרגענען אַ מענטש, פּונקט ווי ס׳איז זיי גרינג צו וויינען. דאָס גרוילט שמואלן. אויך צוויטן פֿון אָוונט־טונקל האָבן אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אָנמאַכט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין ראַפּטעמדיקן אָפּשווײַגן. מיט אָנשטרענג איז ער בײַ־געקומען אין זיך די אָ שטורעמס און ווידער אַרויסגעבראַכט אַ פּאַסמע ליכט וואָס פלעגט אויפטיקן אין אַ נײַעם באַדאַכטן רעדן:

— מוז זײַן, אַז דער סטעפּ וואָס איז כולו וויסטקייט, זאַמד, ליגט נאָך אַלץ אין אורצלטן פאַר נאַכט; ער שרעקט, דער פאַר נאַכט, מיט באַרג־שטומקייט און ר׳פינצטערט אין סאַמע בײַ טאָג. ס׳איז נישט צו רירן די וואָרצלען פון פעלדזן וואָס רק זיי שאַטענען אויס אומהיימלעכע היסטאָריע און פחדים.

פּאַלאַנסקי האָט נישט ווילנדיק אָפּגעזיפצט, פאַר אַ לענגערער ווײַל נישט אויפגעהויבן די אויגן צום יונגן מאַן וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים. דער באַלעבאָס האָט נישט זיך דערוועגט אַרײַנצוברעכן אין דער אַרומגע־מויערטער שטילקייט. שמואל האָט איצט הויך געשוויגן אַזש ס׳האָט זיך געהערט אַ נישט־דאַיִק פּלאַצן פון די דילברעטער. ערשט שפּעטער האָט זיך דער געדאַנק אַ קער געטאָן אין מוח בײַם נאַטשאַלניק:

— ווײַזט אויס, פאַר אַזיע איז קנאַפּ אַיין רעוואָלוציע. ווינציק, חבר באַמווערק.

אָבער דער האָט זיך נישט אָנגערופן, ר׳האָט בלויז מיד אויפגעהויבן דעם בליק צום רעדנדיקן.

דערנאָך האָט פּאַלאַנסקי כמעט פליסטערנדיק געלייגט אַ לאַטע אויפן טרויער וואָס האָט אָט־אָ זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ בעטלער־געשטאַלט וואָס איז כולה חושך.

— עס באַשטעטיקט זיך, —האָט שטיל זיך געצויגן פון אים ס׳גע־רייד איבערן גראָ־געוועב פון טאָג וואָס זיך געשטעלט אין קאַנטאָר־באַראַקל— ליכט צינדט זיך נישט אָן אין אַ חלל וואָס איז דורכגעזאַפּט פון פּוילעניש. אָ, דער מענטש איז נאָך שווערפּיסיק פאַרן געליאַרעם וואָס וויל

אונדז אײַנשמועסן אַז שוין ווערן פֿונאַנדערגעפּראַלט אַלע טויערן פֿון ליכט און גליק. פֿאַרקערט, ס'איז נאָך ווײַט דער וועג וואָס פֿירט צו אַ... וואָקזאַל, צו אַ לײַטישער באַן. גבֿורהדיקע רויקייט ווײַזט ערשט די אומגעלומפּערטע אַזיע, די נאָך פֿאַרפֿאַלענע אַפֿריקע!

פּאַלאַנסקי האָט אַלץ גערעדט מיט רמזים, וואָס האָבן ווי פֿונקען, מיט ברי, זיך אַראָפּגעזעצט אין מהות פֿון שמואלן.

„וואָס מיינט דער מענטש? האָט ער נישט אין זינען עפּעס אויסטערלישס, אויף וואָס איך, דער שוטה, כאַפּ זיך נישט?"

דער דערציטערטער ייִד האָט פֿון דעסטוועגן זיך דערפֿרייט ווען יענער איז מער נישט געווען צודרינגלעך מיט פֿראַגעס.

*

פּאַלאַנסקי איז אַלץ געווען באַלאָדן מיט באַזאָרגטקייט פֿאַרן דאָזיקן עמעץ, וואָס זײַן אינעווייניקסטער מטושטשער הונגער האָט זיך געצויגן צו אים. דערהערט אַז זײַן העלפֿער סאַמואיל איז נאָך אַזוי פֿיל חדשים אַלץ נישט פֿאַרהיימישט מיט די מענטשן, מיט וועלכע ער הויזט, האָט ער זיך גענומען אין קאָפּ אַרײַן אים אַרויסצונעמען פֿון אונטער דעם אומהיימלעכן ערד־דאַך. באַליבט בײַם רוב נאַטשאַלניקעס פֿון דער טעריטאָריע, האָט איגנאַטי פּאַלאַנסקי אָנגעהויבן ריידן מיט אייניקע, געגעבן אָנצוהערעניש אַנדערע אַז ער זוכט ערגעץ אַ ווינקל פֿאַר אַ בעט. אַוודאי, — ט'ער געטענהט — דער דאָזיקער שלאָפֿט אויך ביז איצט; ער איז אָבער ווערט מער ריינע געמיטלעכקייט. איר פֿאַרשטייט, — האָט ער געברייעט — פֿאַראַן נאַרעס פֿאַר אַ סך, אָבער נישט איטלעכער איז אין שטאַנד זיך צו קוועטשן צווישן אַ מאַסע וואָס איז נישט געוווינט צו געוויינטלעכער, פּשוטער ריינקייט. האָט ניט פֿאַראיבל: אַזוי איז די זאַך. איר'ט געטראָפֿן: ס'איז מײַן מיטאַרבעטער. אַ פֿײַנער יונגער מאַן, שטאַרק אָן אָפּגעבריטער. מיט אַזוינעם מוז מע זיך אומגיין ווי מיט אַ קינד, אַנישט קען ער אומקומען. אַ גרויסער שאָד אַזעלכער!

גערעדט, געפֿרעגט זיך בײַ אינזשיניערן, בריגאַדירן, צוגעשטאַנען אויך צו מיליטערישע פֿון דער בויונג, ווײַל די דאָזיקע וווינען נישט אין מאַסן־קאַזאַרמעס, נאָר אין קלענערע באַראַקן. „מירן זיך אַרומזען", אָנ־

דערע האָבן געענטפערט: „איכ׳ל נאָכפרעגן. איכ׳ל נישט פאַרגעסן. ביי אונדז איז דערווייל נישטאָ קיין פריי אָרט. געגוי פאַר יעדן אַ סאָלדאַטסקע געלעגער״.

אָבער פּאָלאָנסקי איז נישט אָפּגעשטאַנען אין זיין באַמיִונג:

— ס׳איז פאַר אַ שטילן יונגן מאַן, —האָט ער איבערגעחזרט— איך בין ערוב פאַר אים. און כ׳וועל דאַנקען. טוט צו ליב, חבר.

ענדלעך האָט אַ פּאָליטרוק געבראַכט דעם פאַרענטפער פאַר „זיין פּראָבלעם״.

— איגנאַטי וולאַדימיריטש, פאַראַן וואָס איר באַדאַרפט. אָ, אַ פריינד מוז מע קענען אָנטקעגן קומען.

— מההה, —האָט פּאָלאָנסקי באותו הרגע זיך פאַרלוירן— וועגן אַן אָרט פאַרן ווילן מענטש? מיין גרויסן דאַנק, יעגאָר פעדאָריטש. איר טוט באמת אַ וויכטיקע זאַך, — האָט ער נישט אויפגעהערט זיך וואָרעמען אין דער טובה וואָס מ׳טוט אים: „דאָך פאַראַן מענטשן!״

דערנאָך האָט דער נאַטשאַלניק אַליין אַוועקגעפירט סאַמואילן אין זיין נייער היים. עס איז געווען אויך אין אַן אונטערערדישן באַראַק. דער רוב פאָלק פון דער טעריטאָריע האָט געוווינט אין ערדשטיבלעך. צו זיי האָבן אַראָפּגעפירט אָפּגעשטאָכענע טרעפּ, וואָס זענען אין די חדשים פון סיבירער ווינטער געווען גלאָזיק אָנגעשוואָלן פון קויטיקן אייז; שפּע־טער, בעתן קורצן זומער, ווערן זיי פון ס׳ניי גליטשיק, קלעפּיק פון צע־ווייקטער ערד. אונטער דער ערדשאָל איז וואַרעם אין די גרויסע קעלטן און עס איז קילבלעך בעת די היצן. דער עיקר — מ׳איז זיכערער אין די קעלערס אין איצטיקער צייט. די טעריטאָריע איז אַ מיליטערישער איינס, ר׳איז אונטערגעוואָרפן דער סטראַטעגיע וואָס דאַרף אַזוי לאַנג ווי מעגלעך בלייבן אין עמבריאָנעלער פאַרהוילנקייט. וואַלד פונקט ווי פוסטער שטח קען נישט גורם זיין קיין בייז אויג. שניי איז שניי פון דער ווייטנס, אויך פון דער הייך און ס׳גיט וואָס ווינציקער גראַטשקע; און טאַקע אַריינכאַפּן די שווערע ווינטער־חדשים איז אַ ברכה פאַר דער אינטענסיווקייט פונעם בוי.

אָנגעקומען צום געגעבענעם אָרט, האָט איגנאַטי פּאָלאָנסקי זיך אָפּ־געשטעלט: — דאָ איז עס, סאַמואיל.

— נו, גייט מען אַריין? — ווערט שמואל אומגעריכט צערודערט.

— וואָס זשע מיינט איר, מ׳וועט זיך אָט אָ דאָ אַוועקזעצן איבערטראַכטן?

אַרײַן! מסתמא װוּלע מענטשן. — און אַ צי געטאָן נאָך זיך דעם פּאַרשױן, װאָס מ׳דאַרף אים פירן בײַם הענטל.

ס׳איז געװען תחילת אָװנט, דער שניי האָט גראָד שטיל געגלימערט אונטער גרינע שטערן.

— בירגערס חשובֿע, כ׳האָב דעם כבֿוד אײַך צוצושטעלן אײַער מיטװוינער, — איז פּאַלאַנסקי אַהין אַרײַן מיט אַ האָפערדיקייט, װאָס האָט אין זײַן אייגענעם געהער אָפּגעקלונגען פרעמדלעך— ס׳איז סאַמואיל יאַ-קאָװליטש מײַן מיטאַרבעטער. אַ גוטן אָװנט זענען מיר געקומען אײַך װינטשן. איר הערט? כ׳מיין, איר האָט שוין מסתם דעם אָנװוּנז פון בױ-קאַנטאָר. און איר׳ט זיך האָפּנטלעך געפעלן. ער איז אַ געהאָרכיקער, ס׳װאָר, חבֿר באַמ-װערק? — דערלייגט ער אַ שמייכל. איך גלייב, זאָגט ער סאַמואילן, איר װעט מיך נישט אױסשטעלן פאַר אַ געגאַרניק! — לאָזט אַרױס אַ העכערן כיכע און װאַרפט װינקנדיקע בליקן צו די שטוביקע.

— מ׳װייס, מ׳װייס, פון חבֿר פּאַלאַנסקיס האַנט קען נישט קומען קיין כאַלטורע*. לייגט אָפּ אָן אַ זײַט אײַערע זאַכענישן, חבֿר, — האָט בינו לבינו איינער זאָג געטאָן צו סאַמואילן װאָס איז געשטאַנען מיט זײַן ביסל בעבעכעס אין דער צונױפגעקראַמפּטער דלאָניע. — אונדזער פּאַלאַץ װערט פון איצטער אָן אויך אײַער פּאַלאַץ, בירגער. פּאַזשאַלויסטאַ, באַזעצט זיך!

פּאַלאַנסקי האָט בשעת-מעשה באַמערקט: די לײַט פון דער צוזאַמענ-װוינונג האָבן זיך צעשמייכלט אויף דער דאַזיקער אײַנלאַדונג — „פּאַזשאַ-לויסטאַ, באַזעצט זיך!״ סאַמואיל יאַקאָװליטש האָט דערויף שעמעװדיק אָװעקגעדרייט דעם בליק און געװאָלט פאַרטרײַבן אַן אומהיימלעכן געדאַנק: „צו װאָס אַזוי פיל גערעדעכץ? געקומען צו אומבאַקאַנטע, באַדאַרף מע זיך פּאַװאָליע באַקענען מיט זיי און נישט אַנװאַרפן זיך מיט אַן אייגענער מיי-נונג װאָס איז יענעמען פרעמד. אַך, טובֿות!״

---

* טאַנדעט.

# 12

## אַ נײַע דירה

1

סאַמואיל באַמווערק האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ באַראַק וווּ עס האָבן געוווינט דרײַ אינזשיניערן. זײַן בעט איז געווען דאָס פערטע אין דעם קליינעם ערדשטיבל. פיר ווינקלען האָט די אונטערערדישע קאַמער און אין יעדן ווינקל אַ קויקע אויף זעקס הילצערנע פיס. חבר באַמווערקס בעט איז געווען דאָס נײַסטע, וואָס ס׳בוי־קאַנטאָר האָט אַרײַנגעשטעלט.

— פּאָזשאַלויסטאַ, פּאָזשאַלויסטאַ, —האָבן די לײַט אים מקבל־פּנים געווען— זײַט נישט קיין גאַסט. אָרדנט זיך אײַן ווי בײַ זיך אין דער היים. געוויס, ווו מיר זאָלן נישט זײַן, מוז מע האָבן אַ היים — ס׳טאַקע נישט אַלץ איינס וואָס פאַר אַ היים, אָבער אַן אָרט פאַר רו דאַרף עס זײַן; און אַן אָרט פאַר אַ קאַפּעלע געמיטלעכקייט מוז אויך זײַן. נישט אויסצוקומען דעם מענטש אָן אַ שפּאַרעלע פאַר דער נשמה — נישט ריכטיק? שטעלט עמעץ אויס אויף שמואלן אַ פּאָר איבערגעלאָפּענע אויגן און יענעמס נאָז וויגט זיך איבער אַ פונאַנדערגעוויקלטער צײַטונג. ער קוקט צו אים אַ ווײַלע און פון אַריבער דער צעעפנטער צײַטונג־פּלאַכטע רעדט ער: — אַלע זענען מיר דאָ דערווײַליק, אָבער דער טאָג טאָגט אויס אויך דאָ; די וואָכן, חדשים שלעפּן זיך און אַ העמד מוז מען איבערבײַטן און מאַנצבילן זענען מיר אויכעט. וואָס, מירן עס פאַרלייקענען? וועט נישט ווען גיט נאָך אַ צי אין דער ברוסט — ריכטיק, איר אַלטע לײַט? ווענדט זיך דער דאָזיקער צו די שכנים וואָס זיצן צוגעשפּאַרטע אויף די אַרומיקע בעטלעך — זאָגט עס אים, דעם יונגן מענטש.

— נישט געדאגהט, חבר; מירן לעבן פרײַנדלעך, —שטאַרקט זיך אַן אַנדערער אַרויסצוברענגען וואַרעמקייט צום „נײַעם"— חבר פּאָלאָנסקי האָט אים פאַרעקאָמענדירט, און דאָס סטײַעט. אמת, חברים?

— איר זעט דאָך וועמען איר האָט פאַר זיך, — איז נאָך איינער פון די מיטוווינערס געלאָסן, מיט געהיטקייט אַרויס פון שווייגנדיקן צוהאָרכן זיך צום קבלת-פּנים וואָס יעפּים אַרקאַדיעוויטש מישקין (קענטיק דער עלטס-טער פון דער צוזאַמענוווינונג) האָט געגעבן דעם יונגן מאַן. — אויף באַלאַקען וועט שפּעטער זײַן צײַט. ס׳וואָר, איר פרעגט איצט גאָר נישט, יונ-גער שכן? איר זענט מיד. אָט וואָס מ׳באַדאַרף האָבן אין זינען, ווען עס קומט עמעץ אין אַ נײַ אָרט. באַלד נעמט מע מעלקן אַזויבעם! —האָט ער זיך כמעט אָנגעבייזערט. — און איר, כ׳מיין אײַך, —ווענדט ער זיך צו יעפּים אַרקאַדיעוויטשן— לאָזט אַזוי באַפאַלן אַ מענטשן! און תיכף זאָגט ער דעם נײַעם: — פאָלגט מיך, חבר, צו ערשט שטעלט אַוועק אײַערע טשעמאָ-דאַנעס, קוקט זיך אַרום אין וואָס פאַר אַ האָטעל איר זענט פאַרפאָרן, און פאַרטיק אָן עסק!

שמואלעקן איז געוואָרן אומהיימלעך. אָפּשפּעטערס די לײַט. טשע-מאָדאַנעס האָט ער? אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, ליגט אים אויף די אַקסלען, אויף די פּיס. זײַן גאַנצער מאַיאָנטעק איז דאָס בידנע זעקל וואָס האָט אָט אָ זיך אַראָפּגעגליטשט אים צופוסנס. אַ טראַנטיק העמד איז אין דער טאָרבע, אַ פּאָר געוועזענע גאַטקעס וואָס ער׳ט אַליין אויסגעכאַכלט און אויסגעטריקנט אויפן פראָסט. יאָ, און ס׳קעסעלע אויפן עסן וואָס ער מוז עסן, אויך דאָס בוך וואָס פּאָלאָנסקי האָט אים געשאָנקען מיט פרומען זאָג: „לייענט, איר׳ט דערקענען אַ שווער לעבן וואָס שטראַלט פון ערנט-לעכקייט”. עס איז אמת. אָסטראָווסקיס ווי שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט איז די געשיכטע פון אַן ערלעך, אָרעם לעבן וואָס איז פול מיט האָפענונגען. ער׳ט עס מיטטראָגן מיט זיך באַגלײַך מיטן בינטל זאַכן וואָס אים איז געבליבן. זאַכן? האָט אַ ביטערניש אים באַשלאָגן. הלוואַי וואָלט געווען עפּעס פאַרן מאַרק, וואָלט ער זיך דערמיט געהאַנדלט, פאַרקויפט, אויסגעביטן אויף עפּעס וואָס ער איז להוט. אגב, אַזוינס וואָלט ער אפשר נישט געקענט דערהיטן. עמעץ וואָלט זיך שוין „דערבאַרעמט” איבער דעם, אַרויסגעצויגן אַפילו פון אונטער זײַן צו-קאָפּנס, ווי ס׳געשעט אָפט.

שמואל בוימווערק איז געוואָרן צעפּלאָנטערט אין דעם אומגעריכטן קלערן, אָבער ווידער טשעפּעט זיך אַ פרעמד קול וואָס זוכט אים צו באַ-לערנען:

— איר׳ט זיך דערשראָקן, יונגער מענטש? נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן. פון איצט אָן איז דאָס לאָך אײַערס פונקט ווי אונדזערס. מיר שליסן אַ שותפות זאַלבעפערט. דאָס, ווי איר זעט, איז אונדזער הויז. אַן אָרעמע זעמליאַנקע אויף בתולה־ערד וואָס שעמט זיך נישט פון דעסטוועגן צו באַווײַזן איר האַרטנעקיקייט כלפּי אַלע רייצן, מיט וועלכע מ׳קומט צו איר פון דעם מענטש־פּלאַנעט. מ׳באַדאַרף נאָר געדענקען, אַז אַן אַלטע מויד איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. אָבער פאַר אונדז סטײַעט נישט קיין בעסערס. מ׳מוז קײַען די האַרטע סיביר. פאַרשטייט, די ריינקייט אַרום זיך מוז מען אָפּהיטן.

— אומבאַדינגט, אומבאַדינגט! —האָבן אויסגעהילכט עטלעכע קולות מיט אַ מאָל— ריינקייט, — און די זײַטיקע זענען אָפּגעטראָטן פאַר דעם וואָס האָט זיך געלאָזן הערן ווײַטער:

— פאַראַן אַ בעזעם? פאַ־אַ־ראַאַאַן! פאַראַן וואַסער? פאַ־אַ־ראַאַן! פאַררר־ראַן אַ פאַר הענט? פאַאַררר־רראַן! ריינקייט מוז זײַן די זאָרג פונעם גאַנצן פירקעפּיקן קאָלעקטיוו, ריכטיק, חברה?

— ריכטיק, חבר סעמיאָן בולגײַעוו, — האָט איינער פּאָטאַקעוועט און דער לעצטער האָט נאָכלאָזיק איבערגעחזרט:

— גאָלער אמת, דער סאַמע אמת!

אָבער בולגײַעוו איז נישט אָפּגעשטאַנען אין זײַנע אויפקלערונגען. עס איז אויך אמת, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס בעט איז אינדיווידועלע טעריטאָריע פאַרן גוף פון איטלעכן באַזיצער. אַזוי, חבר; ערשט איז דער גוף דער וויכטיקסטער דעה־זאָגער, הגם קליגע טענהן אַז ס׳פאַראַן אויך אַ נשמה. ס׳וואָר, וואָר, פאַראַן אַזוינע, אָבער דער רוב מאַנצבילן גלייבט נישט אין דעם. אַ באַווײַז: אַפילו וואָדקאַ ווירקט נישט אויף דער אָנגערופענער נשמה. ריינע וואָדקאַ ווירקט הויפּטזאַכלעך אויפן קאָפּ, אויף די פיס. עפּעס־עפּעס שטויסט זי אונטער דעם געדאַנק, אויב ער דערבלאָנדזשעט צום מענטש. אַ שאָד וואָס ריכטיקע וואָדקאַ איז געוואָרן אַ האַרב אַרטיקל. מ׳מוז זי אויספועלן אויף אַ ספּעציעלן אָרדער. ברענספירט איז חלשות, אָבער לײַט זשלאָקען אים. פוי, אי ער סרחעט אי ער איז פאַרסמט פון פּאָטאַש, ר׳צעבורטשעט בייז די קישקעס. איז שלעכט, מוז מע זיך באַגנוגענען מיט אַזאַ פּאַסקוד, אַפילו מיט אַ פלעשל קעלניש

וואָס לאָזט זיך ווען־נישט־ווען באַקומען אין אַ קראָם. אַ שטאַרקס איז נייטיק איטלעכן וואָס בײַ אים פֿאַרוואַלגערט זיך אַ וועלכע בענקעניש.

— איר דולט אַ מוח, סעמיאָן, —זענען די שכנים אים אַרײַן אין די רייד— צו וואָס דאַרף דער אָ אײַערע שטותערײַען? אָנגעהויבן פֿון היגיענע, האַלט זיך בײַ דער טעמע. היגיענע איז באַזיש פֿאַרן אויסדויער פֿון געליטענעם פֿאָלק.

— וואָס דען מיין איך? איך האָב דאָך דאָס געזאָגט, נישט וואָר? — האָט סעמיאָן מיט אָנגעגאָסענעם בליק געזוכט באַשטעטיקונג בײַ די אַנדערע וואָס האָבן אָפּגעקערט זייערע אויגן — די ריינקייט פֿונעם געלעגער איז די זאַך פֿון יעדן צווישן אונדז, אָבער דאָס גאַנצע, די וואַרעמקייט, די ליכטיקייט פֿון דער זעמליאַנקע, קורץ, די גאָרע היימישקייט פֿון הויז איז אַלעמענס דאגה. מירן אַלע בײַנאַנד זי אָפּהיטן, חבר. פּאַוואָליע, מירן ווײַזן, —האָט בולגײַעוו פּאַר אַ ווײַל נאָכגעהערט די אייגענע רייד וואָס אָקערשט אַרויסגערעדט. איר זעט? — און געלאַסן, מיט געהיטע טריט זיך דערנעענטערט צום נײַעם: — ווי רופֿט מען אײַך, מיט דערלויבעניש צו פֿרעגן? סאַמויל יאַקאָװלעוויטש? פֿײַן. איר׳ט פֿאַרגעדענקען, חברים? סאַמויל יאַקאָוליטש ווערט אונדזער שכן. ראַפּטעם ברייטער צעשפּילעט בײַם האַלדז די קאָסאָוואָראָטקע, האָט בולגײַעוו אַ ביסל אָנגעהויקערט געדיכט אָנגעקוקט סאַמוילן, באַלד זיך אַוועקגעוואַקלט צום טיש, צוגעטראָגן צום מויל אַ פֿאַרסמאַליעטע ליולקע, פּיפּקנדיק זי אָנגעצונדן און גערעדט: — יאַקאָוליטש, ס׳אַ ביבלעיסקער נאָמען, געוויס, ס׳איז זײַן פּאָטערנאָמען. מיר געפֿעלט אַזאַ, —האָט ער געקײַעט דעם געדאַנק— אויך מיר, רוסן, היטן אים אײַן זינט פֿאַרצײַטנס. ר׳איז פּאַטריאַרכאַל, מיט אַ באָרד, מיט אַ סאָכע, ס׳וואָר? — ט׳ער געוואָלט זיך עדותן מיט די שכנים וואָס זענען מיט געדולד, מיט אָפּוואַרטנדיקע מינעס געזעסן אויף זייערע בעטן. דערויף האָט ער זיך צעקייכט אין אַ הוסט און אַ ווײַדעלע רויך איז אים געקראָכן פֿון דער ליולקע צום באַשיימפּערלעך טראַכטערישן שטערן. — איר׳ט ווערן היימיש, באַדאַרפֿט איר, יאַקאָוליטש, וויסן אַלצדינג וואָס שײַך אונדזער זעמליאַנקע: דער טיש, דער דיל, די פּאָליצע, דער וואַסער־עמער, אויך די טיר, די שטיגלעך וואָס פֿירן אַהערצו — אַלץ געהערט אונדז, אויך אײַך, סאַמויל יאַקאָוליטש. איר׳ט אַ גלײַכן חלק אין אַלץ, ס׳איז שותּפֿותדיק. פּאַמעלעכקע, פּאַמעלעך, מירן זיך דעררעדן, יונגער מענטש וואָס איר זענט.

אפשר ווילט איר פֿאַררייכערן אַ מאַכאָרקע־ציגאַר? — און טראָגט אים אונטער אַ זעקעלע טאַבאַק מיט אַ צײַטונג־שניצל. — אַזוי גאָר, איר רייכערט נישט? קוקט ער מיט נייגיר — גאַאַאַנץ איב־טע־רעעע־סאַאַאַנט!

אין זײַן דערשטוינטקייט ט'ער זיך מיט נייגיר האַסטיק אַרומגע־קוקט צו זײַנע שכנים. אַלע האָבן אומדרייסט אויפגעהויבן די קעפּ.

— זענט איר דאָך געוויס אַ זינגער, —שמייכלט אַרײַן אין דער אַ שטוינונג דער וואָס רופט זיך אַנדרייעוו.— ס'וועט זײַן היימלעך צו הערן, חברים, —און קוקט זיך צו צו שמואלעקן: „וואָס טוט ער?” אַנו, העלפֿן אײַך אײַנשטעלן די באַלעבאַטישקייט? — ט'ער זיך צו אים געווענדט. נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, סאַמואיל יאַקאָווליטש; מיר ווערן שכנים פֿון דער נאָענט — בעט אַנטקעגן בעט. וואָסזשע קען זײַן נעענטער? אַ שטייגער אַ מאַן דעם ווײַב (און ער רירט זיך נישט פֿון זײַן זיץ).

— ריכטיק געזאָגט, — האָט ווידער אַ שטים זיך געהערט ווי זי וואָלט געקומען פֿון אַ פֿאַרהוילענער טונקל'קייט. זי האָט אָפּגעברומט ווי פֿון אַ טרובע; איר נאָכקלאַנג האָט זיך געשפּירט מיט אַ דערטרונקענער היימלעכקייט, מיט אַ פֿרעפּלען צום דרויסנדיקן געפּריר, וואָס שורשעט אין די שניי־גרייפּלעך אַרום דער זעמליאַנקע, רײַסט זיך דורך אין די שפּאַ־רעס. — איר'ט דאָך וועלן זיך אָנוואַרעמען נעבן אונדז, נישט אמת? — האָט ערשט דער דאָזיקער זיך דערנעענטערט צו שמואלן וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פֿרעמדלעכער — לאָמיר זײַן באַקאַנט: אַנדריי סטעפּאַ־נאָוו איז מײַן נאָמען. מירן ווערן אייגענע, — און באַלד געזוכט דעם צו־ריקוועג צו זײַן בעט, דעם זיץ וואָס ער'ט אייגן אויסגעוואַרעמט.

אַזאַ קנאָכיקער מיט קרעמפּע דלאָניעס, נישטערנדיקע בליקן, אָבער זיי האָבן אַזוי פֿיל קעלט אין זיך וואָס הערט נישט אויף אויך בלאָזן אויף מיר, — האָט שמואל זיך ווידער דערזען אין נײַעם עלנט, כאָטש אויף אַ פֿרישן אָרט. ווו זיך דאָ אַהינטאָן? נאָר עס איז נישט געווען קיין צײַט פֿאַר פֿאַרצווייפלען. ווײַל אויסערלעך האָבן די מענטשן גוט באַגעגנט דעם יונגן שכן און ער'ט זיך באַמיט צונויפלעבן מיטן צוגעטיילטן ווינקל. פֿײַנע די לײַט, האָט ער מחמת אַ בלינדער באַדאַרפטיקייט פֿון אַליינ־טרייסט, זיך געגעבן אײַנשמועסן: ס'איז גוט, אַ סך בעסער ווי פֿריער. דאָך איז שמואלן לאַנג אויסגעקומען צו פֿילן אַזוי גלײַך דער קליינער באַראַק קוקט אויף אים דורך פֿאַרהוילטע ברילן. נישט ווילנדיק האָט ער

געמוזט זיך דערמאָנען יענע, די תּמיד טומלדיקע און די קויטיקע, וועלכע ער'ט אָקערשט פאַרביטן אויף די וואָס שווײַגן פּריקרע.

„מאַדנע די אָ; כאָטש נישט פאַרקנאָדערט ווי יענע אין שמאַטעס, זשומעט זייער שווײַגעניש, זיי ראַיען זיך אין גרילצנדיקן טראַכטן וואָס ער מוז הערן, דורכקרענקען!"

אַזוי האָט שמואלעק געטראַכט וועגן „די נײַע" און באַמיט זיך צו־געוווינען צו זיי.

אַלע דרײַ שכנים וואָס זיך צונויפגעקליבן אויף הער נאַכט אין קע־לערדיקן באַראַק, האָבן נאָכן אויסטרינקען דעם „טראַדיציאָנעלן טיי", אָנגעזאָטלט אויף זיך דראָטענע ברילן און אַריבער זיי אַכזריותדיק אַרײַנ־געשוויגן אין ביכלעך, אין צײַטונגען. ווי שפּיציקע שטיינער איז געפאַלן אויף שמואלן די דאָזיקע שטומקייט און ער, דער נײַער שכן, האָט געמוזט שווײַגן אַנטקעגן זיי.

2

עלטערלעכע לײַט געווען די אינזשעניערן. צו גלײַך מיט די שוואַרצ־אַרבעטער פון באַטאַליאָן האָבן זיי אַלע טעג זיך אויסגעפּרוּווירן אין שניי־דיקן דרויסן, געקאַראַבקעט זיך ווי יענע איבער די טרעפּ־ברעטער וואָס אויפגעהויבן צווישן רויע מויערווענט, אויסגעוואַקסן אויף רושטאָוואַניעס, געשפּרונגען איבער שטשערביקע פונדאַמענטן פון נײַ־אויסגעפלאַנצטע קאַרפּוסן. ווי אַנדערע האָבן אויך די דאָזיקע אַרויסגעקוקט אַ בריטשקע וואָס די ווײַטן טראָגן אָן אומגעריכט, מיט פאַרטריקנטע ליפּן געפּרעגט צי זי האָט געבראַכט פּאָטשט פון שטאָט. בריוו איז געווען דאָס איינציקע ליכט וואָס האָט געשײַנט פאַר די מענטשן אין שנייִקן העק. איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָבן זיי געאײַלט אַהיימצו, אין פאַרוואַרלאָזטן ווינקל וואָס איז פאַר אַ גאַנצן טאָג מוראדיק אויסגעקילט געוואָרן מחמת זייערע נאַרעס זענען די איינציקע צווישן די אונטערערדישע באַראַקן, וואָס האָבן נישט קיין דניעוואַלניס. „איטעער"־אַרבעטערס, ס'מיינט נידעריקע נאַטשאַל־סטוואָ, דאַרפן אַליין צוהיטן די געמיטלעכקייט פון זייערע צוזאַמענוווינונ־גען. אַנדערש איז עס מיט די קעפּ פון באַטאַליאָן, דער קאָמבאַט און דער וואָיענקאָם. נאָר צו זיי קומען אויפראַמערקעס, אײַנהייצערנס. אין דער זעמליאַנקע פון די אינזשעניערן האָבן די אײַנוווינערס געמוזט אַליין טאָן די ווײַבערישע טועכצן. לויט דער ריי, האָט יעדער געמוזט זאָרגן פאַר

דער אָרעמלעכער היימישקייט, וואָס אָן איר איז דער באַראַק אַן אָפּסטראַשנדיקע גרוב. רוקט אָן די דעמער־שעה דאַרף דער באַטרעפנדיקער אַרײַנטראָגן אין קעלער אַן עמער וואַסער, הייצן דאָס אײוועלע און צוהיטן דאָס שטרוי־געלעגער, די אייגענע במקום־היים.

אַוודאי, ער זעט עס ערשט: אויף די פּנימער פֿון זײַנע שכנים האָבן זיך בולט געהאָרבעט לעבעדיקע מאַפּעס פון דורכגעבערענטע יאָרן, פאַראַקערטע פון האַרטע דאגות. מיט ערפאָרכט פאַר מענטשלעכע איבערלעבונגען האָט שמואל געדאַנקלעך זיך געבוקט פאַר די סטעפּאַנאָווס, מיט וועלכע ס'האָט אים צונויפגעפירט דער גורל, אָבער אין דער נשמה האָט אַנדערש געטליִעט זײַן אייגענער עלנט. יענע קריגן בריוו, זיי זענען יאַקאָש פאַרבונדן מיט אַ היים, ער איז אַן אָפּגעבראָכענער אבר. און די אַ לײַט האָבן אַן אַנדערן סדר — שמואל האָט געפינצטערט אין זיך. פאַרטיק געוואָרן מיט זײַנע טוונגען, האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אויפן געלעגער, ווײַל דרייען זיך הין־אַהער איז נישט געווען ווו און די שכנים וואָלטן עס נישט סובל געווען. אויך זיי האָבן געפונען די גאָרע מנוחה נאָר אויף די אייגענע געלעגערס. געווען אויך אויפדערנאַכטן, ווען איינער פון די באַיאָרטע מיטוווינערס פלעגט אויף שעהען זיך אַוועקזעצן שרײַבן אַ בריוו צום ווײַב אין באַרנאַול. באַרנאַול — האָט אַזאַ געדזשאַמדזשעט אויפן קול, אין געברום, די אַליקע נאָסטאַלגיע: עד, עד, באַרנאַול איז נישט טעריטאָריע! אַרײַנגעטאָן אינעם שרײַבן און פון מאָל צו מאָל זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ רעדן צו זיך; ר'האָט געקוועטשט די אויגן אַקעגן דעם טינטיק באַטראָטענעם, געדיכט אָנגעפולטן בלעטל פּאַפּיר, געגרעדט און די אַרומליגנדיקע שכנים האָבן שטוינענדיק געמוזט אָפּטלעך אויפהייבן די קעפּ, צוהערן זיך צו די להוטע קלאַנגען און אַראָפּשלינגען אַ שמייכל: „ר'איז פאַרליבט, דער אַלטינקער. ער באַדאַרף אָקערשט צו מאַמקען די ווײַבערשע ברוסט ווי ס'קלענסטע איניקל זײַנס". האָט זיך פון ס'נײַ געהערט דער געמורמל, ס'האָט זיך געטראַכט דאָס טראַכטענץ, האָבן די אותיות פונעם בריוו זיך שוין געוואַסערט אונטער דער אָוונטלאָמפּ און די ווײַטלעכע שטאָט, די נידעריק־דאַכיקע, האָט אין סילועטישן שלייכן פון דער נאַכט צוגעבויגן ס'פּנים צום שרײַבנדיקן: „דאַ, דאַ, ליבינקע. סע בענקט זיך. כאָטש זיך צונויפגעלעבט מיט די מענטשן, מע קאָרמעט נישקשהדיק, האָדעווען מיר אײנציק נאָר די האָפענונג... לידיאַ וואַסיליעוונאַ טײַערע, ס'וואָר אַז אין

דער ווײַט זענען צו לאַנג די טעג און אָנסופיק די נעכט. אונדזער אַרבעט? זי איז ערשט אַ פליכט אַ מלוכישע און מ׳דאַרף זײַן צופרידן וואָס נאַטשאַלסטוואָ לויבט זי. הערווײַל דאָס. ווען וועסטו האָבן אַ מעגלעכקייט אַוועקצוזעצן זיך אָנשרײַבן מיר (איך ווייס, דו ביסט פאַריאָגט מיט אַרבעט פון ברויט וועגן) לאָז וויסן, ליבינקע, פון אַלץ און גריס פון זיידן די זיסע וואַליאַ. דערצייל איר, דער זיידע איז אַ שלאַכטמאַן וואָס שטייט אין אַ מרחק וואָס באַרגיקט זיך אין הויכע, טיפע שנייען און בייסיקע פרעסט" — — ווייטיקלעך ווימלט דער געדאַנק. או ווואַאַאַאַ, אין באַראַק וואָס איז געבוירן אָן פענצטער, גלײַך צו אַ מענטש וואָס פאַלט אויף דער וועלט מיט פאַרוואַקסענע אויגן, פלעגן טייל מאָל אויך אָפּקלינגען טרויעריקע פּרטים פון אַ בריוו וואָס ט׳זיך דערשלאָגן צו עמעצן פון די באַוווינערס: אָסטאַפּ יעניסענקאָ איז געפאַלן מיטן טויט פון אונדזערע העלדן וואָס ווערן שטאַרק געלויבט פונעם דערדריקטן פאָלק און זײַן ווײַב מיט די קינדער איז געבליבן די הויכע אָנערקענונג פון אַ ספּעציעל צוגעטיילטן פּאַיאָק. אָבער, אוי, ס׳איז געבליבן אויך פעסט פאַרהאַמערט די שמידערײַ אין דאָרף. די היימישע פערד וועלן מוזן גיין באָרוועס און די אַקסן צעבראָכן. נישטאָ ווער ס׳זאָל צעבלאָזן דאָס אָסטאַפּישע פײַער אין קוזשניע. זײַנע זין זענען נאָך קליינינקע. דאָס בייז שלאָגט אָן אויפהער. סערגיי ניקאָפּאַראָוויטש מאָלדאַווין איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן סטאַראָסטע פון ישוב און ער׳ט מיט לויטער קליינוואַרג פאַרזיכערט דאָס גערעטעניש פון ווייץ. דער אַלטינקער סערגיי שלעפּט זיך אַרום מיט דער קוליע און ער טרײַבט אונטער די אָרעמע: „אַרבעטס, אַרבעטס, דער נאַראָד ווארט אײַך בענטשן פאַרן ברויט וואָס מיר פאַרגרייטן. אויך די טאַטינקעס, די ברידער און פעטערס וועלן אײַך דאַנקען אין די אָקאָפּעס, וווהין זיי זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן". אַליין האָט ער נישט קיין רעכטן טאַבאַק, דער זקן. מיט גראָז־רויך פאַרקנוילט ער זײַן געמאַרשטשעט פּנים, דער ווילער. ס׳איז שלעכט, קאָליאַ, — אַזוי רעדט זיך אַראָפּ אַ בעט־שכן פאַרן אַנדערן און ס׳רײַסט זיך דורך אַ זיפץ. אָבער אים וואָס בלײַבט, שמואלן דעם פאַרוואָרפענעם? צו אים קומט נישט אַפילו אַזאַ גרוס. כאָטש פריער געווען אומליב ד אָ ר ט, צוזאַמענגעקוועטשט געווען אויף דער פּריטשע איז אים, דאַכט זיך, געווען גרינגער. דאָ טרײַבט די פריקרעקייט וואָס די לײַט שווײַגן אויס אין די אויפדערנאַכטן, וואָס שטעלן זיך טומאַנע, האַמעט־

נע, לאַנגע. אָפּגעגעסן אין אָפּגעזונדערטן שטח פון גאָרקיך, אין קעלערדיקן ווינקל באַלד דערנאָך אויסגעזופּט דעם טיי און זיך אַוועקגעלייגט אויפן זעקספּיסיקן בעט כדי ווי זיי צו שווײַגן — מרוקעוואַטע, פּאַרבלאָז, ביז די אויגן ווערן פֿאַרפּרישעט פון שלאָף. יעדן אויפדערנאַכט האָט אויך ער, ר' באַטאַליאָנער סאַמואיל, מיט די אויגן זיך אײַנגעטשוועקעוועט אין זײַן איינציקן בוך. ער איז אין לייענען פּאַרקראָכן אין אַן אויסטערלישן בראשית און ס'איז ניט צו באַנעמען וואָס ס'טוט זיך מיט אים, צי ער איז אייגנטלעך ער. ר'ליגט דאָ און ר'איז לגמרי נישט דאָ אונטער דער כראָפּעוואַטער ברעטערנער סטעליע. ערגעץ שטרעקן זיך סטעזשקעס אין אומדורכדרינגלעכע פינצטערקייטן און הויל הילכן פון זיי בייזע קולות, ער שרעקט זיך דערפאַר, כאַטש עס ציט צום אומבאַוווסטן, ס'רופט. אַזויערנאָך איז ער צוגעלעגן צום שטרוי־בעט און נישט דורכגעקראָגן זיך די ענגעניש וואָס ס'געמיט האָט אָנגעגראָבן.

אומעטיק אויך מיט אַזעלכענע, ט'ער געזיפּצט, אָבער מיט דער אייגענער מחשבה זיך דערטאַפּט צו דער האַרטער פינצטערניש פון זײַן מעמד. ווען וועסטו זיך דעררעדן מיט די דאָזיקע? זיך אַליין געפרעגט און אַליין זיך געענטפערט: — אייגנטלעך, צו וואָס! דערנאָך האָט עמעץ אומגעריכט אַרײַנגעוואָרפן דעם חושך אינעם נאָר וואָס צעמרוזשעטן חלל פון דער זעמליאַנקע. מ'האָט אויסגעלאָשן דאָס פלעמל און אַלץ, אַלע זענען ווי אַרײַנגעפאַלן אין אַ גרוב.

נאָך לאַנג האָט ער זיך געראַנגלט מיטן אָנפלייץ פון רעיונות וואָס זענען נישט אָפּגעטראָטן, האָבן געגריזשעט: — ווי שטעלט מען ווידער אַ טריט, אַז קיין פאָרויס איז נישטאָ?!

אין דער פרי האָט שמואל געמוזט זיך אָנטאָן אַ כוח ר'זאָל קענען זיך ווײַזן אין קאַנטאָר. די ביינער האָבן געבראָכן און אַן אינעווייניקדיקע קעלט האָט צעשפּילקעט זײַן לײַב. געוואַשן זיך ס'פּנים מיט שניי, צערודערט די הענט און די פּיס מיט ראַפּטעמדיקע באַוועגונגען, אַבי ער זאָל אויסזען רעכט אָפּגעפרישט.

ווידער געווען פאַר שמואל בוימווערקן אַ נסיון די נײַע לאַגע.

13

# און ס׳אומגליק וואַקסט

1

אין די ברענענדיקע פּראָסטיקע חדשים האָט שמואלעקס טרויער זיך איבערגעזויערט. זײַן אײַנגעצוימטקייט אינעם קאַנטאָר־באַראַק האָט ער געשפּירט עפּעס ווינקלדיק, גלײַך ר׳וואָלט געווען אָפּגעוואָרפן אָן אַ זײַט, כאָטש ער׳ט אָפּט מאָל דאָס באַנומען אַזוי ווי מ׳וואָלט אים ערשט אַרויס־געצויגן פון דער דערעסענער קעלערשער פינצטערניש. דערפון איז ער גע־וואָרן געפּלעפּט, הגם אויך אַזוי ווי דערלײַכטערט; דאָך ווערט ער נישט מער געוואָרפן אין שנײַדיקן פּראָסט אַרײַן, ר׳איז נישט אויסגעשטעלט אויפן היקן פונעם בריגאַדיר אָדער פּראָראַב. און אפשר איז די אויסטערלישקייט פון דער שפּירונג געווען אַזאַ אַ דאַנק דעם נישט אָפּטרעטנדיקן איינציקן פּלעמל, וואָס האָט סײַ דאָ סײַ דאָרט פויל געלויכטן? דעם מענטש פּלעגט אַלע מאָל פון ס׳נײַ חידושן אויף דעם שינוי וואָס האָט אים אי געפרייט, אי געשראָקן און ר׳האָט געפּרוּווט זיך ניכטערן: עס זענען אײַנרעדענישן. דו דאַרפסט זיך אָפּטרייסלען פון זיי, שמואל! און אָפּגעמאַכט בײַ זיך צו אַנט־לויפן פון דעם בייז, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים.

אָבער דער מענטש קען נישט אַנטרינען פון זיך. דער מיראַזש פון עלנט איז כסדר אַרויסגעריטן פון אים, געשטעלט זיך אין זײַן וועג: אָט אָ ביסטו אַלייך, שמואל. קוק זיך אָן! נאָר אומעטום איז ער אין אַ בלינד געסל. אין קאַנטאָר האָט אויף אים אָן אויפהער געקוקט דאָס געלבלעך צעפּלאָסענע עלעקטרישע אויג, וואָס האָט זיך געבויגן פון סופיט אַראָפּ, זיך געוואָרפן אויף אַ שטריקל און אין דער קליינער הייל —זעט ער בפירוש— שיפּעט ס׳פּלעמל מיט אַ נאַפּטצינגל, הויקערט זיך פון דער וואַנט אַראָפּ. סײַ בײַ טאָג סײַ בײַ נאַכט האָט אויף שמואלן אַלץ איינס געוויעט טוכלע באַראַקישע טונקלקייט. דער אונטערשײַד איז געווען אין דעם וואָס אין דער נײַער

באַוווּנשאַפּט האָט ער זיך באַגעגנט מיט די תמיד אָנגעכמורעטע דרײַ אירע און אין דער אייבערשטער הילצערנער הײַזקע איז ער געווען אויג אויף אויג נאָר מיטן פּאַרטוּענעם נאַטשאַלניק אָדער מיט דער אייגענער אַליינינקער דערוואַרטונג אויף אַ לעבעדיקן אָפּרוף פונעם שטח וואָס בויט זיך רק אויף גרויסן סוד. ווידער אַ מאָל האָט בוימוועריקן געפּלאָגט דאָס געפיל אַז ער איז טאַקע פאַרשיקט אין עק וועלט, אַן אַנדערש מאָל — גלײַך אויף אים וואָלט אָנגעוואַקסן אַן אומאייגענע הויט. אין דער אמתן איז ער איינער אַליין געשטאַנען אין אַ גרינבלייכער מראה פון אַ כמו־לעבן און אין איר האָט זיך סקעלעטיש באַוועגט, געהיפּט, געוועלבט שווערע אומענדלעכקייט פון אָנגרײַפנדיקן אומגליק, זײַן אומגליק. „אַנדערע זענען כאָטש געבליבן זיך מאַטערן אויף אַן אָרט, מיר איז באַשערט אויסגעוואָרפן צו ווערן״, — האָט אין אים זיך געוועקט דער וויי. בײַ פּאָלאַנסקיס מענטש זענען די באַקן שוין געווען אויפגעשוואָלן פון צעיוירנקייט, וואָס בויט זיך אויף איינטאָניק צעוואַסערטע עסנס און די אויגן האָבן געקוקט אויסגעבליאַ־קירטע. באַוועגט זיך אין זײַן וואַטענעם לבוש, איז ער אויפן אָנסופיקן ווײַס פונעם אָנגעפּראָסטיקטן שניי געווען אַ שווערער שאָטן מיט אַ דעכל־מיץ אַריבער די הוידנדיקע אַקסלען. אינעם צעוואַקלטן גאַנג האָט ער אויסגעזען חוזקדיק ברייט, אַקוראַט דער שניי־פּאָן וואָלט אים אַרײַנגע־זויגן אין זיך, געמינערט זײַן ווּקס וואָס איז סײַ ווי געווען נישטיק אַפילו אין זײַנע אייגענע אויגן. דער אָ שמואלעק בוימוועריק פלעגט דערמאָנען אין זיך מיט פּאַראַיבל און אַרויסרײַטן קעגן אַן אומגעזעענעם עמעץ אין זײַן נאָענט: „ווואַ, געזען אַזוינס? אַז נישט אומעטום איז דער מענטש אַ מענטש!״ דאָס האָט אַ שפּראָץ פון זײַן פאַרוואַלגערטן אַמאָל זיך אָנגע־כמורעט און אָפּגעקערט זיך. אָבער שפּעטער האָט פון אים זיך שוין אַרויס־געריסן אַן אַנדערע שטים: „דבורהשי, וואָס טוט מײַן ווײַבעלע? מ׳איז גע־פּלאָגט געוואָרן פאַר פרעמדע זינד. מוראדיק קען זײַן די שטראָף וואָס וואַרפט זיך אויף עמעצן אָן באַזינונג. ווײַ מיר, מ׳זעט טאַקע נישט קיין בריוול פון איר״ — — אין מיטן דעריגעגן האָט דער רעיון זיך צע־רעדט, כאָטש בלויז זײַן ליפּ ט׳אים באַגלייט מיט אַ ציטער און נישט דאָס קול: צו מאָל ווערט קראַנק דער הימל אין אַזאַ שלעפעריקן ווינטער! דעם טאָגס בליק איז פאַרתמט ווי בײַ אַ סטראַשידלע וואָס חלומט פון אַ פליי אין צעבליטן פעלד אָרײַן; הילציק חלומט אָזאַ ווי ער און ר׳פּאָלט מיטן

פּנים אין שניי אַרײַן. און איך ווער נישט קראַנק, אַז...? פריקרע דער געראַנגל מיט אַזוינע כוחות וואָס דו ווייסט נישט געניי זייער קוואַל. דאָרט קוקן די שטיבער טויטלעך און אַהינטער זיי הודזשעט דער קאַספּי, ר׳קילט דעם אַלמאַ־אַטינער רוקן. ערשט די שניי־שרונטן איבער די אַלאַ־טאַוער בערג! זיי טריפן אָן טערפקן אומעט אויף דער שטאָט וואָס איז אַנידערגעוואַלגערט אין סאַמע מידבר. גראָד מוז דבורהקע אָפּקומען אַזאַ שטראָף! וואַרט נאָר — צי בלויז איינזאַמקייט איז דער קלאַפּ וואָס פאַלט אויף איר? אויך די ווינטן פונעם קאַספּי וואַרפן זיך אויפן געמיט פון די אַלמאַ־אַטינער. זיי בלאָזן פון צעשטורעמטע האַרנס, מאַכן מוטנע די לופט פון די צעהויקערטע גאַסן. וועט מײַן געליטענע דאָס אויסהאַלטן? אַוודאי, מ׳האָט דאָך אונדז געזאָגט אַז קאַזאַכסטאַן איז אַ וואַרעם לאַנד. צוגעזאָגט, אָבער ס׳שנײַדט אויך דאָרט ס׳אומגליק. כ׳האָב געטראָפן וואָס דו טראַכסט, דבורהשי? — —"

אַ טרעריקע געזעגלצנקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זײַן גאָרער שפּירעוודיקייט. ער׳ט נישט געוווסט, דער סאָלדאַט פון 1091, אַז זײַן ווײַבל האָט גראָד איבערגעקרענקט איר עלנט, אַז זי פאַלט אונטער אַ ווילדן „פאַראַ טיף". ווי אַ פאַרוווּנדיקטע טויב איז דבורהקע אויסגעגאַנגען אין איר פאַרוואָרפענעם קעמערל, געצאַנקט. ס׳אַזאַ פאַרצערנדיקע שלאַפּקייט, דער פאַראַ־טיף; זי לאָזט זיך ניט דערקענען אויבנאויפיק, די קרענק, זי לאָזט זיך נאָר העפּטיק שפּירן. דער קאָפּ פון דער אָנגעגריפענער ווערט אָנגעגאָסן מיט אַ טומאַן, דער בליק איז מטושטש און דער שריט הויל, אוממאַכטיק. אין פאַררעטערישער פאַרבאָרגנקייט צעטאָטשעט די שלאַפקייט דעם גוף, די קרענק נאָגט אויס ס׳בלוט. טאַקע דעמאָלט, אין פײַכטן ווינטער צופוסנס די אַלאַ־טאַוער בערג איז די אומבאַוווסטע דבורה בוימווערק געפאַלן אויפן נעבעכדיקן געלעגער. אָפּגעזען פונעם עול צו שטעלן זיך אין ווערקשטעל אַרײַן, איז זי מיט אַ מאָל צוריקגעזונקען אויפן געלעגער אַרויף און געבליבן ליגן ווי אַ שמאַטע צווישן שמאַטעס פון איר משטיינס געזאָגטן בעט. געפאַלן אָן כוחות, אָן זינען און קיין האָן האָט דערויף נישט קיין קרייע געטאָן. אָבער די צײַט האָט נישט דאָיק זיך געהויבן איבער איר. האָט די שלאָפּע ווײַלנווײַז זיך אַרויסבאַקומען פון די שוואַכעניש־קלעשטשעס, איז איר אַנטקעגן געגאַנגען אַ לעכצונג פון אַ צעקרימטן פּרצוף: „שמואלעק, אוי! ממאַממע, העלעף"... איר מויל האָט קלע־

פיק געשליימט אין די ווינקלען. דאָס האָבן שטרעמלעך ענערגיע זיך נאָך אַרויסגעריסן פון זייערע פאַרבאָרגנקייטן. אין איר פאַרפאַלעניש האָט עס דער פרוי אינסטינקטיוו געצויגן נישט אונטערצוגעבן זיך יענע פאַרלענדנדיקע רייצן וואָס מיניען אויף אַ מאָל אין דער אָנגעפּיצטערטקייט וואָס שפּרייט זיך איבער די גרודעס ווייטיק, וועלכע הייבן זיך אַרויס נאָר פון פאַרקרענקטן געביין: דזשימיע, דבורהשי, האָב געדולד — — ווײַזט אויס, אין דער פרוי האָט ווי אַ ווײַטער שטערן געטליעט־געלויכטן אַן אײַנגעבוירענע שטאַרקייט איבערצולעבן, מיט אָנשטרענג בײַצוקומען דעם באַרג יסורים וואָס ט׳זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר. ווי אַן אונטערגעשניטענע געפאַלן אויפן געלעגער האָט זי זיך פון מאָל צו מאָל אַרויסגעדראַפּעט פון קאָשמאַר און אין דמיון אַוועק אין געלאַף מיט אַ געקרעכץ: „מאַממ.. שמואל מאַאַאַנער!” אירע ליפּן האָבן געמאַמליעט. אַ ווילד אײַנגעטריקנטער געוויין האָט פאַרלייגט דעם האַלדז, אָבער פון דער קעל האָט אַרויסגעפלאַקערט דער שאַרפער געוואַלד פון לעבן וואָס דעם בן־אדם איז באַשערט אַריבערצוטראָגן איבער אַלע אָפּגרונטן. די איינזאַמע דבורה האָט זיך געטראָנקען, זי׳ט שוין געשפּירט דעם אָנפּלייץ פון אָנוואַקסנדיקן וואַסער וואָס דערגייט אָט־אָ אַריבער די אויערן; העפּטיקע כוואַליעס האָבן זיך געהויבן איבער איר, געשלעפּט זי אויף אַראָפּ, אַראָפּ. אַ מערכה — די גוטע פייגע־פעליסאַ און אַ מאָל די קלאַראַ איסאַקאָוונאַ. געטריבן פון וואַכן מענטשישן רחמנות, פלעגן זיי זיך אַרײַנשטעלן צו איר מיטן באַגער צו העלפן דער פאַרלוירענער אין איר גרויסן דחקות. און אַ גליק איז געווען, וואָס אויך דער אַלטער דאָקטער איז נישט אָפּגעשטאַנען אין זײַן מי. יעדן האַלבטאָג האָט ער פון שטאָטישן שפּיטאָל געבראַכט דאָס טעפּל געקעכטס פאַר דער שלאַפער פון פרונזענסקאַיאַ. אָבער צי קען ווײַט גרייכן די הילף פון אַזאַ וואָס איז אַליין פאַרפאָלגט פון סכנה און שוואַך?

די נויט האָט געבושעוועט אין אַלע שטיבער, זי האָט זיך שטאַרק אָנגעזעצן אויפן מאַרק; אין וואַרעמען לאַנד קאַזאַכסטאַן האָבן די גרימעדיקע פּרעסט זיך געלאָזן שפּירן מיט אומגעווייניטלעכער האַרבקייט און די הפקרע קאַמער אין ליסוכינאַס הייפל איז צו ביסלעך פאַרלאָזן געוואָרן פון די גוטע און ווילע. מיט דער צײַט איז די שלאַפע דבורה כמעט פאַרגעסן געוואָרן. נישט מער, עמעץ פלעגט דאָך אַ מאָל אַ בליק טאָן צו איר, באַדויערט די אָנטפאַלענע, זי אײַנגעדעקט מיט די טראַנטעס, געגעבן

אַ קאַפּשאַקל און אַוועק, כדי צו דערוויסן זיך צו מאָרגנס, אַ ליאַדע שעה אַז — שוין!

געוועזן אַ מענטש אויף גייעדיקע שוואַכע פיס און זיי זענען אײַנגעג־ל'יוועט געוואָרן. פאַרענדיקט זײַן גאָרע טרחא דער מענטש. אויס!

קיין לוויות האָט מע נישט אויסגעריכט אין דער סומנער שטאָט, ווו די הויכבאַרגיקע שטילקייט שרײַט אויס דעם עלנט פון אַלע, וואָס זע־נען אַהין אַרײַן מיט אַ פוס און קענען אים שוין נישט אַרויסציִען. אַלמאַ־אַטאַ האָט צײַטנווײַז אויפגעשוימט פון געטומל וואָס טראָגט זיך פון דעם קאַלכאָזנע מאַרק, וועלכער איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפ־געריסן מויל און אַרום אים האָט זעלטן געזאָטן די גאַס: „וואָבלעס אָנגעקומען! אַ טראַנספּאָרט געזאַלצענע פיש וואָבלעס געבראַכט פאַר די קלייטן פון „גאָרפישטשעפּראָמטאָרג"! אַ קאַראַוואַן קאָלכאָזנע וועגענער מיט צוקער־בורעקעס זיך באַוויזן אויפן מאַרק" — האָט נאָכגעשריגן אַן אַנדערע נײַס. עוואַקויִרטע פון מרחקים ווײַסלשע, דניעסטרישע, בײַוואָלגישע און דניע־פּרישע זענען אַרויס פון זייערע קאַמערן מיט פאַרהונגערטע גרינע פּנימער, אין באָרוועס און נאַקעט; פּליטים פון דערוואָרגענעם פּוילן און וואָלין און פון דער כערסאָנשטשינע. מיט דערצונדענע אויגן האָט דער רעש זיי געטראָגן נאָכן קול פון דער גרויסער נײַס, אָבער גיך האָט עס זיך גע־לאָשן: נישטאָאָ! שוין צעכאַפּט געוואָרן! נאָך דעם האָבן לײַט זיך גע־שפּירט מער הערשלאָגן פון דער פרעמדקייט, מיט וואָס סע דערשלאָגט זיי דאָס אויסטערלישע אָרט, דאָס שטילע אָרט ווו ס'הענגט אַ פאַרגליוועט דערדריקנדיקער געשריי. און ווי געטאָן האָט אויך וואָס די אײַנגעזעסענע האָבן תיכף זיך אײַנגעשלאָסן אין זייער אָפּגעזונדערטקייט, גלײַך זיי וואָל־טן נישט וועלן וויסן פון די צוגעפאָרענע, די פון די דראָענדיקע ווײַטן: „די בעזשענצעס און דער פראָנט וועלן אונדז דערהרגענען..." באַשײַמ־פערלעך האָבן געביטערט די קרומאויגיקע, ברוינהויטיקע קאַזאַכקעס אין די קישקע־שמאָלע, בלומיקע הויזן אַריבער זייערע קנעכל, די שוואַרצעפּיקע טעכטער פון אַזיאַטישן סטעפּ, און עס האָבן געטרויערט קנאָכיקע זקנים מיט אויסגעקראָכענע ווײַעס. זיי האָבן שטום געהויבן די בליקן צו דער ראַדיאָ־שיסל וואָס הענגט באַלכסונדיק אויף דער געקאַלעכטער וואַנט און זי הערט נישט אויף לעכערן דעם מוח מיט די בשורות פון די בלוטנדיקע ערגעץ־וווּען.

„אין אַ קלין האָט דער שונא זיך אַרײַנגעשניטן אין לינקן פלאַנג פון אונדזערע פאַרפעסטיקונגען!"

„ס'איז געפאַלן... דעם שונאס מיליטער האָט פאַרכאַפּט — —"

נישט מיד צו ווערן פויקט אין די געהירן די מאָנענדיקע, וואָרענענ־דיקע שטים. פון דאָ ביז אַהין איז דער מרחק אַ פּחדימדיקער: „ווו ליגט קיבישעוו, אַכמעדזשאַן? קען אויך אַהין גרייכן דער געמיינער? איז ווײַט דער אַניעגער דורכגוס, דער איינציקער שטעג וואָס איז נאָך פרײַ פאַר דער קזיל אָרדאָ? * לעניִנגראַד, די אויסגעמאָרעטע שטאָט איז ווי אַ סטעפּ־פערד אײַנגעקלעמט מיט אַ לאַסע. אין סאַמע גאָרגל שטעקט אונדז שוין דער שונא. אַפּגעדינטע זקנים זענען נײַלעך געוואָרן העלדן פון די חורבות־פאַרשאָטענע פאַבריקן וואָס גרייטן נײַעם וואָפן, — שרײַבן די בלעטער. אָך, אָך, אַן אַרומגערינגלטע פעסטונג איז די שטאָט. ס'איז קלאָר: די לע־בעדיקע וועלט איז ווײַט אָפּגעשלײַדערט פון דאַנען. ס'איז אמת, דזשוסופּ, אַז די אָהערן ווערן איבערגעהאַקט מיט רוגזה, כליניעט אויס דאָס העלדישע בלוט, ס'ווערט פוסט אַרום די קיביטקעס. ווילדע דערנער שפּרייטן זיך אין סטעפּ. נישט צו זען מער אַ פערד אויף אָפּצושעכטן, צו צעפּליישן פאַר מטעמים וועגן. סע דאַרן אײַן די געדערעם פון אַללאַס קינדער. אומגליק־לעכע וואָס מיר זענען און זינדיקע".

אָפּט הערט זיך דער געקלאָג פון די געלהויטיקע.

אויפן לאַנגן שטח פון דעם דאַזיקן ווינטער האָט זיך פונאַנדערגע־לייגט צעשטערערישער יאוש. אַ פינצטערקייט האָט אָפּגעשלאָגן פון מענ־טשישע הערצער און זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מיט דער בידע אין די פלאַטשיקע הײַזקעס, אַרומגעוואַקסענע מיט צווײַגן־געפלאַנץ און מיט דער שווײַגעוודיקייט פון ערדהויקערס, וואָס גיבן אַרויס האַרטע גראָזן. סע זענען אָנגעשטאַנען טעג ווען פון די פענצטער האָט גאָלער טרויער אַרײַנ־געטריפט אין אײַנגעהאָרכטן דרויסן. דער עלנט־געיאָמער פון די היימען האָט פאַרקוועטשט דעם גאָרגל פון טאָל אַראָפּשטאָט.

אַ דערשלאָגענע האָט קאַטיאַ ליסוכינאַ דעמאָלט אַרײַנגענומען אין איר קליינער כאַטע נאָך אַ פּאָר שכנים, בעזשענצעס. ענגשאַפט האָט אויף ענגעניש זיך אָנגעשטאָפּלט. זאָל כאָטש ווערן היימלעכער, —האָט זי זיך

---

* רויטע אַרמיי.

פאַרענטפערט,— און ס'איז שוין צײַט אַז אַ מאַנצביל זאָל זיך אַרײַניאַוועז אין שטוב. אַ מאַנצביל איז דירעוודיקער, ר'קען אַרײַנשלעפּן אין הויז אַ שײַט האָלץ, דורכקריגן זיך גרינג דעם געדראַנג פון אָטשערעדן וואָס וואַקסן אויס ראַפּטעם ווי משוגענער אומקרויט. כּײַ זאָלן די אויסלענדערס, וועלכע מ'נעמט נישט צו דער ביקס, זיך נישט אָנפּרעסן אַליין. אַזעלכע קענען, כּלעבן, עפּעס געבן אַ יאַטל אַ גריזשע צו טאָן, וועט עס דער מאַ־מען ווינציקער קוקן אין האַנט אַרײַן. זאָלן די פרעמדע זען ווי ס'מוטשעט זיך אַ רויטאַרמייערקע און, זאָלן זיי טאַקע אונטערהעלפן.

נו־קאָ, זאָג אַליין, — ווי לאַנג קען אַ נקבה אויסהאַלטן אַזוי אָ? דער רובל איז, אמת, אויך אַ צושטײַער, אָבער וויכטיקער איז צו דערווײַטערן פונעם הויז די קאַלעמוטנעקייט. דו ווייסט, אין אַ פרײַער שעה איז נישטאָ אַפילו מיט וועמען אַ וואָרט איבערצווואַרפן. ס'כדאַי! און זאָלן זיי, די אויסלענדערס, נישט שלאָפן אין גרויסן טאָג אַרײַן, — האָט קאַטיאַ זיך שוין געכוחט אויף אַ חכמה. איכ'ל זיך נישט שעמען, כ'ל טרײַבן אַזוינעם אין אָטשערעד אַרײַן: פאַר מײַן וויטיאַן, פאַר שוראַן זײַ זיך מטריח, יונ־גער מענטש! ווי מיינסטו? מ'דאַרף צוגעווינען אַזעלכע. און צו פרילינג וועל איך זיי דערלאַנגען אַ גראָבאײַזן אין האַנט אַרײַן — סטופּאַי, מירן פאַרזעצן אַ ביסל קאַרטאָפל. דער שטאָטסאָוועט האָט אַרויסשטאָט צוגע־טיילט חלקים ערד פאַר רויטאַרמייִשע משפחות. זאָלן זיי פאַרזייען גרינס, פאַפשוי. וועט די באַלעבאָסטע זײַן זאַט, וועט אויך דער קוואַרטיראַנט זײַן מער צופרידן — נישט ריכטיק אַזוי? זי'ט זיך געעצהט מיט לײַט, די לי־סוכינאַ, און זיך פאַרענטפערט הלמאַי אַ נקבה און זי לאָזט אַרײַן מענער אין איר כאַלופּע.

— פראַווילנאָ, קאַטיאַ, — האָט צוגעשאָקלט די שכנה לידיאַ אָוו־סעיעוונאַ.

אויסלענדהערס האָט קאַטיאַ אָנגערופן אירע שכנים, כּדי זיך אַליין נישט צו דערנידעריקן אין די אויגן פון היימישע: אַ פרוי אַליין, אָן אַ מאַן נעמט אַרײַן צו זיך זכרים. איר ווייסט, —האָט זי אָפּגעלאָזן אַ סוד ווערע־דער קאָלעסניקאָוואַ— די אויסלענדערס שאַנעווען מער די פרוי ווי די אונדזעריקע. כ'זע עס צו. און די קענעוודיקייט זייערע שפּילט זיך אויס אויף דרויסן. מײַנע ווײַזן אויס צו זײַן פײַנע, כאָטש ס'איז נישט גרינג צו באַנעמען אַזוינע. וואָס הערט זיך, אויסלענדערס? ווענדט זי זיך צו זיי

ווען אַ זײַטיקער איז דערבײַ. זי, די באַלעבאָסטע, ווענדט זיך אַזוי צו זיי כדי אייגנס אויסצונעמען אין זייערע אויגן, נישט צו באַליידיקן מיטן זלידנעם נאָמען בעזשענצעס. כאָטש מיליץ האָט זיי כסדר אויפן צעטל, נקוו״ד רופט זיי אַלע מאָל.

ווײַזט אויס, די תושבים פון פּרונזענסקאַיאַ האָבן געמיינט אַנדערש ווי די קאַטיאַ זאָגט וועגן אירע שכנים. זיי האָבן איר ווינציק געגלייבט, אַפילו פירגעוואָרפן כיטרעקייט:

— אַ קלאָגערקע די ליסוכינאַ, און אָט גיט זי זיך אַן עצה! זי׳ט זיך אויסגעפּרעסן אַ מאָרדע אין אַ ביטערער צײַט! ס׳איז גאָר אַ גליק פאַר איר אַלעמענס אומגליק.

— אַן אײַנפאַרהויז זיך געעפנט אויף די פאַר שפּענער, וואָס דער מאַן האָט צונויפגעקלעפּט. אַליין איז ער אוועק לייגן זײַנע ביינער, אָפּ־געטראָטן ס׳אָרט פאַר אַנדערע. אַ פייגעלע די קאַטיאַ: אַ זשענשטשיבע שאַרט געלט פולע זשמעניעס. סײַ זי נעמט שווערע טשערוואָנצעס פאַר אַ ווינקל און סײַ זי קריגט אַרײַן מענטשנס פּאַיאָקן. אָט אַ נעבעכל!

— אַ כיטרענקע! אַלעמען שאַרט זי צו אירע קינדער, שנאָרעט קלאָמפּערשט פאַר זייערטוועגן. בײַ לײַטן שטייען גרעסערע שטיבער און זיי מאַכן נישט קיין זאַוואָד פון רובלעס פאַר אַ פּאַדלאָגע־ברעט!

אַנדערע האָבן נאָך רכילותדיק צוגעוווּנקען:

— שוין לאַנג באַדאַרפט פּטרן אַליאָשען, דעם נאָכקוקער. ווי די מל־חמהלע איז נוציק פאַר די קלוגע.

— וויש... געזען? ווער ווייסט עס נישט אַז מיט אַ פאַר פערד איז גרינגער ווי מיט איין קליאַטשע אין שפּאַן. און אַ קליאַטשע אַליין אין דישל ווערט גיכער אויסגעקראָכן, ליבינקע!

— נו, נו, — האָט דערווידערט אַ שכנה אַ נישט־פאַרגינערן — מיט אַן אייגענעם מאַן איז באַשײַמפּערלעך שווערער ווי מיט אַ צוגעפּאָרענעם. מ׳באַדאַרף פרעגן די ליסוכינאַ. זי׳ט עס שוין אויסגעפּראָבירט, — און מיט אַ הילך אַרויסגעשאָטן אַ סנאָפּ ברייעדיקן געלעכטער.

2

דער אמת איז, אַז דער ליסוכינאַ איז וואָס אַ מאָל געוואָרן מער פריקרע. פונעם מאַן איז זעלטענער דערגאַנגען אַ בריוו, דער גרויסער מאַרק

האָט געסטראַשעט מיט אויסגעליידיקטקייט און דער יקרות האָט זיך צע־זונגען אויף קולי־קולות: נישטאָ, ניש־טאָאָאָ! גאָאָאַר נישט איז צו קריגן. טשערוואָנצעס זענען פּאַפּיר, זעטיק זיך אָן מיט טשערוואָנצעס! ברויט איז מיט גאָלד גלײַך, פּעטס איז טײַערער פון גאָלד. אויפטועריש ווײַבער האָבן געקאָכט ווײַסע צוקער־בורעקעס, וואַרעמערהייט זיי אַרויסגעטראָגן אין מאַרק אַרײַן אין אײַנגעפּעלצטע אײַזערנע טעפּ און זיי באַהאַלטן הינטער דער גראָבער פּאַטשיילע; אַזאַ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שפּרײַזנדיקן געצעלט — שפּיציק געהילט דעם קאָפּ אַז די פּאַטשיילע האָט זיך משופּע אַראָפּגעגאָסן פון אירע אַקסלען. נישט באַוויזן צו מאָל דערגרייכן דעם מאַרק, זענען די וואַרעמע בורעקעס שוין אויף דער גאַס חלקימוויז צעפּלאָמט געוואָרן פון הונגעריקע.

— האָסט, מאַמעלע, עפּעס צו פאַרקויפן? שעם זיך נישט, ווײַז, — און מע לאָזט זי נישט ווײַטער גיין.

— נישט דײַן דאגה, —האָט אַזעלכע זיך אָפּגעקערט מיט אומצוטרוי,— יעדער ט׳זיך זײַנע זאָרגן. וועסט נישט שטערן, איאָ?

— שטיי זשע, בירגערן. מיר מעגסטו אָפּטרעטן פון דײַן גוטס, — בעט זיך יענער, כאָטש ער ווייסט נישט וואָס אַזעלכע האָט אָפּצולאָזן.

— גיי זוך זיך מער מזל! — מעסט אים אָפּ די דאָזיקע.

— מאַמעלע, אומזיסט שרעקסטו זיך. איך צאָל דיר, ערנוואָרט! וויפל קאָסט? זאָגזשע וואָס דו פאַרקויפסט, — און ער רוקט אַרײַן אַ האַנט אין הויזנקעשענע.

אויגן מיט אויגן צערעדן זיך: „אויף אַן אמת מיינסטו, אָדער... צו וואָס אַרײַנבראָקן אַן אָרעמע אין מיליץ? נישט פאַר ספּעקולאַציע טו איך דאָס. איך שווער דיר". לסוף באַזינט זי זיך: ר׳קוקט אויס אַן אָרנטלעכער. זי פרעגט נאָר:

— קיינער זעט כאָטש נישט? מיינסט אויף דער נעוואַרעט? — מעסטן אים אָפּ, דעם פאַרדעכטיקן, דעם אַנגרײַפעדישן, דער סוחרטעס אויגן. — איך בין אַן אָרעמע —בעט זי זיך.— צו וואָס זאָלסטו שטערן? כ׳וויל נישט, האָרכסט? — שטאַמלט זי שוין און ווערט אומגעריכט ענערגיש, פול חרטה אויף דער פריערדיקער שלאַבעריקייט. — פאַר זיך איז׳ס פאַרגרייט. קום, וועל איך דיר ווײַזן די הונגעריקע מײַלער וואָס וואַרטן אויף מיר אין דער היים.

— טרײַב נישט קיין קאַטאָוועס. נעם אַלץ פֿאַר די דײַניקע. וועמען גייט עס אָן? מיר לאָז נאָר אַ ביסן. ס'פּרישינקע, וואָר? איך שפּיר עס, — און שוין פּלאַטערן בײַם קונה די נאָזפֿליגל, די אויגן גייען אים איבער פֿון אויסגעשאַרפֿטן חשק אַרײַנצובײַסן זיך אין פֿאַרבאָרגענעם.

ווײַל ס'איז שוין לאַנג פּוסט הער קאַלכאָזנע מאַרק, נישטאָ וואָס צו קויפֿן עפּעס אַ שלונג צו טאָן.

אויך די ליסוכינאַ פֿאַרבלאָנדזשעט אויפֿן פּוסטן מאַרק אַרויף. אָבער צו קליין איז איר בײַטל, טענהט זי. אויב צו קריגן עפּעס — ברענט אַרום דעם אַ פֿײַער, נישט צוצורירן זיך דערצו. אָפּט גייט זי אַהיים מיטן ליידיקן. קומען איר אַנטקעגן די יינגלעך מיט די הונגעריקע הענט, שרײַט זי זיי אָן:

— ממזרים! נאָר דאָס פּרעסט, קלערט פֿון פּרעסן!

— וואַיעוועניקעס אומדערצויגענע. אײַער טאַטן רײַסט אַראָפּ דעם קאָפּ! —הערט זי נישט אויף צו טומלען.— שוין אַראָפּפּאַרקויפֿט פֿון זיך אַלצדינג און אײַך געגעבן אויפֿצופּרעסן. די זשאַלאָוואַניע? זי איז צו מאָגער פֿאַרן מאַרק און די קאַרטלעך זענען ווינציק. ווען ווערן וואַרעמער, וועלן קאַלכאָזן אָנפֿירן וואָלוועלע קאַרטאָשקעס, ס'וועלן זיך ווײַזן עפּל, אָן אייגן מערל; מ'עט האָבן קוקורוזע־קאַטשאַנעס, וועל איך קאָכן, געבן אײַך צו אָכלען. ווייסט העלפֿן שוראַן אויפֿקלײַבן שפּענדלעך־ריטלעך, וויטיאַ? — ווײַל די מוטער שוין אײַנרויקן דעם צעיאָפּטן ווײַסהאַריקן קירבעס־קאָפּ פֿון קליינינקן וואָס קריגט עפּטערס אָנפֿאַלן פֿון הונגער. רק ר'וויל קײַען.

דער ליסוכינאַ איז געוואָרן ענגער אין דער נויט וואָס האָט פֿון איר געפּליקט שטיקער אין געשטאַלט פֿון אירע קורצפּיסיקע, גראָב־באַקיקע יינגלעך. אַהיים געקומען פֿון שול, פֿון קינדערהיים האָבן זיי באַלד גע־טריבן די מאַמע צום טאָפּ, צום אומדערגרייכלעכן פֿאַר זייערע באַגערן:

— מאַך אַ שטשי, מאַמע!

— מאַממאַ, קאָך אויס קאַרטאָשקעס!

— ס'נאָגט דער ריח פֿון ברויט, מאַמאַ קאַטיאַ!

תמיד דאָס געשריי פֿון הונגער, כאָטש געהאָרעוועט אויף דער פֿאַ־בריק, כאָטש זי האָט אויסגעגעבן אַלע שפּײַזקאַרטלעך. ווי אַ רוח פּלעגט זי זיך וואַרפֿן אין די אָטשערעדן, געפֿונען צײַט אויסצווואָפּן עפּעס אין די קלייטן. אַדרבא, בײַ קאַטיאַן האָבן נישט געקלעקט די קאַרטלעך ביזן סוף חודש. שטענדיק האָט זי אַ צעפּלויגענע זיך געיאָגט נאָך אַ ביסל פּרעסן

פֿאַר די ייִנגלעך. אַזוי ווען זי ברענגט זיי אַהיים אין כאַטע אַרײַן און ווען זי׳ט נאָר אַ פֿרײַע שעה גייט זי אויסשמעקן אַ ריי. צוגלײַך מיטן וואַקסן פֿון די זינדלעך איז בײַ זיי גרויס געוואָרן דער יצר־הרע צום עסן; אַ סך ברויט, אַ סך קאַרטאָפֿל גיב זיי. גרויסע טעפּ קאָך פֿאַר זיי, וואָס אַ מאָל גרעסערע טעפּ. ס׳האָט געטראָפֿן אַז דער חשק צו סאַלאָ האָט פֿון די דריבנע שוראַ און וויטיאַ פֿלוצלינג אַרויסגעשטורעמט אויף אַ קול:

— כ׳וויל נישט שטשי, כ׳וויל סאַלאָ. כ׳וויל נישט! און זיך געוואָרפֿן מיט הענט און פֿיס, גערײטשעט ווי אָפּגעבריטע און געגאָסן טרערן. ס׳איז זיי באַשײַמפּערלעך נמאס געוואָרן דאָס תּמידע אַרײַנעסן אין זיך די לויזע קאַרטאָפֿל, די שיטערע יושקעס, דאָס ווינציקע ליימיקע ברויט, — האָט זיך אין זיי צעברענט דער באַגער צום יוסטן חזיר־פֿעטס וואָס ט׳זיי גערייצט, צוגעשמעקט אין זכרון. דעמאָלט האָט די פֿלאַטשיק־פּנימדיקע מאַמע זייערע זיך געשלאָגן מיט די פֿויסטן אין די שלייפֿן אַרײַן, געשריגן:

— בײַסטרוקעס, פֿון וואַנען זאָל אַ זעלנערקע נעמען סאַלאָ, וואָס נאָר נאַטשאַלניקעס קענען האָבן?! כ׳על צעשנײַדן אײַך, קוילן ווי מ׳קוילעט חזירים, פֿאַרזאַלצן אין טעפּ, וועט איר האָבן צו פֿרעסן, איר׳ט זיך אָנפֿרעסן, אַליאָשאַס ממזרים! — און אַליין אויך זיך צעוויינט. די יאַטלעך האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דער מאַמעס העפֿטיקע טרערן און תּיכף אַנטשוויגן געוואָרן. קאַטיאַ האָט נישט געקענט זיך אָפּיאָגן פֿון אָפּטן הונגערגעשריי די ייִנגלעכס, זי איז אַוועק אין אייגענעם דחקות און כמעט נישט אַרײַנגעקוקט אין געוועזענעם חזיר־שטעלעכל, ווו די אַליינינקע דאָראַ האָט שוין לאַנג געהאַט אײַנגעשטעלט איר ווינקל, ווו זי איז אַצינד געלעגן אַ פֿאַרפֿאַלענע אין איר שטילער שלאַפֿקייט. ערשט איז די שלאַפֿע געבליבן אויפֿן געגאָד פֿון די פֿאַרבאָרגענע כוחות וואָס האָבן נאָך געדרימלט אין איר. די פֿרוי איז געוועזן אָנגעוויזן נאָר אויף דער גאָב פֿון די גוטוויליקע וואָס פֿלעגן צײַטנווײַז זיך דערמאָנען אין איר. קאַטיאַ האָט אומאויפֿהערלעך זיך אַרומגעטריבן מיט הער אייגענער אָרעמקייט. וואָס טוט זי? קאַטיאַס האַרץ ווערט פֿאַרשטיינערט פֿון ברעך. אָט דאָס קליינוואַרג וואָס קלאָגט, אָט די ביטערע נויט, און זי אַליין? אַליין איז מע שוין גאָרנישט, — פֿלעגט זי קוועטשן מיט די ליפּן און אין האַלדז נעמט דריקן אַ האַרבע טריקנקייט. דערצו גיט אַ קוועטש אַ נײַע שפּירונג: אַליאָשאַ! — מיט אַ מאָל האָט זי זיך צעסקאָמליעט פֿאַר חברטעס פֿון פֿאַבריק: אַליאָשאַ לעבט שוין נישט, זי האָט שוין נישט צו וואַרטן אויף אים, אָבער מײַנע

יינגלעך מוזן לעבן. אַ ווײַב פאַרוויאַנעט סײַ ווי. אַ ווײַב באַדאַרף תמיד זײַן יונג, אַנישט קומט אונטער אַן אַנדערע, אַפילו מערער׳ע אַנדערע. ווילִיקע אַזוינע פעלן נישט. ווי מיר, אויף אַליאָשען ט׳זי שוין נישט צו האָפן. ס׳האַרץ מײַנס שפירט עס, די נשמה אָנט דערפון, אָבער די יינגלעך מוז איך היטן, די פרעסעדיקע יינגלעך, כאָטש זיי שינדן אַראָפּ די הויט מײַנע. כ׳מוז זיי היטן, וואָרן כ׳וועל נישט האָבן אויף וועמען זיך אָנצושפאַרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אויב כ׳וועל זיי לאָזן שטאַרבן. די קליינינקע מוזן ווערן גרויס. קומט נישט אַליאָשאַ, וועל איך קיין מאַנצביל מער נישט צולאָזן צו זיך — מוז איך האָבן די זין, נישט וואָר? צו וואָס, טײַערינקע, נעמען אַ צווייטן? אַ טרערן־נעפּל איז בעת־מעשה געשטאַנען אין איר בליק: — געננג אויסגעהאָרעוועט און קלעפּ איז קאַטיאַ נישט להוט. אַן אַנדער מאַן אין כאַטע אַרײַן? איך באַדאַרף נישט, ליבינקע. שוין אויסגעקעלבט זיך קאַטיאַ און פאַר די ביטערע יערעלעך וואָס אַט אַ אונטערגעקומען, איז גאָר שוין פאַרגאַנגען דער חשק.

קיינער האָט נישט באַדאַרפט פרעגן דער ליסוכינאַ וועגן איר געמיט. איר שטיבל וואָס אויף די עטלעכע טרעפּלעך אַריבערן בלאָטיקן הייפל, האָט זי זיך ערשט אָנטשלאָסן אָפּצוגעבן פאַר צוויי פּליטימשע פאַרפּעלקער. זי איז מיט די יינגלעך אַרויף וווינען אויפן אויוון. מיט דער נײַס האָט די ליסוכינאַ אַליין באַלד פאַרקלונגען דעם אָרום: זיי זענען רויִקע, די אויסלענדהערס; נישטאָ צווישן זיי אַזוינע נאַכאַלנע ווי אונדזערע מאַנצבילן, — האָט זי געטענהט. אינעם גליוער וואָס אין דער געגנט, האָט זיך טאַקע געשטעלט אַ געצאַמטער טומל. מ׳איז געגאַנגען, געקומען, עפּטער געקלאַפּט מיט דער טיר אין קאַטיאַס הײַזקע. מיט אומגעריכטקייט האָט מע זיך דרייסטער געראַיעט אין דערעסענעם שטילן געברום פון טאָל. פון ליסוכינאַס כאַטע האָבן זיך גענומען טראָגן אויך גרילציקע קולות. ווער ס׳איז געגאַנגען שלאָפן מיט דערוועקטן רעש און וועמען עס איז גראָד דעמאָלט געוועז נייטיק צו לאָזן זיך אין גאַס אַרײַן, אַרויף־שטאָט. דער רייץ פון לעבן האָט ענערגישער גערופן פון דאַנעט, געשלעפּט די פרעמדע. איעדעס בעט אין שטיבל בײַ קאַטיאַן איז איצט געוואָרן אַ וווינאָרט פאַר אַ פאַרפאָלק. דאָס פעדערשטע אַלקערל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער בשותּפותדיקער קיך פון דער באַלעבאָסטע מיט די שכנים. עפּטער האָט אַרויסגעשטעקט זײַנע קודלעס דער וואָלענער קאָפּ פונעם אויפגעלעבטן קוימען אויפן שיפן שפּיץ-דאַך. איז די ליסוכינאַ באַלד אין דער פרי אַוועק

אין שטאָט, איז די הײזקע אויף אַ גאַנצן טאָג געבליבן אין רשות פון די פרעמדע, די רובינס און סופרס.

טאָג אײַן, טאָג אויס האָט קאַטיאַ זיך אַװעקגעשלעפּט מיט ביידע ייִנגלעך. אַריבער בלאָטעס, אַריבער שנייען איז זי אַװעק פון טאָל. אַליין זיך אָפּגעשטעלט אין אַ װערקשטעל און אויפן װעג איבערגעלאָזן די ייִנגלעך אין באַזונדערע ערטער: װיטיאַן, דעם קלענערן מיט די אָנגעגאָסענע בעקלעך װי בײַ אַ חזירל בלאָנד און פול מיט געשריי, האָט זי אָפּגעגעבן אויף אַלעם גרייטן אין „דיעטדאָם״* פאַר קליינװאַרג פון רויט-אַרמייערס און שוראַן דעם גרעסערן, באַזאָרגט אין שול אַרײַן. שוראַס טאַטע איז אַ שלאַכטמאַן, די מאַמע איז גאַנצענע טעג פאַרטאָן בײַ אַרבעט, באַדאַרף מען אַזאַ ייִנגל הערציִען אין שול, אָבער זײַן אויסהאַלטונג, ס׳עסן, דאָס קליידן פאַלט אויף דער מאַמעס קאַרק. די רויטאַרמייערקע באַקומט אַ ספּעצפּאַיאָק; ס׳איז איר שווער, אָבער זי פאַרדיבט יאַקאָש, זי טוט זיך אויך אַן עצה אין אָטשערעד. אַ מאַמע מוז זײַן אַ מאַמע. אַזוי האָט מע שוין אײַנגעקנעלט מיט דער ליסוכינאַ און אַזוי האָט זי זיך אַװעקגעשטעלט אַקעגן איר „עלטסטן״ זון, דעם זיבניאָריקן. — מ׳דאַרף װערן אַ מענטש, געדע-ענק. לײַט זענען נישט נאַריש, באַדאַרף מע זיך צוהאָרכן צו זייערע רייד. זי׳ט שוין אַפילו אַזוי געקלערט אויף אַ קול: שוראַ, װערסט אַ גרויסער, מוזסטו זיך לערנען, — פלעגט זי אין די אויפדערנאַכטן זיך אַװעקזעצן מיט ביידע ייִנגלעך כדי אין זיי אַרײַנצוטענהן ס׳טראַכטן װאָס זי װייטיקט אויס; זי׳ט גערעדט צו ביידע און אַרײַנגעשטאָכן די אויגן רק אין עלטערן: — די מאַמע אַרבעט װי אַן אייזל, פאַר װעמען, מיינסטו, האָרעװעט זי? פאַר דיר, פאַר װיטיאַן. און דיר װעט די מאַמע אין גיכן דאַרפן אָנטאָן לאַנגע הויזן, טאָרסטו נישט אָביזשאַיען** די מאַמע. נישט שיין אַ גראָבער קאָפּ בײַ אַ ליסוכין. פאַרשטאַנען, שוראַ? די אַ מאָראַל האָט זי שטענדיק איבערגעחזרט בײַם בײַזײַן פון די קװאַרטיראַנטן און אַ סמאָרע געטאָן מיט דער קליינער נאָז אויפן פליישיקן פּנים. דאָס ייִנגל האָט ברוגזלעך אַראָפּגעלאָזן די אויגן און דערנאָך געגאַנגען װוהין מ׳האָט אים געשטויסן. יעדן אין דער פרי האָט די מאַמע אים אין האַנט אַרײַנגעשפּאַרט אַ פיידע ברויט, אַ פּאָר געבראָטענע קאַלטע קאַרטאָפל אין די שאָלן און אָנגעזאָגט: „עס נישט אויף מיט אַ מאָל!״ דערנאָך, אין מיטן גאַנג

---

* קינדערהיים; ** אָנטאָן חרפּות.

איבער די בלאָטעס אַרויף־שטאָט, האָט די מאַמע שוין באַלערנט שוראַן ווי אַזוי ער זאָל עסן זײַן „פּייקע”:

— ביסלעכווײַז נעם זי, שוראַ — ס׳ערשטע עס אין מיטן טאָג. דאָס צווייטע מאָל — שפּעטער, אַז זאָלסט קענען זיך דערוואַרטן אויף דער מאַמען. אויב אויפעסן אַלצדינג אין מיטן טאָג, וועט דיך לאַנג הונגערן, זון, וועסט וויינען און נישט קענען לערנען. נישט ריכטיק אַזוי, שוראַ?

— ריכטיק, מאַמינקע! — האָט דער גראָ־אויגיקער פּיצל בחורל שווער נאָכגעקלערט איבער דער מוטערס אָנזאָג, אָבער אים איז געוואָרן אומעטיק: אַרומשלעפּן זיך אַ גאַנצן טאָג מיט דער „פּייקע”? די שטינקער־לעך קענען נאָך באַגנבענען, וועט מיך מער פאַרדריסן, און ר׳האָט געוואָלט גיכער פּטרן דאָס פּעקעלע וואָס די מאַמע ט׳אים מיטגעגעבן. „כ׳על לי־בערשט אַליין אויפעסן, וועל איך ווערן שטאַרק, קענען זיך פאַרמעסטן מיט די חוצפּהניקעס. ע־עעע, שוואַכע, נאָר שטענדיק פּרוון זיי זיך טשעפּען, די טכויערלעך!”

3

אין אָנהאַלטנדיקער פאַרצאָגטקייט האָט דער נעמלעכער ווינטער זיך געצויגן איבערן אַלמאַ־אַטינער טאָל, ווו די שטילקייט האָט געפּוילט אין אומערשיין. לאַנג איז געווען דערטרונקען די זון. אַ צעקלונגענע פלעגט זי זעלטן אויפלײַכטן איבער דער אָנגעפּראָסטיקטער שטאָט, וואָס שטײַגט אויף צו די וואָל־פאַרהאָנגענע באַרגיקע הויכקייטן די אַלאַ־טאַוער. די הײַז־קעס אַראָפּשטאָט זענען געשרומפּן. אַ וואָגן האָט זיך נישט דערוועגט אַרײַנ־צורירן זיך אין דער געגנט, אַ רײַטער האָט געפּאָרכט אַז ער וועט אײַנ־זינקען אין די אייביקע בלאָטעס. די מענטשן וואָס האָבן געמוזט זיך באַ־וועגן איבער די צעיִדירענע ערד־פלאַכן, האָבן זיך גערדראַפּעט האַרט בײַ די ווענט, געהיפּט פון אָרט צו אָרט ווי שאָטנדיקע פּאַיאַצן. גאָר פאַרשלע־פּערט איז געוואָרן דער טאָל אום ווינטער. ווי אַ פּלאָם פלעגט דעמאָלט אַרויסשיסן דער ליסוכינאַס געשריי. דאָס האָט זי זיך אָפּט אָפּגעבייזערט אויף אירע ייִנגלעך:

— גייט שלאָפן, ממזרים! וואָס זשע, דעם גאָרגל זיך אײַנשנײַדן און געבן אײַך אָנצופרעסן? מאַמע, מאַ־מממעע, הערט אויף תיכף צו מאַממען, ראַזבאָיעס!* — האָט זי זיך געקרימט אויף זיי און דאָס קול האָט אָפּגע־

* גזלנים.

שאַלט אַ צאַרניק־דערשטוינטס: די לײַבלעכע מאַמע ווילט איר בײדע צע־קרעפּלען? — פּלעגן אירע אויגן אַרומשפּרינגען אין שטערן ווי איבער אַ ווײַס־ווײַס טײַג בלעטל — ראַזבאַיעס וואָס איר זענט! דערווערגן וועל איך זיי! — האָט זי זיך שוין פאַרכליניעט מיטן אייגענעם געשריי, אָבער אין אַ רגע אַרום האָט זי זיך שאַרפער צעשריגן: — ששש! זאָג איך, — און פון ס׳גײ זיך געדושעט מיטן כעס — באַאַנ־די־ייייטן! געזעען אַזוינס? אַ סעקונדע לאָזט דאָס נישט אײַנזיצן! אויסדאַרן וועל איך אײַערע קישקעס!

איבערן דאַך האָט זיך דורכגעטראָגן דער געהיימענישפול טראַסקנ־דיקער אָוונט; אַ שטערן־טריפנדיקער ווינט האָט לײַכטפיסיק זיך צעקלונ־גען איבערן טרוקענעם געצווײַג הינטערן פענצטער, געקלעטערט איבער דער ערד, אין איר אַרײַנגערעדט. אין שטוב האָט זיך געשפּרייט אַ שאַר־כערײַ, סע האָט געסיקעט דער דיל, ס׳האָבן געפּלאַצט די קראָקוועס פון נידעריקן פּולאָפּ.

— אַ, די מענטשן זענען צו איר ניעסטשאַסטנע לעבן! — האָט די פרוי אַ ווײַלע זיך פאַרלוירן... האָט נישט פאַראיבל, מילענקיע. קלײנוואַרג איז צעלאָזן. ס׳האָט נישט קיין טאָטן, טרעט עס נישט אָפּ פון אַ מינדסטן ווערלעכן. סע האָט נישט פאַר וועמען מורא צו האָבן, נישט אמת?

בײַנאַנד מיט די קוואַרטיראַנטן איז די באַלעבאָסטע קאַטיאַ געזעסן אין שיטערן ליכט ווי אין אַ טומאַן. גלײַך זיי וואָלטן געווען אַ פאַרצויבערט געזעמל, האָבן זיך איבער זיי געוויגט טשאַטעס רייד, צעפּלאַטערטע ווי אומגעזעענע פייגל אונטער חלום־צעשפּילטע האָריזאָנטן — — „ס׳איז כוואַליעדיק - גרין די ווײַסל פון אונדזער געשלאָגענעם היימלאַנד. דער טײַך האָט פאַרזונגען זײַנע זין און טעכטער מיט בענקעדיקע לידער און מיט מעשיות פון גרײַזן פאַרצײַטנס. אויך ווייטיקן האָט ער נישט גע־קאַרגט די לײַט וואָס זענען געזעסן בײַ זײַנע ברעגעס. אַנדערע האָט די ווײַסל געבראַכט האָפענונג אויף שפע. מיט דאַמפּערגאַנג און פישערײַ איז באַוווּסט דער גרויסער טײַך וואָס איז סײַ אַ מאַמע סײַ אַ שטיפמאַמע פאַרן פאָלק. ווײַל אויך מלחמות האָט די ווײַסל דערלאָזט, נישט אויסגעשפּיגן צי אײַנגעשלונגען די שונאים. זי איז באַפלעקט געוואָרן מיט בלוט פון מענ־טשן. ווער ווייסט וואָס דער טײַך זעט זיך צו אַצינד און ער הערטרינקט נישט די געמיינע! קינדער־יאָמער וואָס טראָגט זיך פון בייזע שריפות האָט די ווײַסל שוין געהערט. אַ סך שטעט זענען אָנגעפּלאַנצט לענגאויס איר לויף. אוי, ווען ער זאָל קענען אויף אַלץ עדות־זאָגן, דער טײַך״.

ווי אַ היימישער רויך, צו וועלכן מ׳איז שוין צוגעוווינט, האָט דאָס מעשהדיקע פון די פרעמדע זיך געטוקט און האַרב אויפגעטשאַדעט אין חלל פון דער כאַטע.

— מאַממאַ, מאַמ, הער, —

אין מיטן דערינען האָט דאָס ליסוכינישע קליינוואַרג ווידער דערשפּירט נײַעם חשק צו קײַען;ביידע ייִנגלעך האָבן גענומען שפּאַרן אויף דער מוטער: — מאַמינקע, מאַמ...

און גראָד איז דער שמועס אַוועק בראָדזשען אין רוסיש־אַרעמאַנ־סקער איינטאָניקייט, וואָס׳ט פאַרוויגט קאַטיאַן, וועלכע האָט ערשט גערן גע־וואָלט הערן זיך אַליין: שווער די יאָרעלעך דעם מענטשס. מ׳באַדאַרף זיך אומעטום אויסטויגן. אָט נאַדיעזשדאַ אַפּאַנאַסיעוונאַ, מײַן חברטעס אַל־טיטשקע. דאַכט זיך, מ׳הערט נישט איר טראָט, אָבער זי האָט אַזאַ הצלחה: אַרײַנגעכאַפּט צוויי קילאָ קאַשע! פֿאַרבײַ געשלײַכט זיך הײַנט אַ קלייט, האָט אומגעריכט זיך צעעפנט איר טיר און אינעווייניק (וואָסער וווּנדער!) איז געשטאַנען אָפן, פרײַ אַ פול זעקל גערשטענע קאַשע. קיינער האָט נאָך נישט געוווּסט דערפון, אַן אָטשערעד האָט זיך נישט געהאַט אויפגעקליבן. אָט אַ בריה! — רק די טעמים פון געקעכטסן האָבן געאָנט די לײַט.

— ס׳וואָר, געדעמפטע טשערעפּאַכע איז באַטעמט? געווען ערגעץ אַ געלויף נאָך טשערעפּאַכע־פּאַשטעט אין רעסטאָראַן פון די קינאָ־לײַט, דערציילט מען, אָבער ווער׳ט געוווּסט — ווו דאָס איז? אויגן האָבן געזוכט צו דערגיין די ריחות וואָס אָט אַ דרייען זיי אין דער נאָז, קיצלען, אַלאָ נאָר ווינציקע האָבן געוווּסט ווו ס׳קאָכן זיך די תענוגים!

— אָ, וואָס מ׳זאָגט! אַזאַ קריכעדיקס, און דאָס עסט מען? או־אווווו!

— האָבן אויגן זיך צוזאַמענגעקוועטשט, נעזער — זיך פאַרשאַרצט, באַ־גערט אויפכאַפּן דערפון דעם ריח דעם אויסטערלישן?

— וואָס ווייסן מיר? מענטשן באַלעקן זיך מיט דעם. אויף קאַוויאַר זענען מיר יאָ מבין? טשערעפּאַכע־געדעמפּעכץ פאַרשמעקט אַצינד די גאַנצע שטאָט. ווו רעדט מע נישט הײַנט דערפון? הלוואַי גיט מע מיר צו פאַרזוכן דעם סאָוס דעם טשערעפּאַכישן! מיטן פלייש פון דעם וועלן זיך שוין אָנעסן די יחסנים. אַז מ׳שמועסט ס׳גוט, מעג מע זיך פאַרלאָזן.

— און איר וואָלט געגעסן אַ פּאָרציע טשערעפּאַכע, אויסגעטשמאָ־קעט די ביינדעלעך?

— האָ, איר פרעגט דאָס?

אַזוי האָט זיך אָנגעשפּיצט דעם לאַנגן אָסטאַפּס שאַרף להכעיס־מינעלע אויף ליאָוואַ וועניאַמינאָוויטש, זײַן פּליטימשן בעט־שכן. דאָס האָט די באַלעבאָסטע קאַטיאַ אַזוי אָנגערופן אירע קוואַרטיראַנטן אויפן רוסישן שטייגער און אַזוי אַ האָט איינער זיך געווענדט צום צווייטן. אַזאַ קבצאַנסקן חוזק האָבן אַרײַנגעלייגט אין דעם, איינער ווי דער אַנדערער, די לײַט, וואָס זענען מערסטנס געווען פאַרנומען נאָר מיטן טראַכטן וועגן קריגן עפּעס צו קויפן אָפּצועסן אָדער קענען „כאַפּן״, ווי ס׳האָט געהייסן, כדי צו קענען אויסבײַטן ס׳געקויפטע אויף אַ שטיקל ברויט, אויף קאַרטאָפל. און האָבן די מאַנצבילן ערנסט, געדיכט זיך צעשמועסט מכוח די טשערעפּאַכעס מיט וואָס ס׳האָט געקלונגען די געגנט, האָבן בײדע ווײַבער זייערע אַזש זיך אָפּגעקערט פון אָסטאַפּס שטעכיקן קוקעלע, וואָס׳ט זיי געבריט אין דער האַלב־טונקלקייט, אַ צעזייעטע פון דער לאָמפּ אין איר שוואַכן דרימל.

— לאָזט, לאָזט. כ׳קען נישט הערן, — האָט ליאָוואַ זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. די פרויען האָבן דערויף אײַנגעצויגן די אַקסלען, זיך אַוועק־געבויגן פונעם גערעדעכץ, וואָס די מאַנסלײַט האָבן געלאָזט אין גאַנג מיט באַשײַמפּערלעכן חשק: — איר ווייסט הען, וואָס ס׳גוט, ליאָוואַ? סע פאַר־שמעקט!

— ס׳גוט, סכנות גוט. נאָר אַ גוטן אַפּעטיט צו ווינטשן דערצו — האָט דער אַנדערער זיך געקרימט.

— מ׳זאָל צוצאָלן מי־יודע וויפל, וואָלט איך זיך נישט צוגערירט צו דעם. איר קענט מיר גלייבן, —האָט ליאָוואס ווײַב זיך אָפּגערופן— און איר, רעלע?

— איך? — זי׳ט זיך פאַראיקעט און לעפיש געקוקט אויפן מאַן, אויף אָסטאַפּן — כ׳האָב עס נאָך נישט פאַרזוכט, אפשר, אַז לײַט זאָגן...

דער אויסגעצויגענער אָסטאַפּ וואָס זײַן פּנים קנייטשט זיך קאַפּריזנע ווען ר׳קוקט אויף זײַן מיטשמועסער, איז געווען אַרײַנגעטאָן אין חשק צו פאַר־טשעפּען דעם שכן, וועלכער האָט אויגנבליקלעך געגראָעט, אײַנגעשרומפּן פון דעם מיגל וואָס די געדעמפּטע טשערעפּאַכע האָט בײַ אים אַרויסגע־רופן: — קכככ, —האָט יענער זיך געצויגן צום ברעכן,— לאָזט, כ׳בעט אײַך! האָט ליאָוואַ זיך געשטיקט מיטן געהערטן, מיט דעם וואָס די פאַנטאַזיע האָט אים צוגעטראָגן נאָענט צו די אויגן, צום גומען. דער לאַנגער האָט

עס דערבליקט און הנאהדיק ברייט געשמייכלט, אלאָ געזאָגט האָט ער עפּעס אַנדערש:

— געענדיקט מיט די מאַרצעפּאַנעס, גוטע מענטשן! אַראָפּ פון טיש מיט די זיסע לאַפּקעס וואָס פאַרגיסן דעם האַלדז. לאָמיר הערן די באַלעבאָסטע. אויך זי קען האָבן אַ מיינונג, כאָטש זי'ט זיך אירע דאגות. דאָס גלײַכן האָבן מיר אויך נאָך נישט אַלץ אויסגעדאגהט, — האָט אומגעריכט איבערגעשטעלט דעם שמועס אָסטאַפּ יעפימאָוויטש, דער עלטערער פון דער ליסוכינאַס פײַנע שכנים. — געקומען בריוו, קאַטיאַ? — ט'ער אויף דער באַלעבאָסטע אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן ווי טונקעלע קנעפּלעך מיט שפּיציקע גלאַנצלעך.

— שוין געזען, אָסטאַפּ, אַ טויטן ר'זאָל רעדן? ביסט אַן אויסטערלישער. פון ד אָ ר ט ן וועט זעלטן עמעץ זיך צוריקקערן. אויב יאָ, איז נישט מיט קיין גאַנצע ריפּן. שוין צו לאַנג ווי מײַנער איז אַנטשוויגן געוואָרן. הממ, דעם אָנגעשריבענעם גורל וועסטו נישט אָפּמעקן. גלייב, דעם ווײַבספאַרשוין איז נישטאָ וואָס מקנא צו זײַן. זי איז אין אומאויפהעריקער מלחמה, כאָטש אָן ביקסן, אָן געשלעג אויף פּאָזיציעס. דאָס קליינוואַרג? אַזוינס פאַרשטייט נאָך נישט די גאַנצענע ביטערקייט. אוי־אוי, — צעכליפּעט זי זיך פּלוצלינג— מײַן אַליאָשאַ רוט שוין אונטער אַ בערגל ערד. שראַפּנעלן מעגן איצט וואָיען סקאָלקאָ אוגאָדנאָ. קברים סטאַרטשען צווישן די רויִנעס פון לאַנד. פײַער בליט אומעטום.

די שכנים האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, נישט געפונען זיך קיין אָרט אין דער וואַרגנדיקער ענגשאַפט וואָס די נשמה קוקט אַרויס פון איר אַ ווייַנענדיקע.

— קלאָגט ווינציקער, קאַטיאַ. דאָרט שלאָגט מען זיך כאָטש פאַר דער אייגענער היים, פאַר אײַער היים, פאַרן ברויט פון די קינדערס וועגן. פאַלט מען, איז עס אין העלדישקייט, ווײַל ס'לאַנד איז ליב. אונדז הרגעט דער טײַוול אָן אַ פאַר וואָס. רוצחיש קאָסיעט מען אי אַלטע, אי יונגע. אויפן אומקום פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס לאַכן נאָך די דײַטשישע שדים. ווייסט איר, קאַטיאַ, וואָס עס זענען ייִדן?

— ייִדן? — דאָס וואָרט האָט זיך מיט אומגעריכטקייט אויסגעשאָטנט איבער איר שטערן, איבער די מוילוויִנקלען, געצוקט ווי אַ נאָדל אונטער דער הויט. דערויף האָט דער קלאַנג דריבנע זיך צעבאָמבלט ווי רעגן אין אירע געהירן — טאָ איז וואָס? דאַכט זיך, מענטשן ווי אַנדערע — ריכטיק?

איך קאָן עטלעכע יעוורעיטשיקלעך. וווילע אַלע. אָבי דער מענטש איז נישט וורעדנע *.

— ער פרעגט דען, דער גערמאַן, צי וורעדנע אָדער וווילי? אַ ייִד איז אים אַ שפּאָן אין אויג.

— ס׳אַ מגפה, די פּײַנטשאַפּט, און זי צעוועדעמט הערצער, — פּאַלט אַריין אין די רייד רעלע די בעזשענקע.

— משוגע די גערמאַנצעס, —ענטפערט קאַטיאַ.— מ׳זעט דאָך קלאָר, אַז משוגע. מ׳דערציילט, זיי טייטן אויך רוסישע, טאַטערס, ציגײַנערס. בלוט איז אַ רייץ פאַר די אָ חיות און זיי זענען אומגלייביקע ווי חיות. אָן אַ בראָק הארץ זענען זיי. און זיי וואַרפן זיך אויף אונדזערע מיידלעך, פאַר־אומרייניקן רוסישע מאַמעס, די נישטיקעס!

— מאַ־ממאַ, קום, גיב עסן! — האָט שוראַ שטיל זיך צוגעשאַרט, געצויגן די מוטער בײַם אַרבל.

דאָס האַרכנדיקע פלעמל האָט זיך געטיקט און דער דרויסן האָט, באַ־לאָדן מיט פינצטערער סודותדיקייט, מיט אַ מאָל ווי אַרויסגעפּלאַצט פון קאַ־טיאָס אויפשרײַ:

— ממזרים, דעם גאַרגל זיך אײַנשנײַדן און אײַך געבן?! כ׳נעם דעם מעסער און כ׳צעטרייבער אײַך אויף שטיק־שטיקלעך. עס סטײַעט וואָס געפרעסן הײַנט, בײַסטרוקעס, איר האַ־אַאַר־כככטו?!

די נאַכטיקע אָנגעשפּיצטקייט האָט דערנאָך שטיל, פאַרדעכטיק זיך געשלייכט הינטער דער טיר. אין דערבײַיקן קעמערל האָט די שלאָפע דבורה אין אומרו זיך געדראַפּעט פון איר גערדיכט־צעפּעדעמטן טומאַנעם קנויל אַרויס: ממאַ־מממע, מממאַם — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין זאַוויע, אין פראָסט עקשנט זיך דער ווינטער. די אַרומגעצוימטע, שניי־פאַרשאָטענע טעריטאָריע ווימלט אין בלײַכע פלעמלעך לעבן, אָבער די ווײַט וואָס די אַהערגעטריבענע האָבן געלאָזן ערגעץ־ווו, ווערט פאַרווישט; ווען־נישט־ווען טליִעט אויף דער מוח אין גלי צו גלײַך מיט אַ ווידערגעקער־טער בענקשאַפט. דער סאָלדאַט סאַמואיל, וואָס איז אין אומזין אַרײַנגע־שטעלט געוואָרן אויף אַרבעט אין אינסטרומענטן־קאַנטאָר, האָט טייל מאָל ס׳געפיל אַז פון זײַן געשטאַלט איז אָפּגעמעקט געוואָרן דער צלם־אלוקים

---

* שעדלעך.

וואָס דער מענטש איז אין אים אַנגעוואָרצלט; מע קאָרמעט אים ווי בײַ אַ סטאָילע און ער שווימט תמיד אין גליוזער. נישטאָ שוין אין אים דער ניצוץ פון באַדויער, הלמאַי ס׳איז אַזוי. פון אַ ווײַטקייט־שפּירונג קומט אויף נאָר אַ דערמאָנונג: „דבורהקע! האָט זי כוח אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון די אומעטן וואָס שלאָגן דעם מענטש מיט ווייטיק מחמת אַלץ און מחמת דעם אומאויפהעריקן הונגער, וואָס זעצט זיך אָן? ער אַליין, פילט ער, איז אָפּגעצוואָגן פון אַזאַ קילקייט וואָס פאַרשווימט דאָס האַרץ מיט אַ שטייניקער סקאָרופּע. אָ, אים איז שוין אַלץ איינס. אויף צוריק וועט ער געוויס נישט דערגיין — —״ אמת, דאָס מאָל איז עס אָן אויפטויך פון אַ לאַנג אָפּגעגוססטן געדאַנק. דער מענטש האָט זיך שוין אין גאַנצן פאַרלוירן. טאָג־טעגלעך זיך אָנגעשטאָפּט דעם מאָגן, פון וואָרעמקייט וועגן זיך געבויגן צו פּאָלאָנסקיס צעפּלאַקערטן אײַזועלע און זײַן מוח האָט אינסטינקטיוו, גאַווהדיק זיך געקאָלעכט ווי אַ וואָנט אַקעגן נאַכט, וואָס שויבערט דעם קאָפּ אונטערן ווינט. דאָס ווײַבל? נו, געוועזן, אַוודאי, פאַראַן אַזעלכע. און חזרט זיך איבער אָט די דערמאָנונג, דאַכט זיך אים אַז עס איז אַ פאַרהילכטער פויגל־רוף. אַפילו דער נאָמען שמואלעק, ווי ער האָט זיך גערופן אַמאָל, טאַקע לאַנג צוריק, ער ברויזט נאָך אויף רגעווײַז. דער נאָמען איז אויך אַ פּלעווע וואָס פאַר אים האָט דער קלאַנג פאַרלוירן דאָס קערנדל ממשות.

גלײַכגילט האָט אַרויסגעגליט פון בוימווערקן דעם געוועזן־מענטש. ווי ביז אַהער איז איגנאַטי פּאָלאָנסקי געווען גוט צו אים, ר׳האָט אויף אים נישט אָנגעוואָרפן קיין אײַליקע אַרבעט. „איר׳ט באַווײַזן, חבר סאַמואיל״. דער געלאַסענער באַלעבאָס האָט נישט פאַרראַטן דעם מענטש אינעם נאַטשאַלניק. „גייט זיך איבער איבער די סטראַיקעס. פאַראַן אַ געלעגנהײַט, כאַפּט זיך מיט אויף דעם שליטל. דאָס געטועכץ רײַסט נישט אײַן, באַמווערק. און זעט מען מיט די אייגענע אויגן, ווי עס קומען אַהין די מאַטעריאַלן, ווערט די זאַך גענעטער. מ׳באַדאַרף זיך צוגעוויינען צו אַלצדינג, סאַמואיל. שאַדט נישט אַז איר׳ט מיטפאָרן, חבר סאַמואיל. און איר׳ט זיך טרעפן מיט מענטשן!״

פּאָלאָנסקי האָט געדאַרפט לאַנג רעדן ביז ער האָט געפועלט בײַ זײַן העלפער, ער זאָל זיך מער פאַרהיימישן מיט דער טעריטאָריע. נישקשה, דערפון קען קיין רעה נישט אַרויסקומען, — האָט ער אים נאָך אָנגעוווּנקען אויף אומבאַגרײַפלעכע צוזאָגן וואָס רייצן.

און האָט שמואל דערשפּירט אַ טעם אין די אומגעריכטע אַרויס־פּאַרן צו די סטראַיקעס, וואָס קומען אויף אויפן בוי־שטח, האָט זיך צו אים שוין אַנטפּלעקט דער אַפּעטיט עפּעטרס זיך אַרויסצוכאַפּן פון קאָ־לעמוטנעם קאָנטאָרל. געקומען צווישן לײַט וואָס האָרעווען אין דרויסנ־דיקער קעלט, שווײַגן פּאַרביסן, האָט אין בוימוועַרקן זיך דערוועקט אַ חשק מער צו דערקענען דעם אָרום, דערנענטערן זיך צו די פּאַרטוענע. ממש טריטווײַז ריזיקירט זיך מיט פראַגעס וואָס האָבן געלאָקט זײַן צונג; טייל מאָל האָט ער די וואָס שטייען אָנגעבויגענע בײַם געטועכץ, אָפּגעריסן פון אַ פּאַרמעסט אַוועקצושטויסן פון זיך אַ שויפל ערד וואָס אויסגעגראָבן אין דער טיפער קאַנאַווע ווו געשטאַנען נידעריקער ווו ס׳האָט געגרייכט דער אייגענער קאָפּ. אַנדערע האָבן צום „גאַסט" אויפגעהויבן פּנימער פּאַר־ליאַפּעטע מיט ליים, מיט ציגלשטויב, באַוויזן העגט פּאַרשמירטע מיט סמאָלע. ער׳ט אַליין שוין, שמואלעק דער סאָלדאַט, זיך דערלויבט נאָכ־צופרעגן נייגעריק אויף עמעצן און געענטפערט אויף אַ שמייכל פון פּאַרלוירנקייט וואָס אַזעלכער האָט אַרויסגעבראַכט כדי אויסצובעטלען כאָטש אַ מאַכאָרקע־ציגאַר. — קוריט מעיעש? * — האָט אַזאַ געשטאַמלט. און האָט ער געענטפערט יענעמען, איז אַ שיכט פרעמדקייט אַראָפּגעפאַלן פון אים, אָפּגעקרישלט זיך ווי איבערגעעלטערטער טינק.

אַז לײַט האָבן מער געגעענט צו אים, דערמאָנט זײַן נאָמען מיט גינ־ציקייט (דאָך אַ מקורב צו נאַטשאַלניקעס!), האָבן אויך וויכטיקע דער־זען פּאַלאַנסקיס מענטש:

— זדראַסטוויטיע, חבר באַמוועַרק!

— באַמוועַרק דזשאַלדאַס, דו ווייסט נײַס?

פרײַנדלעכע בליקן האָבן געזוכט זײַן וואָרט, באַגערט זײַן בליק.

אָט וואָס די צײַט האָט געטאָן פּאַר דעם באַיעץ וואָס האָט לאַנג זיך געשפּירט פּאַרשטויסן. און האָבן זיך אויף אים דערקענט בריגאַדירן, שטאַבשרײַבערס, איז טאָוואַרישטש סאַמואילס מערכה נאָך גרינגער גע־וואָרן בײַם קאָמבאַט, בײַם וואַיענקאָם.

ס׳האָט געטראָפן אַז אין די אויפדערנאַכטן האָט דער קאָמבאַט יעמע־ליאַנאָוו מיטן בליק פּאַרטשעפּעט שמואליקן, אים אָפּגעשטעלט אין דער גאָרקיך־פּוסטעניש און פון זײַן חשובער הויך אים צוגערופן:

---

* האָסט צו רייכערן?

— וואָס וועט איר זאָגן, חבר באַמווערק? איר טוט, איר עסט? ריכ־טיק אַזוי, כדי צו קענען טאָן! — האָט ער קלוגעטשקע געאײַלט מיט פראַגע נאָך פראַגע. דער סאָלדאַט איז געשטאַנען מבולבל.

— אַלץ איז גוט, חבר קאָמאַנדיר, — האָט ער געענטפערט אַ צעטו־מלטער און מיט דרך־ארץ זיך אויסגעגלײַכט פאַרן באַלעבאָס פונעם באַ־טאַליאָן. און דער האָט נישט אויפגעהערט שנײַדן פאַסן פון דעם מענטשנס צעטומלטקייט.

— שוין פאַרדײַעט דער באַיעץ די סיבירער פאַגאַדעס?

אָבער דער האָט זיך יאַקאָש געפונען.

— ווי זשע דען, חבר קאָמאַנדיר! מ׳איז דאָך נישט איינאיינציק אין פראָסט, נישט וואָר? — האָט ער געזוכט זיך צו שטאַרקן און געשפּירט ווי ער צינדט זיך אָן פון קאָפּ ביז די פיס: „וואָס איז ער אויסן, דער...?״

— רעכט אַזוי, באַיעץ. מען מוז אונטערשטעלן אַ פּלייצע. אומממ. גאַנץ פײַן... הייסט עס ס׳באַהאַנדלט אײַך גוט דער נאַטשאַלניק פּאָלאָנסקי, כ׳מיין, ער איז געניג בייז. ער שרײַט, טרײַבט אַרבעטן, — קליגלט ער זיך שוין. זײַן מינע שפּילט עס אויס. — אַ, היט זיך, באַמווערק, פאַרן צאָרן פון די גוטיגקע. ער קען כאַפּן אַ קלאָגיצע און פּלעטן דעם שאַרבן. יאָ, יאָ, וואָס איר הערט, — דער אָפיציר האָט געשלונגען אויסשפּירנ־דיקע גרימאַסעס מיט די ליפּן, מיט די קינבאַקן, וואָס האָבן געגעצדיק געשווינגט ווי דאַרע שטראַלן איבער זײַן שמאָלן פּנים, גלײַך עס וואָלט איבער דעם אַריבער אַ פּלוצלינגער ווינט.

— לאַכט, לאַכט, חבר קאָמאַנדיר פון מײַן נאַטשאַלניק פּאָלאָנסקי. אַ ווילער מענטש איז איגנאַט וולאַדימיריטש. פון אַזוינעם איז כדאַי צו קריגן אַפילו מיט אַ ראַפּניק. יעי באָגו, איך בין גרייט, — איז דער סאָלדאַט צו מאָל שוין געוואָרן באַרעדעוודיק. שמואל האָט געוווּנען דרייסטקייט, געשטעלט זיך חשיבותדיק אַקעגן דעם באַלעבאָס פון דעם גאַנצן פאָל־וואַרק מיט פויערן, שוואַרצאַרבעטערס, אָפּן אונטערגעטעניקטע פאַר אַיעדן געשריי.

— איז דער באַיעץ דערצו גרייט? — האָט יעמעליאַנאָוו, דער וויכטיקער, זיך אײַנגעזויגן אינעם בליק פון דעם אָרעמען מענטשל — וועל איך טאַקע הייסן אײַך אַרויסטרײַבן אין פראָסט אַרײַן. וואָרן באַפעל איז באַפעל, נישט וואָר? — און כיטרענקע געזוכט מיט די אויגן, מיט אַ מינע צו דערגיין

די אייגנטלעכע מחשבה פונעם באַיעץ וואָס וויל זײַן זעלבשטענדיק; וואָס, אין אמתן, באַהאַלט זיך הינטער זײַנע רייד?

— ס'וואָר, חבר קאָמאַנדיר, — האָט באַמווערק, דער איבערגעבערענ־טער פון יסורים, זיך נישט געקווענקלט — און איך בין גרייט.

— וועט נישט זײַן קאַלט? —

— מירן פּרווון, —האָט זיך אותו הרגע געענדערט שמואלס טאָן— באַפּעל איז באַפּעל.

— עך־כע־ככע־כעעע, באַמווערק, — האָט זיך קלינגעדיק צעבערעקלט יעמעליאַנאָווס נישטערנדיק קול, אַזש די טונקל־ברעטערנע ווענט פון דער גרויסער באַטאַליאָנער עסהאַלע האָבן ווי אויפגעהויבן די אַראָפּהענגענ־דיקע אויערן. — אַזוי, אַזוי קען עס ווערן, יונגער מאַן, אָבער מירן נישט קיין אכזרים, כע־כעע. אַבי איר שרעקט זיך נישט. מאָלאָדיעץ, סאָלדאַט פון באַטאַליאָן 91. אַזוי געפעלט מיר. נישט זיך ברעכן. ווײַל אין שטרויכלונג ליגט שוין די מפּלה. פּאָלאָנסקי, זע איך, האָט געוווסט וועמען אויסצו־קלײַבן פּאָר אַ העלפער. איך באַגריס אײַך, באַיעץ, — און דער באַטאַ־ליאָנער קאָמאַנדיר האָט דעם קליינוווקסיקן סאָלדאַט דערלאַנגט זײַן האַנט, אַרײַנגענומען יענעמס שלאַבעריקע דלאָניע און זי געשאָקלט מיט אָנער־קענונג: — מאָלאָדיעץ, מאָלאָדיעץ, באַמווערק.

זײַטיק האָבן אַנדערע זיך צוגעקוקט צו דער באַגעגעניש פון קאָמ־באַט מיט דעם סאָלדאַט און שמואלעקס מערכה האָט געגומען שײַנען אונ־טער די געוועלבן פון פונאַנדערגעצויגענעם גראָען גליווער־הימל. די וועלט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער סיבירער טעריטאָריע, דער אוניווערס פון שימלדיקע שנייען, פון זינגעוודיקער פראָסט און טונקלענ־דיקע וויוגעס האָט יאַקאָש זיך אַ ריר געטאָן.

שמואלעקן האָבן זינט דעמאָלט גענומען גריסן אַפילו די יושקע־טײַ־לערס אויף יענער זײַט קיך־פענצטערלעך.

ס'האָבן באַמווערקן, דעם „פרײַנד" פון קאָמבאַט אַרײַנגעצויגן צו זיך די חברה־לײַט פון דער כלעבאָרעזקע: „נאַ, כאַפּ אַראָפּ אַ געשמאַקן טרונק. ס'ריכטיקער קאָניאַק. גיב אַ ביס אַ שטיקל סאַלאָ". און ס'האָבן צו פּאָלאָנסקיס מענטש גענומען שמייכלען די אַפּוטרופּסים פון די באַ־טאַליאָנע סקלאַדעס, פון די שפּײַז־מאַגאַזינען.

ס'איז אַוועק אַ קורצער שפּאַן צײַט און די באַטאַליאָנע יחסנים האָבן געזוכט צו ווערן נאָש־בראַט מיט סאַמואילן, זיי האָבן באַגערט זיך אַרומ־

פירן מיט אים, געהאַט סודות פאַר זײַן געהער. דעם מענטש האָט עס גע־שמייכלט און ר׳איז געוואָרן צעטומלט פונעם פלוצלינג פאַרענדערטן אַרום וואָס האָט מיט שטוינונג געבליקט אויף אים; אָבער שמואל דער בעל נסיון, דער געשלאָגענער, האָט זיך געשראָקן פאַר נײַע פײַנלעכע אומגעריכטקייטן. אַלע האָבן טאַקע אויפגעריסן די אויגן, אָבער ער?...

סײַ ווי איז סאַמואילן געווען — ווי פריִער — אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה; ווי פריִער איז ער געבליבן אַרײַנגעטאָן אין די עסקים פון פּאָ־לאָנסקיס אינסטרומענטן־קאַנטאָר וואָס הערט נישט אויף צו באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן די בזיונגען. אַ צוריקגעצויגענער, ווי ס׳איז זײַן טבע, טוליעט ער זיך צום ווינקל פון אינזשיניערן־באַראַק ווו ס׳איז זײַן במקום־היים. יאָ, אַצינד האָט אים געגומען מער נאָגנדיק ציִען אין אַן ערגעץ־ווו. אין דעם מענטש איז אויפגעקומען די בענקעניש צום לאַנג אַנטרי־נענעם פרילינג. קומט בכלל בליצײַט אין דעם אומרחמנותדיקן סיביר? — האָט מיט אַ מאָל אים צעוואַקלט אַ ווײַט אַנטדרימלטער צווייפל. אָך, האָסט אײַנגעטריקנט, שמואל קראָשניעוויצער! האַרב האָט זיך פאַרקוקט אויף דיר דער קאַנט. ר׳איז אַרײַן דיר אין די עצמות. פאַראָפּעיעטע רויטע, אַלטע אויגן האָט סיביר און פרילנג ליכטיקט ערגעץ אַנדערש־ווו מיט יונגע, בלאָע אויגן. באַשטימט, נישטאָ דאָ דאָס מיסטעריעזע טויער וואָס צעעפנט זיך פאַרן האָפּעדיקן שמייכל פונעם דערוואַכנדיקן קינדישן דרויסן. טשיקאַווע, ווי אַזוי שטעלט זיך אויף אַן אמת דער סיבירער זומער; וואָס פאַר אַ ריחות, וואָס פאַר אַ קאָלירן פירט ער אַרײַן אַהער? בלײַבט דאָ אויך דעמאָלט, ווען די צײַט קומט, זיצן די בלינדקייט אויף דער טע־ריטאָריע, וואָס איז טויב, פאַרמישפּט אויף טויבקייט? ביז אַהער האָט ער די זומערן דאָ באַגעגנט טויבע, גראָע און אומהיימלעכע. ווידער שוין דערפאָרן צו האַלב אַפּריל און די פעלדער, דער הימל, ליגן נאָך אין קליי פון שטאַרן ווינט וואָס טראָגט זיך, פינצטערט מיט אַ פּײַכטן פליידך. פוי, אויב דאָס איז שוין דער נײַער פרילינג־אָנזאָג, איז פון ס׳נײַ מגונה־מיאוס די לאַנדשאַפט פון האָפענונג אויף דעם סיבירעלע!

פּאַמעלעך, ווי אויף אונטערגעשלאָגענע פיס, האָט געגומען גענענען דער סוף־ווינטער אויף דער אָנגעטונקלטער טעריטאָריע, וועלכע איז וואָס אַ מאָל געוואָרן אים ענגער, ענגער.

## ביכער פון יוסף אָקרוטני:

אונדזער אָרעם ברויט, דערציילונגען, וואַרשע 1936

אַ הויז אויף אַלטשטאָט, ראָמאַן, וואַרשע 1938

אַ בוים אין ווינט, דערציילונגען, וואַרשע 1948

דאָס בוך פון די עלנטע, דערציילונגען, ב. אײַרעס, 1952

באַלוטער וועבערס, ראָמאַן, ב. אײַרעס, 1953

סוף קאַפּיטל, ראָמאַן, ב. אײַרעס, 1956

אונטער ליימענע דעכער, נאָוועלן, ב. אײַרעס, 1957

אַ שטיין צוקאָפּנס, נאָוועלן, ב. אײַרעס, 1960

וואָרצלען זענען דאָרשטיק, ראָמאַן, ב. אײַרעס, 1964

אָרעם גליק, ראָמאַנען, ב. אײַרעס, 1966

לאַנג איז דער ווינטער, דערציילונגען, ב. אײַרעס, 1970

טויבע טעריטאָריע, נאָוועלע, ב. אײַרעס, 1973

### אין דרוק:

די קראָם פון די פיר ווינטן, נאָוועלע

Este libro se terminó de imprimir en el mes de diciembre de 1972, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman S.R.L., Corrientes 1976, Bs. As.